STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08573

SKEPTISHE MAHSHOVES

Sh. Miller

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. מיללער

סקעפּטישע מחשבות

אַרויסגעגעבן פון
ש. מיללער בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
1959

SKEPTISHE MACHSHOVES

(Skeptical Thoughts)

Posthumous Essays

by

SH. MILLER

Copyright 1959
O. Miller, 465 N. Stanley Ave.
Los Angeles 36, Calif.

אַ האַרציקן דאַנק דעם ש. מיללער בוך קאָמיטעט און אַלע
פריינט וועלכע האָבן דערמעגלעכט אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

אָליאַ מיללער

Printed in the United States of America by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

א י נ ה אַ ל ט :

סקעפּטישע מחשבות 5
אני מאמין 9
מעשה בשלשה ישיבה בחורים 45
וואַסערדיקע יידן 61
ישראל, רבֿ ישראל, כל ישראל 79
גייסטיקער חורבן 97
יחיד און כלל 124
נאָמען און נומער 150
נביא, כהן און בדחן 161
צווישן הימל און ערד 177
די פּאַפּירענע בריק 190
אַ לעק זאַלץ 199
דער פרייער קינסטלער 221
בורא פּרי העץ 256
קידוש הנפש 267
אַ שמועס מיט ל. שאַפּיראָ 274
אַרום דעם פּינטעלע מענטש 289
פאַרן שפּיגל 300
ש. מיללער ביבליאָגראַפיע, צוזאַמענגעשטעלט פון
יעפים ישורין 333

סקעפּטישע מחשבות

דאָס איז דער נאָמען פונם בוך. (אויב עס וועט זיין אַ בוך...)
וועט דער לייענער אַ קוק טון אויפן שער בלאַט, אַ מיש טון, גלייך דערזען — אני מאמין, און ער וועט מבולבל ווערן: סקעפּטישע מחשבות און אני מאמין? דאָס איז דאָך קידער־ווידער, סיידן דער מענטש גלויבט אין צווייפלען, אָבער, אויב אַזוי, איז ער דאָך אַ גלויביקער, ניט קיין סקעפּטיקער.

נו, איך גלויב ניט אין צווייפלען, איך צווייפל אין גלויבן, און דער אני מאמין? איז דער תירוץ — צייטנווייז ווילט זיך גלויבן, אָבער גאַנץ אָפט צווייפלט זיך, ניט ווייל עס איז אַ מצוה צו צווייפלען, אויך ניט צוליב סתם איפכא מסתברא, נאָר ווייל פאַקטן רייסן די אויגן: זע! קוק! דער גלויביקער איז מבטל די פאַקטן, אויב זיי שטימען ניט מיט זיין גלויבן זיינען זיי ניט קיין פאַקטן; ער קוקט מיט זיינע קאָלירטע גלויבנס ברילן פון איין ווינקל אין איין זייט, און וואָס ער זעט איז אמת, דער אמתער אמת, קיין אַנדער אמת איז גאָר ניטאָ, ווער עס גלויבט ניט אין דעם אמת איז אַן אפיקורס און אחת דתו להמית. פון אַזעלכע „איין־אמתדיקע" מענטשן, אויב זיי קריגן אַריין מאַכט, קומען אַרויס אַזעלכע אומגליקן ווי אַ טאָרקוועמאַדאָ, אָדער אַ סטאַלין. דער סקעפּטיקער, ער קוקט ניט דורך קאָלירטע ברילן, ער קען באַטראַכטן אַן ענין פון עטלעכע זייטן, ער קען זען מער ווי איין אמת. ער קען און דאַרף האָבן זיין אמת און ער דאַרף זיין גרייט אים פאַרטיידיקן, ער ווייסט אָבער וועלכע מעשים תעתועים קענען אָפּגעטון ווערן אין נאָמען פון וועלכן ס'ניט איז אמתן אמת, וואָס דאַרף ראַטעווען די וועלט פון אַלע צרות און ער זאָגט זיך אַליין: אָט דעם אבן טוב האָסטו דאָך ניט, טאָ זיי פאָרזיכטיק מיט דיינע מעשים.

אַמאָל, אַז ער געפינט ניט דעם געזוכטן אמת, פילט ער אויך ניט זיך אָפּגענאַרט, אדרבה, ער קען אַ שמייכל טון: אַניט איז דער עיקר

דאָס קומען? דער עיקר איז דאָך דאָס גיין, דאָס זוכן . . . לכן, איז דער אני מאמין מער אַ זוכעניש ווי אַ געפינס.

למשל, טאַקע אין דעם „אני מאמין" זאָג איך אַרויס מיין גלויבן אינם מענטשן, נאָר תוך כדי דיבור ווייזט זיך אַרויס אַז מיין אמונה אין אים איז ניט פעלזן־פעסט און, אויב איינער זאָל זיך נאָך וועלן מטריח זיין און איבערלייענען מיין „רב אדם" אינם בוך „אין די שוואַרצע פינטעלעך", געשריבן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, וועט ער זען אַז ניט נאָר צווייפל איך אין דעם מענטשן, נאָר איך ווער ממש פאַרצווייפלט פון זיינע מעשים.

עס ווילט זיך מיר גלויבן אינם מענטשלעכן שכל ווי ער ווייזט זיך אַרויס צום בעסטן אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפט, וואָס אי זי איז ריין שכלדיק, אי אָביעקטיוו אמתדיק, נאָר לייענענדיק ווייטער קען מען גלייך זען אַז אויך דאָס איז ביי מיר מוטל בספק. די וויסנשאַפט איז באַגרע־נעצט, זי קען ניט ענטפערן אויף אַלע מענטשלעכע פראַגן, די ענטפערס וואָס זי קען געבן און גיט זיינען ווי דער עפּל פונם עץ הדעת, מע דער־ווּסט זיך אַז מ'איז נאַקעט, אַז מיר ווייסן זייער ווינציק, און דאָ זאַכן וואָס מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט דערוויסן. איך האַלט אָבער אַז אויב מיר ווייסן ע פּ ע ס וועגן וועלט און מענטש האָבן מיר זיך עס דערוווּסט נאָר אַ דאַנק דער וויסנשאַפט מיט איר וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג פון באַווייזן. ווען באַוויזענע השערות הערן אויף און סתם השערות ספּעקולאַ־ציעס, הייבן זיך אָן, זאָג איך: דערלויבט מיר צו צווייפלען אין זיי.

עס ווילט זיך מיר גלויבן ניט נאָר אין אמת, נאָר אויך אין שיינקייט, אין קונסט. באַלד קומט אָבער דער צווייפלער און זאָגט: ליטעראַטור? ניט מער ווי „אַ לעק זאַלץ", די אַנדערע קונסטן — פלאַסטערלעך, חן פּינ־טעלעך אויף די פּנימער פון יחידי סגולה, די גרויסע מאַסן מענטשן קענען זיך באַגיין אָן קונסט, אפילו אָן קולטור, פאַר זיי איז גענוג „קולט", מעג עס זיין האָליוווּד קולט, אָדער גאָר מיט טעלעוויזיע „קוויז" . . .

דאָס פירט צו ווידערשפּרוכן? יאָ, אָבער איז דער מענטש היינט דער זעלבער וואָס ער איז געווען נעכטן און וועט זיין מאָרגן? יעדן טאָג איז דער מענטש אַ נייער, מעג אויך זיין קוק זיין אַ נייער, אַנדערש ווי נעכטן. ווען דער צייט־אָפּשניט צווישן איין „מחשבה" און דער צווייטער וועגן דעם זעלבן ענין איז אַ פּאָר יאָר, ווי דאָס איז דער פאַל אין דעם בוך, זיינען ווידערשפּרוכן אומפאַרמיידלעך.

דאָס וואָרט „מחשבה", אין געצנזנפיסלעך, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן בכיוון. איך האָב געטראַכט וועגן „עסייען" ווי אַ נאָמען פאַר דעם בוך.

דאָס וואָרט „עסיי" איז שווער צו דעפינירן, די פאָרם עפּעס אַ שעטנז אָדער כלאים — ערנסט־שפּילעוודיק, אָדער שפּילעוודיק־ערנסט. לעצטנס ווייזן זיך זייער ווינציק עסייען, סיידן מיר זאָלן רעכענען פאַר עסייען צייטונגס אַרטיקלען, וואָס שרייבער גיבן אַרויס אין בוך פאָרם אונטער דעם נאָמען. מיר זיינען געוואָרן צו ערנסט צו שרייבן וועגן וויכטיקע ענינים אויף אַ שפּילעוודיקן אופן און צו לייכטזיניק זיך צו פאַרנעמען מיט שפּילעוודיקע ענינים אויף אַן ערנסטן אופן. איז עס אַן ערנסטער ענין, אַ וויסנשאַפטלעכער אָדער אַ פילאָזאָפישער, באַהאַנדלען מיר אים דורכאויס ערנסט, מיט ציפערן, פאָרמולעס, באַנוצן זיך מיט אַ וויסנשאַפט־לעכן אָדער פילאָזאָפישן זשאַרגאָן. איז עס, ווידער, אַזאַ ניט וויכטיקער... שפּילעוודיקער ענין ווי, לאָמיר זאָגן, ליטעראַטור, ווער דאַרף עס גאָר זיך ערנסט פאַרנעמען דערמיט? אפילו קריטיק, אין אמתן זין פון וואָרט, ווערט שוין אַ יקר המציאות, די רעצענזיע איבער אַ בוך, אַן איבערבליק איבער ליטעראַטור איז די והותר. אין אונדזער יידישער ליטעראַטור זיינען דאָ געציילטע עסייאיסטן. דער בעסטער פון זיי איז געווען דר. א. קאָראַלניק. ער האָט דעם שווערסטן ענין געקענט באַהאַנדלען זייער גרינג, שפּילעוודיק. לייענענדיק אים, האָב איך באַוווּנדערט זיין „פלעכטן קרוי־זשעוועס", אויב אפילו נאָכן איבערלייענען זיינעם אַן עסיי איז געבליבן ווינציק „פלייש" איינצובייסן מיט די ציין.

אַ פידל שפּילער דאַרף ניט דערציילן קיין מעשה, ער שפּילט אויס אַ ניגון, אַמאָל אפילו דאָס אויך ניט, ער אימפּראָוויזירט, אָבער ער שפּילט שיין. דר. קאָראַלניק האָט געקענט שיין שפּילן, זיין אינסטרומענט איז געווען דאָס וואָרט. דער ענין האָט געמעגט זיין אַן ערנסטער, געשריבן האָט ער שפּילעוודיק. אָט די שפּילעוודיקייט פעלט מיר, כאָטש איך בין ניט פּראָפעסאָריש ערנסט. דערפאַר האָב איך פאַרוואָרפן דעם נאָמען „עסייען". מחשבות פאַסט זיך בעסער. מחשבות געטראַכט אין דער הויך.

און וואָס האָב איך געטראַכט?

פון די זיבעצן זאַכן אין דעם בוך זיינען עלף וועגן און אַרום ליטע־ראַטור. מיינט עס אַז איך האַלט ליטעראַטור פאַר אַן ענין וואָס שטייט ברומו של עולם, אָדער דאָס איז דער וויכטיקסטער ענין פאַר מיר גופא? לא הא ולא הא. שלום אָדער מלחמה פּיקט אין קאָפּ יעדן איינעם, דעם שרייבער אריינגערעכנט, אַ סך שאַרפער ווי ליטעראַטור, און פאַר מיר גופא איז טויט, למשל, אַ סך אַ וויכטיקערער ענין. אין אַ היפּש ביסל פון מיינע דערציילונגען פיגורירט דער טויט. היות אָט די דערציילונגען

זיינען ניט געשריבן געוואָרן בנשימה אחת, אויף אַ באַשטעלונג פון אַ... קברות מאַן, נאָר אין משך פון צענדליקער יאָרן, מיינט עס אַז דער ענין איז מיר שטאַרק נוגע, ער ליגט מיר ממש אין די ביינער, אין די „מחשבות" איז ער ניטאָ. היתכן? האָב איך וועגן טויט גאָרניט געטראַכט? האָב איך מורא געהאַט זיך דערטראַכטן ביזן סוף? קען זיין. דער פאַקט איז אָבער אַז אין די דערציילונגען, ווו איך שרייב בלשון „ער", איך מאָל אַ נ ד ע ר ע פאַרשוינען, איז דער טויט יאָ אַריינגעקומען, אין די „מחשבות", ווו איך שרייב בלשון „איך", איז ער ניטאָ. דאָס מיינט אַז אַ וויכטיקער פערזענלעכער ענין קען אַמאָל גאָר ניט צוגעלאָזט ווערן אין דעם רשות פון מחשבות און ער כאַפּט זיך אַריין, על אפּו ועל חמתו פונם שרייבער, דורך אַ זייטיק טירל.

דאָס מיינט אָבער ניט אַז די ליטעראַרישע ענינים און די אַנדערע פראַגן וואָס איך ריר אָן זיינען מיר גאָרניט אַזוי שטאַרק נוגע און איך האָב זיי געשריבן בלויז צוליבן „שיינעם געשפּרעך". זיי אינטערעסירן מיך שוין גאָר, און איך דיינק אַז זיי דאַרפן און וועלן פאַראינטערעסירן דעם לייענער אויך. אויב איך ווייז אָן אויף דער „דאָפּלטער בוכהאַלטעריע" וואָס ווערט געפירט אין מיינע ביכער, שיר ניט אָן מיין וויסן, טו איך עס כדי צו וואָרענען דעם לייענער אַז דוקא אין דעם בוך, ווו איך רעד בלשון „איך" זאָל ער ניט זוכן ד ע ם שליסל צום שרייבערס טיר.

דאָס בוך דאַרף אויך ניט זיין קיין קאָמפּאַס, קיין וועג־ווייזער פאַר די וואָס בלאָנזען אויף די לעבנס וועגן . . . דער שרייבער איז ניט קיין מורה נבוכים, ער איז אַליין אַ זוכער, און דאָס בוך, כשמו כן הוא — סקעפּטישע מחשבות.

וועט דער לייענער זיך לאָזן אויף אַזעלכע אומזיכערע וועגן?

ווער עס וויל אַ טראַכט טון וועגן די ענינים אין דעם בוך, אויב אפילו אַ טראַכט טון סקעפּטיש . . . איז אַן אָנגעלייגטער מיט־טראַכטער.

1957

אני מאמין

לאָמיך בעסער אָנצייכענען פריער מיין א י נ נ י מאמין: ער איז לייגגער.

איך גלויב ניט אין דעם גאָט פון אברהם יצחק ויעקב. איך צווייפל זייער שטאַרק צי עס איז נאָך היינט דאָ אַ מנין יידן איבער דער גאָרער וועלט, וואָס גלויבן איצט אין אָט דעם גאָט, גלויבן טאַקע באמונה שלמה. וואָלטן געווען אַזעלכע, וואָלטן זיי אים גערופן צו אַ משפט און ער וואָלט געמוזט רעזיגנירן. האָט דאָך איוב דאָס געטון, און וואָס איז איוב כלפי איינעם וואָס איז דורכגעגאַנגען אוישוויץ און איז געבליבן לעבן? מ׳רעדט שוין ניט פון די וואָס זיינען ניט געבליבן. וואָס איז עוץ כלפי וואַרשע? איוף גאָטס פאַרריסענער פראַגע — אויב ער וואָלט נאָך געוואַגט פרעגן — „זיינען דיר אַנטפּלעקט געוואָרן די טויערן פון טויט, האָסטו די טויערן פון טויט־שאָטן געזען?״ — וואָלט דער פּליט פון אוישוויץ אים דרייסט געקענט ענטפערן: א י ך האָב זיי געזען, ד ו ביסט דאָרטן ניט געווען. די עטלעכע רבנים, וואָס, גייענדיק צו דער קרעמאַטאָריע, האָבן זיי גערופן יידן צו כפירה, אָט יענע רבנים זיינען געווען די אמת גלויביקע, און דער גלויבן אין דעם גאָט פון אברהם יצחק ויעקב איז פאַרברענט געוואָרן מיט זיי אינאיינעם. די אַנדערע, די וואָס פּרעמפּלען נאָך אַלץ וועגן דעם יידישן גאָט, די וואָס מעלה גירהן נאָך דעם אתה בחרתנו, קייען איבער דעם „וועמען ער ליבט, דעם שטראָפט ער״, זיי טוען עס מעכאַניש, ווי עס גייט אַן אָנגעדרייטער זייגער, ניט זיי פילן עס, ניט זיי טראַכטן אפילו וועגן דעם, פשוטע אינערציע. אל רחום וחנון. ווען איז דאָס געווען זיין שעה פון רחמים? אל קנא ונוקם. „נקמת דם ילד קטן עוד לא ברא השטן״. אָט די כלומרשט פרומע זיינען אפילו גייסטיק פויל אַ קוק צו טון אויף דעם באַרג שיכעלעך פון יידישע קינדער וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם, אַז אָך און וויי, ווי הייליק קען שוין זיין אַ שם, וואָס דאַרף אַזאַ קידוש.

אָט דעם גלויבן האָב א י ך פאַרלאָרן ניט אויפן וועג צו דער קרעמאַטאָריע. מיט יהוהן האָב איך זיך שוין לאַנג געגעט. אויב איך דערמאָן

אים איצט, און אויף אַזאַ ביטערן אופן, איז עס צוליב אונדזערע נעאָ־גלויביקע, אַז די וואָס רופן צוריק צום יידישן גאָט. ווער עס טוט עס צוליב קיום האומה, טאַקע די זעלבע אומה וואָס יהוה האָט אויסדערוויילט . . . צום פּאַרניכטן, און ווער צוליב דעם, ווייל אַ מענטש דאַרף דאָך אין עפּעס גלויבן, דער עיקר ביינאַכט, ווען עס איז פינסטער . . . נו, איז דער אַלטער יידישער גאָט שוין נעענטער, באַקוועמער, אַזוי באַקוועם ווי אַן אַלטער שלאָף ראָק, אַן אַלטע פּאָר שיך, מ׳ציט עס אַרויף אויף זיך און מע גייט ניט נאַקעט און באָרוועס, קאַלט אויף דער נשמה, וויקלט מען זיך איין אין אַ טלית, פּאָרט אַ ביסל וואַרעמער.

אפשר איז עס טאַקע באַקוועם. זאָל זיי ווויל באַקומען אַט די באַק־וועמלעכקייט, איך וועל זיך באַגיין אָן איר. וואָס וואָס, קיין אויפריכטיקע בעלי תשובה זיינען זיי ניט. דאָ זקנים וואָס פלירטעווען מיט זקנות, זיי שפילן זיך אין ליבע ווייל ליבן קענען זיי שוין ניט; די בעלי תשובה שפילן זיך אין רעליגיע, ווייל גלויבן, אמת גלויבן, האָבן זיי גאָר קיין כוח ניט, און ניט צו גלויבן זיינען זיי אויך צו שוואַך.

איך גלויב אויך ניט אין דעם אוניווערסאַלן גאָט, אַט דעם גאָט וואָס גיט אַכטונג ניט נאָר אויף אברהם יצחק ויעקב, נאָר אויך אויף עשון און אפילו אויף ביצים של כנים. ער איז אַ גוטער גאָט, א כל יכול. ער האָט געשאַפן די וועלט און ער פירט זי, ער גיט אַכטונג אויף מיר בשכבי ובקומי, פאַרזאָרגט מיך מיט פּרנסה און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, ער קען אויך אויסהיילן אַ ראַק אין מאָגן. און פאַרוואָס ניט? מיט וואָס בין איך ערגער פון עפּעס אַ שטערן אין הימל אָדער אַן איי פון אַ לייזעלע ערגעץ אין דער נאָט פון מיין העמד? און טוט ער עס ניט? איז אָדער איך בויג אַן דעם קאָפּ און זאָג: „גאָט און זיין משפט איז גערעכט״, אָדער איך טו ווי יענע איטאַליענישע מיידל, וואָס אַז דער בחור האָט זי אָפּגעגנאַרט, האָט מיט איר ניט חתונה געהאַט, נעמט זי די סטאַטועטקע פון דער מאַדאָננאַ, וואַרפט זי צו דער ערד, שפּייט אויף איר, טופּעט זי מיט די פיס און שרייט „פּאַרקאַ מאַדאָננאַ!״. אָט די נאַרישע מיידל איז אַ סך קלוגער און לאָגישער פון די מאָדערנע פילאָזאָפן, וואָס האָבן אָפּגעשאַפט דעם אַנטראָפּאָמאָרפישן גאָט און ווילן אַריינשמוגלען עפּעס אַ גאָט, וואָס האָט קיין השגחה איבער זיין וועלט און וואָס ניט נאָר לא ישיגיהו משיגי הגוף, נאָר קיין השגה. וויפל די פילאָזאָפן זאָלן ניט פּלאָנטערן איז דער פּלאָנטער ניט צעפּלאָנטערט. דער ייד, צי דער גוי, וואָס גלויבט באמונה שלמה, גלויבט אין אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ן גאָט, אַ גאָט וואָס זאָל אים געבן בנים,

חיים ומזונות. קיין אַנדער גאָט ד אַ ר ף ע ר נ י ט. כבודו מלא עולם איז טאַקע ריכטיק, אָבער טאַקע דערפאַר מעג אים אָנשטיין דער כבוד מיר העלפן איך זאָל האָבן פיש אויף שבת; שפּאַלטן דעם ים פאַר מיר האָט ער געקענט, און מיר געבן פיש אויף שבת ניט? מאַן דיהיב חיי יהיב מזוני. די רבנים וואָס האָבן אַריינגעלייגט ברוך שפּינאָזאַ אין חרם זיינען גאַרניט געווען אַזעלכע פינסטערלינגען, זיי זיינען געווען אמת גלויביקע. — פאַנטהעאיזם? — האָבן זיי קלוג געשמייכלט, — וואָס האָט ער דאָ אַזוינס מחדש געווען? מיר וויסן עס שוין פון לאַנג — כבודו מלא עולם, לית אתר פנוי מיניה, ער פירט די וועלט, גיט אַכטונג אויף איר, אויפן פאָלק ישראל אודאי, אָט דעם גאָט איז טאַקע ואהבת, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָט, וואָס דאָ איז ער דאָ, אַלץ הייסט דאָ! עס איז גאָר ניטאָ קיין ניטאָ, ליב האָבן דאַרף מען אים — אַמאָר דעאי, נאָר העלפן קען ער ניט? דאָס איז אַ סתירה און . . . כפירה. מיר זאָגן: ברוך אלהינו, ניט אלהי ברוך (שפּינאָזאַ). שפּינאָזאַ האָט טאַקע „באַוויזן" גאָט געאָמעט־ריש . . ., אָבער דער חשבון האָט געשטימט ביי זיי, ניט ביי אים. יאָ, אָט דער פּערזענלעכער גאָט איז אַ גוטער גאָט, נאָר גלויבן אין אים גלויב איך ניט.

ניט ווייטער פון שפּינאָזאַן זיינען אַוועקגעגאַנגען די אַלע פילאָזאָפן אין משך פון דריי הונדערט יאָר. „דורך די ברילן וואָס שפּינאָזאַ האָט פאַר אונדז אויסגעשליפט קוקן מיר נאָך איצטער", זאָגט דער פּראָפעסאָר ש. אַלעקסאַנדער, און עס איז ריכטיק אַז די ברילן זיינען נאָך היינט אויך ברילן, אָבער וואָס זעט מען דורך די ברילן? פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדערס פּיראַמידע — רוים־צייט־מאַטעריע־מענטש־גאָט־געטלעכקייט — איז געבויט שיר ניט אַזוי געאָמעטריש ווי שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע און איז פונקט אַזוי ניט איבערצייגנדיק, מ'קען זיך פּלפּולן וועגן איר, לעבן מיט איר קען מען ניט, עס איז אָדער דאָ אַ גאָט צום לעבן מיט אים — אויף ד ע ר וועלט און אויך אויף יענער — אָדער גאָר קיין גאָט. „אַמאָר דעאי אינטעלעקטואַליס". אינטעלעקטועלע ליבע וואַרעמט ניט. וועגן דעם אַלטן רבונו של עולם האָט מען געזאָגט: רחמנא ליבא בעי, פאַר גאָט איז וויכטיק דעם מענטשנס האַרץ, מע קען פונקט אַזוי זאָגן: ליבא רחמנא בעי — דאָס האַרץ בייַנקט נאָך אַ גאָט, און טאַקע אַ גאָט פון רחמים, ניט עפּעס אַ גאָט, וואָס ט ו ן פאַרן מענטשן קען ער גאָרניט.

איך קום איצט צום נייסטן „מאַטעמאַטישן" גאָט, דעם גאָט פון די וויסנשאַפטלער, אַזוי צו זאָגן. דעם אמת געזאָגט, אינטערעסירט מיך אָט

דער „מאַטעמאַטישער" גאָט נאָך ווינציקער ווי דער אוניווערסאַלער אָדער יידישער גאָט, איך מוז זיך אָבער אָפּשטעלן אויף אים באריכות, ווייל אויף דער וועלט ציט זיך איצט אַן אַנטי אינטעלעקטועלער שטראָם, גויישע און יידישע בעלי תשובה האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם „באַנקראָט פון דער וויסנשאַפט", טייטן אָן מיט די פינגער אויף די גרויסע וויסנשאַפטלייט וואָס זיינען געוואָרן גלויביקע, כאָטש גאָר אַ סך פון אָט די אָנטייטער ווייסן זייער ווינציק פון דער וויסנשאַפט, האָבן ניט געלייענט וואָס די וויסנ־שאַפטלייט האָבן באמת געזאָגט, דאָס שטערט זיי אָבער ניט צו רופן דעם עולם אין קלויסטער אָדער שול, צום גלויבן און איבערגלויבן.

וויסנשאַפט און טהעאָלאָגיע זיינען אַלע מאָל געווען אויף מעסער־שטעך, די הויפּט שטעכער זיינען געווען די טהעאָלאָגן. מיר ווייסן פון זשיאָרדאַנאָ ברונאָ, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן, פון גאַלילעאָן, וועמען די אינקוויזיציע האָט פאַרפאָלגט צוליב זיין לערנען אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון. דאָס איז געווען אין זעכצנטן יאָרהונדערט. אין זי־בעצנטן יאָרהונדערט האָבן מיר צו פאַרצייכענען דעם חרם אויף שפּינאָזאַן. אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט די קירך שוין געמוזט גיין אויף קאָמפּראָ־מיסן, זי האָט געמוזט אָננעמען ניוטאָנס גראַוויטאַציע געזעץ טאַקע וועגן דער זעלבער ערד, וואָס האָט אין זעכצנטן יאָרהונדערט „ניט געטאָרט" זיך דרייען, זי האָט אָבער ניט געוואָלט מותר זיין אויף דעם מענטשן, האָט ביטער באַקעמפט דאַרווינס עוואָלוציע טעאָריע אין משך פון ניינצנטן און אפילו נאָך היינט האָט די קירך ניט געגעבן איר היתר.

דער ניינצנטער יאָרהונדערט איז אָבער ניט געווען דער זעכצנטער אָדער זיבעצנטער. אין די פּאָר הונדערט יאָר האָט די וויסנשאַפט באַוויזן אַזאַ גבורה אַז זי האָט זיך שוין ווינציק וואָס געשראָקן פאַר דעם מעסער־שטאָך פון דער קירך, זי האָט שוין געהאַט איר אייגענעם מעסער, דעם ראַציאָנאַליסטישן, און האָט געשטאָכן מיט ניט ווינציקער קראַפט און זיכערקייט ווי די קירך. די ראַציאָנאַליסטן זיינען געווען אַזוי זיכער מיט זייערע שכלדיקע דערגרייכונגען, אַז זיי האָבן זיך פאַרגינען צו זאָגן: קיין זאַך איז ניט ריכטיק ביז וואַנען אַן אינזשיניר וועט מאַכן אַ מאָדעל דערפון. ניט גאָט און ניט דעם אַטאָם האָט וועד געזען מיטן טעלעסקאָפּ אָדער מיקראָסקאָפּ, דעם אַטאָם קען מען אָבער אויסרעכענען אויפן פּאַפּיר מיטן שכל, מיטן זעלבן שכל קענען מיר אפילו מאַכן פון אים אַ מאָדעל (ניעלס באהר), פון גאָט קיין מאָדעל קען מען ניט מאַכן, לכן איז דער

אַטאָם דאָ, קיין גאָט איז ניטאָ. דאָס איז אַ ביסל סימפּליפיצירט, דער תמצית איז אָבער איבערגעגעבן ריכטיק.

איז געקומען דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט און אין משך פון אַ צוויי צענדליק יאָר האָט די וויסנשאַפט געמאַכט מער פּאָרשריט ווי אין אַ פריערדיקן יאָרהונדערט. צוזאַמען מיטן וויסן איז אָבער אויך געקומען דער „חורבן", ווי אין פּסוק שטייט: מהרסיך ומחרביך מקרביך יצאו.

עס איז געקומען א. איינשטיין מיט זיין רעלאַטיוויטעט טעאָריע וואָס האָט אַ טרייסל געטון די אַלטע פיזיקאַלישע געזעצן. ניוטאָנס גראַוויטאַציע געזעץ? זייער אַ גוטער געזעץ, אויף אונדזער ערד דאָ קענען מיר מיט אים אויפטון אַ סך זאַכן, ווען עס קומט אָבער צו באַוועגונג אין אַלגעמיין, אין אַן אַנדער רוים־ראַם, אַן אַנדער באַוועגונג שנעלקייט איז דער געזעץ ניט חל. אָבער ניוטאָנס גראַוויטאַציע געזעץ שטיצט זיך דאָך אויף איוקלידס געאָמעטרישע געזעצן! אויך די געזעצן זיינען גאַנץ פיינע, זיי קענען גאַנץ גוט צונוץ קומען אויף אונדזער ערד, ווען עס קומט אָבער צו די „העכערע ספערן", אַנדערע שנעלקייטן, קענען זיין אַנדערע געאָמעטריעס, ריעמאַנס, לאָבאַטשעווסקיס. ניט נאָר דאָס, דער רוים וועגן וועלכן מ'האָט גערעדט ביז אַהער, אַבסאָלוטער רוים, איז גאָר ניט בנמצא, אויך איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע צייט, באמת איז גאָר צייט אַ פערטע דימענסיע פון רוים. ניוטאָנס גראַוויטאַציע טעאָריע — זייער אַ גוטע טעאָריע, נאָר מיין פעלד טעאָריע איז אַ בעסערע, דעקט מער דערשיינונגען. און נאָך מער, די מעשה מיט מאַטעריע איז גאָרניט אַזאַ זיכערע זאַך. ס'הייסט מאַטעריע איז דאָ, מיר זעען זי דאָך, טאַפּן זי אָן, מער ניט, אַז מע וויל קען מען אָט די מאַטעריע פאַרוואַנדלען אין ענערגיע, אָט איז די פאָרמולע. $E = MC^2$ ענערגיע = (איז) מאַטעריע געכפלט אויף באַוועגונג שנעלקייט אין קוואַדראַט.

קומט צוגיין איין מענטש און מאַכט אָן אַ חורבן אין דער וויסנשאַפט, רוים איז קיין רוים, צייט איז קיין צייט, מאַטעריע איז ניט מאַטעריע. די וויסנשאַפטלייט האָבן ניט געגלויבט. ווען עס גייט אָבער אין וויסנשאַפטלעכע ענינים איז ניט שייך גלויבן, דאָרט דאַרף מען באַווייזן, און ניט נאָר אויפן פּאַפּיר מיט לאָגישע אַרגומענטן אָדער אפילו מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, מע דאַרף באַווייזן אין דער לאַבאָראַטאָריע, אין דער נאַטור. עטלעכע יאָר האָט עס גענומען, און די נאַטור, אַ ליקוי חמה, האָט באַוויזן איינשטיין איז גערעכט, אַלץ איז רעלאַטיוו. נאָך אַ צוויי צענדליק

יאָר, און אויך די מאַטעריע־ענערגיע פאָרמולע איז באַוויזן געוואָרן, באַוויזן געוואָרן מיט אַ . . . קנאַק — די אַטאָמישע באָמבע.

ניט קיין קלענערע באָמבע האָט אַריינגעוואָרפן אין דער פיזיקע מאַקס פּלאַנק מיט זיין קוואַנטום טעאָריע. לכאורה אַ אומשולדיקע טעאָריע — דער אַטאָם גיט אַרויס ליכט. אין דער האַנדלונג אַרויסגעבן איז פאַרוויקלט ענערגיע און צייט. די מינימום ענערגיע צייט איז אַ קוואַנטום. דער קוואַנ־טום מוז זיין אַ גאַנצער. עס קען זיין איין קוואַנטום אָדער צוויי, צי דריי, עס קען אָבער ניט זיין קיין אָנדערהאַלבן אָדער דריטהאַלבן. דוכט זיך אַ אומשולדיקע טעאָריע, זי פירט אָבער צו דער השערה אַז אין דער סובאַטאָמישער וועלט איז ניטאָ דער שטרענגער דעטערמיניזם, מיר קענען ניט פאָראויסזאָגן ווען און וווהין אַן עלעקטראָן וועט אַ שפּרונג טון.

נאָך פּלאַנקן איז געקומען הייזענבערג און האָט פון אָט דער השערה געמאַכט אַ אינדעטערמינאַציע פּרינציפּ, אַז מיר קענען ניט פאָראויסזאָגן די באַוועגונגען פונם עלעקטראָן, ניט דערפאַר ווייל מיר האָבן ניט גענוג וויסן, אָדער ניט גענוג־פּרעציזע אינסטרומענטן, נאָר פאַר אונדז מענטשן מיט אונדזערע חושים און שכל איז דאָס אוממעגלעך צו וויסן. געוויסע זאַכן מוזן בלייבן ניט דערקענבאַר. וועגן דער זון, לבנה, ערד, זייערע באַוועגונגען קענען מיר וויסן מער און בעסער ווי וועגן דעם עלעקטראָן, ווייל דאָרטן האָבן מיר צו טון מיט גרויסע מאַסן. דאָס מיינט אַז די פיזיקאַלישע געזעצן זיינען ניט מער ווי סטאַטיסטישע. לכן — איז אויס מיטן שטרענגן דעטערמיניזם אין דער פיזיקע. אַ רעוואָלוציע אַ גאַנצע.

נאָך אַ רעוואָלוציע קומט געוויינלעך די קאָנטררעוואָלוציע, און די קאָנטררעוואָלוציאָנערן זיינען אַרויסגעקומען מיט זייערע טענות:

איר האָט זיך באַרימט מיט אייערע נאַטור געזעצן, איר האָט זיך אָבער ניט פאַרטראַכט אַז געזעצן מוזן האָבן אַ געזעצגעבער, ווייזט זיך טאַקע אַרויס אַז א י י ע ר ע געזעצן זיינען גילטיק בלויז אין געוויסע אופנים, בעת די געזעצן פון גאָט זיינען אַ חוק ולא יעבור. איר האָט שטאָלצירט מיט אייער דעטערמיניזם, איצט מוזט איר אַליין מודה זיין אַז אַזוינס איז גאָר ניט בנמצא, זיינען מיר דאָך גערעכט ווען מיר האָבן די גאַנצע צייט געטענהט אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי בחירה. ניט נאָר האָט דער מענטש אַ פרייען ווילן, ער האָט אויך אַ צוליב וואָס. און אויב דער מענטש האָט אַ פאַרוואָס און צוליב וואָס, פאַרוואָס זאָל עס אויך ניט זיין אין דער נאַטור בכלל, ווייסן מיר דאָך אַז אין בכלל אלא מה שבפרט, און דער מענטש איז דאָך אַ טייל פון דער נאַטור.

אונדזערע יידישע בעלי תשובה האָבן נאָך צוגעגעבן אַ יידישן קנייטש. נאָכן „באַנקראָט״ פון דער וויסנשאַפט זיינען זיי אַרויסגעקומען מיט אַ נצחון טאָן אַז איצט זעט מען שוין אַז די יידישע קאָסמאָלאָגיע פון בראשית ברא אלהים איז די קלאָרסטע און די בעסטע. זיי, די וויסנשאַפטלייט, האָבן אויסגעמאָסטן די וועלט. גע־אָ־מעט־ריע! ניכאַיבי וואָלטן זיי אַריינגעקוקט אין ספר איוב וואָלטן זיי געזען, געהערט ווי גאָט זאָגט צו איובן: „וווּ ביסטו געווען ווען איך האָב גרונטפעסטיקט די ערד? ווער האָט געמאַכט אירע מאָסן, ווער האָט געצויגן אַ מעסט שנור אויף איר? ווייסטו די געזעצן פון הימל? ווער ציילט איבער די וואָלקנס מיט חכמה?״

זעט איר שוין, דער יידישער גאָט האָט א ו י ך געקענט געאָמעטריע, מער ניט, ז י י ן געאָמעטריע איז אַן אייביקע, ניט ווי ביי די וויסנשאַפטלער, היינט אַזאַ, מאָרגן אַן אַנדערע. זיי זיינען נתפעל געוואָרן פון דער נאַטור מיט אירע געזעצן, נאָר אין זייער התפעלות האָבן זיי פאַרגעסן דאָס קאַפּיטל תהילים ברכי נפשי אָדער למנצח מזמור לדוד: השמים מספרים כבוד אל, און האָבן ניט געוואָלט וויסן פון דעם וירא אלהים כי טוב. דאָ אַ זין פאַרוואָס גאָט האָט באַשאַפן די וועלט — כי טוב! און ניט נאָר איז דאָ אַ פאַרוואָס, נאָר אויך אַ צוליב וואָס. די וועלט איז געשאַפן געוואָרן צוליב . . . נו, בשבילי נברא העולם! די זון איז געשאַפן געוואָרן כדי מיר זאָל זיין ליכטיק אין די אויגן — יהי אור! דער גאַנצער קאָסמאָס איז געשאַפן געוואָרן צוליב... אונדז יידן. „הנה ידוע כי באמת כל העולמות לא נבראו אלא בשביל ישראל. יסוד כל העולמות הכנסת ישראל״. (עס איז באַוווּסט אַז אין דער אמתן זיינען אַלע וועלטן געשאַפן געוואָרן נאָר צוליב די יידן, דער פונדאַמענט פון אַלע וועלטן איז די כנסת ישראל.) אַזוי האָט געזאָגט רב לוי יצחק בערדיטשעווער. ווי אַ דערבאַרמדיקער מענטש האָט רב לוי יצחק, נאַטירלעך, געפילט אַז מיר יידן דאַרפן אָפּצאָלן דעם בורא עולם פאַר זיינע וועלטן וואָס ער האָט באַשאַפן פון אונזערטוועגן, מיר דאַרפן דעריבער זינגען שבחים צו אים און אויך צו די צדיקים, זיינע אויסדערוויילטע. לכן, זאָגן די בעלי תשובה, וואַרפט אַוועק די געאָמעטריע, נעמט זיך צום תהילים, צו די שבחי בעל שם טוב. די וויסנשאַפט האָט באַנקראָטירט, די וויסנשאַפטלייט גופא האָבן זיך אַ קערגעטון צו גאָט, איז השיבנו באַזאַד, צוריק אין שול אַריין!

און וואָס האָבן ט אַ ק ע געזאָגט די וויסנשאַפטלייט?

עס זיינען דאָ אַזוי פיל וויסנשאַפטלייט, אויף אַזוי פיל געביטן, אַז עס איז אוממעגלעך צו זאָגן דאָס האָט געזאָגט, אָדער געענטפערט,

„די וויסנשאַפט״. איין וויסנשאַפט מענטש, פון דער פיזיקאַלישער וועלט, ר. מיליקאַן, האָט געגעבן ז י י ן ענטפער, אַז ער האַלט אַן אַ שטאָט אין קירך אין פּאַסאַדינאַ און ער דיינקט אַז יעדער איינער דאַרף גיין אין קירך. דאָס איז זיכער ניט דער ענטפער פון אַ ל ע וויסנשאַפטלייט. איך וועל זיך באַגרענעצן מיט צוויי וויסנשאַפטלייט, אויך פון דער פיזיקאַלישער וועלט: סיר אַרטור עדדינגטאָן און אַלבערט איינשטיין, לויט מיין . . . מיינונג צוויי גוטע רעפּרעזענטאַנטן פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן.

אין זיין בוך „די נאַטור פון דער פיזיקאַלישער וועלט״ שרייבט עדדינגטאָן אַזוי:

„איך ווייז צוריק דעם געדאַנק פון באַווייזן די קלאָרע באַגריפן פון רעליגיע דורך דאַטאַ (ידיעות) פון דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט אָדער דורך אירע מעטאָדן. גלויבן האָט צו טון מיט אַ געפיל איבער וועלכן די וויסנשאַפט האָט קיין שליטה. פאַר דעם וואָס פאַרמאָגט אָט דעם געפיל איז ער פונקט אַזוי באַרעכטיקט ווי דער וויסנשאַפטלעכער שכל און ער איז באַרעכטיקט צו זאָגן אַז אָט די אינערלעכע מיסטישע וועלט איז אַזוי גוט, און אפשר בעסער, ווי די פיזיקאַלישע, אָט די וואָס מיר קענען אויסמעסטן און אויסוועגן — די וועלט פון די חושים. אונדזערע חושים נאַרן אונדז אויך, פונדעסטוועגן פאַרלאָזן מיר זיך אויף זיי (מיט רעזער־וואַציעס), מוזן מיר אויך אין דעם באַוווסטזיין געביט זיך פאַרלאָזן, הגם מיט אַ היפּש ביסל רעזערוואַציעס.

„דער פיזיקער האָט זיין פּראָפּאָרציע געפיל. ווען ער זעט אַ ברעט באַטראַכט ער זי ווי אַ ברעט, ניט קוקנדיק דערויף וואָס ער ווייסט אַז עס איז ניט מער ווי אַ ביסל לעכער, ווו עס פליען אַרום עלעקטרישע שפּאַ־נונגען. דאָס צווייטע וויסן (די ברעט פון לעכער . . .) איז דאָס סימבאָ־לישע, פיזיקאַלישע, פון די חושים, קאָנטראָלירט דורכן שכל; דאָס ערשטע (די ברעט ווי אַ ברעט) איז דאָס אינטימע, קאָנטראָלירט פון באַוווסטזיין.

„מ׳קען אָנווענדן אַ האַרבע שאלה: אויב עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אינטימער וויסן, אַ באַוווסטזיין, וואָס איז ניט אונטערוואָרפן די פיזיקאַלישע געזעצן, גיט איר דאָך צו עפּעס איבערנאַטירלעכעס, עטוואָס איבערגלוי־בערישעס? נו, אויב איבערנאַטירלעכעס מיינט אַז עס איז ניטאָ קיין שטרענגע קאַוזאַליטעט אין דער מאַטעריעלער וועלט, קיין שטרענגער דעטערמיניזם אין דער גייסטיקער וועלט, איז עס פאַרט אַזוי. די קוואַנטום טעאָריע פירט דערצו.

„וואָס איז באַוווסטזיין? מיטן באַוווסטזיין ווייסן מיר אונדזער וויסנ־

שאַפט, דאָך זאָגן מיר אַז דער באַוווסטזיין איז ניט אויסער דער נאַטור, ניט איבערנאַטירלעך, ער איז אַ טייל פון דער נאַטור, אָבער מיר אַסאָציאירן דעם באַוווסטזיין מיט אַ הינטערגרונד פון דער וועלט, וועלכן די פיזי־קאַלישע אויסמעסטונג האָט ניט אָנגערירט, בעת דעם פיזיקער האָבן מיר אַוועקגעגעבן אַ גרויסע טייל פון דער וועלט ווו ער קען זיך אַרומגיין אין זיין סימבאָלישן צירקל. די מעטאָדן פון דער „אַנדערער וועלט", אויסער דעם צירקל קענען ניט אַריינגעלאָזט ווערן אין דעם פיזיקערס צירקל, דער פיזיקער קען אָבער אויך ניט אַרויסגיין פון זיינעם.

„אויב אַזוי קען דאָך די וויסנשאַפט הויזן מיט טהעאָלאָגיע?

„ניט אַזוי גרינג. ניט ווילנדיק קריכט איינע אַריין אין צווייטנס רשות. וואָלטן זיי געקענט באַזיגן די טעותן יעדער איינער אין זיין טערי־טאָריע וואָלטן זיי זיך ניט געקריגט, אָבער די גרענעץ וואָך איז אַ שוואַכע."

(ס'אַ סברא אַז ווען מ'זאָל שטרענג אָנצייכענען די גרענעצן וואָלטן די טהעאָלאָגן געדאַרפט ווערן טעריטאָריאַליסטן — זוכן אַ טעריטאָריע. ש. מ.).

„עס בויען זיך נייע פילאָזאָפיעס אויף די תורות פון איינשטיין, באהר, רוטהערפאָרד און הייזענבערג. מעגלעך אַז אין אַ דרייסיק יאָר אַרום וועלן אָט די תורות פאַלן. דאָס מיינט ניט אַז זיי האָבן פאַרפירט, פאַר־בלאָנזעט. ניין, אייקליד, פטאָלעמעי, ניוטאָן האָבן געטון זייערס, איינשטיין און די איבעריקע טוען זייערס — זיי זוכן דעם אמת, און דעם אמת, וואָס מער ער ענדערט זיך אַלץ מער בלייבט ער דאָס זעלבע.

„שטרענגע קאַוזאַליטעט איז ניטאָ, ממילא איז אויך ניטאָ קיין גייס־טיקער דעטערמיניזם, עס איז דאָ אַ פרייער ווילן. מיינט עס אַז דער אַטאָם האָט אויך אַ פרייען ווילן? ניין! עס מיינט אַז אין דער פיזיקאַלי־שער וויסנשאַפט ווייסט מען ניט פון קיין געזעץ וואָס זאָל צווינגען דעם אַטאָם אָדער דעם מאַרך ער זאָל דוקא טון דאָס און דאָס ווייל עס זאָל שוין זיין פון פריער צוגעגרייט אַ סיבה דערפאַר. דער חילוק איז נאָר, וואָס דער מאַרך ווייסט וועגן דעם באַשלוס צו טון דאָס און דאָס און דער אַטאָם ווייסט ניט. אָט דעם אמתן וויסן רופן מיר פרייער ווילן. מיר מוזן מאַכן די השערה אַז אין דעם פיזישן טייל פון מאַרך וועלכער איז דירעקט באַאיינפלוסט פון דעם גייסטיקן באַשלוס איז דאָ אַ מין סדר פון אויפפירן זיך צווישן די אַטאָמען וועלכע מ'קען ניט געפינען אין אומאָרגאַנישן שטאָף. באַשטימען אַזאַ חילוק צווישן לעבעדיקן און ניט לעבעדיקן שטאָף איז זייער אַן ערנסטער ענין. דערצו נאָך איז דאָ ביים מענטשן אַ „איך",

אָבער וואָס, ווער און ווו איז דער „איך" אין דער פיזיקאַלישער וועלט? בלייבט אַ קשיא."

עד כאן עדדינגטאָן.

פון זיינע רייד איז קלאָר אַז ער, ווי אַ גוטער וויסנשאַפט מענטש, האַלט ניט אַז די וויסנשאַפט האָט באַנקראָטירט, אדרבה, די וויסנשאַפט בכל דור ודור זוכט דעם אמת; אַז, ווי אַן ערלעכער וויסנשאַפט מענטש, טראַכט ער גאָרניט וועגן קיין „מאַטעמאַטישן" גאָט, וויסנשאַפט איז איין באַגריף, רעליגיע אַ גאַנץ אַנדערער, ניט די וויסנשאַפט מיט אירע מעטאָדן קען באַווייזן אָדער אָפּפרעגן גאָט, ניט די רעליגיע מיט אירע מעטאָדן קען אָפּפרעגן די וויסנשאַפט. עס איז אויך קלאָר אַז ער איז אַ גלויביקער, עס איז אָבער פונקט אַזוי קלאָר אַז אין זיין גלויבן קען ניט זיין קיין גאָט אַ וועזן וואָס האָט געשאַפן די וועלט און ער פירט זי. אָט די וועלט, די פיזיקאַלישע, באַלאַנגט צום צירקל פון דעם וויסנשאַפטמאַן און דער טהעאָלאָג האָט אַהין קיין דריסת הרגל. טאָ וואָס פאַר אַ גאָט איז ער יאָ? דאָס איז ניט קלאָר. עס איז אויך ניט קלאָר וואָס ער מיינט געגוי מיט זיין א י נ ט י מ ע ן וויסן. אָט רעדט ער וועגן דעם אינטימען וויסן, וואָס זאָגט אונדז אַז די ברעט איז אַ ברעט, אָט רופט ער עס באַוווסטזיין, וואָס איז נאַטירלעך און צו דער זעלבער צייט איבערנאַטירלעך; אָט רעדט ער וועגן דעם א מ ת ן וויסן, וואָס איז וויכטיקער פון דעם וויסנשאַפטלעכן וויסן, וואָס דערמאָנט שטאַרק אָן בערגסאָנען, און אָט רעדט ער גאָר וועגן דעם ג ע פ י ל פון גלויבן. צי קען מען צו אַזאַ גאָט תּפילה טון, צי דאַרף מען פאַר אַזאַ גאָט בויען שולן, טעמפּלען, קלויסטערס, וועגן דעם, ניט ער זאָגט עפּעס, ניט איך וויל עפּעס דרינגען פון זיינע רייד.

איצט צו איינשטיינען.

אין זיין בוך „פון מיינע שפּעטערדיקע יאָרן", אינם קאַפּיטל „וויסנשאַפט און רעליגיע" שרייבט ער:

„אין לעצטן יאָרהונדערט האָט מען שטאַרק געהאַלטן אַז צווישן וויסן און גלויבן איז דאָ אַ קאָנפליקט וואָס קען ניט געלייזט ווערן. פאָרגעשריטענע מענטשן האָבן געהאַלטן אַז עס איז שוין צייט וויסן זאָל פאַרנעמען וואָס מער דעם פּלאַץ פון גלויבן, אַז גלויבן וואָס איז ניט באַזירט אויף וויסן איז איבערגלויבן.

„עס איז אמת אַז איבערצייגונגען קענען צום בעסטן געשטיצט ווערן פון דערפאַרונג און קלאָרן דיינקען. אין דעם זיינען מיר מסכים מיטן

עקסטרעמען ראַציאָנאַליסט. די צרה איז נאָר, וואָס די איבערצייגונגען וועלכע זיינען נויטיק און וועלכע זיינען גורם אונדזער אויפפירונג און אונדזערע אורטיילן קענען ניט געפינען ווערן נאָר אויפן סאָלידן וויסנ־שאַפטלעכן אופן.

„די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן קענען אונדז נאָר לערנען וואָס פאַר אַ שייכות עס איז דאָ צווישן פ אַ ק ט ן און ווי זיי ווירקן איינער אויפן צווייטן. די שטרעבונג צו אַזאַ אָביעקטיוון וויסן איז דאָס העכסטע וואָס אַ מענטש איז קאַפּאַבל. עס איז אָבער פונקט אַזוי קלאָר אַז דאָס וויסן וועגן דעם וואָס איז ד אָ עפנט ניט די טיר דירעקט צו דעם וואָס ד אַ ר ף ז י י ן. איינער קען וויסן זייער גוט און קלאָר וואָס איז דאָ און דאָך ניט קענען אַרויסציען פון דעם קיין מסקנא וואָס זאָל זיין דער צ י ל פון אונדזערע מענטשלעכע שטרעבונגען. דער ענדלעכער ציל און די בענקע־ניש אים צו דערגרייכן מוז קומען פון אַן אַנדער קוואַל. בלויז דאָס דייטקען קען אונדז ניט געבן דעם געפיל פון די לעצטע פונדאַמענטאַלע צילן. קלאָר מאַכן אָט די פונדאַמענטאַלע צילן, זיי באַקרעפטיקן אין דעם עמאָ־ציאָנעלן לעבן פון דעם איינצלנעם איז, דוכט מיר, די וויכטיקסטע פונקציע וואָס רעליגיע קען דורכפירן אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פונם מענטשן. אויב איינער וועט פרעגן פון וואַנען נעמט זיך די אויטאָריטעט פון אָט די פונדאַמענטאַלע צילן, ווייל זיי קענען ניט אַרויסגעזאָגט און באַרעכטיקט ווערן בלויז על פי שכל, קען מען נאָר ענטפערן: אין אַ געזונטער געזעלשאַפט עקזיסטירן זיי ווי מעכטיקע טראַדיציעס, וואָס ווירקן אויף די אויפפירונגען, שטרעבונגען און אָפּשאַצונגען פון די איינצלנע מענטשן; זיי זיינען דאָ ווי עפּעס וואָס לעבט און ס'איז ניט נויטיק צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זייער עקזיסטענץ. זיי ווערן געשאַפן ניט דורך דעמאָנ־סטראַציע, נאָר דורך אַנטפּלעקונג, דורך דער פאַרמיטלונג פון מעכטיקע פערזענלעכקייטן.

„די העכסטע פרינציפּן פאַר אונדזערע שטרעבונגען זיינען אונדז געגעבן אין די יידיש־קריסטלעכע רעליגיעזע טראַדיציעס. עס איז זייער אַ הויכער ציל. מיר, מיט אונדזערע שוואַכע קרעפטן, קענען אים דער־גרייכן זייער ווינציק, ער גיט אונדז אָבער אַ זיכערן פונדאַמענט פאַר אונדזערע שטרעבונגען און אָפּשאַצונגען. אַרויסגענומען אָט דעם הויכן ציל פון זיין רעליגיעזער פאָרם און קוקן אויף אים פון דער ריין מענטש־לעכער זייט קען מען עס אפשר דעפינירן אַזוי: פרייע און אחריותפולע אַנטוויקלונג פון דעם אינדיווידועלן מענטשן, אַזוי אַז ער זאָל קענען פריי

און מיט חשק אַוועקגעבן זיינע כוחות אין דינסט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

„דאָ איז ניט שייך צו ריידן פון פּאַרהייליקן, פאַרגעטלעכן אַ פאָלק, אַ קלאַס, אָפּגערעדט שוין פון אַן איינצלנעם מענטשן . . . אַ רעליגיעזער מענטש זעט מיר אויס צו זיין דער, וואָס האָט זיך ווי ווייט מעגלעך באַפרייט פון די שטריק פון זיינע אייגננוציקע פאַרלאַנגען און פאַרנעמט זיך מיט די מחשבות, געפילן און שטרעבונגען ביי וועלכע ער האַלט זיך צוליב זייער איבערפּערזענלעכן ווערט.

„אויב איינער באַנעמט רעליגיע און וויסנשאַפט לויט אָט די דעפיני־ציעס איז אַ קריג צווישן די צוויי אוממעגלעך. וויסנשאַפט קען פעסט־שטעלן וואָס איז ד אָ, אָבער ניט וואָס דאַרף זיין; רעליגיע, ווידער, האָט נאָר צו טון מיט אָפּשאַצן מענטשלעכע געדאַנקען און האַנדלונגען, זי האָט קיין באַרעכטיקונג צו ריידן וועגן פאַקטן און די שייכותן צווישן זיי.

„דער הויפּט סכסוך צווישן רעליגיע און וויסנשאַפט נעמט זיך פון דעם ענין — פּערזענלעכער גאָט. אַ דאַנק אַ קליינער צאָל וויסנשאַפטלעכע כללים אָדער געזעצן קענען מיר אויסרעכענען אין פאָרויס מיט גרויס פּינקטלעכקייט דעם גאַנג פון די פּלאַנעטן אין דער זונען סיסטעם. אפילו אויפן געביט פון לעבעדיקע באַשעפענישן האָבן מיר אַריינגעדרונגען טיף גענוג צו כאַפּן דעם כלל פון דער באַשטימטער בויטוועגדיקייט.

„וואָס מער אַ מענטש איז דורכגעדרונגען מיט דער געסדרטער רעגו־לערקייט פון אַלע פּאַסירונגען אַלץ שטאַרקער ווערט זיין איבערצייגונג אַז עס זיינען ניט בויטיק קיינע אַנדערע סיבות. פאַר אים עקזיסטירט ניט קיין מענטשלעכער אָדער געטלעכער ווילן וואָס זאָל זיין אַן אומ־אָפּהייניגיקע סיבה פון נאַטירלעכע פּאַסירונגען. גאָט קען זיך ניט אַריינמישן אין אַזעלכע זאַכן.

„די לערער פון רעליגיע, וואָס קעמפן פאַרן עטישן גוט מוזן אויפגעבן די דאָקטרין פון אַ פּערזענלעכן גאָט. אין זייער אַרבעט וועלן זיי זיך דאַרפן באַניגענען מיט די כוחות וואָס קענען קולטיווירן דאָס גוטע, דאָס אמתע און דאָס שיינע אין דער מענטשהייט גופא.״

ווי מיר זעען איז איינשטיין זייער אויסגעשפּראָכן קעגן אַ פּערזענלעכן גאָט. ער מיידט אפילו אויס, ווי ווייט מעגלעך, דאָס וואָרט „גאָט״, ער רעדט וועגן גלויבן, רעליגיעזן געפיל, וועגן קאָסמישער רעליגיעזקייט, ווען דער מענטש ווערט דורכגעדרינגען מיט דעם געפיל פון הכנעה לגבי דער גרויסער וועלט און אים ווילט זיך, ווי דעם בעל התהילים, אויס־

זינגען: השמים מספרים כבוד . . . אל. דעם „אל" לאָזט איינשטיין אויס, אים דערציילן „די הימלען" וועגן האַרמאָניע, סדר, געזעצלעכקייט און שיינקייט. פון אָט דער האַרמאָניע שעפּט דער וויסנשאַפטמאַן זיין באַגייסטערונג אפילו פאַר דער וויסנשאַפט און זיין גלויבן באַשטייט אין נאָכפאָלגן די טראַדיציעס וואָס זיינען אונדז אַנטפּלעקט געוואָרן דורך מעכטיקע פּערזענלעכקייטן.

דעם קריסטלעכן אַפּענדיקס פון זיין „יידיש־קריסטלעכער טראַדיציע" קענען מיר אים גלייך מוחל זיין. פאַר אונדז יידן איז געגוג די יידישע טראַדיציע. מ'קען אויך אָנווייזן אַז די „דריי־איינקייט", דאָס אמתע, דאָס גוטע, און דאָס שיינע, איז ניט דוקא יידיש אָדער קריסטלעך, נאָר גריכיש־העלעניש. מ'קען אויך פרעגן: אויב אונדזערע שטרעבונגען צום גוטן, אמתן און שיינעם שטאַמען ניט פון שכל, פון דער וויסנשאַפט, נאָר פון דער רעליגיעזער ספערע, וואָס איז מכוח אונדזער דראַנג צום שלעכטן, פון וואַנען קומט דאָס? קומט עס אויך פון דער רעליגיעזער ספערע? די וויסנשאַפט קען ניט אויסבעסערן דעם מענטשן, קען עס די רעליגיע? איז אינם נײַנצענטן יאָרהונדערט פון ראַציאָנאַליזם געווען מער שלעכטס ווי אינם צוואַנציקסטן, ווען מ'האָט זיך אַ קער געטון צו רעליגיע? דאָ נאָך פראַגן, עס איז אָבער קיין פראַגע אַז איינשטיינס גאָט איז ניט דער גאָט פון די בעלי תשובה היינט צו טאָג. פאַר זיין גאָט דאַרף מען ניט קיינע שולן, טעמפּלען אָדער קלויסטערס, מ'דאַרף אויך ניט תפילה טון צו אָט דעם גאָט. עס איז אויך קיין פראַגע ניט אַז ווער ווער, נאָר איינשטיין האָלט ניט אַז די וויסנשאַפט איז באַנקראָט. ער האָלט זייער שטאַרק פון פּלאַנקס קוואַנטום טעאָריע, ער איז אפילו מודה אַז היינט צו טאָג פּירט די טעאָריע צו דער השערה אַז עס איז ניטאָ קיין שטרענגע קאַוזאַליטעט, ער האָלט אָבער ניט אַז דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט אין דער וויסנשאַפט. ה י י נ ט צ ו ט אָ ג איז זיין פעלד טעאָריע ניט בכוח צו דעקן די קוואַנטום דערשיינונג, ער קען אָבער ניט אָננעמען אַז פּאַסירונגען אין דער נאַטור זיינען אַנאַלאָגיש צו אַ שפּיל איןביינדלעך, אויף שאַנסן, מע דאַרף, זאָגט ער, ווייטער זוכן דעם אמת און, ווי זאָגט לעסינג: ז ו כ ן דעם אמת איז ווערט מער ווי האָבן דעם אמת. ס'אַ סברה אַז אין זיין לעצטער פאַראייניקטער עלעקטראָמאַגנעטישער פעלד טעאָריע האָט ער באַוויזן אַז אויך אין דער סובאַטאָמישער וועלט הערשט די שטרענגע קאַוזאַליטעט. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין וועג ווי צו באַשטעטיקן זיין טעאָריע דורך עקספּערימענטן, און זי איז דערווייל געבליבן ניט מער ווי אַ טעאָריע.

וועגן פרייען ווילן ביים מענטשן דערמאָנט ער אפילו ניט. אדרבה, אין שייכות מיט די רעגולערע דערשיינונגען ביי לעבעדיקע באַשעפענישן שפירט ער שוין אויך דעם כלל פון אַ באַשטימטער נויט־ווענדיקייט, דערביי וויזט ער אָן אויף דער סיסטעמאַטישער אָרדענונג אין ירושה אייגנשאַפטן ביי לעבעדיקע ברואים.

איך האָב איבערגעגעבן באריכות דעם געדאַנקען גאַנג פון די צוויי ווּיסנשאַפטלייט מכוח וויסנשאַפט און גלויבן כדי מיר זאָל זיין גרינגער פאָרמולירן מיין אני מאמין. ניט, חלילה, ווייל איך שטעל זיך אויף איין ברעטל מיט זיי. איך בין זיך מודה ומתודה אַז איך בין ניט קיין בקי אין די עקזאַקטע וויסנשאַפטן, איך קען ניט דורכקריכן דעם וואַלד פון די מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, פונדעסטוועגן דערלויב איך זיך צו זאָגן: איך גלויב אין דער וויסנשאַפט.

די וויסנשאַפט איז פאַר מיר ניט קיין געטש, אָפּגאָט, אָדער גאָר אַ גאָט. ווען איך זאָג איך גלויב אין דער וויסנשאַפט מיינט עס אויך ניט אַז איך גלויב די כוהנים פון דער וויסנשאַפט, אפילו דעם כוהן גדול איינשטיין, אויפן וואָרט. טאַקע אָט די כוהנים לערנען קודם כל יעדן איינעם אַז אַ טעאָריע, אַ היפּאָטעזע, מעג זי אויסזען ווי לאָגיש און אפילו מאַטעמאַטיש ריכטיק, אויב זי ווערט ניט באַשטעטיקט אין דער לאַבאָראַטאָריע, אין ברייטן זין פון וואָרט, דאָס הייסט, אויב זי שטימט ניט מיט די נאַטירלעכע דערשיינונגען, מוז זי צוריקגעוויזן ווערן. אין די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן האָבן מיר דעם איינציקן וועג צום אָ ב י ע ק ט י װ ו ן אמת. איך שטרייך אונטער „אָביעקטיוון״, און איך מיין צו זאָגן אַז די וויסנשאַפטלער פּרעטענדירן ניט אויף אַן אַבסאָליוטן, אָדער אייביקן אמת. דער געפונענער אמת איז אמתדיק און גילטיק ביז די דערפאַרונג וועט אים ניט צוריקווייזן, אָדער ביז מע וועט געפינען אַ בעסערן אמת. אין דעם ענין פון זוכן דעם אָביעקטיוון אמת איז דער וויסנשאַפטמאַן אַ יחיד במינו.

און דער פילאָזאָף? זוכט ער ניט דעם אמת, און נאָר דעם אמת?

לאָמיך ווידער מאַכן אַ באַוואָרעניש: איך בין ניט קיין געשולטער פילאָזאָף, איך גיב ניט אָן די „פילאָזאָפישע״ באַמערקונגען דאָ ווי ציגל פאַר איין פילאָזאָפישן בנין. נאָך מער, איך האַלט אַז איין פילאָזאָפישער בנין איז גאָר ניט אַזאַ גוואַלדיקער אויפטו. מיינע באַמערקונגען זיינען ניט מער ווי מחשבות, מחשבות וואָס זיינען אפשר געקומען צו מיר טאַקע פון פילאָזאָפישע ביכער, אָבער, ווי זאָגט דער רוס: ביי מענטשן פרעג און

זוך אַליין דעם וועג. אַט די מחשבות האָב איך איבערגעטראַכט מיט מיין אייגענעם געדאַנק און דער געדאַנק זאָגט מיר:

ווען אונדזער וויסן וועגן נאַטור דערשיינונגען איז געווען זייער אָרים זיינען די פילאָזאָפן געווען די איינציקע אמת זוכער. זייער זוכן האָט בהכרח געמוזט זיין אַ ספּעקולאַטיווער, זיי האָבן זיך ניט באַזירט אויף פאַקטן, ווייל דאָס וויסן וועגן די פאַקטן איז פשוט ניט געווען בנמצא. היינט, ווען אונדזער וויסן וועגן נאַטור דערשיינונגען האָט דערגרייכט אַ היפּש ביסל ווייטער, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס. דער היינטיקער פילאָזאָף מוז וויסן אַלץ וואָס די וויסנשאַפטלייט האָבן אויסגעפונען אויף אַלע געביטן און זיין עובדא דאַרף זיין אָפּשאַצן די אַלע געפינסן, זיי פאַרבינדן, שאַפן אַ סינטעז, כדי דער מענטש זאָל זיך קענען אָריענטירן ווו ער איז אין דער וועלט.

אָפּגערעדט דערפון וואָס אַזעלכע מענטשן געפינט מען ניט עלף צו אַ מנין און, ממילא וואָלט די צאָל פילאָזאָפן געדאַרפט זיין אַ סך אַ קלע־נערע ווי זי איז, איז דאָ נאָך אַ גרעסערע צרה, טאַקע אַט דער סינטעז, בעסער געזאָגט, דער מאַניזם.

דער פילאָזאָף, צי ער האָט באַנומען אַלע וויסנשאַפטלעכע דער־גרייכונגען צי ניט, שאַפט ער דעם סינטעז, שטעלט אויף אַן אייגענע שיטה. אַט די שיטה וואָס ווערט געבויט אויף איין קאַרדינאַלן פּרינציפּ, געפינט אָפטמאָל איר אויסדרוק אין איין וואָרט, ווי מאַטעריאַליזם, אידעאַליזם, אָדער אין איין פראַזע — עלאַן וויטאַל, וכדומה. מיט דעם וויל ער דעקן אַלץ. אַ, אויפן קאָפּ פון אַלע נאַטור דערשיינונגען, דעם מענטשן אַריינ־גערעכנט, פּאַסט ניט די היטל? איז אַז אָך און ווי צום קאָפּ פון דער וועלט און דעם מענטשן, די היטל מוז אַרויפגעזעצט ווערן אויפן קאָפּ, אויב אפילו דער קאָפּ זאָל איינגעקרעמפּט ווערן ווי אין אַ אייזערנער רייף. די היטל פּאַסט פּאָרט ניט? וועט ער אַ קנייטש טון די היטל, אַ צי טון, אַהער אַהין, די היטל איז אַ היטל, ווייל . . . ער האָט זי אויפגעגנייט.

דער מעטאַפיזיקער ג. בוירקלי האָט זיך פאַרגינען אָוועקצופילאָזאָ־פירן די וועלט. לויט זיין שיטה איז די וועלט, די גאַר גרויסע וועלט ניט מער ווי אַ מענטשלעכער דמיון. אַ, דער מענטש איז דאָך אַ טייל פון דער וועלט, ממילא אויך ניט מער ווי דמיון, טאָ ווי קען אין דעם דמיון — דעם מענטשן — געשאַפן ווערן דער דמיון פון דער גאָרער וועלט? פרעגט ניט קיין קשיות, פּלפּול קען אַלץ פאַרענטפערן. ע. קאַנט, אַליין אַ וויסנ־שאַפטמאַן, אָבער דער פילאָזאָף אין אים האָט אים געפירט צו דער

מסקנא אַז אונדזער מענטשלעכער געדאַנק מוז אַ־פּריאָרי טראַכטן אין טערמינען פון דער אייקלידישער געאָמעטריע. וואָס ער וואָלט געזאָגט וועגן אַ געאָמעטריע פון אַ רעימאַן אָדער לאָבאַטשעווסקי און וועגן דעם געדאַנק פון א. איינשטיין, וואָס האָט אַ „ביסל אָפּגעווייכט" פון דער אייקלידישער געאָמעטריע און ממילא פון קאַנטס אַ־פּריאָרי געזעץ, קען מען ניט וויסן. מיר ווייסן יאָ, אַז בערגסאָן, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט איינשטיינען, האָט געוווּסט וועגן איינשטיינס צייט טעאָריע, ער האָט זי אָבער ניט אָנגענומען, ניט ווייל זי איז וויסנשאַפטלעך ניט ריכטיק, נאָר פּשוט, ווייל זי האָט ניט געשטימט מיט ז י י ן צייט טעאָריע. באַוויַזן? דער וויסנשאַפטמאַן מוז זיי האָבן, דער פילאָזאָף קען זיך באַגיין אָן זיי.

בערגסאָנס אַ תּלמיד, זשאַק מאַריטעין, שרייבנדיק וועגן זיין רבין, פאַרגינט זיך צו זאָגן: דאָס בעסטע וואָס אַ פילאָזאָף קען טון איז הכנעהדיק מאַכן די פילאָזאָפיע צו דער חכמה פון די הייליקע.

ס'אַ סברה אַז אָט דער זעלבער זשאַק מאַריטעין, אַ פילאָזאָף, אַ שרייבער און, דער עיקר, אַ פרומער קאַטאָליק, ער צוזאַמען מיט זיין ווייב, אַ יידישע, וואָס האָט זיך געשמדט און געוואָרן אַזאַ אייפערדיקע מיסיאָנערקע אַז זי האָט אָפּגעשמדט איר אייגענע מאַמע ווען יענע איז געליגן אויפן טויטן בעט, איז אַ סברא אַז אָט דאָס פּאָרל האָבן עס „געאַרבעט" אויף בערגסאָנען ער זאָל זיך שמדן. ווער ווייסט, אפשר ווען היטלער מישט זיך ניט אַריין וואָלטן מיר נאָך דערלעבט נחת אין בערגסאָנען, ניט נאָר וואָלט ער זיך געשמדט, נאָר ער וואָלט נאָך פילאָזאָפיש באַוויזן אַז ד ע ם אמת קען מען געפינען נאָר אין קריסטנטום, און דווקא אין קאַטוילישן נוסח.

אָבער איך בין פאַרקראָכן אָן אַ זייט. וואָס איך בין אויסן געוועזן צו זאָגן איז, אַז אויף זוכן דעם אָביעקטיוון אמת זיינען די פילאָזאָפן ניט די פּאַסיקסטע מענטשן שוין דערפאַר אַליין וואָס פילאָזאָפיע לאָזט זיך קנייטשן . . . די וויסנשאַפט לאָזט זיך ניט קנייטשן, דער וויסנשאַפטמאַן מ ו ז זיין אָביעקטיוו.

מיט מיין גאַנצן יראת הכבוד פאַר די וויסנשאַפטלייט קען איך אָבער ניט פאַרטראָגן זייער אויסדרוק נאַטור ג ע ז ע צ ן, וואָס זיי באַנוצן שרייבנדיק וועגן נאַטור דערשיינונגען. ניט ווייל דאָס גיט אָנצוהערעניש אויף אַ געזעצגעבער, אַ גאָט, אַ בורא עולם. פאַר דעם וואָס איז נאָך אַלץ פאַרקאָכט אין אַ גאָט אָ בורא עולם איז נאָך אַלץ גילטיק די אַלטע

קשיא: און ו ו ו איז געווען דער בורא עולם פֿאַר דער בריאה? און ו ו ע ן, אין וועלכן טאָג, איז דער בורא עולם נברא געוואָרן, אין טאָג נול (0)? ניט אין גאָט גייט עס. ווען די וויסנשאַפֿטלער רעדן וועגן נאַטור געזעצן מיינען זיי ניט עפּעס אַן אויסערלעכע, איבערנאַטירלעכע קראַפֿט וואָס צווינגט עפּעס זיך באַוועגן לויט איבערנאַטירלעכע קרעפֿטן. באמת מיינען אָט די געזעצן ניט מער ווי מאַטעמאַטישע באַשרייבונגען פֿון נאַטור דערשיינונגען, באַוועגונגען. מיר זעען אַ שפּין שפּינט איר געוועב. דאָס איז אַ פֿיינע געאָמעטרישע קאָנסטרוקציע, פֿונדעסטוועגן וועט קיין וויסנ־שאַפֿטמאַן ניט זאָגן אַז די שפּין אַרבעט לויט געאָמעטרישע געזעצן, פֿאַרוואָס זאָלן מיר זאָגן אַז די ערד דרייט זיך לויט געוויסע געאָמעטרישע געזעצן, וואָס קומט אויס אַז אויב זי דרייט זיך ניט צוליב עפּעס אַ כּוח וואָס איז אַרויפֿגעצווינגען געוואָרן פֿון עפּעס אַ גאָט, זיינען אָבער די געזעצן איינגעבוירן אין דער נאַטור? איז דען ניט ריכטיקער צו זאָגן אַז אונדזער שוך וואָס מיר האָבן אויפֿגענייט — מאַטעמאַטישע כּללים — פּאַסט זייער גוט צום פֿוס — די נאַטור דערשיינונגען, איידער גיבן אָנצו־הערעניש אַז דער פֿוס איז צוגעשניטן געוואָרן פּונקט לויט אונדזער שוך? געזעץ, מאַטעמאַטיק, דאָס איז אַ ריין מענטשלעכער באַגריף. אין דער נאַטור זיינען ניטאָ קיינע רהאָמבן, צירקלען, פּאַראַלעלאַגראַמען, קיינע גלייכע ליניעס, אפֿילו ניט קיין פּינטעלע, דאָס אַלץ איז אַ פּראָדוקט פֿון מענטשלעכן מוח.

אויב אַזוי, וועט מען מיר זאָגן, ווי ווייט ביסטו פֿון דעם מעטאַפֿיזיקער בוירקלי, וואָס האָט געטענהט אַז די גאַנצע וועלט איז ניט מער ווי אַ דמיון. דאָ קען איך ציטירן עדדינגטאָנען, וואָס זאָגט: „פֿאַרלייקענען די רעאַלע וועלט מיינט פֿאַרלייקענען זיך, און דאָס קען בלויז אַ משוגענער אָדער אַ פֿילאָזאָף”. האָב איך שוין געזאָגט — קיין פֿילאָזאָף בין איך ניט. וואָס איך זאָג איז, געאָמעטריע, געזעצן, דאָס איז אַ פּראָדוקט פֿון מענטשלעכן מוח, אין דער נאַטור איז עס ניט בנמצא, דאָרטן זיינען בלויז דאָ זאַכן און באַוועגונגען. די באַוועגונגען קומען אָבער פֿאַר אין אַזאַ אומפֿאַרענדער־לעכער איינהייטלעכקייט אַז מיר, מיט אונדזערע מאַטעמאַטישע פֿייאיקייטן, קענען זייער גוט באַשרייבן אָט די באַוועגונגען, פֿאָרויסזאָגן פּינקטלעך ווען עס וועט זיין אַ ליקוי חמה אָדער ליקוי לבנה. פֿון איין קאַרדינאַלן כּלל קענען מיר אויך ציען מסקנות פֿאַר מער ווי איין דערשיינונג, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיט איינשטיינס פֿעלד טעאָריע. עס איז באַוויזן געוואָרן אַז ליכט שטראַלן בויגן זיך אויס ווען זיי גייען פֿאַרביי דער זון.

דאָס מיינט אָבער ניט אַז אין די שטראַלן אָדער אין דער זון איז דאָ אָט דער געזעץ, עס מיינט בלויז אַז איינשטיינס טעאָריע דערקלערט צום' בעסטן אָט די באַוועגונג. די ערד האָט זיך געדרייט פאַר ניוטאָנען מיט זיין גראַוויטאַציע געזעץ, דרייט זיך איצט נאָך איינשטיינען מיט זיין פעלד טעאָריע, און גערעכט איז בערטראַנד ראַסעל ווען, שרייבנדיק וועגן די ביידע „געזעצן", זאָגט ער מיט זיין אייגנטימלעכן בריטישן הומאָר: „די אוירטה גאָעז ווערעווער שי דעמן פּליעזעס, באָט שי פּליעזעס טו נאָ דעט ועי". די ערד גייט ווו זי וויל (אָן קיין געזעץ), נאָר זי וויל גיין דוקא דעם וועג. דער איינציקער טעות וואָס ראַסעל מאַכט איז, וואָס ער זאָגט אַז די ערד גייט ווו זי װ ו י ל. די ערד, ניט נאָר וויסט זי ניט פון קיין געזעץ, זי וויסט אויך ניט אַז זי וויל. שולדיק אין דעם טעות איז אונדזער מענטשלעכער אופן פון ריידן. אויף זיין מאַטעמאַטיש־לאָגישער שפּראַך וואָלט ער שוין געפונען דעם ריכטיקן, פּרעציזן אויסדרוק.

אויב אָבער עס זיינען ניטאָ קיינע געזעצן מיינט דאָך עס אַז אין דער נאַטור הערשט אַ כאַאָס. ווידער אונדזער מענטשלעכע שפּראַך און ווידער די צרה מיטן מאָניזם, אָדער שטרענגער דעטערמעניזם, אָדער פרייער ווילן, שטרענגע קאַוזאַליטעט אָדער צופאַל.

לאָמיר זען צי איז עס טאַקע אַזוי.

אַ סך פיזיקער האָבן „מיט אַ שווער האַרץ" זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטרענגער קאַוזאַליטעט אין דער אומאָרגאַנישער וועלט, אַלע פיזיקאַלישע געזעצן זיינען ניט מער ווי סטאַטיסטישע. מיר קענען פאָרויסזאָגן ג ע נ ו י אַ ליקוי חמה ווייל מיר האָבן צו טון מיט אַ וועלט פון גרויסע מאַסן, ווען עס קומט צום עלעקטראָן איז אונדזער וויסן ניט אַזוי זיכער. פרעגט זיך אַ פראַגע: וואָס איז אַזוי דער אומגליק אויב די געזעצן זיינען סטאַטיסטישע? אויב מיט אָט די „סטאַטיסטישע געזעצן" האָבן מיר, דאָס הייסט, אַ. איינ־שטיין, געקענט אויסרעכענען די פאָרמולע $E = MC^2$ אַז מאַטעריע און ענערגיע זיינען היינו הך, האָלט דאָך עס גאָר ניט אַזוי שמאָל מיט אונדזער וויסן. אַי וואָס, דאָס עפנט אַ טיר פאַר צופאַל? פּאַסירונגען אין דער וועלט — אַ שפּיל איןביינדלעך, ווי איינשטיין האָט זיך אויסגעדריקט.

ניט נאָר איינשטיין, קיינער פון די פיזיקער האָלט ניט פון צופאַל. „צופאַל דאָס איז די ביבל פון די נאַראָנים", זאָגן זיי. נו, ריזיקיר איך צו זיין אַזאַ נאַר. כידוע האָבן מיר ניט די מעטריקע פון דער ערד, ניט מיר וויסן גענוי װ ו ע ן זי איז געבוירן געוואָרן און אויך וועגן דעם װ ו י זי איז געבוירן האָבן מיר ניט מער ווי השערות. ס'אַ סברא אַז זי איז

געבוירן געוואָרן „אומגעזעצלעך״. אַ שטערן האָט זיך פֿאַרבייגעטראָגן נאָענט צו דער זון, אַזוי נאָענט אַז זי איז אַזש פֿאַרציטערט געוואָרן און מפיל געווען די ערד. די סיבות וואָס האָבן גורם געווען דער שטערן זאָל דוקא אין יענער צייט זיך האָבן דערנענטערט צו דער זון זיינען אונדז ניט באַקאַנט און עס איז רעכט מיר זאָלן קיינמאָל זיך ניט דערוויסן וועגן דעם, די ערד איז זיכער דאָ. עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן אַז אַזאַ זאַך זאָל פֿאַסירן נאָכאַמאָל, כאָטש דאָס איז, ווי די פיזיקער זאָגן, „העכסט אומ־וואַרשיינלעך, אָבער מעגלעך״. זאָל אַזאַ זאַך פֿאַסירן, לאָמיר זאָגן אין אַ פֿאָר מיליאָן יאָר אַרום, וואָלט עס פֿאָר די מענטשן געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע, אויב אָבער עס וואָלט נאָך געבליבן אַ שטיקל וועלט און אויף דער וועלט וואָלטן נאָך געבליבן אַ פֿאָר אַסטראָפיזיקער, וואָלטן זיי מיטן גרעסטן אייפֿער גענומען רעווידירן זייערע פיזיקאַלישע כללים, דאָס הייסט, זיי וואָלטן ווידער גענומען פֿאָרשן און זוכן דעם אמת, דאָס הייסט, געפֿינען די סיבות אָדער צוגעבן אַז יאָ — אַ צופֿאַל. ס׳אַ סברא אַז אונדזער גאַנצע פלאַנעטן סיסטעם איז אַ צופֿאַל, אַנדערע שטערן, גרעסערע פֿון דער זון, האָבן עס ניט.

אויב די פיזיקער האָבן זיך ערשט אָנגעהייבן פּלאָנטערן אין דעם ענין שטרענגע קאַוזאַליטעט אָדער אינדעטערמיניזם, האָבן די פילאָזאָפֿן שוין לאַנג פֿריער זיך פֿאַרנומען מיטן קידער־ווידער פֿאָרל יצירה און בחירה, דעטערמיניזם און פֿרייער ווילן. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס בעת די פיזיקער, וואָס האָבן אויפֿגעגעבן דעם שטרענגן דעטערמיניזם אין דער אומאָרגאַנישער וועלט,ריידן זיי אָבער ניט וועגן אַ פֿרייען ווילן ביים אַטאָם אָדער עלעקטראָן (ווי ציטירט אויבן פֿון עדדינגטאָן) רעדן אָבער די פילאָזאָפֿן אויסדריקלעך וועגן פֿרייען ווילן ביים מענטשן, און זיי ריידן אַזוי פֿיל וועגן דעם ענין דער עיקר צוליב דער פֿראַגע פֿון שכר ועונש. איז דער מענטש פ ר י י צו טון גוט אָ ד ע ר שלעכט, האָט עס אַ זין אים צו פֿאַרגיטיקן פֿאַרן גוט און באַשטראָפֿן פֿאַרן שלעכט, אויב אָבער אַלץ איז באַשערט, טאָ פֿאַרוואָס אים פֿאַרגיטיקן אָדער באַשטראָפֿן?

דעם בעסטן ענטפֿער האָט געגעבן, דוכט מיר, שפּינאָזאַ. אויב איך געדיינק ריכטיק האָט ער געזאָגט לפי ערך אַזוי: דער ענין פֿרייער ווילן איז ווי אַ מענטש אויף אַ שיף אינמיטן ים. א ו י ף דער שיף איז דער מענטש פֿריי אַרומצוגיין ווי ער וויל, אַראָפּגיין פֿון שיף קען ער ניט.

איך וואָלט נאָך צוגעגעבן אַז ער איז אויך פֿריי אַרונטערצושפּרינגען פֿון שיף. כי יתרון האדם מן הבהמה — זעלבסטמאָרד. אַ מענטש איז

פריי צו באַגיין זעלבסטמאָרד, הגם אַ היפש ביסל סיבות קענען גורם זיין דערצו, אָבער ניט יעדער איינער טוט עס, אויב אפילו די סיבות דערפאַר זיינען דאָ.

פ אַ ר שפּינאָזאַן האָט עס נאָך קורצער און בעסער געזאָגט רב עקיבא: הכל צפוי ורשות נתונה.

אַ סך חכמים האָבן שוין געזאָגט וועגן דעם גענוג קלוגע רייד, אויב דער ענין ווערט נאָך אַלץ אַרומגערעדט איז עס טיילווייז דערפאַר ווייל דעם מענטשן שטייט ניט אָן מ׳זאָל ריידן וועגן אים ווי וועגן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז אונטערגעוואָרפן געוויסע געזעצן. וואָס איז ער, וואָס, אַן . . . אויטאָמאָביל?

אינגאַנצן אומגערעכט איז דער מענטש ניט. די מעכאַניסטישע־מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע, וואָס האַלט אַז מ׳קען אויסמעסטן אַ ל ץ, אַז די כללים און די מעטאָדן פון דער עקזאַקטער וויסנשאַפט זיינען גילטיק אויך פאַרן מענטשן און מ׳קען מיט זיי דערקלערן אַ ל ץ וועגן אים איז אַ פאַלשע. די וויסנשאַפטלייט גיבן צו אַז אפילו אין דער פיזיקאַלישער וועלט קענען זיי ניט אַלץ דערקלערן, זיי קענען אפילו ניט פאָרויסזאָגן דאָס וועטער פאַר אַ לייכגערער צייט ווייל דאָס איז צו קאָמפּליצירט. אפשיטא אַז זיי קענען ניט פאָרויסזאָגן וואָס רב ברוך וועט טון איבעראַכטאָג דינסטיק ניין אַזייגער אין אָונט און ווי ער וועט עס טון.

פון דער צווייטער זייט דאַרפן די אַנטיראַציאָנאַליסטן, די אַזוי גערופענע וויטאַליסטן, ניט פאַררייסן די נעז לגבי דער וויסנשאַפט און זאָגן: ווען עס קומט צום מענטשן גילטן ניט קיינע וויסנשאַפטלעכע כללים. נאָך דאָ אַזוינע וואָס קענען נאָך ביז היינט צו טאָג ניט אויפנעמען דאַרווינס „דאָס אַנטשטיין פון די מינים״, דאָס אַנטשטיין פון לעבן בכלל איז ביי זיי גאָטס אַן אויפטו, זיין גרעסטער אויפטו איז, פאַרשטייט זיך, דער מענטש. זיינען מיר דאָך אַלע גאָטס קינדער.

זיי מעג מען דערמאָנען עקביא בן מהללאלס מימרא: דע מאַין באת — מטיפּה סרוחה. די מעשה אַז אין מענטשן זיינען דאָ דריי שותפים: דער טאַטע, די מאַמע און דער רבש״ע (אַ שטילער שותף...) איז אַ באַפּוצעכץ וואָס איז געקומען אַ סך שפּעטער. די טיפּה סרוחה איז עס געוואָרן דער אויסגאַנג פונקט פאַר די וויסנשאַפטלער צו שטודירן די פּראָטאָפּלאַזם, כראָמאָזאָמען און גענען, אָט פּונקט ווי דער אַטאָם פון דעמאָקריטוסן איז דערגאַנגען ביז איינשטיינען און פּלאַנקן.

אודאי קען די וויסנשאַפט ניט דערקלערן אַלץ וועגן מענטשן, אָבער,

ערשטנס, ווי אַלט איז עס די מענטש וויסנשאַפט? מיר האָבן דאָך ניט מער ווי אַ קראַץ געטון, מ׳וועט גראָבן לייגגער, טיפער, וועט מען זיך נאָך דערוויסן אַ סך זאַכן, און, צווייטנס, דאָס וואָס די וויסנשאַפטלייט ווייסן ניט, קענען ניט וויסן, זאָגן זיי אינבני יודע, ווי דער עניו רש״י האָט עס געטון, בעת די וויטאַליסטן זיינען ווי יענער דרדקי מלמד וואָס האָט פאַרטייטשט „והתחשים״ און די ״טעכשן״, ווייל ע ר האָט געמוזט וויסן די טייטש פון אַלץ. עס איז אַ סך ערלעכער צו זאָגן: איך ווייס ניט, ווי זיך פאַררופן אויף גאָט, וואָס מיינט, אייגנטלעך, גיי פרעג . . . אים, מיט דער באַוואָרעניש אַז אויף גאָט טאָר מען קיין קשיות ניט פרעגן.

די זעלבע וויטאַליסטן האָבן אויך געפונען צוועקמעסיקייט אין דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. מיט שטאָלץ ווייזן זיי אָן די מעכאַניסטן אַז דער מענטש איז די איינציקע „מאַשין״, וואָס פאַרריכט זיך אַליין, ווייל דער מענטשלעכער אָרגאַניזם איז ניט סתם אַ צוזאַמענשטעל פון טיילן, נאָר עס איז דאָ אַ איינהייטלעכער פרינציפּ וואָס דיריגירט דעם גאַנצן אָרגאַניזם.

דער פיזיאָלאָג דזש. ס. האָלדיין ברייגגט אַ באַווייז: אַ מענטש האָט צעבראָכן אַ ביין אין אַ האַנט אָדער אַ פוס. דער ביין וואַקסט זיך צענויף געגוי ווי פריער און וואַקסט ניט סתם אין דער וועלט אַרייך, בעת אַ מאַשין קען זיך אַליין ניט פאַרריכטן, אָפּגערעדט שוין פון זיך רעפּראָדוצירן.

פרעגט זיך אַ פראַגע, אויב דער אָרגאַניזם אַרבעט לויטן פּרינציפּ פון אויפהאַלטן זיך, דערפאַר פאַרריכט ער זיך אַליין און דער ביין פאַר־וואַקסט זיך, פאַרוואָס לאָזט דער זעלבער אָרגאַניזם דער קענסער צעל זי זאָל זיך צעוואַקסן און אומברייגגען דעם זעלבן אָרגאַניזם? און רעפּראָ־דוצירן זיך? לייז רעפּראָדוצירן זיך אויך. איז דאָס טאַקע דערפאַר ווייל דער רבש״ע גיט אַכטונג אויף די ביצים של כנים? אויב אַזוי, גיט ער אויך אַכטונג אויף די לייז זיי זאָלן פאַרשפּרייטן דעם טיפוס? איך בין נוטה צו גלויבן אַז די סאַניטאַרן וואָס פאַרנעמען זיך מיט אויסראָטן די לייז טוען אַ וויכטיקערע אַרבעט פונם כביכול.

פון אָט דער צוועקמעסיקייט אין מענטשלעכן אָרגאַניזם איז פאַרפירט געוואָרן ניט נאָר דער פיזיאָלאָג האָלדיין און די אַנדערע וויטאַליסטן, נאָר אפילו דער אַסטראָפיזיקער עדדינגטאָן פאַרגינט זיך צו זאָגן:

„די וואַסער כוואַליעס זיינען ניט געשאַפן געוואָרן צו געבן באַגייס־טערונג דעם דיכטער, אָבער אויך ניט צוליב דעם פיזיקער ער זאָל לערנען די געאָמעטרישע פאָרמע פון די כוואַליעס. אַ רעגנבויגן קען באַשרייבן ווערן ווי וויבראַציעס אַראַנזשירט אין אַ סיסטעמאַטישער

אָרדענונג פון כוואַליע לייגגען, פון פערציק ביז צוויי און זיבעציק הונדערט טויזנטל סענטימעטער, ווערט דאָס זיין דער אמתער רעגנבויגן? אַ מענטש איז ניט קיין ספעקטראָסקאָפּ. מיר קענען ניט זאָגן אַז דער רעגנבויגן איז געשאַפן געוואָרן כדי אונדזער אויג זאָל הנאה האָבן, מיר קאָנען אָבער אפשר יאָ זאָגן אַז דער מענטשלעכער מוח, ווי אַ טייל פון דער וועלט, איז געשאַפן געוואָרן אויפצונעמען די שיינקייט".

זאָגן אַז בשבילי נברא העולם, דאָס קען דער וויסנשאַפט מענטש עדדינגטאָן ניט טון. די וועלט איז געשאַפן געוואָרן ניט פאַרן פּאָעט און ניט פאַרן פיזיקער, וועגן דעם מענטשלעכן מוח קען מען א פ ש ר יאָ זאָגן אַז ער איז געשאַפן געוואָרן אויפצונעמען די שיינקייט. פרעגט זיך אַ פראַגע, וואָס עפּעס גראַדע די שיינקייט פון רעגנבויגן? דער מענטש טרינקט דאָך ניט די פאָרמולע ה.2אָ, (H_2O) ער טרינקט ו ו אַ ס ע ר, טאָ פאַרוואָס קען ניט געמאָלט זיין אַז דער מוח איז געשאַפן געוואָרן כדי ער זאָל דערפילן דעם ט ע ם פון וואַסער? און ווי וואָלט געווען ווען מיר הערן פון אַ בירזשע ספעקולאַנט אַז דער מוח איז געשאַפן געוואָרן אויסצולערנען אַלע כללים פון די האָסעס און בעסעס — די אַרויף און אַראָפּ הוידעלקע — פון דער בירזשע, כדי ער זאָל וויסן ווען צו קויפן און פאַרקויפן אַקציעס? וואָלט ער ניט געווען אַזוי לאָגיש ווי דער וויסנ־שאַפטמאַן עדדינגטאָן?

דער מענטשלעכער מוח, ווי אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך, אויף וועלכן עס זיינען ניט חל קיינע וויסנשאַפטלעכע כללים, טוט אָן אַ היפש ביסל צרות, דער עיקר אין דער פּסיכאָלאָגיע.

צי פּסיכאָלאָגיע איז שוין אַ וויסנשאַפט און צי ווערט זי ווען עס איז דערגרייכן צו זיין אַן ע ק ז א ק ט ע וויסנשאַפט איז נאָך אַ פראַגע. דער בעסטער סימן אַז זי איז נאָך ווייט פון צו זיין אַ וויסנשאַפט היינט צו טאָג איז, וואָס עס זיינען דאָ אַזוי פיל פּסיכאָלאָגישע שולן, יעדע איינע מיט א י ר אמת. עס זיינען דאָ פונקציאָנאַליסטן, אינטענציאָנאַליסטן, בי־הייוויאָריסטן, אינסטיטוציאָנאַליסטן, מאָטאָריסטן, דינאַמיסטן, האָרמיסטן, געשטאַלטיסטן, מענטשיסטן און ווער ווייסט וויפל נאָך „איסטן", ועל כולם — פרוידיאַנער, וואָס נעמט שוין אויך אַריין אַדלער, יונג און אַלע אַנדערע פּסיכאָאַנאַליטיקער.

איך נעם זיך ניט אונטער זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די אַלע שולן, איך וועל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף איין שול — דער פרוידיאַנישער ווייל פרויד מיט זיין פּסיכאָאַנאַליז האָט אַריינגעבראַכט מער צעטומלעניש ווי וועלכער

ס'איז אַנדערער פּסיכאָלאָג. פון איין זייט האָבן זיך אויף אים אַרויפגעכאַפּט די ראַציאָנאַליסטן למאי ער האָט אַריינגעבראַכט דעם אונטערבאַוואוסטזיין ווי עפּעס אַ יש, און די טערמינען „ליבידאָ, איד, עגאָ, סופּער־עגאָ", אַט ווי דאָס וואָלטן געווען ממשותדיקע זאַכן; פון דער צווייטער זייט האָבן זיך אָן אים אָנגעכאַפּט די אַנטיאינטעלעקטואַליסטן, פאַר וועמען דער אונטערבאַוואוסטזיין איז געוואָרן ממש אַן אבן טוב: זעט איר שוין! מיטן באַוואוסטזיין, מיטן ש כ ל קען מען גאָרניט אויפטון, לכן — דאָלאָי מיטן שכל!

די צרה קומט ניט פון פרוידס טעאָריע נאָר פון אונדזער מענטשלעכער שפּראַך. אַ מענטש גיט אַ זאָג אונטערבאַוואוסטזיין און ער דערזעט פאַר זיך עפּעס אַ מין אונטערשטן שטאָק אָדער גאָר אַ קעלער, וווּ עס ווימלען זיך אַלערליי שרצים, אונדזערע אַלע שלעכטע מחשבות; ער זאָגט אַרויס ליבידאָ, דערזעט ער עפּעס אַ מין זאַפט, וואָס פאַרפּלייצט אַלע פּינצטערע שפּעלטעלעך און קנייטשן פון מענטשלעכן אָרגאַניזם, וווּהין דער שכל קען גאָר ניט אַריינדרינגען. אַזאַ באַנעם קענען, נאַטירלעך, ניט פאַרטראָגן די ראַציאָנאַליסטן און אוודאי ניט די מעכאַניסטן, וואָס האַלטן פון אויסמעסטן, דערגיין אַלץ לויט שטרענגע וויסנשאַפטלעכע כּללים אָדער געזעצן. זיי פאַרגעסן אַז פרויד איז געווען אַ מעדיקער, האָט געקענט פיזיאָלאָגיע, און זיין הויפּט ציל איז געווען היילן מענטשן, פּסיכיש קראַנקע. פּסיכאָלאָגיע, ווי פילאָזאָפיע, איז פון אָנהייב געווען ניט מער ווי ספּעקולאַציעס, פאַרנומען זיך אויף אַ וויסנשאַפטלעכן דרך האָט מען ערשט ניט לאַנג און, פאַרשטייט זיך, מ'האָט נאָך ווייט ניט דערגרייכט. דער עלטסטער קאַרדינאַלער פּונקט אין דער פּסיכאָלאָגיע איז — דערקענען זיך אַליין. אין דעם זיינען אַלע מסכּים, די פּלוגתא הייבט זיך אָן ווען מע טרעט צו צו די מיטלען, ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָס. דאָ איז געקומען פרויד. זיין „אונטערבאַוואוסטזיין", די אַלע אַנדערע טערמינען זיינען ניט מער ווי סימבאָלן, אַט ווי דער צירקל, דער דריי־עק און די ליניע איז פאַרן פיזיקער. מיט אַט די אַ סימבאָלן און געוויסע מעטאָדן, דיינקט ער, אַז מיר קענען צוקומען צום מענטשן, שאַפן ביי אים אַ גייסטיקן באַלאַנס, ער זאָל דערקענען זיך אַליין און זאָל געזונט ווערן פון זיין מחלה. זיינע סימבאָלן זיינען ווייט ניט אַזוי פּרעציז ווי די סימבאָלן פונם פיזיקער; זיינע מעטאָדן זיינען זיכער ניט אַזוי שטרענג ווי די וויסנשאַפטלעכע, אויך איז נאָך צו פרי צו רעדן וועגן רעזולטאַטן, וועגן אויסגעהיילטע מענטשן. אוודאי זיינען אַ סך מענטשן אויסגעהיילט געוואָרן

דורך פסיכאָאַנאַליז, אָבער אַ סך מענטשן זיינען „אויסגעהיילט" געוואָרן אויך פון גוטע יידן, זנאַכערס, אין לורד. ניטאָ דערווייל דער שטרענגער וויסנשאַפטלעכער קאָנטראָל. פרויד האָט אָבער געקענט פרעגן: און איר, שטרענגע וויסנשאַפטלער, האָט בעסערע מעטאָדן? די מעכאַנישע מיט־לען, דער סעפּאָלאָגראַף, סערעבראָגראַף, אַנדערע גראַפן לערנען אונדז דערווייל זייער ווינציק; דער כירורגישער מעסער באַזייטיקט אַ געוויקס פון מאַרך, ער לערנט אונדז אָבער כמעט ווי גאָרניט ווי אַזוי אָט דער מאַרך אַרבעט; די ווירקונגען פון אינסולין איינשפּריצונגען (כעמישע), פון עלעקטרישע צעטרייסלונגען (פיזיקאַלישע) ווייזן זיך אַרויס ניט אַזעלכע זיכערע הייל מיטלען, נאָך ווינציקער קענען מיר פון זיי לערנען דעם פּראָצעס פון וויסן אין דעם מאַרך. אודאי איז ניטאָ קיין מוח אָן קיין מאַרך, אָבער אָט איז אַ קאַץ, צי אפילו פּאַוולאָווס הונט, קען די קאַץ מיט איר קאַצישן מוח, פּאַוולאָווס הונט מיט זיין רעפלעקס קומען צו זעלבסט דערקענטעניש? מיין אונטערבאַוווסטזיין קען טאָקע זיין אַ לויזער באַגריף, אָבער אַ דאַנק אים לערנען מיר מער ווי פון אייער סעפּאָלאָגראַף, איר'ט דאָך צוגעבן אַז דערקלערן אַ מענטשן שטרענג מעכאַניסטיש קען מען ניט, טאָ פאַרוואָס ניט מיין אַנאַליטישע טעאָריע און מעטאָדן? מאַכט ניט אָוועק מיטן האַנט דעם אונטערבאַוווסטזיין, איר קענט פון אים פונקט אַזוי ניט פּטור ווערן ווי פונם זכרון, וואָס איז אַזוי שטאַרק צוזאַמענגע־פלאָכטן מיט אים.

צו די אַנטיאינטעלעקטואַליסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן אים, האָט ער מיט זיין פּיקחדיקן שמייכל געקענט זאָגן: א י ר דיינקט דאָך אַז איר זייט מיינע חסידים, זאָג איך אייך בפה מלא — איך בין ניט אייער רבי. אויב איר דאַרפט אַ רבין פאָרט צו בערגסאָנען, אַנדערע, איך, מ י ט מיין אונטערבאַוווסטזיין, בין דער אמתער ראַציאָנאַליסט, דער ציל פון מיין נייער טעאָריע איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע עטאַבלירן דעם שלטון השכל איבער דעם אונטערבאַוווסטזיין. איך האָב פאַרבונדן חלומות מיט ווירקלעכקייט און, ווען דער מענטש דערזעט די שייכות, דערגריבלט זיך מיט מאַטערניש צו דער אמתער סיבה פון זיין ניוראָזע, דערזעט מיטן שכל ווו ער האַלט אין דער וועלט, קומט ער צום שכל, דערקענט זיך אַליין און ער ווערט געזונט.

האָט פרויד געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט? זיכער ניט. די „טיף" פּסי־כאָלאָגיע וועט גראָבן טיפער, אָבער אויך די „ברייט" פּסיכאָלאָגיע, די „מעסטער" און „וועגער", די פיזיקער און כעמיקער מיט זייערע גראַפן און

כעמישע מיטלען וועלן גרייכן אַ סך ווייטער ווי מיר האַלטן איצטער. „איין צופעליקער שפּרונג פון אַן אַטאָם אין איינשטיינס מוח וואָלט ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף זיין רעלאַטיוויטעט טעאָריע״, זאָגט עדדינגטאָן, און ער איז גערעכט; עס זיינען אָבער אויך גערעכט די כעמיקער וואָס גלויבן — און באַווייזן — אַז כעמישע מיטלען ווירקן אויפן מאַרך און מוח. אלו ואלו זיינען איינשטימיק אַז אַלע דערקלערונגען, אַלע געפינסן וועגן מענטשן קענען קומען בלויז פונם מענטשן. אַריינרופן אויסערלעכע כוחות, אויסערלעכן שכל חוץ דעם מענטשנס שכל, דעם אַזוי גערופענעם קאָסמישן שכל, איז פונקט אַזוי שכלדיק ווי אַריינרופן כישוף. ווען מיר ווייסן ניט איז אַ סך ערלעכער צו זאָגן: מיר ווייסן ניט, איידער רופן צו הילף מיסטישע כוחות. די וויסנשאַפטלייט האָבן אָט דעם כוח צו זאָגן: איך ווייס ניט, דערפאַר האָב איך אַזאַ דרך ארץ פאַר זיי, דערפון מיין גלויבן אין דער וויסנשאַפט, ווייל זי פירט צום אָ ב י ע ק ט י ו ו ן א מ ת.

איך גלויב אויך אין דער קונסט, ווייל זי פאַרשענערט און באַרייכערט אונדזער לעבן, הגם זי, להיפּוך פון דער וויסנשאַפט, קען ניט זיין אָביעקטיוו, זי מוז זיין סוביעקטיוו.

איך ווייס, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט געזאָגט אַז דער קינסטלער מוז זיין אַזוי אָביעקטיוו ווי דער שפּיגל, וואָס שפּיגלט אָפּ קאַלט אַלץ וואָס געפינט זיך פאַר אים, אָבער איך האַלט אַז אָט די מימרא איז אויך אַ . . . סוביעקטיווע. זי קען זייער גוט אָפּגעפרעגט ווערן. ווען לעאָנאַרדאָ גופא האָט געקוקט אין שפּיגל האָט ער טאַקע אָנגענומען אַז דאָס געשטאַלט דאָרטן איז דער אמתער לעאָנאַרדאָ? האָט ער ניט געוווסט אַז זיך אָוועקשטעלן פאַרן שפּיגל איז שוין אַ שטיקל פּאָזע? האָט ער ניט געהאַט דעם געפיל אַז אַ מינוט פאַר דעם איז ער געווען אַן אַנדערער, אַ מינוט נאָך דעם וועט ער ווידער זיין אַן אַנדערער און אַז זיין שכן זעט ווידער אַן אַנדער לעאָנאַרדאָ? לעאָנאַרדאָ האָט געקוקט אין שפּיגל און געמאָלן זיין פּאָרטרעט, איז דער געמאָלענער לעאָנאַרדאָ טאַקע געווען פּינטעלע ביי פּינטעלע ווי דער לעאָנאַרדאָ אין שפּיגל? און אַז אַ מאָלער האָט שוין אויסגעמאָלן אַ שטיקל לאַנד באַדעקט מיט גראָז אַזוי רעאַליסטיש אַז אַ בהמה איז צוגעגאַנגען און געמאַכט אַ פאַרזוך צו עסן דאָס גראָז, האָט דער מאָלער ניט אַ שמייכל געטון: בהמה! דאָס איז דאָך מ י י ן גראָז? אַ צווייטער מאָלער האָט מיט אַן אַנדער שמייכל געקענט אַ זאָג טון: יאָ, אַ גוט ביסל גראָז פאַר . . . בהמות, איך וועל אויסמאָלן מ י י ן גראָז. יעדער בילד טראָגט דעם חותם פון דעם מאָלער, אויב אפילו עס פעלט

די געשריבענע חתימה, סיידן דער מאָלער איז אַ נאָכמאַכער. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן ליטעראַטור און מוזיק. ניטאָ קיינע אָביעקטיווע כללים ווי צו שאַפן (אַ חוץ ריין טעכנישע), עס איז אויך ניטאָ קיין שטרענג אָביעקטיווע מאָס אָפּצושאַצן אַ קונסטווערק. יעדער מענטש האָט זיך זיין מאָס. אויב אַזוי, וועט מען פרעגן, איז דאָך שונד אויך בארעכטיקט? מיין ענטפער: דאָ מענטשן וואָס פּאַסמאַקעווען זיך מיט ווערים, מיינט עס אַז ווערים זיינען אַ גוטער מאכל און אַז אָט די ווערים־פרעסער זיינען גאַסטראָנאָמען? אויב עס זיינען דאָ ווערים־פרעסער, אָדער ווערים־פאַר־פאַסער פון שונדווערק, וואָס וועלן טענהן אַז דאָס איז זייער קונסט, ווייל קונסט איז דאָך סוביעקטיוו, איז געזונטערהייט! נאָר זאָלן זיי האַלטן די קונסט פאַר זיך. ניטאָ קיין גענויע, אָביעקטיווע דעפיניציע פאַר קונסט, וואָס זאָל זיין גילטיק פאַר אַלעמען, עס איז אָבער פאַראַן דאָ אַזאַ „זאַך" ווי קונסט, וואָס פאַרשענערט און באַרייכערט אונדזער לעבן. אין אָט דער קונסט גלויב איך, אין קונסט בכלל און, דער עיקר, אין ליטעראַ־טור, ווייל זי העלפט אויך דעם מענטשן דערקענען זיך אַליין.

איך קום צום לעצטן, צום „גוטן", יידישלעכער, — צו מעשים טובים.

אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין גוט אָדער שלעכט. אַ שטילער, גע־דיכטער רעגן איז גוט פאַרן מענטשן (אויב אפילו ניט פאַר יעדן איינעם אין דער זעלבער צייט) אַ שלאַקס רעגן, אָדער גאָר אַ ערדציטערניש איז שלעכט פאַרן מענטשן, פאַר דער וועלט איז עס ניט גוט און ניט שלעכט. ניט נאָר פאַר דער וועלט, אויך פאַרן וויסנשאַפטלער, קוואַ וויסנשאַפטמאַן, איז ניטאָ קיין גוט אָדער שלעכט, ער זוכט גאָר ניט דאָס גוטע, ער זוכט דעם אמת, די בעסטע דערקלערונג פאַר דערשיינונגען; אפילו פאַרן דאָקטאָר איז סיפיליס ניט קיין מאָראַלישע אָדער אוממאָראַלישע קרייִנק, נאָר אַ פיזיאָלאָגישער ענין. מאָראַל, עטיק האָט גאָרניט צו טון מיט וויסנשאַפט, אויך די קונסט איז ראשה ורובה אַמאָראַליש, זעט איר, מעשים טובים, דאָס איז שוין אַ ריין מענטשלעכער ענין.

לאָמיך גלייך קאָרעגירן — ד ע ר ו ו י י ל איז דאָס נאָך ניט קיין ר י י ן מענטשלעכער ענין, טויזנטער יאָרן זיינען מעשים טובים געווען די מעשים וואָס זיינען טוב בעיני אדוני, און דער בעיני איז ניט געווען סתם אַ מעטאַפאָר, נאָר פשוטו כמשמעו אין די אויגן פון אַ גאָט וואָס זעט, האַלט אַן אויג אויפן מענטשן. פרוכטבאַרקייט פון דער ערד און אויך פונם מענטשן איז געקומען פון אַ גוטן גאָט אָדער געטן; אַ מבול, אַ שטורם, דער טויט — שלעכט פאַרן מענטשן — איז געקומען פון אַ

שלעכטן גאָט. אָט דער גאָט, דעם גוטן ווי דעם שלעכטן, האָט מען געדאַרפט דינען מיט ווערטער, געזאַנג און טענץ, אים מפצה זיין מיט אַ קרבן, האָט עס געמעגט זיין דאָס ערשטע קינד. ווען דער יידישער גאָט, דער מאָנאָטעאיזם, איז געקומען האָט דער גלויביקער אין אָט דעם גאָט זיך באַרימט לגבי די געצנדינער מיט דעם וואָס זייערע געטער האָבן אויגן און זעען ניט, בעת אונדזער גאָט קוקט אַרונטער פון הימל און זעט אַלע מענטשן. אויך צו דעם גאָט האָט מען געדינט מיט וואָרט, געזאַנג און טאַנץ, אים מפצה געווען מיט קרבנות, ערשט שפּעטער זיינען מיר געוואָרן בנים למקום און מתפלל געווען צום פאָטער אין הימל ער זאָל געבן בנים, חיים ומזונות און ער זאָל אויך לערנען ווי צו גיין אין זיינע וועגן. אָט דער גאָט האָט אַמאָל געהאָלפן, אַמאָל געשטראָפט אָט ווי אַ טאַטע, און דעם טאַטן האָט מען ליב געהאַט, אָבער נאָך מער מורא געהאַט פאַר אים.

מענטשן מיט אַ פיינערן געפיל האָבן געפּרוווט זיך ווערן קעגן דעם ענין שכר ועונש, זיי האָבן געפּרעדיקט אַז שכר מצווה איז מצווה, דאָס האָט זיך אָבער ניט צוגעקלעפּט. די אנשי כנסת הגדולה האָבן גערעדט וועגן דעם אַז אַ מענטש זאָל טון גוטס לא על מנת לקבל פּרס, זיי האָבן אָבער גלייך צוגעגעבן: ויהי מורא שמים עליכם. נאָך פאַרן רמב״ם האָבן זיי באַגריפן אַז פאַר אַן אַבסטראַקטן גאָט, אַזאַ וואָס לא ישיגיהו משיגי הגוף, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן; שפּינאָזאָס גאָט האָבן די יידן ניט אָנגענומען, און ביז היינט צו טאָג איז אַ וועלט־שכל־גאָט, אָדער אַ וועלט־סדר־גאָט אַזאַ הוילער באַגריף, אַז מעגן די טהעאָלאָגן און די פילאָזאָפן זיך אַמפּערן וויפל זיי ווילן, דער מענטש, ייד און ניט ייד, נעמט אים נ י ט אָ ן, און ער נעמט אים ניט אָן, ווייל קיין אַבסטראַקטן גאָט ד אַ ר ף ע ר נ י ט.

האַלט ער זיך ביים פּערזענלעכן גאָט?

יאָ און ניין. ראש השנה און יום כפור זיינען די שולן געפּאַקט. אין די שבתים זיינען זיי ניט צו פול און אינמיטן וואָך אַזוי גוט ווי ליידיק. די קלויסטערס די זעלבע זאַך — זונטיקס פול, אינדערוואָכן ליידיק. וואָס מיינט עס?

קודם מיינט עס אינערציע. טויזנטער יאָרן בעטן גאָט, גיין אין שול אָדער קלויסטער, פאַרשווינדן ניט מיט אַמאָל, אין איין דור צי אפילו אין איין יאָרהונדערט, דער זיידע, דער טאַטע איז געגאַנגען, אַלע גוטע פרומע לייט גייען, גייט ער אויך. ווען אָט די אינערציע קריגט נאָך אַ שטויס —

איין מלחמה און שרעק פֿאַר אַ צווייטער — ווערט די צאָל שול־קלויסטער גייער פֿאַרגרעסערט, זיי גייען אָבער ניט אין גאָטס הויז צו הערן דאָרט גאָטס וואָרט, די שול, דער קלויסטער איז געוואָרן דער מקום מקלט, ווו דער מענטש קומט זיך ראַטעווען פֿון דער מורא פֿאַרן טויט. ימים נוראים, ווען עס איז אַ פֿראַגע פֿון מי יחיה ומי ימות, מוז מען גיין. יזכור איז געוואָרן די וויכטיקסטע תפילה. צוליב דעם איז געגוג צו גיין דריי פֿיר מאָל אַ יאָר, ג׳יט ער יעדן שבת אָדער זונטיק, איז עס טיילוויז כדי צו . . . פֿאַרברייגען. נו יאָ, פֿאַרברייגען! די שול, דער קלויסטער איז אַ פּלאַץ ווו מ׳קען „יענעם זען, זיך ווייזן״; דער „ראַבבאַי״ רעדט די וואָך וועגן דעם לעצטן „בעסט סעללער״, דער גלח האָט איינגעלאַדן אַ „באַרימטע פּערזענלעכקייט״ פֿון האָליוווד. יידן שטעלן צו דעם קלענסטן פּראָצענט שול גייער, קומט עס ניט אַמאָל דערפֿון וואָס זיי שטעלן צו דעם גרעסטן פּראָצענט טעאַטער און קאָנצערטן גייער? אויב פֿאַרברייגען, קען מען אין טעאַטער בעסער ווי אין שול. זיינען שוין דאָ ראַבבאַיס וואָס ריכטן אָפּ „גאָטעסדינסט״ אויף ראַדיאָ און טעלעוויזיע — אַ פֿאָרשטעלונג אַזאַ — און שוין דאָ אַ היפּש ביסל יידן וואָס קוקן צו די פֿאָרשטעלונג און אי הנאה געהאַט, אי יוצא געווען פֿאַר גאָט.

די טעלעוויזיע ראַבבאַיס מוזן ניט זיין קיין צדיקים, אויך ניט קיין תלמידי חכמים, זיי מוזן אָבער האָבן אַ טעלעוויזיע פּערזענלעכקייט, זיין אַליין גוטע רעזשיסאָרן, אָדער דינגען אַזעלכע, מאַכן די „סוירוויסעס״, די עבודה, הייסט עס, עובר לסוחר, עס זאָלן אַריינקומען די ריכטיקע ענטפֿערס, אין דאָלאַרן און, ווער וויסט, אויב מ׳וועט נאָכקאָנטראָלירן און אויסגעפֿינען אַז די אוידיענץ איז טאַקע אַ גרויסע, קען מען זיכער קריגן אַ „ספּאָנסאָר״, אָהּ, אַ מצה פֿירמע, אַ ווייַן פֿירמע, אָדער גאָר אַ בשר כשר געשעפֿט, וואָס זאָל גוט באַצאָלן דערפֿאַר. רעליגיע, ווי אַלע אַנדערע געשעפֿטן, דאַרף זיך באַצאָלן . . .

קאַריקאַטור?

וואָס איז קאַריקאַטור? איין שטריך פֿון פּנים אַקצענטירט, לאָמיר זאָגן, אויסגעצויגן דעם נאָז אַ ביסל לייגער, אָבער אָט דער איינער אַקצענטירטער שטריך קען ווייזן דעם א מ ת ן פּנים בעסער ווי אַ געטרייע פֿאָטאָגראַפֿיע. איך ווייס ניט צי קען מען שוין אָנרופֿן אונדזער צייט די גאָטלאָזע עפּאָכע, אָט דינט מען דאָך גאָט, מער ניט, מ׳טוט עס אַלאַ האָליוווד און, מיר לעבן דאָך עפּעס אין אַ צייט פֿון רעלאַטיוויטעט, וואָס פֿאַר אַ מקום (פּלאַץ) רעליגיע פֿאַרנעמט ביים מענטשן, אַזאַ מקום (גאָט)

שאַפּט ער זיך. פאַר די באַציונגען בין אָדם למקום איז אַזאַ גאָט אויך געגוג. אַ קאַטאָליק קען זיך „באַגעגענען" מיט גאָט דריי מאָל אין זיין לעבן — ביים געבוירן ווערן, חתונה האָבן און ביים שטאַרבן און פאַר־רעכנט ווערן פאַר אַ גוטן קאַטאָליק, ווער שמועסט נאָך אַז ער גייט איין מאָל אין יאָר זיך מתודה זיין, איז ער שוין אַ גלויביקער קאַטאָליק. פאַר וואָס זאָל עס אַ ייִד אויך ניט קענען? אַ גרינגע רעליגיע איז זייער באַקוועם. די פראַגע איז נאָר צי קען מען אין נאָמען פון אַזאַ שול־קלויסטער־ראַדיאָ־טעלעוויזיע־האָליווד גאָט קומען צום מענטשן און ריידן מיט אים וועגן מצוות מעשיות, מעשים טובים, די מצוות בין אָדם לחברו? איך צווייפל זייער שטאַרק. איז אויב אין ד ע ם גאָטס נאָמען ניט, אין נאָמען פון אַן אַבסטראַקטן גאָט אודאי ניט, טאָ אין וועמעס דענס נאָמען?

איינשטיין, וואָס איז אַזוי אויסדריקלעך קעגן אַ פּערזענלעכן גאָט, רופט די רעליגיע לערער זיי זאָלן מיטן כוח פון דער רעליגיעזער טראַ־דיציע, וואָס איז שטאַרקער פונם שכל, רופן דעם מענטשן צו מעשים טובים, „אַנטוויקלען דעם מענטשן ער זאָל קענען פריי און מיט חשק אָוועקגעבן זיינע כוחות אין דינסט פון דער גאַנצער מענטשהייט". אַזוי זאָגט ער אין איין פלאַץ (וויסנשאַפט און רעליגיע), דעם וואָלף ציט עס אָבער אין וואַלד אַריין. אין זיין קורצער אָפּהאַנדלונג „די געזעצן פון דער וויסנשאַפט און די געזעצן פון עטיק" זאָגט ער: „עטיק איז טאַקע ניט וויסנשאַפט, אָבער עטישע הנחות קענען זיין כמעט דאָס זעלבע ווי וויסנ־שאַפטלעכע אַקסיאָמעס און פּונקט ווי מ׳קען פרעגן: אויף וואָס איז באַזירט די וויסנשאַפטלעכע אַקסיאָמע? קען מען אויך פרעגן אויף וואָס איז באַזירט די אַקסיאָמע: זאָלסט ניט זאָגן קיין ליגן? און ער האָט אויך דעם לאָגישן ענטפער: „ליגן גראָבט אונטער דעם צוטרוי פון איין מענטשן צום צווייטן, אָן דעם צוטרוי איז אוממעגלעך, על כל פנים זייער שווער, וועלכע עס איז געזעלשאַפטלעכע מיטאַרבעטערשאַפט, אַזאַ קאָ־אָפּעראַציע איז אָבער דורכאויס נויטיק דער מענטש זאָל קענען לעבן אויף דער וועלט, ממילא איז געדרינגען אַז דער כלל זאָלסט ניט זאָגן קיין ליגן שטאַמט פון דער גאָר וויכטיקער פאָדערונג „דאָס מענטשלעכע לעבן מוז אויפגעהיט ווערן" און „ווייטיק און ליידן זאָל ווי ווייט מעגלעך פאַרמינערט ווערן". עטישע אַקסיאָמעס ווערן געפונען און אויספּרובירט ניט קיין סך אַנדערש ווי וויסנשאַפטלעכע אַקסיאָמעס. דער אמת האַלט אויס די פּראָבע פון דערפאַרונג".

איך בין שטאַרק מסופק צי איינשטיין האָט ווען עס איז אַריינגעקוקט

אין „מורה נבוכים”, בלא יודעים האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם זעלבן געדאַנק וואָס דער רמב״ם — מ׳דאַרף ניט נאָר גלויבן, נאָר אויך פילאָזאָפיש באַגרינדן מיטן שכל. די פראַגע איז, צי קען מען מיט אָט דער שכל־באַגרינדעטער עטישער אַקסיאָמע „לא תשקר” קומען צו די דיפּלאָמאַטן פון דער וועלט און זיי זאָלן די אַקסיאָמע אָננעמען. איך האָב אַ חשד אַז זיי וועלן פונקט אַזוי פּאָלגן דעם לא תשקר פון אַלבערט איינשטיין ווי דעם לא תרצח פון משה בן עמרם אָדער גאָט ברוך הוא. לא תרצח? אודאי! אָבער פאַר גאָט און זיין גלויבן איז תרצח! דאָס איז דאָך אַ הייליקע מלחמה. און אַ מלחמה פאַר מ י י ן לאַנד איז ניט הייליק? איז ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער גלח: לויב דעם אויבערשטן און דערלאַנג די אַמוניציע. ואהבת לרעך כמוך? אודאי! ווּעסט מיך ניט ליב האָבן, וועל איך דיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן. גלויבן אין גאָט האָט ק י י נ מ אָ ל ניט געשטערט צו טון מעשים תעתועים און היינט אודאי ניט. דער גלויבן האָט יאָ געשטערט, און שטערט נאָך היינט, זוכן דעם אמת. ערשט ווען דער מענטש האָט זיך באַפרייט פון גאָט מיט זיינע געטלעכע משרתים, האָט געגנומען אָפּעררירן מיטן שכל, האָט ער אויפגעטון וווּנדער. איך דערלויב זיך צו זאָגן אַז צוויי הונדערט יאָר שכלדיקע זוכעניש, וואָס האָט געבראַכט אַ הויכע ציוויליזאַציע, האָט געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג אויפן מענטשלעכן לעבן הן פאַר זיין ווּילזיין, הן פאַר זיין ווייזיין, ווי צוויי טויזנט יאָר רעליגיע. מיר לעבן אפשר אין אַ גאָטלאָזן דור, אין אַ דור פון העדאָניזם, אַ דור פון עס און טרינק און לאָז זיך ווּילגיין, מיר לעבן אָבער אויך אין אַ דור פון וויסנשאַפט, און אָט די שכלדיקע וויסנשאַפט האָט זיך צוגעקלעפּט צום מענטשן בעסער ווי די רעליגיע. ער לעבט מיט דער וויסנשאַפט ביודעים צי בלא יודעים.

די וויסנשאַפט האָט געבראַכט די . . . אַטאָמישע באָמבע? קיינער לייקנט ניט. אָבער אויב איינשטיין, די עטישע פּערזענלעכקייט, קען ניט פּועלן ביי די דיפּלאָמאַטן זיי זאָלן ניט ליגנערן, אין נאָמען פון דער ריינער עטיק; אויב ער קען אויך ניט פּועלן ביי זיי דעם געטלעכן אָדער טראַדיציאָנעלן לא תרצח אין נאָמען פון גאָט אָדער דער טראַדיציע, קען ער אפשר יאָ מיטן כוח פון דער ש כ ל ד י ק ע ר, וויסנשאַפטלעכער אַטאָם באָמבע צווינגען זיי זאָלן זיך גוט פאַרטראַכטן איידער זיי לאָזן זיך אַרויס אויפן וועג פון רציחה.

ווי לאַנג איז עס אַז מ׳האָט געהיילט מענטשן מיט אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג, מיט פאָרן צו אַ זנאַכער אָדער אַ גוטן יידן? דער מיקראָסקאָפּ —

אויך אַ גוט אויג — האָט געוויזן דעם באַציל און אויסגעוויזן אי דעם זנאַכער, אי דעם גוטן יידן. פאַרליינגערט דאָס לעבן פון מענטשן האָט ניט דער כבוד אָב, נאָר טאַקע דער זעלבער מיקראָסקאָפּ, די מעדיצין.

איך ווייס, מיר יידן האָבן עטלעכע הונדערט יאָר געלעבט אָן רציחה און גזילה, מיר האָבן געפירט אַ ערלעך לעבן, האָבן מקיים געווען מצוות מעשיות טאַקע לחי בהם. זיינען דאָ אַזוינע וואָס זאָגן אַז דאָס איז געקומען דערפון וואָס מיר יידן זיינען די איינציקע אומה וואָס האָט טאַקע „געלעבט מיט גאָט”. איך צווייפל זייער שטאַרק צי איז דאָס טאַקע אַזוי. געווען אַ היפּש ביסל אַנדערע סיבות דערפאַר. וואָלטן מיר טאַקע געווען אַזוי „געטלעך” אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט וואָלטן מיר ניט געקענט אַזוי גרינג אַרונטערוואַרפן די געטלעכקייט און ווערן „מיט לייטן גלייך” דאָ אין אַמעריקע ווי אויך אין אַנדערע לענדער, ווו עס זיינען שוין דאָ י י ד י ש ע מ ע ר ד ע ר.

דער געדאַנק אַז מאָראַל, עטיק, מעשים טובים איז אַן ענין פון רעליגיע איז לכתחילה געווען אַ פאַלשער, אָדער, ווי זשיטלאָווסקי וואָלט געזאָגט, אַ היסטאָרישע אידייען פאַרבינדונג, ניט קיין לאָגישע אָדער נאַטירלעכע. מצוות שבין אָדם לחברו האָבן גאָרניט צו טון מיט גאָט, נאָר מיט אָדמן, מיטן מענטשן. וואָלט שוין אפשר צייט געווען אָוועקצוגיין פון אַ גאָט וואָס איז למעלה מן השכל; פון גאָטס הויז, ווו זיין וואָרט הערט זיך סיי ווי ניט און גיין צום מענטשן מיט זיין ביסל שכל, אַריינגיין צו אים אין הויז ווו ער לעבט; אַרויסגיין פון דער שול, ווו ער בעט כלומרשט גאָט, און אַריינגיין צו אים אין שול ווו ער לערנט, זען דאָרטן צי קען מען אים ניט אויסלערנען זיין אַ שטיקל מענטש, טאַקע מיטן שכל.

— מיטן שכל? און ווו איז פרויד? און טויזנטער יאָרן פאַר פרוידן האָט מען שוין געוווסט אַז יצר לב האָדם רע מנעוריו.

וועגן פרוידן האָב איך שוין געזאָגט, ער איז שיר ניט געווען אַזוי פּאָפּולער ווי איינשטיין און אים האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען אפשר ניט מער מענטשן ווי איינשטיינען. עס קען קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, דער ערשטער וואָס איז צוגעגאַנגען צום מענטשן מיט אַ ביסל שכל איז געווען זיגמונד פרויד. און וועגן דעם יצר? אודאי איז ער דאָ, אָבער טאַקע דערפאַר דאַרף מען אָנהייבן מנעוריו. קען מען טאַקע ניט דערציען אַ מענטשן פון קליינערהייט אַן ער זאָל אינזינען האָבן ניט נאָר זיך, נאָר זיך קענען „דערהייבן צום איבערפּערזענלעכן, מיט חשק אָוועקגעבן זיינע כוחות פאַר דער מענטשהייט” (איינשטיין)?

איך ווייס אַז דאָס טוט זיך ניט אַזוי גרינג ווי עס שרייבט זיך. שווער צו דערציען אַ מענטשן ער זאָל אָפּהיטן דעם לא תרצח, ווען ער זעט פון קינדוויז אָן אויף זיין טעלעוויזיע ווי מ׳שיסט און מע מאָרדעוועט, זיין שפּילצייג איז אַ רעוואָלווער און שפּעטער, אין שול, גלאָריפיצירט מען דעם גענעראַל. שווער צו דערציען אַ מענטשן ער זאָל ניט טראַכטן פון וואָס מער געלט פאַר זיך, ווען מ׳הערט און מע זעט אַז די ווערט פון עפּעס אָדער פון וועמען איז וויפל עס ברענגט אַריין, וויפל מיליאָנען פאַרמאָגט דער און דער, און אפילו וויסן גופא איז גאָרניט, סיידן עס ברענגט אַריין גו . . . כאָטש פיר און זעכציק טויזנט דאָלאַר. ניט אַזוי גרינג צו דערציען אַ מענטשן ער זאָל וועלן פאַרדינטע אָנערקענונג פאַר אַ גוטן אויפטו, ער זאָל אָבער אויך פילן די גוטסקייט פון מתן בסתר, פון טון פאָרשערישע אַרבעט אין דער שטיל, ווען זען דעם אייגענעם נאָמען אָדער בילד אין צייטונג, מ׳רעדט שוין ניט פון זיך ווייזן אויף טעלעוויזיע, מעג עס זיין אין פאַרבינדונג מיט גאָר מיאוסע מעשים, איז אַ דערגרייכונג, „קוקט אויף מיר״ איז אַ קולט און ביליקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען די „וועג־ווייזער״. שווער צו דערציען אַ מענטשן ער זאָל זיין אַ גלייכער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט, ווען קאָנקורענץ איז אַ יסוד פון לעבן, איינעמס ברויט איז דעם צווייטנס טויט, בדאי יענעם דעם גאָרגל איבערשניידן, אַבי איך זאָל האָבן מער. שווער צו דערציען אַ מענטשן אַז אַלע מענטשן, איבער דער גאָרער וועלט, זיינען... מענטשן, ווען מ י י ן לאַנד איז דאָס בעסטע, מ י י ן פאָלק איז דאָס שענסטע, און מיין פאָלק מיינט איך און מיינס גלייכן, דאָס הייסט, איינער פון מ י י ן קאָליר, מ י י ן גלויבן, מ י י ן אָפּשטאַם. און אודאי איז שווער אויס־צוראָטן ביים מענטשן די דורשט נאָך מאַכט, וואָס ווערט ניט געשטילט ביז ער׳ט ניט באַהערשן די וועלט, ווען אַ מוסאָליני אָדער אַ היטלער זיינען פאַרהעלדישט און פאַרהערלעכט געוואָרן אַזוי, אַז וואָלטן זיי ניט באַקומען די מיתה משונה וואָלטן וועגן זיי געשריבן געוואָרן אפשר נאָך מער ביכער ווי וועגן אַ פריערדיקן מערדער־העלד — נאַפּאָלעאָן.

יאָ, אַ גאַנץ שווערע און אַ לאַנגע אַרבעט, אַ סך זאַכן דאַרפן געביטן ווערן אין אונדזער לעבן כדי דער מענטש זאָל קענען דערצויגן ווערן צו זיין אַ שטיקל מענטש, אָבער שווער מיינט ניט אוממעגלעך, און עס מיינט אויך ניט אַז מע דאַרף דערצו רופן די הילף פון גאָט אין הימל, דאָס דאַרף טון דער מענטש גופא און טון קען ער עס נאָר מיט זיין ביסל שכל.

דער מענטש! אָט די טיפּה סרוחה! אָט די חיה רעה!

שטערן שטויב שטינקט אפשר ניט אַזוי ווי די טיפּה סרוחה, און דער טיגער איז א ווייכהאַרציקע באַשעפעניש אין פאַרגלייך מיטן מענטשן, דאָך גלויב איך נאָך אינם מענטשן, און נאָר אין אים, וויל אַן אים איז גאָר־ניטאָ, אָבער טאַקע לחלוטין גאָרנישט.

לאָמיך ניט שלעכט פאַרשטאַנען ווערן. איך בין ניט פון די „אידעאַ־ליסטן”, פאַר וועמען די וועלט איז בלויז אַ אידייע, אַ פיקציע פון זיין מאַרך, ניטאָ דער טרעגער פון דער „אידייע” איז ניטאָ קיין וועלט. די זון וועט געבן איר טעגלעכן ספּעקטאַקל אויב אפילו איר איינציקער צושויער וועט זיין דער ים; דער ווינט וועט שפּילן זיין נאַכטלעכע סימפאָניע אויב אפילו זיינע צוהערער וועלן זיין די בערג און טאָלן. דאָ אַ וועלט, נאָך אַ מין וועלט! איך, דער מענטש, — אַ שפּילקע קעפּל, אַ. . . טיפּה סרוחה, אָבער פון אָט דער טיפּה סרוחה האָט זיך אַנטוויקלט אַ באַשעפעניש, וואָס קען שאַפן און פאַרנעמען דעם איידלסטן ריח ניחוח, וואָס קען רויכערן די דינסטע קטורת. דער טיגער האָט קיינמאָל ניט געשאַפן קיין אינקוויזיציע, ער האָט אָבער אויך ניט אויסגעפינען קיין אַנעסטעטיק. די מענטשלעכע חיה רעה האָט אַנטוויקלט און וועט נאָך אַנטוויקלען אַ שכל, וואָס גרייכט ביז די שטערן. קוקנדיק אויף די שטערן מיט זיין צוויי הונדערט־צאָליקן אויג, דעם טעלעסקאָפּ אויפן פּאַלאָמאַר באַרג, דערפילט ער אָט די הכנעהדיקע דערהייבנקייט וועגן וועלכער איינשטיין רעדט אַז דאָס איז זיין רעליגיעזער געפיל, ער דערפילט ווי קליין דער מענטש איז אין אָט דער גרויסער וועלט און צו דער זעלבער צייט נעמט אים דורך דער שטאָלצער געפיל — פון אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט איז ער דער איינציקער וואָס קען אַזוי פילן, דער איינ־ציקער וואָס קען באַנעמען אָט די גרויסע וועלט מיט זיין שכל. אודאי איז דער שכל באַגרענעצט, ניט אַלץ קען ער וויסן, און וויסן איז ניט אַלץ, אָבער אויך צו דעם געדאַנק איז ער געקומען דורכן שטיקל שכל.

שלטון השכל! נאָך הירֹאשימאַ און נאַגאַסאַקי; בחיר היצירה, נאָך טרעבלינקע און מאַידאַנעק. טפּשות! אידאָטסטווע! חוצפּה!

אין טרעבלינקע, מאַידאַנעק, נאַגאַסאַקי בין איך . . . אויך געווען. זייענדיק דאָרטן, האָב איך אַ קוק געטון אין שפּיגל און מיר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט אָנשפּייען אין פּנים יענעם פאַרשוין אין שפּיגל, איך האָב זיך אָבער דערמאָנט אַז אין דער זעלבער וועלט, אין דעם זעלבן דור ווען עס האָט געלעבט אַן אַדאָלף היטלער האָט אויך, באלף אלפי הבדלות, געלעבט אַלבערט איינשטיין, און איך האָב געזאָגט: שקול א. איינשטיין

כנגד כל ההיטלערס. אויב דער מין מענטש קען נאָך אַרויסגעבן אַזאַ בריאה ווי אַלבערט איינשטיין, איז זכותו יגן עלינו, דאַרפן מיר זיך ניט שעמען מיטן באַמען מענטש.

קען זיין אַז עס וועט קומען נאָך אַ דור, עס וועט זיין נאָך אַן אַדאָלף, הירָאָשימאַ און נאַגאַסאַקי וועלן זיין פּייערווערק קעגן דעם נייעם חורבן, עס וועט אָבער אויך זיכער זיין אַ איינשטיין; אַטאָמישע, קאָסמישע ענערגיע וועט די חורבות אויפבויען, מענטשן וועלן ווידער אויפגעריכט ווערן. אַ גאָט, וואָס בויט ווייט וועלטן און מאַכט זיי חרוב — בלויז צוליב צייט־פאַרטרייב — האָט איר אָנגענומען, פאַרוואָס ניט אָננעמען דעם צוויי־העַנטיקן, צוויי־פּנימדיקן און צוויי־יוצרדיקן מענטשן? זעמל מעל ווילט איר? איך וויל אויך! אָבער ניטאָ קיין סולת אָן פּסולת. די ראָ־מאַנטישע ליגנערייען וועגן דעם ליבן, דעם געטלעכן מענטשן, מיט זיין שיינעם גייסט וואָס לעכצט נאָך געטלעכער שיינקייט און דער באַרימטער קריסטלעכער ליבע פירן אָדער צו ליבע־בלינדקייט — רק טוב, אך טוב, אָדער צו שוואַרצער, פינצטערער פאַרצווייפלונג — כלו כל הקצין, עק וועלט, ניטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט.

דער מענטש איז דאָ און האָט גוטע אויסזיכטן צו בלייבן אַ לייַנגערע צייט אויף דער וועלט. אויב עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער מוח פון אַ איינשטיין וועט זיין די נאָרמע און איבער דער נאָרמע וועלן נאָך זיין גאונים, מעג מען זיין זיכער אַז אפילו דעמלט וועט ניט פעלן קיין היטלער אין וועלכער עס איז פאָרמע, קיין מענטש פון ל ו י ט ע ר ש כ ל וועט ניט זיין. ווי דער בוים, ציט דער מענטש זיין יניקה ערגעץ אין דער פינצטערער ערד, ווי דער בוים, האָט ער אָבער אויך זיין קרוין, וואָס ציט זיך צו דער זון, ער האָט זיין קאָפּ, זיין קלאָרן פאַרשטאַנד, וואָס גרייכט עד לב השמים.

אויסגעביטן אַנטראָפּאָמאָרפיזם אויף אַנטראָפּאָ־צענטריזם, אַן אַלמעכ־טיקן גאָט אויף אַ שוואַך שטיקל טשערעט — דעם מענטשן; דעם ברע־נענדיקן דאָרן אויף אַ . . . עלעקטריש לעמפּל; גאָטס וואָרט אויף אַ . . . געאָמעטרישער פאָרמולע. פונם מענטשן וועט עס קומען די ישועה? און וואָס וויל דען גאָט, אויב ניט דער מענטש זאָל גיין אין זיינע וועגן און טון גוטס?

מיין ענטפער:

טויזנטער יאָרן איז מען געגאַנגען אויף דעם געטלעכן וועג און ער האָט אין ערגעץ ניט דערפירט. געהייסן האָט עס: צו גאָט איז ווייט און

זיינע דרכים זיינען פאַרהוילט, גאָט און זיין משפּט איז גערעכט. איז מען כלומרשט געגאַנגען אין גאָטס וועגן, גערעדט אין זיין נאָמען און געטון כל דבר אסור. מע האָט אָנגענומען די מיאוסטע מעשים און מ׳האָט צוגעבאָמקעט גם זה לטובה. אפילו אויף טרעבלינקע און מאַידאַנעק האָבן פרומע יידן געזאָגט צידוק הדין. מיר קענען ניט משיג זיין גאָטס דרכים. היטלער? אפשר איז ד אָ ס געווען גאָטס בייטש. און אָט די פרומע יידן, וואָס האָבן אַזוי געוויינט אויפן יידישן חורבן, און געוויינט מיט אויפריכטיקע טרערן, האָבן מיט זייער צידוק הדין באַפרייט דעם מערדער פון זיין שולד, היטלער — גאָטס בייטש, די אַלע דייטשישע מערדער — פעדים פון אָט דער געטלעכער בייטש, די שולדיקע זיינען גאָר די זעקס מיליאָן אויסגעהרגעטע, אנשים נשים וטף. און, ווידער, עס שטייט דאָך געשריבן: די וועמען ער ליבט שטראָפט ער. ווער קען וויסן גאָטס דרכים, ווער קען פאַרשטיין זיינע צילן?

ניט ווילנדיק דערמאָנט זיך בערטראַנד ראָסעלס אַ זאָג: אויב די אַלע צעשטערערישע מעשים אין דער נאַטור זיינען עס געטלעכע צוועקן, איז נערא, דער רוימישער קייסער, געווען אַ צדיק. עס ווילט זיך נאָך צוגעבן: אויב דאָס איז געטלעכע ליבע, איז מוחל אַזאַ ליבע, זיך שוין בעסער ווענדן צו די שונאים, צום מענטשן.

צום מענטשן איז נאָענט, זיינע מעשים שטייען אָפן, ער און ניט קיין אַנדערער טראָגט די אחריות פאַר זיינע מעשים, טוט ער שלעכטס, דאַרף ער געבן דין וחשבון זיינע מיטמענטשן, און ניט איבער הונדערט יאָר, נאָר טאַקע גלייך, שוין. און זאָל ער זיך ניט פאַררופן אַז ער האָט עס געטון אויפן געבאָט פון עפּעס אַ גאָט, ער האָט עס געטון אין זיין אייגענעם מענטשלעכן נאָמען און ער דאַרף אָט דעם נאָמען אָדער מקדש זיין אָדער ימח שמו. יאָ, דעם נאָמען מענטש דאַרף מען מקדש זיין, מ׳דאַרף אים פאַרדינען.

און אָט דער מענטש, אָט דער אָדם קדוש, וועט עס ברענגען דעם גן עדן אויף דער וועלט?

ניין! גן עדן איז אַ פיקציע, אַן אויסגעטראַכטער מקום מקלט, וווהין מיר אַנטלויפן ווען אונדז איז שלעכט. ווער עס אַנטלויפט אין דער פאַר־גאַנגענהייט — אַמאָל איז געווען גוט, אַי, די אַמאָליקע יאָרן! ווער עס אַנטלויפט אין דער צוקונפט — אַז משיח וועט קומען . . . צו אָט די אַנטלויפער מוז מען זאָגן בפה מלא — ניטאָ קיין גן עדן! ניט געווען און עס וועט ניט זיין. אויך משיחן האָט אויסגעטראַכט דער מענטש, און ער

האָט אים אויסגעטראַכט ווייל ער איז ניטאָ און ער וועט ניט זיין. עס איז דאָ אַ מענטש, און אָט דער מענטש איז אַ געמיש פון ליכט און שאָטן, פון גוטס און שלעכטס, פון שכל און טפשות, פון פאַרשטאַנד און תאוות. זיין וועלט, ווי זי איז געווען ביז איצט און וואָס ער וועט ווייטער שאַפן, וועט אויך זיין בצלמו, אַ געמיש פון גוט און בייז. עס איז אָבער דאָ די האָפענונג אַז ווען דער שכל וועט דאָמינירן וועט דאָס בייז געמינערט ווערן און, גוט צי שלעכט, ערוב דערפאַר איז דער מענטש, ער און נאָר ער, ער דאַרף אָפּגעבן דין וחשבון, און ניט פאַר עפּעס אַ גאָט אין די הימלען, נאָר פאַרן מענטשן דאָ אויף דער ערד, ווייל די ערד איז דאָך זיכער זיינע, והארץ נתן לבני האָדם, און די הימלען? אנוש יספר כבוד השמים.

און דעריבער — אני מאמין באנוש.

אַ קליינע אמונה. מישטיינס געזאָגט — מענטש. אָבער קיין גרעסערס זע איך ניט, און איכ׳ל בעסער גלויבן אינם קליינעם מענטשן וואָס איך זע, איידער אין אַ גרויסן גאָט וואָס איך זע ניט.

קורצזיכטיק?

לפי דעתי — ניין, פשוט, אויפריכטיק.

מעשה בשלשה ישיבה בחורים

הערשל מאַרקס האָט אויף מאָרגן שוין געזאָלט גיין צום שמד, ווען זיין זיידע, דער רב, איז אים געקומען צו חלום. דער זיידע האָט אָנגעקלאַפּט דריי מאָל מיט זיין שטעקן און געזאָגט: זעסט דעם שטעקן? אויף אים קען קיין פּרי ניט וואַקסן: מ׳האָט אים אָפּגעשניטן פון בוים. שנייד ניט אָפּ די צווייג פון בוים, ער וואַקסט ביי דיר אַ גוטע פּרי. דער זיידע האָט אים דערלאַנגט אַן עפּל, און דער ריח איז געווען אַזוי שאַרף, און אַזוי גוט, אַז ער האָט . . . זיך אויפגעכאַפּט און . . . זיך פאַרטראַכט. אינ־דערפרי האָט ער גענומען זיין יינגל קאַרל, אים אַוועקגעפירט קיין אַמ־סטערדאַם, אים דאָרט באַשטאַט ביי זיין ווייבס קרובים, געדונגען אים אַ מלמד און אָנגעזאָגט: גיט אַכטונג אויפן יינגל, עס וואַקסט אַ פּרי.

און אַ פּרי איז עס אויסגעוואַקסן. צו אַכצן יאָר האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשטן ספר, אַ פּירוש אויף שנים אוחזין בטלית, אויף דער גאַנצער בבא מציעא, און דעם ספר אַ נאָמען געגעבן נחלת צבי, אַ מתנה דעם טאַטן. מ׳האָט אים פאַרגעלייגט מער ווי איין כסא הרבנות, אָבער דער יונגער חריף האָט ניט געוואָלט זיין קיין רב, פּסקענען קיין שאלות, אַ ישיבה האָט ער געגרינדעט, ווו ער איז געווען דער ראש, יומם ולילה איז ער געזעסן און געלערנט, און געשריבן, אָנגעשריבן אַ פּירוש אויף אַלע דריי בבאס, אויף גאַנץ ש״ס, און דער פּירוש איז גלייך באַקאַנט געוואָרן בכל תפוצות ישראל, פּירוש מאַרקסאָ.

און אַ פלוגתא האָט זיך אָנגעהויבן אין די ישיבות פון דער וועלט — מהרש״א, אָדער מאַרקסאָ? אַ סלאָבאָדקער ישיבה בחור, באַגעגענענדיק זיך מיט אַ וואָלאָזשינער, האָט היציק געטענהט: מיטן מהרש״א לערנסטו? מיטן מאַרקסאָ לערן! ער האָט דאָך אָפּגעשאַפט דעם תיקו, האָט ער אָפּגעשאַפט!

— אָפּגעשאַפט דעם תיקו?

— יאָ יאָ, אָפּגעשאַפט דעם תיקו! פאַרשטייסט? ניטאָ קיין תרתי

דסתרי, ניטאָ קיין תיקו. עס איז דאָ אַן אַנאַנד און ווידעראַנאַנד, און פון דעם אַנאַנד און ווידעראַנאַנד קומט אַרויס אַ ב אַ נ אַ נ ד, און דאָס פּאַרענטפערט אַ ל ע קשיות. לערן מיטן מאַרקסאַ, לערן.

די ישיבה בחורים האָבן זיך פאַרטיפט אין מאַרקסאַ, ווו אַ ישיבה האָט מען רק געפּאָדערט דעם פּירוש מאַרקסאַ. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז די אלמנה והאחים ראָם זיינען געווען געצוווּנגען צו דרוקן אַ נייעם ש״ס מיטן פירוש מאַרקסאַ.

געמיינט האָט מען אַז דאָס איז שוין דער לעצטער פירוש אויף דער גמרא אָבער לא אלמן ישראל.

אין ווין איז אַ יינגעלע געגאַנגען שפּאַצירן מיט זיין טאַטן. קומט אָן אַן אָפיצער, וואַרפט אַרונטער. דעם טאַטנס היטל, שטופּט אים אַרונטער פון טראָטואַר און גיט נאָך צו: שמוציקער ייד! האָט דער ייד זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן די היטל, זי אָפּגעפּוצט, אָנגעטון, אַ נעם געטון דעם קינדס הענטל — קום! — האָט דאָס יינגעלע נאָכגעשפּאַנט דעם טאַטן און געהאַלטן אין איין פרעגן: פאַרוואָס האָט יענער מאַן אַרונ־טערגעוואָרפן דיין היטל? וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס איז אַ ייד?

— קום! — האָט דער טאַטע נאָך שטאַרקער אַ צי געטון דאָס קינד.

— קום! — און ער האָט אים אָוועקגעפירט קיין פּרעשבורג, אים אַריינ־געגעבן אין אַ ישיבה און אָנגעזאָגט דעם ראש הישיבה: גיט אַכטונג אויף מיין קינד. ער האָט אַ שאַרף קעפּל. איר קענט מיט אים לערנען וואָס איר ווילט, אָבער קודם לערנט אים אויס וואָס איז אַ ייד און ווי צו זיין אַ ייד.

און דאָס יינגל האָט געלערנט. אַלץ הייסט געלערנט! ער האָט גע־שלונגען! ש״ס און פוסקים, און אויך אַ ביסל ספרים חיצונים. צו ניינצן יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ ספר "צפנת פענח".

אָט דער ספר, כלומרשט אַ פותר חלום ספר, האָט זיך פאַרשפּרייט אין די ישיבות, ישיבה בחורים האָבן אים געשלונגען. די ראשי הישיבות האָבן אַריינגעקוקט אין דעם ספר און געמאַכט אַ גוואַלד: אפיקורסות! אין די פתרונים אויף די חלומות האָבן זיי דערזען אַז דאָס איז ניט סתם אַ חלום און אַ פתרון, דאָס איז גאָר אַ מלחמה צווישן דעם יצר הרע מיטן יצר טוב, און דער יצר הרע, רחמנא ליצלן, איז גובר. און ניט נאָר דאָס. דער מחבר, איינער וואָס צייכנט זיך אונטער בן יעקב איז גאָר אַ בן סורר, היינו, ער ווייזט אָן, אַז פונקט ווי ביי זיי, ביי די אומות העולם, איז דאָ אַ לימוד וואָס רופט זיך ביאָלאָגיע, האָבן מיר אויך הלכות ביאה און

אַט דאָס אָ, אַט די הלכה, ביאה, הייסט עס, שטייט גאָר ברומו של עולם. פסול! פסול! חרם! — האָבן געשריען די ראשי הישיבות, און די ישיבה בחורים האָבן געהאַלטן דעם „צפנת פענח" אונטער דער גמרא און גע־שלונגען יעדעס וואָרט, און דער מחבר, ווען ער האָט געהערט פון די מחלוקות, האָט געשמייכלט — וואַרט! און ער האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן. אינגיכן איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ פירוש אויף דער גמרא נדרים. נדר וגדר, האָט ער אַ נאָמען געגעבן דעם פירוש, און זיך געחתמעט דערויף רשבי"ף, די ראשי תיבות פון רב שלמה בן יעקב פרויד. ווידער האָבן די ראשי הישיבות אַריינגעקוקט אין דעם ספר. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? די ישיבה בחורים האָבן בדאַי פאַרזעצט זייערע „טעג" און געקויפט דאָס ספרל. און ווידער האָט זיך אָנגעהייבן אַ מחלוקה. די וואָלאָזשינער האָבן געטענהט: נדר וגדר איז ד ע ר פירוש. דערויף האָבן די סלאָבאָדקער געענטפערט אַז נדר וגדר איז ניט קיין גדר ישראל, נאָר פריצות הגדר. די וואָלאָזשינער זיינען אָבער ניט נתפעל געוואָרן, מיט גרינגשעצונג האָבן זיי געקוקט אויף די סלאָבאָדקער און געזאָגט: ר"ן — אויך מיר אַ פירוש! „נוג", דאָס איז אַ פירוש! אַ בקיא! אַ בקיא! אַזאַ בקיאות איז נאָך ניט געזען געוואָרן ביי יידן. — יאָ, אַ בקיא איז ער, — האָבן אפילו די סלאָבאָדקער געמוזט צוגעבן, און זיי האָבן סוף כל סוף אויך אָנגעהויבן לערנען נדרים מיטן „נוג". און דער רשבי"ף האָט געשריבן פירוש נאָך פירוש אויף קידושין, גטין, יבמות, סוטה, ביז די אלמנה והאחים ראָם זיינען געווען געצוווּנגען צו דרוקן אַ נייעם ש"ס מיטן „רשבי"ף", זיי האָבן אָבער קאַטעגאָריש געלאָזט וויסן אַז מער קיין ש"סן מיט נייע פירושים וועלן זיי נ י ט דרוקן. זיי קענען ניט: די אַלטע ש"סן ליגן און קיינער קויפט זיי ניט, רק די נייע וויל מען. אויס. ניטאָ מער קיין פירושים! עס איז אָבער געקומען נאָך אַ פירוש.

אין מינכען איז געזעסן אַ ייִנגעלע און זיך געשפּילט מיט אַ באַן, וואָס זיין פעטער האָט אים געשיינקט במתנה. דער פעטער האָט אים געוויזן ווי די באַן פאָרט, ווי שנעל אַ באַן לויפט. — שנעלער פון אַ פויגל? — האָט דאָס ייִנגעלע געפרעגט. — ניין, — אַ פויגל, אַ אָדלער פליט שנעלער, — האָט דער פעטער געענטפערט. — און וואָס פליט שנעלער ווי אַן אָדלער? — האָט דאָס קינד ווידער געפרעגט. — ליכט, מיין קינד, ליכט פליט שנעלער פון אַלץ, — האָט דער פעטער געענטפערט. — ליכט? — האָט דאָס קינד זיך געחידושט, — ווי קען ליכט פליען? — האָט דער פעטער אַ גלעט געטון דעם קינדס קעפּל, אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— וועסט לערנען, מיין קינד וועסט אויסוואַקסן ווענסטו וויסן, דערוויילי, לערן, קינד, לערן גוט.

דאָס קינד האָט געלערנט, האָט זיך צוגעהערט צום לערער, אָבער דער לערער, אַנשטאָט ריידן וועגן באַנען, פייגל, אָדער גאָר וועגן ליכט, האָט גערעדט וועגן . . . אַ טשוואָק. ער האָט אַרויסגענומען פון ערגעץ אַ טשוואָק, אים געוויזן פאַרן קלאַס און געפרעגט: ווייסט ווער וואָס פאַר אַ טשוואָק דאָס איז? קיינער האָט ניט געוווּסט, האָט דער לערער דער־קלערט: דאָס איז דער טשוואָק מיט וועלכן די יידן האָבן געקרייציקט גאָטס זון, אונדזער יעזוס, דערביי האָט ער געקוקט אויף דעם קליינעם אַלבערט. אַלע קינדער האָבן גענומען קוקן אויף אים. האָט ער, אַ פאַר־שעמטער, זיך אויפגעהייבן און אַרויס פון שול אַ וויינענדיקער. אויף מאָרגן האָט ער ניט געוואָלט גיין מער אין שול. דער טאַטע, די מאַמע האָבן געפרעגט, איבערגעפרעגט: פאַרוואָס? דאָס קינד האָט געשוויגן. — רעד דו צו אים, — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטון. דער פעטער האָט ניט געפרעגט קיין פראַגן. — ווילסט ניט גיין אין שול, איז ניט, קום וועלן מיר זיך שפּילן. שפּילנדיק זיך מיטן פעטער, האָט דער קליינער אַלבערט אים דערציילט וועגן דעם טשוואָק, געפרעגט ווער איז דאָס יעזוס און וואָס איז אַזוינס אַ ייד?

— הערמאַן! — האָט דער פעטער אַ זאָג געטון צו אַלבערטס פאָטער, — עס וועט דיר גאָרניט העלפן. דאָס קינד וויל זיין אַ ייד. שטעל אָן אַ מלמד, שיק אים אַוועק אין אַ ישיבה, דער עיקר איז, ער זאָל לערנען וואָס איז אַ ייד, ווי צו זיין אַ ייד, און די אַנדערע זאַכן . . . ? — דער פעטער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, — וועגן דעם, הייסט עס, איז ניטאָ וואָס צו רעדן.

דער קליינער אַלבערט איז שוין געווען אַ גרויסער ישיבה בחור, זעכצן יאָר, און ער איז שוין געשווומען אין ים התלמוד ווי אַ געניטער שווימער, האָט שוין אפילו חידושים באַוויזן. — וואַקסט אַ עילוי, — האָבן מבינים געזאָגט, און זייער מבינות איז מקוים געוואָרן. צו צוואַנציק יאָר האָט ער שוין אָנגעשריבן זיין ערשטן ספר „תחום ישראל״ און „שטח־עת״, אַ פירוש אויף דער גמרא עירובין, אונטערגעשריבן אבן טוב.

האָבן ישיבה בחורים, ראשי ישיבות פאַרקאָשערט די יאַרמעלקעס, געקנייטשט די שטערנס: עירובין — אַ שווערע גמרא, אָבער אָט דער פירוש „שטח־עת״ — עס ברעכט דאָך דעם מוח, ברעכט דאָך עס! אַ תחום שבת איז אַ תחום שבת, אָבער ער קען ניט געמאָסטן ווערן בלויז

מיטן שפּאָן, ער מוז אויך געמאָסטן ווערן מיטן זמן, שטח און עת איז היינו הך, און דער תּחום שבת איז אַ תּחום שבת בלויז אויף דעם עולם, דאָרטן, אין די עולמות העליונים, איז גאָר אַן אַנדער שטח, אַן אַנדער עת, און ניט ש״י, נאָר ש״י מאָל ש״י עולמות . . . דער שכל קען עס גאָר ניט משיג זיין . . . אַ גאון! אַ גאון עולם! ווער איז דאָס דער אבן טוב? טאַקע אַן אבן טוב!

ווידער אַמאָל האָט זיך צעפלאַקערט אַ מחלוקה צווישן די ישיבות: די מירער האָבן געטענהט: „שטאַכעט״, שטח־עת, איז אַ גאונישער פּירוש, עירובין קען נישט געלערנט ווערן אָן „שטאַכעט״; די וואָלאָזשינער האָבן געטענהט דער פּירוש איז ניט מפרש, ס׳איז נסתר, ניט נגלה.

— נעבעך! — האָבן די מירער געשפּאָט, — וואָלאָזשין פאַרשטייט ניט. און טאַקע, ווי קענען זיי פאַרשטיין? וואָ־לאָ־זשין! מ י ר פאַרשטייט! מיר פאַרשטייען. און מיר האָט גובר געווען. עירובין האָט מען געלערנט מיט „שטאַכעט״, מיטן „אבן טוב״. די אלמנה והאחים ראָם האָבן זיך געקווינקלט און געקווויינקלט, סוף כּל סוף האָבן זיי געמוזט אָפּדרוקן אַ נייעם ש״ס מיטן פּירוש אבן טוב. דער פּירוש „שטח־עת״, אַרויסגערעדט „שטאַכעט״, איז געוואָרן דער פּראָבע שטיין אין די ישיבות — פאַרשטייסטו, ביסטו פון דער זייט שטאַכעט, פאַרשטייסטו ניט, גיי פון יענער זייט — אַן עם הארץ.

עד כּאן די מעשה מיט די דריי ישיבה בחורים.

אַ שיינע מעשה! קאַרל מאַרקס, און שניים אוחזין בטלית, אָדער ארבעה אָבות נזיקין; זיגמונד פּרויד, און נדר וגדר; אַלבערט איינשטיין און „שטאַכעט״. קאַרל מאַרקס, דאָס מיינט דאָך פּאָליטישע עקאָנאָמיע, דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם; זיגמונד פּרויד — פּסיכאָאַנאַליז; אַלבערט איינשטיין — רעלאַטיוויטעט. ווער ווייסט עס ניט? איך ווייס עס אויך. די מעשה קומט מיר אָבער אויפן זינען יעדעס מאָל ווען איך לייען די תּרעומות אויף דער השכּלה, אַז זי, די השכּלה הייסט עס, האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט, אַז ווען מיר זאָלן זיך געווען האַלטן ביי אונדזער „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם״, זיך ניט געווען נעמען צו די טריף פּסולס, די גויישע ביכלעך, וואָלטן מיר עד היום געווען די בעסטע יידן, די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. לכן דעריבער, איז ארור משה! פאַרשאָלטן זאָל זיין דער ייד משה מענדלסזאָן וכל כּת דיליה. צוריק צום בית מדרש, צוריק צו דער תּורה, טאַקע דער תּורה, וואָס משה רבינו האָט מקבל געווען אויפן באַרג סיני, פון קיינע אַנדערע תּורות ווילן מיר ניט וויסן, ווייל . . . מיר

זע׳מיר יידן, זענעמיר, און ישראל ואוריתא חד הוא. אַי, שנים אוחזין בטלית . . . אָמר אביי . . . אבר רב פפּא . . . . .אַי, ביצה שנולדה ביום טוב . . . !

ווילט זיך פרעגן אַט די אַנטי־השכלהניקעס, די ניי־פרומע: דיינקט איר טאַקע אַז אונדז וואָלט בעסער געווען ווען אַט די דריי ישיבה בחורים . . . וואָלטן געבליבן ביי ש״ס און פוסקים, וואָלטן צוגעטראָגן זעמדעלעך צו די „בערג און בערגעלעך״ פלפול, און מיר וואָלטן שוין ווי עס איז אויסגעקומען אָן פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און פּסיכאָאַנאַליז און אָן רעלאַטיוויטעט?

גלויבן איז איצט געוואָרן „באָן־טאָן״, אַ מאָדע אַזאַ, דער ניט גלויביקער — אַ פאַרשפעטיקטער נומער, ווייסט נעבעך ניט פון דער לעצטער, סאַמע לעצטער מאָדע, און דאָס איז — „גאָט־יידישקייט״. וואָס איז אַ ייד אָן גאָט? אַ מענטש, באַהיטע גאָט! דאָס אויך ניט, סיידן אפשר אַ . . . גוי, אָבער מיר זעמיר דאָך יידן, זענעמיר, און אַ ייד דאַרף לערנען תורה. תורה! — שרייען זיי.

הערן מיר דעם געשריי און זאָגן: תורה? אודאי, אָבער דיינקט איר ניט אַז פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פּסיכאָאַנאַליז, רעלאַטיוויטעט איז א ו י ך תורה? ניט יעדער דור, אָדער יעדער יאָרהונדערט איז זוכה צו האָבן אַזעלכע דריי „ישיבה בחורים״. אין דער געשיכטע פון יעדן פאָלק זיינען דאָ מדבר־דורות און יאַלאָווע יאָרהונדערטער. אויך מיר האָבן זיי געהאַט, מיר האָבן אָבער שיר ניט בכל דוד ודור אַרויסגעגעבן גאונים, חריפים, אָפּגערעדט שוין פון בקיאים, די צרה איז נאָר געווען, וואָס זייער גאונות איז אַוועקגעגאַנגען אויף . . . ביצה שנולדה ביום טוב, ערשט ווען מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען פון דער גמרא, פון משהס תורה, האָבן מיר געקענט אָנהויבן שאַפן אַ נייע תורה. און אַוועקגיין פון יענער תורה האָט מען געמוזט. ערשטנס, זיינען אין יענער תורה ניט געווען אָט די נייע „סוגיאס״, מעגן די פרומאַקעס — אַלטע און ניי־געבאַקענע — שרייען וויפל מאָל הפוך בה והפוך בה דכולא בה. נעבכטיקע טעג! פון עירובין קען מען קיין קאַלקולוס ניט לערנען. צווייטנס, זיינען די היטער פון תורת משה געווען אַזוי מיאוס, האָבן געהאַנדלט אַזוי גרויזאַם צו יעדן איינעם, וואָס האָט געוואָלט אפשר ניט אַזוי אַוועקגיין פון יענער תורה, ווי אויך אַריינקוקן אין אַן אַנדערער, אפילו ת נ ״ ך האָט מען דאָך שיר ניט געטאָרט לערנען!

זיי, די פרומע, די אמת פרומע, זיינען געווען גערעכט. שטייט דאָך

אין דער תורה אַז פאַר עסן פון עץ הדעת האָט מען אָדם מיט חוהן אַרויס־געטריבן פון גן עדן. עסן פון עץ הדעת — אַ זינד, ד י זינד. אַ פרומער ייד דאַרף ניט ו ו י ס ן, ער דאַרף ג ל ו י ב ן. אָבער די ניי־געבאַקענע פרומאַקעס, די אַלע וואָס רופן צוריק אין בית מדרש, וואָס וועלן זיי טון מיט דער „שיינער מעשה" אַז עסן פון עץ הדעת איז אַ זינד? וועלן זיי אויך זאָגן: אויב אין דער תורה איז דאָ וואָס אין די אַלע ביכער, דאַרף מען דאָך ניט די ביכער; אויב אין די ביכער איז דאָ עפּעס וואָס אין דער תורה איז ניטאָ, דאַרף מען די ביכער אודאי פאַרברענען? האָבן זיי שוין געפּועלט ביי זיך אַז אַלע ביכער, חוץ תורת משה מיט די בערג פּירושים אויף איר, מעג מען פאַרברענען, אַלע אוניווערסיטעטן, קונסט מוזעאומס צעשטערן, און אויב דערויף זיינען זייערע הענט אַ ביסעלע צו קורץ, זאָל אָבער אַ יידישע פוס ניט איבערטרעטן די שוועל פון אָט די „טיפלעס"?

אַזוי ווייט גייען זיי ניט. זיי אַליין לייענען ב י כ ע ר, ב י כ ע ר, ניט דוקא תורת משה, זייערע קינדער שיקן זיי אין אוניווערסיטעטן, נאָר פונם עץ הדעת האַלטן זיי פּאָרט ניט. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס די וויסנ־שאַפטלייט וויסן שוין. זיי אַליין זאָגן דאָך אַז זיי ווייסן ניט, אַז זייער וויסנשאַפט איז . . . באַנקראָט, אַז נאָך אַלע וויסנשאַפטן איז גאָט — גאָט, והא ראיה — אַזוי פיל וויסנשאַפטלייט, און דוקא גרויסע, גלויבן אין גאָט — מיליקאַן גייט אין קירך, עדדינגטאָן, דזשיימס דזשינס, וואָס דאַרפט איר מער? אפילו איינשטיין! טאַקע דער, פון די דריי ישיבה בחורים...

וועגן דעם גלויבן פון די וויסנשאַפטלייט, וועגן זייער גאָט, רעד איך אין אַן אַנדער אָרט, דאָ וויל איך בלויז זאָגן אַז דער גלויבן פון אַ איינ־שטיין האָט אַזוי צו טון מיט אנכי ד' אלהיך ווי די פּרה אדומה מיט דער מאָנאַ ליזאַ. אַ רעליגיעזע איבערלעבונג אַלאַ איינשטיין קען אַ מענטש האָבן אין גאָר זעלטענע מאָמענטן און דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג און זאָגן שמע ישראל ד' אחד . . . דאָ וויל איך בלויז באַרירן דעם „באַנקראָט" פון דער וויסנשאַפט, דאָס ניט וויסן פון די וויסנשאַפטלייט.

זיי, די ניי־געבאַקענע בעלי תשובה, האָבן געהערט קלינגען, נאָר זיי ווייסן ניט צי איז עס אַ חגא אָדער אַ לויה, היות פון קיין וויסנשאַפטלעכער חגא האַלטן זיי ניט, האָבן זיי באַשטימט — אַ לויה, די וויסנשאַפט איז געשטאָרבן, און זיי גיבן שוין אַרויס אַ טויטן שייך.

נו, די נייס וועגן דעם טויט פון דער וויסנשאַפט איז אַ ביסעלע פריצייטיק . . .

וואָס האָט פּאַסירט?

אין דער וויסנשאַפט איז אַ „ק ר י ז י ס". היינו, די מאַטעריע איז פאַרשווונדן, אויסגערונען געוואָרן. אויב מ'האָט נאָך אַמאָל גערעדט וועגן דעם קלענסטן ש ט י ק ע ל ע מאַטעריע, דעם אַטאָם, קומען איצט די וויסנשאַפטלייט און זאָגן: מאַטעריע לוא דוקא, ענערגיע. און וואָס איז ענערגיע? ענערגיע און מאַטעריע היינו הך, איינס קען פאַרוואַנדלט ווערן אין צווייטן. ווי אַזוי דאָס פּאַסירט, ווי דאָס אַרבעט ווייסן מיר, מיר האָבן שוין אפילו די פאָרמולע דערפאַר: $E=MC^2$. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, צוליב וואָס? דאָס גייט ניט אַריין אין אונדזער גדר, דאָס לאָזן מיר איבער צו די מעטאַפיזיקער, — גיבן זיי צו מיט אַ שמייכל. זיי, די מעטאַפיזיקער, דיינקען אַז מיר האָבן אויגן כדי מיר זאָלן זען, מיר האָבן אויגן, זעען מיר, דאָ באַשעפענישן אָן אויגן אויך, — שמייכלען זיי ווידער צו.

פאַרגעסט ניט דעם שמייכל. זיי, די וויסנשאַפטלייט האַלטן זייער ווינציק פון אָט די ספּעקולאַציעס — פאַרוואָס און צוליב וואָס. האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן און האַלטן איצט אויך ניט. דעם „קריזיס" אין דער וויסנשאַפט באַטראַכטן זיי ניט ווי אַ חולאת קריזיס פון וועלכן דער פּאַציענט קען חלילה שטאַרבן, זיי ווייסן אַז דאָס איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער קריזיס. קריזיסן אַנטשטייען יעדעס מאָל ווען אַ נייע טעאָריע דאַרף אַרויסשטויסן, באַזייטיקן אָדער אויסבעסערן אַן אַלטע טעאָריע. בימי גאַליליעאָ איז זיכער געווען אַ קריזיס אין דער וויסנשאַפט און זי איז אַרויס אַ געשטאַרקטע, עס איז געקומען ניוטאָן; בימי איינ־שטיין, דאָס הייסט, מיט אַן ערך פופציק יאָר צוריק, איז אַנטשטאַנען אַ קריזיס, און ניוטאָן איז אויסגעבעסערט געוואָרן, עס איז געקומען די רעלאַטיוויטעט טעאָריע, איצטערביים אָנהייב פון דער אַטאָמישער עפּאָכע, איז אויך אַ קריזיס, און די וויסנשאַפט וועט ווידער אַרויס אַ געשטאַרקטע. אַזעלכע קריזיסן אויף אַלע אידייען געזאָגט געוואָרן. ניט די וויסנשאַפט איז טויט, ניט זי איז באַנקראָט, מ'קאָן ניט באַנקראָטירן ווען מ'איז קיינעם ניט שולדיק, און די וויסנשאַפט גיט קיינמאָל ניט אַרויס קיין וועקסלען, וואָס זי זאָל נאָכדעם ניט קענען דעקן, זי זאָגט ניט צו קיין הרים וגבעות, זי וויל אפילו ניט מ'זאָל איר גלויבן אויפן וואָרט, די ביכער זיינען אָפן, קום און זע, רעוווידיר צי עס איז ריכטיק, ניטאָ קיין נסתר אין דער וויסנשאַפט, דאָרט איז אַלץ נגלה, אפילו דער קוואַדראַט וואָרצל פון מינוס איינס איז ניט קיין רזי דרזין, מ'דאַרף נאָר קענען „לייענען" . . .

רי צדה איז נאָר, וואָס ניט יעדער איינער קען לייענען און, וואָס נאָך

ערגער, יעדער איינער לייענט אַריין, אָדער לייענט אויס, וואָס ער ו ו י ל. עמיצער האָט געזאָגט: ווער עס לערנט אַ ביסל איז אַן אפיקורס, דער וואָס לערנט אַ סך ווערט אַ גלויביקער. דייַנקען די ניי־געבאַקענע בעלי תשובה אַז זיי זייַנען דאָס די וואָס האָבן שוין געלערנט אַ סך און קוקן אַראָפּ מיט גרינגשעצונג אויף די אַלט געבאַקענע אפיקורסים: נעבעך. זיי האַלטן נאָך ביי אפיקורסות, מיר האַלטן שוין . . . גאָט ביי דער באָרד. איז גאָטס באָרד פאַרגין איך זיי מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער זייער „טיפער וויסן" שטייט ביי מיר אונטער אַ גרויסן פראַגע צייכן.

לייענט, למשל, חיים ליבערמאַן ביי דזשיימס דזשיענס אַז די מעט־ריקע פון אונדזער ערד האָט ער ניט ביי זיך אין קעשענע, ער ווייסט ניט ג ע נ ו י ווען זי איז געבוירן געוואָרן, ער קען אויך ניט זאָגן אויף זיכער ו ו י זי איז געבוירן געוואָרן, ביי אים האָט איר געפועלט אַז עס איז געווען אַ צופאַל, אַ ממזר, באַהיטע גאָט, אָבער אים קימערט עס זייער ווינציק, דער עיקר איז, זי איז דאָ, און ס'אַ סברא אַז זי וועט נאָך זיין אַ היפשע מיליאָן יאָרן. לייענט עס חיים ליבערמאַן, און ער שמייכלט: דזשיימס דזשיענס, דער „גרויסער" אַסטראָפיזיקער ווייסט ניט, אָבער איך ווייס! אָט האָב איך די גאַנצע קאָסמאָגאָניע אין איין זאַץ — בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. (אַזוי האָט ער געשריבן, רב ליבער־מאַן) פאַרטיק, ער ווייסט. דאָס דערמאָנט מיר אָן דעם דרדקי מלמד, וואָס האָט געפּרווט לערנען חומש מיט רש"י. רש"י שעמט זיך ניט צו זאָגן אַמאָל אויף אַ וואָרט: אינני יודע פירושו, איך ווייס ניט, דער דרדקי מלמד האָט יאָ פאַרטייטשט. אמת, נאָכן טייטש האָט מען אויך ניט געוווּסט וואָס דאָס מיינט. אָבער פאַרטייטשט האָט ער? ליבערמאַן „פאַרטייטשט" אויך. ער פאַרטייטשט אפילו פאַרוואָס אָט די קאָסמאָגאָניע, די תורת משה, הויבט זיך אָן מיט אַ ב' און ניט מיט קיין אלף. בית איז ברוך — געבענטשט, אלף וואָלט, חלילה, געמיינט ארור — פאַרשאָלטן, און וואָס וואָלטן מיר טאַקע געטון ווען דער רבש"ע הויבט חלילה אָן פון אלף און ניט פון בית? אָט די טייטש איז ניט ליבערמאַנס, ער איז עניוותדיק אָנצוגעבן אַז דאָס האָט ער געלערנט ביי עמיצן אַנדערש, ער גופא וואָלט געווען אַ סך מער צופרידן ווען דער רבש"ע וואָלט אָנגעהויבן די תורה מיט אַ . . . חית, חית איז דאָך חיים, לעבן, און די וועלט וואָלט זיך דאַן אָנגעהויבן מיט חיים . . . ליבערמאַנען, נאָר גאָרניט, האָבן טענות צום רבש"ע איז דאָך ניט שייך, דער עיקר איז — ער, דער רבש"ע, איז דאָ, זיין תורה איז דאָ, און אין דער תורה איז אַלץ דאָ, ניט ווי אין די טריף

פסולס דאָרט, וווּ מ'קען ניט דערגיין קיין טאָלק, ווער, וואָס און ווען, היינט איז אַזוי, מאָרגן אַנדערש, אין דער תורה איז אַלץ פאַרשריבן און לעולם ועד.

לייענט יעפּרויקין ווי די וויסנשאַפטלייט זאָגן אַז היינט צו טאָג האָט קיין זין ניט צו אַמפּערן זיך וועגן יאָ מאַטעריע, ניט מאַטעריע, ציט ער גלייך אַ שלוס: אויב ניט מאַטעריע, איז דאָך גייסט, און גייסט איז גאָט, דעריבער איז — שמע ישראל ד' אלהינו, ד' אחד!

אמת, די זעלבע וויסנשאַפטלייט, וואָס האָבן אָפּגעשאַפט די מאַטעריע, רעדן פון עלעקטראָנען, פּראָטאָנען, פּאָזיטראָנען, ניוטראָנען, ריידן זיי דאָך וועגן ע פּ ע ס, אָבער זייערע רייד האָבן גאָרניט די ווערט. אָט ווייסן זיי אפילו ניט ווען דער עלעקטראָן וועט אַריבערשפּרינגען פון איין „רעלס" אויף דער צווייטער, און דער הייזענבערג זאָגט אפילו אַז ניט נאָר ווייסן מיר ניט, נאָר מיר ק ע נ ע ן נ י ט ו ו י ס ן, פשוט גערעדט מיינט דאָך עס אַז — ניטאָ קיין דעטערמיניזם, אויס! די וויסנשאַפטלייט האָבן פאַרלוירן זייער טויז קאָזיר, פאַרשפּילט! אָבער מיר, די בעלי תשובה, מיר האָבן געוווּנען. אונדזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געוווּסט אַז פערציק טעג איידער דער מענטש ווערט געבוירן רופט מען אויס אין הימל: די און די נשמה וועט חתונה האָבן מיט דער און דער. אַ ווייב איז אַ באַשערטע, אַלץ איז באַשערט, ס'איז דאָ השגחה, און טאַקע השגחה־פּרטית, אַ האָר פון מענטשנס קאָפּ פאַלט ניט אַרונטער אָן גאָטס ווילן, ער גיט אפילו אַכטונג אויף ביצים של כנים, און דעריבער — מי כמוך ד' אלהינו, און טאַקע א ל ה י נ ו, אונדזער י י ד י ש ע ר גאָט, ווייל אויף וועמען גיט מען נאָך אַזוי אַכטונג ווי אויף אונדז יידן?

נו, איך זאָג עס אָפן: וואָס גלויבן איז ווייס איך ניט. קיינע פון די אָנגעגעבענע דערקלערונגען שטעלן מיך ניט צופרידן. איך ווייס ניט, און מיר דוכט, אַז קיינער קען ניט וויסן צי גלויבן איז איינגעבוירן אין מענטשן. קיין ביאָלאָג, פיזיאָלאָג אָדער פסיכאָלאָג וועט, ווי אַ „לאָג", אַ וויסנשאַפט מענטש, ניט וואַגן צו באַהויפּטן אַז אַ מענטש ווערט ג ע ב ו י ר ן רעליגיעז. דער שאַרפסטער אפיקורס, ווידער, אויב ער האָט נאָר אַ ביסל שכל, וועט ניט וואַגן זאָגן: רעליגיע? אַ שווינדל פון די רייכע, די גלחים אָדער רבנים. אפילו פרויד, דער טיפסטער אפיקורס, ניט נאָר אין ענין רעליגיע, האָט מיט אַ טרויעריקן שמייכל געמוזט צוגעבן אַז ס'איז דאָ אַזאַ „ניוראָז" ווי רעליגיע, און ער האָט זיך ניט אונטערגענומען אָט דעם „ניוראָז" אויסהיילן.

איז מיט די רעליגיעזע מענטשן ניטאָ וואָס צו טענהן. זיי קען מען בלויז זאָגן: איר גלויבט אין גאָט? געזונטערהייט און . . . קראַנקער־הייט. איר קענט אפילו בעטן גאָט ער זאָל אייך צושטוקעווען אַ פוס, וואָס מ׳האָט אָפּגעשניטן ווייל עס האָט זיך אין איר אַריינגעכאַפּט גאַנגרען, נאָר לאַכט ניט פון דער וויסנשאַפט וואָס זוכט, האָט שוין אפשר געפונען אַ מיטל, אַנטיביאָטיקס, ווי צו פאַרמיידן גאַנגרען, מ׳זאָל די פוס ניט דאַרפן אָפּשניידן. און מעדיצין איז דאָך אויך אַ וויסנשאַפט, עטוואָס וואָס אונדזערע ניי־געבאַקענע פרומאַקעס פאַרגעסן. ניין, זיי פאַרגעסן ניט. זיי, אַז ס׳טוט ווי דער בויך, ווענדן זיי זיך ניט צום רבש״ע, נאָר צו אַ דאָקטאָר, און, אויב מעגלעך, נאָך אַ ספּעציאַליסט דערצו אָבער לויט זייערע רייד וואָלט מען גאַנץ גוט געקענט סקאַסירן די וויסנשאַפט, די מעדיצין אַריינגערעכנט, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט די גאַנצע וויסנ־שאַפט לגבי תורת משה און די מעדיצין קעגן אַ קאַפּיטל תהילים אָדער פאָרן צו אַ גוטן יידן?

איך קום דאָ צום ענין „ווײַן און וואַסער״ אַלאַ ה. היינע.

איך קען די געזעצן, קען די פּאַרפאַסער,

זיי טרינקען וויין, פּריידיקן וואַסער.

זיי, אָט די ניי־געבאַקענע פרומאַקעס, וואָס רופן: אַרויס פון אוני־ווערסיטעט, צוריק אין שול! זיי אַליין גייען ניט אין שול. אַמאָל האָט אַן אַנטיסעמיט געמאַכט אַ וויץ: אַ ציוניסט איז אַ רייכער ייד, וואָס קלייבט געלט ביי יידן קבצנים, אַז אַן אַנדער ייד אַ קבצן זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל. וועגן די ניי־געבאַקענע פרומאַקעס קען מען זאָגן: דאָס זיינען יידן אפּיקורסים, וואָס קריגן באַצאָלט (ניט אַלע מאָל אין געלט) פאַר שרייבן אַרטיקלען אין וועלכע זיי רופן אַנדערע יידן זיין פרום. י. יעפּרויקין איז אפילו ערלעך גענוג זיך מודה זיין אין דעם. און דער תירוץ איז — עס איז ניט אַזוי דאָס ווערן פרום לשם פרום זיין, ווי לשם יידישקייט, לשם אויפהאַלטן דאָס יידישע פאָלק, אַן יידישקייט איז אַ ייד קיין ייד ניט, לכן, אויב דער ייד וויל לעבן קוואַ ייד דאַרף ער, מ ו ז ער זיין פרום.

איז אַזוי. זעלבסטדערהאַלטונג איז אַן ענין ניט אָוועקצומאַכן מיטן האַנט. איך וועל גערן צוגעבן אַז אויב עס זאָל זיך האַנדלען וועגן מיין אייגענעם פּריוואַטן לעבן און איך זאָל דאַרפן, לאָמיר זאָגן, גנבענען אַ שטיקל ברויט, וועל איך ניט קאַווירן אַז איכ׳ל בדאי אויסגיין פון הונגער אַבי ניט עובר זיין אויפן לא תגנוב. איך וואָלט אפשר געטון נאָך ערגערע

זאַכן אַבי בלייבן לעבן. צי מיינט עס אָבער אַז איך דאַרף זיך אַרויסלאָזן פריידיקן: גנבע, גזל, טו כל דבר אסור אַבי לעבן?

דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן מיין י י ד י ש ן לעבן. עס קען קומען דערצו אַז כדי צו דערהאַלטן מיין לעבן ווי אַ ייד זאָל איך טון געוויסע זאַכן וואָס זיינען אָנגענומען פאַר יידיש, צי מיינט עס אָבער אַז איך זאָל אָט די י י ד י ש ק י י ט מאַכן דעם יסוד פון מיין לעבן, אַז דער שולחן ערוך זאָל ווערן מיין יידישע קאָנסטיטוציע און, דער עיקר, איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלץ וואָס די „גויישע" וועלט האָט געשאַפן, פון דער „גויישער" וויסנשאַפט, דער „גויישער" קונסט און לעבן רק מיט מיין יידישער תורה, מיטן שולחן ערוך, בלויז דערפאַר ווייל מיר „זעמיר יידן זענעמיר"?

די גויישע וויסנשאַפט מיינט מאָרד, די גויישע קונסט איז עבודה זרה, מיר יידן זיינען רחמנים בני רחמנים, אונדזער תורה איז מים חיים...

דער פּזמון איז ניט ניי. בחוקותיהם לא תלכו איז געזאָגט געוואָרן נאָך פאַר היטלערן, און אפילו מעשה היטלער, אפילו די פאַרהיטלערעוועטע וועלט נאָך היטלערן, איז ניט קיין באַווייז אַז היטלעריזם איז דער ר ע־ז ו ל ט אַ ט פון זייער וויסנשאַפט און זייער קונסט, פון וועלכער איך דאַרף זיך אָפּזאָגן און דאַרף גיין צוריק צו תורת משה.

תורת משה? אַ גאַנץ פיינע תורה, און יעדער ייד איז מחויב זי צו קענען, לכן נעם איך גערן אָן ד ע ת משה, איך וויין אָבער אַנטשיידן צוריק דעם דת משה.

ד ע ת משה מיינט ציען דעם פאָדעם פון משה בן עמרם, דורך משה מימון, ביז משה בן מענדל (מענדלסזאָן) און אַלע אַנדערע „משהס", וואָס זיינען געקומען נאָך אים, ווי די דריי „ישיבה בחורים" מאַרקס־פרויד־איינשטיין, און די וואָס וועלן קומען נאָך זיי; דת משה מיינט סטאַגנאַציע, פון דער תורה, דורך דער גמרא, צום שולחן ערוך, און ניט ווייטער.

דעת משה מיינט אָפּשאַצן, באַוווּנדערן דעם גוואַלדיקן אויפטו, די רע־וואָלוציע ממש פון ש ב ת; דת משה מיינט ניט אַ קוועטש טון אַן עלעקטריש קנעפּל אום שבת, מאַכן ליכטיק אין הויז, אָדער גאָר ניט טראָגן קיין נאָז טיכעלע אום שבת, אַלץ ווייל מיר זע׳מיר יידן, זענעמיר.

דעת משה מיינט וויסן און פאַרשטיין אַז אויף אַ היפּש ביסל פון זיין תורה האָט די צייט געהאַט אַ שליטה, מעג מען די אַלע זאַכן רעלעגירן אין דער גניזה און די בלויזן וואָס וועלן בלייבן פון אַזאַ רעדאַקציע קען מען אָנפילן מיט נייער תורה. יאָ, יאָ, ת ו ר ה! אַ פאָר טויזנט יאָר

לייענען, לערנען איין תורה, שרייבן בערג מיט פירושים אַלץ וועגן איין בוך, איז אַ סימן דלות. שוין לאַנג צייט געווען צו שאַפן נייע תורות. אַט דער דלות אין תורה, אין דעת האָט געהערשט ביי אונדז ניט ווייל מיר האָבן ניט פאַרמאָגט קיינע כוחות, נאָר דערפאַר ווייל מיר זיינען געווען געפּענטעט מיט די שטריק פון דת, דעת מוז זיין פריי.

צוליבן דת האָבן מיר געלייענט און פאַרהערלעכט די נאַרישע מעשה מיטן עץ הדעת, איצט קומען די נייע בעלי תשובה און וואָרנען ווידער קעגן דעם עץ הדעת. איר ווילט לערנען אַסטראָפיזיקע? נעמט די פרשה בראשית. און פאַרוואָס ניט לערנען מעדיצין פון פרשה מצורע?

דאָס קלינגט איבערטריבן? קיינער זאָגט ניט מ׳זאָל אויפגעבן די וויסנשאַפט, די קונסט און בלויז לערנען תורה? מאַכט איר אַ טעות. לייענט וואָס די נייע בעלי תשובה שרייבן. לויט זיי איז אין זוהר דאָ מער ו ו י ס ן וועגן די עולמות העליונים ווי אין דער חכמת אַסטראָנאָמיע. פּרוווט זיי זאָגן אַז ביצה שנולדה ביום טוב איז... בטלנות, זיי׳ן אייך אויסדראַפּען די אויגן! דאָס איז ניט סתם אַ פאָלקס אויסדרוק, נאָר פשוטו כמשמעו — זיי וועלן שלאָגן, יאָ, יאָ, שלאָגן.

איז פאַרבייגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט סאָלדאַטן אין אַ פרומען יידישן קוואַרטאַל אין ירושלים אום שבת, האָבן די חרדים, די נטורי קרתא, פאַרשטיינט דעם אויטאָמאָביל. דאָס „שטריימל״ נעמט קריכן אויפן קאָפּ, און מערקווירדיק ווי אונדזערע ניי געבאַקענע פרומאַקעס און אפילו אונדזערע ליבעראַלן האָבן רעאַגירט דערויף.

פון די פרומאַקעס איז דאָך אָפּגערעדט: צוליב גאָט מעג מען וואַרפן שטיינער אויף מענטשן אפילו אום שבת, ככתוב . . . זאָרגט זיך ניט, זיי וועלן שוין געפינען אַ פּסוק. נאָר אפילו די ליבעראַלן, זיי מאַכן עס אויך אַוועק מיט דער האַנט. וואַרפן שטיינער איז טאַקע ניט שיין, אָבער פון דער צווייטער זייט, טאָרן מיר ניט פאַרשוועכן די געפילן פון די שומרי שבת, און אויב מ׳דאַרף, אויב מ׳מוז פאָרן אום שבת, דאַרף מען פאָרן דורך אַן אַנדער וועג, מיר דאַרפן זיין טאָלעראַנט . . .

אָט די לעבלעכע ליבעראַלן ריידן וועגן טאָלעראַנץ בדחילו ורחימו און מיינען, פאַרשטייט זיך, טאָלעראַנץ משני הצדדים, זיי פאַרגעסן אָבער אַז דאָרט ווו עס קומט אַריין גלויבן הערט אויף טאָלעראַנץ. דער ניט גלויביקער, דער סקעפּטיקער קען זיין טאָלעראַנט, ער איז גאָרניט אַזוי זיכער מיט זיין תורה אַז צוליב איר זאָל ער באַלעסטיקן אַנדערע, דער גלויביקער אָבער, ער איז ביי זיך זיכער אַז זיין תורה איז די בעסטע, די

א י י נ צ י ק ע, און דער וואָס גלויבט ניט אין דער תורה איז ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים אַרום. דער סקעפּטיקער קען האָבן אַ שכן אַ פאַנאַטיקער און אים טאָלערירן, דער גלויביקער קען דאָס ניט. איר הערט דאָך: מ'פאַרשווערכט זיינע געפילן, פאַרשוועכט מען! היינט וועט ער פאַרשטיינען עמעצן וואָס איז פאַרבייגעפאָרן ז י י ן קוואַרטאַל אום שבת, איבעראַכטאָג וועט ער שטעכן עמעצן וואָס האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט אום שבת אין ז י י ן קוואַרטאַל, און איבער צוויי וואָכן וועט ער ממיתן עמעצן וואָס האָט זיך באַוויזן אין זיין קוואַרטאַל אָן אַ באָרד. און ז י י ן קוואַרטאַל איז דאָרטן ווו ער וווינט. קיינער טאָר ניט פאַרשוועכן ז י י נ ע געפילן. אָז ער, מיט זיין פאַנאַטישער פרומקייט, קען פאַרשוועכן עמעצנס געפילן, דאָס פאַלט אים גאָרניט איין.

די ליבעראַלן זיינען גרויסמוטיק, זיי זיינען גרייט אויף קאָנצעסיעס. דעם שבת דאַרף מען פאַרפעסטיקן? איז ניט געפערלעך אַז מ'שפּילט נ י ט קיין טעאַטער אום שבת. אַ סימפּאָניע מעג אויך וואַרטן אויף נאָך הבדלה אָדער אויף זונטיק, און ס'מאַכט ניט אַז מ'גייט אפילו אַמאָל שבת אין שול . . . הערן אַ גוטן חזן. (ס'אַ סברא אַז דער גוטער חזן קריגט גוט באַצאָלט פאַר זיין דאַוונען אום שבת, דאָס הייסט אַז ער אַ ר ב ע ט אום שבת, אָבער דער חזן מעג, דער פידל שפּילער אָדער אַפּערע זינגער טאָר ניט.) ניט געפערלעך זאָגן זיי, הרב . . . איז ניט דער פויפּסט. אונדזערע כלי קודש ווען קיין אינקוויזיציע ניט מאַכן, מיר זע'מיר יידן, זענעמיר.

קיין אינקוויזיציע האָבן מיר טאַקע ניט געהאַט, מיר האָבן אָבער אויך ניט געהאַט קיין מאַכט. אין אונדזער מאַכטלאָזיקייט האָבן מיר דאָך געהאַט שטראָף מיטלען פאַר אפּיקורסות און מיר האָבן זיי אָנגעווענדעט ווען מ'האָט געדאַרפט און ווען מ'האָט ניט געדאַרפט. מיר האָבן געהאַט די קונע, קבורת חמור, דעם חרם, און מיר האָבן געברענט ביכער. אפילו אין 1940 האָבן מיר געהאַט דעם שיינעם ספּעקטאַקל פון פאַרברענען אַ . . . סידור. דאָס איז ווען מיר זיינען מאַכטלאָז. גיט נאָר די כלי קודש די מאַכט, וועט זיין אַז אָך און וויי צום פרייען געדאַנק. דער איינציקער וועג ניט דערלאָזן דערצו איז — געבן איבער די הענט, ניט לאָזן דעם שטריימל קריכן אויפן קאָפּ. מיר דאַרפן זיי זאָגן מיטן האַרבן וואָרט אַז טאָלעראַנץ, שאַנעווען געפילן איז אַ צווייזייטיקער עניך, פון מיינעטוועגן קענסטו שבת אַ גאַנצן טאָג זיצן און לערנען מסכת שבת, צי אפילו ליגן און גרעבצן נאָכן קוגל, נאָר אַז איך וויל שפּילן אַ סימפּאָנישע פּאָעמע, זאָלסטו

ניט וואַגן מיר שטערן. דאָס איז מ י י ן אופן פון האַלטן שבת. דו קענסט זיך זאָגן יעדן טאָג: שמע ישראל אדני אלהינו, אדני אחד, און איך, פונקט אַזאַ גוטער ישראל ווי דו, קען דיר זאָגן אַז מיט דיין אלהים האָב איך אַ קנאַפּע שייכות, ישראל ואוריתא איז ניט חד.

מיר זע'מיר יידן זענעמיר? נו יאָ. איך בין אַ ייד און ניט קיין פראַנצויז, צי אַן ענגלענדער, אָבער וואָס מאַכט איר אַזאַ ליאַרם פון דעם „מיר זע'מיר יידן" ? דער פראַנצויז און דער ענגלענדער האָבן דאָך אויך אַ גאָט און אַ תורה, וואָס טוט ע ר ווען ער פאַרלירט זיין גאָט און זיין תורה ווערט פאַרעלטערט? זיי זוכן אַ נייעם „גאָט", פּרוּוון שאַפן נייע תורות, פאַרוואָס זאָל איך דאָס ניט קענען טון? דער פראַנצויז האָט אַ לאַנד? פיין. און א י ך זיין לאַנד דאַרף ער ניט קיין גאָט, קיין תורה? וואָלט דאָס געווען דער פאַל, קענען מיר דאָך ערשט אין ארץ ישראל ווערן גוים ווי דער פראַנצויז, פאַרוואָס ווילט איר דוקא ערשט דאָרטן גיין צוריק צו יהוהן און זיין . . . שולחן ערוך ? ווייל מיר „זעמיר יידן, זענעמיר"?

יידן זיינען מיר, אָבער ייד מיינט דאָך אויך מענטש. ניט ייד א ו ן מענטש, אָט דער פסוק איז ממש אַ באַליידיקונג, איך מיין יידישער מענטש, ווי פראַנצויזישער אָדער ענגלישער. ער, דער ענגלענדער אָדער פראַנצויז, האָט אויך אַ גאָט, אַ תורה, נאָר פון ז י י נ ע אַרבעה אָבות נזיקין (ער האָט דאָס אויך) האַלט ער ניט. דאָס, זאָגט ער, באַלאַנגט צום געריכט, ניט פאַר אים צו לייענען אָדער לערנען, ער לייענט שעקספּירן אָדער גאָר זשאָרזש ב. שאָו, מאָליערן אָדער גאָר סאַרטרען, און לערנען לערנט ער ניט דוקא שור שנגח את הפרה, נאָר פיזיק אָדער כעמיע, פאַרוואָס זאָל איך, דער יידישער מענטש, ניט ווען זוכן קיין נייעם גאָט, שאַפן אַ נייע תורה, נאָר דוקא קייען און איבערקייען ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל ביצה שנולדה ביום טוב? איז טאַקע שנים אוחזין בטלית, געלערנט מיטן מאַרקסאָ וויכטיקער ווי אַ קאַפּיטל פון קאַרל מאַרקס' פּאָליטישער עקאָנאָמיע? איז נדרים מיטן זי"ף וויכטיקער ווי „טאָטעם און טאַבו" פון זיגמונד פרויד, און עירובין מיטן „שטאַכעט" וויכטיקער ווי איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע?

זאָלן די ביי־געבאַקענע פּרומאַקעס, די פרישע שול קלאַפּער אַרויפליגן די האַנט אויפן האַרצן און ענטפערן.

ווי דער שטייגער פון אַ יידן וועלן זיי ענטפערן מיט אַ פראַגע: און „אייער" מאַרקס, פרויד און איינשטיין, וואָס גיבן ז י י אייך? ברענגען

זיי אייך רו און פרידן? קען מען ל ע ב ן מיט אָט דער נייער תורה ווי מיט אונדזער אַלטער, וואָס איז וחי בהם?

מיין אויפריכטיקער ענטפער איז: קיין רו און פרידן ברייגנגט ניט די וויסנשאַפט, זי וויל דאָס גאָרניט, וואָס זי וויל איז ז ו כ ן דעם אמת. דאָס איז אַ שווערער ווייטיקדיקער ענין, אַ סך שווערער ווי דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג, אַ סך פּיינלעכער ווי זאָגן שמע ישראל, אָבער דעם געצנדינער איז געווען זייער גוט ווען ער האָט זיך געבוקט צו זיין אָפּגאָט, פאַרוואָס האָט איר דוקא געוואָלט זאָגן שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד, און אפילו פאַרברענט ווערן צוליב דעם? איז בעסערקייט, רויקייט אַ מאָס? מיר איז ניט גוט, און ניט נאָר מיר, אויך דעם ענגלענדער און פראַנצויז איז ניט גוט, ווייל זיי האָבן אויך אָנגעוואָרן זייער גאָט, נאָר אַז זייערער אַ שרייבער, לאָמיר זאָגן אַ קלאָודעל, עליאָט, פּרווון געפינען זייער „רו" תחת כנפי הפויפּסט, ווערן פרומע קאַטאָליקן, קנייטשט איר מיט די פּלייצעס, און מיך רופט איר צוריק צוריק אין שול, צוריק צום שולחן ערוך, דאָרט וועל איך געפינען רו, גליק, אפילו אַ יענע וועלט. ענטפער איך אייך דערויף: מוחל די גליקן! און יענע וועלט שיינק איך אייך אַוועק לצמיתות, די פּאָר יאָר וואָס דער מענטש האָט אויף ד ע ר וועלט זאָל ער פאַרברייגנגען אין אומרויקייט, אין זוכעניש, כי לכך נוצרת, דערויף איז ער אַ מענטש! און דעם טראָפּ דאַרף מען שטעלן אויף מענטש! עס איז מענטש און ניט גאָט. שוין געהאַט גענוג גאָט, צייט צו ווערן אַ מענטש!

וואַסערדיקע יידן

אין דער באָטאַניק ווערן איצט געמאַכט עקספּערימענטן, באַקאַנט אונטערן נאָמען הידראָפּאָניקס, — פּאַרזעצן קאַרטאָפל, אוגערקעס און אַנדערע פּרי אדמה ניט אין דער אדמה, נאָר אין וואַסער. זיך באַפרייען פון דער ערד.

דער געדאַנק איז אַ פּשוטער און אַ לאָגישער. די פּירות ציען זייער יניקה פון דער ערד, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קענען צושטעלן אָט די יניקה, די זאַפּטן און זאַלצן, קינסטלעך און די זעלבע פּירות זאָלן וואַקסן אין וואַסער? ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס זיי זאָלן ניט וואַקסן, לכן לאָמיר פּרוּוון.

וואָס פון אָט די עקספּערימענטן וועט זיך אַויסלאָזן, צי וועלן מיר טאַקע אין דער נאָענטער צוקונפט זאָגן בורא פּרי המים אַנשטאָט בורא פּרי האדמה, אָדער מיר'ן גאָר דאַרפן מאַכן די ברכה שהכל, ווייסן מיר ניט, די עקספּערימענטן גייען נאָך אָן, די רעזולטאַטן זיינען דערווייל צווייפלהאַפט. דערפאַר אָבער ווייסן מיר אַז אין דער עטנאָלאָגיע איז געמאַכט געוואָרן אַזאַ „עקספּערימענט" מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק און וועגן דעם רעזולטאַט ווילן מיר דאָ ריידן.

מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט מען איין עטנישע גרופּע מענטשן, דאָס יידישע פאָלק, אָפּגעריסן פון דער ערד. על פּי חכמת עטנאָלאָגיע וואָלט אַזאַ פאָלק באַדאַרפט אונטערגיין: ווי קען עס אַ פאָלק לעבן אָן ערד? אַנדערע פעלקער אין דער לאַגע זיינען טאַקע אונטערגעגאַנגען. האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט די יידישע „כעמיקער" פון יענער צייט און געזאָגט: ערד אַליין איז דאָך גאָרניט, עס איז די יניקה, די זאַפּטן און זאַלצן וואָס די ערד שטעלט צו, ווי אַז מיר קענען אַרויסקריגן די זעלבע, און אפשר נאָך בעסערע, זאַפּטן און זאַלצן פון . . . הימל?

הימלישע זאַפּטן, געטלעכע זאַלצן, אַריינגעטון אין די יידישע וואַסערן, ואינו מים אלא תורה, און דאָס יידישע פאָלק — אַ טריאומף פאַר דער „כעמיע" — עס לעבט! זיבעציק דורות אַז עס האָט אויסגעהאַלטן, מיינט עס אַז עס וועט שוין לעבן אייביק, עם ישראל חי, נצח ישראל לא ישקר! אין אַזאַ פאָרמע, אין אַן אַנדער פאָרמע, אָבער לעבן וועט עס, והא ראיה...

דאָ אפילו אַ סברא אין דער וויסנשאַפט: זיבעציק מאָל באַוויזן אַז דער עקספּערימענט אַרבעט איז עס נאָך ניט קיין געזעץ אַז ער מוז און וועט אַלע מאָל אַרבעטן, אויפן איין און זיבעציקסטן מאָל קען דער עקספּערימענט ניט געלינגען און דאַן איז עס דוקא אַ באַווייז אַז דער עקספּערימענט קען אויך נ י ט אַרבעטן. אין טעגלעכן לעבן ווייסן מיר אַז אויב אַ מאַנטל האָט מיר געדינט פופצן יאָר מיינט עס נאָך ניט אַז ער׳ט מיר דינען נאָך פופצן יאָר, אַ מאַנטל ווערט סוף כל סוף אויסגע־טראָגן. אונדזערע יידישע „וויסנשאַפטלייט" האָבן אָבער אָנגענומען אַז די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק ביז אַהער איז אַ באַוויז אַז דאָס יידישע פאָלק מוז און קען אויך ווייטער לעבן, מאַכט ניט אויס אונטער וועלכע אומשטענדן, אפילו אונטער רדיפות און גגישות, ביי בעסערע אומשטענדן איז דאָך קיין פראַגע ניט. יידן וועלן לעבן. די פאָרמען וועלן אפשר זיין אַנדערע, אָבער אונטערגיין? לאָ!

איז ניט אָט דער אויספיר בלויז אַ קינד פון אונדזער ווונש? מיר ו ו י ל ן נ י ט אונטערגיין, זינגען מיר נצח ישראל, מיר ו ו י ל ן לעבן, ו ו ע ל ן מיר. וועלן מיר?

אַז די מערב אייראָפּעאישע יידן זיינען אַסימילירט געוואָרן ווייסן מיר, מיר ווילן עס אָבער ניט וויסן גרינטלעך. מיר טרייסטן זיך אַז יידן זיינען בלויז פאַרדייטשט, פאַרפראַנצויזישט, פאַראיטאַליענישט געוואָרן, דער יידישער דופק קלאַפּט, והא ראיה, מ׳קלאַפּט דעם יידן פאַר זיין יידישן דופק.

קלעפּ האָבן מיר געקראָגן שווערע, ווי שטאַרק האָט געקלאַפּט דער יידישער דופק?

זאָל עס איין־מאָל געזאָגט ווערן בפה מלא, מיט דער פולער אכזריות: וואָלט היטלער אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט אַז שמד־וואַסער פאַרוואַנדלט אַ כשרן יידן אין אַ פּסולדיקן אַריער וואָלטן זייער ווינציק דייטשע יידן גע־בליבן ביי זייער כשרות. מיט אַ לייכטן געמיט וואָלטן זיי אויסגעביטן דאָס רענדל, ווייל אָט דאָס רענדל איז שוין לאַנג געווען אָפּגעריבן. אַ דייטש פון מאָזאַישן גלויבן האָט געמיינט — מאָזעסן גלויבט ער אויפן וואָרט, ער וויל זיך מיט אים ניט שפּאַרן . . . לעבן וויל ער ווי אַ דייטש, ווייל ער איז אַ דייטש און ניט קיין ייד.

„ס׳איז אַ חלום יענע צייט פון שייטער־הויפן,

ווען פאַר אַ גאָט האָט מען געקענט דאָס לעבן קויפן." (ה. גראַדע)

אויב מ׳זאָל אויסזעצן על פּי לאָגיק אַז דאָס וואָס ו ו אָ ל ט פּאַסירט

קען ניט געבראַכט ווערן ווי אַ ראיה, איז געגוג צו דערמאָנען, אַז אין ווין ווו יידן האָט זיך געדוכט אַז פּאַר אַ גאָט קען מען נאָך קויפן דאָס לעבן, האָט מען אַ קאַטוילישן גייסטלעכן געמוזט פּאַרווערן שמדן יידן, אַזוי פיל „לעבנס־קונים" האָבן זיך געפונען, און אין בראַזיליע, אַרגענטינע האָבן דייטשע יידן זיך מאַסנווייז געשמדט נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך גע־ראַטעוועט פון דייטשלאַנד, שוין ניט אַזוי צוליב זיך ווי כדי צו באַוואָרענען זייערע קינדער און קינדס קינדער, ביי ז י י זאָל שוין ניט קלאַפּן קיין יידישער דופק, קיין יידישער אָדער. אין איטאַליע, ווו דער פאַשיזם און אפילו היטלעריזם האָט ניט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע נגישות ווי אין דייטשלאַנד, האָבן אין די יאָרן 1931־41 זיך געשמדט זעקס טויזנט יידן — אַ זיבעטל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

קען מען אָט דאָס אַ אויסטייטשן ווי אַ פאַרדייטשונג, פאַראיטאַליע־נישקייט און ניט מער ווי דאָס? קלאָר געזען מיינט עס אָט וואָס — די הימלישע, געטלעכע זאַלצן, די רעליגיע וואָס האָט געדאַרפט שפּייזן דאָס יידישע פאָלק אָנשטאָט יניקה פון דער ערד, אָט די זאַלצן זיינען פאַרוואַ־סערט, צעגאַנגען געוואָרן, קיינע אַנדערע זאַלצן זיינען ניט צוגעקומען, די יידישע פרי איז פאַרדאַרט, פאַרקוואַרט געוואָרן, ביים ערשטן ווינטל איז זי אַרונטערגעפאַלן. דאָס האָט פּאַסירט אין אייראָפּע.

אָבער, ווועט מען זאָגן, אַמעריקע איז ניט אייראָפּע. די ציוויליזאַציע דאָ איז טאַקע איינהייטלעך אַמעריקאַניש, די קולטור איז אָבער פלוראַליס־טיש אין איר יסוד און פּאַטענץ, אויסערלעך, הייסט עס, וועט דער ייד טאַקע זיין אַ ציוויליזירטער אַמעריקאַנער, אינערלעך אָבער אַ קולטור־רעלער ייד.

מיר וועלן לאָזן אין אַ זייט די פראַגע צי איז די קולטור אין אייראָפּע ניט געווען פלוראַליסטיש און אַ קוק טון אויף דער קולטור אין אַמעריקע צי איז זי יאָ פלוראַליסטיש.

די יידישע אינטעליגענץ, די אינטעליגענץ פון אַנדערע אַריבערגע־קומענע פעלקער, אויך י ח י ד י ם אינטעליגענטע אַמעריקאַנער רעדן וועגן פלוראַליזם, עס זעען זיך אָבער קיינע סמנים דערפון. וואָס מיר זעען איז אַ פאַרקערטע ריכטונג — פון ד י פ ע ר ע נ צ י ר ט ע ק ו ל־ ט ו ר ן צ ו אַ ס י נ ט ע ט י ש ע ר אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר ק ו ל ט ו ר. ווען די געציילטע אַמעריקאַנער אינטעליגענטן ריידן פון אַ פלוראַליסטי־שער קולטור מיינען זיי דאָס דערוויטערן זיך פון דער איינהייטלעכער

אַנגלאָזאַקסישער קולטור וואָס האָט ביז ניט לאַנג געהערשט דאָ אין אַמעריקע און שאַפן אַ ריין אַמעריקאַנישע, אַ ס י נ ט ע ט י ש ן ג ע מ י ש פון אַלע קולטורן דאָ. מיר, די יידישע אינטעליגענטן, ווי אויך די אינטע־ליגענטן פון אַנדערע קליינע פעלקער, פאַרגעסן דערביי אַז דער סינטע־טישער ר ע ז ו ל ט אַ ט איז ניט אַ חיבור פון פאַרשיידענע עלעמענטן, נאָר אַ גאַנץ נייער געמיש, אַן איבערגעקאָכטער איינס. דער רעזולטאַט איז ניט אײן אַמעריקאַנער צאַפּ, געפלאָכטן פון פאַסמעס האָר פון פאַר־שיידענע פעלקער, אפילו ניט איין אַמעריקאַנער טעפּיך געוועבט פון פאַרשיידענע פאַלקס פעדעם, דער רעזולטאַט איז א י י ן אַמעריקאַנער „קאַקטייל״, וועלכער קען ניט און וועט ניט האָבן קיין יידישן טעם. אָט אַ דעם קולטורעלן „קאַקטייל״ וועלן עס אונדזערע קינדער דאַרפן טרינקען כדי צו שטילן זייער יידישן קולטורעלן דורשט. אויב אַ קולטורעלער גאַסטראָנאָם מיט אַ היפּערסענסיטיוון צונג וועט אפילו אין אָט אַ דעם „כל־בו״־קאַקטייל דערשפּירן דעם יידישן טעם און זיך קוויקן דערמיט וועט עס זיין ניט מער ווי אַ קולטורעלע זויפעריי. מ׳וועט מיט אַ שפּאַקטיוו זוכן יידישקייט אין ריין אַמעריקאַנישע שאַפונגען ווי מ׳זוכט איצט יידישקייט ביי פּרוסטן, ביי קאַפקאַן און מ׳וועט כלומרשט געפינען עפּעס, „אויפן שפּיץ מעסער״. שטילן דעם יידישן קולטורעלן דורשט מיט אַזאַ געטראַנק קען מען ניט, דערצו דאַרף מען האָבן אַ ריינעם, לויטערן, אייגענעם קוואַל. אָט דער קוואַל מעג, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָנ־געטרונקען פון אים, אַריינפאַלן אין ים אַריין, פריער אָבער מוז ער דורכגיין אונדזער לאַנד, אַניט וועלן מיר אויסגיין פון קולטורעלן דורשט אָדער מיר׳ן מוזן טרינקען פון אַנדערע ניט יידישע קוואַלן, אָן קיינע פּרעטענזיעס אויף יידישקייט.

מיר האָבן דאָ קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, שטעט מיט אַ סך ריין יידישע גאַסן, ווו עס איז ניטאָ אַ „גוי אויף אַ רפואה״, דאָך הערט מען דאָרט ניט קיין יידיש וואָרט. יידישע יידן, האַלב און גאַנץ אַסימילירטע לעבן בשכנות. אָט די פאַרשיידענע יידן האָבן זיך „אַסימילירט״, זיך אויסגעמישט, דער יידישער ייד, געוועזענער אַנאַרכיסט, סאָציאַליסט באַלאַנגט שוין, ברוך השם, צום טעמפּל, ביים טעמפּל ייד איז שוין, דאַנקען גאָט, זייאַניזם, טשאַריטי ציוניזם, ניט טריף, ער רעדט שוין אפילו וועגן יידישער קולטור, אמת בלשון אנגלית, אָבער ביי די רייד בלייבט עס.ביידנס קינדער און קינדס קינדער ווייסן ניט, הייבן ניט אָן צו וויסן וואָס מ׳וויל פון זיי. די צרה מיט אונזער יידיש לעבן איז ניט נאָר וואָס

די קינדער און קינדס קינדער פון יידישע אימיגראַנטן ריידן ניט קיין יידיש, נאָר וואָס צו אָט די קינדער קלעפּט זיך ניט קיין יידיש לעבן, זיי הייבן ניט אָן צו באַגרייפן מיט וואָס זיי זיינען יידן, חוץ זייער געבורט, און מיט אַלע אונדזערע באַמיאונגען קענען מיר באין אופן זיי ניט געבן דאָס צו פאַרשטיין. די יידישע מיסיע, וואָס די ראַבינער מכל המינים ווילן זיי איבערגעבן, ווייזן זיי העפלעך צוריק — אַ דאַנק, מיר קענען זיך באַגיין אָן דעם. איר, ראַבאַיס, „פּראָפעסיאָנעלע יידן" דאַרפט ריידן וועגן דעם, אָבער וואָס האָבן מיר צו טון דערמיט? וואָס זאָלן מיר ט ו ן? גיין אין שול? נו גוט, ראש השנה און יום כפור וועלן מיר גיין. וואָס נאָך? דאָס זאָגן שוין די בעסערע, אַנדערע זאָגן: יידן? נו יאָ, מיר זיינען געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, איז וואָס? איך בין ניט מער ייד ווי מיין שכן דער וועלשמאַן איז וועלש. ער און איך, מיר זיינען ביידע אַמעריקאַנער. דעם עול פון קיום האומה וואָס מיר ווילן אַרויפלייגן אויף זייערע פּלייצעס זיינען זיי פּורק, זיי ווילן ניט קיין ספּעציפישן יידישן האָרב, זיי זיינען שטאָלצע אַמעריקאַנער, מיט גלייכע פּלייצעס. אַנדערע פאַרדריסט גאָר ווען מיר אָדער ניט יידן דערמאָנען זיי אָן זייער יידישקייט, גאַנץ אָפט פאַרשווייגן זיי עס, ניט זעלטן לייקענען זיי עס.

די צאָל פון אָט די פאַרעווע יידן, „געבוירן ביי יידישע עלטערן", איז אַזוי גרויס, אַז אַוועקמאַכן זיי מיט דער האַנט, זאָגן אַז זיי רעכענען זיך ניט, מיינט פּשוט ניט זען דיווירקלעכקייט. מ'קען אויך ניט אָפּקומען מיטן פּזמון — מאַסע, דאָס הייסט אַז די מאַסע איז קיינמאָל ניט געווען באַוווּסטזיניק יידיש, באַוווּסטזיניקייט איז אַלע מאָל געווען דער קנין פון יחידי סגולה, די מאַסע האָט בלויז נאָכגעפאָלגט, נאָכגעטון. אמת, די מאַסע האָט ניט געלערנט קיין ש"ס ופּוסקים, ניט געלייענט דעם רמב"ם, זי האָט אָבער ג ע ל ע ב ט על פּי שולחן ערוך, און דער עם הארץ, וואָס האָט אפילו ניט געוווּסט וואָס שולחן ערוך מיינט, האָט אָבער געוווּסט אַז איידער ער גייט צום טיש דאַרף ער זיך וואַשן, איבערן ברויט דאַרף ער מאַכן אַ ברכה, נאָכן עסן דאַרף ער בענטשן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין פּירוש המילות, ער האָט אָבער געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. שבת, האָט זיך עס געמעגט אויסדריקן בלויז אין עסן ווייסע חלה אָדער טשאָלנט, איז פאָרט געווען שבת. עס איז געווען אַ יידיש לעבן. דאָס יידישע שטעטל האָט זיך געהאַלטן אינם יידישן גאָט, האָט געלעבט מיטן כוח פון רעליגיע, און דעם יידישן גאָט האָט זיך געלעבט גאָרניט שלעכט אינם יידישן שטעטל, ווייל עס איז געווען יידיש, אַנדערש פון דעם גוי'ס לעבן אין דאָרף

צי אין שטאָט. נעמט מען צו די אַנדערשקייט ווערט אויס יידישער לעבנס שטייגער און עס ווערט אויך אויס יידישער גאָט.

און וואָס איז מכוח דער רעליגיעזער יידישקייט וואָס האָט אויפגעלעבט לעצטנס? פון איין זייט האָבן זיך באַוויזן „מלאכים" אין וויליאַמסבורג: דער סאַטמאַרער, דער קלויזענבורגער רבי, וואָס היטן אָפּ זייערע חסידים, זיי זאָלן ניט נאָר עסן כשרע פלייש, נאָר זיי זאָלן אויך טראָגן כשרע . . . העמדער, אָן אַ שמץ פון שעטנז. פון דער צווייטער זייט בויט מען מיליאָנען דאָלאַרדיקע טעמפּלען פאַר די „ראָש האַשאַנאַה ענד יאָם קיפּור" יידן, מיט געניג פּלאַץ פאַר הונדערטער אויטאָמאָבילן אין וועלכע זיי קומען צו די „סוירוויסעס". סיי ביי די „מלאכים", סיי ביי די "גלחים" איז אַ גוואַלדיקע שפע, יידן האַלטן אויס זייערע „גוטע יידן", די רביים, און די ראַבאַיס בכבוד גדול.

דוכט זיך גוט, האַ?

איז אָבער דאָ אַ ווערטל: ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך. אויך אין די קריסטלעכע קירכן מערקט זיך „פּראָספּעריטי", דאָ מער קלויסטערגייער ווי פריער, נאָר די גלחים זיינען עפּעס ניט צופרידן פון אָט דער רעליגיעזער שפע. איין גלח האָט, יאַקאָבי, זיך אויסגעדריקט אַז דאָס איצטיקע גיין אין קלויסטער איז ניט מער ווי „רעליגיעזער אַספּירין", עס קאָסט זייער ווינציק און האָט נאָך ווינציקער די ווערט. פון אמת רעליגיעזן געפיל איז דאָס גאַנץ ווייט.

דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן דער אויפגעוואַכטער יידישער פרומקייט, מיט איין קליינער ענדערונג: אָט די פרומקייט דערמאָנט אָן דראַליעס (פּוטשא) — גייסטיק פאַרגליווערט און מאַטעריעל זייער צאַפּלדיק.

די פירמע דיופּאָנט האָט נאָך ניט אָנגעשטעלט קיין רב, וואָס זאָל אַרויסגעבן אַ הכשר אויף אירע סינטעטישע פּראָדוקטן פון וועלכע מ'מאַכט העמדער; אירע אַקציעס זיינען אויך ניט געפאַלן צוליב דעם וואָס די אַמעריקאַנער יידישע חרדים האָבן אויפגעהערט צו קויפן אירע פּראָדוקטן, דערפאַר אָבער האָבן עטלעכע „חרדים" אָפּגעלעקט אַ ביינדל פון פאַרקויפן די כ ש ר ע העמדער.

„כשרע העמדער" קלינגט ווי אַ וויץ, אין יעדן וויץ איז אָבער דאָ אַ שמץ ערנסט. ס'אַ סברא אַז די וויליאַמסבורגער „מלאכים" פאַרנעמען זיך ניט דוקא מיט הימלישע ענינים, מיט זאָרגן וועגן חיזוק האמונה אָדער קיום האומה, זיי זיינען אויסן אַ היפּש ביסל פּראַקטישע ענינים, זייער

ייִדישקייט זאָל זיך באַצאָלן, און שכר מצוה איז ניט דוקא מצוה, נאָר טאַקע ממשותדיקע עטלעכע דאָלאַר. ווען אָט די זעלבע „מלאכים" און סתם אַמעריקאַנער ייִדישע חרדים לאָזן זיך אַרויס איבער די ניו יאָרקער גאַסן און מאַכן אַ גוואַלד אַז מע רודפט די ייִדישע אמונה אין ישׂראל, מוז מען זייער שטאַרק צווייפלען אין דער אמונה פון אָט די „מלאכים", זייער פרומקייט, ווייזט זיך אַרויס, איז ניט מער ווי אַ שפּיל, און אַ שפּיל ניט פאַרן מלאך גבריאל, נאָר פאַרן טייוול, אָט די ייִדן ווילן ניט באמת קיין אמונה, זיי ווילן מ אַ כ ט! זייער פרומקייט — פּאָליטיק!

אָבער ייִדן זיינען זיי?

יאָ, ייִדן זיינען זיי. איך וועל נאָך צוגעבן, דאָ צווישן זיי אַזוינע ביי וועמען כשרע העמדער . . . איז ניט דוקא אַן ענין פון „מאַכן אַ פּאָר טולער", זיי מיינען גאַנץ ערנסט, והא ראיה, זיי שיקן זייערע קינדער אין די ישיבות קטנות און גדולות מיט דער האָפענונג אַז זיי וועלן אויסוואַקסן רבנים, און גאַנץ מעגלעך אַז אַ ביסל רבנים וועלן זיך טאַקע אויספּיקן, עס איז אָבער אויך זייער מעגלעך אַז אַ שפּאַר ביסל פון די איצטיקע תינוקות של בית רבן זאָלן אויסוואַקסן ייִדן . . . אַנטיסעמיטן. מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע דערשיינונגען. וואָס מער רעליגיעזע ייִדישקייט מע פּאָמפּעט אַריין אין די קינדער קליינערהייט, אַלץ שאַרפער קומט אַרויס די רעאַקציע קעגן דעם ווען זיי וואַקסן אויס און הייבן אָן אַריינגיין אין דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנעם לעבן. אפילו קליינערהייט „ווייסט" שוין דאָס קינד אַז אין גאַס איז בעסער אַז מע פאַרשאַרט די פּיאות הינטער די אויערן, רעכט אַז שפּעטער, ווען ער'ט אויסוואַקסן, זאָל ער, דערזעענדיק אַ ייִדן מיט באָרד און פּיאות, דערפילן אַז אים בייסן די הענט אַ צופּ טון, אַ ריס טון, זיך נוקם זיין אָן זיין טאַטן, זיין ייִדישקייט.

אפילו אין דעם קליינעם שטעטל אין רוסלאַנד, ווו ייִדן זיינען געווען די איבערוועגנדיקע מערהייט, איז עס ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַט מיט דער „גאַס". דאָרטן איז עס געשאַפן געוואָרן די פאָרמולע: זיי אַ ייִד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס. די פאָרמולע האָט דאָרטן ניט געטויגט און דאָ טויג זי אודאי ניט. די צעטיילונג — דאָ ייִד, דאָרט מענטש — שאַפט אַ צעשפּאָלטענע, אַ פאַרדרייטע בריאה.

דעם בעסטן ביישפּיל גיבן די, אַזוי גערופענע, אָרטאָדאָקסישע ייִדן. אייניקע רבנים טראָגן בערד ווי גאָט האָט זיי געשאַפן; אַנדערע באַנוגענען זיך מיט בערדלעך, אַ קמצל בלויז, אַן אַנצוזעעניש אויף אַ באָרד; די מערסטע האָבן שוין אפילו דאָס אויך ניט, אָפּגעגאָלט! נאָר דער „שעיוו

איז אַ כשרער". (דאָ אַזאַ זאַך, און די וועגן אָפּצונאַרן דעם רבש"ע זיינען גאָר אין לשער). דאָס איז אַלץ כדי צו זיין אַ מענטש אין גאַס. די פּשוטע יידן, די סתם שול גייער, ביי זיי איז ניט נאָר אַ פראַגע פון אַ באָרד, עס גייט אַ האָרעלע ווייטער. דאָ יידן, וואָס אין דער היים פירן זיי אַ כשרע קיך, נאָר אין גאַס קוויקן זיי זיך מיט אַ „העם סענדוויטש"; אַנדערע, ווידער, פירן אין דרויסן אַ קאַמף פאַר כשרות, פאַר שבת, און אין שטוב מוז מען האָבן אויף אָנבייסן „בייקאָן ענד עגס" (חזיר גריוון מיט אייער). שיקט אַזאַ ייד זיין קינד אין אַ ישיבה, אַ תלמוד תורה, האָט ער אויסצו־שטיין צרות פונם קינד, עס פאָדערט אויסגעהאַלטנקייט: טאָר מען שבת ניט אָנצינדן קיין פייער, ווי דער רבי האָט געלערנט, טאָ פאַרוואָס קאָכט די מאַמע עסן? און אויב מע טאָר אום שבת גאָרניט טון, פאַרוואָס גייט דער טאַטע אין געשעפט? דערוואַרטן אַז אָט די קינדער וועלן רעפאָרמירן די עלטערן, זיי אַרויספירן אויפן פרומען יידישן דרך, ווי עס זאָגן אַ טייל פון די פרומע מדריכים, איז ווי צו דערוואַרטן אַז „דער עק זאָל דרייען מיטן הונט". א י י נ צ ל נ ע קינדער וועלן בלייבן פרום, די מערסטע וועלן גלייך נאָך דער בר מצוה באַשליסן אַז „גענוג"! דער גאַנצער „היידער" (חדר, איין וואָרט פאַר אַלע יידישע לערן שולן) איז „האָמבאָג". אודאי איז ער אַ ייד! און ער איז שטאָלץ דערמיט! און ער האָט עס ליב אויך, הם . . . דער מאַמעס געפילטע פיש! און פּוטשאַ! און קניידלעך! אָה, באַי! צוליב אָט דער בויך יידישקייט וועט ער, אָדער זי, נאָך פירן אַ יידישע קיך, אויך מיט אַ „העם סענדוויטש" אין דרויסן, די קינדער פון אָט די קינדער וועלן שוין ניט אַזוי אָנקווועלן פון די יידישע מאכלים זיי זאָלן צוליב דעם זיך עסקן מיט פירן אַ כשרע קיך, אָדער אפילו אַליין מאַכן די מאכלים אין דער ניט כשרער קיך, זיי קענען זיי קריגן פאַרטיקע אין „קאָשער סטאַיל" רעסטאָראַן און, אויב אין זעינזוויל, לאָמיר זאָגן, איז אַזאַ רעסטאָראַן ניטאָ, קען מען אויסקומען אָן דעם, מיט אַ גוטן גוישן סטעיק קען מען זיך אויך ניט סמען. גויישע סטעיקס זאָלן יידן עסן, יידישע קאַווע זאָלן גוים טרינקען . . .

היוצא לנו מזה: דער „יהודי" גייט איין אויף קאָמפּראָמיסן מיטן „אדם" און דער „יהודי", מ י ט זיין אויפגעוואַכטער יידישקייט, האַלט אין איין פאַרלירן.

און וואָס איז מיט די רעפאָרמער, מיט זייער מינימום יידישקייט? היינט ווו זיינען די בינונים, די קאָנסערוואַטיווע? דאָס איז דאָך שוין אי צו גאָט אי צו לייט.

דער יידישער באַגאַזש פון די רעפאָרמער איז אַזאַ גרינגער, אַז אויב זיי וואַרפן אים ניט אַרונטער איז עס בלויז דערפאַר ווייל זיי פילן גאָרניט אַז זיי טראָגן עפּעס. זייער יידישקייט האָט זיכער ניט צו טון מיט בוך יידישקייט, אפילו ניט מיט בויך יידישקייט, נאָר נאָפּל יידישקייט — געבוירין געוואָרן ביי יידישע עלטערן. די ערשטע אָפּעראַציע — איבער־שניידן דעם נאָפּל — געדיינקט ער ניט, צי האָט מען פאַרנייט, פאַרבונדן דעם נאָפּל מיט אַ י י ד י ש ן פאָדעם ווייסט ער ניט, אויב אָבער זיין זון אָדער טאָכטער וועט זיך פאַרבינדן מיט אַ ניט־יידן, האָט ער גאָרניט קעגן דעם. נייך, אין זיין צוואה וועט ער וועגן דעם קיין פונקט ניט אַריינשטעלן. אייניקע טוען עס, אָבער ניט ער! ער איז אַן אַמעריקאַנער! און ער מיינט עס אויף אַן אמת!

פון אָט דעם אמתן אַמעריקאַנער קומט עס אַרויס דער „קאָונסיל אָף דזשודאַיזם" ייד. למען האמת מוז מען צוגעבן אַז דער "קאָונסיל־ייד" איז ביי אים ניט קיין בן יחיד, ער האָט אַ פּאָר אַנדערע, מער געראָטענע קינדער, דער „קאָונסיל־ייד" איז אָבער ניט קיין ממזר — מעם זר — ער איז אַ געזעצלעך קינד פון אָט די אמתע אַמעריקאַנער רעפאָרמירטע יידן.

ביי די קאָנסערוואַטיווע איז קיין „קאָונסיל אָף דזשודאַיזם" ניטאָ, דערפאַר אָבער פאַרנעמען זיי זיך מיט „דזשודאַיזם" אַ היפּש ביסל. זיי, אַ מרדכי קאַפּלאַן, אַ לואיס פינקעלשטיין, ריידן אפילו פון אַ יידישער ציוויליזאַציע (אַ רחמנות אויף דעם פאָרשטייער פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, מר. טאָיגבי) און, פאַרשטייט זיך, פון דער יידישער מיסיע... (אָבי מיר האָבן געמיינט אַז זי, די יידישע מיסיע, האָט שוין אָנגעגעבן אין דימיסיע).

זייער „דזשודאַיזם" דערמאָנט זייער שטאַרק אָן דער חכמת היהדות פון די דייטשישע יידן, האָט כמעט דעם זעלבן טעם און מ׳קען אפילו דערשמעקן דעם זעלבן אַפּאָלאָגעטישן ריח. דער איינציקער חילוק, די דייטשישע יידן האָבן זיך פאַרענטפערט: נו יאָ, מיר זיינען יידן, מיר האַלטן פון תורת משה, ווי מיר פאַרשטייען זי, אָבער מיר זיינען דאָך גוטע, אמתע דייטשן, לכן גיט אונדז די זעלבע רעכט וואָס איר האָט, בעת די אַמעריקאַנער יידן מאָנען ניט קיין רעכט, דאָס האָבן זיי, זיי ווילן נאָר זיך אַליין באַרעכטיקן למאי זיי זיינען יידן, טענהן זיי זיך אויס, ווייזן אויף וואָס פאַר אַ פיינע מענטשן יידן זיינען, וואָס זיי האָבן אויפגעטון פאַר דער וועלט און וואָס זיי וועלן נאָך אויפטון.

איז אַזוי, פֿאַר דער וועלט האָבן יידן טאַקע אויפֿגעטון אַ סך, פֿאַר אַמעריקע וועלן די יידן אויך אויפֿטון, וועלן זיי עפּעס אויפֿטון פֿאַר זיך? דאָס איז שוין אַ פֿראַגע. דער משומד היינריך היינע איז אפֿשר געווען מער ייד ווי אַ סך ניט געשמדטע יידן, אָבער להכעיס אונדז יידן און, די דייטשן אויף צעפּיקעניש, איז ער פּאַרט געווען און געבליבן אַ ד י י ט ש י ש ע ר דיכטער. וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ דעלמאָר שוואַרץ וועט פֿאַרנעמען אין דער אַמעריקאַנער דיכטונג אָדער עדנאַ פֿערבער אין דער פּראָזע, איז נאָך צו פֿרי צו זאָגן, זיכער איז אַז אין דער ל י ט ע ר אַ ט ו ר פֿ ו ן ד י י י ד ן דאָ אין אַמעריקע וועלן זיי ניט פֿאַרנעמען קיין פּלאַץ. דאָ אַ ביסל יידישע געבוירנע שרייבער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, די מערסטע פֿון זיי האָבן אָבער קיין שייכות מיטן יידישן לעבן, זיי מאָלן דאָס ניט, אדרבה, זיי ווייכן דערפֿון, און די וואָס טוען עס יאָ, האָט עס אַ טעם פֿון... „מאַרזשאַרי מאָרנינג סטאַר”, און אַז אַך און ווי אַז הערמאַן וואוק איז דער „יידישער שטערן”.

דאָס רעליגיעזע לעבן, וואָס וואַקלט זיך צווישן דעם סאַטמאַרער רבי און דעם ראַבאַי עלמער בערגער, גראַוויטירט צום קאָנסערוואַטיזם פֿון מרדכי קאַפּלאַן. אָט די רעליגיעזע פֿאָרם קען זיך האַלטן אַ לייִנגערע צייט, צי איז אָבער אָט די רעליגיע בכוח אויפֿצוהאַלטן אַ נאַציאָנאַל יידיש לעבן דאָ? אין דעם צווייפֿל איך זייער שטאַרק. אויב זיין אַ ייד מיינט גיין אין שול אָדער טעמפּל אין די ימים נוראים אַזוי לאַנג ווי דער פּראָטעסטאַנט אָדער קאַטאָליק גייען אין זייערע קירכן, דאַן וועלן יידן נאָך עקזיסטירן אַ היפּש ביסל יאָרן, אויב אָבער זיין אַ ייד מיינט פֿילן אַ גע־מיינשאַפֿטלעכע טראַדיציע מיט אַלע יידישע דורות פֿון עבר, טראָגן אחריות פֿאַר אַלץ וואָס איז יידיש אין דער קעגנוואַרט, אַרויסווייזן אַ שטאַרקן ווילן ממשיך זיין דאָס יידישע לעבן אין דער צוקונפֿט און טאַקע עפּעס ט ו ן דערפֿאַר, פֿ י ר ן אַ ן א י י ג ע נ ע ם ל ע ב נ ס ש ט י י ג ע ר, דאַן האָב איך מורא אַז אַזאַ יידן דאַרף מען זוכן ערגעץ אַנדערש ווו, אין אַמעריקע וועט ער זיין ניט בנמצא.

ניטאָ קיין יידישער לעבנס שטייגער אין אַמעריקע.

איך ווייס, עס ווערט געפּראַוועט עונג שבת, דער דריטער סדר, איז דאָס ניט אַ פֿאָרמע פֿון יידישן לעבנס שטייגער?

ניין, דאָס איז פּונקט דער היפּוך. עונג שבת פּראַווען עפּנטלעך ד י יידן, ביי וועמען אין ש ט ו ב איז ניטאָ קיין שפּור פֿון שבתדיקייט; צום דריטן סדר גייען ד י יידן, וואָס קענען ניט און ווילן ניט פּראַווען קיין

ערשטן סדר ביי זיך אין שטוב; אַ דריטער סדר אין אַ רייכן האָטעל איז אַ סך גרינגער, באַקוועמער און מע פּ אַ ר ב ר י נ ג ט דאָרט זייער גוט. אין שטוב איז ניטאָ קיין סימן פון שבת אָדער יום טוב. דער איינציקער יום טוב וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן אין דער יידישער שטוב אין אַמעריקע איז . . . חנוכה, אַריינגעבראַכט האָט אים דאָס יידישע קינד און דער גוישער גאָט.

חנוכה פאַלט אויס כמעט אין איין צייט מיט קריסטמאַס. וואָס קריסט־מאַס איז פאַר דער גויישער אַמעריקע איז שווער צו דעפינירן. אָפיציעל איז עס אַ ריין קריסטלעכער יום טוב — יעזוסעס געבוירנטאָג. די אַמע־ריקאַנער געשעפטסלייט האָבן אָבער באַוויזן צו מאַכן גראַדע פון דעם יום טוב אַ גוט געשעפט. וואָכן לאַנג פּויקט מען אין אַלע פּויקן אַז לכבוד קריסטמאַס דאַרף מען אַרויסווייזן „גוטן ווילן צו מענטשן", שיקן מתנות און, דער עיקר, געבן מתנות די קינדער. זיי דאַרפן ניט קריגן די מתנות דירעקט, סאַנטאַ קלאָוז דאַרף עס זיי ברייגנען, אַריינלייגן אין אַ זאָק, וואָס ווערט אויפגעהאַנגען אויפן קריסטמאַס בוים. פאַרשטייט זיך אַז אין יעדער הויז מוז שוין זיין אַזאַ בוים, דעקאָרירט מיט צאַצקעס, לעמפלעך. היינט אַז דזשאַהני געפינט זיין מתנה אויף אָט דעם בוים, פאַרוואָס זאָל דער געמלטער יונה־דזשאַהני ניט געפינען ז י י ן מתנה אויף דעם קריסטמאַס בוים? און אין דער יידישער הויז האָט זיך באַוויזן דער פאַגאַניש־קריסטלעכער בוים. „מ'קען זיך העלפן? קינדער! אַניט ווייסן זיי וואָס קריסטמאַס איז? אַ ל ע האָבן בוימלעך ווילן זיי אויך."

מיטן דערוואַכן פון דעם רעליגיעזן געפיל, דער עיקר, אַ דאַנק דער אַרבעט אַרום ארץ ישראל, האָבן די עלטערע זיך דערפילט אַ ביסל פּריקרע: מה ענין קריסטמאַס בוים לילדינו בני ישראל? איז מען דאָך אָבער יידן, מיט שאַרפע קעפּ, איז מען געפאַלן אויף אַן המצאה, קריסטמאַס איז טאַקע ניט אונדזער יום טוב, אָבער חנוכה! איין קלייניקייט, חנוכה! חשמונאים, מאַקאַבייער! לכן, איז חזיר־פיסל־כשר, צום קריסטמאַס בוים טשעפּעט מען צו אַ מגן דוד, צו די לעמפּלעך שטעלט מען צו אַ מנורה, דעם קינד דערקלערט מען אַז ס'איז חנוכה, אַ גרויסער יידישער יום טוב. און דאָס קינד? דאָס קינד פּסקנט גלייך: „איט'ס די דזשויש קריסטמאַס" (עס איז דער יידישער קריסטמאַס).

— נו, עס איז ניט דער יידישער קריסטמאַס, עס איז חנוכה. ח־נו־כה! חשמונאים, מאַקאַבייער . . .

— האַ־נו־קאַ? טשאַ־נו־קאַ? —

צו שווער פאַרן צונג, דער עיקר איז — דזשאַהני האָט אַ קריסטמאַס בוים, קריגט מתנות, האָט ער אויך אַ בוים, קריגט אויך מתנות, און אים איז גוט.

און ליהודים היתה אורה. אין די יידישע הייזער פינקלען די קריסט־מאַס לעמפּלעך צוזאַמען מיט די חנוכה ליכטלעך, די קינדער פרייען זיך און די דערוואַקסענע שטייען ניט אָפּ, מ׳קויפט, מע שיקט, מע קריגט מתנות, חנוכה־קריסטמאַס־פּורים, דער נייער יידישער יום טוב אין אַמעריקע.

און פּורים?

פּורים קומען אָפּ די קינדער מיט אַ גראַגער, עס מאַכט אַ סך טומל, דאָס מיינט „לאַטס אָף פאַן" (אַ סך שפּאַס), און די דערוואַקסענע קומען אָפּ מיט המן טאַשן געקויפט „קאָשער סטאַיל". קריגט מען ניט צו קויפן דעם גראַגער און די המן טאַשן, קומט מען אויס אָן דעם. פון מגילה־בוך יידישקייט צו בויך יידישקייט און נאָכדעם נאָפּל יידישקייט. דער ספר היוחסין פונם אַמעריקאַנער יידן וועט זיך לייענען:

עלטערן — יידישע יידן.
קינדער — גויישע יידן. יידן, נאָר פאַרגויישט.
קינדס־קינדער — יידישע גויים. גויים, נאָר ניט קיין פאָלנע.
אוראייניקלעך — גוים ככל הגוים, נאָר מיט יידישן יחוס.

רעדט ניט אַמאָל אין דיר דער ציוניסט? קומען ניט די אַלע מחשבות בלויז דערפאַר ווייל דו ביסט מיד פון הייננען אין דער לופטן, ווייל עס ווילט זיך אָנשפּאַרן דעם קאָפּ ערגעץ אין אַן אייגענעם ווינקל, פילן אונטער זיך היימישע ערד? ערד! ניט קיין . . . וואַסער?

ניין, איך בין ניט קיין ציוניסט, ניט קיין ג ו ט ע ר ציוניסט. די ציוניסטן מכל המינים, פון די רעכטע ביז די לינקע שבלינקע, זיינען אַלע מבטל דעם גלות מיט זיינע יידן. שלילת הגלות איז ניט קיין בלבול אויסגעטראַכט אויף די ציוניסטן. די וואָס טענהן: זעט די אַרבעט וואָס די ציוניסטן טוען א י ן גלות, פ אַ ר ן גלות, זיינען היפּאָקריטן ביודעים אָדער בלא יודעים. זיי טוען אַרבעט! זיי גיבן עסן דער בהמה ווייל זיי דאַרפן איר מילך. ביי זיי איז ד אָ ס יידישע פאָלק יענע יידן — וויפל זיי זאָלן ניט זיין — וואָס לעבן אין ארץ ישראל. די „איבעריקע"? ווער עס באַטראַכט די גלות יידן ווי בהמות, ווער גאָר ווי מיסט, וואָס דאַרף פעטער מאַכן די ארץ ישראל ערד. איין ייד אין ארץ ישראל איז מער ווי צען יידן אין גלות, שקול איין מיליאָן יידן אין ארץ ישראל כנגד אַלע צען

מיליאָן אין גלות, און — גאָט צו דאַנקען, מיר האָבן פּראָגרעסירט, מער ווי צען מיליאָן האָבן מיר שוין ניט. דער חשבון שטימט.

נו, איך, און צו מיר נאָך צען מיליאָן, ווילן ניט באַטראַכט ווערן ווי בהמות אָדער מיסט. איך קען אויך ניט לעבן מיין יידיש לעבן מיטן זכות פון דעם וואָס ערגעץ ווו וועט זיין אַ לאַנד פון וואַנען מ׳וועט אימ־פּאָרטירן יידישע, פאַרדאָן, העברעאישע, קולטור, מייסטנס אין דער פאָרם פון רבנים און רבינטשיקלעך. מרכז רוחני איז ניט פאַר מיר. איך בין ניט קיין פּעריפעריע ייד. איך קען ניט מקדש זיין די גלות לבנה וואָס קריגט איר ליכט פון דער ארץ ישראל זון. אָט דער בלאַסער לבנה־פּנים געפעלט מיר ניט. איך וויל אַן אייגענע זון, אַן אייגן יידיש לעבן, ווו איך זאָל ניט זיין, און מיר וועלן זיין אין גלות מ י ט אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל.

איך האָב אַ פאַרדאַכט אַז די יידישע מלוכה אין ארץ ישראל, ווען זי וועט שוין טאַקע זיין איינגעפונדעוועט, וועט ניט נאָר ניט זיין דער צענטער פונם יידישן לעבן איבער דער גאָרער וועלט, נאָר וועט נאָך מער אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט ווערן פונם יידישן לעבן. דער ריס וועט קומען פוןביידע זייטן. פון איין זייט וועט זיך הערן: א י י ן לאַנד, און דאָס איז דאָס לאַנד ישראל; א י י ן פאָלק, און דאָס איז דאָס פאָלק, וואָס וווינט אין מדינת ישראל; א י י ן שפּראַך, און דאָס איז העברעאיש, ניטאָ קיין אַנדער יידישע שפּראַך, און, אל תגידו „בגאַס״, אויך איין גאָט, דער גאָט פון ישראל.

נו יאָ, „בגאַס״, אין די דעמאָקראַטישע לענדער ווו יידן וווינען, פּלאָפּ־לען די יידן צוזאַמען מיט די גוים אַז ביי זיי איז רעליגיע אָפּגעטיילט פון שטאַט. דער אמת איז, אַז למעשה, זיינען די אַלע דעמאָקראַטישע לענדער ק ר י ס ט ל ע כ ע לענדער. מיר ווילן ניט נאָכפּלאַפּלען אָט די נאַריש־קייט וועגן אָפּטיילן, מיר ווילן זיך אויך ניט באַרימען מיט אונדזער חכמה, אָבער וויסן זאָלט איר אַז קודשא בריך הוא, ישראל ואורייתא חד הוא. געפעלט אייך ניט? אייער גאָטלאָזער גלות געפעלט אייך בעסער? זיצט אייך דאָרטן. אין ישראל האָט איר קיין חלק ונחלה און אודאי ניט קיין דעה.

פון דער צווייטער זייט, וועט דער ייד אין אַמעריקע זיך ביסלעכווייז אָפּרייסן פון מדינת ישראל. אַזוי לאַנג ווי ארץ ישראל איז געווען אַ מקום מקלט, אַ פּלאַץ פאַר אויסגעוואָרצלטע, געיאָגטע יידן, נו, האָבן מיר געגעבן געלט, זיך אפילו איינגעשטעלט פאַר ארץ ישראל, איצט אָבער, ווען עס איז מדינת ישראל, אַ יידישע מלוכה און זי קען שוין שטיין אויף די אייגענע פיס, איז געזונטערהייט, איר לעבט זיך דאָרטן און מיר דאָ.

און קיין פֿאַרבינדונג?

פֿאַרבינדונג? אַמאָל, מיט אַ דור צוריק איז נאָך געווען אַזאַ זאַך, דער האָט געהאַט אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ פֿאָטער, אָדער גאָר אַ זון. איצטער — גליד־שוועסטער קינדער, ניט מיר קענען זיי, ניט זיי קענען אונדז, מיר קענען אפילו זיך ניט צוזאַמענריידן, זיי ריידן „היברו" און מיר ריידן ענגליש. אויב איר ווילט וויסן, זיינען זיי טאַקע „היברוס" אָדער איזראַעליס און מיר זיינען . . . אַמעריקאַנער, נו גוט, אַמעריקאַנער יידן, אָבער וואָס האָבן מיר צו טון מיט די יידן דאָרטן אין איזראַעל? אייך פֿאַרטרויען אַ סוד: זיי דאָרטן האָבן אונדז ניט צו שטאַרק ליב, זיי קוקן אויף אונדז פון אויבן אַרונטער, זיי זיינען די אמתע „היבּרוס" און מיר . . . אָה, מיר'ן זיך ניט גיין אויסטענהן מיט זיי, מיר פירן זיך אונדזער לעבן ווי מיר פֿאַרשטייען. איר פֿאַרשטייט וואָס איך מיין . . .

און איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט וואָס ער מיינט דער אַמעריקאַנער ייד, נאָר זיין לעבן, זיין יידיש לעבן פֿאַרשטיי איך ניט. קען מען לעבן מיט אַזאַ זאַך ווי „רעליזשיאָן", מיט אַ . . . מיסיע, אָדער גאָר פשוט מיט . . . ברויט מיט פוטער? דעם אמת געזאָגט, צווייפל איך.

צווייפלען איז אפשר ניט קיין יידישע מידה. זאָגט מען דאָך אַז מיר זיינען אַ פֿאָלק פון בטחון. נו יאָ, איך האָב אויך בטחון, איך זינג אויך עם ישראל חי, מער ניט, זינגענדיק טו איך אַ קנייטש דעם ניגון, טאַקע אַ יידישן קנייטש, און עס קומט אַרויס: עם ישראל חי?

הלואי.

איך וויל עס, אָבער זען, זע איך עס ניט.

קורצזיכטיק?

ניין, אויפריכטיק.

און בעסער אויפריכטיק'קער צווייפל איידער פֿאַלשער גלויבן.

צווייפל איז אָבער ניט מער ווי אַ הוידלקע, מ'קען זיך אויף איר וויגן אַרויף און אַרונטער, זיצן אויף אַ הוידלקע איז ניט באַקוועם און מיר ווילן זיצן, פילן אונטער זיך עפּעס ממשותדיקס. האָט די יידישע אינטעליגענץ באַשלאָסן: הבה נתחכמה, און זיך דערטראַכט צו דער פֿאָלגנדער חכמה:

אויב רעליגיע איז געווען אַזאַ גוטער צעמענט, האָט אויפגעהאַלטן דאָס יידישע פֿאָלק ווי אַ פֿאָלק, פֿאַרוואָס קענען מיר, טאַקע צוליב קיום האומה, ניט ווערן ווידער גלויביקע? אַי וואָס, מיר גלויבן ניט אינם גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב? וואָס הייסט מיר גלויבן ניט? מיר גלויבן

אפשר ניט אַז ער, דער גאָט, האָט עס אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים, אַז ער האָט געשפּאָלטן דעם ים, מיר גלויבן אָבער אַז דער גלויבן האָט אויפגעטון ווונדער, לכן לאָמיר גלויבן אין . . . גלויבן.

אַ פיינע המצאה, מער ניט זי דערמאָנט מיר אָן אַ מעשה שהיה.

איז געקומען אַ העברעאישער לערער, אַ יונגערמאַן, אַ גלות, אַ היינטוועלטיקער, אין אַ תלמוד תורה, אָנגעמען דאָרט אַ שטעלע. פרעגט אים דער רב, דער ממונה:

אין גאָט גלויבט איר?

— אודאי!

— פיין, זייער פיין. איצט זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי וועט איר דערקלערן די קינדער די מעשה מיט קריעת ים סוף? איר ווייסט דאָך, קינדער, נאָך אַמעריקאַנער דערצו, האָבן אַ טבע צו זאָגן: אָה, דאָס איז אַ „פיש סטאָרי", איר ווייסט דאָך מן הסתם?

— די מעשה קריעת ים סוף, — האָט דער לערער געענטפערט, — קען מען דערקלערן די קינדער על פי טבע, מיטן פאַל און שוואַל פון ים. דאָס לייגט זיך שוין די קינדער אויפן שכל.

— יאָ, — האָט דער רב געענטפערט, — דאָס לייגט זיך שוין אויפן קינדערישן שכל, נאָר אויף מיין שכל האָט זיך עס אָוועקגעלייגט אַז איר זייט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ ליגנער.

— איך אַ ליגנער! פון וואַנען נעמט איר עס?

— טאַקע פון אייערע רייד. עס איז ממה נפשך: גלויבט איר אין גאָט, אַז ער האָט געשאַפן די וועלט, און איר לערנט עס אויך די קינדער, האָבן שוין די קינדער קיינע קשיות צו פרעגן וועגן קריעת ים סוף, מישטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס פאַרן בורא עולם צו שפּאַלטן אַ ים? קוים אָבער ווילט איר אָנהייבן דערקלערן זאַכן על פי טבע, ווייזט עס פשוט אַז איר אַליין גלויבט נישט אינם בורא עולם, און אויף מיין ערשטער פראַגע, צי גלויבט איר אין גאָט, האָט איר במחילה געענטפערט אַ ליגן, און איך וואָלט שוין בעסער אָנגעשטעלט אַן אפיקורס, וואָס זאָגט איך בין אַן אַפּיקורס, איידער איינעם וואָס זאָגט אַז ער גלויבט און איז אין דער אמתן אַ כופר.

דער לערער האָט די שטעלע ניט געקראָגן. און דער רב איז געווען גערעכט.

עס איז דאָך טאַקע ממה נפשך: גלויבט איינער אין גאָט, דערצו נאָך אינם גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב, קען ער אויפשטיין יעדן אין

דער פרי און זאָגן מודה אני, פאַרן שלאָפן גיין לייענען קריאת שמע, און עס האַרמאָנירט. ברכות, הלל, וועלכע עס איז תפילה, אָדער אפילו די מעשים וואָס ער טוט איז אַלץ פאַר גאָט, צוליב גאָט, ווייל לך, כי לך, אף לך, לך אדוני הממלכה. ווי קען אָבער אַ מענטש וואָס גלויבט ניט אין גאָט, וואָס גלויבט נאָר אין גלויבן לשם קיום, ווי קען ער זיך אַוועק־שטעלן און זאָגן ברוך אתה אדוני אלהינו מלך העולם אשר יצר את האָדם בחכמה?

איך מאַך דאָ ניט קיין שפּאַס אויפן חשבון פון אשר יצר . . . דאָס איז איינע פון די ש כ ל ד י ק ס ט ע תפילות. ניט איין פיזיאָלאָג זאָגט אָט די תפילה טאָג איין טאָג אויס, אויב אפילו ניט מיט די ווערטער. אייניקע פיזיאָלאָגן זיינען טאַקע צוליב אָט דעם וווּנדער פון נקבים, נקבים, חלולים, חלולים געקומען צום וויטאַליזם, אויך אַ פאָרמע פון גלויבן. עס איז אָבער ניט קיין גלויבן אין דעם און דעם גאָט, וואָס האָט אונדז אויסגעלייזט פון מצרים און וואָס גיט נאָך היינט צו טאָג אַכטונג אויף אונדז אפילו אין היטלערס קרעמאַטאָריעס . . . גלויבט ניט אַ ייד אין אָט דעם יידישן, פּערזענלעכן גאָט און שטעלט זיך אַוועק זאָגן ברוך אתה ד׳ אלהינו, מעג ער עס טון אפילו צוליב קיום האומה, איז ער אָדער אַ היפּאָקריט, אָדער אַן אַקטיאָר, און קען מען אויפהאַלטן אַ פאָלק מיט היפּאָקריטסטווע אָדער טעאַטער?

גיט מען נאָך צו אַז די מייסטע אינטעליגענטע בעלי תשובה פון אונדזער דור זיינען בלויז נאה דורשים, אַליין טראָגן זיי פונדעסטוועגן ניט קיין באָרד און פיאות אָדער ארבע כנפות, זיי גייען ניט אין שול אַריין דאַווענען, זיי עסן טרפות, קורץ, זיי טוען כל דבר אסור על פי תורת משה און זיי דרשענען נאָר פאַר א נ ד ע ר ע, אַז דער דריטער דור אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע בחורימלעך זאָלן דאָס טון כדי צו בלייבן יידן, ווילט זיך זיי זאָגן אויף אַ גאָר ניט איידעלן אופן: זייט אַזוי גוט, הערט אויף דרשענען! די ציניזשע קאַטוילישע גלחים וואָס טוען כל דבר אסור אין דער שטיל האָבן כאָטש געגוג שכל צו זיין פרום עפנטלעך, איר קענט דאָך אפילו דעם אָנשטעל אויך ניט מאַכן, טאָ וואָס רעדט איר?

— טאָ וואָס שלאָגט א י ר פאַר? האָט איר אַ בעסערע עצה?

איך וועל ווידער ברענגען אַ מעשה.

אַ באַלעגאָלע האָט געדאַרפט אַ שמייסער. איז געקומען איינער, אַ געזונטער יונג, פרעגט אים דער באַלעגאָלע: וואָס טוט מען אַז מ׳פאָרט

באַרג אַרויף, אין אַ ליימיקער ערד, פּרייטיק פאַרנאַכט, אַז עס צעברעכט זיך אַן אַקס?

— הייסט מען די פאַרשוינענע אַרונטערגיין און מ׳שטופּט דעם וואָגן באַרג אַרויף.

— טויגסט ניט, — האָט דער באַלעגאָלע געענטפערט.

געקומען אַ צווייטער, האָט אים דער באַלעגאָלע געפרעגט די זעלבע פראַגע און דער שמייסער האָט געענטפערט: מ׳גייט צום נאָענטסטן ישוב, מ׳ליַיט אַ ראָד . . .

— קענסט גיין, — האָט דער באַלעגאָלע געענטפערט. — ניט אין ישוב, קענסט גיין . . .

איז געקומען אַ דריטער, און אויך אים האָט דער באַלעגאָלע געשטעלט דיזעלבע פראַגע, האָט דער שמייסער, אַ געוועזענער באַלעגאָלע פאַר זיך, אַ קוק געטון און געענטפערט: וואָס מ׳טוט? מ׳ווערט פאַרשוואַרצט! מ׳ווערט אויסגעריסן!

— זעץ זיך אויף דער קעלניע! — האָט דער באַלעגאָלע צופרידן געענטפערט.

אָט דאָס איז דער ענטפער — מ׳ווערט אויסגעריסן.

וואָס איך מיין דערמיט צו זאָגן איז, קודם, מע טאָר זיך ניט פאַרטעמפּן מיטן נאַרקאָטישן אָפּטימיזם פון מה טובו אהליך יעקב. אַ געזונטע דאָזע סקעפּטיציזם ברענגט אַרויס גאַנץ שאַרף אַז אין די אהלי יעקב, מעגן זיי זיין פּאַלאַצן, מיליאָנען דאָלאַרדיקע טעמפּלען, ווען עס קומט אָבער צו יידישקייט, איז דאָרטן ניט אַזוי פריילעך. אָבער גאָר ניט פריילעך. עם ישראל חי איז אפשר אמת, נאָר בתנאי, בעסער געזאָגט, בתנאים.

ניטאָ קיין א י י ן רפואה וואָס זאָל אויסהיילן אַ ל ע יידן פון אַ ל ע חולאתן. אפילו אַזאַ ראַדיקאַלע רפואה ווי אַ לאַנד קען ניט שאַפן קיין באַדן אונטער אונדזערע פיס דאָ. גלייבט איינער באמת אין אָט דער לאַנד רפואה, נאָר ער אַליין קען צוליב געוויסע סיבות זי ניט „איינגעמען״, ער קען ניט אַוועקפאָרן אַהין, פון דאַנען אָבער העלפט ער דעם ישוב דאָרטן, פאַרשטאַרקט ער דערמיט די יידישע מדינה דאָרטן און דעם יידישן קיום דאָ, בתנאי, אויב ער פאַרשטייט אַז אויב מ׳קען לעבן דאָרטן ווי אַ גאַנצער ייד, קען מען אָבער ניט לעבן ווי אַ ייד דאָ בלויז מיטן ד אָ ר ט ן. טוט ער גאָרניט פאַר זיך דאָ, פאַר זיין יידיש לעבן, מיינט עס אַז ער גיט פדיון געלט: נאַט אייך דאָרטן די „פאַר טולער״ און בזכות זה קען איך שוין דאָ לעבן ווי אַ גוי גמור.

איז איינער אַ פרומער ייד, טאַקע באמת פרום, אָן קיינע פניות און פירט אַ פרומען יידישן לעבנס שטייגער, מעג ער אפילו ניט טראַכטן פון קיום האומה, פאַרשטאַרקט ער סיי ווי דאָס יידישע לעבן דאָ. אויב אָבער זיין פרומקייט באַשטייט פון קאַפּיטאַליזירן כשרע העמדער . . . איז זיין יידישקייט טריף און ער שוואַכט אָפּ דאָס יידישע לעבן. אויב איינעמס יידישקייט דריקט זיך אויס אין גיין אין שול אָדער אין טעמפּל אַ פּאָר מאָל אין יאָר, ווייל אַזוי פירט זיך ביי לייטן, און אויפן גאַנצן יאָר דעלע־גירט ער זיין יידישקייט צום ראַבאַי, יענער זאָל פּאַר אים זיין אַ ייד; אויב דער וועלטלעכער ייד איז אין עצם אַן אפּיקורס, האָט פון זיך אַרונטער־געוואָרפן דעם גאַנצן עול פון יידישקייט, נאָר ער פּראָבירט יידישקייט עפּנטלעך, ווייל דאָס איז גוט פּאַר יידן, אָט די אַלע זיינען ניט מער ווי אָפּנאַרער, זיי נאַרן זיך אַליין. זיי גופא איז אפשר גרינגער צו לעבן מיטן אָנשטעל פון יידישקייט, דאָס פּאָלק האָט גאָרניט פון דעם, ווייל אַ פּאָלק לעבט ניט מיט אָנשטעל, נאָר מיט איינשטעל.

מיט דעם וואָרט „איינשטעל" מיין איך ניט ריזיקע, נאָר סדר, לעבנס שטייגער. איך צווייפל זייער שטאַרק צי וועלכעס איז פּאָלק, דאָס יידישע אַריינגערעכנט, האָט אַ מיסיע דורכצופירן און צוליב אָט דער מיסיע דאַרף עס באַווייזן העלדישע מעשים. מעשים ווערן העלדיש, ניט ווען מ׳טוט זיי, נאָר ווען מע באַשרייבט זיי . . . אָט די באַשריבענע העלדישע מעשים קומען צונויף דעם פּאָלק, לעבן לעבט עס אָבער מיט טאָג טעגלעכע מעשים אָן קיין שום סימן פון העלדישקייט. מיט דעם באַזונדערן לעבנס שטייגער וואָס עס פירט, און ס׳אַ סברה אַז אָט די קליינע מעשים שבכל יום קומען אָן אַ סך שווערער ווי די העלדישע, דער עיקר ווען מ׳לעבט ניט ביי זיך אין דער היים. עס איז גרינגער צו שטאַרבן א י י ן מאָל, ווי לעבן און זיך מאַטערן יאָרן לאַנג פּאַר אַ אידעאַל.

ווען דער באַלעגאָלע זאָגט: מע ווערט פאַרשוואַרצט! מע ווערט אויסגעריסן! מיינט ער טאַקע צו זאָגן: עס איז זייער שווער. ער מיינט אָבער ניט צו זאָגן אַז ער וועט זיצן אויף דער קעלניע און קרעכצן; שב ואל תעשה איז זיכער ניט קיין מיטל, ער מיינט צו זאָגן מע דאַרף פּרווון טון אַלץ וואָס מע קען, אַבי אַרויסשלעפּן דעם וואָגן.

אונדזער יידישער וואָגן שטעקט אין אַ בלאָטע. קענען מיר אים אַרויסשלעפּן?

קען זיין אַז יאָ, נאָר בתנאי, בעסער געזאָגט, בתנאים . . .

ישראל, רב ישראל, כל ישראל

(קום, קום, ישראליקל, אַהיים . . .)

זאָל דוד מייעראָוויטש ע״ה, דער מחבר פון דעם ליד, מיר מוחל זיין, מער ווי אָט די ערשטע שורה געדיינק איך ניט. איך געדיינק יאָ, אַז יידן האָבן דאָס ליד געזונגען געשמאַק, מיט אַ וואַרעמער יידישער היימישקייט. ישראליקל איז גאַנץ אָפט אַרויסגעקומען „סרוליקל״, און, צי „ישראליקל״ — ליטוויש, אָדער „סרוליקל״ — וואָליניש, בלשון כל ישראל, אויף יידיש, האָט עס געמיינט: קום, רב ישראל, און פאָר אַהיים קיין ארץ ישראל.

אברהם, יצחק, יעקב, רב יעקב, צי גאָר יאַנקעלע זיינען אויך געווען יידן, ווען מ׳האָט אָבער גערעדט צו אַ ל ע יידן, יידן פון דער גאָרער וועלט, כל ישראל, איז עס געווען ישראל, און זיין היים — ארץ ישראל. ישראל — געשיכטע, ארץ — געאָגראַפיע, און אפילו די געאָגראַפיע איז אויך געווען מער היסטאָריע, דאָס איז געווען אַ חדר־ארץ ישראל, געלערנט אָן אַ מאַפּע.

דאָס ליד האָט מען געזונגען אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, איצט האַלטן מיר שוין אַריבער די פופציקער, און אין משך פון די פופציק יאָר האָט פּאַסירט אַ קלייניקייט . . . — ארץ ישראל איז געוואָרן אַ מדינה. ישראל, בעסער געזאָגט — איזראַעל, בההברה הערבית*) איז געוואָרן געאָגראַפיע, רב ישראל קען בלויז זיין אין איזראַעל, און זיין נאָמען איז טאַקע איזראַעלי. אין ניו יאָרק אָדער בוענאָס איירעס קען קיין ישראל־איזראַעלי ניט זיין, סיידן אויף אַ פּאַספּאָרט פון איזראַעל. און ישראליקל, סרוליקל? לא יזכר ולא יפקד: איר פאַרשווונדן דעם כבוד פון איזראַעל־איזראַעלי. און כל ישראל? ווענן דעם גייט אָן אַ שקלא וטריא.

---

*) יאָ יאָ, הערבית און ניט הספרדית. יידן אין שפּאַניע, אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט, האָבן שטודירט די אַראַבישע ליטעראַטור און מאָדעלירט די העברעאישע שפּראַך לויט דער אַראַבישער גראַמאַטיק. זאָגן די ס פ ר ד י ש ע חברה מיינט זיך יחוסן מיטן טאַטן און זיך שעמען מיט דער מאַמע . . .

יש אומרים — ניטאָ, אָדער גאָר אינגיכן וועט ניט זיין אַזאַ „זאַך״ ווי כל ישראל איבער דער גאָרער וועלט. די ישראלים אין ישראל, בעסער געזאָגט, די איזראַעליס אין איזראַעל, זיי זיינען דאָס יידישע פאָלק. עס מאַכט ניט אויס, וואָס אין איזראַעל זיינען דאָ, אָדער וועלן זיין, צוויי־דריי מיליאָן יידן און איבער דער גאָרער וועלט מחוץ מדינת ישראל אַ צען מיליאָן. צען־צוויי האָט שוין פּאַסירט אַמאָל אין דער יידישער געשיכטע, די עשרת השבטים זיינען פאַרשוווּנדן, די צוויי זיינען געבליבן דאָס יידישע פאָלק, און אפילו היינטיקע צייטן, ווען שבטים פאַרשווינדן ניט אַזוי מיר ניט דיר ניט, פּאַסירט אויך אַז דער מיעוט אין אַ לאַנד איז דאָס פאָלק און ניט דער רוב אויסערן לאַנד, והא ראיה — אירלאַנד, אין אַמע־ריקע זיינען דאָ מער אירלאַנדער ווי אין אירלאַנד, דאָס אירלאַנדישע פאָלק איז פונדעסטוועגן ניט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אין אירלאַנד.

אָט דער געדאַנק, אַז דער היסטאָרישער כל ישראל איז בטל, אַז די געאָגראַפישע מדינת ישראל איז אין זיך כולל דאָס היסטאָרישע פאָלק ישראל, ווערט דערוויַיל אָפן אַרויסגעזאָגט בלויז פון אַ קליינער צאָל ישראלים. דאָס זיינען, קודם, די דאָרט געבוירענע, וואָס ווייסן ניט, ווילן ניט וויסן פון „ישראליקל״, אָדער „סרוליקל״: דאָס איז גלות. פאַר זיי, די פּראָווינציאַלין, עקזיסטירט ניט קיין כל ישראל מחוץ מדינת ישראל, דערמאָנט מען זיי אָן דעם, פאַרקרימען זיי זיך: הערט אונדז אויף דרייען אַ ספּאָדעק, ישראל — דאָס זיינען מיר! אויב עס איז נאָך דאָ אַ טאַטע, אַ זיידע, אַ „ישראליקל״, פאַררייסט מען די נעז לגבי זיי — אויך מיר ישראלים, קענען אפילו ניט דברן ווי עס דאַרף צו זיין. און דאָס איז . . . נאַטירלעך. אין אַ געאָגראַפישער וועלט, ווו פאָלק ווערט געדעקט מיטן באַגריף לאַנד, מוז עס אַזוי זיין. דער אירלאַנדער אין דובלין איז ד ע ר אירלאַנדער, דער איטאַליענער אין רוים איז ד ע ר איטאַליענער, און ניט דער אירלאַנדער אָדער איטאַליענער אין ניו יאָרק, אודאי ניט דער דריטער דור אירלאַנדער אָדער איטאַליענער. דער לעצטער איז שוין ניט קיין אירלאַנדער אָדער איטאַליענער, ער איז אַן אַמעריקאַנער פון אירלאַנ־דישן אָדער איטאַליענישן אָפּשטאַם און, מיט געמישטע חתונות, איז אויך אָט דער אָפּשטאַם אַ גאַנץ צווייפלהאַפטער.

אָבער ניט נאָר די געבוירענע ישראלים, אויך די געוואָרענע, די אַמאָליקע ישראליקלעך, זאָגן עס, ווער מיט אַ האַלבן מויל און ווער בפה מלא. לויט זייער גירסא איז אַ ייד וואָס באַנוצט זיך ניט מיט דער זכיה

זיך אַריבערקלייבן קיין ישראל ניט קיין פולשטענדיקער ייד, ער איז אַ ייד פון אַ נידעריקערער מדרגה, אַ צווייט אָדער אַ דריט קלאַסיקער ייד. וואָלט ישראל געקענט שטיין עקאָנאָמיש — אין ברייטן זינען פון וואָרט — אויף די אייגענע פיס וואָלטן אָט די איזראַעליס מיט דעם גלות ייד גאָרניט געהאַט צו טון. ביסט אַן עבד כנעני? זיי דיר, מיר'ן דיר אפילו ניט לעכערן די אויערן, לעב זיך דיר געזונטערהייט דאָרטן, אָבער ווייס אַז דו האָסט קיין חלק ונחלה בישראל.

ישראל קען אָבער לעת עתה ניט שטיין אויף די אייגענע פיס, די ישראלים מוזן אָנקומען צום עבד כנעני, לעכערן זיי אים די אויערן . . .

די פּראָפּאַגאַנדע גייט לערך אַזוי:

יידן זיינען שוין אויסגעוועזן אין אַלע לענדער, פון מצרים ביז דייטש־לאַנד, אומעטום האָבן זיי געבויט פּתום מיט רעמסס, און אומעטום איז עס געווען געבויט אויף זאַמד, אויסגעלאָזט האָט זיך עס מיט אוישוויץ און טרעבלינקע . . . און אוישוויץ און טרעבלינקע האָבן זיך נאָך ניט אויס־געלאָזט, עס וועט קומען אויך קיין צפון און דרום אַמעריקע, ווו נאָר יידן געפינען זיך, לכן הערט אויף פלאַפּלען: אהבתי את אדוני . . . ראַטעוועט זיך באַצייטנס, קומט קיין ישראל, ווו קיין אוישוויץ און טרעבלינקע איז נ י ט מ ע ג ל ע ך.

דערויף האָבן די אַמעריקאַנער יידן אַ ביסל בייזלעך געענטפערט: הערט אונדז אויף לעכערן די אויערן מיט אוישוויץ און טרעבלינקע.

— וואָס זשע, ביי אייך קען עס ניט פּאַסירן?

— ע ס ק ע ן י אָ! נאָר אויב עס וועט שוין קומען דערצו אַז מיר דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן אָפּגעווישט ווערן, זיינען מיר גאָר ניט אַזוי זיכער אַז ישראל וועט דאַן בלייבן מדינת ישראל.. וועט דאָס פייער פון די אַמעריקאַנער קרעמאַטאָריעס פלאַקערן פונם האָדסאָן ביזן פּאַסיפיק וועט זיין אַז אָך און ווי צו די יידן ביים ירדן און כנרת, מיט יענע וואַסערן וועט דאָס פייער ניט געלאָשן ווערן. און, די שעה זאָל גאָר ניט זיין, עס קען אויך פּאַסירן אַז די ישראל רעגירונג זאָל דאַרפן אַנטלויפן אין גלות, און כאָטש ס'איז אַ ביסעלע צו ווייט, זאָל דער מקום מקלט דוקא זיין דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. „צדקה עשה הקדוש ברוך הוא עם ישראל שפזרם בין האומות" . . . מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָבן מיר געזאָגט: מוחל די צדקה, אָבער נאָך חורבן היטלער האָבן מיר איינגעזען אַז יעקבס איינטיילן זיין משפחה אין דרייען איז גאָר ניט געווען אַזאַ שלעכטע סטראַ־טעגיק, ווען מ'האָט צו טון מיט עשון . . . על כל פנים סטראַשען אַ מענטשן

אַז זיין הויז וועט סיי ווי אַוועקגיין מיט רויך, לכן זאָל ער באַצייטנס זיך אַרויסקלייבן פון דאָרט איז אַ ביסל נאַריש, סיידן איר זייט גאָר ניט אויסן מיין אַרויסקלייבן זיך, די רייד זיינען בלויז אַן אַריינפיר צום עיקר — איך זאָל אַרויסנעמען אַ . . . „אינשורענס פּאָליסי . . .״, איז נו, צי „די קאָמפּאַני״ איז אַזאַ ראַיעלע ווייס איך ניט, נאָר אַז איר זייט שוין געקומען, שרייבט מיר אַ פּאָליסי. וויפל איז די פּרעמיע?

די ישראלים, זיכער ביי זיך אַז געדעכט זיינען ז י י, אַז כל ישראל איז פאַרמשפּט, בלויז ישראל וועט בלייבן, האָבן מיט אַ שמייכל צוגענומען די עטלעכע דאָלאַר און דערלאַנגט „די פּאָליסי״, אַ קבלה, אַ באַנד און געזאָגט: אַ דאַנק. דאָ איז אייער פּאָליסי. די קאָמפּאַניע, ווי זאָגט איר, איז ראַיעל. ווען איר׳ט נאָר וועלן קענט איר קומען צו אונדז. אויב איר ווילט וויסן מער וועגן דער „קאָמפּאַניע״ קענט איר זיך עס דערוויסן פון אונדזער אַמבאַסאַדאָר, אונדזער מלוכה, דאָ האָט איר ליטעראַטור, לייענט.

האָט דער אַמעריקאַנער ייד געלייענט וואָס דער ישראל אַמבאַסאַדאָר האָט געזאָגט, ער האָט אויך געלייענט היפּשע עטלעכע אַרטיקלען פון זיינע אייגענע אַמעריקאַנער איזראַעליס, וואָס „פאַרקויפן איזראַעל״ טאָג טעג־לעך כך וכך פּער צאָל און לויט זייערע רייד איז אויסגעקומען אַז זינט די מדינת ישראל איז עטאַבלירט געוואָרן איז דער ייד איבער דער גאָרער וועלט דערהייבן געוואָרן, ממש געוואָרן דאָס אויבערשטע פון שטויסל. פון דעם אַמעריקאַנעם ייד איז דאָך אָפּגערעדט: אין ניו יאָרק איז דאָך די הויפּט קוואַרטיר פון די צוויי פּייען (פּ. פּ.), פּאַראייניקטע פעלקער (לצים זאָגן — פּאַר — — — פּאַלן), און אין דער קאַקאַפּאַניע (זיכער ניט סימפּאַניע) פון די פּאַראייניקטע פעלקער שפּילט דער ישראל אַמבאַסאַדאָר די ערשטע פידל, ווער ווייסט וואָס אָט די אַלע פּאַראייניקטע פעלקער... וואָלטן געטון אָן דעם ישראל אַמבאַסאַדאָר, און אַ דאַנק דעם אַמבאַסאַדאָר איז אויך דער פּשוטער ייד פון ניו יאָרק און פון דער גאָרער וועלט נתעלה געוואָרן.

האָט דער ייד געלייענט און ביטערלעך געזאָגט:

— דער ייד אין תימן, מצרים, איראַק און איראַן איז זיכער נתעלה... געוואָרן, ער איז געוואָרן אַ עולה . . . אויב מ׳האָט אים נאָר אַרויסגעלאָזט. ווי הויך עס איז געשטיגן די חשיבות פון דעם יידן אין דער אַפריקאַנער מעללא צוליבן ישראל אַמבאַסאַדאָר ווייס איך ניט, מכוח זיך גופא קען איך זאָגן: איך ווייס גאָר ניט צי בין איך אַזוי גליקלעך . . . איך בין אַ ייד, און איך דיינק, אַ גוטער ייד, דאָס הייסט, איך בין אַ ייד ניט נאָר

ווייל איך בין געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, נאָר ווייל איך וויל זיין אַ ייד, פונדעסטוועגן וועל איך ניט אַרומגיין איבער די גאַסן און שרייען: עברי אנוכי! עס איז . . . שלעכטער געשמאַק. אַזוי דיינק איך ווי אַ פּריוואַטער מענטש און, איך גלויב, דאָס איז אויך חל אויף דער יונגער ישראל מדינה און אירע פאַרשטייער. אָט דאָס שרייען: מיר יידן! אָט דאָס רייסן זיך צום פּראָנט איז, אָפּגערעדט פון שלעכטן געשמאַק, אפשר אויך שעדלעך פאַר אונדז. אויב איר וועט אַמאָל הערן אַז דער מעיאָר פון ניו יאָרק האָט אויסגעשריען: שנעלער! אַנטלויפן! דאָ קומט שוין ווידער עפּעס אַ מעיאָר פון איזראַעל . . . באַשולדיקט אים ניט אין אַנטיסעמיטיזם אָדער אַנטי איזראַעליזם, ער איז נעבעך פשוט מיד געוואָרן פון אַזוי פיל קבלת פנימס. וויפל איז דער שיעור?

— אַהאַ, זיין שטילער פון וואַסער, נידעריקער פון גראָז . . . וואָס ווינציקער מ׳וועט אונדז זען און הערן אַלץ ווינציקער וועט מען אונדז טשעפּען . . . די אַלטע שטרויס פויגל פּאָליטיק. אָט דאָס טאַקע האָט מדינת ישראל אָפּגעשאַפט, איצט דאַרף אַ ייד ניט פאַרלייקענען, באַהאַלטן זיין יידישקייט, ער קען שטאָלץ אָנווייזן אויף זיין מדינה...

— וואַרט אַ ווײַלע, וואַרט אַ ווײַלע! די מ ד י נ ה איז ניט מ י י נ ע. פאַרגעסט ניט איך בין אַן אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר בירגער, מ י י ן מ ד י נ ה איז לעת עתה די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

— אַהאַ, דאָפּלטע לאָיאַליטעט . . .

— דערוואַרט דעם שטאָך. נו, איר האָט ניט געטראָפן. דאָ יידן ביי וועמען אָט די דאָפּלטע לאָיאַליטעט איז אַ מאַניאַ, אפשר גאָר אַ פאָביאַ — דער באַרימטער יידישער זעלבסטהאַס. אָט די יידן שרייען זייער שטאַרק מיר זיינען אַמעריקאַנער פון יידישן גלויבן, און זייער גלויבן האָט ווינציק וואָס צו טון מיט יידישקייט, ישו פון נצרת איז ביי זיי אַ יידישער „פּראָ־פעט״, אַוועקגיין צו אים איז עפּעס ניט אַזוי באַקוועם, אָבער ווען מ׳קען אים אַריינגעמען אין טעמפּל . . . וועגן אָט די יידן איז ניטאָ וואָס צו ריידן. דאָ אָבער אַ גרויסע צאָל יידן וואָס זיינען טאַקע יידן בלב ונפש, ישראל איז זיי נאָענט צום האַרצן, אָבער אויך זיי מוזן אַ טראַכט טון וועגן דעם וואָס מ׳רופט דאָפּלטע לאָיאַליטעט, און ניט נאָר זיי, די יידן אין מדינת ישראל דאַרפן אויך אַ טראַכט טון וועגן דעם, דער ענין איז זייערער פונקט ווי אונדזערער.

— אַזוי גאָר?

— וואָס מיינט דאָפּלטע לאָיאַליטעט? עס קען קומען דערצו, ווי עס

איז שוין ניט איין מאָל געקומען, אַז אַ יידישער סאָלדאַט פון איין לאַנד האָט געמוזט שיסן אַ יידישן סאָלדאַט פון אַ צווייטן לאַנד. די יידישע סאָלדאַטן האָבן ניט דערקלערט קריג איינער דעם צווייטן, זייערע לענדער, רעגירונגען האָבן דאָס געטון, און די סאָלדאַטן, בירגער פון די לענדער, האָבן געמוזט פאָלגן. איצט שטעלט זיך פאַר אַ סיטואַציע ווען מדינת ישראל, צוליב אירע פּאָליטישע מדינה צוועקן, זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַ מדינה וואָס איז פיינטלעך צו די פאַראייניקטע שטאַטן און זאָל צוזאַמען מיט יענער מדינה אַרויס אין קריג מיט אונדז, דיינקט איר ניט אַז איר וואָלט געשטעלט אין געפאַר אונדזערע לעבנס ניט נאָר אויפן פראָנט נאָר אויך אין לאַנד? און דיינקט איר ניט אַז חוץ אייער לאָיאַליטעט צו מ ד י נ ת ישראל וואָלט איר געמעגט אַ טראַכט טון וועגן לאָיאַליטעט צום פ אָ ל ק ישראל בכל תפוצות ישראל? אָדער, איר ישראלים, האָט שוין באַשלאָסן אַז מחוץ מדינת ישראל זיינען שוין גאָר קיין יידן ניטאָ? יידן זיינען נאָר די, וואָס זיצן אויפן אייגענעם לאַנד, האָבן אַן אייגענעם פּרעזי־דענט, אַ יידישן פּאָליציאַנט און אַ יידישן סאָלדאַט, וואָס טראָגט אַ יידישן מונדיר. יידישע מונדירן . . . איך בין שוין אַ ביסעלע צו אַלט נתפּעל צו ווערן פון אַ יידיש „קנעפּל”, די אומות העולם, זיי האָבן נאָך דרך ארץ פאַר מונדירן, ביי זיי זיינען אפשר די יידישע אַקציעס געשטיגן, אָבער טאַקע דערפאַר ווילן זיי אָט די אַקציעס באַצייטנס פאַרקויפן . . . אַ יידישע מדינה? פיין! אָבער, אויב אַזוי, וואָס טוסטו דאָ? „שיני טו פּאַלעסטיני” איז טיילווייז אַ רעזולטאַט פון אָט דעם מדינה פּרעסטיזש.

— און אָט דאָס אָ, דער „שיני טו פּאַלעסטיני” איז, פאַרשטייט זיך, אַן אומגליק . . .

— אייער איראָניע רירט מיך ניט. איר זייט צופרידן דערפון, עס שטימט מיט אייער טעאָריע, אפילו היטלער האָט געשטימט מיט אייער טעאָריע און, אויב איר זייט ניט צופרידן מיט מעשה היטלער, עס טוט איך ווי פונקט ווי מיר, איז עס טיילווייז דערפאַר ווייל ער האָט געמאַכט אַ צו גרויסע לאַך אין אייער חשבון, אַ בייטש וואָס זאָל שלאָגן און ניט דערשלאָגן, זאָל בלויז טרייבן, איז פאַר איך ווי געוווּנשן, דערפאַר טאַקע האַלט איר איין סטראַשען, אין איין רופן: אַנטלויפט באַצייטנס! נו, שטעלט זיך פאַר אַז מיר פאַרנעמען דעם רוף פון קיבוץ גלויות, אין איין כמורנעם . . . טאָג הייבן מיר זיך אַלע אויף בנערנו ובזקננו, נעמען האַק און פּאַק און קומען צופאָרן, וואָלטן מיר טאַקע געווען אַזעלכע אָנגעלייגטע געסט? לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק טון און, ווי זאָגט מען עס, זען ווער איז

ווער? איך האָב ניט קיין גענויע סטאַטיסטיק, די ציפערן דאָ ווייטער זיינען אָבער ניט קיין אויסגעטראַכטע, ואלו הם:

דער יידישער ישוב ווערט געשאַצט אין פינף מיליאָן מענטשן. אין דעם גייט אַריין:

500.000 אַלטע, איבער 60, קראַנקע, סתם צעבראָכענע מענטשן.
(האָבן געגנוג אייגענע.)

800.000 הויז פרויען, ווייבער וואָס גיבן אַכטונג אויף די הייזער, קינדער.
(מ׳נע)

350.000 „נאָדל" אַרבעטער: שניידער מכל המינים, שוסטער, רויכוואַרג אַרבעטער, קירזשנער, לעדער אויסאַרבעטער, שטריקער, וועבער.
(אַ ביסעלע צופיל פאַר אונדז)

400.000 הענדלער, קרעמער, פּאַרקויפער, אַריינגערעכנט אַגענטן מכל המינים, פון אַ „פושקאַרט" פעדלער ביז אַ דעפּאַרטמענט קראָם.
(מוחל במחילה גמורה)

150.000 „כלי קודש". דאָס נעמט אַריין די פאַרשיידענע „סאָשל וואָרקערס" רבנים, שוחטים, מלמדים און לערער אין די יידישע שולן, שרייבער (אין יידיש, העברעאיש און ענגליש) אַקטיאָרן (אויף דער יידישער און ענגלישער בינע, אין די „מוּוויס און טעלעוויזיע") מוזיקער, מאָלער, פּובליסיטי און פּאָבליק רילייישאָנס מענטשן, ביז . . . באַגרעבער.
(דעם „אַרטיקל" קענען מיר עקספּאָרטירן . . .)

250.000 „ווייסע קעלנער": ביוראָ אַרבעטער, אַריינגערעכנט אַלע לערער אין די ענגלישע שולן און רעגירונגס אָנגעשטעלטע.
(פּקידים! לא יזכר ולא יפּקד!)

150.000 דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן, אינזשינירן, אַפּטייקער און וויסנשאַפטלער.
(אַ ביסל וויסנשאַפטלער וואָלט ניט געשאַדט, אָבער דענטיסטן! אוי, מיינע ציין!)

100.000 הייזער און האָטעל אייגנטימער, וואָס ציען חיונה פון רענט, אַריינגערעכנט אַזוי גערופענע בויער און קאָנטראַקטאָרס.
(הייזער דאַרפן מיר, „ראַנטיערן"? מוחל!)

50.000 בוי אַרבעטער: סטאָליאַרעס, מוליאַרעס, פאַרבער, טאַפּעצירער, וואַסער און עלעקטרישע איינריכטונגען, בלעכער.
(די דאַרפן מיר יאָ)

50.000 פּאַרמער, מייסטנס הינער פּאַרמס.

(זיי וואָלטן גוט צונוץ געקומען.)

200.000 פּאַרשיידענע: טעקסי טרייבער, מילך און וועש צושטעלער, בעקער, מעבל אַרבעטער, אויטאָמאָביל אַרבעטער, אויטאָמאָביל מעכאַניקער, ראַדיאָ און טעלעוויזיע מעכאַניקער, צירונגס אַרבעטער, זייגער מאַכער, גראַווירער, דרוקער, איינבינדער, פּאָטאָגראַפּער און אַנדערע.

(עקודים, נקודים וברודים. מ׳נע . . .)

3.000.000

2.000.000 קינדער, פון וויגעלע ביז 21 יאָר.

5.000.000

— דאָ האָט איר דעם סך הכל. נו?

וועגן די אַלע הענדלער, קרעמער, „כלי קודש״, ווי איר רופט זיי, ווייסע קעלנער און די אַנדערע אַרבעטער אפילו וועלן מיר זיך איצט ניט דינגען, אָבער די לעצטע, ד י ק י נ ד ע ר, ווילן מיר אַלע!

— נו יאָ, אודאי ווילט איר. איר ווילט אויך מסתם אַז צו די קינדער זאָלן די עלטערן אייך צושיקן „עטלעכע סענט״ אויפצוהאַלטן די קינדער, פון דער קינדער היים ביז דער אַרמיי . . .

— וועגן דעם וועלן מיר זען שפּעטער, אויב נויטיק וועלן מיר שיקן אַ שליח... איר שיקט אונדז דערווייל די קינדער.

— שיקן די קינדער. איר זייט דאָך אויך אַמאָל געווען קינדער, האָבן א י י ך טאַטע־מאַמע ג ע ש י ק ט קיין ארץ ישראל? אייערע טאַטעס און מאַמעס האָבן עס ניט געטון, פאַרוואָס זאָלט איר דערוואַרטן אַז ד י טאַטעס און מאַמעס זאָלן עס יאָ טון? אייערע טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט בעסערע היימען פאַר אייך? איר, דערוואַקסענע בחורים און מיידלעך, זייט געפאָרן, אַמאָל גאָר אַנטלאָפן פון דערהיים, ניט אַזוי אויסצוליזן דאָס לאַנד ישראל ווי אויסליזן ז י ך. די היגע טאַטע־מאַמע האָבן ווינציקער דעה איבער זייערע קינדער ווי אייערע עלטערן האָבן געהאַט איבער אייך, פון ש י ק ן די קינדער איז אָפּגערעדט, און, דעם אמת געזאָגט, זיי ווילן טאַקע דאָס ניט טון, אויב עס פאָרן יוגנטלעכע, פאָרן זיי, וואָלט איך געזאָגט, די עלטערן אויף צו להכעיס. און אויך ד י יוגנטלעכע, ווי איר אַמאָל, פאָרן ניט לשם אויסצוליזן דאָס לאַנד, נאָר אויסליזן ז י ך, זיי ווילן זיך

אויסלייזן דוקא פון זייערע עלטערנס גבירהשאַפט, פון דעם אַמעריקאַנעם לוקסוס.

— וויפל אַזעלכע פאָרן?

— ניט צופיל, אָבער, למען האמת, ווי פ י ל זיינען געפאָרן פון גרויס רוסלאַנד, וואָס מיינט אויך פוילן און ליטע, אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט, דאָס וואָס איר רופט צווייטע עליה?

— אַ שיינער פאַרגלייך! פון דאָרטן איז מען געפאָרן אין די הונדער־טער, אין די טויזנטער, און פון דאַנען אין די צענדליקער.

— דער פאַרגלייך איז טאַקע ניט אַזאַ שיינער, פון די „טויזנטער״ מעגן מיר פונדעסטוועגן אַ העלפט גלייך אַריינוואַרפן אין וואַסער, דער וואַנט אָפּגעבן איר חלק און ערשט נאָכדעם אַ ביסל דיסקאָנטירן די צאָל. אין 1910 זיינען אין ארץ ישראל געווען אַן ערך פופציק טויזנט יידן און ניין צענטל פון זיי זיינען געווען חלוקה יידן. דגניה, דער סימן מובהק פון דער צווייטער עליה, איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1910, און דאָס איז געווען די ערשטע קבוצה. דאָס איז געווען שוין נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 און 1905. נעמט אַוועק דעם נאָמען עליה, רופט עס אַן עמיגראַציע, פאַרגלייכט די צאָל עמיגראַנטן וואָס האָט געשטראָמט אין יענער צייט קיין אַמעריקע מיט דער צאָל וואָס האָט געטראָפּנט קיין ארץ ישראל און איר וועט אויסגעפינען אַז די טראָפּנס וואָס קאַפּען איצט אַרויס פון אַמע־ריקע זיינען ניט קיין סך קלענער פון די וואָס זיינען דאַן אַרויסגעקומען קיין ארץ ישראל פון גרויס רוסלאַנד. נאָך אַ זאַך — פאַרגלייכט די היימען, ניט נאָר אין ווילזיין, נאָר אויך אין יידישקייט, ווי יידיש זיינען געווען אייערע היימען און ווי יידיש זיינען די היימען אין אַמעריקע. און היים מיינט ניט נאָר דאָס הויז פון טאַטע־מאַמע, נאָר אויך די סביבה. קענט איר פאַרגלייכן דאָס שטעטל, צי אפילו די שטאָט, לאָמיר זאָגן, מינסק אָדער פּאָלטאַווע מיט ניו יאָרק צי שיקאַגאָ? דער גאַנצער ק ל י מ אַ ט איז געווען אַן אַנדערער.

— איר פאַרגעסט אָבער דעם א י צ ט י ק ן ק ל י מ אַ ט! איך מיין ניט דעם אוירא דארץ ישראל, איך מיין מ ד י נ ת ישראל! ווען אין דער יידישער געשיכטע האָט אַ מדינה, אַ י י ד י ש ע מ ד י נ ה, געעפֿנט אירע טויערן און געזאָגט: יידן, קומט אַהיים? דאָס איז דאָך ממש אַ נס, אָט טאַקע ווי אין פסוק שטייט: ונשא נס לגוים, ואסף נדחי ישראל ונפוצות יהודה יקבץ מארבע כנפות הארץ (און ער וועט אויפהייבן אַ פאָן צו די פעלקער, און וועט איינזאַמלען די פאַרשטויסענע פון ישראל, און די צע־

שפרייטע פון יהודה וועט ער אויפקלייבן פון די פיר עקן פון דער ערד) ממזרח אביא זרעך וממערב אקבצך; אמר לצפון תני! ולתימן אל תכלאי (פון מזרח וועל איך ברייננען דיין זאָמען און פון מערב וועל איך דיך איינזאַמלען; איך וועל זאָגן צו צפון: גיב אַהער! און צו דרום: זאָלסט ניט צוריקהאַלטן!) אַזוי האָט געזאָגט דער נביא, אָבער שריי צו צפון... אַמעריקע: גיב אַהער! אַז „דאָס פאָלק איז טויב, כאָטש ס׳האָט אויערן...״

— הם יאָ, דער נביא האָט געזאָגט . . . צווישן אַלע „פסוקים״ און „כּתובס״ איז אויך דאָ אַ „פסוק״: גדולה הסרת הטבעת יותר מארבעים ושמונה נביאים ושבע נבואות שנתנבאו לישראל, און דאָס מיינט אַז דאָס וואָס אחשורוש האָט איבערגעגעבן המנען זיין קייסערלעכן רינג האָט געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג אויף די יידן ווי אַלע נביאים און זייערע נבואות. גאַנץ מעגלעך אַז המן מיט זיין רינג האָט געבראַכט מער יידן קיין ארץ ישראל ווי אפילו כורשס פתשגן הכתב און גראַבסקי און דמאָווסקי האָבן זיכער געבראַכט מער יידן קיין ארץ ישראל ווי די באַלפור דעקלאַראַציע. אָבער כורש׳ס בריוו האָט אויפגעבויט דעם בית שני און די באַלפור דעקלאַראַציע דאַרף מען אויך ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, זי איז געווען דער ערשטער צוג אויפן פּאָליטישן שאַך ברעט פון דער וועלט, זי איז געווען די שפּאַרונע, וואָס האָט געפירט צו דער אָפענער טיר.

— וואָס קומט אַרויס אַז די טיר איז אָפן, ווען איר אַמעריקאַנער יידן קומט ניט אַריין?

— אין דער אָפענער טיר זיינען אַריין אַ היפּש ביסל יידן, כן ירבו, אָבער ניט נאָר צוליב דעם ווייל די טיר פון ארץ ישראל איז געעפנט געוואָרן, נאָר אויך צוליב דעם ווייל עס איז געווען אַ היטלער ימח שמו מיט קלענערע היטלערלעך און אויך צוליב דעם וואָס די ט י ר פ ו ן אַ מ ע ר י ק ע א י ז פ אַ ר מ אַ כ ט ג ע װ אָ ר ן. ווער ווייסט וויפל יידן עס וואָלטן אַריינגעקומען אין דער אָפענער טיר פון מדינת ישראל ווען אויך די טיר פון אַמעריקע זאָל געווען זיין אָפן אויף אַריינצוקומען. עס איז רעכט אַז עס וואָלטן געווען מער יורדים ווי עולים, ניט נאָר פליטים וואָלטן יורד געווען נאָר אויך ותיקים . . .

— און איר, אַמעריקאַנער יידן, וואָלט זיך מחיה געווען, איר וואָלט אַריינגעקראָגן נאָך אַ מיליאָן פּעדלער, קרעמער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, ווייסע קעלנער און ווייסע הענטלעך . . .

— איר לאַכט פון אונדזערע פּעדלער, ווייסע קעלנער און ווייסע הענטלעך, איר רופט זיי פונדעסטוועגן זיי זאָלן קומען.

— אודאי רופן מיר זיי. זאָלן זיי קומען, אָבער ניט קיין תל אביב, דאָרטן עפּענען קרעמלעך אָדער דרייען מיט די שטעקעלעך, אין נ ג ב וועלן מיר זיי באַזעצן, ערד! לאַנד! ערשט דאָרטן וואָלטן זיי געקראָגן אַ תּיקון.

— מערקווירדיק, די יידן פון די מעברות האָט איר דערוויל נאָך ניט באַזעצט אין נגב, נאָר די יידן פון ניו יאָרק און שיקאַגאָ, מיט זייערע אויטאָמאָבילן, ראַדיאָס און טעלעוויזיעס, זיי וועט איר באַזעצן אין נגב, זיי זאָלן ריען מיט דער נאָז די ערד...

— די מעברות וועלן מיר ליקווידירן, און טאָקע דורכן נגב, אָבער איר, אויף וואָס וואַרט א י ר? וואַרט איר טאָקע ביז מ'וועט פאַר אייך עפענען אייער אַמעריקאַנער טיר אויף אַרויס און מ'וועט אייך זאָגן: „שיני טו פּאַלעסטיני”?

— ווידער דאָס זעלבע לידל. נו יאָ, ביי אייך האָט זיך שוין אפילו געפונען אַ חכם, וועמען עס איז איינגעפאַלן דער געניאַלער געדאַנק אַריינ־צושיקן אַהער אַ כאָפּטע כנענישע בויאַנעס וואָס זאָלן שרייען, אָדער מאַכן אַנדערע צו שרייען אָט דעם „שיני טו פּאַלעסטיני”, און ניט נאָר שרייען, נאָר טאָקע טרייבן. און ער איז ניט דער איינציקער חכם עתיק, אַ שיטה אַזאַ. האָב איך אייך שוין געענטפערט דערויף און איך חזר איבער: אַז אָך און ווי וואָלט דאַן געווען ניט נאָר צו אונדז דאָ נאָר אויך צו אייך דאָרטן. סדנא דארעא חד הוא. דאָס איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי אמת ווי היינט צו טאָג, אין דער צייט פון עראָפּלאַנען און ראַדיאָ. אַמאָל איז די וועלט געווען גרויס, איינער האָט ליב געהאַט דעם צווייטן... פון דער וויטן, היינט איז די וועלט קליין און די ליבע, אַ פּ ל ו ט אָ נ י ש ע, (אַטאָמישע) צעפּלאַקערט זיך פון דער נאָענט. אָבער אָנגענומען אַז מדינת ישראל איז דער זיכערסטער פּלאַץ פאַר אַלע יידן פון דער גאָרער וועלט און מיר דאָ, אנשים, נשים וטף הערן דעם רוף פון ציון און לאָזן זיך אַוועק אַהין בעוד יום, אָט טאָקע איצט, קענט איר מיר זאָגן ווו מיר וואָלטן זיך אַהינגעטון? נו יאָ, עומדים צפופים משתחוים רוחים, איך האָב אָבער שטאַרק מורא אַז ביי דער השתחואה זאָלן די פיס אַרויס וויט איבער די גרענעצן פון מדינת ישראל. פּאָליטיקער מעגן אַמאָל אַ קוק טון אויף דער מאַפּע, זען די גרענעצן...

— די גרענעצן וועלן מיר איבערלאָזן פאַר די געאָגראַפער.

— מיט די גרענעצן, האָב איך מורא, פאַרנעמען זיך ניט די געאָגראַ־פער, ווי איר זאָגט, נאָר די גענעראַלן, און נאָך ערגער, די פּאָליטיקער...

זיינען דאָך שוין דאָ ביי אונדז „גרויס־איזראַעליס". אַ פּאָר שקצים זאָגן עס אַרויס אָפן, האַמעטנע: — נעם דאָס גרענעץ פּלעקל און שטעל עס אַריבער ווייטער, גרענעצן ווערן ניט אָנגעצייכנט אין הימל. די אָנשטענ־דיקערע, די גרויס־פּאָליטיקער, שרייען אפילו אָן אויף די שקצים: שווייגט, עכברושים! אָט ווי אַ טאַטע שרייט אָן אויף אַ קינד, וואָס פּלאַפּלט אַרויס אַן אמת וועגן דעם גאַסט וואָס איז געקומען, אַן אמת וואָס ער האָט געהערט טאַקע פון טאַטן. וועגן אַזעלכע זאַכן, הייסט עס, רעדט מען ניט, מ'טראַכט בלויז אַז ביי אַ גינסטיקער קאָניוקטור קען מען דאָס גרענעץ פּלעקל איבעררוקן . . .

— מיר דאַכט אַז איר זאָגט שוין זאַכן וואָס דאַרפן ניט געזאָגט ווערן.

— קען זיין. וואָס איך דאַרף און וויל זאָגן: איך האָף אַז אַזעלכע „קאָניוקטורן" זאָלן קיינמאָל ניט צושטאַנד קומען; אַז מדינת ישראל זאָל בלייבן אַ קליין לאַנד און זאָל פירן אַ לעבן ווי עס פּאַסט פאַר אַ קליין לאַנד.

— ישראל אַ מין נאָרוועגיע, וואָס?

— דער נאָרוועגער האַלט זייער שטאַרק פון זיין נאָרוועגיע.

— אודאי האַלט ער! אַזוי דאַרף זיין. אָבער ישראל איז פאָרט ניט אַ נאָרוועגיע.

— ניין. אַ ביסעלע קלענער . . .

— קלענער, דאָס איז טאַקע אמת, אָבער די פּאָזיציע!

— נו יאָ, פּאָזיציע. זיך אַוועקגעזעצט, ווי זאָגט מען עס, אינמיטן מאַרק אין אַ ווינקעלע. פערציק יאָר האָט משה רבנו אונדז געפירט דורך דער מדבר ביז ער האָט אונדז געבראַכט אין אָט דעם לאַנד כנען, הלואי וואָלט ער אונדז געוועזן געפירט אַכציק יאָר מיט דעם טייך נילוס און אונדז געבראַכט קיין . . . אוגאַנדע.

— אַהאַ, איך זע שוין, איר קענט נאָך עד היום ניט פאַרגיבן משה רבנו זיין „טעות". אָבער דער טעות איז געמאַכט געוואָרן און ניט איר, ניט זאַנגוויל און אפילו הערצל האָבן דעם טעות געקענט פאַרריכטן. אָט דאָס קליינע לענדעלע וואָס שטייט אויף די געמאַרקן פון דער וועלט איז געוואָרן אונדזער לענדעלע, אָט דאָס לענדעלע איז געוואָרן גאָטס וויגעלע . . . מיר זיינען געוואָרן גאָטס פאָלק, און ווייל דאָס לענדעלע ליגט, ווי זאָגט איר, אינמיטן מאַרק אין אַ ווינקעלע, איז דער גאָט אַרויס אויפן מאַרק . . . אויף דער וועלט.

— איר מעלקט נאָך אַלץ דאָס געטלעכע ציגעלע?

— און איר טרינקט ניט קיין „ציגענע" מילך, וואָס?

— ניין, איך טרינק ניט. דאָס ציגעלע האָט זיך שוין לאַנג פאַרלאָזט, גיט ניט מער קיין מילך, דאָס וויגעלע ... איז ליידיק, געבליבן איז אַ קבר, אויך אַ ליידיקער ... און הלואי וואָלט ער אויך ניט געבליבן, מיר וואָלטן אפשר געקענט לעבן אַ ביסל רויקער ... געצנדינער זיינען גאָרניט אַזעלכע שלעכטע שכנים. לאָמיר לאָזן צו רו גאָט און אויך די קריסטלעכע וועלט וואָס האָט געקראַגן דעם גאָט ... פון דער צווייטער האַנט. צווישן אונדז גערעדט, איך צוויפל זייער שטאַרק צי האָט זי טאַקע געכאַפּט אַזאַ מציאה ... איר זאָגט מיר בעסער וואָס קען מדינת ישראל געבן מ י ר, דעם אַמעריקאַנעם יידן?

— אַלץ!

— אַלץ מיינט גאָרניט. קאָנקרעט.

— אַזוי? קאָנקרעט! איר ווילט אָנטאַפּן. נו גוט, ווייסט איר ניט, פילט איר ניט אַז שוין היינט צו טאָג האָבן מיר אייך געגעבן אַן אינהאַלט אין לעבן?

— אַהאַ! ניט מער און ניט ווינציקער.

— יאָ יאָ, אַן אינהאַלט אין לעבן, ביז ניט לאַנג צוריק אַ „טאָל פון טרוקענעביינער", הייבט איר אַן שוין איצט אַרויפנעמען לייב אויף זיך, אייער לעבן איז געוואָרן רייכער, אינהאַלטפולער.

— יאָ, לייב האָבן מיר אַרויפגענומען אויף זיך ... און רייכער זיינען מיר אודאי געוואָרן, והא ראיה, די ארץ ישראל פושקע, אַנדערע פושקעס ווערן אָנגעפילט און דאָך איז עס איסתרא בלגינא, עס קלאַפּט, עס טומלט, עס איז אָבער ניט מער ווי פושקע קלאַפּעריי, נעמט צו אייער, אונדזער פושקע, וואָס בלייבט?

— מציון תצא תורה ודבר אדוני מירושלים. אויב איר וועט ניט זיין טויב, וועט וועלן הערן, וועט איר נאָך הערן.

— אָט אָט, וועגן דעם וואָלט איך טאַקע געוואָלט הערן. וואָס איז דאָס פאַר אַ תורה און וואָס איז דאָס פאַר אַ דבר אדוני? אויב די תורה איז די אַלטע תורת משה און דער אדוני דער אַלטער יהוה, האָב איך שוין גענוג געהערט. טויזנטער יאָרן האָט מען געשריבן פירושים אויפן „אנכי יהוה אלהיך", אויף יעדן אות פון „דעם ספר" האָט מען אָנגעהויפט אַ באַרג מיט ספרים. דאָס האָט מען אַלץ געטון אין גלות. איצטער, ווען ניט נאָר ישראל נאָר אויך די אוריתא איז אין דערהיים, וועט מען ערשט אָנהייבן פון ס'ניי לערנען און פּשטלען, ווער אויפן אַלטמאָדישן שטייגער פון אמר אביי אמר רבא, און ווער אויפן מאָדערנעם אופן — אַן איינלייטונג צו

דער געשיכטע פון דער . . . פרה אדומה. און מיט זאָגן טייטש חומש וועט מען ניט אָפּקומען, „דאָס שטריימל״ קריכט שוין ווידער אויפן קאָפּ, עס וויל ניט נאָר ל ע ר נ ע ן ביצה שנולדה ביום טוב, צי אפילו נאָר פסלנען אָדער כשרן די ביצה, זיי, די שטריימל יידן, ווילן קאָנטראָלירן די הון מיטן פּאַרמער צוזאַמען. עס הערן זיך קולות וועגן אַ סנהדרין, באַלד וועט מען נעמען ריידן וועגן אַ בית המקדש, און פאַרוואָס טאַקע ניט קרבנות אויך? מיר ווילן דאָך אַ תורה קאָנסטיטוציע, און קרבנות איז מן התורה. אויב דאָס איז די תורה, די תורה פונם „שטריימל״, צי אפילו פונם „צילינדער הוט״; רבנים און ראַבינעטשיקעס מכל המינים וועלן קומען צופליען און וועלן אָנווענדן אַלע זייערע כוחות . . . אויסצובויען מקוהס אין גלות אַמעריקע, אָדער פּראָפּעסאָרן וועלן האַלטן לעקציעס וועגן דעם שטיקל פעל פון דער פּרה אדומה וואָס מ׳האָט ערשט אויסגעגראָבן אָדער די הערנער פונם שעיר לעזאזל וואָס מ׳האָט געפונען; אויב דאָס איז די תורה, זאָג איך אייך מיט אַ פולן מויל: מוחל! איך דאַרף זי ניט, איך וויל זי ניט. זי קריכט מיר שוין פון האַלדז, קריכט זי מיר.

— אַזוי גוט קענט איר זי?

— עטלעכע מאָל האָב איך זי איבערגעלייענט.

— און וואָס דיינקט איר וועגן איר?

— איך דיינק . . . עס וואָלט ניט געשאַדט אַ נייע רעדאַקציע. יאָ יאָ, אַ נייע רעדאַקציע, וואָס זאָל אַ היפּש ביסל אויסשניידן. ניין, ניט אַוועקוואַרפן, נאָר אַריינגעבן אין גניזה, איבערלאָזן דאָס בעסטע, דאָס קערנדיקסטע, דאָס שענסטע, און עס וואָלט געבליבן אַ גוט . . . בוך. איר אָבער האַלט אין איין זוכן גניזהס, איר פרייט זיך ווען איר גראָבט ערגעץ אויס אַ פּאַרמעט, מאַכט ניט אויס ו ו אָ ס אויף דעם פּאַרמעט איז אָנגעשריבן, און די אַלע אַלטע פּאַרמעטן ווילט איר ניט אַוועקלייגן אין אַרכיוו, אין מוזיי, דאָס איז אַלץ תורה און וחי בהם. זאָג איך אייך: איך קען לעבן אָן דעם.

— אינטערעסאַנט. מיט געאָגראַפיע זייט איר צעקריגט, פון היסטאָריאָגראַפיע, דער תורה, האַלט איר אויך ניט, פון וואָס האַלט איר יאָ?

— איר מאַכט אַ טעות. איך האַלט זייער שטאַרק פון געאָגראַפיע. איך ווייס גאַנץ גוט אַז אין הימל . . . וואַקסן ניט קיין בוימער. פאַר דעם ישראל בוים איז א ר ץ ישראל זייער און וויכטיק. איך וויל אָבער איר זאָלט וויסן אַז ווי טיף דער בוים זאָל ניט שטעקן אין דער ערד מוזן די וואָרצלען ניט נאָר גראָבן אין דער טיף, נאָר אויך זיך שפרייטן אין

דער ברייט, זיי מוזן גרייכן כל תפוצות ישראל, מדינת ישראל מוז זיין פאַרבונדן מיט כל ישראל. און פון געשיכטע האַלט איך אודאי, מער ניט, וואָס לויט מיין קוק, איז געשיכטע ניט עפּעס אַ סקלאַד פון אַלטוואַרג אויף וועלכן עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ באַרג מיט שטויב און יעדער חפץ וואָס מיר קריגן אַרויס פון אָט דעם סקלאַד איז הייליק, טאַקע צוליב אָט דעם געשיכטע־שטויב. איך זע געשיכטע ווי אַ וועלט זיפּ דורך וועלכער דער שטויב דאַרף אויסגעזיפּט ווערן, עס זאָל בלייבן דאָס וויכ־טיקסטע, דאָס קערנדיקסטע. טאַקע מהאי טעמא זיינען דאָ אַ פּאָר געאָגראַ־פישע פּונקטן אויף וועלכע איך האַלט אָנגעשטעלטביידע אויגן, פון וואַנען איך דערוואַרט אַ נייע תורה, און דאָס איז ניט ציון און ירושלים, נאָר דוקא רחובות און דגניה.

—גאָר אַזוי? רחובות און דגניה. אינטערעסאַנט. פאַרוואָס דוקא די צוויי „געאָגראַפישע פּונקטן״?

— אָט די „פּונקטן״, פון וועלכע איר שמייכלט אַזוי, זיינען פאַר מיר ניט נאָר געאָגראַפישע, נאָר אויך היסטאָרישע. ווינסטאָן טשוירטשהיל ווייסט איר דאָך ווער דאָס איז. אַז ער צייכנט זיך ניט אויס מיט עניוות איז אייך מסתם אויך באַקאַנט. איז אָט דער ווינסטאָן טשוירטשהיל, ריידנדיק וועגן דעם בריטישן ביטראַג צו דער וועלט קולטור, האָט אַ זאָג געטון: נו, מיר האָבן געגעבן דער וועלט די גוירנסי און דזשוירזי קו. ציטירן האָט ער ציטירט שעקספּירן, באַרימט האָט ער זיך מיט דער גוירנסי און דזשוירזי בהמה. איז אַזוי, ספרים אויף ציטירן האָבן מיר אויך, אין אונדזער לאַנגער געשיכטע האָבן מיר אָבער ווינציק זיך אָפּגעגעבן מיט פּי צוכט. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט . . . לערנען. אויף אַזוי פיל האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען אַז מיר האָבן אַנטוויקלט אַ חשק, אַ דראַנג, ממש אַ טאַלאַנט צום לערנען, דער תלמיד חכם איז געוואָרן אונדזער אידעאַל. האָף איך אַז אָט דער תלמיד חכם, וואָס האָט יאָרהונדערטער זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען מסכת סוטה... געשריבן פירושים אויף די מים המאררים, וועט אין רחובות אָנווענדן זיין לערנערישן טאַלאַנט אויף דעם ווי צו פאַרוואַנדלען מים ה . . .מלוחים אין זיסע וואַסער. יאָ, דאָס וואָלט געווען ניט קיין ערגערער ביטראַג צו דער וועלט קולטור ווי די גוירנסי אָדער דזשוירזי קו, און פאַר אונדז אַליין וואָלט עס אויך געהאַט עפּעס אַ ווערט . . . זיכער אַ ביסל מער ווי אַ שטודיום וועגן די מים המאררים.

אין אונדזער לאַנגן גלות לעבן האָבן מיר אויך געלערנט אַז אין אַ

וועלט פון כאַפּ־לאַפּ און הפקר פּעטרישקע קענען מיר אַמאָל אַרײַנכאַפּן אַ ברעקל שיריים פון אַ רײַכן טיש, גנעניסן אפילו פון הפקרות, דער סוף איז אָבער אַז ביי דעם מינדסטן טרייסל זיינען מיר דאָס כפרה הינדל, מיר מוזן גיין צוריק צום בזעת אפיך תאכל לחם. זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען קיין דגניה. די אנשי דגניה האָבן ניט געזוכט קיין פסוק ביי רבנו משה, ביים „ברודער" ישו, און אפילו ניט ביי חבר קאַרל מאַרקס, זיי האָבן ניט געדאַרפט דעם „ככתוב", זיי האָבן אַליין געשריבן דעם „פסוק", געשריבן מיט שוויס, מיט בלוט . . . אַ נייע תורה. וועט זיך אָט די תורה אָננעמען? ביז אַהער האָבן זיך אָנגענומען נאָר די תורות וואָס זיינען געטראָגן געוואָרן אין דער לינקער האַנט, ווייל אין דער רעכטער האָט מען געטראָגן די שווערד. תורת דגניה קען מיט דער שווערד ניט פאַרשפּרייט ווערן. איבער דער וועלט וועט זי מסתם ניט אַוועקגיין. וועט זי זיך אָננעמען ביי אונדז, אין אונדזער קליינעם ווינקעלע?

ביז ניט לאַנג, לאָמיר ריידן אָפן, ביז ארץ ישראל איז ניט געווען קיין מלוכה, בין איך געווען כמעט ווי זיכער אַז יאָ, איצטער, ווען ארץ ישראל איז געוואָרן מדינת ישראל, מיט פּאָליטיק און פּאָליטיקער, הייבט מיך שוין אָן טאָטשען דער צווייפל־וואָרעם. מלוכה אינטערעסן, פּאָליטיק קען פאָדערן קיבוץ גלויות, כאָטש דאָס איז אוממעגלעך, און די זעלבע פּאָליטיק, אָדער אינטערעסן, קען פאָדערן צו דערשטיקן דעם קיבוץ המאוחד, אָדער ווי ער זאָל ניט הייסן, כאָטש דאָס איז דער אלף פון דער נייער תורה.

— אינטערעסאַנט. די געאָגראַפיע פון דן ביז באר שבע־אילת געפעלט איך ניט, עס גיט איך גאָרניט, און די קליינע געאָגראַפישע פינטעלעך אויף דער זעלבער מאַפּע . . . געפעלן איך יאָ; תורת משה ניט און תורת . . . גאָרדאָן יאָ. וואָס קענען אָט די קליינע פינטעלעך געבן א י י ד, דעם יידן אין ניו יאָרק, אין סאַן פראַנציסקאָ, אין . . .

— איר פאַרשטייט עס ניט. נו יאָ, דער אַמעריקאַנער ייד — אַ מאָדנע בריאה, דוכט זיך אַ ייד, נאָר אַז מ'רופט אים אַהיים וויל ער ניט גיין; מע דערציילט אים וועגן אַן אייגענער מדינה, אַן אייגענער מלוכה, אַן אייגענער שפּראַך, אַ . . . גאָט, מאַכט ער עס אַוועק מיט דער האַנט — ניט פאַר אים, און ד ע ר ייד רעדט עס וועגן דעם קיבוץ, דער קבוצה!

דער אַמעריקאַנער ייד. איך דוכט זיך אַז ווען איר רעדט, רעדט דאָס מדינת ישראל צו כלל ישראל, די אַמעריקאַנער יידן. איר רעדט טאַקע על פי רוב אין ענגליש, ווייל העברעאיש פאַרשטייט ער דאָך נעבעך ניט, דער

אַמעריקאַנער ייד, און יידיש טאָר מען דאָך ניט ריידן — אַ פרעמדע, גלות שפּראַך . . . דער אמת איז אַז לעת עתה רעדט דאָס רב ישראל, איין יידישער ייד וואָס לעבט אין מדינת ישראל, צו אַ צווייטן יידישן ייד וואָס לעבט אין אַמעריקע. אָט דער יידישער ייד, אפשר אויך זיינע קינדער, פאַרשטייט אייך נאָך אין וועלכער שפּראַך איר זאָלט ניט ריידן, ווייל ער פאַרשטייט אייך ניט ניט נאָר מיטן קאָפּ, נאָר אויך מיטן האַרצן. צי וועט אייערער אַ סאַברע פון צווייטן אָדער דריטן דור געפינען די שפּראַך צו אונדזערן אַ „סאַברע" פון דריטן אָדער פערטן דור, ער זאָל אים פאַרשטיין ווי מיר היינט, ווייס איך ניט. לאָמיר האָפן אַז יאָ. אָבער אפילו ווען יאָ, מוזט איר וויסן אַז אָט דער אַמעריקאַנער ייד, ווען מען איר באַטראַכט ווי אַן עבד כנעני, וואָס מ'דאַרף אים לעכערן די אויערן פאַר זיין אהבתי את אדוני; אָט דער ייד פון דער צווייטער אָדער דריטער קאַטעגאָריע, אַ בהמה, באַהיט גאָט, גוט נאָר אויף צו מעלקן פון אים גאָלדענע מילך; אָט דער ייד וואָס האָט שוין פאַרלאָרן יעדן ניצוץ פון יידישקייט, ווייל ניט וויסן פון ציון און תורה; יאָ, אָט דער ייד, וואָס איז איינגעזונקען אין די אַמעריקאַנער מ"ט שערי טומאה, ער וויל ניט אויסבייטן ניו יאָרק אויף תל אביב, איסט בראָדוויי אויף שדרות ראָטשילד, ווייל ישראלישע שערי טומאה זיינען ניט טהור בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען אין מדינת ישראל. מהאי טעמא וויל ער אויך ניט אויסבייטן וואַשינגטאָן אויף ירושלים, אָדער וואָל סטריט אויף רחוב ליליענבלום . . . בייטן דאָלאַרן אויף פונטן איז גאָר ניט אַזאַ גוטער מסחר. ער וויל אויך ניט אויסבייטן ראַבביי אייבראַ־העם קאָשער אויף אַ רב הראשי אברהם כשר . . . אויב שוין יאָ בייטן, איז אַריינגיין אין איין שער טהור, אַ ניי לעבן, אַ נייע תורה. און אָט דאָס נייע לעבן, אָט די נייע תורה איז ער גרייט אָנצונעמען ניט ווייל עמיצער וועט עס אַרויפלייגן אויף אים כגגית, מעג דער עמיצער זיין אַן אַנטיסעמיט אין אַמעריקע אָדער אַ פּאָליטיקער אין ירושלים, נאָר ברצון.

— און דער רצון איז ניטאָ . . .

— איר זייט באַרעכטיקט צו אייער איראָניע. ענטפערן ווי אַן אָנגע־קלאָגטער פאַר אַ פּראָקוראָר, יאָ אָדער ניין, וויל איך ניט. ענטפערן באריכות וואָלט געמיינט זיך פאַרענטפערן, און דאָס האָב איך ניט בדעה צו טון: איר'ט עס סיי ווי ניט פאַרשטיין. איר זייט פון די דאָקטוירים ספּעציאַליסטן, וואָס אין זייער פּאַציענט זעען זיי בלויז דעם אבר אין וועלכן זיי ספּעציאַ־ליזירן זיך, אַז דער מענטש איז אַ צוזאַמענשטעל פון אַ סך אברים און הא בהא תליא, וועגן דעם ווילן זיי ניט וויסן, אייער ספּעציאַליטעט איז

מדינת ישראל, וועגן אַמעריקע, דעם אַמעריקאַנער יידן, זיין לעבן דאָ, ווילט איר גאָרניט וויסן. איך וויל אייך בלויז זאָגן אַז סיי דער איצטיקער אַמעריקאַנער ייד, סיי דער אַמעריקאַנער ייד וואָס וועט זיך אויספורעמען אין אַ דור אָדער צוויי אַרום, איינגעשלאָסן אין די אַמעריקאַנער מ״ט שערי טומאה, וועט בייַנקען נאָכן פופציקסטן טויער, דער שער הטהרה, אין מדינת ישראל. פּאַראַדאָקסאַל ווי דאָס קלינגט, דער פאַקט איז, אַז ביז אַהער זיינען פון דאַנען געפאָרן ווינציקער קאַפּיטאַליסטן ווי חלוצים. אַט די קליינע צאָל אַמעריקאַנער בחורים און מיידלעך זיינען זיכער ניט געפאָרן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, אָדער ווייל זייער פּרעזידענט איז זיי ניט געפעלן; זיי זיינען אויך ניט געפאָרן קיין תל אביב, נאָר אין גשר הזיו, זיי זיינען ניט געפאָרן קיין ציון פאַרנעמען דברי תורה, נאָר קיין סאסא, דאָרטן ש אַ פ ן תורה — אַ קיבוץ.

— און די וואָס פאָרן ניט? די וואָס בלייבן זיצן על סיר הבשר?

— זיי דאַרפן ניט קיין נייע תורה און אויך ניט צופיל פון דער אַלטער, פונדעסטוועגן, זאָגן אַז זיי זיינען שוין ניט קיין יידן, איז אַ ביסל צו פרי. ישראל אף על פי באמריקה ישראל הוא, און כל ישראל, ווו זיי זאָלן ניט זיין, זיינען דערווייל מער ווי מדינת ישראל.

— וואָס וועט זיין שפּעטער?

— דאָס ווייסט קיינער ניט. עס לויערן געפאַרן אויף כל ישראל איבער דער גאָרער וועלט, מדינת ישראל אַריינגערעכנט, האַלטן אין איין קלאַפּן טרעוואָגע, שרעקן כל ישראל און זינגען שישו ושמחו צו מדינת ישראל איז . . . שלעכטע פּאָליטיק. רב ישראל, כל ישראל און מדינת ישראל — אַ חוט המשולש, צערייסט ניט קיין איין פאָדעם פון די דריי, חוט המשולש לא ינתק . . .

1954

גייסטיקער חורבן

די יידישע שרייבער דוד בערגעלסאָן, נסתר, פעפער, מאַרקיש און אַנדערע זיינען . . . פאַרשוווּנדן.

איינצלנע שרייבער, ניט נאָר יידישע, זיינען אויך פאַרשוווּנדן אין רוסלאַנד. געננוג צו דערמאָנען: באָריס פּילניאַק, פּ. ראָמאַנאָוו, זאַשטשענקאָ און וויפל נאָך. אויף זיי האָט מען געפונען ליטעראַרישע חטאים — פּילניאַק האָט געהאַט זיין דערציילונג „די געשיכטע פון דער ניט פאַרלאָשענער לבנה״; ראָמאַנאָוו זיין „חבר קיסליאַקאָוו״; זאַשטשענקאָ דאָך לויטער טרפות. זייערע חטאים זיינען געמאַכט געוואָרן בשוגג: זאַשטשענקאָס חטא, למשל, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געשריבן אין דער אַלטער רוסישער טראַדיציע פון גאָגאָל אָדער סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, חוזק געמאַכט פונם טשינאָווניק, ניט באַגרייפנדיק אַז לא הרי הקאָמיסאַר כהצאַר, דער קאָמיסאַר מער פּחדניש, דערפאַר אַ סך שטרענגער, אכזריות־דיקער. ביי די יידישע שרייבער האָט מען קיינע ליטעראַרישע חטאים ניט געפונען, זיי האָבן געדינט געטריי, געזונגען הלל, געמאַכט דעם מי שברך פאַר יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין כדת וכדין. וואָס נאָך וויכטיקער, אינאיינעם מיט די שרייבער איז ליקווידירט געוואָרן די יידישע ליטעראַטור, ניט געלאָזט קיין זכר פון איר. עס איז דעריבער קלאָר אַז ניט נאָר די שרייבער, אויך די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד איז דערמאָרדעט געוואָרן. דאָס מיינט אַז די שרייבער, די ליטעראַטור זיינען ליקווידירט געוואָרן ניט ווי סתם שרייבער, נאָר ווי י י ד י ש ע שרייבער, י י ד י ש ע ליטעראַטור. פרעגט זיך: איז די יידישע ליטעראַטור מיט אַמאָל געוואָרן אַזאַ געפאַר?

אַנטיסעמיטיזם!

דאָס וואָרט ליגט ממש אויפן צונג. טאַקע דערפאַר איז עס אַזוי אויבערפלעכלעך, אַז אָפּפטרן דעם גאַנצן ענין מיט דעם איינעם וואָרט מיינט פשוט פוילקייט אַ טראַכט צו טון.

נאָך סטאַלינס טויט, דער עיקר נאָך כרושטשעווס „הספד" איבער אים, איז געוואָרן אַ מאָדע צו זאָגן אַז אין אַלע מעשים תעתועים פון רוסלאַנד און אויך אינם אומברייינגען די יידישע ליטעראַטור איז שולדיק סטאַלין, כאָטש וועגן די יידישע ענינים האָט דער „אוהב ישראל" כרושטשעוו אפילו ניט דערמאָנט.

אָט די „מאָדע", אַלט ווי דער שעיר לעזאזל, איז געוואָרן מאָדערנע נאָך היטלערס מפּלה. די זעכציק מיליאָן דייטשן, די ש. ש. (שוץ שטאַפּל), די געשטאַפּאָ, זיי אַלע אומשולדיקע עופהלעך, זיי האָבן בלויז דורכגעפירט דעם ווילן פונם פירער, אַ פירער, כידוע, דאַרף מען פאָלגן, און ד ע ם פירער האָט מען ג ע מ ו ז ט פאָלגן. דאָס זעלבע אין רוסלאַנד. ניקיטאַ כרושטשעוו און אַלע קליינע ביקיטעלעך זיינען ווייס ווי ערשט געפאַלענער שניי, דער איינציקער זינדיקער רויטער פאָדעם — סטאַלין.

איז אַזוי. סטאַלין איז טאַקע געווען אַלץ וואָס כרושטשעוו האָט וועגן אים געזאָגט און נאָך אַ ביסל מער, וואָס ער האָט ניט געזאָגט, היינו, אַ גאַנץ מיאוסער אַנטיסעמיט דערצו. סטאַלין איז אויך געווען דער, וואָס האָט אַרויפגעלייגט די לעצטע לאָפּאַטע ערד אויפן קבר פון דער יידישער ליטעראַטור, די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד, עס מוז אָבער געזאָגט ווערן אַז:

סטאַלין איז ניט געווען דער א י י נ צ י ק ע ר קברות מאַן, צוזאַמען מיט אים האָבן געגראָבן גוטע ניט אַנטיסעמיטישע, און אפילו סעמיטישע... דאָס הייסט יידישע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן; אַז דעם קבר האָט מען אָנגעהייבן גראָבן ניט אין 1948, נאָר אַ סך פריער; און אַז דער אַנטיסע־מיטישער גראָב־אייזן איז ניט געווען דער איינציקער מיט וועלכן מ'האָט זיך באַנוצט, געווען אויך אַן אַנדער סאָרט גראָב־אייזן.

איך וועל אָנהייבן מיטן לעצטן.

עס איז דאָ אַזאַ ענין ווי קולטורעלער, שפּראַכלעכער אימפּעריאַליזם.

יעדער גרויס־הערשער, ווער ער זאָל ניט זיין, וויל אַרויפלייגן ניט נאָר זיין לאַפּע אויף דער גאָרער וועלט — דער ענדציל פון יעדן אימפּע־ריאַליזם — נאָר אויך אויף די קעפּ פון אַלע מענטשן. איין וועלט, איין הערשער, איין שפּראַך.

דער ענגלענדער, וואָס האָט נעבעך געקרעכצט אונטער דער „משא פונם ווייסן מענטשן", האָט אין דעם שווערן פעקל אויך געטראָגן די ענגלישע שפּראַך. איבער דער ענגלישער אימפּעריע איז „די זון קיינמאָל ניט פאַרגאַנגען", און אין דער זעלבער אימפּעריע איז אויפגעגאַנגען און

אומגעגאַנגען די ענגלישע שפּראַך, אויף אַזוי ווייט, אַז אפילו ווען מ׳האָט דעם ענגלענדער פאַרטריבן איז זיין שפּראַך דאָך געבליבן. ווען אינדיע איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק איז די פאַרבינדונגס שפּראַך צווישן אַלע אינדישע פּראָווינצן, צווישן דער ביוראָקראַטיע, דערווייל געבליבן די ענגלישע. נעהרו דערציילט, אַז ווען ער האָט געדאַרפט האַלטן זיין ערשטע עפנטלעכע רעדע, האָט ער זיך געישובט אין וועלכער שפּראַך ער זאָל ריידן: ז י י ן שפּראַך איז געווען ענגליש, די אַנדערע שבעים לשונות פון אינדיע האָט ער פשוט ניט געקענט, ריידן ענגליש האָט אָבער ניט געפּאַסט, האָט ער זיך אַטוואַזשעט און גערעדט אין הינדי. (אַזוי דוכט מיר. זען זיין בוך „צו פרייהייט”).

געקומען איז עס פון דעם וואָס דער ענגלענדער האָט אַנגליזירט די וועלט מעשה „זשענטלמען”. ער האָט, חלילה, ניט אַרויפגעצוווּנגען זיין שפּראַך, ער האָט בלויז גערופן די אַריסטאָקראַטישע זינדלעך זיי זאָלן פאָרן לערנען אין אָקספאָרד, קעמברידזש, מיט דער אויסרעכענונג אַז אָט די אויסגעשטודירטע וועלן עס זיין די געטרייע ע נ ג ל י ש ע דינער, זיי זיינען געוואָרן די „סיוויל סוירוויס” מענטשן. אויסגעלאָזט האָט זיך אַז טאַקע אָט די לאָנדאָנער אויסגעשטודירטע, גאַנדי און נעהרו אַריינגע־רעכנט, האָבן דעם ענגלענדער פאַרטריבן. זיין שפּראַך איז אָבער פאַרבליבן.

די ראָמאַנאָווס, אין דער רוסישער אימפּעריע, זיינען קיין „זשענטלמען” ניט געווען, די אימפּעריע האָבן זיי אַריינגעקראָגן מיט דער שווערד, און מיט דער שווערד האָבן זיי אויך געוואָלט רוסיפיצירן אָט די אימפּעריע, זיי האָבן פשוט פאַרבאָטן די אַלע אַנדערע שפּראַכן. די פעלקער האָבן טאַקע גערעדט ז י י ע ר ע שפּראַכן, אָ פ י צ י ע ל אָבער, אין די רעגירונגס אַמטן, האָט די שפּראַך ג ע מ ו ז ט זיין רוסיש.

די ראָמאַנאָווס זיינען מער ניטאָ, עס איז אויך ניטאָ קיין רוסישע... אימפּעריע, נאָר אַ פעדעראַציע פון רעפּובליקן. לויט דער קאָנסטיטוציע, „די פּראָגרעסיווסטע אין דער וועלט”, האָט יעדער רעפּובליק דאָס רעכט זיך אָפּצורייסן, אַרויסגיין פון דער פעדעראַציע, אויב זי וויל דאָס טון, נאָר, פאַרשטייט זיך, קיינע פון די רעפּובליקן וויל עס ניט טון.

אין ניו יאָרק, אין דער „פאַ־פע” (פאַראייניקטע פעלקער) זיצן די פאַרטרעטער פון דער אוקראַינישער און ווייס־רוסישער רעפּובליק, דער אוקראַינער איז איין מאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויס געשעפט, געקויפט עפּעס, דערלאַנגט אַ צוואַנציק דאָלאַרדיק פּאַפּירל און געזען ווי דער פאַרקויפער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט מיטן חשבון וויפל עס באַטרעפט

אין עפּעס אַ קעסטעלע, דאָס אַ צי געטון, האָט זיך עס אַוועקגעטראָגן ערגעץ אין דער הויך און באַלד צוריקגעקומען מיטן צעטעלע און אויסגאַב. אין דער הויך האָט דאָס קעסטעלע אויסגעזען ווי אַ מייזעלע. האָט ער אַ טראַכט געטון: אַזעלכע מייזעלעך וואָלטן גאַנץ גוט צונוץ געקומען אין קיעוו, כאַרקאָוו. אפשר גאָר אַ רעד טון מיט דער „איבים" (אינטער־נעשאָנאַל ביזנעס מאַשין) זיי זאָלן, אויב ניט פאַרקויפן, איז פאַרדינגען דער אוקראַינישער רעפּובליק אַט אַזעלכע מייזעלעך, אַנדערע רעכן־מאַשינען, ניט די בוכהאַלטערס אין קיעוו אָדער כאַרקאָוו זאָלן זיצן און רעכענען אויף די „שטשאָטעס". מ׳קען באַצאָלן דערפאַר, אויב ניט מיט קאָרן, ווייץ, דאָס האָבן די אַמעריקאַנער אַליין, איז מיט גאָלדענע טשער־וואָנצעס. תוך כדי מחשבה האָט ער שאַרף אַ קער געטון דעם קאָפּ, זיך אומגעקוקט צי האָט חלילה עמיצער ניט געהערט, ניט געזען זיין מחשבה... אַ כאַפּ געטון דאָס פּעקל און אַרויס פון קראָם.

דער פּאַרטרעטער פון דער ווייס־רוסישער רעפּובליק האָט געלייענט אַז די „אינטערנעשאָנאַל קאָרפּאָריישאָן אַדמיניסטריישאָן" שיקט עקספּערטן אין פאַרשיידענע לענדער זיי העלפן אויסטריקענען זומפּן, איינפירן די נייסטע אַגריקולטור מעטאָדן, אויך איינשטעלן אינדוסטריעס, און אַ טראַכט געטון אַז אַ פּאָר עקספּערטן וואָלטן געקענט צונוץ קומען אין די פּינסקער בלאָטעס און אפילו אין מינסק גופא . . . אַ טראַכט געטון און זיך אויך אומגעקוקט צי האָט קיינער ניט געזען זיין מחשבה...

וואָס איך מיין דערמיט צו זאָגן איז: די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומאָפּהיינגיקייט פון די פעדעראַטיווע רעפּובליקן איז ניט מער ווי אַ פיקציע. דערפאַר אָבער האָבן זייער אַ סך מענטשן געזען אויפן מינסקער וואָקזאַל די שילד, וואָס האָט זיך געלייענט: מינסק (רוסיש), מענסק (ווייס־רוסיש) און אפילו באותיות מרובעות — מינסק, אויף יידיש, אַ בולטער סימן, אַז וואָס איז שייך קולטור האָט יעדע רעפּובליק, נאָך בעסער, יעדע פעלקערשאַפט, איר אויטאָנאָמיע. יעדע פעלקערשאַפט קען זיך באַנוצן מיט איר אייגענער שפּראַך אין שול ביים לערנען, אין שול, קלויסטער אָדער מעטשעט ביים דאַווענען, אין געריכט, אין טעאַטער. ניט נאָר קענען זיי דאָס טון, זיי ווערן דערמוטיקט דערצו, והא ראיה, פאַר די פעלקער־שאַפטן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אלף בית האָט מען אים געשאַפן כדי צו אַנטוויקלען זייער שפּראַך.

נו, דערלויב איך זיך צו זאָגן אַז אַט די קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז פּונקט אַזאַ פיקציע ווי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע. פּונקט ווי די

אַלע רעפּובליקן זיינען אונטער דער הערשאַפט פון דער **רוסישער** מאַכט, זיינען אויך זייערע קולטורן אונטער דער הערשאַפט פון דער רוסישער קולטור. דאָס וואָס איך האָב אָנגערופן קולטורעלער אימפּעריאַליזם.

דער יידישער „מינסק" איז שוין ניטאָ אויפן מינסקער וואָקזאַל, דער ווייס־רוסישער „מענסק" איז נאָך דאָ, צי וועט ער אָבער בלייבן, צי וועט די ווייס־רוסישע שפּראַך טאַקע זיין דער אויסדרוק פונם ווייס־רוסישן פאָלק בין איך שטאַרק מסופק.

די ווייס־רוסישע פּויערים וועלן זיכער ריידן ווייס־רוסיש, די קליין־ביוראָקראַטיע אין די שטעטלעך, די שטאָט־ראַטן וועלן אָנפירן זייער אַרבעט אין ווייס־רוסיש, אָבער די העכערע באַאַמטע, די וואָס האָבן טאַקע די מאַכט, די וואָס קומען אין באַרירונג מיט מאָסקווע, זייער שפּראַך איז רוסיש. דער סאָלדאַט קען ריידן ווייס־רוסיש, דער אָפיצער און העכער מוז שוין ריידן רוסיש; דער לערער אין שול לערנט אין ווייס־רוסיש, אין דער זעלבער שול איז אָבער רוסיש אָבליגאַטאָריש, און די פּראָגראַם פאַר דער שול ווערט אויסגעאַרבעט על פּי נוסח מאָסקווע. און, צי אין ווייס־רוסיש, צי אין רוסיש, מוז מען זינגען הלל צו סטאַלינען אָדער זיין ממלא מקום. זינגען הלל איז ניט גענוג פאַר אַ שפּראַך צו ווערן דער אויסדרוק פונם פאָלק.

די קליין־רוסן, די אוקראַאינער, מער באַוווסטזיניק אויף זייער אַנדערש־קייט פונם „מאָסקאַל", מיט אַ רייכערער געשיכטע ווי די ווייס־רוסן און אויך אַ רייכערער ליטעראַטור, האָבן זיך טאַקע ניט באַנוגנט מיט זינגען הלל צו סטאַלינען אויף אוקראַאיניש, זיי האָבן גענומען אויסגראָבן פון דער געשיכטע זייערע העלדן, שאַפן עפּעס אייגנס. אַז אָך און ווי וואָס פאַר אַ העלד באָגדאַן כמעלניצקי איז (אין אונדזערע אויגן), פאַר די אוקראַאינער איז ער אַ העלד, האָבן זיי גענומען באַזינגען אים, שעווטשענקאָ איז געוואָרן **דער** דיכטער, קורץ, די אוקראַאינער, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט מיט פּאָליטישער כשרות לגבי מאָסקווע, האָבן אויך גענומען אַרויסווייזן ליטעראַרישע, קולטורעלע אַפּיקורסות. דער רעזול־טאַט — „רייניקונגען", ליקווידאַציעס. אין 1937 זיינען ליקווידירט געוואָרן: באָגדאַרענקאָ, פּאָסטישעוו, קאָסיאָר, לאָבטשענקאָ. אין 1946 האָט דער איצטיקער גדול ניקיטע כרושטשעוו אָנגעפירט אַ „טשיסטקע" אין וועלכע איבער זעכציק פּראָצענט פון ראַיאָנע פּאַרזיצער, פּאַרטיי סעק־רעטאַרן און דירעקטאָרן פון טראַקטאָר סטאַנציעס זיינען אויסגערייניקט

געוואָרן. אויב איר מיינט אַז ניקיטע איז אויסן געווען אויסצורייניקן אומפּייאיקע, ניט ערלעכע, מאַכט איר אַ טעות. דער צוועק פון דער „טשיסטקע" איז, אין זיינע אייגענע רייד, געווען „אויסצורייניקן די אַלע, וואָס אידעאַליזירן די פאַרגאַנגענהייט און ווילן אויפלעבן בורזשואַזע, נאַציאָנאַליסטישע באַגריפן".

האָט מען אויסגערייניקט קיעוו?

דערווײַלע ניט, דערפאַר אָבער מיט בערדיטשעוו, דער עיקר, מיטן באַרדיטשעווער... האָט מען זיך ספּראַוועט זייער גרינג, נאָך איידער היטלער איז געקומען און נאָך פאַר סטאַלינען אין 1948.

שיר ניט מיט אַ יאָרהונדערט פריער האָט דער אבי אבות הסאָציאַ־ליזם, רב קאַרל בן רב צבי הירש מאַרקס, געפסקנט אַז דער יידישער גאָט איז מאַ־מאָן (ממון), צו אים דינט דאָס פאָלק פון די פּראָצענטניקעס, די יידן; מ'וועט אָפּשאַפן די יידישע תורה, דעם קאַפּיטאַל, מ'וועט נעמען לערנען זיין, מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", איינפירן סאָציאַליזם, וועט שטאַרבן דאָס יידישע פאָלק. אַן ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, אין 1903, איז געקומען דער פאָטער פונם באָלשעוויזם, וולאַדימיר אילאיטש אוליאַנאָוו — ניקאָלאַי ליענין — און געפסקנט אַז דער „בונד" קען ניט אַריין אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי ווי אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, ווייל עס איז ניטאָ קיין יידיש פאָלק. אָטאָ באַוער, אַליין אַ ייד, וואָס האָט געזוכט זכות אומות פאַר אַלע פעלקער און פעלקערלעך האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן קיין פאָלקס פּאַספּאָרט דעם עם עולם, באשר בכן, עס פעלן דעם די פאָלקס פּרימעטעס — זיי האָבן ניט קיין לאַנד און קיין שפּראַך. ל. טראָצקי, ווען ער איז שוין געווען אין גלות מעקסיקע, האָט זיך פאַרגונען צו זאָגן עפּעס וועגן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, ווען ער איז אָבער געווען אין מאָסקווע האָט ער געזאָגט דעם ראַבינער מזה אַז אין דער רעוואָלוציע נעמט אָנטייל ניט דער ייד אריה לייב בן דוד ברוינשטיין, נאָר דער מענטש לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי, און ער האָט גאָרניט צו טון מיט די יידן. לאַזאַר מאָיסיעוויטש קאַגאַנאָוויטש, דער בערדיטשעווער ייד, וואָס האָט באַוויזן די קונץ ניט ליקווידירט צו ווערן בימי סטאַלין און אָנהאַלטן אַ פּאָזיציע נאָך זיין טויט, האַלט אויך אַז ס'איז ניטאָ קיין יידיש פאָלק, עס זיינען דאָ סאָוועטישע בירגער פון יידישן אָפּשטאַם.

די „בירגער פון יידישן אָפּשטאַם" האָבן נאָך דער רעוואָלוציע, נאָך דעם בירגער קריג גענומען טענהן: מיר האָבן אפשר ניט קיין פּאַספּאָרט פון אַ פאָלק מיט אַלע פּרימעטעס, אָבער וואָס דאַרפן מיר אַ פּאַספּאָרט אַז

אַט זיינען מיר אַליין דאָ, און מיר, יידישע יידן, ווילן האָבן יידישע שולן צום לערנען, יידישע צייטונגען און ביכער צום לייענען, קורץ, מיר פאַרלאַנגען די „פרייע אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און עטנאָגראַפישע גרופּעס", וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון די פאָלקס קאָמיסאַרן נאָך אין 1917.

ליעניך, אַ בקי אין מאַרקסיזם, האָט זיך פאַרגונען צו מאַכן אַ קנייטש אין מאַרקסעס תורה, איינפירן סאָציאַליזם דוקא אין דער צוריקגעשטאַנענער רוסלאַנד, און, ניט קיין משומד, האָט ער זיך אויך געקענט פאַרגינען צו זיין ניט קיין אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט, דאָס הייסט, ניט קיין שונא ישראל, האָט ער צוגעגעבן אַז יידן מעגן האָבן שולן אין זייער שפּראַך, אויך צייטונגען, ביכער, מער ניט. ער איז אַ קנאַפּער ידען אין יידישע ענינים, אַט למשל, האָט אַליעקסעי מאַקסימאָוויטש (גאָרקי) מיט אים גערעדט וועגן אַ יידישן טעאַטער אין דער „אַלט־עברי" (העברעאיש) שפּראַך, זיי, ווידער, אויף וויפל ער געדיינקט נאָך פון 1903, ריידן וועגן אַן אַנדער יידישער שפּראַך, דעם זשאַרגאָן וואָס זיי ריידן, לכן וועט ער אַ רעד טון וועגן דעם מיט יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש (סטאַלין), ער איז דער „ספּעץ" איבער די ענינים, און זאָלן זיי זיך זען מיט אים.

דער „ספּעץ" סטאַלין האָט געוווּסט וועגן די יידישע ענינים אפשר נאָך ווינציקער ווי ליעניך, אין יענע יאָרן איז ער נאָך ניט געווען קיין... פּילאָלאָג, די יידן, דער עיקר דעם יידן ברוינשטיין, וואָלט ער געגעבן ניט קיין יידישע שול, נאָר אַ ביסעלע סם, אָבער אַז וולאַדימיר איליאיטש האָט געזאָגט... איז אַזוי: שולן, ביכער, צייטונגען, דאָס איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער ענין, לכן, איז די בעסטע זאַך — שאַפן ביים קאָמיסאַריאַט וועגן אַלע פעלקערשאַפטן אַ יידישע סעקציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די אַלע ענינים, אָבער מיט איין תנאי — סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט, נאַציאָנאַל אין פאָרם, אויף דעם וועלן זיי מוזן גוט אַכטונג געבן...

און עס איז געשאַפן געוואָרן די יעווסעקציע.

אין אונדזערע יידישע נאַציאָנאַלע קרייזן זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ היפש ביסל שאַרפע רייד וועגן די יעווסעקעס, און בשעתם האָבן זיי עס כשר פאַרדינט, אָבער אחרי מות מוז מען זאָגן — קדושים. זיי האָבן געשאַפן יידישע שולן, עלעמענטאַרע און העכערע; אַרויסגעגעבן טעקסט ביכער פאַר די שולן און אַנדערע יידישע ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן; זיי האָבן געשאַפן אַ יידיש טעאַטער; זיי האָבן געטון יידישע אַרבעט, נאָר

איבער דער אַרבעט איז געהאַנגען אַ קללה, בעסער געזאָגט, עטלעכע קללות.

קודם די קללה — כשרות.

כמעט אַלע מיטגלידער פון דער יעווסעקציע זיינען ניט געווען קיין „געבוירענע" באָלשעוויקעס, דאָס הייסט פון 1903, נאָר געוואָרענע, ערשט נאָכן בירגער קריג, דערצו נאָך האָט איבער זיי געהויערט דער שאָטן „געוועזענע", געוועזענע ציוניסטן־סאָציאַליסטן; טעריטאָריאַליסטן; בונדיסטן און אפילו, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, ציוניסטן און העברעאיסטן. כדי זיך צו כשרן האָבן זיי גענומען אסרן. ציוניזם — אסור, דאָס איז ענגלישער אימפּעריאַליזם; העברעאיש — די שפּראַך פון אָט די אימפּע־ריאַליסטן, דער בורזשואַזיע און דעם יידישן קלער; די גוישע רעליגיע איז אָפּיום, די יידישע איז נאָך ערגער — העראָאין, קורץ, זיי האָבן געמוזט זיין פּויפּסטלעכער פונם פּאָפּסט.

די צווייטע קללה — די פאָרמולע: סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט, נאַציאָנאַל אין פאָרם. סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט און יידישע געשיכטע! נו יאָ, עמוס, ישעיה, זיי קען מען אַריינקוועטשן צווישן די אוטאָפּיסטן, דערויף איז דאָך דאָ דיאַלעקטיק, אָבער וואָס טוט מען מיטן מאַטע־ריאַליזם? מאַטעריאַליזם און מסירת נפש! וואָלט דאָס כאָטש געווען אין איין לאַנד, אין איין צייט, אָבער אַז דאָס איז געווען אין אַלע לענדער, אין אַלע צייטן, און אפילו איצט נאָך דאָ יידן אין אַ סך לענדער, אַ סך יידן און... אחד, איין גאָט, איין פאָלק. איז מילא גאָט, ער איז ניטאָ, אָבער דאָס פאָלק! קיין פאָלק אויך ניטאָ! ניטאָ קיין געשיכטע פון יידישן פאָלק, נאָר די געשיכטע פון די יידן... נו, אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

אַ ביטערע געשיכטע, אָבער מ'האָט זי ווי עס פאַרצוקערט און גע־לערנט. נאָך ערגער איז געווען מיט די יום־טובים. פּסח. אַ טייערער יום־טוב, פרילינג יום טוב, באַפרייאונג יום טוב, משה — ליעניך, פּסח — אָקטיאַבער, אָבער גיי פּראַווע פּסח מיט מאַרשן, פּאַראַדן, אַז זיי דאַרפן גאָר אַ סדר! איז מילא, מיטן סדר וואָלט מען זיך נאָך ווי ס'איז ספּראַוועט: ארבע כוסות איז דאָך כשר, דאָס האַרטע איי קען מען... אָפּפאַרבן רויט, מאַכן „קראַסינקעס"... מרור, מיט אַ ביסל ראָסל, איז שוין אויך ביים דרך, אויב ניט רויט, איז בוריקעס קאָליר, אָבער וואָס טוט מען מיט די מצות, מיט דער הגדה! שבועות קען מען אפשר אָפּקומען מיט בלינצעס, אָבער וואָס טוט מען מיט ראש השנה, יום כיפור, צי אפילו סוכות? אַן אומגליק מיט די יידן, אַלע יום טובים פאַרגעטלעכט. קיינע יום טובים

פּראַווען! שבת אָפּגעשאַפט? איז אויס יום טוב אויך! פּראַווען ס אָ צ י אַ־ ל י ס ט י ש ע יום־טובים! אין אַ נאַציאָנאַלער פאָרם, פאַרשטייט זיך. אָבער גיי געפין אַ פאָרם, אַז אפילו די הלבשה האָבן זיי דאָך פאַרגעטלעכט! דער אוקראַינער טראָגט זיין אויסגענייטע העמד, אָדער זי איר רויטע ספּאָדניצע, די בלוזקע אויסגענייט מיט צלם שטעך, און זיי פאַלט גאָרניט איין אַז דערמיט פאַלגן זיי יעזוסן, אַ ייד טראָגט אַ פראַנצויזיש־רוסישע קאַפּאָטע, ווייל „גאָט האָט אַזוי געהייסן", פון אַ יאַרמעלקע, צי גאָר באָרד און פיאות איז דאָך אָפּגערעדט. און גיי געפין אַ נאַציאָנאַלע פאָרם וואָס זאָל שטימען מיטן סאָציאַליסטישן אינהאַלט. די איינציקע נאַציאָנאַלע פאָרם — די שפּראַך, איז אוי, די שפּראַך! זיי האָבן דאָך אפילו די שפּראַך פאַרגעטלעכט! פאַרוויגט די מאַמע איר קינד אין וויגעלע, זינגט דעם אַ לידעלע פון אַ ווייס ציגעלע, דוכט זיך גוט, הא? איז דאָס ציגעלע געפאָרן האַנדלען (שלעכט געגנוג) מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען און דער סוף איז: תורה איז די בעסטע סחורה. דאָס האָט געזונגען דאָס פאָלק. די שרייבער זיינען נאָך ערגער. מענדעלע למשל: „די סאָראָקע האָט אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי אָנגעטון אין אַ טליתל, מיט פאַסן תכלת פון פאָרנט, האָט געדאַוונט שאָקלענדיק זיך, זיך געבוקט, געפאַלן תחנון מיטן קעפּל". און פּרץ? אַי, פּרץ! אסתר (פרומקין) געדיינקט נאָך ווי די אַרבעטער האָבן זיך געקוויקט מיט פּרצס „שטריימל", „באָנטשע שוויג", איז גיי לייען מיט די קינדער אין שול „באָנטשע שוויג" אַז:

„דער גרויסער שופר פון משיחס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען:

באָנטשע שוויג איז נפטר געוואָרן! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פליגל זיינען געפלויגן און איינער האָט דעם אַנדערן איבער־געגעבן: באָנטשע איז נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה". דאָס איז דאָך געפערלעך!

אפילו שלום עליכם, דוכט זיך, כשר לכל הדעות, די מעשה אויך אַ כשרע, אַ קינדערישע מעשה מיט אַ מעסערל, פאַרגינט ער זיך צו שרייבן:

„דאָס ערשטע מאָל פון זינט דאָס מעסערל איז מיינס, קומט מיר דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט אויף די געדאַנקען: געגנבהט! בין איך, הייסט עס, אַ גנב. אין דער תורה שטייט געשריבן, אין די עשרת הדברות, מיט גרויסע אותיות: לא תגנוב! און איך האָב געגנבהט, וואָס וועט מען מיר דערפאַר טון אין גיהנום?"

אָט האָסטו דיר, שלום עליכם שוין, און תורה, עשרת הדברות, גיהנום,

און גיי מאַך, אַז יידיש איז געיידישט געוואָרן דורך ברית מילה; די העברעאישע ווערטער, די ערשטע, וואָס האָבן יידישיזירט דעם דייטש, זיינען געווען פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן ריטואַל, און רעליגיע איז דאָך... אָפּיום! דאָלאָי מיט דער רעליגיע, מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג! אויסראַמען די העברעאישע ווערטער, און די וואָס וועלן בלייבן, אויסלייגן פאָנעטיש, נישקאָשע, מיר קענען שרייבן: טויהו וואָוויהו. אַי, ווען „זיי" וואָלטן אָנגענומען דעם לאַטייניִשן אלף בית, וואָלטן מיר אויך געקענט טון דאָס זעלבע, האָבן זיי עס אָבער ניט געטון, מילא, וועלן שוין די אותיות מרובעות זיין די נאַציאָנאַלע פאָרם, אָבער שרייבן וועט מען ניט וועגן הימלען, מלאכים, טליתים, תורה, מ׳וועט שרייבן, מ׳וועט זינגען:

האָסט פאַרראַטן היינט דיין טאַטן?
זייער גוט! זייער גוט!

אַט דאָס וועט מען לערנען!

איז אַזוי, פאַרראַטן דעם טאַטן איז אפשר געווען זייער גוט פאַר דער... טשע־קאַ, פאַר דער שפּראַך איז עס געווען זייער שלעכט. פאַרראַט מען דעם טאַטן, מ׳קערט זיך אָפּ פון אַלע זיינע טראַדיציעס, מנהגים, פון זיין געדאַנקען גאַנג, אויסדרוק פאָרם, פון זיין גאַנצער גייסטיקער ירושה, ווערט פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם אַ נאַציאָנאַלער פאַרס. שפּראַך איז ניט עפּעס אַ זאַק, וואָס מ׳קען אים אָנשטאָפּן מיט קלאָטשע, מעג עס זיין סאָציאַליסטישע קלאָטשע, און עס וועט אַרויסקומען אַ סאָציאַליסטישער אינהאַלט אין אַ נאַציאָנאַלער פאָרם. שפּראַך איז די הויט וואָס וואַקסט צוזאַמען מיטן פאָלקס קערפּער. דער קערפּער ווערט דערנערט פון זיינע טראַדיציעס, האָפענונגען, צרות, נחת, איבערלעבונגען און לעבנס שטייגער פון הונדערטער יאָרן. דאָס אַלץ ווערט אויסגעדריקט דורך דער שפּראַך, „אויסגעשוויצט דורך דער הויט", און זי, אָט זי נערט זיך פון קערפּער, אָט זי שטעלט צו זון און לופט דעם קערפּער. נעמט מען צו די קערפּערלעכע נאַרונג ווערט די הויט צעקנייטשט, איינגעשרומפּן, פאַרדאַרט. סאָציאַליזם קען זיין אַ גוטער וויטאַמין, וויטאַמינען קענען אָבער ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון נאַרונג, אדרבה, אָן נאַרונג טוט דער וויטאַמין אָן שאָדן.

די יעווסעקעס האָבן געוווסט דערפון, זיי האָבן זיך אָבער ניט געקענט העלפן, די שול, די שפּראַך האָט געמוזט זיין אי מילכיק־סאָציאַליסטיש, אי פליישיק־נאַציאָנאַל...

אָן אײטער! האָבן זײ דערלאַנגט דעם יידן אָט דעם אײטער — נאַ, זויג! אָבער פּאָרזיכטיק, דעם אײטער, חלילה, ניט אײנבײסן...

און דאָ איז געקומען די דריטע קללה, די ערגסטע. דער ייד האָט גענומען זויגן און אין דער „מילך" ניט געפונען קײן יידישן טעם. טויזנטער יאָרן האָבן יידן מקיים געווען די מצוה פון ושננתם לבניך, יידן האָבן געלערנט זײערע קינדער, ניט אַזוי צו קריגן ידיעות, אפילו ניט צו ווערן אַ רב, דער הויפּט תכלית איז געווען די קינדער זאָלן זײן י י ד ן. ווען די יידישע שול איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די טאַטעס און מאַמעס געשיקט זײערע קינדער אין די שולן ניט ווײל זײ זײנען געווען פאַרליבט אין דער יידישער שפּראַך, מיט ליבע צו ז י י ן שפּראַך האָט דער ייד זיך קײנמאָל ניט אויסגעצײכנט, ער האָט געשיקט זײן קינד זאָל לערנען ווי צו זײן אַ ייד. עס האָט אים ניט לאַנג גענומען צו דערזען אַז פון ד ע ר שול וועט זײן קינד ניט אַרויס קײן ייד, אם כן, למה זה אנוכי? אויף וועלכע גוטע יאָר דאַרף ער אָט די „יידישע" שול? אָמער וועט ער שיקן זײן קינד אין דער ר ו ס י ש ע ר שול, פון דאָרטן אַז מ׳גײט אַרויס קען מען „עפּעס ווערן", קריגן אַ שטעלע, פּראַקטיצירן אַ פּראָפעסיע.

כאַראַקטעריסטיש, אין מאָסקווע איז אין משך פון אַ קורצער צײט אויסגעוואַקסן די גרעסטע יידישע קהלה פון גאַנץ רוסלאַנד; דאָרטן זײנען געווען מער יידן ווי אין מינסק, כאַרקאָוו, אָדער בערדיטשעוו, פונדעסט־וועגן איז דאָרטן אפילו ניט געעפנט געוואָרן קײן יידישע עלעמענטאַרע שול. מ׳האָט זי ניט געדאַרפט. מאָסקווע איז געוואָרן אַ שטאָט דער עיקר פון טשינאָווניקעס, און טשינאָווניקעס, האָבן זײ געמעגט זײן געבוירענע יידן, אָבער טשינאָווניקעס, ביוראָקראַטן, מעג עס זײן אפילו אַזעלכע ביוראָ אַרבעטער ווי בוכהאַלטערס, זײנען זײ געווען ר ו ס י ש ע, טאָ צו וועלכע שוואַרצע יאָר דאַרף אַ רוסישער טשינאָווניק די יידישע שול מיט איר יידישער שפּראַך?

אין מאָסקווע האָט זיך קײן שול אפילו ניט געעפנט און אין מינסק, כאַרקאָוו, קיעוו האָבן יידישע שולן גענומען זיך פאַרמאַכן. זײ האָבן זיך פאַרמאַכט ניט מיט אַמאָל, לויט אַ דעקרעט פון דער רעגירונג, נאָר אײנ־ציקווײז געשטאָרבן פון אויסצערונג. די רעגירונג האָט גערן אַרויסגעגעבן דעם טויטן־שײן. פון תחיית המתים האָלט ניט די רעגירונג, פונדעסטוועגן, אַז זי האָט חושד געווען עטלעכע „עקשנים" אין זײן קעגן פאַרמאַכן די שולן, האָט זי זײ פאַרמאַכט די מײלער... ליותר בטחון... יידן האָבן

שוין אפילו ניט געפרווווט אָפשרייען דעם טויט. די איינציקע וואָס האָבן דערפילט דעם טויט־קלאַפ זיינען דוקא געווען די יעווסעקן. די שולן, דער גאַנצער אַפּאַראַט אַרום זיי, דאָס איז דאָך געווען פאַר זיי דאָס אייגענע ווי דער שטאָט ראָט פאַר דער ווייס־רוסישער אָדער אוקראַינישער ביוראָקראַטיע, אָפגעשאַפט די שולן, זיינען זיי אויך אַזוי גוט ווי אָפגעשאַפט געוואָרן. געבליבן איז בלויז דאָס יידישע וואָרט, ווי עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער צייטונג, בוך און אויף דער בינע. אודאי, דאָס פאָלק האָט נאָך גערעדט יידיש, רעדט נאָך אפילו איצט צוביסלעך, דער עיקר די אָרימערע, די פּראָסטערע, אָבער לייענען אַ צייטונג, אַ בוך? פון דעם יונגן דור איז דאָך אָפגערעדט, נאָר אפילו דער עלטערער האָט זיך אָפגעקערט דערפון. נאָך וואָס זאָל ער לייענען דעם שקר וכזב אין „עמעס" אַז ער קען עס לייענען אין דער „פראַוודאַ"? צוליב דער נאַציאָנאַלער פאָרם? אַז אָך און וויי וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַלע פאָרם מ׳קען שוין דאָרט געפינען. נייס פון י י ד י ש ן לעבן איבער דער גאָרער וועלט איז דאָך אָפגערעדט, הס מלהזכיר, אפילו פון לאַנד גופא אויך ניט, ווידעראַמאָל „הויכע טעמפן" און אָבער אַמאָל „הויכע טעמפן". שוין גענוג פאַרטעמפּט... היינט אַ שפראַך! די פון דער „פראַוודאַ" איז דאָך אַ „קאַזיאָננע", פון „עמעס" איז ממש אַן אָקאַזיע, מ׳קען דאָך צעברעכן די ציין! זיך שוין באַגיין אָן דעם „עמעס"...

דער „עמעס" איז אַוועק אויפן עולם האמת, מיט אים די יעווסעקציע, געבוירן געוואָרן די „אייניקייט" מיט דער גרופּע שרייבער אַרום איר. דער נאָמען אַליין האָט שוין מגלה סוד געווען אַז אָט די שריפט איז ניט מער ווי אַ פּאָליטישער אינסטרומענט — פאַראייניקטער פראָנט. אָט די פאַראייניקונג האָט מען געדאַרפט ניט אַזוי צוליב די נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד גופא, נאָר צוליב די יידן פון דער גאָרער וועלט, און אויך זיי האָט מען געדאַרפט ניט ווי יידן פון איין פאָלק, נאָר... נו, פאַראייניקטער פראָנט.

די שרייבער דאָרט האָבן זיך געקלאַמערט אָן אָט דער שריפט ווי מענטשן פון אַ זינקענדיקער שיף קלאַמערן זיך אָן אַ קלאָץ. און די שיף איז געזונקען. די שרייבער האָבן נאָך געשריבן ביכער, כשרע סאָציאַליסטישע ביכער אין דער נאַציאָנאַלער פאָרם — יידיש, געלייענט די ביכער האָט מען זייער ווינציק. מיט אַלע באַרימערייען וועגן די גרויסע מאַסן לייענער, זיינען קיין גרויסע מאַסן לייענער נ י ט געווען.

אינם זאַמלבוך „יידן אין פּ. ס. ס. ר.", אַרויס אין 1935, האָט ל.

גאָלדבערג געבראַכט אַ סטאַטיסטיק, לויט וועלכער דער טיראַזש פון אַ קינסטלעריש בוך אין יידיש איז אין דורכשניט געווען דריי טויזנט עקזעמ־פּליאַרן, אין דעם איז שוין אַריינגערעכנט געוואָרן די צאָל בורזשואַזע יידישע לייענער פון דער גאָרער וועלט. סטאַלינס רעדע אויפן זיבעצנטן פּאַרטיי צוזאַמענפאָר איז געדרוקט געוואָרן אין פינף און דרייסיק טויזנט עקזעמפּליאַרן . . . וואָס אַן אמת, די שרייבער האָבן נאָך געקראָגן גוט באַצאָלט, זיי האָבן אפילו גאַנץ אָפט זיך באַרימט דערמיט לגבי די יידישע בורזשואַזע שרייבער אין אַנדערע לענדער, וואָס „לעבן אויף קצבה", וואַרטן אויף סובסידיעס פון גראַשנדיקע מעצענאַטן. אַז זיי גופא זיינען געגנדז וואָס מ׳שטאָפּט אויף דער שחיטה איז זיי ניט איינגעפאַלן. עס איז אויך ווערט צו פאַרצייכענען אַז אָט די זעלבע שרייבער האָבן זיך אויך גענומען באַרימען מיט זייער איבערזעצט ווערן אויף רוסיש, דאָס האָט געמיינט אַרויפגיין אויפן דרך המלך... האָבן אַ סך יינגערע שרייבער אויסגעמיטן אָט די „פּערעסיאַדקע" פונם יידישן דרך אויפן רוסישן. בעת אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע זיינען צוגעקומען נייע י י ד י ש שרייבער, זיינען וואָס ווייטער צוגעקומען אַלץ מער יידישע שרייבער אין דער ר ו ס י ש ע ר שפּראַך. ווער ווייסט ווהין אָט די פריוויליקע רוסיפיקאַציע וואָלט דערפירט. איז אָבער געקומען די מלחמה, די פ אָ־ ט ע ר ל אַ נ ד י ש ע מלחמה. ניט „פּאַטריאָטישע", דאָס איז אויסלאַנ־דיש, „אָטיעטשעסטווענאַיאַ", רוסיש. סטאַלין, דער פאָטער פון אַ ל ע פעלקער, האָט געפונען פאַר נויטיק צו מינטערן אַלע זיינע קינדער, יעדער פאָלק באַזונדער, אפילו דאָס יידישע . . . פאָלק. דעם אמת געזאָגט, איז עס ניט קיין פאָלק, מאַרקס האָט געשריבן, ליענין האָט געזאָגט, ער גופא האָט געזאָגט, אָבער מאַלע וואָס מ׳האָט געזאָגט, עס איז מלחמה צייט. אָט די בירגער פון יידישן אָפּשטאַם האָבן . . . ברידער אין אַנדערע לענדער, דער עיקר אין אַמעריקע, דאַרף מען שיקן אַ פּאָר יידן זיי זאָלן דאָרטן אויפהייבן אַ געשריי — צווייטער פראָנט! אפשר וועט דאָס העלפן, ווייל וואָס וואָס, שרייען קענען זיי, די יידן . . .

די רוסיש־יידישע משולחים האָבן דורכגעפירט זייער מיסיע בשלימות. איציק דער פּאָלקאָווניק, דער זעלבער, וואָס האָט געזונגען „זאָג איך סטאַלין, זאָג איך שיין", האָט איצט געשוואָרן בקול רם „איך בין אַ ייד!" אמת אַ ייד, „וואָס האָט געטרונקען פון סטאַלינס ווונדער כוס פון גליק", אָבער אויך אַ ייד, וואָס איז אַרויס פון מצרים, וואָס קער זיך אָן מיט בר כוכבאן, מיט שמשון הגבור, רב עקיבאן, מיט שפּינאָזאַן און היינען, אפילו

דאָס ווידער קול פון חיפהר האַפן האָט זיך דערטראָגן צו אים. (זיין בוך „רויטאַרמייאיש"). דער אַקטיאָר ש. מיכאָעלס האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, און זיי זיינען ניט געווען קיין בינע־טרערן, נאָר אמתע יידישע טרערן, און זיי האָבן גערירט ניט נאָר די יידן פון אַמעריקע, נאָר אפילו די גוים פון דאָרט, מעיאָרס פון גרויסע שטעט האָבן אויפגענומען די משולחים. זיי קומען צונויף די יידן מיט זייערע געשרייען...

אויך די יידן פון רוסלאַנד האָבן דערפילט אַז מ'מעג שוין שרייען. אַמאָל, אַמאָל, מיט אַ יאָר צוויי צוריק, איז נאַציזם געווען אַ געשמאַק זאַך... היטלער איז געווען אַ שותף, האָט מען די טרערן געמוזט שלינגען, דעם געשריי דערשטיקן, איצטער, אַז אַזאַ ייד... ווי איליאַ ערענבורג מעג שוין שרייען וועגן היטלערס מעשים, מעגן דאָך יידן אודאי שרייען. און רוסישע יידן האָבן גענומען וויינען, שרייען און אויך זוכן אַ טרייסט. יידישע שרייבער האָבן אין דער „נאַציאָנאַלער פאָרם", אין דער יידישער שפּראַך, גענומען אויסגיסן זייער יידישן אינהאַלט; דוד בערגעלסאָן האָט גענומען חלומען וועגן יידישער גאולה און... פאָרזיכטיק, צו זיכער קען מען ניט זיין... האָט ער זיך צוגערירט צו דוד הראובני; דער נסתּר, וואָס האָט שיער ניט פאַרלאָרן די זאָקן אין דער בערדיטשעווער בלאָטע ביים שרייבן די „משפחה מאַשבער", האָט טאַקע אין דער בערדיטשעווער גנילאָפּיאַטקע געפונען אַזאַ פּערל ווי „פלאָרע"; פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט זיך שוין איינגעבירגערט אין רוסיש, האָט אויפגעעפנט אַלע שליוזן און עס האָט זיך אַ גאָס געטון ניט נאָר סאָציאַליסטישער, נאָר אויך יידישער אינהאַלט, די נאַציאָנאַלע פאָרם האָט זיך גענומען פאָרמירן און, ווער ווייסט, אפשר וואָלט זי טאַקע געקראָגן אַ יידישן פּנים, אָבער דאָ האָט די מלחמה זיך געענדיקט.

נאָך דער מלחמה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ סטאַטיסטיק וואָסער פאָלק האָט וויפל בייגעטראָגן צו דער פאָטערלאַנדישער מלחמה. די רוסישע סטאַטיסטיק צייכנט זיך אויס מיט איר געטריישאַפט, זי זאָגט געטריי וואָס די רעגירונג וויל עס זאָל געזאָגט ווערן. אין אָט דער סטאַטיס־טיק איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקט אַז דעם גרעסטן בייטראָג האָבן געגעבן די... גרויס־רוסן. נו יאָ, די ווייס־רוסן האָבן זיך אויך גוט געשלאָגן, די קליין־רוסן אויך, אָבער זיי האָבן אַ היפּש ביסל פאַרשוואַרצט דאָס פּנים, זיך געלאָזט פאַנגען אין די טויזנטער; די דייטשן פון דער וואָלגאַ, די טאַטערן פון קרים, זיי האָבן פשוט פאַרראַטן, און די יידן? די אַנטיסעמיטן אין רוסלאַנד, ווי די אַנטיסעמיטן אין אַלע לענדער,

זיינען אַרויסגעקומען מיטן פּזמון אַז אויפן פּראָנט האָט מען קיין יידישע סאָלדאַטן ניט געזען. אפילו אַזאַ גוטער שרייבער ווי שאָלאָכאָוו האָט זיך ניט געשעמט איבערחזרן דעם פּזמון אַז די יידן האָבן געקעמפט אין טאַש־קענט . . . דאָס הייסט, זיי זיינען אַנטלאָפן הינטערן פראָנט, אַנדערע האָבן צוגעגעבן אַז יאָ, געווען סאָלדאַטן פון יידישן אָפּשטאַם, אפילו גענעראַלן, אָבער אַ יידיש־פאָלק! אפילו אין באַבי יאַר (קיעוו) זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן אַזוי פיל און אַזוי פיל . . . אוקראַינער.

— אָבער זיי וויינען און קלאָגן, די יידן!

— ווער וויינט?

— אַלע, דער מיכאָעלס, למשל...

— מיכאָעלס? אַן אַקטיאָר, דוכט זיך, ניין? נאַרישער אַקטיאָר, ווייסט ניט אַז זיין ראָלע איז שוין אָפּגעשפּילט. אים אַרונטערנעמען פון דער בינע! פאַרשטאַנען? און די אַנדערע? שטעלט אויס אַ געניטעם צעטל, זייערע דאָסיערן, ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען, בריוו, דער עיקר פון אויסלאַנד . . . איר פאַרשטייט? אַלץ!

מיכאָעלס איז אַרונטער פון דער בינע, אפילו אָן אַ פאַרנייג פאַרן פּובליקום, פאַרשוואונדן הינטער די קוליסן, ניט אין דער לוביאַנקע, נאָר גאָר ערגעץ אין מינסק. „דאָס פּובליקום" האָט געמורמלט. דאָס טויג ניט. מורמלען איז ניט געזונט. ביי די אַנדערע איז עס שוין צוגעגאַנגען נאַטירלעך . . .

דוד בערגעלסאָן האָט דערזען זיינע נאָכטיקע געסט, האָט ער אַ דריי געטון מיטן מויל, שיר שיר איז ניט אַרויסגעפאַלן: „טשטאָ ווי? שטשיטיע?" (פון זיין „מידת הדין") די „געסט" האָבן ניט געשפּאַסט, זיי האָבן געמאַכט אַ גרינטלעכע רעוויזיע און, פאַרענדיקט די אַרבעט, האָבן זיי אים אָנגעוויזן: געגאַנגען זאָל ווערן! די ווייב האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צוגיין צו איר דודן, אפשר גאָר אים באַגלייטן, האָט איין רעוויזאָר אַ שאַר געטון מיטן אָרעם — איר זיצט דאָ! זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול. — ציפּע, ווין ניט! ווין ניט, זאָגט מען דיר! זעסט'אָך איך גיי בלויז צו . . . — ער האָט פאַרקוועטשט די אונטערשטע ליפּ. ציפּע האָט שוין ניט געוויינט, זי האָט שטיל, צו זיך אין שויס אַריינגעבליפּעט: „פּאָשאָל פּאָ ליניאי נ. קאַ. ווע. דע." און דוד? ער איז מיט אַמאָל קורצער געוואָרן, דער קאָפּ איז איינגעזונקען אין דער פלייצע, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, מיט קראַנקע פיס האָט ער זיך געלאָזט אין דער נאַכט אַריין, חוץ די שומרים האָט אים באַגלייט אַ שאָטן, זיין פּיליפּאָוו פון „מידת הדין",

אָבער ער האָט שוין ניט געפרעגט: טשטאָ ווי? שוטיטיע? ער האָט אויך געשאָקלט מיטן קאָפּ און בלחש גערעדט: דיין „מידת הדין" — ליטעראַטור, ניט מער ווי אַ שפּאַס טאַקע, דאָס אָ, אָט איצטער, דאָס איז ערנסט, שוין גאָר ערנסט...

דער נסתר האָט אַ פּיר געטון מיט די גרויסע אויגן, באַטראַכט זיינע אונטערפירער און אַ טראַכט געטון: דעם גאַנצן לעבן געווען אַ נסתר, איצטער? איצטער, איז יושב בסתר... און אפשר... גם כי אלך בגיא צלמות...

פאַלקאָוויניק איציק פעפער האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ: — מיך? מי—ך! איך בין איציק פעפער! — אַרויסגעזאָגט, האָט אים אַ קלינג געטון אין אויער: פעפערל, וווהין שלום עליכמס פעפערל איז געגאַנגען ווייסטו? און ווו דער אַנדערער איציק, איזי כאַריק, איז געגאַנגען, געדיינקסטו? איז אָט, מאַרש!

די קוטשמע האָר אויף פּרץ מאַרקישעס קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטון: וואָ"ס? עס קען ניט זיין! עס — קען — ניט — זיין! — קאָפּ, הענט, פיס האָבן זיך געוואָרפן, געקלאַפּט, געבריקעט. מ'האָט אים באַרויקט...

אין אַ מיטערנאַכט זיינען זיי, אַלע יידישע שרייבער, פאַרשוווּנדן, מיט זיי איז אויך פאַרשוווּנדן דאָס יידישע וואָרט, אויסגעשניטן די יידישע צונג, פאַרשטומט געוואָרן דאָס יידישע מויל אין רוסלאַנד.

אין אויסלאַנד, דער עיקר דאָ אין אַמעריקע, האָט דאָס יידישע מויל ניט געשוויגן, מ'האָט געשריען, גערופן, אָבער אין קול ואין עונה. האָט מען זיך שוין געבעטן, געפרעגט, טאַקע באַר איין פראַגע: ווו זיינען זיי אַהינגעקומען, די יידישע שרייבער? אָבער אפילו אויף דער פראַגע איז קיין ענטפער ניט געקומען. די רוסישע רעגירונג איז עס מחויב געבן אַן ענטפער ווו אירע בירגער געפינען זיך? די גוישע אויסלאַנד האָט אפילו ניט אַ פּיפּס געטון. און טאַקע, וואָס גייט עס אָן אָן אויסערן מיניסטער אָדער אַן אַמבאַסאַדאָר זיך דערוויסן ווו עפּעס אַ יידישער שרייבער איז אַהינגעקומען? אַן אינערלעכע אָנגעלעגנהייט...

דאָס רוסישע מיניסטעריום פאַר אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן (מ. וו. ד. — אַ נייער נאָמען פאַר דער ען־קאַ־ווע־דע) האָט זיך געריבן די הענט פאַר נחת: אַ גוט שטיקל אַרבעט! זיך מער ניט פּלאָנטערן פאַר די פיס, די... אַבראַמעס (וואָר ווייסט, די זשידעס טאָר מען נאָך אפשר אַלץ ניט זאָגן), סיי ווי, פּטור געוואָרן, איצטער...

דער קולטור מיניסטער איז אויך געווען צופרידן: פּטור געוואָרן פון

דער יידישער צרה! הלואי קען מען אַזוי פּטור ווערן פון דער אוקראַיִנישער, אַנדערע צרות. מיט יענע וועט עס אָנקומען אַ ביסל שווערער, זיי האָבן לאַנד, באָדן אונטער זיך. אַי, ווען די אַלע אַנדערע זאָלן זיין אַזוי באַדנלאָז, לאַנדלאָז ווי די יידן! דעם אמת געזאָגט, זיינען אָט די עטלעכע שרייבער מיט זייערע יידישע ביכער געווען ניט אַזוי געפערלעך, סוף כל סוף האָבן זיי זיך געטאָפּטשעט אין זייער אייגן בלאָטקעלע, אויפן רוסישן שאָסעי זיינען זיי ניט אַרויפגעפאָרן, אַ סך געפערלעכער זיינען די, וואָס האָבן זיך זאַנאַדעט אין אונדזער רוסישן גאָרטן. דער רוסישער גאָרטן מוז אויסגעריניקט ווערן, פּטור ווערן פון אָט די באָדנלאָזע, לאַנדלאָזע קאָסמאָפּאָליטן... דער רוסישער גאָרטן דאַרף זיין רוסיש!

און עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ סדרה קאָסמאָפּאָליטן . . . דאָס האָט שוין אויסלאַנד יאָ דערהערט. לאָנדאָן האָט געשמייכלט: גוטע יאָרן, קאַרל מאַרקס׳ אייניקלעך יאָגן זיך נאָך קאָסמאָפּאָליטן. מיר קענען זיי ווייזן דעם טיש אין בריטישן מוזעאום ווו זייער זיידע האָט פאַרצייכנט די מאָטאָ: אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך! נו יאָ, מיר אין אויסערן מיניסטעריום, זיינען אַ מבין אויף אַ טשאַד, מיר ווייסן ווער די קאָסמאָפּאָליטן זיינען, אָבער וועגן דעם זאָלן די פיש פון דער טעמז ריידן . . .

די פיש פון דער טעמז האָבן געשוויגן, די טעמז האָט זיך ניט אָנגעצונדן. אויך דער האַדסאָן און פּאָטאָמאַק האָבן זיך ניט אָנגעצונדן. אין מאָסקווע אַ געיעג אויף . . . קאָסמאָפּאָליטן? מיר האָבן גאָרניט קעגן דעם. אדרבה, אפשר וועט עס געבן אַ לעקציע אונדזערע . . . קאָסמאָפּאָליטן, זיי זאָלן אויפהערן זיין די וואַיאַזשאָרן פאַרן קאָמוניזם. זיי זיינען אַן אָנשיקעניש, אָט די קאָסמאָפּאָליטן . . . פון דער צווייטער זייט, ווען ניט אָט די אָנשיקעניש, וואָס וואָלטן מיר געטון? וואָלטן געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט. סיי ווי, עס איז ניט אונדזער עסק. זייער זופּ, זאָלן ז י י זי זופּן.

מער מזל האָבן שוין געהאַט די דאָקטוירים. ניט חלילה ווייל די וועלט דאָקטוירים, פון דער מעדיצינישער, אָדער גאָר פון דער דיפּלאָמאַטישער וועלט, זיינען טאַקע שאָקירט געוואָרן. די וועלט איז ניט שאָקירט געוואָרן אפילו פון היטלערס דאָקטוירים . . . ניין, עס האָט פּאַסירט אַז די דאָקטוירים זיינען געוואָרן אַ פּילקע אין די הענט פון איין גרופּע פּאָליטישע שפּילער קעגן אַ צווייטער, מ׳האָט באַדאַרפט די שפּיל אויסשפּילן פאַרן פּובליקום, מאַכן אַן עפנטלעכן משפט, און רוסישע משפטים זיינען שוין

פון לאַנג געוואָרן אַ סחורה פאַר די „קעפּ־מאַכער" פון די צייטונגען, עס איז שוין „סענסאַציע". ווער ווייסט מיט וואָס אָט די סענסאַציע וואָלט זיך אויסגעלאָזט ווען עס רוקט זיך ניט אונטער די גרעסטע סענסאַציע — סטאַלינס טויט. ע ר, זאָל לעבן, איז געשטאָרבן. ויקם מלך חדש אשר ידע את יוסף . . . געוווסט די קליקע פּאָליטיק אַרום די דאָקטוירים, זיי זיינען באַפרייט געוואָרן אָן אַ משפּט, יידן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, דער ג י י ס ט י ק ע ר חורבן פון די יידן איז שוין אָבער געווען כמעט ווי פאַרענדיקט.

פאַר מיין השערה אַז די ליקווידאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן גייסטיקן לעבן איז טיילוויז אַן אויסדרוק פון גרויס־רוסישן קולטורעלן אימפּעריאַליזם האָב איך ניט קיינע „באַווייזן". איך האָב ניט צו דער האַנט קיינע „פּאַפּירלעך", דעקרעטן, אוקאַזן, אַז דאָס איז די פּאָליטיק פון דער מאָסקווער רעגירונג. אדרבה, מ׳קען אָנווייזן אויף רעגירונגס פּאַפּירן פון מאָסקווע געשריבן אין ווייס־רוסיש, אוקראַיניש און וויפל נאָך אַנדערע שפּראַכן, וואָס קענען באַווייזן . . . אַז די אַלע שפּראַכן זיינען אָנערקענט, אַז די אַלע פעלקערשאַפטן ווערן ניט געשטערט אין זייער קולטורעלער אויטאָנאָמיע, פאַרשטייט זיך, בתנאי אַז זייער קולטור זאָל זיין סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט און נאַציאָנאַל בלויז אין פאָרם. פונדעסטוועגן האַלט איך אַז מיין השערה איז ריכטיק, ווייל אָט דער תנאי אַליין איז שוין גענוג צו פאַרניכטן אָט די, אַזוי גערופענע נאַ־ציאָנאַלע פאָרם, און ס׳איז אַ סברה אַז דער תנאי איז לכתחילה געווען ניט מער ווי אַ שיינער פאַסאַד צו פאַרשטעלן די מיאוסע ווענט הינטער דעם. אויף דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט איז מען מדקדק גאַנץ שטאַרק, די נאַציאָנאַלע פאָרם דולדעט מען בלויז, מ׳לאָזט איר געדייען בלויז דאָרטן ווו מ׳קען זיך ניט העלפן. די אוזבעקן, קירגיזן, טשוואַשן, קעגן ז י י ע ר נאַציאָנאַלער פאָרם קען מען דערווייל גאָרניט טון, אפילו זייער סאָציאַליזם איז אַנדערש ווי פאַר די מאָסקוויטן, פון . . . סטאַכאַנאָוון האָבן זיי ניט געהערט. זייער נאַציאָנאַלע פאָרם מיינט ניט נאָר די אייגענע שפּראַך, עס מיינט אַן אייגענער לעבנס שטייגער, מיט אייגענע מנהגים, אייגענער הלבשה, אַן אייגענעם רעליגיעזן ריטואַל. די רוסישע שפּראַך? אונטערן קייסער אויך געפּרוווט איינפירן, מ׳האָט אים געהערט ווי דער קאָטער. מ׳האָט אים געצאָלט צינז, געגאַנגען אים דינען, אפילו געפייערט זיין געבוירנטאָג, איצט אויך, דאָ אַ מאָסקווע, דאָרט זיצט אַ . . . סטאַלין, זיין בילד מוז מען אויפהייבגען, הייבגט ער, וועמען אָרט עס? טשוואַשן

זיינען מיר געווען און טשוואוואשן וועלן מיר בלייבן. וואָס פּרימיטיוווער דאָס פֿאָלק, אַלץ שטאַרקער איז עס געשיצט קעגן רוסיפֿיקאַציע, און די רוסישע „רעאַל־פּאָליטיקער" ווייסן פֿונם כּלל: קענסטו יענעם ניט באַזיגן, מייד אויס זיך מיט אים צו קריגן. טאַשקענט איז מער אוזבעקיש ווי קיעוו אוקראַיניש, אָבער מיט טאַשקענט קריגט מען זיך ניט, מיט קיעוו יאָ, און קיעוו איז מער רוסיפֿיצירט ווי טאַשקענט.

דזשאָהן פֿישער, אַ מיטגליד פֿון דער „אונראַ" (הילפֿס אַדמיניסטראַציע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער) האָט אין 1946 געוווינט אַ שטיקל צייט אין קיעוו. שרייבט ער אין זיין בוך „פּאַרוואָס זיי פֿירן זיך ווי רוסן": „זעלטן ווען מיר האָבן געהערט ריידן אוקראַיניש אויף די גאַסן פֿון קיעוו, ווי ניט ווו האָבן מיר באַמערקט אַ קראָם מיט אַ שילד אויף אוקראַיניש, אָבער סיי די קונים, סיי די פֿאַרקויפֿער האָבן גערעדט רוסיש כּנהוג. אין די פֿאַרוואָרפֿענע דערפֿער האָט מען שוין געהערט מער אוקראַיניש, אָבער אַפֿילו דאָרטן האָבן די באַאַמטע און די מער געבילדעטע יונגעלייט גערעדט רוסיש בכּיוון. מיר האָבן געקראָגן דעם איינדרוק אַז כאָטש מע דערמו־טיקט כּלומרשט די אוקראַינישע שפּראַך, קוקט מען אָבער אויף די אוקראַיניש ריידנדיקע ווי אויף צוריקגעשטאַנענע ישובניקעס".

אין מינסק איז מינסק מענסק, אין מאָסקווע איז אָבער מענסק מינסק. פּונקט ווי קאַונאַס, ליעפּאַיאַ, טאַללין, זיינען ניט מער ווי שילדן, וואָס דערציילן כּלומרשט וועגן ליטווישקייט, לאַטווישקייט, און עסטישקייט און אין דער אמתן פֿאַרדעקן זיי די רוסיפֿיצירונג דאָרט, אַזוי איז אויך די שילד מענסק. די ווייס־רוסן, נאָך מער ווי די אוקראַינער, ווערן רוסיפֿי־צירט, מער ניט, מיט זיי גייט עס צו אַ ביסל שווערלעך. דעם חשק צו רוסיפֿיצירן אַ ל ע פֿעלקער וואָס זיינען אונטער סאָוועטישער הערשאַפֿט קען מען זען פֿון דעם, וואָס אין אַלע „פֿאָלק דעמאָקראַטיעס" — פּוילן, אונגאַרן און אַפֿילו אין מזרח דייטשלאַנד — איז די רוסישע שפּראַך אָבליגאַטאָריש אין די העכערע שולן. מיט די „פֿאָלק דעמאָקראַטיעס" גייט עס צו ניט אַזוי גרינג, מיט די יידן איז דער „עקספּערימענט" געלונגען שיר ניט אַ הונדערט פּראָצענט. דער „שיר" איז — די שול צום דאַוונען.

אַז דאָס באַקעמפֿן דעם „יידישן גאָט" איז אַ טייל פֿון דער פּראָגראַם צו באַקעמפֿן גאָט אין אַלגעמיין, וועגן דעם איז קיין פֿראַגע ניט, מער ניט, אויך דאָ זיינען פֿאַראַן ספּעציפֿישע יידישע שטריכן.

„רעליגיע איז אָפּיום". האָט מען זיך גענומען „אויסרויכערן" דעם אָפּיום, פֿאַרמאַכן שולן, קלויסטערס, פֿאַרפֿאָלגן גלחים און רבנים, פֿאַר־

מיאוסן רעליגיע, אַנטווייגען דאָס פאָלק פון דער שלעכטער געוווינהייט צו „רויכערן אָפּיום״. דאָס פאָלק, אַלע פעלקערשאַפטן פון ס. ס. ס ר. האָבן אָבער דווקא געוואָלט רויכערן און, וואָס נאָך ערגער, די גאַנצע וועלט איז פאַראינטערעסירט אין ד ע ם „אָפּיום האַנדל״ אפשר נאָך שטאַרקער ווי אין דעם ווירקלעכן אָפּיום האַנדל, מע פאַרטשעפּעט זיך מיט גאָט, איז פאַרטשעפּעט מיט דער וועלט, האָט מען געמוזט אַ ביסל נאָכלאָזן די לייצעס. „מיר באַקעמפן רעליגיע אָבער מיר פאַרפּאָלגן זי ניט״. אין מאָסקווע, ווו קיין יידישע שול צום לערנען קינדער איז אפילו ניט געעפנט געוואָרן, איז נאָך היינט דאָ אַ שול צום דאַווענען, ווער עס וויל קען קומען אַהין, מתפלל זיין צום יידישן גאָט.

לוינט זיך אַריינגיין אין דער שול, זען וואָס דאָרטן טוט זיך. דאַווענען דאַוונט דער ייד פון אַ העברעאישן סידור אָדער מחזור און לייענט די תורה אויך אויף העברעאיש. אָט דער „פאַקט״ וואָלט אפילו ניט פאַרדינט פאַרצייכנט ווערן ווען ניט אַ פּאָר אַנדערע פאַקטן.

דער רוסישער פּויער האָט גאָר קיינמאָל ניט געדאַרפט קיין סידור, האָט אפילו ניט געקענט אַריינקוקן אין אַ מחזור, זאָגן פון דאָרט, געוועזן געוווּג פאַר אים אַז דער גלח האָט געדאַוונט, דער פּויער איז אָפּגעקומען מיט צלמען זיך, זאָגן אַ פּאָר תפילות וואָס טאַקע דער גלח האָט אויסגע־לערנט אים אָדער זיין טאַטע־מאַמע, די הויפּט תפילה „האָספּאָדי פּאָמילוי״ — אבינו רחם עלינו. צלמען זיך, זיך שטעלן אויף די קני און זאָגן אַ תפילה, לאָמיר זאָגן פאַרן שלאָפן גיין, דאָס האָט ער געקענט טון אָן דעם גלח, אָבער זיך שטעלן דאַווענען אינדערהיים ביחידות, דאָס האָט ניט געקענט געמאָלט זיין, דאַווענען, איז אין קלויסטער מיט אַ גלח. פאַרוואַנדלט די רעגירונג דעם קלויסטער אין אַ סקלאַד, שערט אָפּ די האָר ביים גלח, איז שלעכט, ניטאָ ווער עס זאָל בעטן גאָט, ווער עס זאָל אַריינפירן אַ קינד אין קריסטלעכן גלויבן און, באַהיט גאָט, אַז מ׳שטאַרבט איז ניטאָ ווער עס זאָל אַרויסבאַגלייטן אויף יענער וועלט. באַגראָבן אַ מענטשן ווי אַ הונט, דאָס איז שוין ניט נאָר שלעכט, עס איז פּאַסקודנע, אַ רעגירונג טאָר דאָס ניט טון, ער׳ט בדאי . . . דעם קלויסטער, דעם גלח מ ו ז ער האָבן.

און ביידע זאַכן האָט דער פּויער געקראָגן. אַ גלח ווערט מען אָבער ניט געבוירן, אויף גלח מוז מען לערנען, אין אַ שול, פון ביכער. האָט די רעגירונג געמוזט עפענען אַ שול פאַר גלחים, זי האָט געמוזט דרוקן פאַר זיי ביכער; פאַר די קלויסטערס דאַרף מען האָבן צלמים, איקאָנעס, פאַר־

שיידענע כלים, די גלחים דאַרפן האָבן ספּעציעלע בגדים, דאָס אַלעס מוז מען דאָך מאַכן, אַ אינדוסטריע אַ גאַנצע, און אינדוסטריע, מעג עס זיין אַ רעליגיעזע, קען דאָך ניט איינשטיין אין פּריוואַטע הענט, האָט די רע־גירונג געשאַפן אַ „גאָט" אָפּטיילונג ביים מיניסטעריום פון אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן (ען־קאַ־ווע־דע) און זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער רעליגיע־אינדוסטריע. אין איין וועג האָט זי שוין אויך געהאַלטן אַן אויג... אויפן גלח, אַזוי גוט ווי אויפן קלויסטער גייער, אַ קלויסטער גייער האָט ניט געטאָרט באַלאַנגען צו דער פּאַרטיי...

דאָ קומען מיר צום „יידישן שטריך", צו . . . „קראָמיע יעווריעוו". דער רב איז ניט אַזוי וויכטיק פאַרן יידן ווי דער גלח פאַרן גוי. ערשט ווען דער ייד ווערט אַ „גוי", הייבט אָן אַוועקגיין פון זיין יידישקייט, ווערט מיט לייטן גלייך . . . דעלעגירט ער זיין יידישקייט דעם רב. קוים לעבט ער ווי אַ ייד, קען ער אויסקומען אָן דעם רב. אַריינברענגען אַ יידיש קינד בברית אברהם דאַרף ניט דער רב, נאָר אַ מוהל און גאַנץ אָפט האָט עס געטון דער שוחט, וואָס אָן אים קען קיין יידישע קהילה ניט אויסקומען; צו דער בר מצוה דאַרף ער אויך ניט קיין רב; מסדר קידושין זיין קען אויך עמיצער אַנדערש ווי דער רב און זאָגן מעבור יבוק מיט אַ יידן האָט אויך געזאָגט ניט דער רב. צום דאַוונען האָט ער ניט געמוזט האָבן קיין שול, ער האָט געקענט דאַוונען אין אַ בית מדרש, אַ קלויז, אַ שטיבל, מאַכן אַ מנין אין אַ הויז, אָדער גאָר דאַוונען ביחידות, און אפילו בציבור דאַרף ער אויך ניט קיין רב, צי אפילו אַ חזן — אַ בעל נגינה, גענוג אַ בעל תפילה, אָדער גאָר אַ בעל בכי, און וועלכער ייד קען עס ניט ווינען? דער ייד האָט אָבער געמוזט קענען דאַוונען און דאָס דאַוונען איז ניט באַשטאַנען פון אַ פּאָר תפילות, וואָס ער זאָל קענען ב אָ כ ז אָ ג ן, אָדער בלויז זיצן און הערן, ער האָט געמוזט דאַוונען אַליין פון סידור, אָדער זאָגן מחזור פון מחזור, ער האָט אויך באַדאַרפט אַ תהילימל צו זאָגן תהילים, ער האָט אויך געדאַרפט אַריינקוקן אין אַ עיין יעקב, לערנען אַ פּרק משניות אָדער גאָר אַ בלאַט גמרא, ועל כולם — אַ טלית און תפילין, און ווו האָט ער געקענט קריגן די אַלע כלי תפילה?

(דאָ ניט לאַנג איז אָנגעקומען די גוטע בשורה . . . אַז לעצטנס איז געעפנט געוואָרן אַ ישיבה „קול יעקב" מיט . . . אַכט תלמידים און אַז סוף כל סוף איז „אָפּגעדרוקט" (פאָטאָגראַפירט) געוואָרן אַ „סידור השלום" און אויך אַ לוח. (אויף וויפל יאָר?) פרעגט זיך: און וואָס איז מכוח אַ ש"ס, יורה דעה? מ'וויל דאָך אַרויסגעבן רבנים! און וואָס איז מכוח

חלפים, אתרוגים, לולבים, טליתים, תפילין? וועט די גאָט אָפּטיילונג ביי דער עם־ווע־דע זיך אויך פאַרנעמען מיט דער יידישער „גאָט־אינדוסט־ריע״? עפּעס גלויבט זיך עס ניט. נו יאָ, די אַלע כלי קודש קען מען אימפּאָרטירן, אָבער אויף די חפצים איז דער שטייער זייער אַ הויכער... אויב מ׳זאָל זיי אפילו צושיקן במתנה.

דאָ וואַרפט זיך אין די אויגן אַ מאָדנע דערשיינונג. אַלע באַזוכער אין מאָסקווע גיבן איבער אַז ראש השנה איז די שול געפּאַקט. אייניקע דערציילן אַז צווישן די שול גייער האָט מען אויך געזען מיליטער מענטשן אין זייערע מונדירן. עס איז זיכער אַז דעם מיליטער מענטשן וועט קיין געזונט ניט צוקומען פון זיין גיין אין שול, ער קען זייער גיך קריגן זיין שכר הליכה, מ׳וועט אים זאָגן: לך לך! פונדעסטוועגן גייט ער, דאָס מיינט אַז יידן זיינען זיך מוסר נפש, פרעגט זיך אַ פראַגע: יידן האָבן הונדערטער יאָרן זיך מוסר נפש געווען פאַר גאָט און זיין תורה; צענדלי־קער יאָרן האָבן זיי זיך מוסר נפש געווען פאַר דער רעוואָלוציע, אַריינ־רעכענענדיק אַזעלכע אַרבעטן ווי דרוקן און פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס; איצט זיינען זיי זיך מוסר נפש און גייען אין שול אַריין, ווי קומט עס וואָס אָט די בני עם קשה עורף האָבן געוואָרט ביז מ׳האָט זיי פון אויבן געשיינקט אַ סידור מיט אַ לוח און ניט באַוויזן אַליין העקטאָגראַפירן אויף אַן אומלעגאַלן אופן אַ סידור, אָדער כאָטש אַ לוח? איז עס דערפאַר וואָס איצט איז פשוט אוממעגלעך צו קעמפן? אָדער . . . יידן האָבן אויפגע־געבן? די עלטערע טראַכטן: שוין ווי עס איז דערציען, און די יונגע? זיי פּ י ל ן זייער יידישקייט, ט ר אַ כ ט ן זיי וועגן דעם? אַז דער יונגער ייד פּ י ל ט זיין יידישקייט, מעג ער זיין שפּראַכלעך אַסימילירט, איז קיין פראַגע ניט. קוים האָט ער זיך ניט געשמדט, און פון דעם הערט מען ניט, זיינע טאַטע־מאַמע זיינען יידן, זעט ער אויף זיין פּאַספּאָרט די באַצייכענונג — ייד, און פון ביטערער דערפאַרונג ווערט ער געוויר אַז צוליב אָט דער באַצייכענונג קריגט מען ניט קיין גלעט איבערן קעפּל, אַ סך טירן ווערן פאַר אים פאַרשלאָסן און דער טויער אויף אַרויס איז פאַר אים נאָך שטאַרקער פאַרהאַקט ווי פאַר דעם רוס. האָט דאָך דער אוהב ישראל . . . ניקיטאַ כרושטשעוו בפירוש געזאָגט אַז יידן טאָר מען ניט געטרויען אַרויספאָרן אפילו מיט אַ מיסיע, ווייל זיי האָבן אַ טבע ניט צוריקצוקומען. וועגן די צענדליקער טויזנטער אַרמיי דעזערטירן און די אַנדערע רוסישע ציווילע אַנטלויפער, וועגן דעם קימערט ער זיך כלומרשט זייער ווינציק, דער עיקר וויטיקט ער, נעבעך, איבער די יידישע אַנטלוי־

פער. דער ייד, יונג אָדער אַלט, פילט אָט די שנאת ישראל און ביי אונדז דאָ שטעלט זיך די פראַגע: קען שנאת ישראל (איך מיין ניט דאָס ל אַ נ ד ישראל, נאָר פשוט דאָס וואָס מ׳רופט אָן מיטן מיסנאָמער אַנטיסעמיטיזם) באַוועגן די רוסישע רעגירונג אָפּצוטון אַזוי פיל מעשים תעתועים קעגן יידן בלויז צוליב זייער יידישקייט?

מ׳דאַרף זיין נאַיוו צו דיינקען אַז שנאת ישראל האָט געקענט אויסגעוואַקסן ווערן אין רוסלאַנד דורך אַ דעקרעט פון ליענינען. שנאת ישראל, מיט איר געבורט־שיין אין מצרים און פאַרשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט ביז היינטיקן טאָג, האָט ניט געקענט פאַרשווינדן אין רוסלאַנד, אפילו ווען די הערשער וואָלטן געווען ניט דוקא סטאַלין אָדער כרושטשעוו. ווייסן מיר דאָך אַז סאָציאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט זיינען אויך ניט אַלע פריי פון אָט דער חולאת. עס גייט ניט דעריבער אין דער שנאת ישראל פון איין פירער אָדער אַ צווייטן, די פראַגע איז צי קען אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג מאַכן שנאת ישראל פאַר אַ ריכט ליניע און אַזוי אַרום רעגירן אין אַ לאַנד אָדער לענדער?

קומט דער קאָמוניסטישער מליץ יושר און זאָגט: אוממעגלעך! און ניט דערפאַר ווייל די רעגירונג איז אַזוי „פרום״, נאָר פשוט צוליב פּ ר אַ ק־ ט י ש ע מאָטיוון. וואָס איר זאָלט ניט זאָגן אויף די סאָוועטישע פּאָליטיקער, אָבער רעאַל פּאָליטיקער זיינען זיי און זיי ווייסן אַז אַנטיסעמיטיזם באַצאָלט זיך ניט. ווו נאָר אַ רעגירונג האָט גענומען פאַרפאָלגן יידן, פון שפּאַניע ביז היטלערס דייטשלאַנד, האָט זיך עס אויסגעלאָזט מיט אַ מפלה פאַר זייערע פירער, אָן אומגליק פאַר זייער לאַנד, ממילא איז אַנטיסעמיטיזם קעגן זייערע א י נ ט ע ר ע ס ן. די רעגירונג איז אויך ניט פאַראינטערעסירט אין קולטורעלן אימפּעריאַליזם, ווי איר זאָגט. זי לאָזט אַלע פעלקער אַנטוויקלען זייער קולטור, אויב זיי ווילן עס, אָבער כאָוועןְ, קעכלען נאַציאָנאַליזם, דאָס וויל זי ניט. די יידן האָבן פשוט זיך אָנגעהייבן אַסימילירן, אָט ווי דאָ אין אַמעריקע, און די רעגירונג, ווידער טאַקע ווי רעאַל פּאָליטיקער, האָט געזאָגט: מהיכא תיתי. איר גיט דאָך אַליין צו אַז די יידישע שולן זיינען געשטאָרבן פון אויסצערונג, אַז די יידישע צייטונג איז פאַרן רוסישן יידן געוואָרן איבעריק און אַז דאָס יידישע בוך האָט שוין קיין צופיל לייענער ניט געהאַט, האָט עס געגוססט אַזוי לאַנג ביז עס איז געשטאָרבן און . . . ברוך דיין אמת.

קוק איך אויף אָט דעם מליץ יושר, פּרווו אים אפילו ענטפערן: איצט פאַרשטיי איך שוין. דאָס ליקווידירן די יידישע ליטעראַטור — דורכאויס

אויפן באַפעל פון דער רעגירונג — צוזאַמען מיט די יידישע שרייבער איז געוועץ ניט מער ווי אַן אַקט פון רחמנות: וויפל איז דער שיעור אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל זיך מאַטערן, די יידישע שרייבער זאָלן, נעבעך, ליידן יסורים? האָט די רוסישע רעגירונג זיי באַפרייט פון דעם. און אַרויסגעוויזן איר צער בעל החיים האָט די רעגירונג פונקט דעמלט ווען יידן האָבן געזוכט אַ טרייסט אין יידישן וואָרט, אַ וואָרט, אין וועלכן זייערע בלוטיקע טרערן זאָלן געפינען אַ תיקון; ווען זיי האָבן געגאַרט נאָכן קלאַנג פון יידיש, עס זאָל אַ גלעט טון די נאָך ניט פאַרצויגענע ווונדן; ווען יידן האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן צו דערזען אַ שטראַל פון האָפענונג ערגעץ ווו אויפן יידישן הימל. פונקט דעמלט האָבן זיי דערהערט די גיפטיקע רייד, דערזען די שנאהדיקע סלינע, וואָס האָט זיך געצויגן פון כרושטשעווס טריפענעם פיסק אויפן חשבון פון עם ישראל — די אַבראַמאָוויטשעס, און דערזען דעם דראָענדיקן קולאַק אַנטקעגן מדינת ישראל.

אָבער אַרגומענטירן מיט דעם קאָמוניסטישן מליץ יושר איז ניט שייך. אָדער ער איז אַ טפש, וואָס קייט איבער די רייד „פון אויבן" — גרויסע שפייען, קליינע קייען — אָדער ער איז אַ ציניקער, גלויבט אַליין ניט אין דעם וואָס ער זאָגט, נאָר עס איז דער אַלטער „דאַ זדראַוסטוואָר־יעט" סטאַלין אָדער כרושטשעוו, אַזוי גוט ווי „הייל היטלער", מער ניט, אַנשטאָט זאָגן „דאַ זדראַווסטוואויעט" חזרט ער איבער דעם נייעם פזמון אַז אַ יחיד, צי דאָס איז סטאַלין אָדער כרושטשעוו, איז ניט די רוסישע רעגירונג, די קאָלעקטיווע רוסישע רעגירונג, איז ניט אַנטיסע־מיטיש פשוט דערפאַר ווייל אַנטיסעמיטיזם באַצאָלט זיך ניט.

למען האמת מוז געזאָגט ווערן אַז אָט דעם פזמון חזרן איבער ניט נאָר די געטרייע קאָמוניסטן, אויך גוטע יידן, געלערנטע יידן אפילו, האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַז דער וואָס פאַרטשעפּעט זיך מיט יידן קריגט אַ מפלה, און זיי דערלאַנגען באַלד דעםביישפיל — שפּאַניע. זיי פאַרגעסן אַז די שפּאַנישע אינקוויזיציע, די מושלים זיינען גאָרניט געוואָרן בדיל הדל פון דעם גירוש, אדרבה זיי האָבן אָפּגעשאַרט אַ היפּש ביסל גאָלד. זיי פאַרגעסן אויך אַז אין דער שפּאַנישער ירידה האָט ענגלאַנד „אויך" געהאַט אַ חלק, און טאָקע וואָס איז דער אונטערגאַנג פון דער שפּאַנישער אַרמאַדע לגבי דעם גירוש פון די יידן? ס'איז אַ סברה אַז אויך היטלער וכל כת דיליה, ימח שמם, האָבן ניט דערלייגט צום „יידישן עסק", ניט נאָר אין געלט, נאָר אפילו אין כוחות, שנאת ישראל איז אַ גוטער צעמענט, ער פאַראייניקט אַ היפּש ביסל מענטשן איבער דער ג אָ ר ע ר ו ו ע ל ט,

שנאת ישראל באַצאָלט זיך זייער גוט. און טאַקע דערפאַר, ווייל שנאת ישראל „קען זיך יאָ באַצאָלן", איז קיין לאַנד, קיין פאָלק, מעג עס זיין קאָמוניסטיש, סאָציאַליסטיש אָדער דעמאָקראַטיש, ניט באַוואָרנט קעגן אָט דער מכה.

דאָ קומט דער ציוניסטישער מוכיח און זאָגט מיט שפּאָט: דו באַ־שולדיקסט רוסלאַנד אין קולטורעלן אימפּעריאַליזם, אַנטיסעמיטיזם, בעת די שווערסטע באַשולדיקונג איז „לבלתי שלחם", דאָס ניט וועלן אַרויסלאָזן די יידן זיי זאָלן זיך גיין אין זייער א י י ג ן ל אַ נ ד. פאַרשטייסט? א י י ג ן ל אַ נ ד! אויב דיר האָט זיך נאָך אַמאָל געחלומט אַז די יידישע פראַגע קען געלייזט ווערן דורך סאָציאַליזם, האָסטו דאָ דעם בעסטן באַוויז אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ חלום, צי עס איז די דיקטאַטאָריש־קאָמוניס־טישע רוסלאַנד, אָדער די דעמאָקראַטיש־פּלוטאָקראַטישע אַמעריקע, אויב יידן זיינען דאָרט אַ מיעוט, מוזן זיי פאַרשווינדן, קודם גייסטיק און אין פיר, פינף דורות אויך פיזיש, אויב אפילו עס זאָל ניט זיין קיין פיזישער אַנטיסעמיטיזם.

ווי אַזוי מ'איז דאָס אַזוי זיכער אין אַן א י י ג ן לאַנד אין דער אַטאָמישער עפּאָכע, ווען די באַפעלקערונג פון יעדן לאַנד, קליין צי אפילו גרויס, קען אָפּגעווישט ווערן אין מינוטן; ווי אייגן קען זיין דאָס לאַנד ווען די גרויסע מלוכות מעסטן יעדער לאַנד לויט דעם צי זיי קענען דאָרטן עטאַבלירן באַזעס פאַר זייערע אַטאָמישע באָמבערס אָדער ניט; ווי אַזוי קען דאָס אייגן לאַנד אַריינגעמען אַלע אייגענע; ווי אַזוי קען דאָס אייגן לאַנד ווירקן אויף אַלע פרעהס זיי זאָלן אַרויסלאָזן אַלע זייערע יידן; ועל כולם, ווי אַזוי קען מען ווירקן אויף די יידן פון אַלע גלותן, גלות אַמעריקע אַריינגערעכנט, זיי זאָלן פאַרלאָזן די גלותן און קומען אַ ה י י ם, וועגן דעם זיינען דאָ פאַרשיידענע פּלענער. איין „היימישער" חכם, אַ „קאָנסעק־ווענטער ציוניסט" איז אפילו אַרויסגעקומען מיט זיינעם אַן אייגענעם פּלאַן: מ'דאַרף שיקן „היימישע פּאָגראָמשטשיקעס" זיי זאָלן אינסצעניר̈ן אַ פּאָגראָם אויף די אַמעריקאַנער יידן, ווייזן זיי בפועל ממש וואָס עס דערוואַרט זיי אין גלות אַמעריקע, לכן זאָלן זיי זיך צואיילן און אַוועקפאָרן אַהיים בעוד יום . . . אונטער דעם געניאַלן פּלאַן האָט זיך אונטערגעשריבן בלויז איין קאָנסעקווענטער ציוניסט, אָבער דער געדאַנקען גאַנג פון אַלע קאָנסעקווענטע ציוניסטן איז ניט זייער ווייט פון זיינעם, דהיינו: וישבתם לבטח בארצכם מיינט נאָר אין ארץ, בעסער געזאָגט, מדינת ישראל.

דער סאָציאַליסטישער פריידיקער קומט און זאָגט: דיינע טענות

קעגן פ. ס. ס. ר. אָדער ווי דו זאָגסט, רוסלאַנד, זיינען געשיקט ניט אויפן ריכטיקן אַדרעס. פון דאָרטן האָט דער סאָציאַליזם זיך שוין לאַנג אַרויס־געקליבן, געבליבן זיינען פאַרשקלאַפטע סאָוועטישע ראָבאָטס. האָבן טענות צו זיי פאַר זייער קולטורעלן אימפּעריאַליזם אָדער אַנטיסעמיטיזם, איז ווי האָבן טענות צו אַ מערדער, וואָס האָט געהרגעט אַ מענטשן אינמיטן עסן למאי ער האָט אים ניט געלאָזט אָפּבענטשן און למאי, איידער ער האָט אים דערלאַנגט מיט דער האַק איבערן קאָפּ האָט ער אים נאָך געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים. פון ד ע ר סאָציאַליסטישער רעגירונג קען מען גאָרניט דערוואַרטן.

מסכים. און פון וועלכער סאָציאַליסטישער רעגירונג קען מען יאָ עפּעס דערוואַרטן? האָבן מיר דאָך שוין געזען די אהבת ישראל פון לאָרד פּאַספילד, מר. סידני וועב, און ווי לאַנג איז דאָס אַז מיר האָבן פאַרזוכט די אהבת ישראל פון ערנסט בעווין מיט זיין באַלעבאָס קלעם עטלי? און וועט אַניוראַן בעוואַן, ווען ע ר וועט זיין אין מאַכט, און די ב ר י ט י ש ע א י נ ט ע ר ע ס ן וועלן עס פאָדערן, וועט ער זיין בעסער פון ערנסט בעווין? איז דיוקלאָ מיט זיין „שמוציקער ייד״ על חשבון מענדעס פראַנס ריינער פון סטאַלינען אָדער היטלערן? צי אפשר גאָר אַרויסקוקן אויף דער ריינקייט, סאָציאַליסטישקייט פון די דייטשישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אין 1932 געציילט צוועלף מיליאָן שטימען קעגן היטלערן און אין 1942 ניט אויפגעהייבן קיין איין שטימע קעגן היטלערס יידן מאָרד?

אין רוסלאַנד איז דער סאָציאַליסטישער, נאַציאָנאַלער חלום צערונען געוואָרן פאַר די בעלי חלומות פון דער גאָרער וועלט און, דער עיקר, פאַר אונדז יידן. מיר אַלע זעען דעם גייסטיקן חורבן איצט און זעען פאָרויס אַ פיזישן אונטערגאַנג, אָבער יעדער איינער טראָגט זיך זיין לאַמטערן, „באַלויכט״ דעם חורבן אויף זיין שטייגער און זיינע אויגן פינקלען אויף: האָב איך דאָך געזאָגט אַזוי!

אויף אָט דעם לאַמטערן בין איך זיי מקנא.

דער קאָמוניסטישער מליץ יושר האָט זיך זיין לאַמטערן, דעם א מ ת ן לאַמטערן. עס מאַכט ניט אויס וואָס זיין אמת איז שקר וכזב, פאַר אים איז עס ד ע ר אמת, ווער עס גלויבט ניט אין דעם אמת איז אַן אפּיקורס און אחת דתו להמית. עס איז מידת הדין. טאַקע לויט דער מידה האָט מען געמיטט דוד בערגעלסאָן, און מע ממיתט אין די טויזנטער, אָבער אים אַרט עס ניט, צדק הדין, פּ. ס. ס. ר. און איר משפט איז גערעכט. מ׳מאָסקווע תצא אמת.

דער ציוניסט מיט ז י י ן אמתן לאַמטערן איז אודאי האָפּערדיק ביי זיך. וויפל יאָרן שוין אַז ער האָט באַלויכטן דעם ענין, מ׳האָט אים ניט געגלויבט, אָבער איצטער קען אפילו אַ בלינדער דערזען דעם אמת, דעם אמתן אמת, גלות, דאָס מיינט אונטערגאַנג. ווי אַזוי קען מען אָפּשאַפן דעם גלות, גלות רוסלאַנד, צי אפילו גלות אַמעריקע?

וואָס הייסט ווי אַזוי? קיבוץ גלויות! דאָס איז ניט מעגלעך? אָבער אמת איז דאָס? דאָס איז דער עיקר!

און דער סאָציאַליסט רייבט נאָך אַלץ די אויגן, ער האָט געזען אַ שלעכטן חלום, אָבער, טפו־טפו! אויסגעשפּיגן אויף אָט דעם שלעכטן רוסישן, דייטשישן און אפילו ענגלישן חלום, חלומט ער ווייטער זיין ראַזעווען סאָציאַליסטישן חלום, און ער איז דאָך אַזוי שיין! אַזוי שיין! און ער טראָגט זיך ווייטער אַרום מיט זיין סאָציאַליסטישן לאַמטערן.

איך האָב ניט ק י י ן לאַמטערן. פון דעם וואָס איך זע איז מיר פינסטער אין די אויגן, און איך האָב ניט קיין א מ ת ן א מ ת, וואָס זאָל צעזייען אָט די פינצטערניש.

אפשר איז דאָס גאָר מ י י ן גייסטיקער חורבן.

און אפשר איז דאָס ניט האָבן דעם אמתן אמת אויך אַן אמת?

אפשר, נאָר, אסור מיר, אויב עמיצער דאַרף מיר מקנא זיין אויף אַזאַ אמת.

ניין, ניטאָ וואָס מקנא צו זיין.

יחיד און כלל

די פראָבלעם פון יחיד און כלל איז אַזוי אַלט ווי דער מענטש. צוליב פאַשיזם, נאַציזם און, להבדיל, קאָמוניזם איז די פּראָבלעם פאַרשאַרפט געוואָרן און זי איז איצט אויפן טאָג אָרדנונג פון דער וועלט.

מיטן „להבדיל" בין איך אויסן גלייך פון אָנהייב זיך אָפּגרעניצן פון די אַנטי־רוסישע פאַנאַטיקער, ביי וועמען פאַשיזם, נאַציזם און קאָמוניזם זיינען היינו הך, דער קאָמוניזם נאָך אַ ביסל ערגער. איך בין אָבער ניט קיין מאָסקווער חסיד, איך בין קיינמאָל ניט געפאָרן צו „רב יאָסעלען" זיך „פראַווען", זע איך דערפאַר איין אַז, אמת לא הרי קאָמוניזם כפאַשיזם אָדער נאַציזם, עס איז אָבער דאָ אַ צד השווה שבהם, ביי די אַלע איז אָנגענומען אַז די געזעלשאַפט איז אַ מין מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער דער יחיד איז אַ סאָלדאַט. דער גענעראַל שטאַב, דער שטאַט, באַפעלט, דער דיסציפּלינירטער סאָלדאַט דאַרף אויספאָלגן ניט פרעגנדיק. דער שטאַט איז איבער אַלץ, דער יחיד איז בלויז אויף אַזוי פיל וויכטיק אויף וויפל ער דינט דעם שטאַט, טרעט ער אַרויס קעגן, איז אחת דתו להמית. דער שטאַט, דאָס איז די גרופּע מענטשן וואָס האָבן די מאַכט, צי זיי האָבן די מאַכט אָפּן פאַרכאַפּט אָדער כלומרשט דערוויילט געוואָרן. איבער דער קליינער גרופּע שטייט דער פירער, וועמען מע גלאָריפיצירט, וועלכער איז אומפעלבאַר, אָט ווי דער קאַטוילישער פּויפּסט, וואָס האַלט דעם שליסל צום הימל. דער שוואַרצער, ברוינער אָדער רויטער פּויפּסט האַלט דעם שליסל צו אַלץ אין דער וועלט, ער איז אַ יודע הכל און ידו בכל, אפשר גאָר אַ מין גאָט, און אין כאלהינו, אין כאדוננו. פאַר די אַלע דריי רעזשימען איז געשאַפן געוואָרן דער נאָמען טאָטאַליטאַריזם, אָדער, בעסער, שטאַטיזם.

אין קעגנזאַץ צו אָט דעם מיליטערישן קוק אויף דער געזעלשאַפט איז דאָ די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטיע, ווו דער דעמאָס, דאָס פאָלק,

איז טעאָרעטיש, דער באַלעבאָס, דער שטאַט, פונם פּאָליציי מאַן ביזן פּרעזידענט אָדער פּרעמיער, איז דער געהאָרכזאַמער דינער פון זיין מאַיעסטעט דעם בירגער.

דאָס איז דער פּאָליטישער צוגאַנג צו דער פראַגע. פּאָליטיק, אפילו די וואָס ווערט געפירט מיט קאַנאָנען, האָט אויך איר פילאָזאָפישע באַגרינדונג. געוויס, די קאַנאָנען קענען אַמאָל אָנהייבן ריידן פריער און די פּראָפעסאָרן זאָלן צושטעלן די באַגרינדונג נאָכדעם. קאַנאָנען שפּייען אָבער ניט מיט פילאָזאָפיע, און פּראָפעסאָרן קייען ניט וואָס קאַנאָנען שפּייען. די קאַנאָנען עפענען אַמאָל דאָס מויל דעם פילאָזאָף, אין די מערסטע פאַלן איז דער פילאָזאָף דער וואָס קומט פריער. אפילו די נאַציס האָבן געהאַט זייערע פילאָזאָפן, ניט אויסגערעדט זאָל זיין — ניטשע, טאָקע דער זעלבער ניטשע מיט וועמען די אַנאַרכיסטן און אַנדערע ראַדיקאַלן האָבן זיך אַזוי פּאַסמאַקעוועט, און דער מאָדערנער טאַטע פון שטאַטיזם איז דער פילאָזאָף האָבבס מיט זיין „לויתן”.

יחיד און כלל איז דעריבער ניט נאָר אַ פּאָליטישע פּראָבלעם, נאָר אויך אַ פילאָזאָפישע, און פאַר דער ליטעראַטור איז עס אפשר די טעמע פון אונדזער יאָרהונדערט. רוי אַוועקגעשטעלט איז די פּראָבלעם אַזאַ: איז די וועלט אַן איינס — דער איך — געכפּלט אויף צוויי ביליאָן, אָדער די וועלט איז צוויי ביליאָן מענטשן, איך — אַ האַלב ביליאָנטל?

אין דעם ענטפער אויף דער פראַגע דריקן מיר אויס ניט נאָר אונדזער פּאָליטישע אָנגעהעריקייט, נאָר אויך אונדזער קוק אויפן לעבן אין אַלע מאַניפעסטאַציעס, פון פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט ביז שאַפן אָדער געניסן פון אַ קונסט ווערק.

מיר'ן נעמען די פּאָליטישע זייט פריער, ווייל, ווי געזאָגט, די פּאָליטיק האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע אויפן סדר היום.

ערב און אין ציים פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָבן מיר, די „דעמאָקראַטיעס”, געקעמפט קעגן דעם טאָטאַליטאַריזם און פון יוני 1941 ביז מאַי 1945 האָבן מיר „ניט באַמערקט” דעם טאָטאַליטאַריזם פונם סאָוועטן פאַרבאַנד. ערשט אין 1946, ווען דער פאַשיזם און נאַציזם זיינען שוין כלומרשט אויסגעראָטן געוואָרן, האָבן אונדזערע דעמאָקראַטישע אויגן זיך געעפנט און מיר האָבן דערזען דעם רוסישן טאָטאַליטאַריזם. גאַנץ נאַטירלעך אַז מיר האָבן גלייך גענומען קלאַפּן טרעוואָגע, מיר האָבן אויפגעשטעלט אַלע רויטע סיגנאַלן מיט דער וואָרנונג: יחיד! היט זיך פאַרן רויטן טאָטאַליטאַריזם, דעם ערגסטן וואָס איז נאָך געווען משׁשת ימי

בראשית. און די סיגנאַלן רויטלען זיך, די סירענעס שרייען: העלפט וואָס גיכער, אַניט איז דער יחיד פאַרלוירן.

דער כאָר פון די שרייער איז ניט קיין איינהייטלעכער. די שוואַרצע באַסן פון דער רעאַקציע ברומען דראָענדיק: דער שלום פון דער וועלט, דער יחיד, זיין לעבן, זיין פרייהייט איז איין געפאַר, אויב מיר'ן גאָרניט טון, גלייך שוין, איז אַן עק צום יחיד מיט זיין פרייען גלויבן, אַ סוף צו זיין פרייער רעדע און . . . פרייען האַנדל.

די ברונעטע סאָציאַליסטישע באַריטאָנען קלאָגן אויף דער העכסטער אָקטאַווע: וויי, וויי, וואָס זיי, די לייט פון קרעמל, האָבן געמאַכט פונם סאָציאַליזם! מיר קענען דאָך ניט ווייזן אונדזער פנים פאַר דער וועלט, זיי האָבן אונדז פאַרשוואַרצט דעם סאָציאַליסטישן פנים. לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון זיי, גייט ניט אין זייער שפאַן, קומט צו אונדז, שפאַנט זיך איין אין אונדזער וואָגן, מיר'ן אייך דערפירן צום אמתן סאָציאַליזם, צום סאָציאַליזם פון גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט.

די בלאָנדע, ליבעראַלע לירישע טענאָרן בעטן זיך רחמים: ברידער! זאָל זיין שלום אויף דער וועלט. מיר מיינען דאָך אַלע גוט, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קענען זיך צענויפקומען און אַלע אינאיינעם טון גוט? מ י ר בעטן אייך . . .

און דער „מאָסקווער מאַקיאַוועלי” לאַכט גרימיק און ענטפערט שניידנדיק: זע נאָר ווער עס רעדט! שוואַרצע, טויט אָנזאָגנדיקע קראָען האָבן מיט אַמאָל גענומען וואָרקען ווי ווייסע פרידנס טויבן. זיי, ביי וועמען שלום איז ניט מער ווי אַ פויזע צווישן איין מלחמה און אַ צווייטער, זיי ריידן וועגן פערמאַנענטן שלום. זיי, די שקלאַפן טרייבער, ריידן וועגן פרייהייט. זיי, ביי וועמען פערזענלעכע פרייהייט מיינט די פרייהייט איבערצושניידן דעם קאָנקורענט זיין גאָרגל, זיי ריידן וועגן פרייען האַנדל. און עס איז דאָך שוין אפילו ניטאָ קיין גאָרגל איבערצושניידן! דער האַנדלס גאָרגל פון דער גאָרער וועלט ליגט אין די לאַפּעס פון איין גרויסן קאַרטעל און זיי באַשטימען וויפל לופט עס זאָל אַריין אין אָדער אַרויס פון דעם גאָרגל. און מיט אָט דעם צוזאַמענגעדריקטן גאָרגל דאַרף מען עס פראַקטיצירן פרייע רעדע. ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן.

אָ יאָ, איר לאָזט אַ מענטשן ריידן „פריי” אין האַיד פּאַרק אָדער אויף יוניאָן סקוועער. זאָל אַ הונט בילן. איר וואַרפט אים אפילו צו אַ ביינדל — אַ מיניסטער פּאָרטפעל — און איר לערנט אויס דעם הונט שטיין אויף די הינטערשטע פיס, טון אייער רצון, זאָל אָבער דער הונט פּרווון בייסן,

אָפּבייסן אַ שטיקל פון אייער אימפּעריע, פון אייער מאָנאָפּאָל אויפן „פרייען״ האַנדל, וועט איר אים דאָך דערשיסן ווי אַ משוגענעם הונט.

און פרייע פּרעסע. י ע ד ע ר איינער קען אַרויסגעבן אַ צייטונג, האָבן אַ ראַדיאָ סטאַנציע, אַלץ וואָס ער דאַרף איז בלויז עטלעכע מיליאָן דאָלאַר. האָט ער ניט דאָס דאָזיקע קליינגעלט קען ער אַרבעטן פריי פאַר די וואָס האָבן עס יאָ און דאָרטן איז ער פריי צו שרייבן וואָס . . . דער באַלעבאָס וויל. געוויס, ער קען קריטיקירן דעם פּרעזידענט און דעם פּרעמיער, ווען דער באַלעבאָס וויל קריטיקירן, ער קען אפילו זיך צערייסן לויבנדיק אַ פּאָליטיקער פון אַן אַנדער חדר, נאָר אַבי פון זעלבן קלאַס, זאָל ער אָבער פּרובירן אַגיטירן אין דער „טיימס״ פאַר אַ קאָמוניס־טישן קאַנדידאַט! ער וואָלט באַפרייט געוואָרן זייער שנעל פון זיין פרייער פּרעסע. אָדער זאָל אַ קאָמוניסט פּרווון קויפן אַ ראַדיאָ סטאַנציע. וואָס אַ סטאַנציע! זאָל ער קויפן איין שעה! יענע ראַדיאָ סטאַנציע וואָלט אויף מאָרגן זיך פאַרמאַכט.

און פרייהייט פון גלויבן. ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן. קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן קושן זיך אין די פּיסקלעך, ביידע צוזאַמען כאַפּן זיך אַרום מיטן יידן, דריקן אים אין זייערע אָרעמס ביז צום דערשטיקן. און איז מען ביי איך פריי נ י ט צו גלויבן? מיר האָבן עפּעס ניט געהערט אַז אייערער אַ פּרעזידענט אָדער אַ פּרעמיער זאָל אויך זיין אַ פאָרזיצער פון אַן אַטעאיסטישער געזעלשאַפט.

יאָ, אייער יחיד איז פריי . . . געלינטשט צו ווערן אויב ער זאָגט ניט ב אַ ם אויף אייער שקלאַפישער מאָראַל. ווער עס רעדט וועגן פרייהייט, פערזענלעכער פרייהייט! יאָ, איר זייט גוואַלדיק פרייע . . . היפּאָקריטן.

און ווער עס רעדט וועגן סאָציאַליזם! אייך געפעלט ניט אונדזער סאָציאַליזם. „זויערע ווינטרויבן״, האָט געזאָגט דער פוקס, און איר זייט אפילו קיין פּיקסלעך ניט, שרעקעדיקע האָזן זייט איר, אַזוי שנעל ווי איר דערהערט אַ שאָס, אַ נאָס בלויז, אַנטלויפט איר מיטן עק צווישן די פיס. ווו איז געווען אייער ווידערשטאַנד צו דער שוואַרצער אָדער ברוינער מגפה? און ווען איר האָט געהאַט די מאַכט וואָס האָט איר געטון? וואָס האָט איר געטון חוץ שיסן קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן? אַ גרוס אייך פון נאָסקען, שיידעמאַנען, מעקדאָנאַלדן, און איר מעגט אויך אַריינעמען בעווינען.

און איר, עלטער־שוואַכע, פאַרעווע ליבעראַלן, איר קוואָקעט נאָך אַלץ? גיט איבער אַ גרוס אייער חבר קערענסקין. זאָגט אים, אַז דער בירגער

איוואַן, ביי וועמען ער האָט ניט געקענט פועלן ער זאָל אַרונטערגיין פון די רעלסן, זיך אויסקלייבן אַן אַנדער אָרט צו שלאָפן, ווייל ווי אַ פרייער בירגער וויל ער דווקא ליגן אויף די רעלסן, אָט דער בירגער איוואַן איז סוף כל סוף אַרונטערגעגאַנגען פון די רעלסן. מיר האָבן אים מטריח געווען . . . דאָס צו טון, און דער טראַמוויי, אונדזער טראַמוויי, גייט, ז י י ן טראַמוויי, אייער ליבעראַלער טראַמוויי, אַנאַכראַניזם פון ניינצנטן יאָרהונדערט, שטייט און וועט שוין אַזוי שטיין ווי אַ היסטאָרישער קוריאָז. מיר זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין היסטאָרישע קוריאָזן, מיר מ אַ כ ן היסטאָריע.

דער מאַקיאַוועלי פון מאָסקווע האָט אָפּגערעדט, דער „אייזערנער פאָרהאַנג" האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, אָבער די מלחמה גייט נאָך אָן, דערווייל אַ קאַלטע מלחמה, בלויז מיט ווערטער, ווער ווייסט, קען זיין אַז אינגיכן זאָל זי ווערן אַ הייסע, מיט אַטאָמישע באָמבעס, און ד י מלחמה, ווי אַלע מלחמות, וועט אויך ניט ברייגגען קיין לייזונג צו דער פראַגע, ווייל די פראַגע איז ניט וואָס אין קרעמל האָבן זיך באַזעצט עטלעכע רשעים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען דערשטיקן דעם יחיד, און אַלץ וואָס מ'דאַרף טון איז אָפּהאַקן די קעפּ די עטלעכע רשעים און דער יחיד איז געראַטעוועט. די גילאָטינע האָט געהאַקט גענוג קאָמוניסטישע קעפּ, אָבער די מצבות פון די קאָמוניסטן זיינען ניט געוואָרן קיין טרעפּ צום פרייהייט בנין. די אַלטע פּריווילעגירטע מאָנאַרכיע און אַדעל, זיינען טאַקע אַרונ־טער, אויפגעקומען זיינען נייע פּריווילעגירטע, די בורזשואַזיע, און די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, אָן אָפּענע ווי אונטער אַ מוסאָליני, היטלער אָדער פראַנקאָ, צי אַ פאַרשטעלטע אונטער וואָל סטריט, קען ברייגגען אַ חורבן אויף דער וועלט, אָבער ניט קיין פרייהייט פאַרן יחיד. פּאָליטישע פרייהייט צו שטימען פאַר דעם אָדער יענעם בורזשואַזן קאַנדי־דאַט אָן עקאָנאָמישער פרייהייט איז אַ חוזק, ניט קיין פערזענלעכע פרייהייט.

פונקט אַזוי פלאַך און פאַלש וואָלט געווען דער געדאַנק אַז מ'דאַרף בלויז פּטור ווערן פון די עטלעכע הונדערט משפחות איבער דער גאָרער וועלט, אַרויפזעצן אויפן ביינקל די „גוטע סאָציאַליסטן" און די גאולה וועט שוין קומען, מיר'ן האָבן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, דער יחיד וועט זיין פריי. ווער זיינען עס די גוטע סאָציאַליסטן? נאָסקע, שיידעמאַן, עבערט און קאָמפּאַניע? זיכער ניט. זיינען עס עטלי און בעווין? איך מיין ניט דווקא די און די מענטשן, איך מיין די שיטה — עוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם, „סאָציאַליזם אויף אויסצאָלן", אויף וועלכן מ'לייגט איצט

אַזוי פיל האָפענונג. וואָלט אַזאַ זאַך מעגלעך געווען וואָלט קיין ערלעכן מענטשן ניט געקימערט אויב דער סאָציאַליזם זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין הונדערט יאָר אַרום, ער זאָל אויסגעקויפט ווערן פאַר אַ שלל מיט גאָלד, אַבי עס זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן קיין מענטשלעך בלוט, מ'זאָל ניט האַקן קיין קעפּ, אפילו ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע קעפּ, איז עס אָבער מעגלעך? מיר דוכט אַז ניט. און אָט פאַרוואָס.

דער „סאָציאַליזם אויף אויסצאָלן" איז „אַריינגעשטימט" געוואָרן אין בריטישן פּאַרלאַמענט און ער קען פּונקט אַזוי גוט „אַרויסגעשטימט" ווערן. קול העם איז ניט אַלע מאָל קול שדי, ער קען זייער לייכט ווערן קול השד. אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרבעטער און קליינבירגער האָבן דעם און דעם פרימאָרגן ניט געהאַט זייער גלעזל טיי, ניט געהאַט מיט וואָס צו באַהייצן זייער דירה, טויג שוין דער סאָציאַליזם אויפן פייער, שוין בעסער די טאָריס, און די טאָריס ווערן ווידער אַריינגעשטימט. פּאַסירט אַזוי. צווייטנס, די סאָציאַליסטן קענען בלויז קויפן דאָס וואָס די קאַפּיטאַליסטן זיינען געצוויגט צו פאַרקויפן פאַר אַ גוטן פּרייז. זאָל עס קומען צום קויפן דאָס וואָס זיי ווילן ניט פאַרקויפן, ז י י ע ר מ אַ כ ט, ז י י ע ר ה ע ר ש אַ פ ט, וועלן זיי עס ניט פאַרקויפן פאַר כל הון דעלמא, מ'וועט דאָס דאַרפן צונעמען מיט גוואַלד, און דאָס מיינט שוין ווידער האַקן קעפּ, דאָס מיינט דיקטאַטור. און הויבט מען אָן מיט דיקטאַטור, אפילו נאָר לגבי דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, מוז עס שוין אויך ווערן אַ דיקטאַטור ניט נאָר פאַר די אַרבעטער, נאָר אויך איבער די אַרבעטער, איבער יעדן איינעם, ווייל עס איז פאַלש די הנחה פון „רוסישע רשעים" און „צדיקי המערב". אונטערן גוטן מערבדיקן סאָציאַליזם וועט דער יחיד ניט זיין פרייער ווי אונטערן רוסישן יוראַזישן קאָמוניזם, ווייל די פרייהייט פון יחיד הייננט ניט אָפּ פון דעם אָדער יענעם רעזשים. אונטער יעדן רעזשים, אין דער אידעאַלסטער געזעלשאַפט וועט דער קאַמף צווישן יחיד און כלל ניט אויפהערן.

וואָס מיינט יחיד, וואָס מיינט כלל?

ניטאָ קיין אַבסאָליוטער יחיד, וואָס זאָל „וווינען אויפן אינטימן אינזל פון זיין נשמה", מיט אַבסאָליוטער פרייהייט פאַר זיך. דער איינציקער אַבסאָליוטער יחיד מיט פולער פרייהייט איז געווען אדם הראשון, און אויך וועגן אים ווייסן מיר אַז „לא טוב היות האדם לבדו", עס איז אים ניט געווען גוט צו זיין אַליין, און ווען ער איז אַריין אין „דער געזעלשאַפט" פון חווהן איז אים אויך ניט געוואָרן קיין סך בעסער, ביידע האָבן געמוזט

אַרויס פון גן עדן. דער פּרימיטיווער מענטש, וואָס האָט ניט געוווּסט פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און אויך ניט פון קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפערײַ איז געווען ווײַט ניט קיין פרייער מענטש צו טון ווי אים איז ווילגעפעלן. יעדע משפּחה, יעדער שבט האָט זיך געהאַט איר אָדער זיין עלטסטן וועמעס וואָרט איז געווען געבאָט און, דער עיקר, די רודימענטאַרסטע געזעלשאַפט האָט געהאַט אירע טאַבוס, וואָס עובר זיין אויף זיי איז געווען פּונקט אַזוי געפערלעך ווי באַליידיקן אָדער ניט פאָלגן דעם דיקטאַטאָר. די אויפפירונג פונם פּרימיטיוון מענטשן איז געווען שטרייננג רעגולירט פון דעם אופן ווי צו גיין אויף יאַגד ביז מיט וועמען ער אָדער זי זאָלן חתונה האָבן, און האָט אַ מאַמע באַדאַרפט ברענגען איר קינד פאַר אַ קרבן צום שבט־גאָט האָט קיין מלאך ניט אָפּגעהאַלטן איר האַנט, זי האָט זיך אויך ניט געקענט אויסקויפן מיט קיין שעפּסעלע. ווײַ וואָלט געווען דער מאַמע וואָס זאָל פּרוּוון ווידערשפּעניקן גאָט, דעם גאָט פון אירע עלטערן, פון איר שבט.

דער יידישער גאָט איז שוין געווען ניט אַזאַ דעספּאָט, ביי אים האָט מען זיך געקענט אויסקויפן מיט אַ ווידער, אַ טויב, שפּעטער צו גאָר מיט אַ תפילה, עפּעס איז ער דאָך אַן אל רחום וחנון, ער איז אָבער אויך געווען אַן אל קנא ונוקם, ניט אַזוי ער אַליין ווי זיינע „סטראַפּטשעס", און ווײַ איז געווען דעם, וואָס האָט זיך אויפגעפירט ניט ווי גאָט האָט געבאָטן, דאָס הייסט, ניט ווי זיי האָבן געפונען פּאַסיק. איז אַ מענטש געוואָרן אַן אפּיקורס, ער האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם עול פון יידישקייט (אָ פּורק עול), איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער עדה. ווי פריי האָט שוין געקענט זיין דער מענטש, ווען כדי צו „זיין אַ מענטש", דאָס הייסט מיט לייטן גלייך, האָט ער געמוזט טראָגן דעם עול.

דער „גוישער גאָט" איז דאָך אודאי געווען אַ גוטער גאָט, לויטער ליבע, און פאַר אים זיינען אַלע געווען גלייך, דער יחיד פריי, וואָס פריי קען נאָר זיין, נאָר ווי פריי עס האָט זיך געאָטעמט אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע קענען מיר יידן עדות זאָגן, און איינער פון די עיקרים פון דעם יעזואיטישן אָרדן איז געווען — דער מיטגליד פון אָרדן איז אַ שטעקן אין דער האַנט פונם פּירער. יעזוסעס „לייכטע קאַוואַלעריע" — די יעזואיטן — זיינען ניט געווען די איינציקע צו באַטראַכטן דעם יחיד ווי אַ שטעקן, פון דער אינפאַנטעריע — דעם פּשוטן גלח — ביז דער שווערער אַרטילעריע — בישאָפן און פּויפּסטן — איז דער קוק אויפן יחיד געווען דער זעלבער.

אין דעם „וויגעלע פון דער וועלטלעכער קולטור" אין דעם „פרייען" גריכנלאַנד איז די „פרייע" געזעלשאַפט קודם געווען איינגעטיילט אין פרייע מענטשן און שקלאַפן, און דער שקלאַף איז, לויט אַריסטאָטעלן, געווען ניט מער ווי אַ לעבעדיק שטיקל געצייג, גאָרניט קיין מענטשלעכע באַשעפעניש. די פרייע מענטשן זיינען אויך געווען געטיילט אויף פּאַטריציער און פּלעבעיער. דער בעל מלאכה האָט ניט געקענט איינטיילנעמען אין דער געזעלשאַפט. ניט נאָר איז ער ניט געווען קיין פּאָליטישער בירגער, ער האָט אפילו ניט געקענט געניסן פון בילדונג און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פּריווילעגיעס, ער איז געווען אַ פּאַריאַ, אויב אפילו ניט קיין שקלאַף. דאָרטן איז אויך געווען די איינטיילונג אויף גריכן און באַרבאַרן און אַ באַרבאַר איז געווען יעדער איינער וואָס האָט ניט געהאַט די זכיה געבוירן ווערן אין דער „פרייער" רעפּובליק. אין אָט דער פרייער רעפּובליק האָט רב פּלאַטאָ געהאַלטן אַז מ'דאַרף פאַרווערן לייענען האָמערן, און רב אַריסטאָטעל האָט געהאַלטן אַז דער יחיד איז בלויז איין אבר פון דעם געזעלשאַפטלעכן קערפּער, פאַרשטייט זיך אַז דער גאַנצער קערפּער איז בילכער ווי איין אבר.

וועגן דער וויכטיקייט פונם יחיד אין ספּאַרטאַ איז ניטאָ וואָס צו ריידן. גענוג צו זאָגן אַז ספּאַרטאַ איז געוואָרן דאָס פאָרבילד פון יעדער מיליטאַריסטישער, טאָטאַליטאַרער געזעלשאַפט.

אין רוים האָט געהאַט אַ רעכט נאָר דער סיוואוס ראָמאַנוס, און ניט יעדער איינער האָט געהאַט די זכיה צו זיין אַ רוימישער בירגער. אַ דיקטאַטאָר איז ניט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג, און ניט איין מאָדערנער דיקטאַטאָר מעסט זיך אָן פאַרן שפּיגל צעזאַרס קרוין.

די פעאָדאַלע געזעלשאַפט איז געווען געטיילט אויף פעאָדאַלן און וואַסאַלן. אין דער מאָנאַרכיסטישער געזעלשאַפט איז דער איינציקער יחיד וואָס האָט געדיינקט אַז ער האָט די פולע רעכט און פרייהייט געווען דער מאָנאַרך, וואָס האָט זיך פאַרגונען צו זאָגן: דער שטאַט דאָס בין איך.

ווען די בורזשואַזיע איז אויפגעקומען האָט זי „אַנטדעקט" אַז מיר ווערן אַלע געבוירן „פריי און גלייך" און יעדער מענטש האָט אַ „נאַטירלעכע רעכט". צוויי הונדערט יאָר בורזשואַזע הערשאַפט, און מיר ווייסן שוין אַז פריי ווערט אפשר געבוירן אַ פיש אין וואַסער, ניט קיין מענטש אין בעט; גלייך זיינען אַלע סאָלדאַטן אין די פּיס ווען זיי מאַרשירן, און יעדער איינער, דער מיליאָנער און דער וואַגאַבונד, האָט אַ נאַטירלעכע

רעכט צו שלאָפן אונטערן בריק, מער ניט דער מיליאָנער קלייבט זיך אויס אַן אַנדער נאַכטלעגער.

מיר זעען אַז פון די אוראַלטע צייטן ביז היינט צו טאָג, מאַכט ניט אויס אונטער וועלכן רעזשים, איז דער יחיד אַלע מאָל געווען אונטער־וואָרפן דעם כלל, זיין פרייהייט איז געווען אַ באַשריינקטע, בעסער וואָלט געווען צו זאָגן אַ אילוזאָרישע, אַ חרות בתוך עבדות.

דער פרימיטיווער יחיד, אַזוי גוט ווי דער יחיד פון מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק, פאַרשקלאַפט ווי ער איז געווען צו דער נאַטור, צו רעליגיעזע טאַבוס, גלויבונגען און מנהגים, צו זיין עלטסטן, באַראָן, אָדער מאָנאַרך, האָט דאָך געהאַט אַ אילוזיע פון פרייהייט. איז ער ניט געווען פריי צו דינען גאָט? דעם גאָט צו וועמען אַלע אין זיין געמיינדע האָבן געדינט? דינען גראַמט זיך ניט מיט פריי? איז ניט געגראַמט, זיין גאָט איז אַ גוטער גאָט, ער האָט אים ליב, און דער באַלעבאָס איז אַ גוטער באַלעבאָס, ער גיט אים דאָס שטיקל ברויט, אַ קלייד אויפן לייב, אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואָס נאָך דאַרף מען? דער באַפרייטער פויער האָט שוין יאָ געדאַרפט דעם שמיד, דעם שניידער, שוסטער, אָדער פאַקנטרעגער מיט פאַרשיידענע סחורות, נו, האָט מען זיך געביטן. דער שניידער אָדער פאַקנטרעגער וואָס איז געקומען פון שטאָט האָט אפשר שטיל, פאַר זיך, אַרונטערגעקוקט אויפן פויער, דער פויער, האָט, ווי דער שטייגער, געקוקט מיט פאַרדאַכט אויפן שטאָטישן, אויפן הענדלער, אויפן פרעמדן, מ׳איז אָבער דורכגעקומען ווי גלייכע, גאַנץ אָפט ווי פריינט אפילו.

דער שטאָטישער קליינער בעל מלאכה, וואָס האָט געאַרבעט דירעקט פאַר קונים באַשטעלער, האָט זיך אויך געפילט פריי. ער האָט געקענט אַרבעטן ווען ער האָט געוואָלט, אויב אפילו דאָס איז געווען פון זונען אויפגאַנג ביז זונען אונטערגאַנג, און ווי ער האָט געקענט, צי דאָס איז געווען אַ פּאָר שיך, כאָטש שפּיגל זיך אין זיי, אָדער פאַרלאַטעט אַ פּאָר אַלטע שקראַבעס. געווען איז ער געווינלעך אַן אָרימאַן אין אַכצן פּאָלעס, דאָך האָט ער געהאַט זיין סטאַטוס אין דער געזעלשאַפט. זיינע לעבנס־מיטלען האָט ער שוין געקויפט, אָבער דער קרעמער איז אויך ניט געווען עפּעס אַ פרעמדער, אַ שונא, וואָס נעמט צו דאָס שווער פאַרהאָרעוועטע געלט, נאָר אַ מיטגליד פון דער זעלבער געזעלשאַפט, אַ היימישער מענטש. דער איינציקער פרעמדער געלט צונעמער איז געווען דער פאָרשטייער פון דער רעגירונג, וואָס איז געקומען נאָך שטייער, יענער איז טאַקע געווען ניט קיין אָנגעלייגטער גאַסט, ניט ביים פויער, ניט ביים בעל

מלאכה, און אויך ניט ביים קרעמער. וואָס זעלטענער דער גאַסט האָט זיך באַוויזן אַלץ בעסער. געזעלשאַפט און שטאַט זיינען געווען צוויי באַזונדערע זאַכן, אין דער געזעלשאַפט האָט מען זיך געפילט היימיש, פריי, דעם שטאַט האָט מען פיינט געהאַט, נאָר ווי עס איז געדולדעט.

געקומען די אינדוסטריאַליזאַציע, האָט זיך געביטן דער אופן פון אַרבעט ווי אויך פון פאַרברויך, און דער גאַנצער אופן פון לעבן האָט זיך געביטן. דער היינטיקער יחיד, ווען ער דרייט אָפּ דעם קראַן און נעמט אַ טרונק וואַסער איז עס ניט קיין א י ג ע נ ע ר טרונק וואַסער, געשאַפן, דערוואָרבן מיט אייגענע כוחות, נאָר אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זאָל „די געזעלשאַפט", דאָס הייסט יענע טויזנטער אַרבעטער וואָס מאַכן מעגלעך דעם יחיד אַ דריי צו טון דעם קראַן און עס זאָל זיך צאַפּן וואַסער, צוליב וועלכער עס איז סיבה ניט טון זייער אַרבעט אַ טאָג אָדער צוויי בלייבט דער יחיד אויסגעשטעלט, פון וואַנט וועט קיין וואַסער זיך ניט צאַפּן און אויף אַן אַנדער אופן קען ער קיין וואַסער ניט קריגן, ניט ער קען גראָבן אַ ברונעם פאַר זיך אינמיטן שטאָט, גאַנץ אָפט האָט ער אפילו ניט קיין טייך פון וואַנען ער זאָל קענען שעפּן בדאי אומריינע וואַסער, און אין געוויסע געגנטן קען ער אפילו ניט האָפן אויף רעגן וואַסער. אפילו אין אַזאַ קלייניקייט ווי אַ טרונק וואַסער איז דער יחיד געוואָרן אַזוי אָפּהייניגיק פון דער געזעלשאַפט אַז ער קען באַין אופן ניט לעבן אָן איר, אָפּגערעדט שוין וועגן אַזעלכע קאָמפּליצירטע ענינים ווי זיך באַוועגן אין אַ באַן, טראַם, אויטאָמאָביל און עראָפּלאַן, אָדער ריידן דורכן טעלעפאָן. מיליאָנען מענטשן מוזן אַרבעטן כדי אַנדערע מיליאָנען יחידים זאָלן זיך קענען באַנוצן מיט די אַלע זאַכן. דער יחיד פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז, צי ער וויל צי ער וויל ניט, ביודעים אָדער בלא יודעים, געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע באַשעפעניש, וואָס קען אָן דער געזעלשאַפט ניט אויסקומען. צוריקגיין צום פּרימיטיוון אופן פון פּראָדוצירן זאַכן, צום אַזוי גערופענעם פּאַסטאָראַלן אופן פון לעבן קען ער ניט. אפילו גאַנדי איז געפאַרן מיט דער באַן, און אפילו אין אינדיע שפינט מען פלאַקס ניט אויפן אינדיווידועלן שפּינדל אין יעדער הויז, נאָר אין גרויסע וועב פאַבריקן. אַ סך מענטשן גוואַלדעווען קעגן דער מאַשין, נאָר זיי גוואַלדעווען אין די צייטונגען, דורך דער ראַדיאָ, ביידע זייער און זייער קאָמפּליצירטע מאַשינען, און אויב זיי קומען ערגעץ גוואַלדעווען פּערזענלעך, קען מען זיין זיכער אַז זיי זיינען געקומען אין אַן אויטאָמאָביל אָדער עראָפּלאַן. די מאַשין איז דאָ, און צוריקדרייען דאָס

רעדל קען מען ניט, מ׳ווויל גאַרניט. מיט די קאָמפּליצירטע מאַשינען ווערט אויך די געזעלשאַפט מער קאָמפּליצירט. די געזעלשאַפט איז טאַקע צוויי ביליאָן יחידים, אָבער צווישן זיי מוז זיין אַ פּאַרמיטלער־שאַפט, וואָס זאָל רעגולירן די טעטיקייט פון די אַלע יחידים, אין דער געזעלשאַפט זאָל הערשן אַ געוויסע האַרמאָניע — אויף יעדן איינעם זאָל אויספאַלן אַ האַלב ביליאָנטל פון דעם וואָס ווערט פּראָדוצירט.

דער מענטש, פאַר זיך, איז נאָך היינט צו טאָג איין און איינציקער עקזעמפּליאַר פון אַן ערשטער און איינציקער אויפלאַגע, קיין צווייטע אויפלאַגע איז ניטאָ, ער לעבט אָבער ניט „פאַר זיך", ניטאָ קיין ראָבינזאָן קרוזאָ אַ חוץ אין דער ליטעראַטור, ער איז דאָס האַלבע ביליאָנטל פון דער געזעלשאַפט און כדי אָט דאָס האַלבע ביליאָנטל זאָל ניט בטל ווערן בצוויי ביליאָן מוז די צוויי ביליאָניקע געזעלשאַפט רעגולירט ווערן. ווער זאָל דאָס טון?

די דעמאָקראַטן מכל המינים האָבן געטענהט, און טענהן נאָך איצטער, אַז דער פרייער קאַפּיטאַל, די פרייע אונטערנעמונג, די „אינדוסטריעלע קאַפּיטאַנען" זיי זיינען די בעסטע פּאַרמיטלער, לאָזט עס צו זיי. ווען יעדער איינער וועט זיין פריי, וועלן אַלע זיין גלייך, און ווען אַלע וועלן זיין גלייך וועט יעדער איינער האָבן וויפל ער דאַרף. דער עיקר איז, קיינער, דער שטאַט, זאָל זיך ניט מישן אינם יחידס געשעפטן, אים ניט זאָגן קיין דעה וואָס צו טון. מ׳דאַרף בלויז אַריינגיסן די מילך — קאַפּיטאַל — די פּוטער וועט זיך שוין אַליין אויסשלאָגן.

נו, פּוטער שלאָגט זיך טאַקע אויס, מער ניט זי ווערט ניט גלייך פאַרטיילט, איינער עסט פּוטער מיט ברויט, אַ צווייטער ברויט מיט פּוטער, אַ דריטער האָט ניט קיין פּוטער און ניט קיין ברויט. עס איז דעריבער אויפגעשווומען די פראַגע צי קען ניט געשאַפן ווערן די בעסערע פאַרמיטלערשאַפט, וואָס זאָל אויף אַ מער יושרדיקן און קלוגערן אופן רעגולירן סיי די פּראָדוקציע סיי דעם געברויך פון אַלץ וואָס ווערט געשאַפן, און דער סאָציאַליזם איז אַרויף אויף דער אַרענע. אין אַ סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט וועט קיינער ניט שלאָגן קיין פּוטער פאַר עמיצן אַ פּוטער פרעסער, אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אַרבעט יעדער איינער פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר זיך.

היינט צו טאָג קען מען זאָגן אַז דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט געזיגט. גאָר אַ גרויסער טייל פון דער מענטשהייט איז שוין געקומען צום אויספיר אַז אַ וועלט מיט אַ סדר, אַ פּלאַן, און אויך מיט יושר איז

אַ היפּש ביסל בעסער ווי אַ הפקר וועלט מיט גנבה און גזלה. אפילו די הפקר מענטשן, די קאַפּיטאַליסטן, האָבן שוין איינגעזען אַז אַ סדר מוז אַריינגעבראַכט ווערן, ווייל די הפקרות, דער „לעסע פעיר" אַרבעט ניט גוט, גאַנץ אָפט ווענדן זיי גופא זיך צו דער רעגירונג זי זאָל זיי אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע אין וועלכער זיי זיינען אַריינגעקראָכן אַ דאַנק זייער הפקרות, אויך זיי ווילן שוין רעגולאַציע, מער ניט, ז י י ווילן זיין די רעגולירער, די רעגירער.

די פּרעטענזיע פון אָט די הפקר מענטשן צו ווערן די רעגולירער קען ניט גענומען ווערן ערנסט. קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו באַשטימען אַ קאַץ זי זאָל ריכטיק פאַרטיילן די סמעטענע צווישן די מייז. שיין וואָלט אויסגעזען אַ וועלט פון אַ פּאָר גרויסע קאַרטעלן מיט אַ פראַנקאָ אָדער היטלער בראש. בלייבט דעריבער די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, דערויף וואָלטן זיך אַלע ערלעכע מענטשן געאייניקט, ווען עס זאָל זיך האַנדלען בלויז וועגן פּראָדוצירן און פאַרטיילן דעם ברויט מיט פּוטער. איז אָבער לא על הלחם והחמאה יחיה האדם. איינפירן סאָציאַליזם מיינט דאָך ניט בלויז איינפירן אַ נייע בוכהאַלטעריע, עס מיינט דאָך קודם אָפּשאַפן דעם עבד לעבדים, סאָציאַליזם מיינט דאָך פרייהייט! און דאָ ליגט די צרה. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ווי זי ווייזט זיך אַרויס אין רוסלאַנד, שטרעבט טאַקע דערצו אַז יעדער איינער זאָל האָבן ברויט מיט פּוטער (דערווייל נאָר אַ שטרעבונג), דער סאָציאַליסטישער שטאַט וויל אָבער דערפאַר האָבן די דעה ניט נאָר איבערן ברויט מיט פּוטער, נאָר איבערן גאַנצן מענטשן, דער שטאַט וויל באַשטימען ניט נאָר וואָס דער מענטש זאָל עסן, נאָר אויך וואָס ער זאָל לערנען, שרייבן, ריידן און אפילו טראַכטן. דאָס איז שוין ניט קיין פרייע געזעלשאַפט, עס איז אַ שטאַט און, ווי יעדער שטאַט, אויב ער וויל עקזיסטירן, מוז ער זיין אַ מיליטער און פּאָליציי שטאַט. „שטאַט איז דער אַנשטאַלט אָדער אַפּאַראַט, וואָס האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף געזעצלעכער מאַכט אַנווענדונג", דער שטאַט, האָבבס' „לויתן", שלינגט אַלץ איין. אַ שטאַט אָן פּאָליציי און מיליטער איז מוזיק אָן אינסטרומענטן. מ'קען בלויז . . . פייפן אויף אים . . . אין דעם פּאָליציי שטאַט איז דער יחיד ניט קיין פרייער בירגער, נאָר אַן אונטער־טאַן, אַ סאָלדאַט וואָס דאַרף אויספאָלגן באַפעלן, לכן, אַרונטער מיטן שטאַט! עס לעבע די פרייע געזעלשאַפט, דער פרייער יחיד. אָפּשאַפן דעם שטאַט! דאָס וואָס דאַרף רעגולירט ווערן, זאָל רעגולירט ווערן פון דער געזעלשאַפט.

דאָס איז די קריטיק פון לינקס. אַ גערעכטע קריטיק. איז זי אויך קאָנסטרוקטיוו, דאָס הייסט, ווייזט זי אָן אַ וועג ווי אָפּצוטיילן דעם שטאַט פון דער געזעלשאַפט, ווי מ׳קען איינפירן דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, אַן אופן פון רעגולירן און ניט רעגירן?

מיר האָבן פריער געזען אַז די געזעלשאַפט היינט צו טאָג איז ניט און קען ניט זיין די, וואָלט איך זאָגן, אינטימע געזעלשאַפט פונם קליינעם דערפל אָדער שטעטל. די אינדוסטריע איז מעכאַניזירט געוואָרן, די געזעלשאַפט איז קאָנדענסירט געוואָרן, מיליאָנען מענטשן וווינען אין איין שטאַט און דער יחיד איז אַטאָמיזירט געוואָרן, ער איז שוין ניט מער קיין באַשטימטער יחיד, פּלוני בן פּלוני, נאָר סתם אַ פּראָדוצענט און קאָנסומענט. אַזאַ געזעלשאַפט איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע מאַשין, מיט אַ סך רעדער און רעדעלעך. רעגולירן אָט די מאַשין דאַרף מען האָבן אַ סך וויסן און אַ היפּש ביסל יושר דערצו, ועל כולם מוז אָט די געזעלשאַפט האָבן אַן . . . אַדרעס, דער געקריוודעטער זאָל האָבן צו וועמען זיך ווענדן, עס מוז דאָך זיין אַן אינסטיטוציע, אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל דורכפירן אָט די רעגולירונג אַרבעט. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט טוט די אַרבעט כלומרשט דער פרייער אונטערנעמער, אין תוך איז ער ניט נאָר דער פּראָדוצירער און פאַרמיטלער, נאָר אויך דער רעגירער. אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט דער כלומרשט פרייער אונטערנעמער עלימינירט, געזעלשאַפט און שטאַט פאַרמישן זיך, ווערן איינס. דער שטאַט אַדרעס טויג אָבער ניט. דאָס האָבן אפילו די קאָמוניסטן געזאָגט. על פּי קאָמוניזם איז דער שטאַט בלויז אַ צייטווייליקער, בויטווענדיקער איבל, אין דער קלאַסנלאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט דער שטאַט האָבן זייער ווינציק וואָס צו טון. די פראַגע איז ווי לאַנג קען זיך עס ציען אָט די „צייטווייליקייט", ווערט ניט דער צייטווייליקער שטאַט אַ פּערמאַנענטער איבל, און צי קען מען טאַקע ניט פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אָן דעם שטאַט?

מ׳רעדט וועגן עוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, וועגן אַרבעטער סינדי־קאַטן, קאָאָפּעראַטיוון, זיי וועלן פאַרווירקלעכן דעם פרייהייטלעכן סאָציאַ־ליזם, דערביי ניט באַרויבן דעם יחיד פון זיין אינדיווידועלער רעכט און פרייהייט. איז ריידן רעדט זיך עס טאַקע גרינג, טון טוט זיך עס אַ ביסל אַנדערש, ניט אַזוי גרינג. ווער עס איז באַקאַנט מיט די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס דאָ אין אַמעריקע (און אויך אין אַנדערע לענדער) ווייסט אַז זיי זיינען דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, זייער אַ פּרעזידענט ווערט

אויסגעקליבן יעדן יאָר, אָדער יעדע צוויי יאָר. מער ניט, ביי די וואַלן ווערט אויסגעקליבן דער זעלבער פּרעזידענט, אַזוי ביזן טויט, אַ פּער־מאַנענטער פּרעזידענט, אַזוי צו זאָגן. אויף די פּרעזידענטן איז ווי אָנגע־מאָסטן דאָס ווערטל וואָס גייט אַרום אין אַמעריקע וועגן די ביין ריכטער פון העכסטן געריכט: זיי שטאַרבן זייער זעלטן און רעזיגנירן קיינמאָל. אַ נס וואָס דער פּרעזידענטן אַמט גייט ניט איבער בירושה, דאָס איז אַלץ וואָס פעלט צו דער אַרבעטער מאָנאַרכיע. און עס איז אַ מאָנאַרכיע. ניט נאָר דער פּרעזידענט, יעדער באַאַמטער פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע איז דעם אַרבעטערס אַן אָנגעשטעלטער, דער אַרבעטער צאָלט אים די שכירות, ער צאָלט זיי אים אָבער אַ לעבן לאַנג, און דער אַרבעטער פירער פּסקנט ביי זיך: די אַרבעטער יוניאָן, דאָס בין איך! ער קען די אַרבעטער אַריינפירן אין איין פעדעראַציע אָדער אַ צווייטער (לואיס און דובינסקי דאָ אין אַמעריקע, דאָס זעלבע אין פראַנקרייך), דערמאָנט עס ניט אָן „דער שטאַט דאָס בין איך"? אויב דער אַרבעטער מאָנאַרך זאָגט עס ניט אַרויס אָפן איז עס טיילווייז דערפאַר ווייל ער איז קלוגער געוואָרן פון דעם קעניגלעכן מאָנאַרך (מיר פּראָגרעסירן פאָרט), און טיילווייז דערפאַר ווייל ער האָט ניט דאָס מיליטער הינטער זיך. זאָלן די אַרבעטער סינדי־קאַטן ווערן ד י פאַרוואַלטער, ד י רעגולירער, וועלן ז י י, אַזוי גוט ווי די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד, אַריינקריגן דעם מיליטערישן און פּאָליצייאישן כוח דורכצופירן זייערע רעגולאַציעס, און ווי וועט זיין דעם יחיד וואָס וועט זיך שטעלן קעגן. מאַכט קאָרופּטירט ניט נאָר קאָמוניסטן.

נאָך אַ זאַך. יעדער סינדיקאַט, יעדער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך זיינע ענגע אינטערעסן. דאָס איז כלומרשט דעצענטראַליזאַציע, אָבער טאַקע נאָר כלומרשט, אַזאַ דעצענטראַליזאַציע זעט מען גאַנץ אָפט אין אַמערי־קאַנעם קאָנגרעס, ווו יעדער קאָנגרעסמאַן זוכט צו קריגן עפּעס פאַר זיין שטאַט, אָדער גאָר זיין דיסטריקט, ניט רעכענענדיק זיך מיט די הצטרכותן פון גאַנצן לאַנד. די ענגע, לאָקאַלע סינדיקאַט אינטערעסן דאַרפן זיך אַריינפּאַסן אין די לאַנד, אויב ניט וועלט אינטערעסן, עס מוז זיך פאָרמירן אַ קערפּערשאַפט וואָס זאָל שטיין איבער די איינצלנע סינדיקאַטן אָדער קאָאָפּעראַטיוון, ווערט דאַן ניט געשאַפן דאָס וואָס מיר רופן היינט דיקטאַטור איבערן פּראָלעטאַריאַט?

דער עוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם הויבט זיך ערשט אָן אַנטוויקלען אין ענגלאַנד, ער איז נאָך טאַקע אין די וויקעלעך. ער האָט דורכגעפירט רעפאָרמען לטובת די אַרבעטער, סאָציאַליזירט די מעדיצין, אויך אַ פּאָר

אינדוסטריעס. פון דער סאָציאַלער מעדיצין איז דער אַרבעטער טאַקע צופרידן, פון דער סאָציאַליזירטער אינדוסטריע שעפּט ער ווינציק נחת. די „קראַנקע" קוילן אינדוסטריע האָט די אַרבעטער רעגירונג ניט אויס־געהיילט, ווייל דאָס איז אַ מכּת מדינה, און מיט איר קריינקט אויך דער קוילן גרעבער. דער טראַנספּאָרט אַרבעטער איז ניט צופרידן מיט זיינע שכירות, וויל ער, פאַרשטייט זיך, סטרייקן, פון דעם אָבער איז די רעגירונג גאָרניט אַזוי צופרידן, די ל אַ נ ד אינטערעסן זיינען קעגן אַזאַ סטרייק, און זי וועט שוין זען אַז דער אַרבעטער זאָל שלום מאַכן מיט קלענערע שכירות ווי ער פאַרלאַנגט. דאָס לאַנד שטייט העכער פונם יחיד.

אמת, אין ענגלאַנד האָט מען נאָך דערוויל קיינעם ניט „ליקווידירט" פאַר „סאַבאָטאַזש" אָדער „פאַרראַט", מיר ווייסן אָבער אַז אפילו אין ענגלאַנד, קען אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג אויך צווינגען דעם אַרבעטער ער זאָל מוזן גיין צוריק צו דער אַרבעט.

צוואַנג נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען. קיינער אין דער „פרייער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט" וויל ניט פון זיין אייגענעם ווילן ווערן אַן אויפקלייבער פון עסן אָפּפאַל, אַ קוילן גרעבער אָדער אַן אַרבעטער אין אַ טשוועקעס פאַבריק. די אַרבעטער זיינען פונדעסטוועגן דאָ, די נויט צווינגט זיי צו אַרבעטן ביי אָט די שווערע, שעדלעכע, אומאַנגענעמע מלאכות. וואָס די נויט איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער, איז דער שטאַט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, מער ניט די נויט האָט ניט קיין אַדרעס, דער שטאַט האָט יאָ, שיקן מיר אַהין אונדזערע פּראָטעסטן. איך קען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן אַ פרייהייטלעכע סאָציאַליסטישע געזעל־שאַפט אין וועלכער יעדער איינער מיטגליד זאָל זיין ג ע צ ו ו ו נ ג ע ן צו גיין עטלעכע יאָר אויף אַרבעט דינסט, אָט ווי מ'ווערט איצטער גע־צוווּנגען צו גיין אין מיליטער דינסט. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט מוז זאָרגן פאַר היגיענע, זי וועט אויך דאַרפן קוילן אָדער אוראַניום, אָפּגערעדט שוין פון טשוועקעס, און אויב קיינער וועט דאָס ניט וועלן טון מיטן גוטן ווילן, וועט דער שטאַט, אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, מוזן צווינגען דאָס צו טון. אַלע אַרבעטס רעגולאַציעס, די גאַנצע „סטאַכאַנאָווטשינע" אין רוסלאַנד איז ניט מער ווי אַ מיטל אַרויסצוקריגן דעם סכום אַרבעט, וואָס די געזעלשאַפט מוז האָבן אויב אפילו דער און דער יחיד קען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן דעם. שאַפן אַלץ וואָס איז נויטיק פאַרן מענטשן און עס פאַרטיילן יושרדיק מיט אַ מעכאַניזירטער אינ־דוסטריע, אין אַ קאָנדענסירטער געזעלשאַפט איז אַזאַ קאָמפּליצירטער

עסק אַז מיט אונדזער מענטשלעכן שכל און אומשכל זיינען מיר דערוויַיל ניט בכוח דאָס דורכצופירן, ניט פאַרלעצנדיק די רעכט פונם יחיד.

די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד זיינען באַגאַנגען און באַגייען נאָך געגוג פאַרברעכנס וואָס זיינען ניט נויטיק, דער עיקר אין אונטערדריקן דעם פרייען געדאַנק. אַ היפּש ביסל פון אָט די פאַרברעכנס קומען פון אייג־פאַכער נאַרישקייט, אַ שפּאָר ביסל פון מורא, וויַיל יעדער דיקטאַטאָר ווערט פאַרפאָלגט פון מורא שאַטנס און דער איינציקער וועג צו פאַר־טרייבן די שאַטנס, דיינקט דער דיקטאַטאָר, איז נאָך שטרייַנגערע דיקטאַ־טור. מיר ווייסן אָבער אַז אויף נאַרישקייטן האָבן די קאָמוניסטן ניט קיין פּאַטענט, סאָציאַליסטן וואָלטן, אונטער דיזעלבע אומשטענדן, ניט געווען קלוגער פון זיי, און אויך דורשט נאָך מאַכט איז ניט קיין ספּעציפישע קאָמוניסטישע קריינק. עס איז דעריבער ניט קיין פראַגע פון דעם אָדער יענעם רעזשים, רעגירונגען בייטן זיך, דער שטאַט בלייבט, עס איז ניט קיין פראַגע פון רשעים און צדיקים, נאָר קודם כל פון מענטשלעכע פעיאי־קייטן, שכל און אויך מענטשלעכער טפּשות און שלעכטסקייט, וואָס „הויזט" ניט דווקא אין דעם און דעם לאַנד. מיט אונדזער גרעסטן שכל און מיט אונדזער בעסטן ווילן וועלן מיר אַלץ ניט קענען אָנצייכענען די מענטשלעכע מאַפּע, ווו עס זאָלן זיך קלאָר זען די גרענעצן צווישן יחיד און כלל, דאָ ענדיקן זיך דיינע פּריווילעגיעס, דאָ הייבן זיך אָן דיינע פליכטן, און קיינער זאָל גאָרניט פּרווון איבערטרעטן די גרענעצן, וויַיל אָט די מענטשלעכע מאַפּע איז ניט שטאַנדהאַפטיק, זי בייט זיך, און מיט איר דאַרפן זיך בייטן די גרענעצן. מ׳דאַרף אויך ניט פאַרגעסן אַז דער מענטש איז גאָרניט אַזאַ שכלדיקע באַשעפעניש, גאַנץ אָפט „גייט ער אַריבער די גרענעץ", און, אויב מיר גלאָריפיצירן ניט דעם שטאַט ווי עפּעס העכערס איבער אונדז, מוזן מיר איגזינען האָבן אַז אויך „דער שטאַט" באַשטייט סוף כל סוף פון מענטשן, גאַנץ אָפט ניט פון די פייאיקסטע, און דער שטאַט איז אויך קאַפּאַבל צו באַגיין נאַרישקייטן, אַריבערטרעטן די גרענעץ.

אָט דער קאַמף איבער די גרענעצן צווישן יחיד און כלל גייט אָן זינט דער מענטש עקזיסטירט און וועט אָנגיין אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט זיין אויף דער וועלט. דער יחיד איז קיינמאָל ניט געווען אַבסאָליוט פריי און אויך קיינמאָל ניט אינגאַנצן אונטערדריקט; קיין פרייהייטלעכע רעגירונג וועט ניט געבן דעם יחיד זיין פולע פרייהייט און קיין טאָטאַלי־טאַרע רעגירונג וועט ניט באַוויַיזן אויסראָטן דאָס יחידישע אינגאַנצן.

אַ מענטש איז טאַקע אַ געזעלשאַפטלעכע חיה. ער קען אַליין ניט זיין, ער וויל גאָרניט זיין אַליין, אָבער ניט אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת. ווען ער גייט אַריין אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ וואַגאָן, און עס איז דאָ אַ טישל, אַ ביינקל פאַר אים אַליין, וועט ער ניט צוגיין צו אַ ווילד פרעמדן זיך אַוועקזעצן לעבן אים. ער וועט נעמען קודם דאָס ביינקל פאַר זיך, אויב אפילו אין פינף מינוט אַרום וועט ער שוין זוכן אַ מענטשן מיט וועמען אויסריידן אַ וואָרט. אָנגערעדט זיך, וועט ער ווידער אַוועק־גיין צו זיך, צופרידן צו זיין אַליין. זיין געשמאַק, זיין קוק אויפן לעבן ווערט טאַקע פאַרמירט פון זיין דערציאונג, פונם גייסטיקן קלימאַט אין לאַנד, עס קומט אָבער צום אויסדרוק ביי יעדן איינעם אויף זיין אינדי־ווידועלן שטייגער. ווען קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט אַז דער אינדיווידועלער באַוווסטזיין איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פונם קאָלעקטיוון באַוווסטזיין, איז עס געווען ניט מער ווי אַ ה א ל ב ע ר אמת. עס איז בלויז אמת אויף אַזוי פיל וויפל דער מענטש ווערט באַווירקט פון זיין סביבה, ער האָט אָבער אפנים „פאַרגעסן" אַז סביבה, קאָלעקטיווער באַוווסטזיין איז ניט עפּעס אַ גרויסע באַליע מיט וואַסער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן משׁשת ימי בראשית און וועט שוין אַזוי שטיין לעולם ועד, דער אינדי־ווידועלער מענטש ווערט אַריינגעשאָטן אַהין און צעגייט זיך דאָרט ווי זאַלץ אין וואַסער. קאָלעקטיווער באַוווסטזיין איז אַ טייך, וווהין עס שטראָמען אַריין אומצייליקע אינדיווידועלע באַוווסטזיינס, דער טייך איז ניט ג ע נ ו י אַ סך הכל פון אַלע איינצלנע טראָפּנס, דער איינצלנער טראָפּן איז אָבער אויך ניט ג ע נ ו י אַן אָפּשפּיגלונג פון טייך. מיר ווייסן פון יחידים, וועמעס באַוווסטזיין איז געווען ניט אַזוי אַן אָפּשפּיגלונג פ ו ן דער סביבה, ווי אַ שפּיגל פ אַ ר דער סביבה.

אָט די יחידישקייט וועט קיין טאָטאַליטאַרער רעזשים ניט קענען אָפּשאַפן אינגאַנצן. אין זיין „פּראָלעטאַרישע עטיק" האָט לונאַטשאַרסקי געשריבן: „מיר, וועלכע קעמפן פאַרן סאָציאַלן אידעאַל, קעמפן סוף כל סוף פאַר מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט". איך ווייס אַז לונאַטשאַרסקיס בוך איז געדרוקט געוואָרן אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד איז עס עד היום פאַרבאָטן. דאָס מיינט אַז דער טאָטאַליטאַרער רעזשים וועט פּרווון ניוועלירן אָט די אינדיווידואַליטעט, אָדער זי עקספּלואַטירן לטובת דעם רעזשים, די פראַגע איז צי וועט עס אים געלינגען, וועט דער יחיד זיך לאָזן? בעסער געזאָגט, וועט נאָך אין דער טאָטאַליטאַרער געזעלשאַפט פאַרבלייבן אויף אַזוי פיל יחידישער כוח, אינדיווידועלע דיינקונגס

קראַפט, דער יחיד זאָל זיך קענען שטעלן קעגן דעם, מיטן אויסזיכט צו געווינען אַט דעם, ווי עס דוכט זיך, ניט גלייכן קאַמף?

דער אמת מוז געזאָגט ווערן. די גאַר גרויסע מאַסן ווען אַזאַ גייסטיקן כוח ניט פאַרמאָגן. פונקט ווי די „נאַטירלעכע רעכט" פון וועלכער די בורזשואַזיע האָט געמאַכט אַזאַ ווען, ווען עס האָט זיך איר געלוינט, איז פאַרשוווּנדן און קיינער רעדט שוין ניט דערפון, זיינען אויך די רייד וועגן דעם „נאַטירלעכן פרייהייט געפיל" אַ היפּש ביסל איבערטריבן. אמת, קיינער וויל ניט ליידן קיין צוואַנג, אַ היפּש ביסל מענטשן האָבן אפילו תרעומות למאי מע צווינגט זיי צו שיקן זייערע קינדער אין שול... אויב אָבער באַזוכן אַ שול מיינט אַ ביסל מער עסן ווען ער וועט אַרויס פון שול, נעמט מען אָן די צוואַנג. דאָ אייניקע, וואָס שרייען אפילו אויס גאַנץ פּאַטעטיש „גיט מיר פרייהייט אָדער טויט", און ווען זיי שרייען מיינען זיי עס טאַקע, אָבער זיי מיינען ב אַ ל ד י ק ע פרייהייט און אַ ש נ ע ל ן, „שיינעם" טויט. איז אָבער די צייט פון באַריקאַדן־רעוואָלו־ציעס, ווו מ'האָט געקענט שטאַרבן „שיין", שוין לאַנג אַריבער. היינט צו טאָג קענען מאַכן רעוואָלוציעס נאָר . . . גענעראַלן, דאָס הייסט, די וואָס האָבן די אַרמיי, און דאָס מיינט איבערבייטן אַ ציווילן דיקטאַטאָר אויף אַ מיליטערישן.

וועגן דער פרייהייט אונטער אַ מיליטערישער דיקטאַטור איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ ספּעקטאַקולאַרן, איינמאָליקן קאַמף, נאָר וועגן אַ טאָג טעגלעכן עקשנותדיקן קאַמף. טריט ביי טריט, טאָג איין טאָג אויס, זיך מאַטערן אַ לעבן לאַנג פאַר דער פרייהייט, אַזוי אַז דאָס לעבן גופא זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַמעלעכן טויט. אויף דעם זיינען אפילו אַ סך פון די שרייער ניט פייאיק, און די גאַר גרויסע מאַסע, ווי זי קען ניט פאַרטראָגן קיין צוואַנג, וויל זי אָבער זייער זעלטן קעמפן פאַר פרייהייט. די ווערט פון פרייהייט שאַצן מיר ערשט אָפּ ווען מיר זיצן אין תפיסה, פונקט ווי וועגן דער ווערט פון געזונט ווערן מיר געוואוירע ערשט ווען מיר ווערן קראַנק. די מאַסע וויל עסן און מ'זאָל זי לאָזן צורו. פרייהייט, אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, מיינט ניט לאָז מיך געמאַך און אודאי ניט הפקרות, נאָר פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. דער יחיד וואָס באַשטייט אויף זיין רעכט טאָר זיך אויך ניט צוריקציען פון פליכט, ער דאַרף פונקט אַזוי

זוכן די פּליכט ווי דאָס רעכט, און ווער פון דער מאַסע וויל אויף זיך נעמען פליכט, איניציאַטיווע, פאַראַנטוואָרטלעכקייט?

אָט די פּאַסיווקייט פון דער מאַסע איז דער גרעסטער כוח פון יעדער דיקטאַטור. כדאי צו ציטירן פון דאָסטאָיעווסקיס קאַפּיטל „דער גרויסער אינקוויזיטאָר":

„גיב דעם מענטשן די וואַל, די פרייהייט, וועט ער זי פאַרבינדן און זי ברענגען צוריק. פאַרוואַנדל שטיינער אין ברויט, און די מענטשלעכע סטאַדע וועט דיר נאָכלויפן, אַן אַנשטענדיקע, אַ פאָלגנדיקע. דער מענטש וויל זיך בוקן פאַר דער אַבסאָליוטער פאַן, די פאַן פון ברויט.

„מיר'ן זיי צווינגען אַרבעטן, אָבער אין די שטונדן נאָך דער אַרבעט וועלן מיר איינאָרדנען זייער לעבן ווי אַ קינדער שפּיל, מיט קינדערישע לידלעך, כאָרן און אומשולדיקע טענץ. מיר וועלן זיי דערלויבן אָדער פאַרבאָטן צו לעבן מיט זייערע ווייבער, מיר וועלן אַלץ באַשטימען, און זיי וועלן אָננעמען אונדזער פּסק מיט פרייד, ווייל דאָס וועט זיי באַפרייען פון יעדער זאָרג און פון די שרעקלעכע מאַטערנישן צו באַשטימען אַליין פאַר זיך, באַשטימען פריי".

דאָס איז,ליידער, אַ ביטערער אמת וועגן אַ גאָר גרויסן, דעם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט. אָט דעם אמת טאָר מען ניט פאַרזען. ווייל מען דאָס ניט זען, רעדט מען נאָך אַלץ „פּסוקים" ווי „די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט", דאָס פאָלק אַהין און דאָס פאָלק אַהער, „דער געזונטער מאַסן אינסטינקט", דער „מאַסאָווער דראַנג נאָך פרייהייט", מיינט פשוט זיין בלינד, ניט וויסן, ניט פאַרשטיין פאַרוואָס דיקטאַטורן האַלטן זיך אַזוי לאַנג, און ממילא ניט געפינען קיין וועג ווי אָט די דיקטאַטורן צו באַקעמפן, באַקעמפן ניט לשם בייטן איין דיקטאַטאָר אויף אַ צווייטן, נאָר טאַקע אָפּשאַפן דיקטאַטור. געוויס, מיר האָבן געהערט פון דער מאַסע דעם געשריי: ברויט און פרייהייט! וואָס די מאַסע מיינט מיט „ברויט" וויסן מיר גאַנץ גוט, וואָס עס מיינט אָבער „פרייהייט" איז שוין ניט אַזוי גרינג צו וויסן. דער רוסישער פּויער האָט געקעמפט קעגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, קעמפט נאָך איצטער אויך פאַר „ברויט און פרייהייט", זיין קאַמף איז אַ האַרטנעקיקער, אַ טאָג טעגלעכער, אָבער זיין קאַמף איז דער עיקר פאַר ב ר ו י ט, און ד ע ם קאַמף וועט ער זיכער געווינען. קעמפט ער אויך פאַר פרייהייט? איך בין שטאַרק מסופק צי ער, אין זיין קאָלכאָז, קעמפט פאַר דער פרייהייט ווי זי דריקט זיך אויס אין דער קבוצה אין ארץ ישראל. איך בין שטאַרק

געניגט צו גלויבן אַז מיטן וואָרט „פרייהייט״ איז ער אויסן דאָס רעכט צו האָבן אַ שטיקל ערד פ אַ ר זיך, און וואָס גרעסער דער „קאַוואַלאָק״ אַלץ בעסער, ער וויל די פרייהייט צו ווערן אַ בעל גוף, וואָס מ׳האָט אין רוסלאַנד גערופן אַ קולאַק, מיט אַלע באַלעגופישע חנדלעך. אויב דאָס איז דער פאַל, מוז איך זאָגן אַז דאָס איז זייער ווייט פון מיין באַגריף „פרייהייט״ און מיך אַרט זייער ווייניק אויב דער פויער וועט אָט ד ע ם קאַמף פאַרלירן.

אויך דער אַמעריקאַנער פאַרמער קעמפט פאַר ברויט און פרייהייט. זיין קאַמף פאַר ברויט באַשטייט אין פאָדערן פון דער רעגירונג זי זאָל אים גאַראַנטירן זיכערע פרייזן פאַר זיינע פראָדוקטן, און די פאָדערונג איז אַ גערעכטע. ווען די זעלבע רעגירונג, וואָס גאַראַנטירט אים די פרייזן, פאָדערט פון אים ער זאָל נאָכקומען געוויסע רעגולאַציעס, וויפל לאַנד פאַרזייען און מיט וואָס, שרייט ער גוואַלד, מע באַרויבט זיין פרייהייט, אָבער דער געשריי איז זיכער ניט קיין קול חרות.

ניט נאָר דער אַמעריקאַנער פאַרמער, די אַמעריקאַנער מאַסן בכלל זיינען שטאַרקע אַנהייגער פון פרייהייט, זיי מוזן האָבן „פרייע אונטערנע־מונג״, וואָס אין דער ווירקלעכקייט מיינט עס די פרייהייט צו עפענען אַ שפייז קרעמל אָדער אַ גאַזאָלין סטאַנציע, און אין תוך מיינט עס פריי צו אַרבעטן פאַר דעם שפייז אָדער אויל טראָסט. דער אַמעריקאַנער אַרבעטער קעמפט שטאַרק פאַר דער פרייהייט צו אַרבעטן ווען און ווו ער וויל, און גאַנץ אָפט מיינט עס די פרייהייט צו זיין אַ סטרייק ברעכער: מ׳טאָר ניט פאַרגוואַלטיקן דעם יחיד, אים ניט לאָזן אַרבעטן ווען ער וויל דווקא יאָ. דער אַמעריקאַנער אַרבעטער איז פריי, ער קען אַרויסגיין אין סטרייק, אָבער די באַלעבאַטים זיינען אויך פונקט אַזוי פריי ניט נאָר אַנצושטעלן סטרייק ברעכער, נאָר אויך אייגענע שלעגער, אָדער גאָר קריגן שטאַטס־שלעגער צו שפּאַלטן די סטרייקער די קעפּ, אויב ניט טאַקע דערשיסן, אָפּגערעדט שוין פון קריגן אַן איסור אויפן סטרייק פון אַ ריכטער, פּשוט, פאַרבאָטן די סטרייקער צו היטן די פאַבריקן. אַ ריכטער איז דאָך אויך אַן אַמעריקאַנער פרייהייט ליבנדיקער בירגער. וועגן פרייע וואַלן איז דאָך אָפּגערעדט, דער אַמעריקאַנער בירגער איז פריי צו שטימען פאַר וועמען ער וויל, און ער שטימט טאַקע פאַר איין נול פון דער דעמאָקראַטישער אָדער אַ צווייטן נול פון דער רעפּובליקאַנער פאַרטיי, ער׳ט דאָך ניט גיין אַרויסוואַרפן זיין טייערע פרייע שטימע פאַר עפּעס אַ דריטער פאַרטיי אפילו ווען זי איז ניט קיין סאָציאַליסטישע.

מיר, דאָ אין אַמעריקע, לאַכן פון די פּראָנצוזיזן מיט זייערע פּראָ־פּאָרציאָנעלע וואַלן, זייערע קאָאַליציע רעגירונגען, וואָס בייטן זיך יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק (און בלייבן די זעלבע), פון די טאָטאַליטאַרע לענדער, ווו עס איז דאָ נאָר איין פּאַרטיי, איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, דאָס איז דאָך פּשוט חוזק, ניט קיין וואַלן, מיר האָבן צ ו ו י י פּאַרטייען און עס אַרבעט, הלואי אויף אַלע לענדער געזאָגט געוואָרן.

אודאי אַרבעט עס, ווייל אין תּוך איז עס ניט צוויי פּאַרטייען, נאָר איינע, נאָר די פּלוטאָקראַטישע. דער דעמאָס, דאָס פּאָלק וואָס פּראַקטיצירט אָט די דעמאָקראַטיע, גיט אָפּ זיין שטימע פאַר איינעם פון די צוויי קאַנדידאַטן, ווייסט וועגן זיין קאַנדידאַט געננוי אַזוי פיל וויפל די פּרעסע, די ראַדיאָ און טעלעוויזיע זאָגט אים. אָט די זאָגער זיינען גערן צו זאָגן וואָס איר ווילט אין דער וועלט, איר דאַרפט נאָר באַצאָלן דערפאַר און, ניט געזאָרגט, די פּלוטאָקראַטיע קען צאָלן, זי באַשטימט דעם קאַנדידאַט, זי רעקלאַמירט אים, און דער . . . פרייער ווילער דערווילט אים. דאָס איז ווען עס קומען פאַר נאַציאָנאַלע וואַלן. אין לאָקאַלע וואַלן, ווען די רעקלאַמע גייט ניט אַזוי ווייט, גייט אויך דער ווילער ניט צו ווייט, ער גייט גאַרניט שטימען, וואָס איז אים דער חילוק ווער כאַבאַרניק עס וועט זיצן אין דער שטאָט פּאַרוואַלטונג? זיי זיינען אַלע כאַבאַרניקעס! (און ער איז ניט אַזוי ווייט פון אמת).

אפילו אין די יוניאָנס, ווו מ'גיט שוין ניט אויס קיין מיליאָנען צו דערווילן אַ פּרעזידענט, זיינען די וואַלן אויך ניט מער ווי אַ פאַרס, די מאַשין נאָמינירט אים, די „קאָנווענשאָן דעלעגאַטן", וואָס „פּאַרטרעטן" אַזוי פיל טויזנטער צי מיליאָנען אַרבעטער „קלייבן אים אויס" און ז י י באַשטימען אויך פאַר אים אַ געהאַלט ניט קיין סך אַ קלענערן ווי דאָס געהאַלט פון אַ לאַנד פּרעזידענט, ווייל „אַ גוטער מענטש" דאַרף קריגן גוט באַצאָלט. לעבט טאַקע אַ יוניאָן פּרעזידענט אין עושר און אין כבוד און שוין געווען אַזעלכע וואָס האָבן געלאָזט אַ ירושה פון הונדערטער טויזנטער דאָלאַר. אין ענגלאַנד זיינען ניטאָ די שווערע געהאַלטן פאַר יוניאָן פּרעזידענטן, אָבער די יוניאָן מאַשין איז דאָרט ניט קיין שוואַכערע ווי דאָ, ערנסט בעווין איז געווען אַ מושל בכפּו, און אפילו אַזאַ גרויע פּערזענלעכקייט ווי קל. עטלי האָט אויך געהערשט ביד חזקה. די דעמאָ־קראַטיע אין די יוניאָנס איז אַ פיקציע, „דעמאָס" וויל גאָר ניט הערשן, ער קומט ניט צו די יוניאָן זיצונגען, צו די וואַלן דאַרף מען אים אַרויס־שלעפּן, און אין אַמעריקע העלפט דאָס שלעפּן אויך ניט.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין רוסלאַנד, אין די אַנדערע טאָטאַלי־טאַרע, אַנטשולדיקט, פּראָגרעסיווע לענדער. דאָרטן שטימען שוין אַכט און נײַנציק פּראָצענט פֿון די ווײלער — זאָל דער ווײלער פּרוּוון ניט שטימען! — און ער שטימט פֿאַר איין קאַנדידאַט, פֿון איין פּאַרטיי. ווער עס דײַנקט אָבער אַז דער ווײלער זעט אין דעם אַ סימן מובהק פֿון זײַן פֿאַרשקלאַפֿט, מאַכט אַ טעות. אויך דאָרט האָט דער שטים אָפּגעבער די אילוזיע אַז ער שטימט פֿאַר ז י י ן קאַנדידאַט. די פּאַרטיי האָט באַשטימט? נו יאָ, אָבער די פּאַרטיי איז דאָך ז י י נ ע, זי פֿאַרטרעט זײַנע אינטערעסן, און ניט נאָר זײַנע, אויך די אינטערעסן פֿון אַלע אַרבעטער פֿון דער גאָרער וועלט. ער טאָר ניט אַרויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן פּאָליטישע צי אפילו עקאָנאָמישע פֿראַגן? ווער זאָגט עס אַז ער טאָר ניט? ער מעג, והא ראיה — זעלבסטקריטיק, מער ניט, ער וויל פֿריער הערן וואָס דער פֿירער האָט צו זאָגן וועגן דעם ענין, און וואָס דער פֿירער זאָגט איז געזאָגט, ווײַל דער פֿירער ווייסט בעסער, אויף דעם איז ער דאָך אַ פֿירער, פֿאַרלאָזט ער זיך טאַקע אויפֿן פֿירער — טראַכט פֿאַר אונדז, טו פֿאַר אונדז, הערש איבער אונדז, אַבי מיר זאָלן האָבן וואָס צו עסן און ניט דאַרפֿן טראַכטן, דאָס איז אַ צו שווערע אַרבעט פֿאַר אונדז.

די מאַסע איז אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין פֿאַרמלאָזע מאַסע, וואָס אַ דיקטאַטאָר האָט געקענט אויסקנעטן א י נ ג א נ צ ן לויט זײַן ווילן. אין דער מאַסע האָבן זיך אַלע מאָל געפֿונען שטיינדלעך וואָס האָבן געריבן די הענט, ניט געלאָזט קנעטן. אין אַלע צײַטן האָבן זיך געפֿונען יחידים, וואָס ניט נאָר האָבן זיי ניט געלאָזט זיך קנעטן, נאָר זיי האָבן זיך אויך ניט געבויגן, און אָט די יחידים זײַנען עס די הויפּט קעמפֿער קעגן שטאַט, קעגן יעדער דיקטאַטור.

דאָס מיינט ניט קיין העלדן. פּונקט פֿאַרקערט. יעדע דיקטאַטור איז באַזירט אויף העלדן קולט, דער פֿירער איז דער גרעסטער העלד. די יחידים וועגן וועלכע איך רייד זײַנען נאָר די פּאַראויסגייער, די וואָס טרעטן אויס דעם וועג. און דער גאַנג פֿון געשיכטע איז אַזאַ, אַז וואָס אין איין דור איז אַ שמאָלע סטעזשקע, פּאַר אַ הייפּעלע יחידים, ווערט אין אַ צווייטן אָדער אַ צענטן דור דער ברייטער שליאַך פֿאַר די מאַסן. גאַנץ אָפֿט פּאַסירט אַז דער יחיד, וואָס האָט דער ערשטער אויסגעטראָטן די סטעזשקע, אויב ער דערלעבט נאָכדעם אַרויפֿגיין אויף דעם אײַנגעפּאַרענעם שליאַך, פֿאַלט ער אַרונטער אונטער די רעדער פֿונם געשיכטלעכן וואָגן און ניט זעלטן פּאַסירט אַז דער איבערגעפּאַרענער ווערט באַגראָבן הינטערן פּלויט ווי

עפעס אַן אַנאָנימער וואַגאַבונד. קיינער ווייסט ניט ווו משה רבינוס קבר געפינט זיך . . .

ניט איין יחיד וואָס האָט געזוכט אויסצוטרעטן די סטעזשקע אויפן וועג צו פרייהייט איז שוין איבערגעפאָרן געוואָרן, אָבער, ווי געזאָגט אויבן, די מענטשלעכע מאַפּע בייט זיך, זי איז קיינמאָל ניט סטאַטיש, מיט דער מאַפּע בייטן זיך די גרענעצן, עס בייטן זיך די וועגן, און פאַר יחידים וואָס זיינען געבענטשט אָדער געשטראָפט צו קעמפן פאַרן רעכט פון יחיד וועט זיך ווידער און ווידער געפינען אַ פלאַץ ווו ער זאָל ווידער אויסטרעטן אַ נייע סטעזשקע.

עס איז אַ טעות צו דיינקען אַז סאָציאַליזם, צי על פּי נוסח מאָסקווע, צי על פּי נוסח לאָנדאָן, אפילו ווען ער וועט שוין פאַרווירקלעכט ווערן בשלמות, וועט שוין זיין די ענדע פון וועג. וואָלט דאָס געווען דער פאַל, וואָלטן מיר ביי דער ענדע פון דעם וועג באַדאַרפט אַוועקשטעלן ניט קיין שילד — די גאולה איז געקומען! נאָר אַ מצבה — פה נקבר, דאָ איז באַגראָבן געוואָרן דער מענטש. סאָציאַליזם, ווי יעדער אַנדערע פאָרמע פון מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז נאָר אַ סטאַנציע אויפן מענטש־לעכן לעבנס וועג. דער וועג איז אַזוי לאַנג ווי דער מין מענטש וועט עקזיסטירן, סאָציאַליזם איינע פון די סטאַנציעס אויף דעם וועג. אויף אָט דער סטאַנציע קענען מיר זיך פאַרזאַמען הונדערטער, אפשר טויזנטער יאָרן, און פונקט ווי עס וואָלט געווען נאַריש אַוועקלייגן אַלע מענטשלעכע „פעקלעך" און זאָגן: מער דאַרפן מיר זיי ניט, מיר זיינען שוין אַריינגעפאָרן אין סאָציאַליסטישן גן עדן, דער סאָציאַליסטישער משיח איז שוין געקומען און אַלץ איז ווויל און פיין (דאָס איז דער הוראַ סאָציאַליזם פון מאָסקווע), פונקט אַזוי נאַריש וואָלט געווען בלייבן זיצן אויף דער קאַפּיטאַליסטישער סטאַנציע, זיצן און גאָרניט טון, ווייל וואָס טויג דאָס טון אַז באַלד . . . פאָרן מיר ווייטער. בכל מקום ומקום, בכל דור ודור מוז יעדער איינער באַגרייפן אַז די סטאַנציעס אויפן מענטשלעכן וועג זיינען נאָר רעלאַטיוו סטאַטיש, אין עצם „פליסט אַלעס", דער איינצלנער מענטש איז טאַקע ניט מער ווי אַ טראָפּן אין מענטשלעכן ים, דער ים איז אָבער אַ מ ע נ ט ש־ל ע כ ע ר, דער מענטש, אי ער שטראָמט, אי ער דירעקטירט דעם שטראָם. גאַנץ אָפט מוז ער גאָר גיין קעגן שטראָם, פאַרקירעווען אין אַ נייער ריכטונג.

„יעדער איינער מוז באַגרייפן". דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ וואונש, די מערסטע „מענטשן טראָפּנס" פאַרלירן זיך טאַקע אין מענטשלעכן ים,

עס זיינען אָבער אַלע מאָל דאָ, און עס וועלן אַלע מאָל זיין אָט די יחידים וואָס קענען ניט און וועלן זיך ניט פאַרלירן.

ווער זיינען דאָס די געבענטשטע יחידים?

דער ענטפער וואָס רייסט זיך ממש אַרויסגעזאָגט ווערן איז — די אינטעליגענץ. ווער נאָך ווי די אינטעליגענץ פּילט אַזוי שאַרף די שווערע שרויפן פון אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים? די אינטעליגענץ איז אָבער אַ צו ברייטער שם הכולל, ער קען אַריינגעמען די גאַנצע ביוראָקראַטיע פון אַ לאַנד, אַ פאָלק, אַ דור; פון אַ בוכהאַלטער ביז אַ מיניסטער מיט אָדער אָן אַ פּאָרטפעל; פון אַ ליאַדן צימבלער ביז אַ געניאַלן קאָמפּאָזיטאָר; פון אַ שרייבערל ערגעץ אין אַ ביוראָ ביזן פיינסטן דיכטער, און זיי אַלע, ווען עס קומט צו קעמפן פאַר זייער יחידישן רעכט, קענען גאַנץ אָפט זיך אַרויסווייזן אַ היפּש ביסל הינטערשטעליק לגבי דעם פּשוטן מענטשן, דעם פאַרשטענדיקן אַרבעטער, וואָס האָט אפשר ניט קיין דיפּלאָמע אין קעשענע, ער האָט אָבער שכל אין קאָפּ און אַ גאָט אין האַרצן.

פאַר אָט דעם יחידישן קאַמף זיינען די וויכטיקסטע מענטשן די, וואָס גלויבן אינם מ ע נ ט ש ן. ניט קיין „האָמאָ עקאָנאָמיקוס, האָמאָ פאַבר, האָמאָ סיוווס, אָדער אפילו האָמאָ סאַפּיענס”, קורץ, ניט אינם מענטשן פון א י י ן שניט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר א י י ן צוועק, נאָר אַ מענטש וואָס איז אַ צוועק פאַר זיך, אויב אפילו ער קען ניט האָבן קיינע פּריוואַטע געזעצן פאַר זיך. זיי גלויבן אַז דער מענטש טאָר ניט גענוצט ווערן ווי אַ שטיקל געצייג פאַר וועלכן ס'ניט איז צוועק, אַז דער מענטש איז אַ פילזייטיקע באַשעפעניש, אַ געמיש פון גוט און שלעכט, און אונדזער גאַנצער וויסן דאַרף אָנגעווענדט ווערן צו אַנטוויקלען אָט דעם פילזייטיקן מענטשן. דער ערשטער און וויכטיקסטער געבאָט דאַרף זיין — דרך ארץ פאַרן מענטשן.

אָט די גלויביקע האָבן נישט קיין קירך, קיין שול, זייער צאָל איז אפשר אויך ניט אַזוי גרויס, זייער תורה — דרך ארץ פאַרן מענטשן — איז ניט גוואַלדיק פּאָפּולער, זיי זיינען אָבער דאָ, זייער תורה וועט סוף כל סוף ווערן די תורה פון גאָר אַ סך מענטשן. וואָס שטאַרקער דער שטאַט, וואָס מער ער וועט זיך פאַרנעמען אויף ניוועלירן דעם יחיד, אַלץ שטאַרקער וועט ווערן דער ווידערשטאַנד פונם יחיד און ער וועט זיין גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר זיין תורה, אַ מסירת נפש ניט דוקא קיין דראַמאַטישע, אַ קאַמף ניט קיין ספּעקטאַקולאַרער, נאָר אַ האַרטנעקיקער, און דערפאַר טאַקע אַ ווירקזאַמער.

קען אין אַ טאָטאַליטאַרער געזעלשאַפט געדייען אַזאַ זעלבסטשטענ־דיקער מענטש? איך מוז צוגעבן אַז דער טאָטאַליטאַרער באָדן איז ניט צו גינסטיק פאַר אַט דעם געוויקס. ער איז אָבער פון די „ווילדע גראָזן", וואָס וואַקסן ניט געקעכלטערהייט און אינגאַנצן זיי אויסיעטן איז פשוט ניט מעגלעך. זיי וועלן אַלע מאָל זיין און זיי וועלן אָנפירן דעם יחיד־כלל קאַמף אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט עקזיסטירן, וועט פירן אַ געזעל־שאַפטלעך לעבן, מאַכט ניט אויס וואָס פאַר אַ פאָרמע דאָס געזעלשאַפט־לעכע לעבן זאָל ניט אָננעמען. זיי וועלן זיין די גרענעץ וואַך, וואָס וועט וואָרענען דעם שטאַט: דאָ ענדיקט זיך דער רשות הרבים, דאָס רעכט פון דער געזעלשאַפט, און עס הייבט זיך אָן דער רשות היחיד, דאָס פּריוואַט לעבן פונם מענטשן, אויף וועלכן די געזעלשאַפט טאָר ניט האָבן קיין שליטה.

ווו עס איז דאָ אַ גרענעץ וואַך מוזן פאָרקומען גרענעץ אינצידענטן, צוזאַמענשטויסן צווישן יחיד און כלל. אָט די אינצידענטן זיינען אומ־פאַרמיידלעך, ווייל די שפּאַנונג צווישן יחיד און כלל מוז כסדר אָנהאַלטן און מ'דאַרף זי באַטראַכטן ווי געוווּנטשן. ווען די שטאַטסלייט, די רעגירער האָבן געענוג שכל צו פאַרשטיין אַז קיין געזעלשאַפטלעכע פאָרמע איז ניט סטאַטיש, אַז צוזאַמען מיטן לעבן בייטן זיך אויך די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, גיבן זיי נאָך צו ביסלעך, דער צווייטער צד מאַכט אויך געווויסע הנחות, און עס שאַפט זיך אַ מאָדוס וויוועדי. יחיד און כלל, הגם אין שטענדיקער שפּאַנונג, זיינען דאָך ניט קיין טויטלעכע שונאים, זיי קענען זיין לעבעדיקע קעמפער און בקרביך חיי, אין דיין קאַמף וועסטו לעבן. געפערלעך ווערן די אינצידענטן ווען דער שטאַט ווייזט אַרויס זיין מאַכט גיריקייט, די רעגירער אַנטפּלעקן זיך אין זייער גאַנצער נאַרישקייט, פּראָקלאַמירנדיק אַז זיי, זייער הערשאַפט איז איבער אַלץ און יעדער טענה און תביעה פונם יחיד איז ווידערשפּעניקייט, פאַרראַט צום שטאַט, וואָס איז איבער דעם יחיד, אפילו איבער דער געזעלשאַפט. רעגירער, הערשער, שטאַטיסטן, זיי זיינען קאַפּאַבל אויף אַזעלכע נאַרישקייטן און, ווען עס קלייבט זיך אָן גענוג פאַרדראָס, די שפּאַנונג ווערט אָנגעצויגן צו שאַרף ביז צום פּלאַצן, דעמלט ווערט דער שטילער, אומאויפהערלעכער קאַמף צווישן יחיד און כלל פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענער מלחמה, מיט בלוט פאַרגיסונג, אַ בירגער קריג. ד י מלחמה, ווי אַלע אַנדערע מלחמות, קען ניט לייזן די פּראָבלעם, עס קענען בלויז אָנגעצייכנט ווערן נייע גרענעצן אויף דער מענטשלעכער מאַפּע, און ווידער וועלן זיך פאָדערן

גרענעץ היטער, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אַז אי דער שטאַט אי דער יחיד זאָל די גרענעץ ניט איבערטרעטן.

היוצא לנו — דער קאַמף צווישן יחיד און כלל איז אַ שטענדיקער מענטשלעכער קאַמף אונטער אַלע רעזשימען, אין יעדער געזעלשאַפט־לעכער פאָרמע, אַן עקשנותדיקער קאַמף, וואָס ווערט על פּי רוב געפירט פון יחידים, און אויב מיר געניסן אָדער געווינען פּערזענלעכע פרייהייט, האָבן מיר עס קודם כל צו פאַרדאַנקען אָט די יחידים, די גרענעץ היטער.

נו יאָ, אָבער פון וואַנען וועלן קומען אָט די יחידים? אַז פון די גרויסע מאַסן ניט, פון דער אינטעליגענץ בכלל אויך ניט, טאָ ווער זיינען די שומרי התחומות אָדער החומות?

וועגן דעם רייד איך באריכות אין „דער פרייער קינסטלער".

נאָמען און נומער

— דאָ האָט איר אייער נומער.

— מיין נו־מער! וואָס דאַרף איך אַ נומער? איך האָב אַ נאָמען.

— פאַר אייך איז גענוג דער נאָמען, פאַר אונדז איז אַ נאָמען ניט וויכטיק, מיר דאַרפן אַ נומער.

— צוליב דער בוכהאַלטעריע, מיינט איר?

— בוכהאַלטעריע איז ניט אין מיין רשות, איך רייד אין נאָמען פון דער שרייבער אָרגאַניזאַציע. ביי דער לעצטער זיצונג פון דעם אויספיר קאָמיטעט פון דער שרייבערישער אָרגאַניזאַציע איז דער ענין שרייבער, זייערע נעמען, ברייט אַרומגערעדט געוואָרן. געווען אַ מיינונג מ׳זאָל אינגאַנצן אָפּשאַפן די נעמען פון די שרייבער.

— גאָר אַזוי.

— וואָס חידושט איר זיך אַזוי? ניט קיין נייס. אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פאָלקלאָר ווייסט איר? וואָס מיינט עס? דאָס פאָלק האָט געזונגען לידער, דערציילט מעשות, געשאַפן ווערטלעך. אָבער וואָס מיינט דאָס פאָלק? איינצלנע מענטשן האָבן דערציילט מעשות, געזונגען לידער, יעדער דערפאַר אָדער שטעטל האָט זיך געהאַט זיין מעשה דערציילער, זינגער אָדער שפּילער, איניקע האָבן אים גערופן ביי זיין אמתן נאָמען, די מערסטע האָבן אים געקענט ווי „די פאַרשלעפּטע קריינק״, אָדער גאָר „דער ליגנער״, פון אים גופא האָט מען ווינציק וואָס געהאַלטן, ווייל קיין פּראַקטישע אַרבעט האָט ער ניט געטון, אָבער זיינע מעשות, לידער און ווערטלעך זיינען געגאַנגען פון מויל צו מויל, יעדער איינער האָט צוגע־לייגט „אַ האָר״ ביז די מעשה האָט געקראָגן אַ באָרד . . . געוואָרן פאָלקלאָר, דער בעסטער פאָלק עפּאָס איז אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן. ערשט שפּעטער, טאַקע ניט לאַנג צוריק, סך הכל אַ פּאָר הונדערט יאָר, איז אויפגעקומען דער שרייבער מיט זיין נאָמען איבער אָדער אונטער דעם ליד אָדער דער דערציילונג, ער איז געוואָרן דער באַלעבאָס, דער אייגנ־

טימער פון זיין ליד אָדער דערציילונג, די שאַפונג איז געוואָרן זיין פּריוואַט אייגנטום. נו, ווייסט איר דאָך מסתּם אַז פּריוואַט אייגנטום האָבן מיר אָפּגעשאַפט, די ערד מיט אַלע אירע מינעראַלן, די פאַבריק, דאָס געצייג און די פּראָדוקטן באַלאַנגען צום פאָלק . . .

— אויפן טראַקטאָר, אויטאָמאָביל, צי גאָר אויף אַ פּאָר קאַלאָשן איז פונדעסטוועגן אָנגעגעבן דער נאָמען פונם זאַוואָד וואָס האָט זיי פּראָדוצירט, ניט אַזוי?

— ניט אַלע מאָל. אויב שוין אָנגעבן איז, דער עיקר; פּראָדוצירט אין פ. ס. ס. ר.

— מיינע קאַלאָשן זיינען פון זאַוואָד . . .

— איר זייט אַריינגעקראָכן אין אַ קאַלאָש . . . אויף די קאַלאָשן איז ניט אָנגעגעבן דער נאָמען פונם איינצלנעם אַרבעטער וואָס האָט זיי געמאַכט, ווייל עס איז ניטאָ קיין איינצלנער אַרבעטער איוואַן אָדער סטעפּאַן, יעדער איינער אין פאַבריק האָט אַ נומער, די אַלע נומערן צוזאַמען — אַ קאָלעקטיוו, דער זאַוואָד. איר זייט ניט קיין זאַוואָד, איר זייט אַ . . . נו . . . אַ קוסטאַר, און טאַקע דאָס ווילן מיר אָפּשאַפן, ניטאָ קיין איינצלנע קוסטאַרן־שרייבער, דאָ אַ שרייבער ק אָ ל ע ק ט י ו ו.

— און ער זאָל מאַכן... שרייבערישע קאַלאָשן. דער און דער נומער שרייבער קאָלעקטיוו האָט געשאַפן אַזאַ און אַזאַ נומער פּאָעמע־קאַלאָש. אַנאָנימקע, דאָס וואָס איר ווילט? שרייבער נומער 3679 . . .

— איר באַלאַנגט ניט צום אויספיר קאָמיטעט, ניט געקענט זיין ביי דער זיצונג. דאָרט איז אויך געפאַלן דאָס וואָרט „אַנאָנימקע”. נו, די מעשה מיטן שרייבערישן נאָמען איז דאָך קודם כּל אַן עקאָנאָמישע, דער שרייבער האָט זיך באַוואָרנט מ׳זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט, מ׳זאָל ניט צוגנבענען זיין פּראָדוקט. דאָס האָבן מיר באַזאָרגט. דער שרייבער קריגט באַצאָלט, גוט באַצאָלט, בעסער ווי דער קאַלאָשן מאַכער, און וועגן גנבה האָבן מיר אויך באַוואָרנט, וועגן דעם דאַרף דער שרייבער זיך ניט קימערן. דערויף האָבן אַלע מסכּים געווען. עס איז אָבער אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַן אַנדער פונקט, דער . . . סטאַכאַנאָווישער. צווישן אונדז גערעדט, וואָס איז סטאַכאַנאָווטשינע? אַ מיטל אָנצורעגן דעם אַרבעטער ער זאָל פּראָדוצירן מער, בעסער, אַ שפּיל אויף דער סטרונע פון מענטש־לעכער אייטלקייט, און ווער איז נאָך אַזוי אייטל ווי דער קינסטלער, דער שרייבער? טאַקע מהאי טעמא האָט מען באַשלאָסן איבערלאָזן דעם שרייבער זיין נאָמען, אָבער צו דעם נאָמען אים אויך צוגעבן אַ נומער,

און וויסן זאָלט איר, אַז אויב פאַר אייך איז וויכטיק דער נאָמען, פאַר אייער רום, אייער אומשטערבלעכקייט, אַזוי צו זאָגן, איז פאַר אונדז וויכטיק דווקא דער נומער, אַזוי לאַנג ווי דער שרייבער איז שטערבלעך, דאָס הייסט, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט.

— אויפריכטיק גערעדט, וויל איך אייך זאָגן אַז רום שפּילט אַ גרויסע ראָלע, אפשר אַ גרעסערע ווי איר דיינקט. אַ בלום דאַרף האָבן ערד, וואַסער און זון צום וואַקסן. דער שרייבער איז די ערד, זיין טאַלאַנט דאָס וואַסער, דער רום — די זון, הגם עס זיינען דאָ בלומען וואָס וואַקסן אין שאָטן. אָבער, איך בין אייך מוחל די זון, די באַרימטקייט, און אודאי און אודאי די אומשטערבלעכקייט. נאָך דאָ טפשים, וואָס זיצן און שרייבן ביכער וועגן דעם צי שעקספּיר איז טאַקע געווען שעקספּיר אָדער גאָר בייקאָן, אָט ווי דאָס וואָלט געמינערט אָדער געהעכערט די ווערט פון „האַמלעט”. שאַט, וואָס דאַרפט איר מער? קענט איר מיר זאָגן ווער עס האָט אָנגעשריבן דעם ספר איוב? איר ווייסט ניט, איך אויך ניט, פונדעסטוועגן ניט קיין שלעכט בוך . . . צוליב אָט דער אומשטערבלעכקייט, ווי איר זאָגט, דאַרף איך ניט מיין שרייבערישן נאָמען. ווינד און ווי וואָלט מיר געווען ווען מיינס אַ ליד וואָלט מען נאָר דערקענט דורך מיין נאָמען איבער דעם. איך האָף אַז מיין ליד וועט זיין אַזוי אינדיווידועל, אַזוי מ י י ן, אַז צווישן צען אַנדערע לידער וועט עס דערקענט ווערן ווי מיינס. אָט אַזוי האָב א י ך געזען די וועלט, אָט אַזוי דורכגעלעבט, מיטגעלעבט, דורכגעליטן, מיטגעליטן, און אָט אַזוי האָב איך עס איבער־געשאַפן, אַרויסגעזונגען, איבערדערציילט, אויף מ י י ן שטייגער, מיט מ י י ן סטיל. אָבער סטיל קען נאָר האָבן אַ מענטש, אַ מענטש מיט אַ נאָמען, אַ נומער קען קיין סטיל ניט האָבן. דערפאַר דאַרף איך ניט קיין נומער, וויל אים ניט, איך וויל זיין א י ך! פאַרשטייט איר מיך?

— איך פאַרשטיי, אודאי פאַרשטיי איך, — האָט געענטפערט דער ליטעראַרישער באַלעגאָלע (מיט אַפּאָלאָגיע צו דער ליטעראַרישער קאַוואַ־לעריע. זינט פּעגאַז איז אַריין אין שפּאַן האָט זי נעבעך געמוזט אויסבייטן די שפּאָרן אויף אַ בייטש) — נאָר אַ ביסעלע אַנדערש פון אייך. אייער סטיל, אייער אייגנאַרטיקע פאָרם, אייער אויסדרוק מיטל איז ביי אונדז אַ ביי־פּראָדוקט. אפילו אייערע בילדער, געשטאַלטן, אייערע „מענטשע־לעך”, וואָס איר וועט פאַר אונדז אויסמאָלן זיינען ביי אונדז נאָר וויכטיק אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי שפּיגלען אָפּ אַ געוויסע סביבה, דריקן אויס די רעוואָלוציאָנערע אידייע, העלפן אונדז אין קאַמף פאַר דער אידייע.

וועט איר שרייבן וועגן שול אָדער קלויסטער, מעגן אייערע כוונות זיין ווי פרום, פאַר אונדז וועט איר זיין אַן אפּיקורס, און דער גורל פון יעדן אפּיקורס איז אייך באַקאַנט — חרם. וועט איר שרייבן וועגן שיינע דאַמען, מעג אייער וואָרט זיין געשליפענער קרישטאָל, פאַר אונדז איז עס נאַרישע צאַצקעס, מיר זיינען ערנסטע מענטשן. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען. איר ווילט ניט קיין שריפטשטעלער־שאַפער. איר ווילט אַ פען, דער שרייבער — אַ לעבעדיקע שפּריץ פעדער. גיב איך צו, פענעס, שפּריץ־פענעס זיינען אַ גוט ווערקצייג אין געניטע הענט. די פענעס דאַרף מען האָבן, מ׳קען זיי אויך קריגן. געוועזן הויף־פּאָעטן, קענען אויך זיין פּראָלעט־פּאָעטן. באַשטעלט זיי הורטאָוונע וועט איר זיי נאָך קריגן פאַר אַ וואָלוועלען מקח אויך, אָבער מיך לאָזט צורו, איך וויל ניט זיין קיין פען ביי עמיצן אין האַנט, מעג דער עמיצער זיין דער אַרבעטער קלאַס, און מעג דער אַרבעטער קלאַס סוף כל סוף ברייננגען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

— וואָס זשע, אייך שטייט ניט אָן צו דינען דעם אַרבעטער קלאַס? איר האָט בילכערע זאַכן צו טון ווי ברייננגען די גאולה פאַר דער מענטש־הייט?

— דינען דעם אַרבעטער קלאַס? מיטן גאַנצן האַרצן, מיט לייב און לעבן, — נאָר אויף מ י י ן שטייגער, ווי א י ך וועל פאַרשטיין און פילן. און אויסלייזן די מענטשהייט?

„ניט צום גוטן, ניט פון בייזן\
ווילן מיר די וועלט דערלייזן,\
נאָר צום ווילן, דער וואָס שאַפט;\
דיכטער־קראַפט איז גאָטעס קראַפט".

אַזוי האָט געזונגען ריכאַרד דעהמעל.

—אַזוי, דעהמעל. נו, ניטאָ קיין גאָט און ניטאָ קיין קראַפט, עס זיינען דאָ קלאַסן און מאַכט.

— נו, פאַרוואָס נעמט ניט דער אַרבעטער קלאַס אין האַנט די מאַכט און . . . שרייבט?

— דער אַרבעטער קלאַס האָט בילכערע זאַכן צו טון, שרייבן לאָזט ער איבער פאַר די שרייבער, אָבער ער ווייסט געגוי וואָס די שרייבער דאַרפן שרייבן און ער באַשטימט די ליניע אָן וועלכער די שרייבער זאָלן זיך האַלטן.

— נו נו, ענדיקט שוין דעם פּסוק: „. . . און מיר מוזן בלייבן פעסט

ביי דער איבערצייגונג אַז הימנען צו די געטער איז די איינציקע פּאָעזיע וואָס דאַרף דערלויבט ווערן אין שטאַט".

— וואָסערע געטער, וועגן וואָס רעדט איר?

— דערקענט ניט? דאָס איז דאָך דער אַלטער פּלאַטאָ. אין זיין „רעפּובליק" רעדט ער עס וועגן פּאַרבאָטן האָמערן, אַ צענזור אויף אים. אַלץ וואָס איר דאַרפט איז ענדערן אַ פּאָר ווערטער, אָנשטאָט הימנען צו די געטער אַוועקשטעלן לויב געזאַנגען צו די פירער פונם אַרבעטער קלאַס . . .

— וואָס מיר פּלאַטאָ, ווער מיר האָמער! מאַרקסן לייענט! ליענינען, סטאַלינען! דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה, מסביבה אתה בא לסביבה אתה עובד (טאַקע עובד, מיט אַ דאַלעד), און די סביבה, די געזעלשאַפט, איז ביז דאָ ניט לאַנג געווען איינגעטיילט אין קלאַסן, אַ קאַפּיטאַליסטישן און אַ פּראָלעטאַרישן, צו וועלכן קלאַס באַלאַנגט איר, וועלכן קלאַס דינט איר?

— איך האָב ניט, וויל ניט האָבן קיין געאָגראַפישן אָדער סאָציאַלן פּאַספּאָרט, איך בין אַ טייל פון דער וועלט, איך קער זיך אָן מיטן שטערן מאַרס, מיט אַ בלודנע הינטל אין גאַס, מיט אַ גרעזל אין פעלד, און איך בין איך.

— ניטאָ קיין איך! מ י ר, די געזעלשאַפט, דער אַרבעטער קלאַס.

— געהערט. פיין. גוט. גיט מיר אַ בויגן פּאַפּיר און איך וועל מיט מיין קאַליגראַפישער האַנטשריפט זיך אונטערשרייבן: איך, ספרא, דער זון פון כתבא, באַשטיי דערויף אַז די אומגערעכטע און אומגעלומפּערטע ווירטשאַפט, וואָס ווערט באַצייכנט ווי די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, דאַרף אומגעביטן ווערן אויף דער גערעכטער און גוטער איינאָרדענונג, וואָס רופט זיך היינט צו טאָג די קאָמוניסטישע, צופרידן?

— איר טוט אונדז אַ טובה, טוט איר אונדז! אַ גוואַלדיקע זאַך, זיך אונטערשרייבן. ספרא בר כתבא גיט זיין הסכמה אויף מאַרקס, ליענינס און סטאַלינס תורה. איר זאָגט מיר בעסער וואָס זייט איר גרייט צו טון כדי די ענדערונג זאָל געמאַכט ווערן, געמאַכט ווערן וואָס פריער, און טאַקע לויט אַלע דינים פון ליענין און סטאַלין? די טאַט איז די זאַך, וואָס וועט איר ט ו ן?

— איך וועל שרייבן גוטע פּאָעזיע און פּראָזע.

— דאָס אַלעס?

— וואָס נאָך ווילסטו, מיין „ביבכען"?

— דער אַרבעטער קלאַס איז ביי אייך אַ „בובע״?
— אַ ביסעלע הומאָר וואָלט ניט געשאַדט אפילו דעם פּראָלעטאַריער... אָבער, מיר זיינען, אַפּנים, ערנסטע מענטשן, איז ערנסט גערעדט, וואָס וועט די געזעלשאַפט, דער אַרבעטער קלאַס טון פאַר מיר? שרעקט זיך ניט, איך רייד ניט וועגן אַ גאָלדענער יויך אָדער אַ בראָנזענער זראַזע, איר זאָגט מיר וואָס קען דער אַרבעטער קלאַס טון איך זאָל... ניט שטאַרבן? איך זאָל קיינמאָל, אפילו איין און איינציק מאָל ניט שטאַרבן. און ניט נאָר איך, נאָר איר, און אַלע מענטשן און חיות און בהמות צו אונדז, און אַז איר ווילט, אפשר אויך די בלומען. איך מיין — טויט, אָט דער שאָטן פון לעבן וואָס גייט דעם נאָך אַזוי לאַנג ביז ער יאָגט עס אַריבער, דיינקט איר אָט דעם טויט באַזייטיקן?
— ביז אַ געוויסן גראַד יאָ. אין אַ פּראָלעטאַרישער וועלט וועלן מענטשן לעבן לייגגער, מענטשן וועלן...
— מענטש איינער, אַנטשולדיקט, פּראָלעטאַריער וואָס איר זייט, הונדערט און איינס איז אַלץ איינס, איך רייד וועגן ט ו י ט, וועלכן הבל האָט איבערגעלאָזט בירושה און וועלכער רעדוצירט אַלץ צו הבל הבלים.
— נו, דעם טויט וועלן מיר אפשר ניט באַזייטיקן, איז דעריבער, איז וואָס?
— איז גאָרניט. מעג מען שרייבן וועגן אָט דעם טויט?
— ניין, טויט איז רעאַקציאָנער. איר זאָגט דאָך אַליין אַז דאָס פירט צו הבל הבלים, צו פּעסימיזם, צו בורזשואַזע שטימונגען, צו „איך״. וועגן לעבן, וועגן דעם ברויזנדיקן לעבן, וועגן קאַמף, וועגן דעם שרייבט!
— קעמפער שטאַרבן אויך.
— אודאי, אָבער זיי שטאַרבן אַנדערש. דאָס איז דער בורזשוי, וואָס ציטערט פאַר זיין פעל, וויל ניט שטאַרבן, כאָטש גיב אים אַ מיתה משונה.
— טאָלסטאָיס „כאַדזשי מוראַט״ האָט איר געלייענט?
— געלייענט. נו איז וואָס? קיינער וויל ניט שטאַרבן, אָבער דער פּראָלעטאַריער שטאַרבט אַנדערש, שענער, מענטשלעכער, רואיקער ווי דער בורזשוי.
— הם... שיינע טויטן. איר דערמאָנט מיר אָן פראַנץ ווערפלס „דער טויט פונם קליינבירגער״.
— ניט געלייענט.
— דאָרט וויל דער קליינבירגער ניט שטאַרבן, און שטאַרבט טאָקע ניט ביז זיין פאַרזיכערונגס פּאָליסי ווערט ניט גילטיק. זאָגט דער יידישער

דאָקטאָר: די קליינבירגער ווילן ניט שטאַרבן, ווייל זיי פילן אַז זיי האָבן נאָך געוויסע געשעפטן צו דערליידיקן. דער פּראָלעטאַריער שטאַרבט רואיק — אַלץ אָפּגעטון.

— ריכטיק.

— וואַרט, דאָס איז בלויז אַ האַלבע מעשה . . .

— ווי לאַנג איז זי, די מעשה?

— גאַנץ קורץ. דער קריסטלעכער דאָקטאָר ענטפערט מיט אַ „קאַפּו־ליער" שמייכל: בלויז איין מין מענטשן שטאַרבן ניט גערן — איר יידן.

— ביידע דאָקטוירים זיינען גערעכט, ווייל מיר יידן ז י י נ ע ן קליינבירגער.

— אויב אַזוי, זאָגט זשע מיר, וועגן אָט דעם נייעם ניואַנס אין טויט מעג מען שרייבן?

— ב—יי־ן. וועגן לעבן, וועגן שטורמישן, קעמפערישן לעבן, וועגן דעם דאַרף מען שרייבן, וועגן קאַמף!

— פיין. מעג מען שרייבן וועגן קאַמף צווישן מאַן און פרוי?

— זייט איר ניט אַמאָל חוני המעגלס אַן איניקל? ווייסט איר אַז עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע? ווייסט איר ניט אַז די פרוי איז גלייכבאַרעכטיקט מיטן מאַן אין אַלע הינזיכטן? האָט איר געהערט פון דער אינסטיטוציע „זאַגס", וווּ מאַן און פרוי קענען זיך איינשרייבן און אויסשרייבן?

— ניט פאַר אייך געזאָגט געוואָרן, אַליין געווען אין „זאַגס". געמעגט שווערן אַז איבסענס בילד היינגט דאָרטן, יעדע פרוי קען עס זען, אָבער אויך סטרינדבערגס גייסט שוועבט דאָרט אַרום, יעדער מאַן פילט אים.

— וועגן וואָס רעדט איר?

— וועגן דער זיבעטער ריפּ רייד איך. וועגן אָט דער ריפּ וואָס איז פאַרוועגדט געוואָרן אויף חוהן, און יעדער מאָל וואָס חוה דערנענטערט זיך צו אדמען גיט עס אים אַ שטאָך אין דער זיבעטער ריפּ, ווי עס גיט אַ שטאָך דעם פוסלאָזן אין דעם פלאַץ פון דער אָפּגעשניטענער פוס. גייט חוה אַוועק איז ווי די קוליע וואָלט אַוועקגעפאַלן. אַן איר זיך ניט אַ ריר צו טון, מיט איר זיך ניט אַ קער צו טון. גיט ער אַ קוק אויף חוהן זעט ער בשר מבשרי, און ויחד . . . אדם, אויב איר ווייסט דעם דאַפּלטן טייטש דערפון.

אַן אויפריכטיקער זיפץ. — אוי, ווייס איך! — אַ פליכטיקער קוק צי האָט עמיצער ניט באַמערקט דעם אומגעריכט פאַרלאָרענעם זיפץ...

— אָבער די פּרוּי איז גלייכבאַרעכטיקט, זי איז אַ מענטש, אַ חבר, אַ גלייכער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט.

— אַז מ׳קוקט אויף די שיך זיינען אַלע מענטשן גלייך, פון די שיך און העכער איז שוין די גלייכקייט ניט אַזוי גלייך . . .

— נו, איז וואָס ?

— מעג מען וועגן דער גלייכקייט־אומגלייכקייט עפּעס שרייבן ?

— ניין. דאָס איז אַ פאַרשאָלטענע פראַגע. דאָס איז נשמה קווע־טשערייען. וואָס טויג זיך גריבלען ? מיר זיינען אַקטיוויסטן, זיינען מיר. טון דאַרף מען. איצט איז אַ צייט פון בוי און איבערבוי, פון טעכניק, אינדוסטריאַליזאַציע, עלעקטריפיקאַציע, פילאָזאָפירן, מעדיטירן — אַן עסק פאַר בורזשויען. מיר דאַרפן טון, קעמפן, לעבן מיטן ריטם פון גרויס־שטאָט, שרייען אין גערויש פון מאַשינען.

— זייט איר אַמאָל געווען אין אַ פאַבריק ווו מע מאַכט טשוועקעס ?

— ניין, וואָס איז ?

— ווייסט איר אַז יעדער איינער וואָס אַרבעט דאָרט איז טויב ?

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס ?

— אַנטקעגן דעם וואָס איר זייט אַזוי באַרוישט פון מאַשינען גערויש אַז איר הערט ניט ווי איר ווערט טויב, און מיט דער צייט אויך שטום . . .

— צוריק די ראָד קען מען ניט דרייען.

— ניין, אָבער איר קענט זיך פאָרשטעלן אַז איינער אַ שריפטשטעלער, וואָס וויל ניט טויב ווערן פון אָט דער איינפאַכער, שטאָלענער, רעדל און וואָל מאַשין זאָל אָנטון די טויבע היטל און זיך צוהערן צו דער קאָמפּליצירטסטער, פיינסטער און אומגעלומפּערטסטער מאַשין — צו זיך. צוהערן זיך צום ווילדן בלוט וואָס לויפט האַסטיקער פון דער שנעלסטער מאַשין, נאָכפאָלגן דעם שטריינגן געדאַנק, דער פארשייטער פאַנטאַזיע, די צעטראָגענע טאָג און נאַכט חלומות, זיך דערהייבן מיט זיי צו דער העכסטער הויך און זינקען אין טיפסטן תהום; צוקוקן ווי אָט די מאַשין ווערט געטריבן פון אַזוי פיל כוחות, געריסן פון אַזוי פיל אימפּולסן און ווערט דאָך ניט צעריסן.

— לויזן שטימונגען ? קוקן אויפן נאָפּל ?

— יאָ, קוקן אויפן נאָפּל, וואָס האָט אים אַמאָל צוגעבונדן צו דער מוטערס לייב, צו אַ וועלט און איצט אָפּגעריסן, קען זיך מער ניט באַ־העפטן און זוכט אַ וועג צו אַן אַנדער וועלט.

— מעטאַפיזיקע. ניטאָ קיין וועלט. עס איז דאָ אַ געזעלשאַפט.

— און אַז אַ געזעלשאַפט איז דער דיכטער טאַקע ניט מער ווי דאָס שטיקל צוקער אין דער געזעלשאַפטלעכער גלאָז טיי? און ווי, אַז ער איז די בין, גיט האָניק און טוט אויך אַ שטאָך?

— איז לא מעוקצך ולא מדובשך. זיך באַגיין אָן אים.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס רופט איר אים, פאַרוואָס האָט איר טענות צו אים, צום שריפטשטעלער נאָך מער ווי צום מוזיקער, מאָלער און סקולפטאָר?

— אָפּן גערעדט, ווייל ער קען אונדז ברייינגען נוצן. ער מער ווי די אַנדערע.

— און ווי אַז אים ליגט ניט אינזינען דער „נוצן", ער וויל בלויז אַז אין זיין וואָרט שאַפונג זאָל, ווי אין אַ שטיל טייכל, זיך הערן אַ וואַסער געפּליסטער, עס זאָל זיך אין דעם אָפּשפּיגלען די ליכטיקע זון און דער טונקעלער בוים. אַ שטיל טייכל, דאָך באַוועגט זיך עס, און אויב דאָס טייכל שיקט נאָך נאַרונג צו די וואָרצלען פון דעם בוים וועלכער שפּיגלט זיך אין דעם, איז מה טוב, כאָטש דעם טייכל גייט עס ניט אָן, עס לעבט פאַר זיך.

— קונסט לשם קונסט? אָן אַלטע קונץ. געשטאָרבן.

— און אַז אַ ייד טאָר ניט עובר זיין אויף מה נאה אילן זה, מיינט איר, איז ניי? און מאי קא משמע לן איז דאָס אַזאַ נייער ניגון?

— דער ניגון איז אַן אַלטער, אָבער די גמרא איז אַ נייע. איר הערט, אַ נייע גמרא פאַר אַ נייער וועלט. די צרה מיט אייך, איר זייט טויב, איר זייט בלינד, איר זעט ניט די נייע וועלט וואָס ווערט געשאַפן פאַר אייערע אויגן.

— אָבי איך האָב געדיינקט אַז ס'איז ניטאָ קיין וועלט, אַ געזעלשאַפט בלויז.

— איר טשעפּעט זיך שוין צו ווערטער.

— געוויס. ביי אייך זיינען ווערטער ביליק, טייער איז די טאַט. מיר „טוען" מיט ווערטער, און אין דעם „ווערטער לאַנד" איז וועלט ניט געזעלשאַפט. געזעלשאַפט מיינט סטאַדעס לעבעדיקע ברואים אויף אַן אינזל אין אַ גרויסן ים, און דער גרויסער ים — אַ טראָפּן וואַסער אין דער גאָר גרויסער וועלט. און דער אינזל איז אַ פייערדיקער, דער ים אַ שטורמדיקער, און די וועלט, ווער ווייסט זי?

— וועגן דעם זאָלן די אַסטראָנאָמער, פיזיקער, געאָגראַפער זיך זאָרגן.

— און ווי אַז די סטאַדעס פרעסן איינע די צווייטע ?
— וועגן דעם' וועלן מיר זיך זאָרגן.
— און ווי אַז איינער פרעסט זיך אַליין ?
— ניטאָ קיין איינער, קיין אַליין, די געזעלשאַפט אָדער, אפילו ווי איר זאָגט, די סטאַדע.
— אין בכלל אלא מה שבפרט. איינצלנע מוזן דאָך זיין.
— נו יאָ, דאָ איינער, אָבער קיין אַליין.
— און ווי אַז דער איינער איז ניט איינער פ ו ן דער סטאַדע, נאָר איינער אין דער סטאַדע ?
— איז ער איין שוואַרצע שאָף.
— און ?
— אחת דתו . . .
— דאָס זאָגט ווער ?
— דאָס זאָגן מ י ר !
— און „איך" ?
— „איך" שטייט שוין ביים ווענטל . . .
— עס נעמט אים ניט קיין קויל.
— אומשטערבלעך, עה ? נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען.
די נעמען מינערן זיך, די נומערן מערן זיך, און זיי ריידן, דערציילן, נאָר זאָגן זאָגן זיי גאָרניט ; מ'שטיינס געזאָגט, וואָס אַ נומער קען שוין זאָגן. וועלן די נעמען טאַקע אינגאַנצן פאַרשווינדן, פאַרשטומען ?
אַלע דיקטאַטאָרן, פון די עלטסטע צייטן ביז היינט צו טאָג, זיינען בדרך כלל פחדנים. די אַלטע קייסאָרים האָבן פונדעסטוועגן זיך פאַר־גונען, ניט מורא געהאַט צו האַלטן ביי זיך דעם הויף־נאַר, וואָס האָט אונטער דער מאַסקע פון נאַרישקייט גאַנץ אָפט אַרויסגעזאָגט קלוגע אמתן טאַקע דעם קייסער גופא. די מאָדערנע דיקטאַטאָרן האָבן ניט קיין מוט אפילו אויף אַזוי פיל. אונטערן רעזשים פון צאַר ניקאָלאַי האָט געקענט לעבן און שרייבן אַ סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, אונטער מאַרשאַל סטאַלין האָט אַ זאַשטשענקאָ געמוזט פאַרשטומט ווערן. די נייע דיקטאַ־טאָרן האַלטן פונם אַלטן ווערטל — דער בעסטער שונא איז אַ טויטער שונא, זיי זיינען אָבער בראַוו געענוג ניט מורא צו האָבן פאַר קיין טויטע ; מאַרטירער מאַטערן ניט זייער געוויסן.
פאַר דעם שרייבער מיט זיין נאָמען, זיין איך, זיין פרייהייט צו שאַפן קען דעריבער ניט שטיין די פראַגע — זיך אונטערגעבן, ווערן אַ נומער,

אָדער שטאַרבן (פּיזיש אָדער גייסטיק) על קידוש השם; מיט שטאַרבן פֿאַרן נאָמען טוט ער ווינציק וואָס אויף. די פֿראַגע איז: קען ער, דער שרייבער, דער קינסטלער, געפֿינען אַ וועג ווי מ ק ד ש ז י י ן ד ע ם ש ם ל ע ב נ ד י ק? אין אַנדערע ווערטער — קען מען אויסגעפֿינען אַ וועג ווי צו באַקעמפֿן די מאָדערנע דיקטאַטורן אויף אַ מאָדערנעם אופֿן?

א. סילאָנע האָט אָנגעשריבן אַ סאַטיריש בוך „אַ שולחן ערוך פֿאַר דיקטאַטאָרן", ג. אָרוועל האָט אָנגעשריבן „1984", קיין פּראַקטישן שולחן ערוך פֿאַרן רעוואָלוציאָנערן קינסטלער האָט נאָך דערוויל קיינער ניט אָנגעשריבן און, כשאני לעצמי, איך קען אַזאַ שולחן ערוך ניט פֿאַרפֿאַסן... וועט עמיצער וויזן דעם וועג? וועלן די קינסטלער גיין אויף דעם וועג?

איך קען בלויז ה אָ פֿ ן אַז יאָ. דערוויל? דערוויל איז ביטער. זייער ביטער, טאַקע מר ממות...

נביא, כהן און בדחן

שטיל אין צימער ווי אין אַן אויער. שטיל און פינצטער. בלויז אין איין ווינקל וויגט זיך אַ ליכט פלעק. איבערן ליכט פלעק אויפן שרייב טיש בערגלט זיך אַ פלייצע, שוואַרצט זיך אַ קאָפּ. די טונקלקייט אין צימער קריכט אויף דער פלייצע, קלעטערט איבערן קאָפּ, וויל פאַרדעקן דעם ליכט פלעק. דער שרייבער טוט אַ הייב דעם קאָפּ, און די טונקלקייט, אַ צעריסענע, אַנטלויפט, דער ליכט פלעק ווערט העלער, דאָס ווייסע פּאַפּיר רייצט און מאָנט — לאָמיך באַשריבן ווערן.

די האַנט יאָגט נאָך דעם קאָפּ, דעם אויג, אַ ניט פאַרענדיקט וואָרט גיסט זיך צוזאַמען מיטן אָנהייב פון אַ צווייטן וואָרט, די ווערטער — איינצלנע טראָפּנס — גיסן זיך צוזאַמען אין אַ שטראָם, און דער שטראָם — אַ שטילער — יאָגט זיך פונדעסטוועגן האַסטיק, גייט אַרום „שטיינד־לעך", שלעפּט מיט „שפּענדלעך", שפּעטער, ווען דאָס וואַסער וועט שוין זיין אַ רעזערוואַר, וועט ער עס רייניקן, פילטרירן, דערווייל זאָל עס גיין ווי עס גייט.

די פלייצע, דער קאָפּ האָט דערפילט עמיצן, די פינגער אַרום דער פּען האָבן זיך אויסגעגלייכט, געלאָזט די פּען פאַלן, דער שרייבער האָט האַסטיק אַ דריי געטון דעם קאָפּ — ווער . . . זייט איר?

— זיך דערשראָקן? — האָט דער שרייבער דערהערט אַ פאַרטרוילעכע שטימע, קוים זעענדיק די פיגור פון אַ מענטשן אין דער טונקלקייט.

— דערשראָקן? איך ווייס ניט, — דער ציטער אין קערפּער ביים אַ דריי טון זיך האָט זיך שוין איינגעשטילט, א י צ ט איז שוין זיכער ניט געווען קיין שרעק, ניין, ער האָט קיין מורא, ער איז פּשוט נייגעריק.
— ווער זייט איר? ווי קומט איר אַהער? — דער שרייבער האָט אַ פיר געטון מיט די אויגן צום פענצטער, טיר — דורך וואַנען האָט עס געקענט אַריינקומען דער מענטש, די... געשטאַלט? דעם פּנים האָט ער נאָך אַלץ ניט געזען קלאָר.

— מיין נאָמען איז . . . נביא.

— נביא?

— איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער זינדיקער וועלט, — האָט די געשטאַלט גערעדט, ניט ענטפערנדיק אויף דעם פאַרוואונדערונג אויסרוף „נביא", — איבעראַל פינצטער, חושך . . . מיט אַמאָל דערזען ליכט אין אַ פענצטער, האָב איך באַשטימט — דאָ איז מיין יורש, בין איך געקומען זיך דורכשמועסן מיט דיר, טאַקע וועגן דער ירושה.

— זייער פיין פון אייער זייט, — האָט דער שרייבער געענטפערט מיט אַ העפלעכקייט דורך וועלכער עס האָט זיך דורכגעשלאָגן די איראָניע, — אָבער מיר דוכט אַז איר האָט פאַרבלאָנזשעט, געטראָפן ניט אין ריכטיקן פּלאַץ. עס שטייט געשריבן: זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז די נבואה איבערגעגאַנגען צו די קליינע קינדער און די נאַראָנים, און איך, איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט לייגן תפילין, און איך באַלאַנג אויך ניט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, איך בין ניט פון די שרייבער וואָס פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויפן רוח הקודש, איך שרייב מיט קאָפּ . . .

— אָט האָסטו דיר! ככתוב! עס שטייט געשריבן! ביסט'אָך אַליין אַ שרייבער, מעגסטו דאָך וויסן אַז עס זיינען דאָ שרייבער טפשים, אָדער שרייבער וואָס שרייבן נאַרישקייטן, האָט אַ טפש אָנגעשריבן אַז די נבואה האָט זיך אָפּגעטון, איז דאָס תורת משה? הער וואָס איך זאָג דיר, די נבואה האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעטון, יעדער דור האָט זיך זיינע נביאים, אמתע און אויך פאַלשע. וואָס איז אַ נביא? זיכער ניט קיין מענטש וואָס זאָגט פאָרויס די צוקונפט. קיינער פון אונדז נביאים האָט אפילו ניט געקענט פאָרויסזאָגן צי מאָרגן וועט . . . רעגענען. אויב ישעיה האָט געזאָגט ביום ההוא, איז ער געווען קלוג גענוג ניט אָנצוגעבן קיין דאַטום אין וועלכן יאָר וועט עס קומען יענער טאָג. ניין, מיר זיינען ניט געווען קיין פאָרויסזאָגער. אַ נביא איז אַ מענטש מיט אַן אָפן אויג, אַ שאַרפער צונג און אַ וואַרעם האַרץ. מיטן אָפענעם אויג האָט ער דערזען דעם מענטשן, ניט נאָר זיין צורה, זיין געשטאַלט — דאָס קען יעדער איינער — נאָר דעם תוך זיינעם, זיינע מחשבות, ערלעכע און זינדיקע, ער האָט דערזען דעם שורש פון גוט און בייז. און, דערזען, האָט ער עס שאַרף אַרויסגעזאָגט, ניט שאַנעוועדיק קיינעם. דאַרף איך דיר דערציילן אַז דאָס שאַרף אַרויסזאָגן איז ניט קיין קליינינקייט? ביסט'אָך אַ שרייבער, ווייסטו, דאַרפסט וויסן, אַז געפינען דאָס פּאַסיקסטע וואָרט, דער עיקר

דאָס אמתדיק וואָרט, אַ וואָרט וואָס זאָל זיך אַריינשניידן אין מח, זיך אַריינעגבערן אין דער נשמה, איז ניט פון די לייכטע אַרבעטן. געווען גינסטיקע מאָמענטן, ווען דער רוח הקודש, אַזוי צו זאָגן, האָט גערוט, דאַן האָבן די ווערטער געפלאָסן ווי אַ שטראָם, איך מוז דיר אָבער זאָגן אַז אויך מיר האָבן זיך ניט פאַרלאָזט אינגאַנצן אויפן רוח הקודש. דער ויאמר אָדער וידבר אדני אלי איז גאַנץ אָפט געווען ניט מער ווי די פאָרמע, אַ סטיל אַזאַ. ניט איין נאַכט האָב איך אויסגעווייטיקט די רעדע, וואָס אויף מאָרגן האָב איך זי געהאַלטן אין נאָמען פון גאָט. יאָ, אַן אָפן אויג, אַ שאַרפע צונג, אָבער די בײדע זיינען נאָר אַרויסהעלפער דעם וואַרעמען האַרץ. ווייל וויסן זאָלסטו, עס איז ניט גענוג צו דערזען דאָס שלעכטס אינם מענטשן און אים שטראָפן דערפאַר מיט שאַרפע רייד, סתם לשם שטראָפן. גרינג צו דערזען אַ שוואַרצן פלעק אויף אַ ווייס זיידן קלייד, דער פלעק רייסט ממש די אויגן, אָנווייזן אויף אָט דעם פלעק, אַ שטעל טון דעם פינגער און זאָגן: ביסט פאַרפלעקט! איז אַ קנאַפּע בריהשאַפט, דער עיקר, דאַרפסטו וויסן, איז דאָס קלייד, ניט דער פלעק. „צוליב וואָס שטראָפט גאָט דעם מענטשן אויב ניט כדי אים אויסצו־בעסערן”? אויסצובעסערן! פאַרשטייסט? דאָס איז דער עיקר. דאָס איז געווען, איז און וועט זיין די אַרבעט פון אונדז נביאים.

איך מוז דיר זאָגן די אַרבעט איז ניט קיין גרינגע, גאָרניט קיין גרינגע. ווי דער מילגרוים איז פול מיט קערנדלעך אַזוי איז דער מענטש פול מיט זינד, ניט אַזוי גיך קען מען אים באַפרייען פון זיי. ווי אייטער יאַטערט זיך די זינד אין אים, און מ׳מוז אויפשניידן די מכה, אויסקוועטשן דעם אייטער, ערשט נאָכדעם צולייגן אַ פלאַסטער די וווּנד זאָל זיך פאַרהיילן. און וועלכער מענטש וויל דאָס געשניטן ווערן? זיינען טאַקע געווען פאַלשע נביאים וואָס האָבן נ י ט געשניטן. אָדער זיי האָבן גאָר פאַרזען די מכה, אָדער, ווען פאַרזען איז שוין געווען שווערער ווי דערזען, האָבן זיי געלייגט פלאַסטערלעך — ס׳איז גאָרניט, וועט זיך צעגיין פון זיך. זיי איז געווען אַ סך גרינגער, אין די קעניגלעכע הויפן פון וואַנען מ׳האָט אונדז פאַרטריבן האָט מען זיי געהאַלטן אין גרויס כבוד; און אויך דאָס פאָלק, דאָס פשוטע פאָלק, האָט זיי גערן געגעבן מתנות בעת אונדז האָבן זיי פאַרוואָרפן מיט שטיינער. יאָ, ביים לעבן איז זיי געווען בעסער פון אונדז, זיי זיינען געשטאָרבן אין זייערע אייגענע בעטן אין עושר און אין כבוד, מער ניט, זיי זיינען געשטאָרבן א י נ ג אַ נ צ ן, קיין זכר איז פון זיי ניט געבליבן. אונדז האָט מען ביים לעבן ניט געשאַ־

נעווען, גאַנץ אָפט האָט מען אונדז געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט, אין תּפיסה האָט מען אונדז געוואָרפן און, דאָס ערגסטע, מ'האָט פאַרברענט אונדזערע ביכער, די מגילות וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי אָנגעשריבן, מיר האָבן זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן, די מגילות האָבן מיר אויף סניי געשריבן, אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט זיינען מיר פאַרשטויסענע, פאַריאָגטע, אונדזערע מגילות זיינען אָבער געבליבן לדור דורות. דאָס איז דער כּוח און אויך דער שׂכר פון אמת. האָט זיך דער אמת אָפּגעטון פון דער ערד? איך האָב געזען, פול איז די וועלט מיט ליגן, אָבער אַזוי איז עס געווען אין אַלע צייטן, און אין יעדער צייט איז געווען דער עמיצער, וואָס האָט געזאָגט דעם אמת, צי ער האָט געהייסן נביא, רב אָדער רבי, מגיד אָדער . . . שרייבער. דער נאָמען, דער סטיל האָט זיך געביטן, ניט דער אמת. איצט פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס איך האַלט דיך פאַר מיין יורש?

— פאַרשטיין פאַרשטיי איך, אָבער . . .

— אָבער וואָס?

— אָבער איך בין ניט מער ווי אַ שרייבער.

— ניט מער! און וואָס זיינען מיר געווען? מער ווי שרייבער? נביאים האָט מען אונדז גערופן דעמאָלט, אָבער איך האָב דיר געזאָגט, געביטן האָט זיך דער נאָמען, ניט דער תּוך. אין תּוך זיינען מיר געווען די שרייבער פון יענער צייט.

— צייטן בייטן זיך, אויך שרייבערײַ האָט זיך אַ היפּש ביסל געביטן.

— איך ווייס, איך ווייס. מיין ניט אַז דו זאָגסט מיר עפּעס נייס, אָדער אַז עס א י ז עפּעס נייס. אויך אין אונדזער צייט זיינען געווען שרייבער און ניט מער ווי שרייבער. איך רייד דאָ ניט וועגן די נביאי השקר ביי אונדז, נאָר פון די שרייבער ביי די אומות העולם. זיי איז ניט אָנגעגאַנגען קיין יושר און צדק, געזוכט האָבן זיי שיינקייט און אמת. מערק דיר, אויך אמת, מער ניט, זיי האָבן זיך ג ע ש פּ י ל ט מיטן אמת. אמת, האָבן זיי געזאָגט איז שיינקייט, שיינקייט איז אמת. היט זיך פאַר אָט דעם שיינעם ליגן. דאָס איז אפשר אויך אַ דרך, אָבער ניט דער י י ד י ש ע ר דרך. זיי האָבן זיך געשפּילט ניט נאָר מיטן אמת, אויך מיט גאָט, געטער האָבן זיי זיך געשפּילט. זיי האָבן פילאָזאָפירט, מעדי־טירט, אימפּראָוויזירט, אָבער אַלץ איז געווען ניט מער ווי אַ שפּיל, זיי האָבן זיך געשפּילט אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן פאַרשפּילט. פון זייערע געטער איז קיין שפּור ניט געבליבן, געבליבן איז דער איינציקער גאָט, דער

יידישער, ווייל מיר האָבן אים געזוכט אויף אַן אמתן, און אויך דער אמת, בעסער געזאָגט, דאָס זוכעניש פון אמת, איז אַ יידישער ענין, ד ע ר ענין פונם יידישן שרייבער.

עוד זה מדבר, און עס האָט זיך דערהערט אַ שפּאָטישע שטימע „ד ע ר ע נ י ן", און פון דער טונקלקייט האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ געשטאַלט.

— כהן איז מיין נאָמען. מער ווי איין מאָל איז מיר אויסגעקומען זיך אַמפּערן מיט אים, דעם נביא דאָ, און אויך איצטער קען איך ניט צוהערן זיינע רייד און שוויגן, דער אמת, מעג ער זיין ווי מיאוס, דאַרף געזאָגט ווערן, און ניט נאָר געזאָגט ווערן, נאָר אויסגעשריען ווערן, שרייען, שניידן מיט דער שאַרפער צונג, אויפשניידן מכות, אויסקוועטשן דעם אייטער . . . דאָס איז זיין עובדא זינט איך געדיינק אים און ער וויל אַז דו זאָלסט נאָכגיין אין זיינע פיס טריט. איך האָב אים געזען ווי ער איז געשטאַנען אויפן מאַרק, גערעדט, איך מוז זאָגן אייניקע מאָל זייער שיין גערעדט, גאַנץ אָפט האָט ער געשריען, געשריבן זיינע „לייט־אַרטיקלען" אין דער הויך, אַ הייפעלע מענטשן האָבן זיך צוגעהערט צו אים, געשאָקלט מיט די קעפּ, און ער האָט געדיינקט זיינע רייד זיינען אָנגענומען געוואָרן. ער האָט געענדיקט ריידן, זיינען די מענטשן זיך צעגאַנגען יעדערער זיין וועג, צו זיינע טעגלעכע טואונגען קעגן וועלכע ער האָט געשטורמט. איצט וויל ער דו זאָלסט שרייבן . . . לייט אַרטיקלען. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט קען היינט האָבן דיינער אַן אַרטיקל קעגן די טויזנטער אַרטיקלען אין די צייטונגען, דיין שטימע קעגן דער ראַדיאָ, דעם מעגאַפאָן, דיין שיין וואָרט קעגן דעם פּיפּיקן שלאָג וואָרט?

און האָט ער עפּעס אויפגעטון מיט זיין ריידן, מיט זיין שרייען, מיט זיין שניידן? די וועלט האָט ער געוואָלט איבערמאַכן, האָט ער כאָטש איין מענטשן אויסגעהיילט? איך צווייפל זייער שטאַרק, סיידן אפשר זיך אַליין. שטורמענדיק קעגן מענטשלעכע זינד האָט ער זיך אַליין געריייניקט פון זיינע זינד, סוף כל סוף איז ער דאָך אויך ניט מער ווי אַ מענטש. אַנדערע מענטשן האָט ער ניט אויסגעהיילט. כדי אויסצוהיילן, אויס־בעסערן דעם מענטשן דאַרף מען פריער וויסן פון וואָס דער מענטשליידט, וואָס ער איז, און דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געוווסט. זינד, דער מענטש איז זינדיק, דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט געוווסט, דעם זינדיקן דאַרף מען שטראָפן, און ער האָט געשטראָפט. דאָס און ניט מער. מיט דעם קען מען ווייט ניט פאַרפאָרן. ער האָט דיר געזאָגט: דער נביא, דער שרייבער

דאַרף האָבן אַן אָפן אויג, זען גוט. מיט דעם בין איך מסכים. דאָס ערשטע וואָס דו דאַרפסט זען איז וואָס איז דער מענטש? דערקענען אים. איך בין ניט קיין נביא, אָבער איך האָב געזען אַ סך מענטשן, מער ווי דער נביא, און איך זאָג דיר: דער מענטש איז אַ שוואַכע, הילפלאָזע, צע־שפּאָלטענע באַשעפעניש. אָט דער זעלבער זינדיקער מענטש קעגן וועלכן ער האָט געשטורעמט, ווען ער האָט געשטראָפט מיט די שאַרפסטע ווערטער — און ער האָט די שטראָף פאַרדינט — איז ניט איין מאָל געקומען צו מיר איך זאָל אים העלפן. אָט דער זעלבער מענטש, וואָס איז געווען אַזוי ליסטיק צו באַגיין דעם געמיינסטן שווינדל, האָט ניט געקענט פאַרשטיין זיך אַליין ווי אַזוי איז דאָס גאָר געקומען צו אים. ער איז באַגאַנגען אַ מיאוסן פאַרברעכן און געביינקט, געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו רעכטפאַרטיקן זיך, ער האָט אָבער ניט געוווסט ווי אַזוי. און ער איז געקומען צו מיר איך זאָל זיין דער פאַרמיטלער צווישן אים און גאָט, איך זאָל ברענגען אַ קרבן פאַר אים. איך האָב עס געטון. איך האָב אָנגענומען זיין קרבן, געברויכערט קטורת, און דער מענטש איז געגעזן געוואָרן. ניט איך, גאָט האָט עס אָנגענומען זיין קרבן, גאָט האָט אים פאַרגעבן, ער איז ניט מער דער זינדיקער פאַרברעכער, דער ליסטיקער שווינדלער, ער איז אַ ריינער מענטש, שלום איז צווישן אים און גאָט, ער איז שלום מיט זיך גופא. און ד אָ ס האָט אים געשטאַרקט, אים געגעבן כוח ווייטער צו לעבן.

שוין טויזנטער יאָרן אין דעם, דער מענטש האָט זיך אָבער ווינציק וואָס געביטן. היינט, ווי דעמלט, זוכט דער מענטש אַ וועג צו גאָט. דער מענטש, מעג ער זיין ווי פאַרדאָרבן, איז ער עס אָבער ניט פולע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת, עס מאַכט זיך אַ מינוט, אַ כהרף עין, און אים כאַפּט אַרום אַ בייַנקעניש נאָך עפּעס בעסערס, שענערס, אין דער מינוט איז ער גרייט צו וויינען, פאַלן אויף די קני, טון אייניקעס, אַבי געפינען רו, שלום. ער קען עס אָבער אַליין ניט טון, ער איז, ווי זאָל איך דיר זאָגן, שטום. מיט זיין לאַנגער צונג צו זאָגן ליגנס, ריידן נאַרישקייטן, ווען עס קומט ריידן צו גאָט איז ער שטום, ער האָט ניט די ווערטער דערפאַר. אין די אַלטע צייטן איז ער געקומען צו מיר איך זאָל ברענגען אַ קרבן חטאת פאַר אים, ער זאָל ריין ווערן פון זינד, אַ קרבן שלמים, ער זאָל ווערן שלום מיט זיך, מיט גאָט. תפילה האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון עבודה, ער קען אָבער אַליין אויך קיין תפילה ניט טון, ער דאַרף אַ חזן און, וואָס נאָך וויכטיקער, אַ סידור, אַ מחזור. דער פרומער ייד האָט

געהאַט זיין סידור און מחזור וואָס אַ דיכטער, דיכטער האָבן פאַר אים צוזאַמענגעשטעלט, דער היינטוועלטיקער ייד וואָרט אויף דיר דו זאָלסט געפינען פאַר אים דאָס וואָרט, ריידן פאַר אים צו גאָט. דו דאַרפסט דערפילן זיין ביינקעניש נאָך שענערס, בעסערס און אָט דער ביינקעניש געבן אַן אויסדרוק, ער זאָל עפענען דיין בוך, איבערלייענען אַ בלעטל און דערפילן אַז דאָס רעדסטו פאַר אים, דו ביסט זיין מליץ יושר. מיט דאַנקבאַרקייט וועט ער דיר אָנטקעגנטראָגן זיין „קרבן", ער וועט דיך אָכפּערן און שעצן, ווייל דו האָסט באַרויקט זיין געמיט, האָסט אים אויס־געלייזט פון זיין קלעם.

אָט דאָס איז דער מענטש. ניט דעם אמת זוכט ער ביי דיר, רויקייט, שלוה זוכט ער, זיין ביינקעניש וויל ער שטילן. דער ייד איז אַ אמת זוכער? דאָ אויך אַנדערע וואָס זוכן דעם אמת, אויב דו זעסט דער ייד איז אומרויקער פון אַנדערע איז עס ניט דערפאַר ווייל ער, און דוקא ער, זוכט דעם אמת, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט ניט געפונען זיין כהן. עס פעלן ניט קיין נביאים ביי יידן, כהנים פעלן יאָ. ביי זיי, ביי די אומות העולם, שפּילט דער כהן — ער גייט אונטערן נאָמען גייסטלעכן — אַ גרויסע ראָלע, אונדזערע כהנים איז איבערגעבליבן דאָס דוכענען . . . און הערסטו ווי אַ ייד, אַ באַרימטער ייד, אַ דיינקער, אַ שרייבער, אַן אומרויקע נשמה האָט פאַרלאָזט די יידישע עדה, איז אַריבערגעגאַנגען צו די אומות העולם, מעגסטו זיין זיכער אַז ער האָט עס געטון ניט דערפאַר ווייל דאָרטן האָט ער געפונען ד ע ם אמת — ד ע ר אמת איז גאָר ניט בנמצא — געפונען האָט ער דאָרט דעם כהן, זיין כהן וואָס האָט אים געבראַכט די געגאַרטע רו. ווילסטו דינען דעם מענטשן, ווילסטו עפּעס טון פאַרן יידן, זיי דער כהן פאַר אים, טו פאַר אים די „עבודה". דיין אַרבעט וועט דאַן זיין עבודת קודש.

— ניט מער און ניט ווינציקער, עבודת קודש, — האָט זיך דערהערט אַ שפּאָטישע שטימע און גלייך איז אויסגעוואָקסן די דריטע געשטאַלט.

— בדחן איז מיין נאָמען. איך פאַרמאָג ניט די גרויע באָרד פון עלטער ווי דער נביא און דער כהן, דערפאַר אָבער איז מיין אויג יונגער, מיין געהער שאַרפער, איך קען בעסער זען און הערן וואָס דער מענטש איז, וואָס ער וויל, וואָס ער דאַרף.

— מוסר זאָגן, קטורת רויכערן, דאָס איז אַלץ געוועןגוט פאַרן מענטשן וואָס האָט געמאָסטן די צייט לויטן זאַמד זייגער, האָט געריכט זיין טראָט נאָכן קעמל אין דער מדבר, נאָכן אָקס אין פעלד און, ווען ער האָט שוין

געוווינט אין שטאָט, האָט ער געקראָגן די „וועלט נייס" פונם שטאָט שמש. היינט לעבט דער מענטש אין אַ „בליץ" עפּאָכע, די צייט מעסט ער לויט דער שנעלקייט פון ליכט, באַוועגן באַוועגט ער זיך אין עראָפּלאַן, פליט אַרום דער וועלט — אַרום דער וועלט! — אין דריי און זיבעציק שעה צוויי און פערציק מינוט און זיבעצן סעקונדן — פאַרגעס ניט די זיבעצן סעקונדן; אויף דער ערד באַוועגט ער זיך אין אויטאָמאָביל אַ מייל אַ מינוט, און ווען ער גייט צופוס, גייט ער אויך ניט, נאָר ער לויפט. לויפנדיק כאַפּט ער אויף די שרייענדיקע קעפּ פון די צייטונגען, די ראַדיאָ הילכט אים אין די אויערן, און אין די אויגן שווינדלט אים פון דער לויפנדיקער וועלט אַרום אים, דער טומל דרילעוועט אים די אויערן, דאָך זעט ער ניט, הערט ניט, פילט דאָס ניט, אַזוי לאַנג ווי ער אַליין באַוועגט זיך, טומלט זיך, ערשט ווען ער פּרווט זיך אָפּשטעלן, זיך אָוועקזעצן, אָדער אַוועקלייגן זיך נאָך אַ טאָג אַרבעט, דריקט אים די שטילקייט אַרום. ער איז מיד פון טאָג אַרבעט, געשעפט, די מידקייט פילט ער אָבער ניט אַזוי שטאַרק ווי די שטילקייט. זיין גאַנצער קערפּער — אַ ספּרוזשינע, וואָס איז דעם גאַנצן טאָג געווען אָנגעצויגן און איצט, ווען נאָכגעלאָזט מיט אַמאָל, טרייסלט זי זיך, ציטערט, קען זיך ניט איינשטילן. ער זעצט זיך אַריין אין אויטאָמאָביל, יאָגט אַ מייל אַ מינוט אָדער נאָך שנעלער און, יאָגנדיק זיך, פילט ער ניט זיין נערוון ציטער, דערפאַר אָבער ווען ער שטעלט זיך אָפּ איז ער נאָך מער צעשרויפט ווי איידער ער האָט זיך אַריינגעזעצט, און וואָס טוט ער דאַן? שטעלט ער זיך אָפּ אין גאַס הערן אַ פּריידיקער, אַ געזעלשאַפט שטראָפער — נביאות ווערסיע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט? גייט ער אין שול, טעמפּל אָדער קלויסטער מתפּלל זיין, צי כאַטש אויסהערן דעם רב אָדער גלח — אַ גלגול פונם כהן? הייבט זיך ניט אָן. דער גאַסן פּריידיקער האָט זיך שוין זיין שטענדיקן מנין צוהערער. אויסגעהערט, אויסגעגענעצט, צעגייען זיי זיך פאַמעלעך אַזוי ערלעך און פרום ווי זיי זיינען געווען פאַר דער רעדע, זייער נאָכטראַכטן פון דער רעדע, זייער פּסק האָבן זיי שוין אַרויסגעזאָגט אין זייער געגעניץ — לאַנגווייליק! אַ לאַנגווייליקע וועלט. די שולן, טעמפּלען, קירכן פוסטעווען, רבנים און גלחים זיינען זעקס טעג אין וואָך פאַרנומען ניט מיט צוגרייטן זייער דרשה אויף שבת אָדער זונטיק, נאָר מיט קריגן עפּעס אַ צוציאונגס קראַפט, זי זאָל אַריינשלעפּן די מתפּללים, אַזוי צו זאָגן. און . . . נאַקעטע מיידלעך האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר די בעסטע „לוּים", זייער געזאַנג וואָס זיי זינגען אויס מיט די באָרוועסע פיס,

אַנטפּלעקטע לייבער אין גאָטס הויז באַגייסטערט די עטלעכע צוהער־רער, בעסער געזאָגט, צושויער. הייבט דער פּריידיקער אָן זיין דרשה נאָך דעם מיידלשע „לייב געזאַנג", צערייסן זיך די מיילער פון געגעצן, איינציקוויז רוקן זיך די מתפּללים אַרויס פון גאָטס הויז מיטן געפיל אַז מ'האָט זיי אָפּגענאַרט, אַריינגענאַרט, און זיי ווילן ניט גענאַרט ווערן, זיי ווילן די ריכטיקע, די אמתע סחורה, אָן קיין איבערשלאַק . . . און אויך אָן אַ הודו לה' כי טוב אָדער „טעדעאום" אונטערשלאַק. ער וויל ניט זיין מיט גאָט, אפילו אויף אַ קורצער ווילע, און אודאי וויל ער ניט זיין מיט זיך, ער אַנטלויפט פון זיך, אַנטלויפט אין טעאַטער. מאַך ניט קיין טעות, ניט אין טעאַטער, ווו מ'שפּילט אַ טראַגעדיע אָדער אַ דראַמע. פאַר אַ טראַגעדיע אָדער דראַמע איז ער צו שלעפּעריק. ער גייט אין וואָדעוויל, בורלעסק און, דער עיקר, אין קינאָ. דאָרטן קען ער זיצן אין דער פינצטער איינער אַליין, און דאָך ניט זיין אַליין מיט זיך, פון זיין פינצטער אָרט קען ער זען פאַר זיינע אויגן אַ ליכטיקע וועלט, אַ פריילעכע וועלט, אַ וועלט וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון זיין אייגענער טעגלעכער וועלט, די איינציקע ענלעכקייט איז די שנעלקייט, אויך דאָ גייט אַלץ צו זייער שנעל, און דאָס געפעלט אים: זיינע נערוון טאָרן ניט אַרעסטירט ווערן, אַ געפיל אַרויסגערופן טאָר אים ניט דורכדרינגען, אים האַלטן אין דעם צושטאַנד צו לאַנג. ער דאַרף שנעל אָפּגעווישט, פאַרביטן ווערן מיט אַ שטאַרקערן, שאַרפערן געפיל, אַזוי אַז אַרויסגייענדיק זאָל אים גאָרניט בלייבן חוץ דער . . . געגעץ. אָט דער געגעץ איז שוין אָבער ניט פון לאַנגווייליקייט, זיינע נערוון זיינען שוין פאַרטויבט, ער איז שוין מיד, טויט מיד, איצט קען ער שוין גיין זיך לייגן שלאָפן. און אויב די נערוון לאָזן אַלץ ניט שלאָפן דאַן שטרעקט זיך די האַנט צום קעסטעלע שלאָף פילן. האָסטו אַ טראַכט געטון וועגן די כל המינים שלאָף פילן וואָס דער מענטש האָט היינט צו טאָג גרייט פאַר זיך? פינעבאַרביטאַל, וועראַנאַל, סעקאַנאַל, אמיטאַל, אמביוטאל און וויפל נאָך „אַלן". ווייסטו וויפל מענטשן ווערן אַנשלאָפן דעם אייביקן שלאָף מיט דער הילף פון אָט די פילן? איינשלאָפן, בדאי אויף אייביק, אַבי ניט זיין אַליין מיט זיך, ניט טראַכטן, ניט קלערן.

ווילסטו אָט דעם מענטשן געבן אַ דיקן בוך צום לייענען ער זאָל אין זיינע רו שטונדן טראַכטן וועגן וועלט, מענטש און גאָט? ווילסטו ער זאָל איבערלייענען איין זייטל, אָדער אפילו איין שורה גאָר און ער זאָל אַ טראַכט טון וועגן זיך? אָדער האָסטו אפשר גאָר בדעה קאָנקורירן

מיט די אַלע שלאָף פּילן? איך מוז דיר זאָגן אַז אפילו ווי אַ שלאָף מיטל איז דיין בוך אַ שוואַכער קאָנקורענט. איין מאָל, צוויי מאָל וועט ער נעמען דיין בוך, דאָס דריטע מאָל וועט זיין האַנט זיך ציען צום קעסטעלע פּילן: למאי זאָל ער זיך באַנוצן מיט ערזאַץ ווען ער האָט די ריכטיקע, די אמתע שלאָף מיטלען? און דו ווילסט דאָך אים ניט פאַרשלעפּערן, ווילסט דאָך אים האַלטן וואַך, טאָ זיי וויסן אַז דער איינציקער מיטל דערצו איז — מאַך אים לאַכן, יאָ, יאָ, לאַכן, גיב אים עפּעס פריילעכס, עפּעס קאָמישעס. קוק זיך צו ווי מענטשן לייענען צייטונגען. וואָס לייענען זיי צום ערשטן? די לייט אַרטיקלען? די וועלט נייס? הייבט זיך ניט אָן. קליין און גרויס לייענען קודם די קאָמישע זייט, און גאַנץ אָפט ניט מער ווי דאָס, און ניט נאָר צייטונגען, שוין דאָ זשורנאַלן גאַנצע, ביכער, וואָס האָבן ניט מער ווי קאָמישע געשיכטעס.

— לכן, ניט דעם נביא, ניט דעם כהן דאַרף דער מענטש פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, דעם בדחן דאַרף ער! ווילסטו העלפן דעם מענטשן — אַמוזיר אים!

— שמייכלסט? געפעלט דיר ניט די ראָלע פון דעם בדחן. ביסט אַן ע ר נ ס ט ע ר מענטש, שרייבערייַ, שוין ניט ריידנדיק וועגן נביאות אָדער כהונה, איז אַ וויכטיקע פּראָפעסיע, ווילסט זיך ניט אַרונטערלאָזן צו דער מדרגה פונם בדחן, דעם פריילעך מאַכער. נו טאַקע, פריילעך מאַכן אויך מיר אַ קונץ, אָפּגערעדט שוין פון אַ קונסט. טאָ זאָג מיר, איך בעט דיך, ביסט'אַך אַ שרייבער, ביסט מסתם באַקאַנט מיט דער וועלט ליטעראַטור מקדמונים ביז היינטיקן טאָג, ווי קומט עס וואָס אין דער וועלט ליטעראַטור זיינען דאָ אַזוי פיל גוטע טראַגעדיעס, דראַמעס און אַזוי ווייניק גוטע קאָמעדיעס? האָסטו אַמאָל אַ טראַכט געטון וועגן דעם? דיר ניט איינגעפאַלן, ווייסטו פאַרוואָס? ווייל טרויערן קען דער מענטש שעהן, טעג, וואָכן, חדשים און אפילו יאָרן, און ער קען דאָס טון אויף פאַרשיידענע אופנים, זיין פריילעך קען ער בלויז אַ קורצע ווילע, און ער קען דאָס טון בלויז אויף אַ קינדערישן אופן, אויף אַ קורצער ווילע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קינד. דאָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי, און איצט נאָך מער ווי ווען עס איז. איצט איז די שווערסטע זאַך פאַר אַ מענטשן — זיין פריילעך. דער מענטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט שוין אפילו פאַרלאָרן די פייאיקייט זיך אַליין משמח זיין, דערפאַר זוכט ער ווי מיט ליכט דעמיעניקן וואָס זאָל אים פריילעך מאַכן. וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער ווערט אָט די באַדערפעניש אַמוזירט צו ווערן, דער היינטיקער מענטש

האָט צופיל צייט און צו ווינציק טאַלאַנט זיך אַליין אַמוזירן, דערפאַר וואַקסט די אַמוזירונג אינדוסטריע. יאָ, יאָ, אינדוסטריע. און זי וועט נאָך וואַקסן, אָבער דאָס וועט זיין אַן אומגעלומפּערטער געוויקס, ווייל עס פעלן די קינסטלער, וואָס זאָלן שאַפן אמתע קונסט, וואָס זאָל אַמוזירן און ניט דעגראַדירן. קומט אָט דער איינער קינסטלער און שאַפט עפּעס גוטעס, קינסטלערישעס, טראַגט מען אים אויף די הענט. נעם טשאַרלי טשאַפּלין. וואָס דאַרפסטו מער? אין אונדזער אייגענער יידישער ליטע־ראַטור זיינען דאָ עטלעכע פיינע, גוטע שרייבער, מ׳לייענט זיי אפשר, אָבער פון וועמען האָט מען הנאה, ווער איזווירקלעך באַליבט? שלום עליכם! און דאָס איז דערפאַר וואָס ער האָט אונדז געגעבן דעם ריינעם, פרישן, לויטערן געלעכטער. דערפאַר און בלויז דערפאַר. לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן, און ער איז געווען דער בעסטער דאָקטאָר, ע ר האָט געהאָלפן דעם מענטשן.

— לכן, ווילסטו זיין אַ שרייבער, אַן ערנסטער שרייבער דערצו, ווילסטו טאַקע העלפן דעם מענטשן, העלף אים לאַכן. בדאַי פון זיך גופא, אַבי לאַכן. און דעריבער, ניט נביא, ניט כהן, נאָר בדחן, דאָס איז דיין נאָמען, דיין ראָליע.

די דריי זיינען געשטאַנען, געשוויגן, געוואַרט. דער שרייבער האָט גענומען ריידן, פּאַמעלעך, שטיל.

— איך האָב פאַרנומען אייערע רייד. ערלעכע, קלוגע רייד. איר זייט אַלע גערעכט. ניט איין מאָל האָב איך געטראַכט וועגן די אַלע זאַכן, אפשר ניט געננוי ווי איר האָט עס אַרויסגעבראַכט, דער תוך אָבער דער־זעלבער, און מער ווי איין מאָל האָב איך שוין באַשלאָסן אַז יאָ, איך דאַרף טון דאָס און דאָס, שרייבן אַזוי און אַזוי, דער באַשלוס האָט אָבער אָנגע־האַלטן בלויז ביז דער מינוט ווען איך האָב זיך געזעצט צום שרייב טיש. קוים נעם איך די פען אין האַנט, באַווייזט זיך אַ מענטש, אַ העלד, אַ פאַרשוין און ער באַפעלט מיטן האַרבן וואָרט: מאָל מיך אויס! וואַכן, חדשים לאַנג אַז איך גיי דיר נאָך, איצטער, אַז דו האָסט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב טיש, מאָל! און פאַרגעסן ווערן אַלע מחשבות, עס פאַרשווינדן אַלע באַשלוסן, פאַר די אויגן שטייט אַ מענטש און מיין איינציקער פאַרלאַנג איז — אים אויסמאָלן, מיין איינציקער ווונש — אים אויסמאָלן אַזוי ריכטיק ווי נאָר מעגלעך. דאָס, און ניט מער.

— וואָס? מאָלן מענטשעלעך! סתם מאָלן?

— אַהאַ, לא תעשה לך כל פסל, — האָט דער שרייבער אַ שמייכל

געטון אין דער ריכטונג צום נביא, — און טאַקע, וואָס הייסט מאָלן ס ת ם? נו, שרעקט זיך ניט, איך מאָל ניט סתם. קיין מאָלער טוט עס ניט. אַ געביידע אָנגעפּילט מיט קונסט בילדער, איין בילד אָנגעלייגט אויפן צווייטן, פון דער פּאָדלאָגע ביז צו דער סטעליע, איז אַ מאַגאַזין ניט קיין קונסט מוזעאום, און איך האָב נאָך ניט באַגעגנט דעם מאָלער, דעם „מאַגאַזינשטשיק". יעדער מאָלער וויל זיינע בילדער א ו י ס ש ט ע ל ן, און איך ווייס ניט פון קיין מאָלער וואָס זאָל ווען עס איז האָבן געמאַכט אַן אויסשטעלונג אין דער מדבר. איך האָב אויך ניט געהערט פון קיין מוזיקער וואָס זאָל געבן אַ קאָנצערט אויף אַן עראָפּלאַן מיט דעם פּילאָט אַלס איינציקן צוהערער, האָב אויך ניט באַגעגנט דעם שוישפּילער, וואָס זאָל האָבן געשפּילט זיין דראַמאַטישע ראָליע אויף אַ קליין שיפל אינמיטן ים, מיט די כוואַליעס אַלס צושויער, צוהערער. קונסט צוליב קונסט דערמאָנט מיר אָן „די טפשים בבלים וואָס עסן ברויט מיט ברויט". קונסט איז צוליבן מענטשן, טאַקע דעם מענטשן וועגן וועלכן איר האָט גערעדט, וועגן וועלכן איך טראַכט, אָבער דאָס בעסטע וואָס איך קען טון פאַר אָט דעם מענטשן איז פאַרט ניט מער ווי אויסמאָלן אים.

— ווילסטו אים גאָרניט זאָגן? ווילסטו ניט באַרויקן זיין געמיט? ווילסטו ניט ער זאָל לייענען וואָס דו שרייבסט?

— אודאי וויל איך די אַלע זאַכן. האָב איך דאָך אייך געזאָגט: איך טראַכט וועגן די אַלע זאַכן איידער איך זעץ זיך שרייבן. איך קען אָבער ניט נעמען אַ „מימרא", אַרויפציען אויף איר מענטשלעכע בגדים פון אַן אויסטערלישן קאָליר און זי אַרויסלאָזן אויף דער וועלט — גיי זאָג! מיינע אַ דערציילונג קען ניט זיין אַ גראַמאַפאָן רעקאָרד אין וועלכן איך האָב אַריינגערעדט, נאָר אַ קונסט בילד וואָס איך האָב אויסגעמאָלן. אפילו ווען איך דערלאַנג אַ מענטשן אַ גלאָז טיי גיב איך אַכטונג אַז די מראה זאָל זיין אַנגענעם פאַרן אויג, דער טעם פון טיי זאָל זיך פילן, עס זאָלן אָבער דאָרט ניט אַרומשווימען די טיי בלעטלעך, ווער רעדט שוין וועגן „מימרא בלעטלעך" אין אַ דערציילונג. עס זיינען דאָ מימרא שרייבער. זייער מענטש וואָס קומט אַרויס דערמאָנט מיר אָן אַ טשוטשעלע. אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ — די מימרא, די אידייע, אַזוי צו זאָגן, אויף זיי אַרויפגעצויגן עפּעס אַ כאַלאַט, אַ פּאָר הויזן. קליינע פייגעלעך — באַאיווע לייענער מיינען אַ מענטש שטייט אין גאָרטן, עס איז אָבער אַ טשוטשעלע — פּראָפּאַגאַנדע, ניט קיין מענטש. מיין מענטש, אויב זיין עובדא אין לעבן זאָל אויך זיין פאַרטרייבן שעדלעכע פייגל פון סאָד מיט פרוכט בוימער, קען

ניט זיין אַ טשוטשעלע, ער דאַרף זיין אַ מענטש פון בלוט און פלייש און ער דאַרף פאַרטרייבן די פייגל אויף ז י י ן שטייגער. איך אַקצענטיר דאָס וואָרט „זיין", און איך מיין אָט וואָס.

איך מאָל אַ מענטשן, לאָמיך זאָגן, אַן אַרבעטער, פון קליינערהייט אָן האָט ער געאַרבעט, ניט געהאַט די מעגלעכקייט עפּעס לערנען, ער האָט אָבער געלעבט, געליטן, זיך געפרייט אויך, געזינדיקט און אויך געטון גוטס, און ביי אים, ווי ביי יעדן מענטשן, האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ קוק אויפן לעבן, אַ פילאָזאָפיע. אָט די פילאָזאָפיע זיינע קען ער אָבער ניט אַרויסברענגען אין פילאָזאָפישע טערמינען. „דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם, עלאַן וויטאַל" איז פאַר אים טערקיש, זיין קוק אויף דער וועלט דריקט ער אויס אין פשוטע, אַמאָל אויך גראָבע ווערטער, גאַנץ אָפט איז ער גאָר שטום און זיין פילאָזאָפיע דריקט זיך אויס אין האַנדלונג, טאַט. פאַר־פוצן זיין שפּראַך, פאַרפיינערן זיין געדאַנק, אָדער גאָר אויסבעסערן זיין האַנדלונג ווייל זי איז מיר, דעם שרייבער, ניט צום האַרצן, מיינט פאַלשעווען, און קיין פאַלש־מינצער בין איך ניט, ביים שרייבן בין איך גיכער אַ שוישפּילער.

— ניט אַזוי קאָמיש ווי איר דיינקט. ביים שרייבן מאַכט דער שרייבער נאָך די תנועות און העוויות פון זיין העלד, ער לעבט זיך אַריין אין ז י י ן געדאַנקען וועלט, פילט ז י י נ ע עמאָציעס און באַמיט זיך זיי אַרויסברענגען. ברענגט ער אַריין זיינע אַן אייגענע מימרא, הייבט ער שוין אָן דעקלאַמירן, אַ סימן פון אַ שלעכטן שוישפּילער.

— געוויס, דער שרייבער איז דער באַלעבאָס איבער זיין העלד. אין לעבן, האָט איין דראַמאַטורג געזאָגט, קען אַ מענטש, פאַרפּלאָנטערט אין אַ פאַמיליען טראַגעדיע, גיין אין גאַס, אַ ציגל, אָדער גאָר אַ שילד פון אַ געביידע פאַלט אַרונטער, דערהרגעט דעם מענטשן אין ערשטן אַקט, אַזוי צו זאָגן. דער דראַמאַטורג קען דעם מענטשן דערפירן ביזן דריטן אָדער פערטן אַקט און אים לאָזן שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אפילו אַ טויט על פּי צופאַל דאַרף אויך זיין נאַטירלעך, ער דאַרף האַרמאָנירן מיטן מענטשן. דאָס מיינט אַז דער שרייבער איז טאַקע באַלעבאָס איבער זיין העלד, ער קען אים אָבער ניט אַרויסנעמען צו יעדער צייט פון קעשענע אָדער אים אַריינלייגן אַהין ווען אים ווילט זיך נאָר, ער קען אים ניט לאָזן טון זאַכן אָדער ריידן רייד וואָס זאָלן ניט זיין אין איינקלאַנג מיט זיין כאַראַקטער, ווען דער אַרבעטער, וואָס איך מאָל, זאָל מיט אַמאָל נעמען ריידן נביאישע רייד וואָלט ער, אָדער בעסער געזאָגט איך, געווען

ניט קיין האַלבער נביא נאָר אַ גאַנצער שוטה און אַ ליגנער דערצו. און מיר זוכן דאָך דעם אמת, זוכן מיר, — האָט ער אַ שמייכל געטון צום נביא.

— אמת זוכער זיינען מיר, גאָט זוכער, פרייד זוכער, און איך, דער שרייבער, דאַרף העלפן דעם מענטשן זוכן, אויב ניט געפינען. זייער פיין. אָנגענומען אַז דאָס איז אַזוי, זיינען מיר טאַקע אַ ל ע אמת, גאָט און פרייד זוכער? האָבן מיר ניט אויך ליגנער, לעסטערער און סתם מיזעראַבלע באַשעפענישן? געוויס האָבן מיר זיי. אויב מ׳דאַרף אָנזאָגן לא תשקר מיינט עס אַז עס זיינען דאָ שקרנים. דאַרף מען זיי פאַרשווייגן, ניט ווייזן גאָר? און וואָס איז מכוח די וואָס שטייען אינמיטן, צווישן אמת און שקר, די בינונים, אַזוי צו זאָגן, זיי איגנאַנצן איגנאָרירן, באשר בכן זיי זיינען מיטלמעסיק, גרוי, ניט כאַראַקטעריסטיש?

— וואָס וואָלט איר געזאָגט וועגן אַ געאָגראַפער וואָס פאָרט פאַרביי, לאָמיר זאָגן, די קאַליפאָרניער געגנט און גיט אָפּ אַ באַריכט צו דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט אַז די געגנט איז אַ באַרגיקע, הויכע בערג, טיפע אָפּגרונטן זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געגנט? דער באַריכט וואָלט געווען אַן אמתער, אָבער נאָר אויף דער העלפט, עס וואָלטן דאָרט געפעלט די פרוכטבאַרע טאָלן. אמת, טאָלן זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַליפאָרניע, מ׳געפינט זיי ערגעץ אַנדערש אויך, זיי זיינען אָבער זייער וויכטיק, אָן זיי איז די טאָפּאָגראַפיע קיין טאָפּאָגראַפיע ניט. די טאָלן שטעלן צו גרינוואַרג און פרוכט פאַר מיליאָנען מענטשן, און אפילו ווען זיי זאָלן זיין לויטער מדבריות וואָלט מען זיי אויך באַדאַרפט באַשרייבן שוין דערפאַר ווייל זיי זיינען דאָ. אורטיילן אַ פאָלק לויט די „בערג שפּיצן״, לויט די אמת, גאָט און פרייד זוכער, און פאַרגעסן, זיך מאַכן ניט וויסנדיק וועגן די גרויסע טאָלן איז פונקט אַזוי ניט ריכטיק ווי יענעם געאָגראַפערס טאָפּאָגראַפיע. מ׳דאַרף ווייזן די טאָלן אַזוי גוט ווי די בערג. שרייבער האָבן אַ שוואַכקייט פאַר דעם אויסטערלישן, זייערע פינגער ציען זיך צו די ברעגן פון דער „וועלט קאַטשעלקע״ — איין ברעג די העכסטע אינטעליגענץ, דער צווייטער די נידעריקסטע אוממענטשלעכ־קייט, דעם גרויסן מיטן פון דער קאַטשעלקע זיינען זיי גענייגט צו פאַרזען, זיי ריידן מיט פאַראַכטונג וועגן דער מיטלמעסיקייט, פאַרגעסנדיק אַז די ברעגן באַלאַנגען אויך צו דער קאַטשעלקע, געמאַכט פונם זעלבן האָלץ, מער ניט זיי זיינען פאַרדינט, איינער לטוב, דער צווייטער לחוב, אוןביידע ברעגן זיינען בלויז דער קלענסטער טייל, בעת דער מיטן איז דער גרעסטער און איז אין זיך כולל אי דעם „טוב״ אי דעם „חוב״. מאָלן איין

ברעג כלו זכאי אָדער כלו חייב איז פאַלש, פאַרשווייגן דעם מיטן וואָס איז אי זכאי אי חייב, מיינט ניט וועלן זען דעם רוב מענטשן, און זיי זיינען מער כאַראַקטעריסטיש ווי די ברעגן. די וועלט באַשטייט ניט פון אַלבערט איינשטיינס און אַל. קאַפּאָנעס, נאָר פון ראובן, שמעון און לוי. זיי אַלעמען דאַרף דער שרייבער וויזן ווי זיי זיינען, זיי זאָלן זיך אַליין דערקענען, ווייל העלפן דעם מענטשן זיך אַליין דערקענען, דאָס איז די הויפּט אַרבעט פונם שרייבער. און דערגרייכן קען ער דאָס בלויז דורך אויסמאָלן דעם מענטשן. שטעלט זיך אָבער פאָר ווען יעדער איינער שרייבער וואָלט געוועזן רק נביא, בלויז כהן, נאָר בדחן, וואָס פאַר אַ נודנע ליטעראַטור דאָס וואָלט געווען, זעכצן ראָמאַנען פון זעכצן שרייבער וואָלטן געווען זעכצן ליטעראַרישע דריידלעך, אויסגעגאָסן לויט איין פאָרמע, עס וואָלט געווען אַ בלייענע, ניט קיין לעבעדיקע ליטעראַטור. אפילו דער "פריילע־כער חי וקים", וואָס איר, בדחן, פאַרלאַנגט וואָלט אויך געווען אַ בלייענער.

— נביא, כהן, בדחן — איך האָב דאָס אַלץ אינזינען. דאָס נביאישע, כהנישע, אפילו בדחנישע גייט אַריין אין דער סכעמע פון מיין שרייבן, איך קען אָבער ניט זיין מיין גאַנצן לעבן רק נביא, מיט מיין קינסטלערישן קולאַק רק זיך שלאָגן על חטא אויף יענעם יידנס ברוסט; איך קען אויך ניט זיין כל ימי דעם יידנס פּירזאָגער, ער זאָל דורך מיין מויל זיך אַראָפּריידן פון האַרצן ווען אים וועט ווערן שווער זיין געמיט; איך וויל אויך ניט מיט מיין „געגזענער", קינסטלערישער פעדער כסדר קיצלען דעם יידן אין די פּיאַטעס, באשר בכן איך דאַרף אים אַמוזירן. איך וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד — דאַרפן דאַרף איך גאָר ניט שרייבן.

— איר חידושט זיך? פאַרגעסט ניט אַז איר רעדט צו אַ יידישן שרייבער. דער יידישער שרייבער ווייסט אַז זיינע יידן זיינען גרייט זאָגן מוסר דער גאַנצער וועלט, אין אַלע שבעים לשונות, זיי זיינען אָבער ניט להוט צו הערן שטראָף רייד פון אַ יידישן שרייבער בלשון יידיש. אפילו זיך אַראָפּריידן פון האַרצן — אַ אינטימער ענין — וועט ער אָפּקומען מיט אַ יידישן קרעכץ, מיט דעם איינזילביקן יידישן „אוי", וואָס רייסט זיך נאָך אַרויס אפילו פון דעם אַמעריקאַנעם געבוירענעם יידן, דעם „וויי" וואָס קומט נאָכן „אוי" לאָזט ער איבער דעם יידישן שרייבער, און אים איז אַז אָך און וויי. אפילו זיך אַמוזירן זוכט דער ייד אין דער פרעמד. דאָס טראַגישסטע פאָלק אין דער וועלט איז געוואָרן דער פריילעך מאַכער, דער פּורים שפּילער פון דער וועלט, דער וואָדעוויל, די קינאָ איז פאַר־

פלייצט מיט יידן, זיי אונטערהאַלטן די וועלט, וויל אָבער דער ייד אַמוזירן זיך אַליין, זוכט ער ניט זיינע שרייבער. אפילו שלום עליכמען, וועמען איר, בדחן, האָט דערמאָנט, וועט ער אַוועקגעבן פאַר אַ נאַרישער קאָמעדיע, וואָס עפּעס אַ נאַרישער ייד האָט אָנגעשריבן כלומרשט פאַר די גויים, נאָר ווו מ׳לאַכט פון יידן. ער איז אַ בריה אויף אָפּלאַכן פון זיך, ז י ך אויסלאַכן, אָבער לאַכן? שלום עליכם איז געשטאָרבן, און . . . גוט האָט ער געטון, געשטאָרבן אין צייט . . .

— ניין, דער ייד דאַרף ניט דעם יידישן שרייבער, און דער שרייבער ד אַ ר ף ניט שרייבן פאַר זיינע יידן, שרייבט ער יאָ, איז עס טיילווייז דערפאַר וויל ער איז פאָרט אַ יורש פון דעם נביא, כהן און בדחן און אַ יורש איז ניט קיין פורש, ער קען זיך ניט צעשיידן דערמיט, דער עיקר אָבער שרייבט ער וויל ער איז אַ חולה, ער איז ק ר אַ נ ק, ער קען ניט נ י ט שרייבן.

— איר זייט אַלע געקומען מיר געבן עצות, און איך דאַנק אייך דערפאַר, קענט איר מיר אָבער אויך געבן אַ רפואה?

— זייט געזונט! — האָבן אַלע דריי אַרויסגעזאָגט אין כאָר.

— גייט געזונט, — האָט דער שרייבער געענטפערט מיט אַ קריינק־לעכן שמייכל און . . . גענומען די פּען אין האַנט.

שטיל אין צימער, שטיל און פינצטער, בלויז אין ווינקל אויפן שרייב טיש וויגט זיך אַ ליכט פלעק. איבערן ליכט פלעק בערגלט זיך אַ פלייצע, שוואַרצט זיך אַ קאָפּ. די פיצטערניש קריכט אויף דער פלייצע, קלעטערט איבערן קאָפּ, דער ליכט פלעק לאָזט זיך ניט פאַרפינצטערן . . .

צווישן הימל און ערד

רעאַליזם אין דער ליטעראַרטור מיינט די ליטעראַרישע שיטה, לויט וועלכער דער שרייבער דאַרף זיך באַמיען איבערגעבן זאַכן און אויסמאָלן מענטשן ווי ער זעט זיי אין דער ווירקלעכקייט.

אויף אָט דער דעפיניציע האָב איך ניט אַרויסגענומען קיין פּאַטענט, דאָס איז ניט מיינע אַ נייע דערפינדונג, און איך בין ניט אויסן דערמיט עפּעס מחדש זיין. וואָס איך וויל יאָ, איז אַוועקשטעלן אַ גרענעץ און זאָגן: מיר ריידן וועגן רעאַליזם אַלס שיטה אין דער ליטעראַטור און וועגן קיינע אַנדערע רעאַליזמען. דאָס מיינט ניט פאַרשמעלערן דעם ענין, נאָר אים קאָנצענטרירן.

ווען י. באַשעוויס, אין זיין אַרטיקל „רעאַליזם ווי אַ מעטאָד און אַ וועלט אַנשויאונג" (פּעב. 1944, „צוקונפט") מישט צונויף רעאַליזם אין דער ליטעראַטור מיט רעאַליזם־ווירקלעכקייט, מאַטעריאַליזם, מאַטעריע און גייסט, האָט ער, לויט מיין מיינונג, ניט פאַרטיפט דעם ענין, נאָר אים פאַרפלאָנטערט. דער עקזאַקטער וויסנשאַפטסמאַן, לאָמיר זאָגן דער אַסטראָפיזיקער, וועמען באַשעוויס האָט גערופן ווי אַן עדות, איז זייער ניט גערן אויפצוטרעטן אין דעם פּראָצעס קעגן רעאַליזם אין דער ליטעראַטור. ער, דער אַסטראָפיזיקער, באַגייט זיך ניט אַזוי לויז מיט ווערטער. ווען עס האַנדלט זיך אפילו וועגן אַזעלכע אַבסטראַקטע ווערטער ווי רוים און צייט פאָדערט ער מ׳זאָל גענוי דעפינירן וועגן וועלכן רוים און וועלכער צייט עס ווערט גערעדט. צונויפמישן רעאַליזם אין דער ליטעראַטור מיט מאַטעריע אין דער פיזיק איז, מילד גערעדט, ניט וויסנשאַפטלעך.

י. באַשעוויס פאַרמאָגט אויך ניט דעם וויסנשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט. וואָס איז דאָס אַזוינס?

אָט איז אַ ביישפּיל. סיר אַרטהור עי. עדדינגטאָן שרייבט:

— ווי עס האַלט איצט האָבן מיר צוויי טעאָריעס וועגן ליכט, די „שטיקלעך" טעאָריע, אַז ליכט איז אַן אומאויפהערלעכער לויף פון קליינע

שטיקלעך, שנעלע ליכט־קוילן, און די כוואַליע טעאָריע, אַז ליכט טראָגט זיך אין כוואַליעס. ביידע טעאָריעס אַרבעטן, אַזוי אַז מיר קענען נוצן איין טעאָריע אום שבת און איינע אינדערוואָכן. עס איז רעכט אַז מיר זאָלן איצט ריידן וועגן אַ „כוואַליקל" ליכט. (אַ קאָמבינאַציע פון כוואַליע און שטיקל. אין ענגליש — „וויוויקל", אַ קאָמבינאַציע פון „וויוו" און „פּאַרטיקל").

צווי טעאָריעס וועגן איין נאַטור־דערשיינונג זיינען זייער ניט באַקוועם פאַר דעם וויסנשאַפטסמאַן, פונדעסטוועגן לאָזט ער זיך ניט אַרויס צו מאַכן איין טעאָריע תחת חרב. אין דער לאַבאָראַטאָריע, האָפט ער, וועט סוף־כל־סוף פעסטגעשטעלט ווערן די ריכטיקע טעאָריע, אויב ניט אין צען, איז אין הונדערט יאָר אַרום, דערוויל שמייכלט ער מיט זיין כאַראַקטעריסטישן ענגלישן שמייכל.

דאָס איז וויסנשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט.

י. באַשעוויס אָפּערירט מיט „קינסטלערישן טעמפּעראַמענט". אָט דער טעמפּעראַמענט קען אַמבעסטן אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער: שרייבסטו ניט לויט מיין שיטה, איז דיין שרייבן ניט ווערט אַ פּרוטה.

טאַקע, וואָס פאַר אַ שרייבן איז דאָס רעאַליסטישע שרייבן, אַז דער רעאַליזם איז . . . לאָמיר אַ קוק טון ווי זעט אויס דער רעאַליזם על פּי נוסח באַשעוויס.

„דער רעאַליזם פון ניינצטן יאָרהונדערט איז געווען גוט, אָבער היינט איז דער רעאַליזם אַ נייע תפיסה, אַ פרישע טיראַניי... ער איז אַ בנין אָן אַ לאָגישן פונדאַמענט, זיינע אָנהייגער זיינען מענטשן, וואָס האָבן ניט פאַרזוכט פון עץ־הדעת און זיך ניט געשטעלט קיין אייביקע פראַגעס . . . דער קינסטלערישער רעאַליזם איז אַן אַטאַקע אויף דער פרייהייט פון קינסטלער, ער איז טענדענציעז, האָט אַ ווידערווילן צום גייסט . . . רעאַליזם און מאַטעריאַליזם, ביידע גלויבן אַז דער מענטש איז דורך און דורך גשמיות . . . הינטערן קינסטלערישן רעאַליזם באַ־האַלט זיך די פאַרלייקענונג פון גייסט, פון דער פערזענלעכקייט, פון „איך".

„דער רעאַליזם האָט, קען מען זאָגן, זיך גענומען דאָס רעכט צו פסלענען איין טעמע און פראָטעזשירן אַ צווייטע . . . רעאַליסטיש איז נאָר דאָס, וואָס איז באַקאַנט דעם דורכשניט . . . דער מאַרק איז פאַר אים רעאַלער ווי די ביבליאָטעק . . . דער רעאַליסט שטאָלצירט מיט זיין אָביעקטיוויטעט, דאָך איז ער סוביעקטיוו צו באַשטימען וואָס איז

רעאַל, און זיין פּרוביר־שטיין איז זיין אייגענע ביאָגראַפיע — זיין שטעטל, זיין ווינקל . . . און דאָס איז ניט אַ פראַגע פון פאָרם, דאָס איז אַ פילאָזאָפיע. הינטער דער קונסט טעאָריע באַהאַלט זיך די סאָציאָלאָגיע. דאָס וויל מען איינשפּאַנען די ליטעראַטור אין דינסט פון די פּאַרטייען.

„דער רעאַליזם פאָדערט אריכות. אויף דער קלענסטער טעמע דאַרף ער הונדערטער זייטן. ער מוז שרייבן לאַנג, ער מוז די פּאַסירונגען אונטערבעטן מיט הקדמות. דער רעאַליזם איז אָרעם אין קינסטלערישע מיטלען.

„אַ גנב, אַ גאַסן־פרוי, מערדער, שכורים, בעטלער זיינען פּאַסיקערע העלדן פאַרן רעאַליסט ווי אַ קינסטלער, אַ פילאָזאָף, אַ געלערנטער.

„דער רעאַליסט איז אַ קאָפּ־אַרבעטער, ער באַשרייבט פאַקטן.

„ביי דעם אַלעמען איז דער רעאַליזם ניט קיין מיספאַרשטענדעניש, ער איז אַ קינד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס פאָדערט אַז ניט בלויז דער קערפּער, נאָר אויך דער גייסט זאָל בלייבן אויף דער ערד, עס זאָל זיין ערדיש, מ׳זאָל עס קענען אָנטאַפּן״.

אַ שיינעם תכלית געמאַכט פון דעם רעאַליזם!

אַי, דאַך פאָרט דאָ אַ פּאָר רעאַליסטישע ביכער, וואָס מ׳קען לייענען? אַננאַ קאַרענינאַ, מאַדאַם באָוואַרי. נו, יאָ, פאַרן ניט־רעאַליסטישן שרייבער איז אַ גוטע רעאַליסטישע דערציילונג ניט „טריף״, נאָר . . . זי האָט ניט קיין טעם, ניט דעם סימבאָליסטישן טעם. „אפילו וועגן אַננאַ קאַרענינאַ און מאַדאַם באָוואַרי, די בעסטע ווערק וואָס דער רעאַליזם האָט אַרויס־געגעבן, קען מען ניט זאָגן אַז זייער אינדיווידואַליטעט איז באַזונדערס בולט״. זעט איר, געטהעס מאַרגאַרעט אין „פאַוסט״, שעקספּירס אָפעליאַ אין „האַמלעט״, זייער אינדיווידואַליטעט — אָהאָ!

לאָמיר זען צי איז טאַקע דער רעאַליזם אַזאַ פאַרזעעניש, צי דאַרף דער רעאַליסטישער שרייבער טאַקע זיך קלאַפּן על חטא אויף די אַלע אויסגערעכנטע חטאים.

דער וויכטיקסטער חטא איז — זיין ערדישקייט. ניט נאָר דעם קערפּער, דעם גייסט אפילו וויל ער צושמידן צו דער ערד.

דער רעאַליסט איז זיך מודה ומתוודה אַז ער ליידט ניט פון טעררא־פאָביאַ, ער האָט ניט פיינט די ערד. השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם. מיר זיינען ערדישע באַשעפענישן, ערד איז פאַר אונדז אַ וויכטיקער ענין, המוציא להם מן הארץ איז אַ גאַנץ פיינע ברכה. איז געקומען דער גוי קנוט האַמסון און האָט געמאַכט די „ברכה פון דער ערד״, און אַזאַ

ברכה אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. איזאַק איז אַן ערדישער מענטש, זייער אַן ערדישער מענטש, דאָך איז ער מער סימבאָליש ווי דער „מיסטע־ריעזער" נאַגעל פונם זעלביקן האַמסון. אויף דער זינדיקער ערד וואַקסן ביימער, אויף די ביימער וואַקסן גוטע, זאַפטיקע, ווייניקע עפּל, איבער וועלכע אפילו אַ סימבאָליסטישער שרייבער מעג מאַכן בורא פרי הארץ. מעגלעך אַז ערגעץ ווו אין הימל וואַקסן אויך ביימער, דער עיקר דער עץ הדעת, וועלכער איז צוגענגלעך בלויז פאַר די סימבאָליסטן, אָבער פאַרן רעאַליסטישן שרייבער איז דער עפּל־בוים אויף דער זינדיקער ערד אַן עץ החיים, און ער באַדויערט בלויז וואָס חוה איז געווען סימבאָליסטיש געשטימט און ניט פאַרזוכט אויך פון דעם עץ החיים.

דער רעאַליסט וואָלט געוואָלט אויסמאָלן אָט דעם עץ החיים, דער לייענער זאָל ניט נאָר דערזען די שפּיל פון ליכט און שאָטן אויף די בלעטער, ניט נאָר די פאָרמען פון צווייגן און שטאָם, נאָר ער זאָל אויך דערפילן די זאַפט וואָס ריזלט אין דעם בוים; ער זאָל ניט נאָר דערזען די קרוין, וואָס ציט זיך צום הימל, צו דער זון, נאָר ער זאָל אויך דערפילן די וואָרצלען וואָס ציען זיך טיף אין דער ערד.

ניין, דער רעאַליסט האָט קיין מורא ניט פאַר דער ערד. אים איז אויך ניט דערווידער דער „באַרימטער" קערפּער.

אָט דעם דואַליזם צווישן מאַטעריע און גייסט, קערפּער און גייסט, וואָס באַשעוויס שלעפּט אַריין פאַר די אויערן, איז אַן אַנאַכראָניזם סיי אין דער וויסנשאַפט, סיי אין דער פילאָזאָפיע. אין דער וויסנשאַפט, זאָגט בערטראַנד ראַססעל, איז איצט זינלאָז צו ריידן וועגן מאַטעריע און גייסט,ביידע זיינען דאָ און עס איז גאָר ניטאָ. צעטיילן, ווידער, דעם מענטשן אויף קערפּער און גייסט איז אַ ירושה פון די טהעאָלאָגן. דאָס האָבן זיי צעטיילט דעם מענטשן — פון די פיאַטעס ביז די לענדן באַלאַנגט צו דער ערד, פון די לענדן ביזן שאַרבן צום הימל. דער רעאַליסט האָט נאָך ניט געזען דעם קערפּערלעכן מענטשן, וואָס באַשטייט פון לויטער גשמיות, גראָבע תאוות, און אויך ניט דעם גייסטיקן מענטשן, וואָס איז לויטער גייסט, אַן אַ . . . מאָגן. דער רעאַליסטישער מענטש איז רעמבראַנדטס מענטש — אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן. אויף אָט דעם מענטשן האָט עס דאָסטאָיעווסקי געזאָגט: גוטס און שלעכטס שלאָגן זיך, און דאָס שלאַכט־פעלד איז דאָס מענטשלעכע הארץ.

אָט דער מענטש איז געווען אַזוי זינט ער איז באַשאַפן געוואָרן, אָבער „אַנטדעקט" האָבן אים די רעאַליסטן. זיי האָבן, קענטיק, ניט געוווסט

פון באַשעוויס „אַנטדעקונג״ אַז דער רעאַליסט מעלה־גירהט פאַקטן, גיט בלויז דאָס וואָס אַלע זעען. די רעאַליסטן האָבן אַנטדעקט אַז מענטשן ז ע ע ן גאָרניט, דער עיקר זיינען געווען געשלאָגן אויף „מענטשן בלינדקייט״ די אידעאַליסטן און די ראָמאַנטיקער. זיי האָבן געמאָלן מענטשן פּאַרפּוצטע, אויסגעסטראָצלטע אין עסיק און אין האָניק ניט נאָר אויסנווייניק, נאָר אויך אינעווייניק. מאַלנדיק אַזעלכע „שיינע״ מענטשן האָבן זיי, גאַנץ נאַטירלעך, באַנוצט די „שענסטע״ שפּראַך, מענטשלעכע שמינקע גייט זייער גוט מיט ליטעראַרישע קרוזשעוועס.

סעינט בעוו שרייבט צו זאָלאַן:

„איך וואונדער זיך באמת, צי דער ציל פון דעם פּינזל, אָדער פון דער פּען, איז אומבאַדינגט אויסצוקלייבן וואולגאַרע מענטשן אָן קיין באַפּוצעכץ. אַ ביסל שמוק, אַ ביסל פּאַטהאָס איז ווייט ניט איבעריק״.

און זאָלאַ זאָגט: סעינט בעוו איז אַלט. אונדזער אַרבעט איז מאָלן די ווירקלעכקייט פון אונדזער דור. ניט קיין ענציקלאָפּעדיש וויסן פון אַלץ, נאָר האָבן אַ קלאָרע וויזיע. אַנטפּלעק די נשמה און וועסט גלייך דערזען די טומאה. דער מאָלער זוכט ניט די טומאה, ער אַנטדעקט זי בלויז.

אפילו זאָלאַ דער נאַטוראַליסט, מיט זיינע „דאָקומענטאַלע״ ראָמאַנען, רעדט וועגן אַנטדעקן.

און פעלן היינט די ליטעראַרישע „ביוטי פּאַרלאָרס״, פון וועלכע מענטשן קומען אַרויס ווי „ליאַלקעס״? די קנייטשן אויסגעפּרעסט, די בעקעלעך צוגעפּאַרבט און די נשמה, אַזוי גוט ווי די האָר, אַזוי פיין צוגעקעמט, אַ האָרעלע זאָל עס ערגעץ אַרויסשטעקן. זיי זיינען דאָ, אָט די שיין־מאַכער, און עס איז די עובדא פונם רעאַליסטישן שרייבער ווידער און אָבער צו אַנטדעקן דעם מענטשן, מיט אַלע זיינע קנייטשן און פּיטשעווקעס.

ווו אַנטדעקט דער רעאַליסט זיינע מענטשן?

— דער מאַרק, — זאָגט באַשעוויס, — איז פאַרן רעאַליסט וויכטיקער ווי די ביבליאָטעק. — און ער מיינט אַז דערמיט דעגראַדירט ער דעם רעאַליסט צו דער מדרגה פון אַ מאַרק־יידענע. נו, דער רעאַליסט האָט קיין מורא ניט פאַרן מאַרק אויך. ער נעמט זיינע מענטשן ווו נאָר ער געפינט זיי, אויב אין מאַרק, איז אויך גוט, ווייל אויך אין מאַרק זיינען דאָ מענטשן, מ׳דאַרף זיי נאָר קענען זען, זיי אַנטדעקן. דער מענטש פון מאַרק, דער טאָג־טעגלעכער מענטש, איז אויך אַ געמיש פון ליכט און שאָטן; אים מאַטערט אויך די פראַגע פון לעבן און טויט, מאַן און פרוי,

הונגער, הונגער נאָך ברויט, נאָך ליבע, נאָך מאַכט; ער טראַכט אויך וועגן דער וועלט און ווו איז ער אין דער וועלט; ער האָט אויך פּראָבלעמען פון באַציאונגען בין אדם לחברו, פון יחיד צום כלל און אויך בין אדם למקום. ער לעבט איבער די אַלע זאַכן אויף זיין שטייגער, אָפטמאָל אומבאַוווסטזיניק, עס דריקט זיך אויס אין אַ געוויסער האַנדלונג, אפילו אין אַ געוויסער תנועה בלויז. אים מאַכן באַוווסטזיניק וועגן דעם אַלעמען, אים „אַנטדעקן״, דאָס איז די עובדא פונם רעאַליסטישן שרייבער. צוריקווייזן דעם טאָג טעגלעכן מענטשן אַלס ניט־פּאַסיקער מאַטעריאַל איז ניט מער ווי אַ ליטעראַרישער סנאָביזם, וועלכער שטאַמט אפשר דערפון וואָס „מיר״ ווילן ניט צוגעבן, אַז אויך מיר אין אונדז לעבט אָט דער טאָג טעגלעכער מענטש. מיר, די קונסט־כהנים, זיינען ניט טאָג טעגלעך, מיר זיינען יעדן טאָג גאָט־געטלעך, פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת.

— אַנדערע מענטשן, — זאָגט אָבער באַשעוויס, — קען דער רעאַליסט ניט זען. ער קען זען נאָר דעם מאַרק, דאָס שטעטל, זיך.

קודם דאָס שטעטל.

אָט האָט דער רעאַליסט סינקלעיר לואיס אַרויסגעקוקט אין מאַרק, אין שטעטל, גאָפער פּרעירי און זעניטה — שטעטלעך, די מענטשן דאָרט — געוויינלעכע . . . בעביטס. אָבער בעביט איז לואיסעס! ביז אים האָט מען בעביטן געזען און ניט געזען, איצט איז בעביט אַ שם־דבר, אַ סימבאָל.

נאָך אַ רעאַליסט האָט דערזען זיין שטעטל — ניו יאָרק, און עס איז געשאַפן געוואָרן „מאַנהעטן טראַנספער״, „יו. עס. איי.״ פון דזשאָהן דאָס פּאַסאָס, ניט קיין שלעכט „שטעטל״, כאָטש אַ רעאַליסטישעס.

„וועסעקס״ געפינט זיך אויך ניט אין צענטער פון דער וועלט, פונדעסטוועגן האָט טהאָמאַס האַרדי באַוויזן אָנצושרייבן אַ פּאָר פיינע דערציילונגען פון אָט דער „מדינה״. זיינע טיפּן — מענטשן פון וועסעקס, און אויך פון דער גאָרער וועלט. אמת, ניט קיין פּראָפעסאָרן . . .

קען טאַקע דער רעאַליסט ניט אויסמאָלן קיין פּראָפעסאָר? מוז ער עס האָבן שיכורים, גנבים און גאַסנפרויען? איז אַ דאָקטאָר פאַוסט טאַקע אַזאַ האַרטער נוס פאַרן רעאַליסט?

אַנדרעי באָלקאָנסקי, פּיער בעזאוכאָוו פון טאָלסטאָיס „קריג און פרידן״ האָבן ניט געהאַט קיין דאָקטאָר טיטולן — זיי זיינען דאָך ניט געווען קיין דייטשן — אָבער קיין בעטלער זיינען זיי אויך ניט געווען, און לעווין פון אַננאַ קאַרענינאַ וואָלט אפשר געקענט פאַרנעמען אַ פּראָ־

פעסאָר־שטעלע. און וואָס איז מכוח טאָלסטאָין גופא? „פּאָטער סערגי" האָט טאָלסטאָי אַ דערציילונג, אַ קורצע דערציילונג, ווו עס ווערט געמאָלן די אינערלעכע ביאָגראַפיע פון ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי, ניט קיין שלעכטער דאָקטאָר, אויב אפילו זיין נאָמען איז ניט פאוסט און אויב אפילו ער מאָלט זיך. קענטיק אַז אַ רעאַליסט גיט זיך אַן עצה מיט אַ פּראָפעסאָר אויך, אויב ער איז נאָר אַ קינסטלער . . .

באַשעוויס צעטיילט אָבער ניט די שרייבער אויף גוטע און שלעכטע שרייבער, ביי אים איז שולדיק ניט דער שרייבער, נאָר זיין שיטה, זיין פילאָזאָפיע. אַ מאַטעריאַליסט אין דער פילאָזאָפיע? דאַן איז דער שרייבער שוין אַ רעאַליסט אין דער ליטעראַטור און זיין שרייבן קען שוין ניט זיין גוט.

ווי אַזוי דער ניט־מאַטעריאַליסט טאָלסטאָי האָט געקענט שרייבן רעאַליסטיש איז טאַקע אַ פראַגע; ווי אַזוי דער זעלביקער פלאָבער פון „מאַדאַם באָוואַרי" האָט געקענט שרייבן דעם „נסיון פון דעם הייליקן אַנטהאָני" איז ווידער אַ פראַגע; און ווי אַזוי געטהע פון „פאַוסט" האָט געקענט שרייבן „ווילהעלם מייסטער" איז שוין גאָר אַ פראַגע. דאָ נאָך פראַגעס. אויב דער רעאַליסט מוז זיין אָביעקטיוו, באַשרייבן פאַקטן, דאָס און ניט מער, ווי קען ער זיין סוביעקטיוו און שרייבן וועגן זיך? אויב ער קוקט נאָר אין גאַס, ווי קען ער קוקן אויך אין שפּיגל און, די שעה זאָל גאָרניט זיין, אויך צום הימל? און איז אָביעקטיוויטעט אָדער סו־ביעקטיוויטעט גוט צי שלעכט? באַשעוויס ענטפער איז אַן איינפאַכער — אָביעקטיוויזם, סוביעקטיוויזם, קאָפּ־אַרבעט, אינסטינקט שאַפונג, דאָס אַלץ איז גוט ביים ניט־רעאַליסט. איז ער אָבער אַ רעאַליסט, טויג שוין ניט זיין שרייבן ווייל . . . ווייל רעאַליזם מיינט מאַטעריאַליזם, מאַטעריאַ־ליזם מיינט סאָציאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע מיינט פּאַרטיי, פאַרשקלאַפטקייט, אַ תפיסה, און דער קינסטלער דאַרף זיין פריי.

איז פּאַרטיי־דיקטאַטור חל בלויז אויף רעאַליזם און רעאַליסטן?

דער איטאַליענישער פּאָעט פ. ט. מאַרינעטי איז ניט קיין רעאַליסט, דאָס האָט אים ניט געשטערט צו באַזינגען מוסאָליניס פאַשיזם אין פוטוריסטישע געזאַנגען; וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי מיט זיין „וואָלקן אין פּלודערן" קען זיכער ניט פאַרשריבן ווערן אין דער רעאַליסטישער סקאָלע, פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ קאָמוניסטישע קאָלאָקאָטקע, פון דער צווייטער זייט האָט אַזאַ רעאַליסטישער שרייבער ווי שאָלאָכאָוו, אונטער דער זעלבער פּאַרטיי־דיקטאַטור, באַוויזן אָנצושרייבן אַזאַ גוט און

ערלעך בוך ווי „דער שטילער דאָן", אַ בוך ניט דיקטירט פון קיין פּאַרטיי, נאָר פון זיין אייגענעם מענטשלעכן געוויסן און זיין קינסטלערישער אויפפאַסונג.

דער רעאַליסט האָט ניט קיין מורא פאַר דער סאָציאָלאָגיע, אויך ניט פאַרן וואָרט טענדענץ, און דאָס וואָרט „פרייהייט" פּרובירט ער פריער אויס אויפן צאָן צו וויסן געווי וואָס מיינט מען דערמיט, פריי צו שאַפן, אָדער פריי פון . . . גערדאַנקען ?

דער מענטש איז ניט נאָר אַן ערדישע באַשעפעניש, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכע. די באַציאונגען בין אדם לחברו, פון יחיד צום כלל איז זייער און זייער אַ וויכטיקער ענין. אויב דער שרייבער האָט חוץ טאַלאַנט אויך אַ קאָפּ צום טראַכטן, אַ האַרץ צום פילן, מוז ער טראַכטן און וויטיקן איבער דעם. טוט ער עס, וויל ער עס אַרויסברענגען, און דאָס מיינט שוין טענדענץ. איז ער שוין דערמיט טענדענציעז, מיטן הינטערטאָן פון פאַלשקייט ? איז ער שוין ניט פריי ?

טענדענציעז, ניט פריי איז דער שרייבער נאָר דאַן, ווען ער פ אַ ל־ ש ע ו ו ע ט, ווען ער שרייבט ניט דאָס, וואָס ער גלויבט און טוט עס בלויז אונטער אויסערלעכן דרוק. שרייבט ער צוליב זיין אינערלעכן דראַנג, און ער פּראָפּאַגאַנדירט ניט קיין פּאַרטיי־דאָגמאָס, נאָר מאָלט קינסטלע־ רישע בילדער, מעג זיין אמת ניט געפעלן ווערן, זיין קונסט מוז אָבער אָנגענומען ווערן. דאָסטאָיעווסקי האָט זיין גאַנצן לעבן געזוכט גאָט, און נאָך עפּעס אַ מין סלאַווישן גאָט, דאָס האָט ניט געשטערט אַ סך גאָטלאָזע רעאַליסטן אָנצונעמען ניט זיין גאָט, נאָר זיין זוכעניש, זיין קונסט. קינסטלער וואָס טרעטן אַרויס קעגן סאָציאָלאָגיע, אַנדערע לאָגיעס, פאָדערנדיק פאַרן קינסטלער די פולסטע פרייהייט, זיינען גאַנץ אָפט פריי פון יעדן לאָגאָס, פון יעדן געדאַנק אפילו...

דאָס ברייגנט אונדז דירעקט צום ענין קאָפּ און חושים.

— דער שאַפער שרייבט ניט מיטן קאָפּ, נאָר מיט די חושים, און ער שרייבט ניט קיין ווערטער, ער שאַפט סימבאָלן, — אַזוי זאָגט באַשעוויס, און ער איז ניט דער איינציקער וואָס האַלט פון דער מימרא.

איז דאָס אַזוי ?

וואָלט עס טאַקע געווען אַזוי, וואָלט די בעסטע פּאָעזיע איינגעשטאַנען ביי די פּאפּואַנער, די האַרמאָנישסטע מוזיק ביי די מעלאַנעזער, די טיפסטע פילאָזאָפיע ביי פּידזשיאַנער, זיי האָבן זיכער אַזעלכע גוטע חושים, אַזעלכע שאַרפע אינסטינקטן ווי די אַנטוויקלטע פעלקער מיט זייערע „קעפּעלעך".

דערווייל איז עס פונקט פאַרקערט, קולטור אין ברייטסטן זין געפינט מען ביי די „קאָפּ־מענטשן". ווערט אין אַ קאָפּ קאַליע אַ שרייפל, קען אפילו אַ ניטשע ניט אָנשרייבן קיין שורה. מאָפּאַסאַן האָט אָנגעשריבן די „האָרלאַ" ווען ער איז נאָך געווען ביים פולן פאַרשטאַנד, אַזוי פאַרזיכערט זשאָרזש דיוהאַמעל.

פון דער צווייטער זייט זיינען דאָ פּראָפעסאָרן, פילאָזאָפן, קאָפּ־מענטשן, און זיי קענען ניט אָנשרייבן ניט נאָר אַ ליד, נאָר אפילו אַ שורה גוטע פּראָזע, ווי דאָס האָבן באַוויזן די מייסטע דייטשישע פילאָזאָפן.

דאָס מיינט, אַז אויך דאָ דאַרף מען סקאַסירן דעם דואַליזם פון קאָפּ און חושים.

קונסט איז דער קוואַדראַט וואָרצל פון קאָפּ געכפּלט אויף האַרץ. אויב די דעפיניציע קלינגט צו מאַטעמאַטיש טרוקן, פאָרמולאַ מעסיק, קען מען זאָגן: קונסט איז דאָס געראָטן קינד פון דעם געלונגענעם שידוך צווישן קאָפּ און האַרץ.

דער קינסטלער, רעאַליסט אָדער ניט־רעאַליסט, אָפּערירט מיטן קאָפּ און מיטן האַרץ. דער רעאַליסט אונטערשיידט זיך פון דעם ניט־רעאַליסט אין דעם אופן פון אויפנעמען זאַכן און, דער עיקר, אינם אופן פון אַרויס־ברענגען זיי. דער רעאַליסט איז קודם־כל אַ זעעוודיקע באַשעפעניש, אויפן ליטעראַרישן זשאַרגאָן זאָגט מען: איז ער אַ פּאַנאָפּעאיסט, ער שאַפט בילדלעך. דער רעאַליסט קען האָבן, דאַרף האָבן אידייעס און אידעאַלן, ער מוז אָבער אָט די אידייעס פאַרקערפּערן אין מענטשן, אין ל ע ב ע ד י ק ע מענטשן. זיין אידייע טאָר ניט אַרויסשטאַרטשען פון זיין ווערק, זי דאַרף אַרויסשטראַלן, זיך אַנטפּלעקן דורך דעם מענטשנס מעשים, באַוועגונגען, רייד, כל עצמותיו תאמרנה. זיינע העלדן האַנדלען טאַקע ווי ער וויל, ער קען זיי אָבער ניט מאַכן פאַר קיין מאַריאָנעטן, ער קען זיי ניט אַרויסנעמען אָדער זיי אַריינברענגען ווען און ווי אים פאַרווילט זיך. דאָס איז די פּריווילעגיע פון די מיסטיקער, סימבאָליקער. זיי, וועמעס טיפּאַזש זיינען געטער, מלאכים, שדים און רוחות, זיי קענען זייערע העלדן ברענגען צופליען אויף אַ וואָלקן. דער רעאַליסט קען ניט אויסמאָלן ווי אַ „קוצע קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי". ער האָט צו טון מיט לעבעדיקע מענטשן. דאָ איז דער קאָנטראָל אויף וועלכן באַשעוויס קלאָגט זיך אַזוי. וועלכער איז אָבער, לויט מיין מיינונג, זייער און זייער נייטיק פאַרן שרייבער, ווען ער שרייבט לעבעדיקע מענטשן,

אָן אָט דעם קאָנטראָל וואָלט עס אַרויסגעקומען פֿאַלש, געקינצלט און דאָס מיינט ניט קינסטלעריש.

דער ניט־רעאַליסט איז, וואָס מ׳רופֿט אויפֿן ליטעראַרישן זשאַרגאָן, אַ לאָגאָפּעאיסט, ער אָפּערירט מער מיט געדאַנק.

סימבאָליזם איז די אַלגעבראַ פֿון דער ליטעראַטור, רעאַליזם איז די געאָמעטריע, און ניט דוקא די יוקלידישע, די ערדישע. אויך רימאַנס געאָמעטריע, די הימלישע, איז ניט פֿרעמד דעם רעאַליסט. דער גוטער רעאַליסט נעמט קאָנקרעטע דערשיינונגען און דערהייבט זיי צום אוני־ווערסאַלן, דער סימבאָליקער נעמט אַבסטראַהירטע באַגריפֿן און קאָנקרע־טיזירט זיי. דער שלעכטער רעאַליסט שטעלט אָן אַ טעלעסקאָפּ אויף אַ זעמדעלע, דער שלעכטער סימבאָליסט קוקט אויפֿן הימל דורך אַ מיקראָס־קאָפּ. דער שלעכטער רעאַליסט ווערט דערטרונקען אין קליינינקייטן, דער שלעכטער סימבאָליסט ווערט פֿאַרלוירן אין מיסטישן נעפּל. דער שלעכטער רעאַליסט קען באַשולדיקט ווערן אין פּלאַטקייט. דער שלעכטער סימבאָ־ליסט קען מאַכן דעם אָנשטעל פֿון טיפֿער פֿילאָזאָפֿיע און אין אמתן זאָל זיין טיפֿקייט באַשטיין בלויז אין דעם וואָס עס איז פּשוט אַ פֿילאָזאָפֿיש ליידיק פּעסל אָן אַ דנאָ. די שיטה מאַכט ניט דעם שרייבער, דער שרייבער שאַפֿט זיין שיטה.

און פּונקט ווי ער שאַפֿט זיך זיין שיטה, שאַפֿט ער זיך אויך זיינע מיטלען. עס איז לעכערלעך צו זאָגן אַז רעאַליזם, און בלויז רעאַליזם, פֿאָדערט אריכות, אַז דער רעאַליסט מוז אונטערבעטן זיין טעמע. דאָ רעאַליסטן וואָס פֿראַקטיצירן צמצום און דאָ ניט־רעאַליסטן וואָס זיינען צעפֿלאָסן.

טשעכאָוו זאָגט: שרייב אַזוי אַז די ווערטער זאָל זיין ענג, דעם געדאַנק פֿריי. ניט קיין שלעכטער רעצעפּט פֿון אַ גוטן רעאַליסטישן דאָקטאָר. און איך ווייס פֿון אַ פּאָר יידישע שרייבער, וואָס זיינען אַזוי קאַרג אויפֿן וואָרט, אַז זיי שניידן זיך די פֿינגער ביים שרייבן. איך ווייס אויך זייער אַ סך מענטשן, וואָס טוען זיך ניט אַ ריר אָן גערעס „פּאַוסט“, אָבער מער ווי די ערשטע טייל האָבן זיי ניט געלייענט, פֿון די וויניקע וואָס האָבן יאָ פֿאַרזוכט גיין אַ ביסל ווייטער, זיינען אַ היפּש ביסל אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף די „קישעלעך“, וועלכע געטע האָט אַזוי ברייטלעך אויסגעבעטט.

עס איז אויך לעכערלעך צו זאָגן, אַז דער רעאַליסט איז אָרעם, ווייל ער האָט ניט מער ווי ווערטער, בעת דער סימבאָליסט איז רייך, ער האָט

סימבאָלן. יעדעס וואָרט איז אַ סימבאָל. אַ וואָרט הינטער וועלכן עס איז ניטאָ קיין בילד איז ווי אַ מענטש אָן אַ שאָטן, אַ טויט וואָרט. געוויס, עס זיינען ניטאָ קיין צוויי מענטשן, וואָס זאָלן הינטער איין וואָרט זען געגוי דאָס זעלבע בילד. „לחם איז ברויט. פאַר די נגידים אַ פרישינקע בול־קעלע און פאַר די קבצנים אַ דאַרינקע שקאָרינקע". אָבער דער נגיד און דער קבצן זעען פונדעסטוועגן ברויט, ניט קיין... עפּלקוואַס. ווען דער סימבאָליסט זאָגט אָבער: דער אשמדאי קערט דעם הימל מיט אַ שטאָ־לענעם בעזעם און די שדים פאַררוקן זיך אין די לעכער, — וועט דער לייענער ניט זיין קיין סתם מקשן ווען ער וועט פרעגן: וועגן וועלכן אשמדאי רעדסטו? וועגן דעם אַלטן באַקאַנטן אשמדאי, אָדער מיינסט גאָר צו זאָגן אַז היטלער רייניקט זיין פאַרטיי און רעם וחברותא פּרובירן אַנטלויפן?

טיטולירן טאָלסטאָיען אַלס סתם מקשן איז סתם גערעדט, זיין ליטע־ראַרישער אני־מאמין איז ווייט ניט קיין עם־הארצישער.

„וואָס זאָגט דער קינסטלער, ווי אַזוי, און ווי אויפריכטיק איז ער אין זיין זאָגן. איינפאַכקייט איז דער פאַרבאַדינג פון יעדן שרייבן. שרייבן מיינט אַנטדעקן פאַרן עולם וואָס ער ווייס ניט, אָדער וואָס ער איז קענגן."

דאָס האָט געשריבן טאָלסטאָי דער ריאַליסט. זיין אני־מאמין איז נאָך היינט גילטיק. איינפאַכקייט איז ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. די טיפסטע געדאַנקען קען מען אויסדריקן אין די איינפאַכסטע ווערטער, אויב... מ'קען. יאָ, מ'דאַרף קענען, אויב אפילו דאָס וואָרט „קענען" שמעקט מיט מלאכה. אל תהי המלאכה קלה בעיניך. טשעכאָוו האָט זיך ניט געשעמט קנעלן מיט גאָרקין ווי אַנצושרייבן אַ זאַץ און, לייענט מען פלאָבערס בריוו, זעט מען וואָס עס מיינט פאַר אַ שרייבער זיצן שטונדנלאַנג און זוכן אַ וואָרט, דאָס פּאַסיקסטע, דאָס פּרעציזסטע. רעזומירן:

דער רעאַליסטישער שרייבער שטעלט אַוועק זיין ליטעראַרישן לייטער אויף דער ערד. אָט דער ליטעראַרישער לייטער איז זיכער אַ פיקציע פון זיין מאַרך, זיינע חושים, אָבער פאַר אים איז עס זייער רעאַל, און די ערד איז אודאי רעאַל. מעגן די פילאָזאָפן זי אַוועקפילאָזאָפירן, אַז זי איז בלויז זיינער אַ דמיון, מעגן די וויסנשאַפטסלייט זי רעדוצירן צו אַ סומע פון אַזויפיל קוואַנטאַ ענערגיע, פאַר זיין „אינטימען וויסן", פאַר אים, איז זי טערראַ פירמאַ, פעסטער באָדן.

ער באַפּעסטיקט זיין ליטעראַרישן לייטער צום פעסטן באָדן אַזוי זיכער, ווי ער קען נאָר, ער זאָל ניט ברעכן האַלדז און נאַקן, ווייל דער לייטער איז זייער אַ הויכער, ערגעץ וואו פאַרלירט ער זיך, גיסט זיך צונויף מיטן הימל. טאַקע פ א ר ל י ר ן ז י ך. ער שטופּט אים ניט אַהין. שטופּן זיך אין הימל איבערגעוואַלד, ווייל דאָרטן איז „שענער", איז פאַרן רעאַליסט אַ חסרון. און אפשר ניט נאָר פאַרן רעאַליסט.

אויף אָט דעם ליטעראַרישן לייטער גייען מענטשן אַרויף און אַראָפּ. מענטשן, ניט קיין מלאכים, מענטשן, וועלכע ער האָט אַליין געשאַפן. וואו האָט ער זיי גענומען? אין גאַס און אין שטוב, אין שענק און אין בית־מדרש, אין באָד און אויפן בית־עולם, אין וואַרעמע ווייבערישע בודואַרן און אין קילע ביבליאָטעק־קולואַרן, וואו נאָר ער האָט זיי געקראָגן. ער האָט זיי גענומען ניט ווי זיי זיינען אים געקומען פאַר די אויגן, ער האָט אויסגעקליבן און אָפּגעקליבן. די אָפּגעקליבענע, זיי קענען זיין באַלעגאָלעס אָדער פּראָפעסאָרן, זיינען געוואָרן זיינע מאָדעלן. זיי מאָלט ער ניט נאָר ווי זיי שטייען און גייען, נאָר אויך ווי זיי זיצן און ליגן, פרייען זיך און וויינען, חלומען, טראַכטן, האָפן, צווייפלען, באַגייען מצוות און פאַרברעכנס, קורץ — עולים ויורדים.

ער וויל זיי אַזוי אויסמאָלן, אַז דער לייענער זאָל זיי דערזען, דערפילן ווי ער האָט זיי געזען, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך.

ווי אַזוי קלייבט ער אָפּ די מענטשן? ניטאָ קיין אײן רעצעפּט פאַר אַלע רעאַליסטישע שרייבער. יעדער שרייבער האָט זיך זיין זיפּ. קומט אַ טעמע, אַ מענטש און פאַרשווינדט, איז רעכט מ'זאָל אים ניט אָנשרייבן. כמעט יעדער שרייבער האָט אויף זיין געוויסן אַזעלכע ליטעראַרישע „אַבאָרטן". קומט אָבער אַ מענטש, אַמאָל בלויז זיין נאָז, זיין מויל, און עסט זיך איין אין די גרגרת, לאָזט ניט רוען, לאָזט ניט שלאָפן, איז מוז מען אָנשרייבן, אויסמאָלן, ער מאָלט אים ניט דווקא ווייל ער האָט הנאה פונם מאָלן, גאַנץ אָפטליידט ער גאָר פון זיינע פאַרשוינען. אויב ער טוט עס פאָרט, איז עס דערפאַר ווייל ער וויל עפּעס זאָגן, זאָגן עפּעס וואָס איז אים שטאַרק נוגע. דאָס זעלביקע וואָלט ער אפשר געקענט זאָגן אין דער פאָרם פון אַן אָפּהאַנדלונג, אויב ער קלייבט אויס צו זאָגן עס דורך די געשאַפענע בילדער, מענטשן, איז עס דערפאַר ווייל דאָס איז זיין וועג, דער בעסטער וועג פאַר אים.

מוז זיין וועג אויך זיין דער וועג פאַר אַנדערע? איז דער וועג דער בעסטער? אין רוסיש איז דאָ אַ ווערטל: ניט ליב ווייל שיין, נאָר שיין

ווייל ליב. קיין שרייבער ווערט ניט קיין רעאַליסט, סימבאָליסט אָדער אַנדער „איסט״, ווייל ער האָט דורכגעשטודירט אַלע פאָרמען און די איז אים אַמבעסטן געפעלן געוואָרן, ווייל זי איז די שענסטע, די בעסטע. ער שרייבט אַזוי, ווייל דער אופן שרייבן האַרמאָנירט אַמבעסטן מיט אים. דעריבער, ילכו איש בשם אלהיו, און פון צייט צו צייט מעג מען אפילו דינען דער עבודה זרה אויך. קיין מענטש איז ניכטער אָדער שיכור פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ווען דעם רעאַליסט ווערט צו וואַרעם אויף דער ערד, מעג ער זיך אַריבערכאַפּן צום סימבאָליזם אין די הימלען, זיך אָפּקילן אַ ביסל. פליגל? ער האָט דאָך אַ גוטן, הויכן לייטער! און, אין אַ נויט, צעלאָזט ער די פליגל. אַ שרייבער טאָר ניט פאַרגליווערט ווערן אין זיין שיטה. יעדע טעמע האָט זיך איר אייגענע שיטה. ווערט, ווידער, קאַלט דעם סימבאָליסט אין די „העכערע ספערן״, מעג ער מיט אַ ריינעם געוויסן אַרונטערבידעריקן צו דער זינדיקער ערד, זיך אָנוואַרעמען אַ ביסל.

זאָגן, אַז ליטעראַטור האָט נאָר איין שיטה — מיינע, און פסלענען אַלע אַנדערע, קענען טאַקע נאָר עפּיגאָנען, אָבער ווער איז דער עפּיגאָן?

די פּאַפּירענע בריק

אונדזער ליטעראַטור — די העברעאישע און אויך די יידישע — איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען און איז טיילווייז נאָך היינט אַ „גאָט״ ליטעראַטור. דער מאָטיוו גאָט איז געווען דער לייט מאָטיוו און אפילו „גאָטלאָזע״ ביכער זיינען אין תוך געווען וואַריאַציעס אויפן גאָט מאָטיוו. גוטס און שלעכטס, צדיק ורשע, שכר ועונש, לעבן און טויט, אפילו ליבע — אַ וואַריאַציע אויף דעם גאָט מאָטיוו. איז דאָך שיר השירים אַ ליבע צווישן דעם רבונו של עולם און דער כנסת ישראל. אמת, שוין אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן מיר זיך געקריגט מיט גאָט — איוב, אָבער מיט וועמען קריגט מען זיך אויב ניט מיט אַ נאָענטן? מיט אַ ווילד פרעמדן קריגט מען זיך ניט. אַזוי אין דער אַלטער ליטעראַטור, אַזוי אין דער נייער.

די יידישע ליטעראַטור (אויף יידיש), וועלכע האָט זיך אָנגעהייבן מיטן אַוועקגיין פון בית מדרש, פון דער גמרא איז אויך ניט געווען פריי פון גאָט. דער שרייבער איז טאַקע אַוועקגעגאַנגען פונם בית מדרש, פון דער גמרא, פון גאָט, דער בית מדרש, די גמרא און גאָט זיינען אים אָבער נאָכגעגאַנגען, דער יידישער לעבנס שטייגער איז געווען אַ „געטלעכער״. ווען אַ ייד האָט זיך געשוואָרן „ווי מיר האָבן היינט שבת קודש אויף דער גאָרער וועלט״ איז דאָס ניט געווען סתם אַן אויסדרוק. אַרויסגעזאָגט די ווערטער „שבת קודש אויף דער גאָרער וועלט״, האָט דער ייד געקענט דערזען ווי יידן אויף דער גאָרער וועלט גייען אין שול אַריין, דאַווגען, לייענען די תורה און עסן... טשאָלענט און קוגל. גאָט איז טאַקע געווען אין הימל, אָבער זיין תורה איז געווען אויף דער ערד. אָט די תורה האָבן טאַקע ניט אַלע געלערנט, גאָר אַ סך יידן האָבן אפילו ניט פאַרשטאַנען דעם פירוש המילות פון זייער דאַווגען, אָבער אַלע האָבן ג ע ל ע ב ט מיט דער תורה, עס איז געווען אַן איינגעפונדעוועט יידיש לעבן על פי תורת משה, על פי שולחן ערוך, יעדער ייד, אפילו דעם עם הארץ שבעמי הארצים, האָט געוווסט אַז אינדערפרי דאַרף מען אָפּגיסן

נעגל וואַסער — און ער האָט עס אויך געטון — און פאַרן שלאָפן גייען לייענען קריאת שמע. מיט מודה אני האָט זיך אָנגעהייבן דער טאָג, פאַרן דערוואַקסענעם אַזוי גוט ווי פאַרן קינד, מיט שמע ישראל האָט זיך דער טאָג געענדיקט.

אָט אַ דער גאָט איז פאַר די מייסטע געווען ניט עפּעס אַ פילאָזאָפישער באַגריף, זיכער ניט קיין וועלט שכל און אודאי און אודאי ניט קיין מאַטע־מאַטישער גאָט פון אַ דזשיימס דזשיענס היינט צו טאָג. ער איז געווען אַ פּערזענלעכער גאָט צו וועמען מ'האָט זיך געקענט ווענדן אין אַ עת צרה. „טאַטע זיסער, האַרציקער, געטרייער", האָט זיך פאַרגונען אַ ייד אויסצורופן אפילו אײַנמיטן דאַווענען, און „גאָטעניו! פאַרוואָס קומט עס מיר?" האָט אַ יידענע אַרײַנגעשריען אין ארון קודש אַריין ווען אירס אַ קינד איז געליגן קראַנק. דאָס קינד איז געזונט געוואָרן, האָט דיזעלבע יידענע געזאָגט: אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! אָט דער גאָטעניו, אָט די פאַרצויגנקייט, איז ווייט פון אוניווערסאַליזם. גאָט — אַ פּערזענלעכער, אַ נאָענטער, אַ טאַטע.

אין הימל אַ גאָט — אַ טאַטע, אבינו שבשמים, און אויף דער ערד אויך אַ טאַטע, דער פּאַטריאַרכאַלער לעבנס שטייגער. טאַטעס, מאַמעס, זין, טעכטער, שניר און איידעמס, זיידעס, באָבעס, אייניקלעך און אור־אייניקלעך זיינען געזעסן ביי איין טיש אין אַ שבת, אַ יום טוב, אינאיינעם געעסן, געבענטשט, געזונגען זמירות, געדאַוונט אין דער זעלבער שול אָדער קלויז, אַמאָל אויך געפאָרן צו איין רבין.

דער יידישער שרייבער וואָס איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען פון דער קלויז און אפשר אויך פון זיין טאַטנס טיש, ווען ער האָט געוואָלט מאָלן דאָס יידישע לעבן האָט ער געמוזט קומען צוריק אַהין פון וואַנען ער איז אַוועקגעגאַנגען. איינער איז געקומען, האָט באַגיטיקט דאָס שטייגער לעבן, אים באַזונגען, אַ צווייטער האָט מרעם געווען, איגנאָרירן אָט דאָס לעבן האָט קיינער ניט געקענט. ד אָ ס איז געווען ד אָ ס יידישע לעבן, גאָט אַ פאָטער אין הימל, דער טאַטע, דער פּאַטריאַרך, שיר ניט אַ גאָט אויף דער ערד, די ערד — דאָס יידישע שטעטל.

נו, די ערד באַוועגט זיך, און אויך די „יידישע ערד", דאָס קליינע שטעטל האָט גענומען זיך באַוועגן. אויף דער יידישער לאַנד קאַרטע האָבן מיר דערזען ניט נאָר דאָס אויסגעפּוצטע „שטעטל" פון שלום אַש מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישן „שלמה נגיד", נאָר אויך איטשע מאיר וויסענבערגס אָפּגעריסן „שטעטל" און דעם „טאַטע מיט די בנים". אין אָט דעם שטעטל

גייט עס דעם פּאַטריאַרך ניט אַזוי גוט און גאָט געדייעט דאָרט ניט אָמ־ בעסטן. אַרויסגעטריבן האָט מען אים אָבער נאָך ניט, עס קען זיך זיין אַ פּלוגתּא „צווישן צוויי בערג", דער בריסקער רב אָדער דער ביאַלער רבי, מנחה שטעלן זיך ביידע דאַוונען און, פאַרשטייט זיך, ניט אין אַ גאָטלאָזן טאָל. גאָט מיראה אָדער מאהבה, אָבער גאָט, דער העכסטער אויסדרוק — קדוש השם. צי דאָס איז אַ זעקעלע ארץ ישראל ערד, אַ יאַרמעלקע פון אַ יידן וועמען מ'האָט געטריבן קאַסטראַי, אָדער גאָר אַ שפּילקע וואָס אַ יידישע טאָכטער האָט אַריינגעשטאָכן אין איר לייב, אָבער אַלץ קדוש השם.

— קדוש השם?! — האָט אַ געשריי געטון חיים נחמן ביאַליק נאָכן קישענעווער פּאָגראָם. — חלול השם! — „זאָלן זיי אויפהייבן אַ פויסט קעגן מיר... צעשפּאַלטן די הימלען און מיין שטול מיט זייער פויסט..." און ל. שאַפּיראָ האָט געענטפערט: ניט קדוש, ניט חלול השם, קדוש ה נ פ ש, נפש! נפש! ניט גאָט, דער מענטש, דער לייבלעכער מענטש.

און י. אָפּאַטאָשו איז געקומען און האָט געזאָגט: „צווישן צוויי בערג"? ביאַלע און בריסק? קומט מיט מיר אין מיינע „פוילישע וועלדער", גיט אַ קוק אויף קאָצק, זעט ס'אַראַ פּנים דאָס חסידות האָט ד אָ ר ט.

די ציוניסטישע, די אַרבעטער באַוועגונג, רוסישע רעוואָלוציע, פּאָג־ ראָמען, עמיגראַציע האָבן אויפגעטרייסלט דאָס יידישע שטעטל, דעם אַלטן לעבנס שטייגער און אויך דעם גלויבן אין גאָט. דאָס שטעטל איז ניט אינגאַנצן חרוב געוואָרן, אויך דער לעבנס שטייגער איז ניט א י נ ג אַ נ צ ן פאַרשוווּנדן, אָבער דער פּנים פון שטעטל האָט זיך געביטן. „אַמאָל" אַז מ'האָט געכאַפּט אַ חתן בחור רויכערן אום שבת האָט ער געקענט קריגן זיינע תנאים אָפּגעשיקט, אַ ווייבל איז געגאַנגען אין די אייגענע האָר האָט געקענט אויסברעכן אַ רעוואָלוציע אין בית מדרש אויב ניט אַ. . . מגפה אין שטעטל, עסן אום יום כפור! זאָל גאָט שומר ומציל זיין. ווען אַ שרייבער האָט געמאָלן דאָס יידישע לעבן, די יידישע סביבה, אַ פרום יידיש הויז האָט ער אויסגעמאָלן א י ן הויז אַזאַ, ניין, איין מענטשן, איז אָט די איינצלנע הויז, אָט דער אינדיווידועלער מענטש געווען גילטיק פאַר טויזנטער יידישע הייזער, הונדערטער יידישע קבוצים, שיר ניט פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל לויט די דעמאָלסטיקע יידישע באַגריפן. נאָך 1905 האָט שוין איין יידיש הויז ניט געקענט זיין דער סימבאָל פון גאַנצן יידישן שטעטל, אין דעם איינעם הויז האָט שוין געקענט הויזן אַ פרומער טאַטע מיט אַן „אויסגעלאָסענעם" זון, אַ געטרייע מאַמע מיט אַ צעלאָזענער טאָכטער. עס איז געקומען דוד בערגעלסאָן מיט זיין שטעטל ראַקיטנע,

אויך אַ יידיש שטעטל, אָבער מיט אַלע חנען און חנדלעך אויף וועלכע בערגעלסאָן איז אַזאַ בריה איז זיין שטעטל שוין פּאָרט ניט געווען קיין איינהייטלעכער יידישער קבוץ, עס איז שוין ניט געווען קיין מוסטער פון גאַנצקייט, נאָר אַן אָנזאָג פון צעפאַלן, אַן איבערגאַנג פונם געטלעכן לעבנס שטייגער צום גאָטלאָזן, אַן „אָפּגאַנג", און אויך אַן איבערגאַנג פון ק אָ־ ל ע ק ט י ו ו ן יידישן לעבן צום אינדיווידועלן מענטשן. מיט יאָרן שפּעטער, שוין בימי בערלין, האָט זיך בערגעלסאָן באַקלאָגט: ער האָט אָנגעהייבן שרייבן אַ ראָמאַן פון יידישן קליינבירגערלכען לעבן (מיר דוכט יוסף שור) און נאָך איידער ער איז אַריין ריכטיק אין דער אַרבעט איז אָט דער שטייגער לעבן צערונען געוואָרן, ניט געווען שוין דער מאַטעריאַל פון וואָס אויסצובויען אַ גאַנצע געביידע, אַ ראָמאַן.

אָנשטאָט באַקלאָגן זיך וואָלט געווען בעסער צו באַגרייפן, דערזען אַז דאָס יידישע לעבן ברעכט זיך, פון אַ געטלעך־פּאַטריאַרכאַליש־קליינ־שטעטלדיקן לעבנס שטייגער גייט עס אַריבער אויף אַ פּשוט מענטשלעכן, אינדיווידועלן שטייגער. דער שווימער קען שווימענדיק ניט אויסמעסטן די שנעלקייט פונם שטראָם, ער קען בלויז פילן אים. קומט אָן שווער דאָס שווימען, און דער שרייבער קען אָפּטמאָל שרייבנדיק ניט תופס זיין געבוי דעם איבערברוך פּראָצעס אין זיין פולער באַדייטונג, ער קען בלויז זען, אויב ער איז אָביעקטיוו גענוג צו זיין אייגענעם שרייבן, אַז ס'איז אַרויסגעקומען ניט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. געוואָלט האָט אפשר בערגעלסאָן געבן ד אָ ס יידישע לעבן, אַרויסגעקומען זיינען איינצלנע מענטשן, מירל פון „נאָך אַלעמען", מלך פון „אָפּגאַנג" רעפּרעזענטירן ניט די יידישע בחורים און מיידלעך, אויב זיי כאַראַקטעריזירן יאָ עמיצן, איז עס דעם איבערגאַנג טיפּ. צו דער קאַטעגאָריע באַלאַנגט אויך ה. ד. נאָמבערגס „פליגעלמאַן".

גלייכצייטיק מיט זיין באַקלאָגן זיך אויפן יידישן לעבנס שטייגער וואָס ווערט חרוב האָט בערגעלסאָן אָנגעוויזן אויף אַ נייעם לעבנס שטייגער וואָס הייבט זיך אָן פאָרמירן, דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד, און עס האָט געהייסן אַז ער האָפט פון י ע נ ע ם לעבן קריגן דעם נויטיקן מאַטעריאַל פאַר זיין קינסטלערישער געביידע.

(וועגן די קינסטלערישע געביידעס, וואָס דוד בערגעלסאָן און אַנדערע יידישע שרייבער האָבן אויפגעבויט מיט די מאַטעריאַלן פונם נ י י ע ם יידישן לעבן אין רוסלאַנד איז איצט, אין 1957, שווער צו ריידן. וואָלטן מיר געקענט זיך אַוועקזעצן ביי אַ טישל, פּראַווען אַ ספּיריטואַליסטישן

סעאַנס און אַרויסרופן בערגעלסאָנס „גייסט", וואָלטן מיר אפשר דערהערט צוויי ווערטער — „נאָך אַלעמען", און דאָס וואָלט ניט געווען דער נאָמען פון זיין ערשטן ראָמאַן, נאָר די אונטערשטע שורה פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.)

מיר, דאָ אין אַמעריקע, וואָס לעבן נאָך אַלץ מיט דעם „קליינבירגער־לעכן" לעבן, ניט געווען די „סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע", וואָס זאָל דאָס צעברעכן, מוזן פונדעסטוועגן „איבערשאַצן אונדזערע ליטעראַרישע ווערטן", שוין דערפאַר אַליין וואָס אונדזער לעבנס שטייגער האָט זיך געביטן.

אונדזער לעבן דאָ איז אַ גרויסשטאָטישער. אָט די גרויס־שטאָטישקייט האָט מער ווי אַלץ געווירקט אַז דאָס לעבן זאָל אַטאָמיזירט ווערן. אינם שטעטל האָט יעדע פאַמיליע געגעסן ביי זיך אין שטוב, דאָך האָט איין שכנה געוווסט וואָס ביי דער צווייטער אין טעפל קאָכט זיך, עס איז געווען אַ קאָלעקטיוו לעבן. דאָ עסן הונדערטער מענטשן אין איין רעסטאָראַן און איינער ווייסט ניט וואָס דער צווייטער עסט, עס איז אַ אינדיווידואַליסטיש לעבן, מיליאָנען מענטשן אין איין שטאָט, מיליאָנען אַטאָמען אין איין שטיקל רוים, איין אַטאָם ניט אָנרירנדיק דעם צווייטן. מענטשן פרעמדע, איינצלנע. אפילו די יידישע מאַמע, די באַרימטע „יידישע מאַמע" פון דער יידישער בינע פאַרשווינדט שוין אויך, צוויי ברידער וואָס וווינען אין איין שטאָט קענען זיך זען איין מאָל אין אַ יאָר, אויב ניט זעלטענער.

היות די ליטעראַטור לעבט ניט „איבדרויסן", ליטעראַטור איז סוף כל סוף ניט מער און ניט ווינציקער ווי דער אויסדרוק פון לעבן, קינסטלע־רישע ליטעראַטור — ווען אָט דער אויסדרוק קומט אַרויס אין דער שענסטער בעסטער פאָרם וואָס נאָר מעגלעך, מוז די ליטעראַטור זיך פאַרנעמען אויפן דרך צום איינצלנעם מענטשן. אין דער ליטעראַטור, קען מען זאָגן, איז גאָט געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אונדז בירושה דעם מענטשן. נאָך אָט דער ירושה דאַרפן מיר נאָכלויפן, אָט דעם מענטשן דאַרפן מיר מאָלן, אויסמאָלן אים מיט אַלע פיטשעווקעס.

די ווערטער „מיט אַלע פיטשעווקעס" זיינען ניט צוגעגעבן געוואָרן צוליבן שיינעם וואָרט. אַרויסגעטריבן גאָט פון דער ליטעראַטור, מיינט ניט פאַרגעטערן דעם מענטשן. ניט נאָר ניט פאַרגעטערן, אפילו ניט אַרונטערנעמען די היטל פאַר אים. זיגמונד פרויד האָט ניט אומזיסט געלעבט און געשאַפן, און די געשעענישן פון די לעצטע צוויי דריי צענדליק יאָר

זיינען ווייט ניט קיין גוטע סטימולאַנטן צו פאַרהערלעכן, אָפּגערעדט שוין פון פאַרגעטערן, דעם מענטשן. פאַרקערט, מיר ווייסן פון מענטשן וואָס האָבן געפּרווווט דורכמאַכן איבער זיך אַ פּסיכאָאַנאַליז און האָבן זיך גענומען דאָס לעבן, זיי האָבן זיך אַליין ניט געקענט פאַרטראָגן נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך דערזען, און זיכער קען אַ מענטש פון 1941 ניט אָנקוועלן פון זיך ביים אַריינקוקן אין שפּיגל אין ליכט פון די געשעענישן היינט צו טאָג. דאָ ליגט טאַקע די צרה. מענטשן, וואָס האָבן אַרונטערגענידערט אין „מענטשלעכן קעלער" פון פרוידס שיין וואַרפער האָבן זיך דערשראָקן פאַר די שרצים ורמשים וואָס זיי האָבן דאָרטן דערזען, געפאַלן אין חלשות פאַר שרעק, אָדער אַרויסגעלאָפן ביט וועלנדיק מער זען, פאַרגעסנדיק אַז דער שיין וואַרפער וואָס האָט זיי געוויזן די אַלע זאַכן איז אויך זייערער, אַ מענטש־לעכער. מענטשן וואָס קוקן זיך צו צו די „מענטשלעכע" האַנדלונגען היינט צו טאָג קענען זייער לייכט פאַרצווייפלט ווערן אינם מין מענטש. ניט אומזיסט הערט זיך איצט דער געשריי צוריק צו גאָט! אַנטוישט אינם מענטשן, וויל מען זיך ראַטעווען תחת כנפי השכינה ניט נאָר אויף יענער וועלט, נאָר טאַקע דאָ אויף דער וועלט. נו, דער געשריי איז אַ קול ענות, אַ אַנגסט געשריי, ער האָט אפשר געמוזט קומען צוליב די געשעענישן וואָס קומען איצט פאָר, שווער צו זיין אַן אפיקורס ביינאַכט . . . ממעמקים, אַז מ'ליגט גוט אין דער ערד, איז קראַתיך. עס איז אָבער אַ גרויסע פראַגע צי אָט דער רוף צו גאָט האָט וועלכן עס איז כוח צו שאַפן נייע פאָרמען פון רעליגיעזן לעבנס שטייגער וועלכע דער קינסטלער זאָל קענען פאַר־קערפּערן אין זיינס אַ ווערק. ער וועט עס נ י ט קענען, און דערפאַר טאַקע איז די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור ניט „גיין צוריק צו גאָט", נאָר צום מענטשן, וויזן אָט דעם מענטשן מיט אַלע זיינע פּיטשעווקעס, זאָגנדיק: זעסט? אָט דאָס אָ איז דער מין מענטש, אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן, און אָט די שפּיל איז אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט ביז גאָר.

און וואָס האָבן געטון די שרייבער ביז איצט? האָבן זיי ניט געמאָלן דעם מענטשן? און אפילו די ליכט און שאָטן שפּיל, האָט ניט דאָסטאָיעווסקי געשריבן „גוטס און שלעכטס שלאָגן זיך און דאָס שלאַכטפעלד דאָס מענטשלעכע האַרץ"? געוויס האָט ער געשריבן, און וויל ער האָט געוווסט פון אָט דעם „סוד" האָט ער טאַקע אַזוי טיף געשניטן, אָבער אפילו ער, דער אומברחמנותדיקער כירורג, אויך ער האָט ביים פאַלמעסן מורא געקראָגן טאָמער וועט ער צולעצט דערזען ניט מער ווי אַ מענטשן, און געוואָלט האָט ער דערזען גאָט, אַ סלאַווישן גאָט דערצו. גאָט האָט ער ניט דערזען.

זיין „גאָט אויסדערוויילטער" אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו איז אַרויסגעקומען „געטלעך" בלאָס, דער מענטשלעכער אל צו מענטשלעכער דימיטרי איז קרעפּטיק, פּולבלוטיק, ווייל מענטשלעך.

און דאָס דאַרף זיין די לעקציע — אויפהערן זוכן גאָט, אפילו אינם מענטשן, נאָר וויזן דעם מענטשן אין זיין מענטשלעכקייט, אויבער און אונטערמענטשלעכקייט, און באַטאָנען — אלה אלהיך! דאָס איז די באַשעפעניש, וועלכע וועט, דאַרף פּאָרט עפּעס אויפטון, קיין אַנדער כוח איז ניטאָ, און דאָס איז ד ע ר מאַטעריאַל מיט וועלכן דעם קינסטלער וועט אויסקומען צו אַרבעטן, פון אים עפּעס מאַכן. און אויך דער קינסטלער, אָט דער וואָס פאָרמירט די געשטאַלטן, שאַפט וועלטן, איז אויך ניט מער ווי אַ מענטש. אָט די לעצטע באַוואָרעניש איז געצילט קעגן די ראָמאַנטיקער וואָס אין זייער זוכעניש נאָך אַ גאָט ווילן שיר ניט אַרויפזעצן דעם קינסטלער אויפן כסא הכבוד, דער קינסטלער — דער אָלימפּיער, פּאָעזיע זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון תפילה, דער שרייבער אַ כהן. אויב שוין יאָ „רופן נעמען" איז שוין בעסער נביא, אַ נביא וואָס רעדט אין נאָמען פון מענטשן.

עד כאן דער מענטש פאַר זיך, דער מענטש מיט זיך אַליין.

אויבן איז געזאָגט געוואָרן אַז די ליטעראַטור קען ניט לעבן איבערדרויסן, און דאָס זעלבע מוז געזאָגט ווערן וועגן דעם מענטשן. אויך דער מענטש, אָט דער גרויסשטאָטישער, איינזאַמסטער מענטש וואָס האָט ווען עס איז געלעבט, אויך ער איז ניט אינגאַנצן אַליין. אַרויסגעטריבן פון גאָטס הויז, פון דער משפחה, פון דער פאַמיליע, ווערט ער מיט אַ שטאַרקן אימפּעט געטריבן אין דער געזעלשאַפט אַריין.

געזעלשאַפט איז אַנטשטאַנען ווען חוה איז באַשאַפן געוואָרן. אָבער נאָך קיינמאָל זיינען די באַציִאונגען צווישן דעם יחיד און דער געזעלשאַפט ניט געווען אַזוי אָנגעשטריינגט, קיינמאָל האָט זיך ניט אָנגעזען אַזוי שאַרף די קאַמף ליניע צווישן דעם יחיד און דער געזעלשאַפט ווי היינט צו טאָג. דער באַרימטער „סאָציאַלער קאָנטראַקט", לויט וועלכן דער יחיד קען זיך זיצן תחת גפנו ותחת תאינתו און זיין חוב צום שטאַט אָפּקומען מיט צאָלן שטייער (זייער ניט גערן און וואָס ווינציקער), און דערפאַר נאָך קריגן גוטע געפלאַסטערטע וועגן, קאַנאַליזאַציע, באַלויכטונג און פּאָליציי שוץ, האָלט ביים אויסגיין. וואָס ווייטער דערלאַנגט די געזעלשאַפט אַ גרעסער צעטל תביעות צום יחיד, דערמאָנט אים אומאויפהערלעך — ווייפ אַז דו ביסט ניט מער ווי אַ האַלב ביליאָנטל, מיר, די געזעלשאַפט, אייגנטלעך

דער שטאַט, מיר זיינען די צוויי ביליאָן. ווערט זיך דער יחיד און שרייט: גוט, אַ האַלב ביליאָנטל, אָבער איך דאַרף דאָך אויך לעבן, זאָגט מיר ווו ענדיקן זיך מיינע פליכטן און ווו הייבן זיך אָן מיינע רעכטן? בין איך, דער יחיד, דער באַלעבאָס איבער זיך און איך גיב פּ ר י י װ ו י ל י ק אַוועק געוויסע רעכטן דער געזעלשאַפט, אָדער איז די געזעלשאַפט, דער שטאַט, דער באַלעבאָס און איך קען געניסן בלויז אַזוי פיל רעכט און פרייהייט וויפל מיר ווערט באַוויליקט, געשיינקט פון אויבן? און ווי אַז איך וויל ניט אייערע מתנות? איך וויל אַ קלאָר אָנגעצייכנטע גרענעץ.

קיין אָנגעצייכנטע גרענעצן וואָס זאָלן זיין חל פאַר ביידע צדדים זיינען ניטאָ, יעדער צד רייסט, וועט רייסן צו זיך. אָט דער קאַמף האָט זיך ערשט אָנגעהייבן און ער וועט זיך ציען אויף דורות. און ווו קאַמף, קאָנ־פליקט דאָרט איז פּלאַץ פאַרן שריפטשטעלער, ניט נאָר דעם סאָציאָלאָג אָדער פּאָליטיקער, נאָר אויך פאַרן קינסטלער. דער מענטש און זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט — דאָס וועט זיין ד י טעמע פאַרן שרייבער אין משך פון די קומענדיקע צוויי דריי דורות, אָט די פראַגע וועט פאַרנעמען דעם אויבנאָן. מ'מוז נאָך צוגעבן אַז יעדער קינסטלער וועט אויסמאָלן ניט נאָר זיין יחיד, נאָר אויך זיין געזעלשאַפט.

און וואָס איז מכוח דעם מענטשן אין דער נאַטור?

אָט די פראַגע, אַמאָל אַזאַ ברענענדיקע, איז איצט אָפּגעקילט געוואָרן. אין אָט דעם קאַמף איז דער מענטש אַרויס דער זיגער. זיין זיג איז ניט פולשטענדיק — ערדציטערנישן קען ער ניט אָפּשאַפן אָדער אפילו פאָרויס־זאָגן, ציקלאָנען קען ער ניט אָפּשטעלן, און ווען די זון וועט אין עטלעכע ביליאָן יאָר אַרום אָפּגעקילט ווערן וועט ער זי ניט קענען אָנוואַרעמען, זיך אויך ניט, און אפילו אַזאַ קלייניקייט ווי... דעם טויט האָט ער אויך ניט אָפּגעשאַפט. און דאָך קען מען זאָגן אַז דער מענטש האָט געזיגט. דורך אַ „פאַרשטענדעניש מיט דער נאַטור" קריגט ער פון איר אַרויס אַלץ וואָס ער דאַרף און וואָס ווייטער ווערט די פאַרשטענדעניש אַלץ גרינטלעכער, און פון זיין טובה וועגן.

אויך די פּראָבלעם פון דעם „נאַטירלעכן" מענטשן ווערסוס דעם „פאַרדאָרבענעם", ציוויליזירטן מענטשן איז אָפּגערוקט געוואָרן. אויב עס האָט אַמאָל געלעבט אַזאַ באַשעפעניש ווי דער „נאָבעלער ווילדער", וועלכן די נאַטור ראָמאַנטיקער האָבן אויסגעמאָלן, איז ער היינט ניט מער ווי אַן אָביעקט פאַר אַ מוזעאום. דער „נאַטירלעכער" מענטש, דער פאַרמער וואָס לעבט „אויפן שויס פון דער נאַטור", פילט זיך גאַרניט אומבאַקוועם ווען

ער צעאַקערט אָט דעם נאַטירלעכן שויס מיט אַ קינסטלעכן טראַקטאָר, פון אָט דעם שויס פירט אַ גוטער שאָסיי אין שטאָט אַריין, איבער וועלכן ער פאָרט אין אַ אויטאָמאָביל, און אויפן זעלביקן שויס האָט ער אויך אַ דירה מיט וואַסער לייטונג, עלעקטריציטעט, אַ ראַדיאָ און אַ טעלעוויזיע.

דער פאַרדאָרבענער שטאָטישער מענטש, ווידער, כאַפּט זיך יעדן מוצאי וואָך (וויק ענד בלא״ם — בלשון אַמעריקע) אַרויס פון זיין שטאָטישן שטיי־נערנעם שויס און איבערן זעלבן שאָסיי פאָרט ער אַוועק אויפן שויס פון דער נאַטור. דער שידוך צווישן די צוויי שויסן איז עולה יפה געווען.

דער ענין בין אדם למקום — אין ברייטסטן זין פון וואָרט — איז אָפּגערוקט געוואָרן, געבליבן איז דער ענין אדם און בין אדם לחברו. אָט אין ד ע ר ריכטונג דאַרף דער שרייבער קוקן, אויף דער ליניע דאַרף גיין די לעטעראַטור. דער נעכטן באַלאַנגט צו גאָט, דער מאָרגן צום מענטשן, דער היינט — אַ בריק צווישן נעכטן און מאָרגן.

געוויס, אויפן בריק קענען מיר זיך אָפּשטעלן, אַ קוק טון אויף צוריק, גיין אויף צוריק קענען מיר אָבער ניט, צוריק אין צייט קענען מיר ניט גיין, די ליטעראַטור קען אויך ניט זיין „אינדרויסן״ פון צייט.

בריקן בויען, לייגן רעלסן פאַרן ליטעראַרישן צוג, שרייבער זאָלן שרייבן אויף רעלסן!

נו, אַזוי האַרט ביי דער ערד גייט ניט קיין ליטעראַטור... אָבער אפילו אין דער לופטן זיינען דאָ לופט ליניעס פאַרן עראָפּלאַן, אויף די ימים זיינען דאָ וואַסער וועגן פאַר די שיפן, פאַרוואָס ניט אָנצייכענען, טאַקע בלויז אָנצייכענען, אויך אַ ליניע פאַר דער שרייבערישער פאַנטאַזיע, אַ וועג פאַר דער ליטעראַרישער פען? פונם הויפּט וועג ציען זיך זייטיקע וועגעלעך און אפילו שטעגעלעך, וועלכע זיינען אָפּטמאָל אינטערעסאַנטער ווי דער הויפּט וועג, און מ׳דאַרף אויף זיי אויך גיין, מ׳טאָר אָבער דעם הויפּט וועג ניט פאַרלירן פון אויג, ווייל אַניט, קען מען חלילה פאַר־בלאָנדזשען, אָדער קומען, נאָר ניט אין צייט, און, ווי געזאָגט, ליטעראַטור קען אויך ניט לעבן „אינדרויסן״ פון צייט.

אַ לעק זאַלץ

האָט די שיינע ליטעראַטור אַ ווירקונג אויפן מענטשן צום בעסערן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?

וואָלטן בלויז שרייבער אָפּגעפרעגט מיין פראַגע וואָלט ניט געווען וואָס צו שרייבן. דער שוישפּילער האָט זיך זיין אייגענעם כראָנאָמעטער: דאָס איז געווען דעמלט ווען איך בין אויפגעטראָטן אין „זיין ליבקע געליבטע". ער מעסט די צייט לויט זיינע ראָלן. דער שרייבער האָט אויך אַ שוואַכקייט צו דערמאָנען: ווען איך האָב אָנגעשריבן . . .

ווען ער האָט אָנגעשריבן דאָס ליד, די דערציילונג, אָדער דעם ראָמאַן האָט ער אַריינגעקלאַפּט אַ פלעקל אין הימל, דאָס פלעקל שטעקט נאָך דאָרטן עד היום, וועט שוין שטעקן לעולם ועד. דער שרייבער איז זיכער אַז זיין שרייבן האָט אַ ווירקונג, אַז ער לערנט דעם מענטשן ווי צו לעבן. סטענדהאַל שרייבט: „ליבע איז דאָס קינד פונם ראָמאַן. דער יונגער לערער און זיין געליבטע וואָלטן אין דריי־פיר ראָמאַנען געפונען אַ קלאָרע באַשרייבונג פון זייער לאַגע. די צרה מיט דזשוליענען איז געווען וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין דערפאַרונג, ער האָט ניט געלייענט קיין ראָמאַן". (רויט און שוואַרץ).

אַ סברא, אַז יעקב אבינו האָט אויך געפירט אַ ראָמאַן מיט דער מוטער רחל; שרה, הגר און — אברהם אבינו זיינען שוין אויך געווען אַ „ליבע דריי־ווינקל", אָבער פאַר סטענדהאַלן זיינען יענע ראָמאַנען ניט קיין ראָמאַנען, אַ ראָמאַן איז בלויז דער, וואָס ווערט געפירט לויט די ראָמאַנען וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

און ניט נאָר ראָמאַנען, אויך רעוואָלוציעס ווערן געמאַכט לויט די פאָרשריפטן פון די שיין שרייבער. אָסקאַר ווילד האָט זיך פאַרגונען צו זאָגן אַז ראָביעספּיער איז אַרויסגעקומען פון רוסאָס ביכער און אַז דער ניינצנטער יאָרהונדערט, ווי מיר קענען אים, איז באַלזאַקס אַ דערפינדונג. געַנוי פון וועלכן בוך רוסאָס איז עס אַרויסגעקומען דער גאון פון דער

גילאָטינע, מאַקסימיליאַן דע ראָבעספּיער, וואָלט אָסקאַר ווײַלדן אָנגעקומען זייער שווער אָנצווייזן, מאידך גיסא וואָלט אים געווען זייער גרינג אָנצו־ווייזן אַז באַלזאַק מיט זיינע „געשעפטן״ האָט געשפּילט אַ גאַנץ נישקשהדיקע ראָלע אין דער מענטשלעכער קאָמעדיע פון געלט גייציקייט, וואָס איז „אויפגעפירט געוואָרן״ אין פּאַריז נאָך איידער באַלזאַק האָט אָנגעשריבן זיין פּאַפּירענע „מענטשלעכע קאָמעדיע״. דאָס איז אָבער געווען אַ מיאוסער פאַקט, און ווײַלד איז געווען פאַראינטערעסירט נאָר אינם שיינעם וואָרט. פלאָבער, ווידער, וואָס האָט געקענט זיך מאַטערן אַ טאָג צייט אַרויסצו־ברײַנגען ניט דוקא דאָס שיינע, נאָר דאָס ריכטיקע וואָרט, האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק צו זאָגן אַז וואָלטן זיינע פראַנצויזן געלייענט זיין „סענטימענטאַלע דערציאונג״ וואָלט ניט געקומען צו קיין רעוואָלוציע.

קען איך גאַנץ גוט באַגרײַפן אַז אַ שרייבער זאָל באַגעגענען מיין פראַגע מיט דעם אַקסל צוק וואָס זאָגט: דער מענטש איז פשוט געוירט פון זינען. די מיינונג אַז די שיינע ליטעראַטור האָט אַ ווירקונג אויפן לעבן איז אָבער אויך די מיינונג פונם ניט שרייבער, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך אפילו צי האָט די ליטעראַטור געהאַט וועלכע עס איז ווירקונג אויף אים גופא. מהאי טעמא לוינט זיך צו פאַרטראַכטן און אַנאַליזירן דעם ענין, איז עס טאַקע אַזוי?

קודם לאָמיך דעפינירן גענוי וואָס איך מיין מיט „שיינע ליטעראַטור״ און „ווירקונג״. אונטער די ווערטער „שיינע ליטעראַטור״ מיין איך בלויז דאָס ליד, די דערציילונג, דעם ראָמאַן און טעלעוויזיע די דראַמע, פאַרוואָס די דראַמע בלויז טיילווייז וועל איך דערקלערן שפּעטער. שיינע ליטעראַטור נעמט ניט אַריין פילאָזאָפיע, מעג דאָס פילאָזאָפיש בוך זיין שיין געשריבן (זעלטן ווען דאָס פּאַסירט), אויך ניט געשיכטע אָדער ביאָגראַ־פיע, און אודאי ניט וויסנשאַפט. אונטער וואָרט „ווירקונג״ מיין איך אַז אַ יחיד, אַ גרופּע, אָדער קלאַס זאָל אונטער דער דירעקטער השפּעה פון אַ געוויסן בוך אָדער ביכער האָבן געביטן זייער לעבנס שטייגער צום בעסערן אַ דאַנק די אידעאַלן, די געדאַנקען וואָס זיי האָבן געפונען אין די ביכער, אָדער אַ דאַנק די געפילן וואָס די ביכער האָבן ביי זיי אַרויסגערופן. איצטער לאָמיר זען.

אויף דער וועלט זיינען דאָ אַ קימא לן פון איבער צוויי ביליאָן מענטשן. מיט אונדזער גאַנצן פראָגרעס מעגן מיר אין העלפט גלייך אַרונטערנעמען ווי איליטעראַטן, מענטשן וואָס קענען ניט לייענען און שרייבן, ממילא איז ניט שייך צו ריידן וועגן זיי, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט אויף זיי די

שיינע ליטעראַטור. זי עקזיסטירט ניט פאַר זיי. פון די איבעריקע טויזנט מיליאָן זייגען אויף דער גאָרער וועלט דאָ אַ פּ שׁ ר צען מיליאָן, וואָס לייענען שיינע ליטעראַטור. דאָס קען מען זיך משער זיין לויט דער צאָל ג ו ט ע ביכער וואָס ווערן געדרוקט און פאַרשפּרייט אין אונדזער צייט. מפּני דרכי שלום וועלן מיר כפּלען די צאָל אויף צוויי און זאָגן — צוואַנציק מיליאָן מענטשן לייענען די שיינע ליטעראַטור, דאָס מיינט איין פּראָצענט פון דער גאַנצער מענטשהייט. אָנגענומען אַז אָט דער איין פּראָצענט ווערט באַווירקט צום גוטן פון דער שיינער ליטעראַטור, פרעגט זיך: און די איבעריקע ניין און ניינציק פּראָצענט? זייגען זיי ערגערע מענטשן בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן ניט פאַרזוכט פון אָט דער זעלטענער פרי שיינע ליטעראַטור?

איך האַלט זייער ווינציק פון דעם „נאָבעלן ווילדן", פונדעסטוועגן וועל איך ניט פּסקענען אַז דער פּאַפּואַנער, וואָס קען ניט לייענען און שרייבן איז אַן ערגערער מענטש פון דעם... דייטש אָדער ענגלענדער, בלויז דערפאַר ווייל ער האָט ניט געלייענט געטהען אָדער שעקספּירן. קען ווער באַווייזן אַז דער פּאַפּואַנער א י ז ערגער? דאָס קען מען ניט באַווייזן, מ׳קען יאָ אָנווייזן אַז צווישן די וועלט מערדער זייגען געווען אַ היפּש ביסל לייענער פון געטהע און שעקספּיר. „פאַוסט" און „האַמלעט" לייענען מיר, מענטשן הרגענען מיר, אייגנס מיטן דריטן איז ניט קיין מחותן.

מ׳קען יאָ אויסזעצן אַז אויב דער פּאַפּואַנער האָט ניט געלייענט געטהע און שעקספּיר, קיינע ביכער, לעבט ער דאָך ניט אָן ליטעראַטור, ווייל חוץ דער ליטעראַטור שבכתב איז דאָ אַ ליטעראַטור שבעל פּה, וואָס איז אַ סך, אַ סך עלטער פון דער געשריבענער ליטעראַטור, זי איז פאַרשפּרייט צווישן אַ ל ע פעלקער פון דער גאָרער וועלט, און אָט ד י ליטעראַטור האָט פּונקט אַזאַ ווירקונג אויפן ווילדן ווי די געשריבענע ליטעראַטור אויפן ציוויליזירטן מענטשן.

לאָמיר זען.

די עלטסטע ליטעראַטור איז די רעליגיעזע. אונטערן וואָרט „רעלי־גיעזע" גייען אַריין אַלע מעשׂות, פאַלקס לעגענדעס וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט, מענטש און חיה, אַלע שפּילן, צערעמאָניעס און ריטואַלן וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין משך פון טויזנטער יאָרן, און וועלכע האָבן זיכער משפּיע געווען דאָס לעבן פון הונדערטער דורות מענטשן. פרעגט זיך: ו ו אָ ס ג ע נ ו י האָט געווירקט אויפן מענטשן? האָט

געווירקט דאָס וואָרט, די ליטעראַטור פון דער רעליגיע, אָדער עפּעס אַנדערש?

ווידער אַמאָל וועט דער „מענטש פון וואָרט" אַ זאָג טון: וואָס פאַר אַ פראַגע? ניט נאָר האָט דאָס וואָרט געווירקט, דאָס וואָרט, דער „לאָגאָס" איז דער אָנהייב פון אַלץ, ווי אין פּסוק שטייט: ויאמר אלהים — יהי אור, און עס איז געוואָרן ליכטיק. דער „אומר" איז אַלע מאָל פאַרן „עושה".

טאַקע אָט די זיכערקייט וויל איך אָפּפרעגן. איך זאָג: ניין, ניט דאָס וואָרט האָט געווירקט. עס האָט געווירקט דער רעליגיעזער געפיל, דער רעליגיעזער און געשלעכטלעכער עקסטאַז (זיי גייען אָפט צוזאַמען), די שרעק, די מוזיק, די שטימונג, נאָר ניט דאָס וואָרט. דער „ווילדער" מענטש האָט געקענט אַריינקומען אין העכסטן רעליגיעזן עקסטאַז, איבער־חזרנדיק צום טויזנטסטן מאָל אַזעלכע איינזילביקע, מיינונגסלאָזע קלאַנגען ווי יאַם־יאַם, זיך וויגן, זיך וואַרפן אונטערן טעמפּן קלאַנג פון אַ טאַם־טאַם פּויקן, זיך אָוועקלאָזן אין אַ טאַנץ, אַן אַרגיע אונטערן קלאַנג פונם שאַמאַנס אומפאַרשטענדלעכע אויסגעשרייען, אַלע שרייען, אַרויסגעבנדיק איינצלנע קלאַנגען, וואָס האָבן קיין באַדייטונג, קיין מיין, זיי זיינען ניט קיין ליטעראַטור. דאָס האָט געווירקט. און ניט נאָר אויפן ווילדן.

די טעאַטער פאַרשטעלונגען ביי די גריכן זיינען געווען אַ פאָרמע פון גאָט־געצן־דינסט, און געווירקט האָבן זיי ניט מיטן אינהאַלט, מיט די ווערטער, נאָר מיטן בילד, מיט די מענטשן — שוישפּילער, זייערע האַנדלונגען. אפילו אונדזערע נביאים האָבן גאַנץ אָפט דראַמאַטיזירט זייערע רייד. אַ הילצערנער יאָך, אָנגעטון אויפן האַלדז, האָט ירמיהו געוווסט, וועט האָבן אַ שטאַרקערע ווירקונג ווי סתם רייד וועגן דעם יאָך פון נבוכדנאצר. די ערשטע קריסטלעכע גלחים האָבן געזוכט צו ווירקן אויף זייערע נאָכפאָלגער ניט מיטן איבערגעבן דעם טעקסט, די ווערטער פון דער עוואַנגעליע, נאָר מיט פאַרשטעלן בילדער, מיט מאַסן־פּראָצעסיעס, אין קאָנקרעטע פאָרמען, וואָס מ'האָט געקענט אָנטאָפּן מיט די הענט. אין דער קאַטוילישער קירך שפּילט נאָך עד היום די צערעמאָניע אַ גרעסערע ראָליע ווי די תפילה. תפילות ווערן געזאָגט אין לאַטיין, אויף אַ שפּראַך וואָס קיינער פון די מתפּללים פאַרשטייט ניט, דאָס שטערט אָבער ניט דעם מתפּלל באַווירקט צו ווערן, וויל עס ווירקט די צערעמאָניע, דער ריטואַל, די מוזיק, אפילו דער גלח מיט זיין שטימע, מיט זיינע בגדים, מיט זיין פּערזענלעכקייט, נאָר ניט דאָס „שיינע וואָרט". ישוס „מופתים", דער

צלם, אָפּגערעדט שוין פון דער שווערד, האָבן געשאַפן מער קריסטן ווי זיין „דרשה אויפן באַרג".

אויך ביי יידן איז געווען דער עיקר די עבודה, ניט דאָס וואָרט. ווען מ'איז איבערגעגאַנגען פון עבודה צו תפילה, דאָס הייסט פון צערעמאָניע, ריטואַל צו ווערטער איז געווען צרות. וויפל יידן האָבן עס פאַרשטאַנען דעם פירוש המילות? געווען צייטן, ווען חוץ דעם חזן האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען די תפילות. דאַן איז עס געשאַפן געוואָרן דער „שמע בכל לשון שאתה שומע", מ'האָט גענומען איבערזעצן די תפילות אויף דער גערעדטער שפּראַך. זאָגן אָבער אַז מיט דעם האָט מען געשטאַרקט דעם רעליגיעזן געפיל, געשטייגערט דעם רעליגיעזן עקסטאַז וואָלט געווען ווייט פון ריכטיק. אדרבה, זאָל איינער אריינגיין אין אַ רעפאָרמירטן טעמפּל דאָ אין אַמעריקע, ווו מ'דאַוונט פונם ענגלישן סידור אָדער מחזור, פאַרשטענדלעך פאַר יעדן מתפלל, און זאָל ער דאָרטן אָנטאַפּן רעליגיעזן עקסטאַז. ניטאָ. אין דעם קליינשטעטלדיקן שולכל, ווו עס האָט געדאַוונט אַ הייזעריקער חזן פאַר יידן בעלי מלאכות, שוסטער און שניידער, וואָס האָבן ניט געוווּסט קיין פירוש המילות, דאָרטן איז יאָ געווען רעליגיעזער עקסטאַז. ווען דער הייזעריקער חזן האָט מיט זיין זאַמדיקער שטימע אויסגעוויינט „מן המצר קראתי יה" האָבן די מתפללים, יידן עמי־הארצים, אויפריכטיק געוויינט, ניט ווייל די ווערטער — טיפע, שיינע ווערטער — האָבן אריינגעדרונגען אין קאָפּ, נאָר ווייל דער וויינענדיקער ניגון האָט אָנגערירט אַ סטרונע אין האַרצן. זינגט אויס דעם זעלבן „מן המצר קראתי יה" מיטן ניגון „יענקי דודל", און די אויגן וועלן בלייבן טרוקן, די פיס וועלן אָנהייבן זינגען . . . די ווערטער „בני היכלא דכסיפין למחזי זיו דזעיר אנפין" זינגען פאַר די מערסטע חסידים פון דער מאַקאַראָוער קלויז, וואָס האָבן געפּראַוועט שלש סעודות געווען . . . טערקיש, די יידן האָבן ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט, און דאָך ווי האַרציק די יידן האָבן געזונגען, ס'אַראַ פאַרביינקטע, פאַרדבקהטע פּנימער! די שבת שאָטנס האָבן שוין געפלאַטערט אין דער קלויז — גיכער! גיכער! לאָמיר אַנטלויפן פון דער וואָך וואָס רוקט זיך אָן, און די יידן האָבן מיטגעפלאַטערט: גיי נאָך ניט אַוועק!

אָט די זעלבע חסידים זיינען געפאָרן צום רבין ניט צו הערן אים זאָגן זוהר. זיי זיינען געפאָרן מיט קוויטלעך: דער זון זאָל באַפרייט ווערן פון פריזיוו; פאַר דער טאָכטער זאָל דער אויבערשטער צושיקן דעם פּאַסיקן זיווג כאָטש דער נדן איז קנאַפּ; און יאָ . . . פּרנסה. דער גבאי האָט דאָס

קוויטל צוגענומען — צוזאַמען מיטן פּדיון — דער רבי האָט זיך באַמיט פאַר דעם וואָס לעבט אייביק, און גאָט האָט געהאָלפן . . .

אָט די רבנישע „מופתים״ זיינען געגאַנגען פון מויל צו מויל, פון מויל צו מויל איז אויך געגאַנגען דעם רבינס ניגון. זיין תורה? לאו דוקא.

אין רוסלאַנד, באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, האָט מען טעאַטראַליזירט די באַפרייאונג פון אַרבעט. אויף דער בינע איז געווען אַ וואַנט מיט אַ גאָלדענעם טויער. הינטער דער וואַנט האָט זיך געהערט אַ פריילעך לעבן, פאַרן טויער איז געשטאַנען אַ קאַנאָן. ביי דער וואַנט האָבן געאַרבעט שקלאַפן, שוטרים, נוגשים, די הערשער זיינען אָנגעקומען. דאָס לעבן הינטער דער וואַנט האָט גערופן די שקלאַפן רעוואָלטירן. דער גאַנצער עולם האָט געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל, די אַרבעט איז באַפרייט געוואָרן. (רענע פיליפ מיללער).

היוצא לנו מזה, פון די עלטסטע ביז די לעצטע צייטן האָט דער צערע־מאָניאַל, דער ריטואַל געווירקט אַ סך מער ווי די ליטעראַטור, דאָס וואָרט. די עלטסטע ליטעראַטור, די רעליגיעזע, האָט געווירקט אויף מענטשן, אָבער ניט מיט דער ליטעראַטור, מיטן וואָרט, נאָר מיט דער צערעמאָניע, דעם ריטואַל, דער מוזיק אַ ר ו ם דער ליטעראַטור, די ליטעראַטור גופא האָט געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. „והיה באחרית הימים״ איז נאָך אַלץ אַ ליטע־ראַרישע אוטאָפּיע, וואָס גאָט ווייסט ווו און ווען דאָס וועט פּאַסירן, כאָטש אַ היפּשער טייל פון דער מענטשהייט דעקלאַמירט די פּאָעזיע מיט גרויס באַגייסטערונג. פּאַציפיסטישע פּאָעזיע דעקלאַמירן מיר, אימפּעריאַליסטישע מלחמות פירן מיר. וואָס צו גאָט איז צו גאָט, וואָס צו לייט איז צו לייט, פון דער געטלעכער פּאָעזיע זיינען מיר לייטישער ניט געוואָרן.

דאָ אַ שיטה, אַז פּאָעזיע וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער רעלי־גיעזער ליטעראַטור. די פּאָעטן וועלן זיך אָנכאַפּן אין דעם. וואָס קען נאָך זיין בעסער ווי „געזאָגט־געדאַוונט״ ווערן? אויס סידור און מחזור, אַרויף די אַנטאָלאָגיע.

נו, איך האָב אָנגעוויזן אויבן וואָס פאַר אַ ראָליע דאָס וואָרט האָט געשפּילט אינם דאַוונען, איך וויל בלויז צוגעבן — פון אַ קבר קען אַרויס־שפּראָצן אַ גרעזל, אַ בלימל, אָבער ווער וויל עס באַצירן זיין טיש מיט קברים בלימלעך? אַ שיינעם פּנים וועט האָבן דאָס פּאָעטישע בלימל, וואָס וועט אויסוואַקסן אויפן רעליגיעזן קבר, און די ווירקונג פון אָט דעם בלימל — אין לשער . . .

— מלחמות האָט טאַקע די „געטלעכע פּאָעזיע״ ניט אָפּגעשאַפט, איר׳ט

דאָך אָבער צוגעבן אַז די שיינע ליטעראַטור האָט געהאָלפן ברענגען רעוואָלוציעס. האָט „אָנקל טאָמס שטיבל" ניט געהאָלפן באַפרייען די נעגער אין אַמעריקע? האָט טורגעניעווס „פאַרצייכענונגען פון אַ יעגער" ניט געהאָלפן באַפרייען די פויערים אין רוסלאַנד? האָבן רוסאָס, וואָלטעירס און דידעראָס שאַפונגען ניט געהאָלפן ברענגען די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך? האָט די רוסישע ליטעראַטור ניט געהאָלפן ברענגען די ערשטע רעוואָלוציע אין 1905 און די צווייטע אין 1917?

מערקווירדיק, וויליאַם שעקספּיר איז אויך געווען אַ שרייבער, פונדעסטוועגן איז קיינעם פון די טויזנטער שרייבער וועגן שעקספּירן ניט איינגעפאַלן אָנצווייזן אַז די פּאָליטיק פון דער קעניגין עליזאַבעט איז באַווירקט געוואָרן פון שעקספּירס דראַמעס אָדער סאָנעטן, אָדער אַז קעניג דזשיימס האָט אונטער דער השפּעה פון שעקספּירן זיך . . . געקריגט מיט די פוריטאַנער. מ'דערמאָנט אפילו ניט אַז שעקספּירס ווערק זאָלן האָבן געהאַט וועלכע עס איז ווירקונג אויף דער קעניג דזשיימס איבערזעצונג פון דער ביבל, אַ ריין ליטעראַרישער ענין, שוין ניט רײדן וועגן פּאָליטיק.

איך בין דעריבער זייער שטאַרק מסופק צי אברהם לינקאָלן איז געווען אַ געטרייער לייענער פון הערריעט ביטשער סטאָו, און איך גלויב באמונה שלמה אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די צפון און דרום שטאַטן אין אַמעריקע האָבן געהאַט אַ ביסל אַ גרעסערע ווירקונג ווי דער „בעסט סעללער" „אָנקל טאָמס קעבין". איך בין אויך שטאַרק מסופק צי אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט מיט אַ באַנד טורגעניעוו, איבערגעלייענט „כאָר און קאַליניטש", שוין ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג די גאַנצע נאַכט און אויפגעשטאַנען אינדערפרי מיטן פעסטן באַשלוס — ער באַפרייט די פויערים.

אויך די מעשה מיט די ענציקלאָפּעדיסטן איז אַ היפּש ביסל איבערגעשריבן, טאַקע איבערגעשריבן, מיט אַ שין, ניט איבערגעטריבן. איין שרייבער האָט אָנגעשריבן, דער צווייטער האָט נאָכגעשריבן, דער דריטער האָט איבערגעשריבן. אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז ענגלאַנד ניט געווען קיין ליטעראַרישע וויסטעניש, פראַנקרייך איז ניט געווען דער איינציקער ליטעראַרישער אָאַזיס, נאָך איידער אין פראַנקרייך זיינען אויפגעקומען די ענציקלאָפּעדיסטן האָט שוין ענגלאַנד געהאַט אַזעלכע טיפע דיינקער און שטאַטס פילאָזאָפן ווי ט. האָבבס, דזש. לאָקקע, ע. בוירק און ד. היום. זיי האָבן באַנומען דעם ענין שטאַט אַ סך גרינטלעכער ווי דידעראָ, מאָנטעסקיע, מאַרמאַנטעל, רוסאָ און וואָלטעיר. דער גוואַלדיקער רעוואָלו־

ציאָנער וואָלטעיר איז אפילו געווען קעגן אַ רעפּובליק, ער האָט געוואָלט אַ מאָנאַרכיע אויפן ענגלישן שטייגער. אויב אין פראַנקרייך איז דאָך פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, איז עס נים געווען דוקא דערפאַר ווייל די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געעפנט די אויגן דעם פראַנצויזישן פאָלק און עס האָט געגומען לייענען רוסאָס „סאָציאַלן קאָנטראַקט" אָדער „עמיל". איך האָב אַ חשד אַז עס זיינען געווען אַ ביסל וויכטיקערע סיבות. וואָלטעיר, דידעראָ, רוסאָ האָבן אפילו נים געשאַפן דעם „רעוואָלוציאָנערן קלימאַט". דער קלימאַט איז געווען, זיי האָבן בלויז אַרויסגעזאָגט דעם „הייס היינט", ווען דער עולם האָט זיך שוין געהאַט באַגאָסן מיט שווייס. און אפילו אָט דעם „הייס היינט" האָט וואָלטעיר געזאָגט נים אין זיין „קאַנדיד", נאָר אין זיינע פאַמפלעטן, שטעכיקע ווערטלעך און בייסיקע וויצן, וועלכע קענען נים אַריינגערעכנט ווערן אין דער שיינער ליטעראַטור, ווי דעפינירט אויבן.

אויך די רוסישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף די רעוואָלוציעס און די רעוואָלוציאָנערן פון 1905 און 1917. אַ קליינע צאָל אינטעליגענטן פון דער אַלטער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ האָבן, אפשר אונטער דער ווירקונג פון ליטעראַטור, זיך אַוועקגעלאָזט אין פאָלק. זייער דער־פאַרונג האָט זיי געלערנט אַז די ליטעראַטור פון וועלכער זיי האָבן געשעפּט ידיעות און זיך געשאַפן אַ באַגריף וועגן פאָלק איז געווען אַ ליגנערישע, אַ ראָמאַנטישע, דאָס ווירקלעכע פאָלק איז געווען אַ היפּש ביסל אַנדערש. זייער דאָליע ביים ווירקלעכן, נים ביכערישן, פאָלק איז געווען גאָרנים אַזאַ זיסע, אויפגעטון האָבן זיי — נול.

די שפּעטערדיקע רעוואָלוציאָנערן מיט לייענינען בראש האָבן געשעפּט זייער רעוואָלוציאָנערע יניקה נים פון דער שיינער ליטעראַטור, נאָר פון דער שווערער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. דאָ אַ סברא, אַז דאָס אויפהייבגען לייענינס ברודער האָט געהאַט אַ שטאַרקערע ווירקונג אויף לייענינען אפילו ווי קאַרל מאַרקס, אָפּגערעדט שוין פון פּושקין, גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי אָדער טאָלסטאָי.

יאָ, לייענין האָט געלייענט פּושקינען און טאָלסטאָיען, האָט זיך אפילו פאַסמאַקעוועט מיט טאָלסטאָיען, אָבער מיט וועלכן טאָלסטאָי? דעם רע־וואָלוציאָנער? הייבט זיך נים אָן. אין זיינע געשפּרעכן מיט גאָרקין האָט ער גערעדט מיט התפּעלות וועגן טאָלסטאָיען דעם גרויסן רוסישן קינסטלער, וואָס האָט אַזוי גוט אויסגעמאָלן דעם . . . פּריץ. פון די נאָך רעוואָלוציאָנערע דיכטער, מאַיאַקאָווסקי און אַנדערע, האָט ער ווינציק וואָס געהאַלטן, ער האָט זיי אפילו נים געלייענט, ער האָט געהאַט בילכערע זאַכן

צו טון, ער האָט געדאַרפט מ אַ כ ן די רעוואָלוציע. און ער האָט געוווסט אַז אַ שלאָגוואָרט ווי „ברויט און פרידן" און „ראַבעווע דאָס אָנגעראַבעוועטע" האָט מער ווירקונג ווי טאָלסטאָיס „אַננאַ קאַרענינאַ", אָפּגערעדט שוין פון דאָסטאָיעווסקיס . . . „שדים".

נו יאָ, עס זיינען געווען טאָלסטאָיאַנער אין רוסלאַנד, אפילו אויסער רוסלאַנד, די טאָלסטאָיאַנער זיינען אָבער געווען חסידים פון דעם פילאָזאָפישן רבין טאָלסטאָי, ניט לייענער, וואָס זיינען באַווירקט געוואָרן פונם קינסטלער טאָלסטאָי, דעם שאַפער פון זיינע קינסטלערישע ראָמאַנען און דערציילונגען. כאַראַקטעריסטיש, דער „פילאָזאָף" טאָלסטאָי האָט אַרונטערגעריסן דעם קינסטלער שעקספיר, און מערקווירדיק, אין לעבן זיינען זיכער דאָ האַמלעטס, ראָמעאָס און מאַקבעטס, אָבער ניטאָ אויף דער וועלט קיין שעקספּיריאַנער, דאָס הייסט מענטשן וואָס זיינען באַווירקט געוואָרן פונם קינסטלער שעקספיר זיי זאָלן, לאָמיך זאָגן, האַמלעטעווען על פי נוסח שעקספיר, עס זיינען אָבער יאָ געווען טאָלסטאָיאַנער, . . . וועגעטאַריער.

מיר מוזן קומען צום שלוס אַז אויך די רוסישע רעוואָלוציעס זיינען „געמאַכט געוואָרן" אָן דער הילף פון דער רוסישער ליטעראַטור.

— און די מאַרסעליעזע, דער קאַרמאַניאָל, דער אינטערנאַציאָנאַל? האָבן רעוואָלוציאָנערע אַרמייען ניט מאַרשירט אונטערן קלאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער?

געוויס, מ'טאָר אָבער ניט פאַרגעסן דעם „א ו נ ט ע ר ן ק ל אַ נ ג". דער קלאַנג פונם ליד איז וויכטיקער ווי דאָס וואָרט, די ווערטער. יעדער לאַנד האָט אַ נאַציאָנאַלע הימנע מיט אַ פייערלעכן, שיר ניט קירכלעכן ניגון. זינגט מען אָט די הימנע, צי דאָס איז „גאָט היט דעם קעניג" אָדער „שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן", דרינגט אַריין אַ שטעקן אין רוקנביין און מ'שטייט גלייך, אויסגעצויגן, דער סאָלדאַט אַזוי גוט ווי דער קייסער אָדער פּרעזידענט. זאָל אָבער דער סאָלדאַט פּרובירן מאַרשירן צום טאַקט פון אָט דער הימנע וועט ער ניט קענען. פאַרן סאָלדאַטישן מאַרש, צי דאָס איז אַ סאָלדאַט פון דער בורזשואַזער אָדער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, מוז מען האָבן אַנדערע מוזיק, מ ו ז י ק, ניט דוקא ווערטער. די ווערטער שפּילן אַ קנאַפּע ראָליע. אין רוסלאַנד האָט מען געזונגען „באָזשע צאַריאַ כראַני", מאַרשירט האָט דער סאָלדאַט צום טאַקט פון דעם „אינהאַלטרייכן" ליד „קודאַ דיעווקי טודאַ יאַ" נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען געפּרוווט שאַפן „ליטעראַרישע" מאַרשן פאַר דער אַרמיי, עס איז אָבער ניט געגאַנגען. מיט אַ ליטעראַריש ליד קען מען ווייט ניט אַוועקגיין, מיט

„יאַבלאָטשקאָ“, אַנדערע „עפּעלעך“ וואָס וואַקסן דוקא ניט אויף דעם „בעלל לעטטערס“ בוים מאַרשירט זיך אַ סך בעסער.

די מעשה אַז ליטעראַטור האָט געשאַפֿן אָדער לכל הפּחות געהאָלפֿן שאַפֿן רעוואָלוציעס איז אַ . . . מעשה, דערציילט פֿון איין שרייבער, נאָכגעשריבן פֿון אַ צווייטן שרייבער און נאָכגערעדט פֿון אַ דריטן ניט שרייבער, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך צי איז עס טאַקע אַזוי.

וועט מען פֿרעגן: אם כן, אויב יאָ אַזוי, אויב ליטעראַטור האָט טאַקע אַ קנאַפּע ווירקונג אויפֿן מענטשן צו שאַפֿן רעוואָלוציעס, ווי קומט עס וואָס אַלע דיקטאַטאָרן פֿון אַלע צייטן האָבן מורא געהאַט פֿאַר דער שיינער ליטעראַטור, זי געברענט אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופֿן? האָט דאָך נאָך פּלאַטאָ אין זיין „רעפּובליק“ געראָטן ניט צו לייענען האָמערן, די קירכע האָט געברענט די אפּיקורסים צוזאַמען מיט זייערע ביכער, היטלער האָט פֿאַרברענט ביכער און שרייבער און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, חבר סטאַלין האָט אויך פֿאַררוקט אין טשאַלענט געוויסע שרייבער און זייערע ביכער. וואָלט די שיינע ליטעראַטור געווען אַזוי ווירקונגלאָז, וואָס האָבן די דיקטאַטאָרן אַזוי מורא פֿאַר איר?

מיין ענטפֿער איז: דיקטאַטאָרן מכל המינים זיינען על פּי רוב עמי־הארצים, וואָס קענען קוים אַליין אונטערשרייבן דעם נאָמען. געווען הער־שער, וואָס האָבן אפֿילו דאָס אויך ניט געקענט. ס'אַ סברא אַז פֿון אָט דעם ניט ניט קענען חתמנען דעם נאָמען שטאַמט עס דער קייסערלעכער רינג אָדער זיגל. פֿאַר זיי איז דאָס וואָרט, איטלעך וואָרט, צי דאָס איז פֿילאָזאָפֿיע, וויסנשאַפֿט אָדער קונסט, אַ סימבאָל פֿון וויסן, און וואָס ווינציקער דאָס פֿאָלק ווייסט אַלץ בעסער פֿאַרן הערשער, מע דאַרף פֿאַר־ברענען די ביבליאָטעק, צי זי איז אין אַלעקסאַנדריע אָדער בערלין, צי איז עס אַ בוך וועגן אַסטראָנאָמיע אָדער אַ זאַמלונג פֿון לירישע לידער. דאָס וואָרט טויג אויפֿן פֿייער.

דער דיקטאַטאָר איז אויך אַ גרויסער פּחדן, ער האָט מורא פֿאַר זיין אייגענעם שאָטן און פֿאַר אַלץ וואָס קען אים אַוועקשטעלן אין שאָטן. וועגן אַמאָליקע קייסאָרים דערציילט זיך אַז איינער אַ קייסער האָט געוואָלט הערן וואָס זיין פֿאָלק דיינקט וועגן אים, האָט ער זיך אָנגעטון אין פּראָסטע קליידער, אַרומגעגאַנגען צווישן פּראָסטן עולם און גערעדט מיט זיי אויף זייער פּשוטן אופֿן. דער היינטיקער דיקטאַטאָר האָט מורא אַרויסשטעקן זיין נאָז. דאַרף ער זיך ווייזן פֿאַרן פֿאָלק, פֿאָרט ער אין זיין געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל, באַוואַכט פֿון הונדערטער שומרים. גייט ער שוין אַרויף אויף

דער עסטראַדע, איז דאָס בלויז צו הערן דעם הוראַ־געשריי פון דעם גרויסן עולם ערגעץ אונטן און צו זען די חניפה שמייכלען פון זיינע אונטערטעניקע משרתים לעבן אים. ווייטער אַזוי איז ער טויב און בלינד. זיינע אויערן און אויגן זיינען די טויזנטער שפּיאָנען. ווי יעדער טויבער אָדער בלינדער איז ער פול מיט חשד, אים דוכט זיך רק אַז עמיצער האָט עפּעס געזאָגט וועגן אים און, ווען זיינע „אויגן און אויערן" — די שפּיאָנען — דערטראָגן צו אים: דער און דער שרייבער האָט כלומרשט געזונגען הלל צו אים, נאָר ניט מיטן ריכטיקן טאָן, איז שוין יענער שרייבער אַ פאַר־רעטער, און פאַררעטער צום וועגטל.

דיקטאַטאָרן זיינען אויך טפּשים. טפּשים שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי שאַצן איבער דעם „פרייהייטס־גייסט" פון די קינסטלער. אָה יאָ, די קינסטלער זיינען פרייע פייגל, מער ניט, דער פרייער פויגל דאַרף אויך קערנדלעך צום פּיקן, געפינט ער זיי אין אַ בלום איז מהיכא תיתי, אויפן מיסט, מאַכט אויך ניט אויס. די גרויסע קינסטלער פון אַלע צייטן האָבן גאַנץ אָפט געמאַכט די ברכה: ברוך אתה אדוני מעצעניינו הנותן לחם להאמן. די פּילע ווידמונגען צו מעצענאַטן זיינען עדות דערויף, אויך איז קיינמאָל ניט געווען קיין דוחק אין אָדעס צו קייסאָרים, מאַכטהאָבער. און אפילו אין די דעמאָקראַטיעס, וווּ קיין קייסאָרים, דיקטאַטאָרן זיינען ניטאָ, דער קינסטלער, דער עיקר דער שרייבער, קען שאַפן וואָס ער וויל, איז נאָך אַ פראַגע וואָס וויל ער? גאַנץ אָפט וויל ער נאָכקומען די פאָדערונגען פונם ליטעראַרישן מאַרק, וואָס דיקטירט, אויב אפילו אָן דעקרעטן, און „צו דעם וואָס איז טאַבו רירט ער זיך ניט צו". שרייט אַ קינסטלער אַז ער וויל ניט פאַרקויפן זיין טאַלאַנט, דאַרף מען קודם גוט גוט אַ זוך טון צי איז טאַקע געווען אַ קונה. ניט איין אַלטע מויד מאַכט אַ גוואַלד אַז מ'האָט זי געוואָלט פאַרגוואַלדיקן און נאָך אַ חקירה ודרישה וויזט זיך אַרויס אַז דאָס איז געווען איר אַ פרומער ווונש. יעדע רעליגיע האָט אירע מאַרטירער, „קונסט קדושים" זיינען געווען זייער ווינציק, סיידן די מאַכט־האָבער האָבן, טאַקע צוליב זייער טפּשות, געמאַכט די קינסטלער פאַר קדושים איבערגוואַלד.

דאָ אויך דיקטאַטאָרן ניט געלונגענע קינסטלער, שרייבער אָדער מאָלער, ווי מוסאָליני אָדער היטלער, ביי וועמען דאָס ברענען ביכער און אויך שרייבער איז אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַר זייער אייגענער ניט דער־באַקנקייט, זיי רעכענען זיך אָפּ מיטן קינסטלער פאָלק פאַר זייערע אייגענע קריוודעס. פּלאַטאָ, וואָס האָט געחלומט פון פאַרבאָטן האָמערן, האָט אפשר

אויך געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אריסטאָפאַנעסן, אַנדערע „שלעק״־שרייבער, וואָס זיינען אים דערגאַנגען די יאָרן. אַליין אַ מענטש פון וואָרט האָט ער, ווי אַלע שרייבער, געליטן פון דער איינריידעניש אַז די שיינע ליטעראַטור ווירקט.

אַ ביסל אַנדערש איז די לאַגע אין סאָוועטן פאַרבאַנד. מ׳האָט דאָרטן אַרויסגעגעבן סטאַלינס געזאַמלטע ווערק און זיי זיינען זיך צעגאַנגען... אין די מיליאָנען, פונדעסטוועגן קען מען ניט זאָגן אַ סטאַלין האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ ש ר י י ב ע ר (אפשר פאַר אַ גאָט יאָ) און דערפאַר האָט ער עס פון צייט צו צייט זיך אָפּגערעכנט מיט זיינע „קאָלעגן״. סטאַלין, צי ווער עס איז, שרייבערישע אפיקורסות האָט מען שטרייננג געהיט און מ׳וועט היטן, דערפאַר אָבער „גוטע און פרומע״ שרייבער ווערן גוט באַלוינט, ווייל זיי זיינען דאָך די „אינזשינירן פון דער מענטשלעכער נשמה״.

ווי אַזוי אינזשיניר פּאַסט זיך צו נשמה ווייס איך ניט, סיידן דאָס איז אַ נשמה אויף רעדלעך, אַ מאַשינאָווע נשמה. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען טאַקע געחלומט וועגן אַזאַ מאַשינאָווער נשמה. אין „מאַשינאַ עמערי״ האָט געשריבן מיכאַיל סלאָנימסקי:

„עס וואָלט גוט געווען מעכאַניזירן אין מענטשן אַלץ חוץ געדאַנק, זיינע אַלע געפילן, אַנונגען, פאַרלאַנגען, אַזוי אַז די מאַשין זאָל ניט נאָר אַרבעטן פאַרן מענטשן, נאָר זי זאָל אויך זיך פרייען און ליידן פונזיינעט־וועגן. ערשט ווען אַלע ליידן וועלן אָפּגעשאַפט ווערן זאָל מען אָט די מאַשין פאַרניכטן און עס זאָלן באַפרייט ווערן אַלע פאַרלאַנגען און געפילן״.

דאָס האָט געשריבן אַ בעלעטריסט. די טעאָרעטיקער האָבן געהאַלטן אַז קונסט, טאַלאַנט, אפילו געניאַליטעט זיינען ניט מער ווי מאָטאָר רעפּ־לעקסן, אָט ווי פּאַוולאָווס הונט, אויב מ׳זאָל פאַר די רעפלעקסן געפינען די ריכטיקע פאָרמולעס וואָלט מען לויט די פאָרמולעס געקענט שאַפן לידער און אַנדערע ליטעראַרישע פּראָדוקטן . . .

אין 1918 האָט מען אין לעגינגראַד געמאַכט אַ קאָנצערט פון . . . פאַבריק פייפלעך. עס איז אָבער ניט געלונגען, די אינסטרומענטן האָבן אפילו ניט געקענט אויספייפן דעם אינטערנאַציאָנאַל, כאָטש די פאָרמולע איז געווען אַן איינפאַכע. די „קונסט אינזשינירן״ האָבן זיך גאָר גיך באַפרייט פון אָט דער מעכאַנישער קונסט, פון קונסט פער פאָרמולאַ, זי האָט פּשוט ניט געאַרבעט, און זיי האָבן זיך געווענדט צום שרייבער ע ר זאָל זיין דער אינזשיניר פון דער נשמה, פאַרשטייט זיך, אונטער דער השגחה פון

דער פּאַרטיי. און דאָ ליגט אפשר דער שליסל צום „אינזשיניר" אַזוי גוט ווי צו דער „נשמה". אין דעם גײַסטיק נאָך טעכנישע דערגרייכונגען — דער הויפּט ציל פון דער רעגירונג, ווייל דאָס איז די גרעסטע נויטווענדי־קייט — האָט מען איינגעשפּאַנט אַלע ה ע נ ט, און דער שרייבער דאַרף אויך זיין אַ האַנט וואָס זאָל העלפן דורכפירן די אַרבעט. זיין קאָפּ איז ניט אַזוי וויכטיק. דערויף איז דאָ אַ פינף יאָר פּלאַן, אפילו זיין אַנאַליז פון לעבן דאַרף מען ניט. ער קען נאָך אַמאָל איינשניידן צו טיף, אויף דער „זעלבסטקריטיק" קען מען זיך בעסער פאַרלאָזן. זיין אַרבעט איז העלפן שטופּן דעם וואָגן וווהין די רעגירונג וויל ער זאָל גיין. די רעגירונג איז פאַראינטערעסירט אין פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, סטאַכאַנאָוו ווערט אַ העלד און די ליטעראַטור באַזינגט סטאַכאַנאָוון. דער שרייבער האָט ניט ג ע ש אַ פ ן סטאַכאַנאָוון, ער דאַרף אים בלויז באַזינגען. פאַרשטייט זיך, אויף אַ סאָציאַליסטיש־רעאַליסטישן שטייגער, וואָס איז, אין תוך, ניט מער ווי אַרבעטער־ראָמאַנטיק.

דער שפּאַס דערביי איז, וואָס דוקא אין סאָוועטן פאַרבאַנד, ווו אַט די „אינזשינירן" ליטעראַטור האָט זיך אַזוי צעבליט, ביכער מיט אַרבעטער העלדן זיינען געדרוקט געוואָרן אין די מיליאָנען, דוקא דאָרטן איז געשאַפן געוואָרן דאָס וואָרט „אַגיטקאַ", און אין דעם איינעם וואָרט האָט זיך אויסגעדריקט דער גרעסטער ביטול צו אַט דער ליטעראַטור. געשאַפן דאָס וואָרט האָט טאַקע דער אַרבעטער גופא, און אויב ער האָט זי אפילו געמוזט לייענען האָט זי אָבער געהאַט אויף אים אַ קנאַפּע ווירקונג. אַ בעסער פּאַיאָק, געוויסע פּריווילעגיעס, דאָס האָט געשאַפן סטאַכאַנאָוועצעס, שלאָגלער, ניט די ליטעראַטור. די שרייבער? זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן ניט צו זיין קיין אינזשינירן וואָס קירעווען די מענטשלעכע נשמה, זיי זיינען געוואָרן הענט, וואָס האָבן געדאַרפט העלפן שטופּן דעם וואַגאָן אויף די רעלסן וואָס די רעגירונג האָט פאַר זיי אויסגעלייגט.

הערט מען וועגן אַ באַשולדיקונג קעגן אַ סאָוועטישן שרייבער אַז ער איז „אַרונטער פון די רעלסן" דאַרף מען צו אַזאַ באַשולדיקונג זיך באַציען זייער פאָרזיכטיק. אַמאָל קען עס מיינען אַז ער האָט פּשוט ניט געשטופּט שטאַרק גענוג דעם פּאַרטיי וואַגאָן און אַמאָל קען דאָס גאָר זיין אַן אויסרייד פון שרייבער חברים פּטור צו ווערן פון אַ שרייבער קאָנקורענט. אין דער בורזשואַזער שרייבערישער סביבה פּאַסירט אַז איין שרייבער שרייבט אָן אַ „פאַרניכטנדיקע קריטיק" אויף אַ צווייטן שרייבער כלומרשט אין נאָמען פון דער „ריינער קונסט", אין דער „סאָציאַליסטישער" געזעלשאַפט פון

סאָוועטן פאַרבאַנד פאַרמסרט מען אים אַז ער האָט עובר געווען אויף אַ לאו אין סאָציאַליסטישן שולחן ערוך, אָבער די מוסרים זיינען ניט די שומרי הפּאָליטיק, נאָר חברים שרייבער, און אָט די קריטיק זייערע איז ווירקלעך פאַרניכטנדיק.

דאָס איז ניט קיין בלבול, אויסגעטראַכט פון אַ קאַפּיטאַליסטישן שריי־בער אויף שרייבער קאָמוניסטן. אָט וואָס אַ קאָמוניסטישער שרייבער פון סאָוועטן פאַרבאַנד שרייבט:

„אין דעם רוסישן פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַרישע שרייבער איז געווען אַ מין ליבקער אָפּנויג: פאַר עפּעס אַ טעות פון אַ שרייבער האָט מען אים פאַרשריען פאַר אַ „קלאַסן שונא״. (א. פאַדיעעוו אין „ליטעראַטור און לעבן״, סאָוועטישער שרייבער, מאָסקווע) אַזעלכע טעותן, זאָגט דער שרייבער, זיינען איצט שוין זייער זעלטן, ער זאָגט אָבער גלייך דערביי: „די עובדא פון אַלע סאָוועטישע שרייבער איצט איז ד ע ר ש ל אָ ג ן אַלע פיינטלעכע כוחות אין אונדזער ליטעראַטור״. ניט פאַרשרייען נאָר טאַקע פשוט „דאָביט״ — דערשלאָגן.

מ׳דערשלאָגט טאַקע דעם שרייבער, אָבער ניט ווייל מ׳האָט מורא פאַר אים, פאַר זיין ליטעראַטור, נאָר מ׳דערשלאָגט אים ווי יעדן אַנדערן „פיינטלעכן כוח״ אין לאַנד, צי ער איז אַ שרייבער אָדער אַ שניידער איז אַ קנאַפּע נפקא מיניה, דער שרייבער — אַן אַרבעטער ביי שרייבעריי, אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער. יאָ, ער האָט נאָך אַ ראָליע דער שרייבער — צירק.

ברויט און צירק, אָדער פאַרקערט, צירק און ברויט איז דער געבאָט פון אַלע דיקטאַטאָרן. דער שרייבער שטעלט צו „צירק״. אויך דאָ שפּילט ער ניט די ערשטע פידל. אין צירק איז וויכטיקער דער אַקראָבאַט דער זשאָנגליאָר, דער קלאָון ווי דער ליטעראַט. זעען מיר טאַקע אַז אין דער צירק היעראַרכיע פאַרנעמט דער אַקטיאָר פון דער לעבעדיקער בינע, פון דער סינעמאַ, אָדער דער זינגער אַ חשובערן פּלאַץ פונם שרייבער. זייער ווינציק שוישפּילער אָדער זינגער זיינען ליקווידירט געוואָרן אין סאָוועטן פאַרבאַנד, אָן אַן ערך ווינציקער ווי שרייבער, כאָטש דער אַקטיאָר אויף דער בינע ווירקט מער ווי דער שרייבער אין חדר מיוחד, געווען זייער ווינציק „זינדיקע״ אַקטיאָרן, אָדער אפילו רעזשיסאָרן.

איך קום דאָ צו דער דראַמע, וואָס מוז אויך ליידער, אַריינגעמען די קינאָ. דאָס ליד, די דערציילונג, דעם ראָמאַן קען מען צום בעסטן געניסן ביחידות, איבערלייענען אַ שורה, אַ בלעטל און זיך פאַרטראַכטן אָדער

זיך אַוועקטראָגן אין דער וועלט וואָס דאָס געלייענטע האָט אַרויסגערופן. גוטע לייענער זיינען דאָ זייער ווייניק, אַ סך ווייניקער ווי מיר זיינען געוויגט צו גלויבן. זייער ווייניק לייענער האָבן די נויטיקע פאַנטאַזיע צו דערזען אָדער דערפילן דאָס וואָס דער שרייבער האָט אויספאַנטאַזירט. גאַנץ אַנדערש איז די בינע. אויף דער בינע זעט דער צושויער ק אָ נ־ק ר ע ט ע ז י ר ט ע פאַנטאַזיע. דער העלד, מיט זיין גרים, זיין שטימע, זיין ה אַ נ ד ל ו נ ג באַוועגט זיך פאַר זיינע אויגן, גיט אים אַ פאָרבילד וואָס נ אָ כ צ ו מ אַ כ ן, און דאָס איז דער צוקוקער גרייט צו טון, ווייל נאָכמאַכן איז איינע פון די אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. „ער מאַכט נאָך ווי אַ מאַלפּע", קען מען אָפט הערן. ווער ווייסט, אפשר אַנטפּלעקט זיך אין דעם שטריך — נאָכמאַכן — אונדזער קרובהשאַפט מיט דער מאַלפּע. זיכער איז אַז מיר מאַכן נאָך און ס׳איז אַ סברא אַז מיר לערנען אַ היפּש ביסל דורך דעם וואָס מיר מאַכן נאָך, פריער אונדזערע עלטערן, נאָכדעם אונדזערע לערער און שפּעטער אונדזערע . . . קינאָ אַקטיאָרן.

מהאי טעמאַ דיינק איך אַז אויף קינדער קען האָבן אַ גוטע ווירקונג צו לייענען ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, פונקט ווי שלעכטע בילדער מיט רעוואָלווער־העלדן ווירקן אויף זיי נאָכצומאַכן אָט די העלדן. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו דיינקען אַז די בינע, די קינאָ ווירקט אויף ד ע ר וו אַ ק ס ע נ ע מענטשן איבערלעך צום בעסערן. מיר האָבן אַ האָליוווד קולט, ניט צו פאַרמישן מיטן וואָרט קולטור. אַ געוויסע אַקטריסע, אַ סטאַר, האָט ניט געהאַט קיין ברעמען, האָבן מיליאָנען פרויען מיט שיינע ברעמען גענומען זיי אויסצופּן; אַ פּאָר זינגער פון גאַסן לידלעך, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שטימען, האָבן זיך געכאַפּט אַז מ׳קען אויסנעמען ביים עולם אונטערברומענדיק אַ זמרל... („קרו־נינג", בל״אם — בלשון אַמעריקע), און מיליאָנען בחורימלעך און מיידלעך האָבן גענומען זינגען מזמור להאָ־ליוווד . . . איך צווייפל אָבער זייער שטאַרק צי פון די מיליאָנען מענטשן וואָס האָבן געזען אויפן לייוונט סינקלעיר לואיסעס „בעביט", אָ ד ע ר די טויזנטער מענטשן וואָס האָבן געלייענט דאָס בוך האָבן זיך געפונען צען מענטשן וואָס זאָלן האָבן באַשלאָסן — פּע, מיר׳ן מער ניט לעבן ווי די בעביטס.

אַ שטענדיקער קריג גייט אָן צווישן דעם רעזשיסאָר, אַקטיאָר און דעם שרייבער. דער דראַמאַטורג דיינקט אַז דער אַקטיאָר דאַרף בלויז פאָרטראָגן די ווערטער וואָס ער האָט פאַר אים אָנגעשריבן, טוט ער עס ווי עס דאַרף

צו זיין — האָט ער דערפילט זיין מיסיע, דער אַקטיאָר איז, פאַרן שרייבער, ניט מער ווי אַ מין גראַמאָפאָן, וואָס רעדט אַרויס די ווערטער וועלכע דער שרייבער האָט אַריינגערעדט. דער אַקטיאָר, רעזשיסאָר און אודאי דער פילם פּראָדוצירער באַטראַכט די דראַמע, דאָס געשריבענע בלויז ווי אַ קאַנווע אויף וועלכער ער קען אויסהעפטן זיינע געשטאַלטן, די ווערטער זיינען ניט וויכטיק, זיכער ניט וויכטיקער ווי די באַלויכטונג, די דעקאָראַציע, די מוזיק, אָפּגערעדט שוין פון דער פיגור פון אַקטיאָר, זיין שטימע, זיינע באַוועגונגען. אין האָליוווד זיינען טאַקע דעריבער דאָ „שרייב־שעפער", ווו מע פאַבריצירט סצענאַריעס לויט די אָנווייזונגען און געשמאַק פון דעם דירעקטאָר, פּראָדוצירער און לויט דער . . . קאַסע. אין סאָוועטן פאַרבאַנד, ווו די קאַסע איז סקאַסירט געוואָרן האָט מייערכאָלד אויפגעפירט ווערהארנס אַ דראַמע אַזוי, אַז מ'האָט ניט דערקענט דעם אָריגינאַל. ווען מ'האָט עס אים פאָרגעוואָרפן, האָט ער זיך פאַררופן אויף שעקספּירן. שעקספּיר האָט גענומען ביי אַן אַנדערן שרייבער אַ מאָטיוו און געמאַכט אַ נייע דראַמע, מעג ער אויך בלויז נעמען דעם מאָטיוו ביי ווערהארנען און שאַפן אַ גאַנץ נייע זאַך. ווערהארן איז ניט געווען דער איינציקער קרבן, אפילו אונדזער מנחם מענדלען, ווי אויפגעפירט אויף דער יידיש־סאָוועטישער בינע, איז שווער געווען צו דערקענען, שלום עליכם גופא וואָלט אים אָדער ניט דערקענט, אָדער ניט געוואָלט מער קענען.

ווער פון די ביידע צדדים איז גערעכט נעם איך זיך ניט אונטער צו פּסקענען, זיכער איז אָבער אַז די דראַמע אויף דער בינע קען האָבן אַ סך אַ שטאַרקערע ווירקונג אויפן צושויער ווי ווען דיזעלבע דראַמע ווערט געלייענט פאַר זיך ביחידות. מ'דאַרף אויך אינזינען האָבן אַז טויזנט מענטשן אין אַ טעאַטער זיינען ניט טויזנט יחידים, עס איז שוין אַ מאַסע, און דער איינצלנער מענטש וועט אין דער מאַסע טון זאַכן וואָס ביחידות וועט ער עס ניט טון. אין טעאַטער וועט דער מענטש גיכער לאַכן אָדער וויינען ווי ביי זיך אין צימער, ווייל לאַכן, וויינען און אפילו גענעצן איז אָנשטעקנדיק, דאָס הייסט, מיר זיינען גרייט נאָכצוטון יענעם, די געהאַמעוועטקייט לאָזט נאָך.

דערפאַר טאַקע האָב איך באַוואָרנט אַז אונטער שיינער ליטעראַטור נעם איך בלויז ט י י ל ו ו י י ז אַריין די דראַמע, ווייל די דראַמע א ו י ף ד ע ר ב י נ ע איז שוין ניט נאָר ליטעראַטור, עס איז שוין ליטעראַטור פּליוס אַ סך אַנדערע פאַקטאָרן.

סיי די דראַמע און סיי דער ראָמאַן, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק

געקענט פֿאַררעכנט ווערן ווי אַן אינסטרומענט אויפֿצוּוועקן דעם עולם, אים אָנווייזן אויף געוויסע איבלען אין דער געזעלשאַפֿט, האָבן פֿאַרלוירן זייער באַדייטונג היינט צו טאָג. איין שרייענדיקער „קאָפּ" אין אַ צייטונג, איין פּיפּיקער רעפּאָרטער קען מער אויפֿוועקן די עפֿנטלעכע מיינונג ווי זעכצן ראָמאַניסטן אָדער דרייצן דראַמאַטורגן. דאָ אין אַמעריקע שרייבער, באַקאַנט אונטערן נאָמען „בלאָטע אויפֿריער", זייערע ביכער, אויב אַפֿילו געשריבן אין בעלעטריסטישער פֿאָרם, האָבן אַ קנאַפּן ווערט ווי בעלל לעטערס, די שרייבער גופֿא האָבן מיט די ביכער קנאַפּע פּרעטענזיעס אויף קונסט, זיי ווילן זיך בעסער רופֿן גוטע רעפּאָרטערס.

מיר האָבן פֿריער געזען אַז סיי אין זיינע רעליגיעזע איבערלעבונגען, סיי אין זיין געזעלשאַפֿטלעכער, סאָציאַלער וועלט ווערט דער מענטש באַווירקט אַ סך מער פֿון זייטיקע פֿאַקטאָרן ווי פֿון דער ליטעראַטור אויף ביידע געביטן, איצט פֿרעגט זיך: וואָס איז מכוח זיין פּריוואַטער, אינדי־ווידועלער וועלט? איז עס ניט אַ פּ אַ ק ט אַז מענטשן זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָכדעם ווי זיי האָבן איבערגעלייענט געטהעס „ווערטהערס ליידן"? זיינען אין רוסלאַנד ניט געווען קיין פּעטשאַרינצעס (לערמאָנטאָווס אַ העלד), סאַנינצעס (אַרציבאַשעווס אַ העלד) און אַפֿילו פֿאַלקס (פּשיבי־שעווסקיס אַ העלד)? היינט, אויב אַ מענטש קען באַגיין זעלבסטמאָרד אונטער דער ווירקונג פֿון אַ בוך, מיינט דאָך עס אַז דאָס בוך האָט שוין יאָ אַ ווירקונג, נאָך אַ מין ווירקונג! דער שרייבער איז דער מענטש וואָס האַלט די האַנט אויפֿן קראַן פֿון די מענטשלעכע עמאָציעס, דרייט ער נאָר אָפּ דעם קראַן ווי עס דאַרף צו זיין ווערט דער מענטש ניט נאָר באַווירקט, נאָר ממש פֿאַרפּלייצט.

אויף אַ עכט יידישלעכן אופֿן וואָלט איך אויף דער אויבנגעשטעל־טער פֿראַגע געקענט ענטפֿערן מיט אַ . . . פֿראַגע: ווי קומט עס וואָס אַזאַ נאַרישע סענטימענטאַלע מעשה ווי „ווערטהערס ליידן" האָט יאָ גע־ווירקט אויפֿן מענטשן און אַזעלכע שיינע, טיפֿע ווערטער ווי „והיה באחרית הימים" האָבן ד ע ר ו ו י י ל נאָך ניט געווירקט? דאָס האָרסט־וועסל ליד האָט יאָ געווירקט און רעמאַרקס „אים וועסטן ניכטס נויעס", באַרביס' „פֿייער", האַשעק'ס „שווייק", צענדליקער אַנדערע ביכער האָבן ניט געווירקט? טויזנטער, מיליאָנען מענטשן זיינען געגאַנגען אין דער צווייטער מלחמה, ניט נאָר ווייל מ'האָט זיי נעבעך געצוווּנגען צו גיין, ווי דאָס ווילן אונדז איינריידן אונדזערע „גוטינקע און פֿרומע", נאָר אויך דערפֿאַר ווייל זיי האָבן גאָרניט פֿיינט קיין מלחמה פֿון צייט צו צייט:

און זיינען די הונדערטער טויזנטער דייטשן וואָס האָבן איינטייל געגומען אין די מערדערייען אויפן און אויסערן שלאַכטפעלד געווען דורכאויס איליטעראַטן, וואָס האָבן נעבעך קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען פון זייער דיכטער, דעם פּאַרפאַסער פון „ווערטהער", יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע? איך קען קאַווירן אַז אַ היפּש ביסל פון זיי האָבן אפילו געהערט דעם נאָמען עריך מאַריאַ רעמאַרק.

אָבער איין פראַגע פאַרענטפערט ניט די צווייטע, וויל איך זאָגן אַז איך צווייפל זייער שטאַרק אין דעם „פאַקט" אַז אַ סך מענטשן זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב „ווערטהערן", זעלבסטמאָרד צוליב אַ פרוי איז מען באַגאַנגען לאַנג איידער געטהע האָט אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע „מייסטערווערק" און מ'וועט זיך נאָך נעמען דאָס לעבן צוליב אַ פרוי לאַנג נאָכדעם ווי געטהעס „ווערטהער" וועט זיין אַן ענין פאַרן ארכיוואר. עס האָט אפשר פאַסירט אַז איין צוויייטיקער פאַרשוין וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן זעלבסטמאָרד געדאַנק האָט עס אויסגעפירט מן הכוח אל הפועל נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט „ווערטהער", ער האָט נאָך מסתם איבערגעלאָזט אַ צעטעלע . . . און דער צווייטער, דריטער זעלבסטמערדער פון דעם מין זיינען שוין געווען נאָכמאַכער. איין מענטש האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן פון דער עמפּייער סטייט געביידע און דער פּלאַץ איז „אַריין אין מאָדע", אַ היפּש ביסל מענטשן האָבן שוין אויסגע־קליבן די געביידע פאַר זייער „טעאַטער", קיינעם וועט אָבער ניט איינפאַלן צוצושרייבן צו דער געביידע אַ זעלבסטמאָרד ווירקונג, דאָ אַנדערע ניט ווייניקער אידעאַלע פּלעצער פאַר דעם צוועק, אָבער איינער טוט און דער צווייטער מוט נאָך. ווייסן מיר דאָך פון טאַנץ עפּידעמיעס, ווען גאַנצע שטעטלעך זיינען געגאַנגען טאַנצנדיק, אין דער געשיכטע זיינען אפילו באַקאַנט זעלבסטמאָרד עפּידעמיעס אָן „ווערטהערן". געוויס זיינען געווען סיבות פאַר אַזעלכע עפּידעמיעס, אָבער ניט קיין ליטעראַרישע, און דאָס נאָכמאַכן האָט דאָ געשפּילט ניט קיין קליינע ראָליע.

אַרציבאַשעוו האָט ניט געשאַפן קיין סאַנינצעס. דער שרייבער איז אין דעם פאַל אפילו ניט געווען דער שפּיר אָדער יאַגד הונט, וואָס זאָל האָבן אָנגעוויזן דעם יעגער — דאָ איז דער פויגל. ערשט ווען דער פויגל איז געליגן אַ דערשאָסענער איז דער הונט געלאָפן, אַריינגעכאַפּט אין מויל און געבראַכט צעטראָגן — אָט איז ער, דער סאַנין, דעם קאַצעניאָמער נאָך 1905 האָבן שוין אַלע געהערט, דעם ציניזם האָבן שוין אַלע געפילט, אַרציבאַשעוו האָט אים בלויז אַרויסגעבראַכט. מכוח דעם ליטעראַרישן

ווערט פון „סאַנין“ איז איצט ניטאָ וואָס צו שרייבן. אין פאַרטיידיקונג פון אַרציבאַשעוון קען בלויז געזאָגט ווערן אַז זעלטן ווען זיינען שרייבער פאָראויסלויפער פון אַן עפּאָכע, די מערסטע — און דוקא ניט די ערגסטע — זיינען נאָכלויפער, אָדער נאָך בעסער, נאָכגייער נאָכן געשיכטלעכן וואָגן. „מלחמה און שלום“ איז געשריבן געוואָרן צענדליקער יאָרן נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה אין רוסלאַנד.

בייראָנס „שטניזם“ (סאַטאַניזם) האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף לער־מאָנטאָוון, אויף נאָך שרייבער. הונדערט יאָר נאָך זיין טויט האָט בייראָנס איינציקע פּאָליטישע רעדע, וואָס איז אויך געווען אַ שטיק פּאָעזיע, געווירקט אויף ערנסט טאָלערן ער זאָל אָנשרייבן ווייט ניט קיין פּאָעטישע דראַמע „די מאַשינען ברעכער“. די ענגלישע אַרבעטער פון יענער צייט, די אמתע מאַשינען ברעכער, זיי האָבן אפשר אפילו ניט געוווסט פון דעם . . . לאָרד בייראָן. די טשאַרטיסטן באַוועגונג וואָס האָט זיך אָנגע־הייבן קורץ נאָך בייראָנס טויט האָט אים ניט אַדאָפּטירט ווי דעם „הייליקן“ פון דער באַוועגונג. איך ווייס אויך ניט פון איין מענטשן וואָס זאָל האָבן גענומען פאַר זיך אַ פאָרבילד פון בייראָנס „מאַנפרעד“, אָט אַזוי וויל ער לעבן און שטאַרבן, איך ווייס יאָ פון אַ סך מענטשן וואָס האָבן גענומען טראָגן בייראָנישע קעלנער מיט ווינדזאָר שניפּסן . . . די ווירקונג פון... ליטעראַטור!

אגב אורחא, אויב ליטעראַטור האָט, אָדער דאַרף האָבן, אַ ווירקונג אויפן מענטשן וואָלטן — לאָגישערווייז — די דיכטער, די שאַפער פון דער ליטעראַטור, באַדאַרפט זיין די סאַמע „באַווירקטסטע“, זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין מוסטערן פון מענטשלעכער אויפפירונג, ביישפּילן פון בעסטן לעבנס שטייגער. ווער עס איז באַקאַנט מיטן לעבנס שטייגער פון אַ דאָסטאָיעווסקי, באָדלעיר, ווערלעין, אָפּגערעדט שוין פון וויאָן (ווילאָן) — אַלץ גרויסע קינסטלער — וועט מוזן צוגעבן אַז זיי זיינען צום מינדסטן באַווירקט געוואָרן פון זייערע אייגענע שאַפונגען, זייער שטייגער פון לעבן קען ניט אַוועקגעשטעלט ווערן ווי אַ פאָרבילד פאַרן לייענער.

דאָס איז אָבער אַ פראַגע פאַר זיך. די קאַטוילישע קירך האָט געפּסקנט אַז דער גלח, מעג ער אַליין זינדיקן, איז פאָרט דער פאַרטרעטער פון דער קירך, פון גאָטס וואָרט. מפּני דרכי שלום וועלן מיר אָננעמען אַז דער שרייבער איז בלויז דער בוים אויף וועלכן עס וואַקסט די שיינע פּרי ליטעראַטור און איצט גייט אונדז ניט אָן דער עץ היופי נאָר די פּרי

וואָס וואַקסט אויף אים, די שיינע ליטעראַטור. דער פייגנבוים איז ווייט ניט פון די שענסטע בוימער, אָבער די פייג איז זיס.

איז די פייג טאַקע זיס, צי האָט זי אָבער אָט די זיסע ווירקונג וואָס מ׳שרייבט איר צו? איך האָב זיך באַמיט צו ווייזן אַז זי האָט אַ גאַנץ קנאַפּע ווירקונג. איך וויל בלויז צוגעבן נאָך איין פונקט — צייט.

ווען לייענט אַ מענטש דאָס וואָס מיר רופן שיינע, גוטע ליטעראַטור? ער טוט עס ווען ער איז שוין אַ דערוואַקסענער, ווען זיין כאַראַקטער איז שוין אויסגעפורעמט, דער „מעטאַל" אין דעם „פורעם" איז שוין אָפּגעקילט, אָפּגעזעצט. קען מען טאַקע דערוואַרטן אַז די שיינע ליטעראַטור זאָל אַזוי צעוואַרימען דעם „מעטאַל" ער זאָל, אויב ניט צעשמאָלצן ווערן אויף ס׳ניי, איז לכל הפחות ווערן בויגעוודיק? איז טאַקע דער מענטש חומר ביד היוצר און דער קינסטלער מיט זיין וואָרט קען אים איבערפאָרמירן, אָדער ווי מ׳זאָגט עס, רעפאָרמירן?

„גיט אונדז דאָס קינד ביז צען יאָר, נאָכדעם קענט איר עס שוין האָבן", אַזוי זאָל האָבן געזאָגט אַ פאָרשטייער פון דער קאַטוילישער קירך. אין דעם איז דאָ אַ שטיק אמת.

לכן, אויב מיר ריידן וועגן דער ווירקונג פון ליטעראַטור אויפן מענטשן, דאַרף מען צוגעבן מענטש־קינד, און אויך דאָ מיט אַ היפש ביסל רעזערוואַציעס.

קודם איז גוטע קינדער ליטעראַטור זייער באַגרענעצט, פשוט ניטאָ קיין סך פון דעם מין, און אפילו די השפעה פון דעם ביסל וואָס איז דאָ טאָר מען אויך ניט איבערטרייבן. קען מען פאַרגלייכן די ווירקונג פון דער גוטער ליטעראַטור מיט דער ווירקונג פון דעם היים, דער גאַס, דער סביבה, פון חברים, און אפילו מיט דער ווירקונג פון דער קינאָ אָדער טעלעוויזיע מיט די אַלע רעוואָלווער העלדן דאָרטן?

— איז ווער זאָגט עס אַז עס מוזן זיין רעוואָלווער העלדן? קען מען דאָך ווייזן אַנדערע, ג ו ט ע העלדן!

דאָ קומט אַריין אַ שווערע צרה. איך האָב פריער דערמאָנט דעם ענין נאָכמאַכן, אַ שטריך וואָס איז ביי קינדער נאָך שטאַרקער ווי ביי דער־וואַקסענע, דאָס קינד לערנט נאָכמאַכנדיק. איז די צרה, וואָס אַ רעוואָלווער „העלד" איז גרינג צו ווייזן אויפן לייוונט, אים אויסמאָלן אין אַ בוך, עס איז דאָ ו ו אָ ס צו ווייזן, בעת ווייזן אַ ג ו ט ן העלד איז זייער שווער, כמעט ניטאָ וואָס צו ווייזן. אַ מענטש קען אָפּלעבן וואָס מ׳רופט אַן ערלעך לעבן, בלויז מיט נ י ט טון קיין שלעכטס, און גיי ווייז דאָס נ י ט טון!

ווייזט מען אי דעם שלעכטן אי דעם גוטן, איז רעכט אַז נאָכמאַכן זאָל דאָס קינד דוקא דעם שלעכטן, ניט אַזוי צוליב דעם יצר לב האדם רע מנעוריו, נאָר ווייל דער שלעכטער איז מער אַ ק ט י ו ו, העלדישער. מ׳שטיינס געזאָגט, אים איז גרינגער נאָכצומאַכן. איך האָב אַ שטאַרקן חשד אַז ווען מ׳זאָל ווייזן די קין און הבל דראַמע אויפן לייוונט וואָלטן גאָר אַ גרויסע טייל קינדער וועלן נאָכמאַכן קינען, קין — אַ העלד, הבל — אַ שלימזל, וואָס קען ניט באַשטיין זיין שטעטל, ט ו ט גאָרניט.

איך רייד אָבער ניט וועגן קינדער, דאָ האַנדלט זיך וועגן דערוואַקסענע מענטשן, און אויף זיי האָט די שיינע, גוטע ליטעראַטור אַ קנאַפע ווירקונג.

אויב אַזוי, פרעגט זיך למה זה אנכי? צו וואָס דאַרף מען זי אײַנגאַנצן?

„דאָס קעלבל וויל זויגן, די קו וויל געזויגן ווערן”. טויזנטער יאָרן אַז דער מענטש וויל הערן מעשות דערציילט אין פערזן און פראָזע, און אַלע מאָל האָט זיך געפונען דער דערציילער צופרידנשטעלן אָט דעם פאַרלאַנג. דאָס מיינט אַז ערגעץ ווו אין דער מענטשלעכער באַלעבאַטיש־קייט איז דאָ פּלאַץ דערפאַר, אַז עס קומט אפילו צונויף, אין אַנדערע ווערטער, עס האָט אויך אַ געוויסע ווירקונג. וואָס פאַר אַ ווירקונג?

די ווירקונג פון . . . זאַלץ.

קונסט, ליטעראַטור אַרײַנגערעכנט, איז די זאַלץ פון לעבן, עס מאַכט דאָס לעבן אַנגענעמער, באַטעמטער. דער קינסטלער איז אַ ביסל איבער־געזאַלצן, דערפון גאַנץ אָפט זיין ניט נאָרמאַלקייט, געמאָסטן מיט דעם געוויינלעכן מענטשלעכן אַרשין, ער שוויצט דעריבער אויס זיין איבעריקע זאַלץ דורך זיין קונסטווערק. זאָלן מיר די עסטעטן מוחל זיין פאַר דעם „שוויצן”. איך נוץ דאָס וואָרט פיגוראַטיוו און אויך ווערטערלעך. אָנשרייבן אַ גוטע שורה פאָדערט זיך גוואַלדיקע גבורה. אָנגעשריבן זיין ליד, דערציילונג, ראָמאַן, גאַנץ אָפט טאַקע בזעת אפו, ווערט דער קינסט־לער פּטור פון דער איבעריקער זאַלץ אין זיין קערפּער, גיט עס אַנדערע זיי זאָלן באַזאַלצן זייער טעגלעך לעבן דערמיט. אונדזער קערפּער פאָדערט זאַלץ, ער דאַרף זי האָבן, דער גומען בײַנקט נאָך דעם, די זאַלץ מוז אָבער זיין ראַפינירט. גראָבע זאַלץ, שונד ליטעראַטור, איז זיכער שעדלעך, און אפילו מיט דער דינער זאַלץ דאַרף מען אויך זיין זייער פאַרזיכטיק, ניט איבערזאַלצן . . . אין געוויסע פאַלן מוז דער מענטש זיך באַגיין מיט די נאַטירלעכע זאַלצן וואָס זיינען דאָ אין די שפּייזן, ניט צוגעבן קיין אויסערלעכע זאַלץ, ער מוז און קען זיך באַגיין מיט פאָלקלאָר ווי ליטעראַטור. דאָס האָבן די „איבערגעזאַלצענע”, די שרייבער,

די קינסטלער זיך איינגערעדט אַז אָן זאַלץ קען מען זיך ניט באַגיין, און אַנדערע, ניט קינסטלער, האָבן נאָכגערעדט. מ'קען יאָ! מיליאָנען מענטשן באַווייזן דאָס טאָג איין טאָג אויס, מער ניט, מ י ט אַ ביסל זאַלץ איז דאָס לעבן געשמאַקער, באַטעמטער. דאָס און ניט מער.

די אָנהייבגער פון דעם „לאָגאָס”, די וואָס דיינקען אַז די וועלט האַלט זיך אויפן וואָרט וועלן, פאַרשטייט זיך, מבטל זיין מיין „זאַלץ הנחה”. זיי וועלן נאָך אפשר צוגעבן: עס האָט אַ טעם פון . . . ביטער זאַלץ. איך גלויב אָבער אַז מיט מיין זאַלץ הנחה דעגראַדיר איך ניט די שיינע ליטעראַטור, איך שטעל זי בלויז אַוועק אויפן ריכטיקן פלאַץ וואָס זי פאַרנעמט אין אונדזער לעבן.

און דער קינסטלער, דער שרייבער? איז ער . . . די זאַלץ פון דער וועלט?

דאָס איז אַן ענין פאַר זיך.

דער פרייער קינסטלער

איז דער קינסטלער אַ קעמפער פאַר פרייהייט? קען מען דערוואַרטן, אַז אין קאַמף פאַר פרייהייט, אמת און יושר, וועט דער קינסטלער אַזוי קעמפן ווי דער גלויביקער רעוואָלוציאָנער, דער וויסנשאַפטלער און דער רעליגיעזער מענטש?

אויבנאויף זעט עס אויס ווי אַ חילול הקונסט גאָר צו שטעלן אַזאַ פראַגע. ווער ווייסט עס ניט אַז דער קינסטלער איז דער ערשטער צו רעוואָלטירן קעגן דער געזעלשאַפט, איר מאָראַל, אירע מנהגים און מנהיגים?

נו יאָ, אַלע ווייסן וועגן דעם, וגם אני בתוכם, פונקט ווי אַלע ווייסן אַז די גוטע ליטעראַטור האָט אַ ווירקונג אויפן לעבן צום בעסערן, פונדעסטוועגן האָב איך אויסגעדריקט מיין צווייפל וועגן דער ליטעראַטור, און איך צווייפל אויך צי די קינסטלער זיינען טאַקע די קעמפער פאַר פרייהייט ווי זיי גילטן.

פון וואַנען די ספקות?

גענעראַליזאַציעס ווערן אַרויסגעזאָגט ווי אַקסיאָמעס, בעת גאַנץ אָפט זיינען זיי ניט מער ווי הנחות אָן קיינע סמיכות. מ׳דאַרף דעריבער גוט אַ קוק טון ווער איז דאָס דער „גענעראַל", צי האָט ער טאַקע אַן אַרמיי פון פאַקטן הינטער זיך. איין מאַן האָט געקראָגן אַ שלעכטן אָפּשניט ביי איין פרוי, פילאָזאָפירט ער שוין וועגן פרויען: די פרוי איז . . . וואָס אין דער קאָרט. איינער אַ גוי האָט געמאַכט אַ שלעכטן מסחר מיט איינעם אַ יידן אַ סוחר — ביידע סוחרים, וואָס מיינט, ווייט פון צדיקים, — און דער גוי קען שוין אַלע יידן: „דער ייד איז . . ." וואָס איז ניט דער ייד? נאָך מער, דער גוי האָט אפילו מיט איין יידן אויך ניט געהאַט קיינע מחזקות, נאָר ער ו ו י י ס ט אַז דער ייד איז אַ שווינדלער, אַ געלטגייציקער, אַ כיטרער, אַ חוצפּהניק, און וואָס ניט? פון וואַנען ווייסט ער עס? וואָס הייסט פון וואַנען? יעדער איינער ווייסט עס! און „יעדער

איינער״ ווייסט אויך אַז דער קינסטלער, ווער ער זאָל ניט זיין, איז אַ קעמפער פאַר פרייהייט.

איז אָט, טאַקע דערפאַר, ווייל „יעדער איינער ווייסט״, שטעלט זיך די פראַגע: ווייסט ער טאַקע, דער יעדער איינער? פון וואַנען קומט עס צו אים אָט דאָס וויסן? אויף וועלכן סמך האָט ער עס געבויט זיין הנחה? וואָלט ניט גלייכער געווען צו ריידן וועגן קינסטלער ווי וועגן אַלע אַנדערע מענטשן, און פונקט ווי עס זיינען דאָ מענטשן קעמפער און מענטשן ניט־קעמפער, אַזוי זיינען אויך דאָ אַלערליי קינסטלער?

דער ווידערווילן צו די „פילאָזאָפן״, וואָס פילאָזאָפירן מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן דעם קינסטלער, דער פרוי, דעם יידן, דעם מענטשן, אָט ווי זיי וואָלטן געקענט באַווייזן זייערע הנחות מיט מאַטעמאַטישע פאַר־מולעס, האָט עס מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק: ניתי קינסטלער ונחזי, לאָמיר אַ קוק טון אויפן קינסטלער, בעסער געזאָגט, אויף די קינסטלער, און זען ווו האַלטן מיר מיט זיי ווי קעמפער פאַר פרייהייט, אמת און יושר.

איז דער וויסנשאַפטלער אַ קעמפער?

אויך דאָ טאָר מען ניט גענעראַליזירן. פונקט ווי עס זיינען דאָ קינסטלער, וואָס פאַרקלייבן זיך אין „עלפאַנטנביין טורעם״ ערגעץ אויפן באַרג אָלימפּ און דער קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס קומט געוויינלעך פאַר אין טאָל, גייט זיי ניט אָן, אַזוי זיינען אויך דאָ וויסנשאַפטלער פאַר וועמען די לאַבאָראַטאָריע איז זייער מקום קדוש, אָדער זייער מקום מקלט און וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע מקומות איז ניט זייער דאגה. פרייהייט מיינט פאַר אַזאַ וויסנשאַפטלער זיין פריי צו עקספּערימענטירן; אמת — דער אמת פון דער לאַבאָראַטאָריע; און יושר? די וויסנשאַפט (די עקזאַקטע), נאָך מער ווי די קונסט, ווייסט ניט פון קיין יושר, זי איז אַמאָראַליש. איז ער גרייט צו קעמפן פאַר זיין וויסנשאַפטלעכן לאַבאָראַטאָריע־אמת? ניט יעדער איינער. זיין „וויסנשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט״ — אויב עס איז דאָ אַזאַ זאַך — איז גאָר סינאָנים מיט רויקייט, קילקייט, אָביעקטיווי־טעט, להיפוך צום רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, וואָס איז סוביעקטיוו. אויב דער וויסנשאַפטלער איז פאַרט אַ קעמפער פאַרן אמת, איז עס אַ דאַנק זיין „מאַטעריאַל״ מיט וועלכן ער אַרבעט. די מאַטעמאַטישע פאַר־מולע, דער לאַבאָראַטאָרישער עקספּערימענט צווינגט אים צו זאָגן: אָט דאָס איז עס! אויב אפילו ער אַליין איז גאָר גענויגט צו דיינקען, פילן אַנדערש. אויב דער וויסנשאַפטלער אַליין איז אפילו ניט גרייט צו קעמפן

פּאַר זיין וויסנשאַפטלעכן אמת, קעמפט שוין דער אמת פּאַר אים. גאַלילעאָ האָט נ י ט געזאָגט דעם אינקוויזיטאָר „עפּור סי מואווע" (די ערד דרייט זיך פּאָרט), אדרבה, ער האָט גאָר געבעטן דעם פּאַפּסט „זיין הייליקייט זאָל דערלויבן דער ערד זיך דרייען אַרום דער זון", און ווען דער פּאַפּסט האָט זיין בקשה ניט באַוויליקט — אָט אָ באַלד וועט ער לאָזן דער ערד זיך דרייען — האָט גאַלילעאָ זיך עפּנטלעך געשלאָגן על חטא. געקעמפט פּאַרן אמת פון דער קאָפּערניקאָנישער סיסטעם האָט גאַלילעאָס מיט־צייטלער, דער פילאָזאָף זשיאָרדאַנאָ ברונאָ און די אינקוויזיציע האָט אים טאַקע פּאַרברענט אויפן שייטערהויפן. גאַנץ מעגלעך אַז ברונאָס פּאַר־ברענט ווערן, ער איז אַלט געווען ניט מער ווי צוויי און פופציק יאָר, האָט געווירקט אויף גאַלילעאָן ער זאָל עפּנטלעך זיך אונטערגעבן דעם פּאַפּסט. ער האָט צו שטאַרק ליב געהאַט דאָס לעבן. ווען מ׳האָט פּאַרברענט ברונאָן איז גאַלילעאָ אַלט געווען אינגאַנצן זעקס און דרייסיק יאָר, און ער האָט אַריינגעלעבט ביז אַכט און זיבעציק. ווי ס׳ניט איז, גאַלילעאָ איז נ י ט געווען דער אמתער קעמפער פּאַר דער „ערד דרייעניש", ער האָט בלויז דראַמאַטיזירט דעם קאַמף, און די וועלט, וואָס דאַרף אַלע מאָל אַ העלד, האָט אים פּאַרהעלדישט, אים אַריינגעלייגט אין מויל די ווערטער „עפּור סי מואווע", כאָטש ער האָט זיי ע פ נ ט ל ע ך ניט געזאָגט. אַזוי פּאַרהעלדישט די וועלט אויך דעם קינסטלער. אין דער וויסנשאַפט וועלט אָבער האָט גאַלילעאָ פּאַרנומען אַ פּלאַץ ניט מיט זיין קאַמף אַנטקעגן דער אינקוויזיציע, נאָר, דער עיקר, מיט זיין עקספּערימענט פונם פּיזאַ טורעם, וואָס האָט געזאָגט: פּאַרלאָזט זיך ניט אויף דעם וואָס שטייט געשריבן אין אַלטע ביכער, אָדער אויף סברות וואָס לייגן זיך אויפן שכל. לויטן שכל דאַרף אַ שווערע זאַך פאַלן שנעלער ווי אַ לייכטע, אָבער אָט האָב איך אויסגעפּרוווט און עס ווייזט זיך אַרויס אַז עס איז ניט אַזוי. לכן — פּאַרלאָזט זיך ניט אויף סברות, פּרובירט, עקספּערימענטירט. אין דעם יאָר וואָס גאַלילעאָ איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן ניוטאָן, וואָס האָט איבערגענומען גאַלילעאָס „ירושה" — עקספּערימענטן, נאָך ניוטאָנען, איבערהיפּנדיק אַ גאָר גרויסע צאָל וויסנשאַפטלער, איז געקומען איינ־שטיין. ער, דער גאון, האָט מיט אמתער עניוות געזאָגט וועגן זיין רעלאַ־טיוויטעט טעאָריע, אַז זי איז אַ היפּאָטעזע וואָס דאַרף באַוויזן ווערן. ניט ווייל ער אַליין האָט געצווייפלט אין דער טעאָריע, נאָר ווייל דאָס איז דער וויסנשאַפטלעכער דרך — עס דאַרף ב אַ ו ו י ז ן ווערן. די רעלאַטיווי־טעט טעאָריע איז באַוויזן געוואָרן, זי האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין

דער וויסנשאַפט, און עס האָבן ניט געפעלט קיין קעגנער, די „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן" האָט מען אָבער ניט געקעפּט, זיי אַליין האָבן געמוזט בויגן זייערע קעפּ פאַרן וויסנשאַפטלעכן אמת. איינשטיין איז געוואָרן ד ע ר פיזיקער פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ער האָט זיך אָבער ניט באַהאַלטן אין זיין וויסנשאַפט טעמפּל, ניט קימערנדיק זיך וואָס עס טוט זיך אין מאַרק . . . אָט דער מענטש, פאַר וועמען התבודדות איז שיר ניט געווען אַ לעבנס באַדינג, האָט זיך זייער שטאַרק געזאָרגט פאַר דער „וועלט" — ניט דוקא דער פיזיקאַלישער, — פאַרן מענטשן. אָפּגע־רעדט פון זיין קאַמף קעגן דעם נאַציזם — דאָס איז דאָך געווען נאַטירלעך פאַר אים דעם יידן — האָט ער אויך געקנעלט מיט דער וועלט דעם ענין פרייהייט. ער האָט גאַנץ גוט געזען אַז צוליב דער קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע מוז דער שטאַט קריגן וואָס מער מאַכט, ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן וואָס דער שטאַט ווערט אַ מין אָפּגאָט צו וועמען אַלע מוזן זיך בוקן און האָט מיט שאַרפע רייד געפאָדערט פון די רעגירער, די הערשער זיי זאָלן בעסער צאַמען זייערע הערשערישע אַפּעטיטן איידער פענטען דעם פרייען געדאַנק, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און אַלע אַנדערע שעפערישע טעטיקייטן. ער איז שאַרף אַרויס־געטראָטן קעגן די „פּאַטריאָטן" וואָס האָבן זיך גענומען בודק זיין די פּאָליטישע ציצית פון די וויסנשאַפטלער, ער האָט דערמוטיקט די וויסנ־שאַפטלער זיי זאָלן זיך שטעלן קעגן די אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן, פשוט ניט ענטפערן קיינע פראַגן, און אייניקע האָבן אים טאַקע געפאָלגט אויך. ער, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט דער אַטאָמישער באָמבע, האָט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן געהאַלטן אין איין האַמערן אויף די וועלט פּאָליטיקאַנער זיי זאָלן אָנשטריינגען זייערע שוואַכע מוחות און פּרווון טראַכטן וויסנשאַפטלעך וועגן דעם ענין, איינזען דעם גאַנצן חורבן וואָס קען אַרויסקומען ניט נאָר אויף איין לאַנד — דעם שונאס — נאָר אויף דער גאַרער וועלט, אויף דעם מין מענטש.

געוויס, ניט יעדער וויסנשאַפטלער איז אַ איינשטיין אין דער וויסנ־שאַפט — אַנטדעקן אַ נייעם אמת אין דער פיזיקאַלישער וועלט — און אויך ניט אַזאַ מוטיקער קעמפער פאַר דער פרייהייט צו זוכן דעם וויסנ־שאַפטלעכן אמת און אפשיטא פאַר מענטשלעכן יושר, ער איז אָבער דער אויסדערוויילטער מוסטער פאַר אַלע וויסנשאַפט מענטשן. גאַנץ אָפּט קענען זיי ניט, אָדער ווילן גאָרניט אַרויסגיין פון זייער וויסנשאַפטלעכן גדר, אָבער אָט דעם גדר מוזן זיי באַוואַכן, זיי זיינען די גרענעץ היטער

פאַר ווען אַ פּסוק פון אַ תורה אָדער אַ דעקרעט פון אַ שטאַט איז ניט קיין גילטיקער פּאַספּאָרט. דער ענגלישער אַסטראָפיזיקער א. ס. עדדינג־טאָן האָט עס פאָרמולירט אַזוי:

„מיר האָבן אַוועקגעגעבן דעם פיזיקער אַ גרויסן טייל פון דער וועלט, וווּ ער קען זיך אַרומגיין אין זיין סימבאָלישן צירקל, ער האָט גענוג וואָס צו טון, טון ערנסט, וויסנשאַפטלעך, זוכן דעם אמת. די מעטאָדן פון „יענער וועלט" אויסער דעם צירקל, קענען ניט, טאָרן ניט אַריינגעלאָזט ווערן אין דעם צירקל, אָבער דער פיזיקער קען אויך ניט אַרויסגיין פון זיינעם. אויב אַזוי, קען דאָך וויסנשאַפט הויזן מיט טעאָלאָגיע? ניט אַזוי גרינג. ניט ווילנדיק קריכט איינע אַריין אין צווייטנס רשות. וואָלטן זיי געקענט באַזייטיקן די טעותן יעדער איינער אין זיין טעריטאָריע וואָלטן זיי זיך ניט געקריגט, אָבער די גרענעץ וואָך איז אַ שוואַכע." (א. ס. עדדינגטאָן, „די נאַטור פון דער פיזישער וועלט").

די גרענעץ וואָך איז גאַנץ אָפט אַ שוואַכע, דער אמת פון דער עקזאַקטער וויסנשאַפט איז אָבער גאַנץ שטאַרק און ער'ט בלייבן אַן אמת אַזוי לאַנג ביז די וויסנשאַפט גופא וועט אים ניט פאַרוואַרפן ווייל זי האָט געפונען אַ בעסערן, מיט שטאַרקערע באַווייזן. דער שטאַט אָדער די קירך קען אויף אָט דעם אמת ניט האָבן קיין שליטה. אויב דער וויסנ־שאַפטמאַן קען ניט קעמפן פאַר זיין אמת קעמפט שוין דער אמת פאַר אים.

מיר גייען איצט איבער צו די גאָט־גלויביקע. זיי האָבן ניט קיין מאַטעמאַטישע פאָרמולע, קיין לאַבאָראַטאָריע, וואָס זאָל זיי צווינגען צו זאָגן: אַזוי איז עס! אַנשטאָט אַ פאָרמולע איז דאָ די דאָגמע, און אויב די דאָגמע ליגט זיך ניט אויפן שכל, איז „איך גלויב ווייל דאָס איז אַן אַבסורד", און פאַר אָט דעם אַבסורד איז ער גרייט צו קעמפן. איז דאָ אַזאַ זאַך ווי „גלויביקער טעמפּעראַמענט"?

קענטיק עס איז דאָ אַזאַ זאַך. איך ווייס, הינטער דעם „גלויביקן טעמפּעראַמענט" ליגן גאַנץ אָפט גאָר ניט קיין גלויביקע מאָטיוון, אָדער גאָר אינטערעסן; קרישטאָלענע צדיקים, אָן קיין מאַטעריעלן פלעק, קומען ניט דרייצן אויף אַ טוצן, כאָטש אפשר יאָ עלף צו אַ מנין. אין דער הייליקער קירך קאָכן זיך אַ היפּש ביסל טמאדיקע געריכטן און גאַנץ אָפט זיינען זיי מקיים די תורה פון זייער רבין: גיב צעזאַרן וואָס אים קומט. אויב די קירך קעמפט אַמאָל קעגן אַ צעזאַר, מעג זי זאָגן אַז זי קעמפט פאַר דער פרייהייט צו גלויבן, מיינט עס אין אמתן אַ קאַמף פאַר מאַכט, פאַר דער פרייהייט צו אונטערדריקן אַנדערש גלויביקע. אפילו

היטלערן האָט די קירך ניט באַקעמפט צו שטאַרק, איינצלנע גלחים האָבן אָבער יאָ געקעמפט, און אַ סך העפטיקער ווי פילע ראַדיקאַלן. די קירך האָט געהאַט מאַרטירער, אמת גלויביקע, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער גלויבן.

און דער יידישער מנין?

אָנגעהייבן פון די עשרה הרוגי מלכות, האָבן מיר געהאַט גענוג צענדליקער . . . וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר דער אמונה. צי „לוינט זיך" פאַרלירן דעם קאָפּ אַבי ניט עובר זיין אויף גילוי ראש איז אַ פראַגע, וואָס מיטן קאָפּ וואָלט מען געענטפערט לא באלף רבתי, אָבער דער ייד וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין קאָפּ פאַר דער יאַרמעלקע האָט זיך צוגעהערט ניט צום קאָפּ, נאָר צום האַרצן, אַזוי צו זאָגן. דאָס איז דער גלויבנס טעמפּעראַמענט און, ווער ווער, מיר יידן האָבן געהאַט אַ היפּש ביסל פון אָט דעם טעמפּעראַמענט.

איצטער לאָמיר צוגיין צום קינסטלער. האָט ער אַ קינסטלערישע פאָרמולע, אַ קינסטלערישע לאַבאָראַטאָריע, וואָס זאָל אים צווינגען צו זאָגן: דאָס איז עס!? ניט ער האָט אַ צוויי מאָל צוויי איז פיר, ניט ער קען זאָגן אנכי ד׳ אלוהיך. יעדער קינסטלער געפינט זיך ז י י ן אמת, און ד ע ם אמת וויל ער איבערגעבן זיינע מיטמענטשן, אָדער גאָר לאָזן לדורות, דאָס איז אָבער אַזאַ סאָרט אמת, וואָס ניט ער קען אָדער מוז באַוויזן ווערן מאַטעמאַטיש, און ניט דער קינסטלער איז גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר אים, ווי שטאַרק ער גופא זאָל ניט גלויבן אין אים. איך האָב נאָך ניט געהערט אַז אַ קינסטלער, פון וועלכער ס׳איז קונסט, זאָל האָבן געשטאָרבן מיט אַ „שמע אמנים" אויף די ליפּן, און בעת די פלאַמען האָבן פאַרצערט זיין קערפּער זאָל ער האָבן אויסגעשריען: אַפּאָלאָ אלוהינו, אַפּאָלאָ אחד!

דער קינסטלער האָט ניט דעם אָביעקטיוון מאַטעמאַטישן אמת, וואָס זאָל זיך דורכשלאָגן זיין וועג מיטן כוח טאַקע פון אָט דעם אמת. אויך האָט ער ניט דעם סוביעקטיוון טעמפּעראַמענט פונם גלויביקן, וואָס זאָל אים פירן צו פאַרטיידיקן זיין קינסטלערישן קרעדאָ מיט זיין קערפּער, זאָגן יהרוג ולא יעבור.

— דער קינסטלער האָט ניט קיין טעמפּעראַמענט! דער קינסטלער קעמפט ניט פאַר זיין אמת! — הער איך שרייען די קינסטלער און אפילו ניט קינסטלער. — און ווו זיינען די קינסטלער פון אַלע צייטן, וואָס האָבן מקריב געווען זייער ווילזיין, זייער לעבן פאַר דער קונסט? היינט ווו

זיינען די קינסטלער, דער עיקר שרייבער, וואָס האָבן געליטן פאַר זייער אמת, פאַר זייערע אידייען, זיינען געגאַנגען אין תפיסה, זייער לעבן אָפּגעגעבן? קינסטלער — ניט קיין קעמפער? אַבסורד!

— אילוזיע, — ענטפער איך. — די אַלע רייד וועגן קינסטלער רעוואָלוציאָנערן, קעמפער, זיינען ניט מער ווי רייד. ניטאָ קיין קונסט־אמת, אַזאַ אמת ווי דער גלויביקער פאַרמאָגט, און ניטאָ קיין קונסט־קדושים, קונסט־מאַרטירער, וואָס זיינען געשטאָרבן, זיינען גרייט צו שטאַרבן פאַר זייער קינסטלערישן אמת.

— און דער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט?

דאָס איז יאָ דאָ. אויף וויפל אָט דער טעמפּעראַמענט איז גורם דער קינסטלער זאָל ווערן אַ קעמפער וועלן מיר זען, אָבער קודם לאָמיר אַ קוק טון אויף דער געשיכטע, זיך באַקענען מיט דער טראַדיציע פון קונסט און קינסטלער און, דער עיקר, פון ליטעראַטור און שרייבער.

דער בראשית פון קונסט איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער. מענטשן האָבן אָנגעהייבן זינגען ווען זיי האָבן נאָך ניט געקענט לייענען; האָבן אָנגעהייבן מאָלן ווען זיי האָבן נאָך ניט געקענט שרייבן, ניט געהאַט קיין אלף בית; און האָבן געטאַנצט צום ריטם פון . . . זייער קערפּער, ניט אָנענדיק אפילו אַז עס קען זיין אַזאַ זאַך ווי מוזיק, נאָטן. אויב מ׳קען אַזאַ מאָלן, זינגען און טאַנצן אָנרופן קונסט, איז זי געווען אַ העכסט דעמאָקראַטישע, פאָלקסטימלעכע. בעסער וואָלט געווען ווען מיר זאָלן עס אָנרופן ערב קונסט. פון אָט דער ערב קונסט זיינען צו אונדז דערגאַנגען שיריים, מאָלערייען אין היילן, שערבלעך פון כלים און גאָר פרימיטיווע פאָלקס מעשות. מיט די ערשטע פאָרמען פון געזעלשאַפט און רעליגיע, אויב די געזעלשאַפט איז אפילו געווען ניט מער ווי אַ שבט־געזעלשאַפט און די רעליגיע פרימיטיווע געצנדינערייִ, האָט די קונסט געמאַכט אַ טריט ווייטער. פון יענער קינסטלערישער טעטיקייט זיינען צו אונדז דער־גאַנגען: אויסגעשניצטע, אויסגעהאַקטע געטשקעס, אויסגעקריצטע מצבות און אויסגעהאַקטע קברים, און אויך מעשות און לידער. די געטשקעס, מצבות, קברים און קמיעות טראָגן אויף זיך דעם קונסט חותם פון יענע צייטן, אָבער ניט קיין אינדיווידועלע חתימה. פון דעם איינציקן געטשקע „קינסטלער" וואָס מיר ווייסן איז אונדזער זיידע תרח, אברהם אבינוס טאַטע, און קען זיין אַז זיין „סטודיאָ" איז גאָר געווען אַ קרעמל, ווו ער האָט פאַרקויפט די קונסטווערק פון אַנדערע אַנאָנימע קינסטלער. די לידער, געזונגען פון בעטלער, אַמאָל בלינדע דערצו, זיינען אויך געווען

אַנאָנימע, דער „בלינדער האָמער" — אַ שם הכולל פֿאַר אַלע בעטלער־זינגער, די מעשׂות זיינען דערציילט געוואָרן פֿון זקנים. קונסט, ווי מיר פֿאַרשטייען עס איצט, איז געקומען ווען עס האָט זיך אויסגעפֿאָרמירט אַ העכערע געזעלשאַפֿט, אַ העכערע פֿאָרם פֿון רעליגיע, עס איז געקומען דער שטאַט, דער טעמפּל. די פֿאָלקסטימלעכע, אַנאָנימע קונסט איז כּמעט ווי פֿאַרשוווּנדן, עס איז געקומען די אַריסטאָקראַטישע קונסט, דער קינסטלער מיט זיין אייגענעם נאָמען, און דער קינסטלער איז געוואָרן דאָס קעסט קינד ביי רייכע טישן. דער מאָלער, סקולפּטאָר, אַרכיטעקט אָדער ליטעראַט, יעדערער האָט זיך געהאַט זיין מעצענאַט. צי דאָס איז געווען דער שטאַט, דער טעמפּל, דער פּירשט, אָדער סתם אַ מאַגנאַט, דער קינסטלער איז געווען אָנגעוויזן אויף אים. פּעריקלעס האָט געגעבן דאָס גאָלד, האָט פּידיאַס געשאַפֿן טעמפּלען, סטאַטועז און, ווי זיינע שונאים האָבן געטענהט, האָט ער נאָך אַראָפּגעגנבעט אַ ביסל גאָלד פֿאַר זיך. וואָס פּידיאַס, דער סקולפּטאָר, האָט געטון פֿאַר פּעריקלעסן האָבן מיכאַל אַנזשעלאָ, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און סאַנטי ראַפֿאַעל געטון פֿאַר די באָרזשיאַס, מעדיטשיס, פּאַפּסטן און סתם גבירים. געווען זיינען זיי גרויסע קינסטלער און ערלעכע מענטשן און זיי האָבן געטריי געדינט זייערע באַלעבאַטים, צופֿרידנגעשטעלט דעם פּאַטראָן, געשאַפֿן פֿאַר אים וואָס ע ר האָט געוואָלט.

אָט נעם איך אַ ווידמונג וואָס דער מאָלער און אויך שרייבער זשאָרזשיאָ וואַסאַרי האָט צוגעגעבן צו זיין בוך „לעבנס פֿון מאָלער, סקולפּטאָרן און אַרכיטעקטן".

„צו דעם העכסט שיינענדיקן און העכסט אויסגעצייכנטן סיניאָר קאָסמאָ דע מעדיטשי, דעם דוכס פֿון פֿלאָרענץ, מיין הויכגעשעצטן האַר.

„ערנדיק טיף דעם אָנדיינק פֿון דעם גרויסמוטיקן אָטטאָוויאָ דע מעדיטשי, וועלכער האָט מיך אויסגעהאַלטן, באַפֿריינדעט און באַשיצט אין משך פֿון זיין לעבן, האָב איך זיך גענומען שרייבן די „לעבנס". און וואָס איז שייך אייך גופֿא, ווער עס זיין גענוג פֿאַר מיר אויב איר וועט געפֿינען פֿאַר פּאַסיק צו קוקן גינסטיק אויף מיין פּשוטער אַרבעט, ווייל חוץ דער הילף און באַשיצונג וואָס איך האָף צו קריגן פֿון אייער עקסעלענץ, ווי מיין האַר און ווי יעדער באַשיצער פֿון אָרעמע קינסטלער, האָט די השגחה אויסגעקליבן דעם הייליקסטן און געבענטשטן יוליוס דעם דריטן ער זאָל זיין גאָטס פֿאַרטרעטער אויף דער ערד, אַ הייליקער, וואָס שאַצט אָפּ און האָט ליב די נאָבעלע קונסטן. פֿון זיין גרויסמוטיקער פּזרנות

דערוואָרט איך באַלוינט צו ווערן פֿאַר די פּילע יאָרן וואָס איך האָב אָוועקגעגעבן און דער שווערער אַרבעט וואָס איך האָב אַריינגעלייגט די גאַנצע צייט אָן קיין שכר. און ניט נאָר איך, וואָס האָב זיך אָפּגעגעבן מיט דינען זיין הייליקייט, נאָר אַלע עכטע קינסטלער פֿון מיין דור מעגן אויך דערוואַרטן כבוד, שכר און אַ געלעגנהייט צו איבן זייער קונסט״.

דאָס איז געשריבן געוואָרן אין 1568, אין פֿלאָרענץ. זשאָרזשיאָ וואַסאַרי איז אפשר געווען אַ שוואַכער מאָלער און ניט אַזאַ וואַזשנער אַרכיטעקט, טאָ לאָמיר הערן אַ צווייטן פֿלאָרענטינער, דעם באַרימטן ניקאָלאָ מאַקיאַוועלי, ווי ער רעדט מיט צעזאַר באָרזשיאָ וועגן זיינע לאַנדסלייט מיכאל אַנזשעלאָ און לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי.

צעזאַר באָרזשיאָ: דער מיכאל אַנזשעלאָ איז ניט אָן טאַלאַנט. ער האָט געמאַכט אַ קופּיד פֿון מירמלשטיין, האָט אים איינגעגראָבן אין דער ערד, אַזוי אַז ווען מ׳האָט עס אויסגעגראָבן, האָט מען עס אָנגענומען פֿאַר אַן אַנטיק. קאַרדינאַל דע סאַן זשאָרזשיאָ האָט עס געקויפֿט. ווען ער האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס איז אַ שווינדל האָט ער עס אומגעקערט צום פֿאַר־קויפֿער. עס איז אָבער אַ גוט שטיקל אַרבעט און איך בין צופֿרידן וואָס עס איז סוף כל סוף אַריינגעפֿאַלן צו מיר אין די הענט.

מאַקיאַוועלי: דיינקט איר אַז מיכאל אַנזשעלאָ קען שאַפֿן אַ סטאַטוע וואָס זאָל זיך פֿאַרמעסטן מיט לעאָנאַרדאָס רייטער־סטאַטוע פֿון פֿראַנ־ציסקאָ ספֿאָרזשאַ?

באָרזשיאָ: ניין, פֿאַר אַנזשעלאָן האָב איך וויכטיקערע אַרבעט ווי צו מאַכן סטאַטועס. איך וויל ער זאָל מיר מאַכן פּלענער פֿאַר די פֿאָרטיפֿי־קאַציעס פֿון דער שטאָט. אָבער אַז עס איז שוין געקומען צו רייד וועגן לעאָנאַרדאָן, וואָלט איר געוואָלט זען די צייכענונגען וואָס ער האָט געמאַכט פֿון מיר?

מאַקיאַוועלי: אַ שאָד וואָס לעאָנאַרדאָ מיט זיינע פֿייאיקייטן פֿאַר־נעמט זיך מיט מאָלן בילדער און מאַכן סטאַטועס.

באָרזשיאָ: איך פֿאַרזיכער איך אַז אַזוי לאַנג ווי ער איז אָנגעשטעלט ביי מיר וועט ער דאָס ניט טון. איך האָב אים געשיקט קיין פּיאָמבינאָ אויסצוטריקענען די זומפּן, נאָכדעם איז ער געווען אין צעסענאַ דורכ־שניידן אַ קאַנאַל און מאַכן אַ האַפֿן. לעאָנאַרדאָ און אַנזשעלאָ זיינען ניט צו שטעלן אָנצונעמען מיינע שליחותן.

מאַקיאַוועלי: קינסטלער, זיי ווילן גיין ווו נאָר עס איז דאָ אַ פּאַטראָן וואָס זאָל זיי געבן אַרבעט. זיי זיינען ניט קיין פֿאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן,

איך וועל אָבער ניט גיין אַזוי ווייט ווי מאַקיאַוועלי, זאָגן אַז די קינסטלער זיינען געווען אחריותלאָזע מענטשן, זיכער איז אָבער אַז זיי זיינען געגאַנגען ווו נאָר עס איז געווען אַ פּאַטראָן. די אַלע „יעזוסלעך" וואָס מיר האָבן בירושה פון די גרויסע מאָלער איז ניט דוקא אַ רעזולטאַט פון זייער טיפן גלויבן אין ישון און זיין תורה. סאַנטי ראַפּאַעל איז אפשר טאַקע געווען אַ גלויביקער, לעאָנאַרדאָ איז זיכער געווען אַן אפּיקורס און ער האָט אויך געמאָלן „די לעצטע סעודה", ווייל די קירך האָט עס געדאַרפט. גאַלילעאָ האָט אונטערגעגראָבן דעם קירכלעכן פּונדאַמענט, די קינסטלער האָבן פאַרפּוצט דעם קירכלעכן בנין. רענעסאַנס האָט מען גערופן יענע צייט, דער ווידערגעבורט פון געדאַנק, פון קונסט. די מערסטע בילדער פון יענער צייט — יעזוסן און מאַדאָננאַס, די מאַדאָננאַ — אַ צניעותדיקע, אָבער אַ געשמאַקע ווייבל. קענטיק דאָס איז געווען דער גוסט פון די פּאַפּסטן, קאַרדינאַלן פון יענער צייט. זיי האָבן אויך ליב געהאַט אַ גוטן מאָלצייט און זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ געשמאַקער ווייבל אונטער אַ צניעותדיקן, בעסער געזאָגט, צביעותדיקן שלייער.

יעזוס און די מאַדאָננאַ „פּאָזירן" נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַר די מאָלער און סקולפּטאָרן ניט דערפאַר ווייל די קינסטלער זיינען אַזוי פאַרליבט אין זייערע מאָדעלן, זיינען אַזעלכע גוואַלדיק פרומע קריסטן, נאָר ווייל די סחורה איז נאָך אַלץ אַ גאַנגבאַרע. אפילו אַזאַ „צדיק" ווי סאַלוואַטאָרע דאַלי האָט אויסגעמאָלן אַ יעזוס און דער ניו יאָרקער מוזיי האָט עס אָפּגעקויפט און באַצאָלט דערפאַר אַ גאַנץ פיינע מטבע. און אויב אַ יידישער סקולפּטאָר, יעקב עפּשטיין, אַ יידישער מאָלער, מאַרק שאַגאַל, און אַ יידישער שרייבער, שלום אַש, נעמט זיך אויך צו יעזוסן, איז עס זיכער ניט דערפאַר ווייל דער „מאָדעל" אָדער די „טעמע" האָט זיי פאַרכאַפּט; הלל הזקן איז אַ בעסערער „מאָדעל" און אליהו הנביא, מיט זיין גלגול, פּונם רוצח אויפן כרמל, דעם נביא פון פייער און שווערד, ביזן קלוגן בעל מתרץ — תשבי יתרץ קשיות ואבעיות (תיקו) — און שפּעטער דער גרויסער בעל רחמים, דער בעטלער מיט דער טאָרבע, וואָס גייט „אויף אַלע יאַרידן", ווו נאָר ער קען העלפן אַ יידן, איז אַ בעסערע טעמע. עס איז אפילו ניט דער קינסטלערישער אתה בחרתני, דער רייץ געפּיל: א י ך וועל אייך ווייזן מ י י ן יעזוס, ווי עס וואָלטן געקענט דיינקען אַ יעקב עפּשטיין אָדער מאַרק שאַגאַל, נאָר טאַקע צוליב דער פּשוטער אויסרעכענונג — יעזוס איז נאָך אַלץ עובר לסוחר. (שטראָף מיך ניט, גאָט, פאַר די רייד).

אויך די שרייבער זיינען ניט געווען קאַרג אויף ווידמונגען מיט תהילות ותשבחות דעם פּאַטראָן, דעם מעצענאַט, אָדער דעם קייסער. און די ווידמונג איז געווען ניט סתם אַזוי זיך, לנוי, אָדער אַן אויסדרוק פון אמתער פריינטשאַפט. דער שרייבער איז אויסן געווען מער ממשות־דיקס. וו. שעקספּיר האָט געווידמעט זיינע אַ פּאָעמע „ווענוס און אַדאָניס" דעם לאָרד סאַוטהעמפּטאָן. די ווידמונג איז געשריבן מיט ניט ווינציקער אונטערטעניקייט ווי וואַסאַריס און דער לאָרד האָט אים געגעבן אַ מתנה אַ טויזנט פונט, אַ מטמון מיט גאָלד אין יענער צייט. שעקספּיר האָט אים דערפאַר געווידמעט אַ צווייטע פּאָעמע . . . פון די קלענערע שרייבער איז אָפּגערעדט. דער פּאַטראָן האָט געדעקט די הוצאות פון אַ בוך אָדער האָט געגעבן דעם שרייבער מיטלען צום לעבן, און ווען דער פּאַטראָן האָט זיך געציאָרט, ער האָט אויסגעגעבן אַ טאָכטער, צי גאָר איינגעהאַנדלט אַ ניי פערד, האָט דער דיכטער אָנגעשריבן אַ אָדע לכבוד דעם. פון דעם פּאָעט לאַורעאַט איז דאָך אָפּגערעדט, ער האָט געדאַרפט גלאָריפיצירן דעם קעניג. דער הויף נאַר איז געווען אַ סך פרייער ווי דער הויף פּאָעט. האָט דער פּאָעט ווידערשפּעניקט זיין פּאַטראָן איז אים ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. גלות איז געווען די מינדסטע שטראָף, און פּאָעטישער גלות איז אפשר עלטער ווי דער יידישער גלות.

— געווען, הייסט עס פּאָעטישער גלות! דאָס מיינט אַז פּאָעטן האָבן רעוואָלטירט, האָבן געקעמפט.

רעוואָלטירט האָבן זיי, קיין קאַמפער זיינען זיי ניט געווען. די אַריס־טאָקראַטיע האָט אויסגעהאַלטן דעם שרייבער, האָט אַרויסגעגעבן און אַמאָל אפשר אויך געלייענט זיינע ביכער, קיין דרך ארץ האָבן זיי פאַר אים ניט געהאַט — אדרבה, מ'האָט אים באַטראַכט פאַר אַ נחות דרגא, אַ פריילעך־מאַכער, אויב אפילו ער האָט געשריבן טראַגעדיעס, אַ לץ, אַ קלאַון. דער שרייבער האָט געדאַרפט וואַרטן ביים לאָרד אין פאָדערצימער ביז יענער האָט גנאָדיק באַוויליקט אים אויפצונעמען, גאַנץ אָפט האָבן די לאַקייען פאַרטריבן דעם שרייבער, אים ניט צוגעלאָזט צום פּריץ. אין „קוריאָזי־טעטן פון דער ענגלישער ליטעראַטור" דערציילט יצחק דיזראַעלי אַ פאַל פון אַ שרייבער וואָס איז געקומען צו אַ לאָרד אים פאַרקויפן זיינס אַ בוך. דער לאָרד האָט געהאַלטן אין אויסשווייגקען דאָס מויל נאָכן עסן, האָט ער אַ שפּריץ געטון דאָס וואַסער דעם שרייבער אין פּנים אַריין. (יידישע שרייבער, וואָס גייען אַרום היינט צו טאָג פאַרקויפן זייערע ביכער, קענען געפינען אַ טרייסט אין דעם . . .) אָט די „אַריסטאָקראַטישע"

באַנעמונג און באַציונג צום שרייבער איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשווּונדן. אָט די ענגלענדער, ביי וועמען דער קעניג האָט אַ דעה ווי אַ בר מנן, ווען עס קומט אָבער צו ליטעראַטור, איז עס ניט אַ שעקספיר, נאָר אַן עליזאַ־בעטה עפּאָכע, און פון דער קעניגין וויקטאָריאַ איז דאָך אָפּגערעדט, די גאַנצע ליטעראַטור איז געליגן אונטער איר ברייטער קרינאָלינע, מ׳שרייבט ניט אַנדערש ווי די „באַרימטע וויקטאָריאַנער״! פאַרגלייכט עס מיט דוד המלך, וואָס לעבט ביי אונדז אַ היפּש ביסל צוליב דעם זכות פון „זיין״ תהלים. היינט צו טאָג פאַרגינט זיך סיר ווינסטאָן טשוירטשהיל צו שרייבן וועגן ג. ב. שאָו לאמור, אַזוי צו זאָגן: מיר קענען זיך פאַרגינען צו האָבן אַ לץ אין אונדזער סביבה. דאָס רעדט ניט טשוירטשהיל דער שרייבער, דער אַמאַטאָר מאָלער, נאָר דער אוראייניקל פון די מאַרלבאָראָס.

האָט טאַקע ניט איין מאָל פּאַסירט אַז דעם לאָרד, דעם פּאַטראָן איז נמאס געוואָרן דער דיכטער מיט זיינע עקסצענטרישע דרכים און ער האָט אים משלח געווען, אָדער דעם דיכטער איז געוואָרן ניט גוט פון זיין אייגענער שקלאַפישער אונטערטעניקייט צו זיין פּאַטראָן און ער איז אַנטלאָפן, געזידלט דעם פּאַטראָן, די געזעלשאַפט, געצאַרנט אויף דער גאַנצער וועלט. איז דאָס געווען צאָרן, פּראָטעסט, פּלאָם פייערדיקע רייד, אויפריכטיק געמיינט, אָבער קיין קאַמף איז עס ניט געווען. איז געקומען אַן אַנדער פּאַטראָן, אָדער דער זעלבער אפילו, און האָט אַ גלעט געטון דעם דיכטער, האָט ער ווידער געשריבן אַן אָדע. דער דיכטער — אַ קאַץ, גיט מען אַ שאַר די האָר אויף אַרויף, איז זי קאַפּאַבל אויסדראַפּן די אויגן, טוט מען אַ גלעט די האָר אויף אַרונטער, רייבט זי זיך ביי די פיס און מורליקעט צופרידן.

אָט די פּאַטראָנען סיסטעם האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. דאָס וואָרט „מעצענאַט״ שטאַמט פונם רוימישן שטאַטסמאַן גאַיוס מעצענאַס, געלעבט פאַר דער קריסטלעכער צייט רעכענונג, ווייל ער האָט פּאַטראָ־ניזירט די שרייבער פון זיין צייט. גוטענבערג האָט דערפינדן די דרוקעריי, אַ בוך האָט מען שוין ניט געדאַרפט איבערשרייבן אין געציילטע מגילות פאַר עטלעכע יחידי סגולה, מ׳האָט עס שוין געקענט אָפּדרוקן אין הונ־דערטער צי טויזנטער עקזעמפּליאַרן, אָבער פון וואַנען האָבן געקענט קומען די הונדערטער לייענער? ניט פון פאָלק. דער רוב פון פאָלק האָט גאָר ניט געקענט לייענען און שרייבן, די לייענער זיינען געווען די אַריסטאָקראַטן. מהאי טעמא האָט די טעמע פון אַ בוך געמוזט זיין אַ „דערהויבענע״, די „העלדן״ נאָבעלע ברואים — קעניגן, פירשטן, הערשער,

אָדער גאָר די פּמליא של מעלה, מיטאָלאָגישע געטער, מלאכים, שדים, רוחות.

שפּעטער, ווען די בורזשואַזיע איז אונטערגעקומען, איז די באַזע פון דער ליטעראַטור אויסגעבערייטערט געוואָרן, דער העלד האָט שוין געקענט זיין ניט דוקא אַ קעניג, פּרינץ, אָדער פירשט, נאָר סתם אַ פּאָר־מעגלעכער מענטש. אָט די אויפגעקומענע בורזשואַזיע, אָן אַריסטאָקראַ־טישן יחוס, מ׳שטיינס געזאָגט, האָט געזוכט זיך איינקויפן אין יחוס, זי האָט געוואָלט נאָכמאַכן דער אַריסטאָקראַטיע, האָט זי געעפנט די טירן פון די רייכע הייזער פאַרן קינסטלער, שרייבער, דער דיכטער איז געוואָרן אַ מין ליטעראַרישע וואַזאָנע צו באַשיינען דעם בורזשואַזן סאַלאָן, און די וואַזאָנע האָט מען אוועקגעשטעלט אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט, מ׳האָט אים אפילו אָפּגעגעבן כבוד. און דער שרייבער, ער האָט אפשר פיינט געהאַט דעם בורזשוי מער ווי די אַריסטאָקראַטיע, ער האָט אפילו געלאַכט פון אים, פונדעסטוועגן האָט ער אים געדינט, ווייל ער איז געוואָרן דער געניסער פון זיין קונסט. דער ניט פאַרמעגלעכער מענטש האָט ניט געקענט פאַזירן פאַר אַ פּאָרטרעט, ער האָט אויך ניט געקענט קויפן קיין בוך, צי אפילו לייענען אַ בוך.

אויך דער שרייבער איז על פּי רוב געקומען פון פאַרמעגלעכן קלאַס, אָדער ער האָט געמוזט זיין ביי די רייכע אין גוטן גנאָד. צום שרייבן דאַרף מען קודם האָבן צייט, און „צייט איז געלט" איז ניט דוקא קיין אַמעריקאַנער אויסטראַכטעניש, מ׳האָט עס שוין געוווּסט אַ סך פריער. אויף אַ ניכטערן מאָגן קען מען קיין הלל ניט זאָגן, דער שרייבער האָט געדאַרפט עסן, פּשוטו כמשמעו עסן, און עסן האָבן געקענט געבן נאָר די רייכע, דירעקט אָדער אומדירעקט האָבן זיי אים אויסגעהאַלטן, און אין דער וועלט איז דאָ אַ געזעץ — פאַר גאָרניט קריגט מען גאָרניט, קריגט מען עפּעס מוז מען באַצאָלן דערפאַר, און דער שרייבער האָט געצאָלט.

ערשט ביים סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט, ווען דער פערטער שטאַנד האָט זיך אַריינגעריסן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַלגעמיינע בילדונג האָט זיך פאַרשפּרייט, די בוך אינדוסטריע איז געוואַקסן, דער פּשוטער עולם האָט שוין געקענט לייענען און אַמאָל אויך קויפן אַ בוך, ערשט דעמלט איז די ליטעראַטור דעמאָקראַטיזירט געוואָרן, דער שרייבער האָט זיך שוין געקענט פאַרגינען אַז די העלדן פון זיין בוך זאָלן זיין ניט דוקא „נאָבעלע באַשעפענישן", נאָר טאַקע פּשוטע מענטשן, פאָלקס מענטשן.

אויך די רעוואָלוציע איז צוגעגאַנגען ניט אַזוי גלאַטיק. באַלזאַקן

האָט מען נאָך געקענט מוחל זײַן זײַנע סוחרים, אַוואַנטוריסטן, פּלאָבערן האָט מען נאָך פֿאַרגעבן זײַן קלײנבירגערלעכע מיליע פֿון דער מאַדאַם באָוואַרי, איר אױסגליטשן . . . זיך, מ׳האָט אָנגענומען זײַן רעאַליזם, אַזױ צו זאָגן, מ׳האָט אָבער שטאַרק געקרימט מיט די נעזער אױף זאָלאַן, און ניט אַזױ צוליב זײַן נאַטוראַליזם װי צוליב זײַן טיפּאַזש, די „צניעות־דיקע״ פֿראַנצױזן האָבן גאָר ניט אַזױ מורא פֿאַר „נאַקעטקײט״, עס װענדט זיך נאָר װער עס גײט נאַקעט און װי. גײט אײנער אָן הױזן קענען זײ אים ניט פֿאַרטראָגן, ניט װײל ער אַנטפּלעקט נאַקעטע פּיס, נאָר װײל ער איז אַ „סאַנקילאָט״, אַ אָנהױזנדיקער, אַ האָלעדריגע, אָט פֿון יענע „האָלע־דריגעס״, װאָס זײַנען אַזױ דערגאַנגען די יאָר אין 1789. דער געשרײ קעגן זאָלאָס נאַטוראַליזם איז אין אמתן געװען אַ פּראָטעסט פֿונם קלײנבירגער, װאָס איז שױן געװען אױפֿן װעג צו מאַכט, אַ פּלאַץ אין דער געזעלשאַפֿט, קעגן דעם נידעריקערן שיכט, די „האָלעדראַנצעס״, װאָס זאָלאַ האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ליטעראַטור.

אָט דער קורצער, געשיכטלעכער איבערבליק װײַזט אונדז אַז דער קינסטלער, דער שרײַבער איז גאָר ניט געװען אַזױ פֿרײַ װי דאָס איז אָנגענומען בײַם עולם. זאָל דאָס אָבער ניט גענומען װערן װי די האַמעטנע, „מאַטעריאַליסטישע״ אױפֿפֿאַסונג, װאָס דריקט זיך אױס אין אַזעלכע װערטער װי „פֿעף קנעכט״. דער שרײַבער איז ניט געקומען צום באַראָן, לאָרד אָדער נגיד און אים געזאָגט: נאַדיר מײַן טאַלאַנט, נאָר גיב מיר עסן, אָדער דער לאָרד האָט פֿאַרנאַרט דעם שרײַבער און אים געזאָגט: װילסט עסן? גוט, װעסט האָבן צו עסן און טרינקען מכל טוב, נאָר דײַן מיר געטרײַ, און דער מסחר איז געשלאָסן געװאָרן. אַגיטאַטאָרן האָבן אַמאָל פֿאַרגעשטעלט אַזאַ מקח וממכר צװישן די גײַסטלעכע און די מאַכט־האָבער, און עס איז אױך געװען ניט מער װי אַ װולגאַרע אַגיטאַטאָרישע המצאה. װאָס איך בין אױסן צו זאָגן איז, אַז דער קינסטלער לעבט ניט „אין דרױסן״, אין אַ װאַקואום. דער קינסטלער, װי יעדער בשר ודם, לעבט אין אַ געװיסן אָרט, אין אַ באַשטימטער צײַט, אין אַזאַ און אַזאַ אָרדענונג אָדער אומאָרדענונג, און דער געזעלשאַפֿטלעכער קלימאַט װירקט אױף אים ניט װײניקער װי דער געאָגראַפֿישער. בידוע, זײַנען קינסטלער זײער עמפּפֿינדלעך צו קלימאַטישע װירקונגען, שײַנט די זון, איז די װעלט אַ גוטע װעלט, אַ שײנע; גיסט אַ רעגן, איז הימל עפּן זיך . . . לכן דאַרף מען פֿון דעם קינסטלער ניט דערװאַרטן ער זאָל זײַן מער קעמפּעריש װי די אַנדערע פֿון זײַן דור. אויב עס האָט זיך געשאַפֿן אַ באַגריף װעגן

דעם פרייען קינסטלער, דעם קעמפער, איז עס דערפאַר ווייל גאַנץ אָפט איז ער צעקריגט מיט דער וועלט, און אָט די קריגערײַ קומט קודם כל פון דעם אַזוי געוּוּפענעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט.

וואָס איז דאָס אַזוינס אָט דער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט ?

קודם — אתה בחרתני. איך, דער דיכטער, בין אויסדערוויילט געוואָרן צו ברענגען אַ וויכטיקע בשורה דעם פאָלק, דער מענטשהייט, דער וועלט, און זי אַרויסזאָגן אַזוי, ווי קיינער ביז מיר האָט עס ניט געטון. און אַרויסזאָגן וויל ער זי דווקא ניט פאַרן שפּיגל אָדער אַ פּאָר פריינט, נאָר... האזינו השמים ואדברה, ותשמע הארץ אמרי פי. הימל און ערד דאַרפן אים הערן. דער הימל און די ערד האָבן שוין מער גאַרניט וואָס צו טון נאָר זיך אַנידערשטעלן הערן וואָס דער „דיכטער" משה בן עמרם זינגט, אָבער אַזוי זיינען שוין די משהס און משהלעך פון אַלע צייטן, הימל און ערד דאַרפן זיי אויסהערן, ווייל דאָס אַרויסגעזאָגטע דאַרף בלייבן לדורות, דאַרף איינגעקריצט ווערן אין מירמלשטיין. „איך האָב אַ דיינקמאָל זיך אויפגעשטעלט" זינגט יעדער דיכטער. דער פּויקער־דיכטער וול. מאַיאַקאָווסקי האָט אפילו געמאַכט אַ חנדל, געזאָגט אַז ער איז מוחל די „בראָנזענע הויזן" וואָס מ'וועט אים אָנטון נאָכן טויט, דעם דיינקמאָל וואָס מ'וועט אים שטעלן, ער וויל בעסער גוטע געוואַנטענע הויזן איצט, ווען ער לעבט, לכן, ברידערלעך, צאָלט מיר אַ רובל אַ וואָרט. עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן אַז מאַיאַקאָווסקי האָט זיך געטראַכט: מיט אַ די אַ „בראָנזענע הויזן" האָב איך זיך שוין אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט, די צוויי ווערטער וועלן אַריין אין דער אייביקייט. אפילו דער יידישער דיכטער, וואָס זיין אוידיטאָריע איז אַ פּאָר צענדליק, העכסטנס אַ פּאָר הונדערט מענטשן, אויך ער רעדט צו השמים והארץ:

„אמתן ווי טויערן צעפּראַלטע\
באַוויזן וועגן דורך באַנייטן פערז.\
ביז גרייכן וועט די לעצטע האַנט, די קאַלטע\
קען יידיש אויפרייסן דעם אוניווערז."

דער גוט באַהבנטער פּובליציסט אהרן גלאַנץ ווייסט גאַנץ גוט אַז אויפרייסן דעם אוניווערז, בעסער געזאָגט, אַ קליין שטיקל פונם אוניווערז, קען מען גיכער מיט אוראַניום, פּלוטאָניום אָדער טהאָריום; זיין נאָענט־סטער פריינד א. לעיעלעס, דער דיכטער, מוז אָבער האָבן די איינריידעניש אַז דווקא דער יידישער פערז וועט אויפרייסן טאַקע דעם גאַנצן אוניווערז.

אָט די איינריידעניש איז אפשר אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין שאַפן

פּאָעזיע, קונסט, זי ווייזט זיך אָבער אַרויס פּאַר אַ היפּשער שטערונג אין לעבן פונם דיכטער. ער האָט וואָס צו זאָגן, ער וויל, ער מוז עס זאָגן. „אַ ניקל אין אַ יינגלס קעשענע ברענט ניט אַזוי שטאַרק אויסגעגעבן צו ווערן ווי אַ געדאַנק, אַ געפיל אין דיכטערס קאָפּ". (ר. עמערסאָן) דער דיכטער מוז אַרויסברענגען זיינע געדאַנקען, געפילן. ווי איז אָבער דער דין אַז עס זיינען ניטאָ קיין בעלנים דערויף, אַז די וועלט לויפט ניט אַנטקעגן און שרייט ניט: גיב די תורה! זי וויל ניט, די וועלט? טוט מען וואָס דער רבונו של עולם האָט געטון — כפה עליהם הר כגיגית, מע צווינגט עס אַרויף אויף איר, זי'ט מוזן הערן! ניט נאָר באַפאַלט דער דיכטער איינעם אָדער צוויי מענטשן און פּאָמפּעט אין אים אַריין זיין פּאָעזיע, נאָר ער'ט בדאי גיין צום לאָרד, צום מעצענאַט, היינט צו טאָג — צום פאַרלעגער, אָדער גאָר צום „קאָמיטעטשיק", זיך דערנידעריקן פּאַר אים, אַבי זיין וואָרט זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן פּאַר דער וועלט.

די וועלט איז טאַקע אַ וועלט פון חמורים. וואָס ווייסט די וועלט פון פּאָעזיע? אפילו די חברים פּאָעטן ווייסן אויך זייער ווייניק וואָס פּאָעזיע איז, דער איינציקער פּאָעט איז ע ר! אָבער די וועלט מוז פונדעסטוועגן זאָגן: טוב, זינגען הלל. די וועלט באַשטייט, אייגנטלעך, פון צוויי־דריי קריטיקער. זאָגן אָט די חברה־לייט דעם „טוב", איז די וועלט אַ גוטע וועלט, אַ ט י י ע ר ע וועלט! זאָל אָבער די שעה ניט זיין, אין אַ גוטער שעה ריידן, אין אַ שלעכטער שעה שווייגן, און די חברה־לייט זאָגן: שלעכט, איז די וועלט קיין וועלט ניט. ער'ט אָבער ניט לאָזן, מיר ניט דיר ניט, חרב מאַכן די וועלט, וואָס וועט ער ניט טון די וועלט זאָל ניט חרב ווערן, דער קריטיקער זאָל ניט שרייבן שלעכט? ער'ט חנפענען דעם קריטיקער, אים בדאי אונטערקויפן, אַבי די וועלט זאָל בלייבן וועלט.

דאָס איז ניט ליטעראַרישע רכילות אָדער שרייבערישע לשון הרע. ווער ווייסט עס ניט ווי דיכטער (דאָס נעמט אויך אַריין פּראָזאַיקער) ריידן וועגן קריטיקער, מיט וואָס פּאַר אַ שיינע עפּיטעטן מ'איז זיי מכבד — ליטעראַרישע סריסים, פּאַראַזיטן, — און ווער ווייסט עס ניט ווי די שרייבער קריכן אונטער די נעגל דעם קריטיקער ער זאָל זאָגן אַ גוט וואָרט? און דאָס טוען ניט נאָר די פלאָטקעלעך, נאָר אויך די קאַרפּן קעפּ. פרעגט זיך: פון וואַנען אַזאַ שטאָלץ, אַזאַ איבערטריבענע גאוה און אין דער זעלבער צייט אַזאַ הכנעה, אַזאַ שיפלות?

די איינריידעניש אַז אני ואפסי עוד — איך איינער און ווייטער קיינער, איז טאַקע ניט מער ווי אַן איינריידעניש, אָבער אַן איינריידעניש

וואָס מ׳קען זי ניט „אַרויסריידן״, פּטור ווערן פון איר אַזוי גרינג, זי איז דאָ, אָבער זי איז ניט מער ווי איין עק פונם שטעקן. דער צווייטער עק איז פּונקט דער היפּוך פונם ערשטן, דאָס איז דער הנני העני — איך דער אָרימאַן, וואָס צווייפלט זייער שטאַרק אין זיין גרויסקייט, גלויבט ניט אין זיך, און דער דיכטער, אַ צעריסענער צווישן די צוויי קרעפטן, שטריינגט אָן אַלע מיטלען צו געווינען אָט די זעלבסט זיכערקייט.

שרייבט שאַרל באָדלעיר:

„איינס ביינאַכט. אומצופרידן מיט זיך און מיט יעדן איינעם, וואָלט איך געוואָלט קריגן אַ תיקון, דערפילן אַ ביסל שטאָלץ אין דער שטילקייט און דער איינזאַמקייט פון דער נאַכט. און דו, גאָט מיין גאָט, שיינק מיר דעם חסד אָנצושרייבן אַ פּאָר שיינע פּערזן, וואָס זאָלן מיר באַווייזן אַז איך בין ניט דער נידעריקסטער צווישן מענטשן, אַז איך שטיי ניט נידעריקער פון די וועמען איך פאַראַכט״.

ער פאַראַכט טאַקע די מענטשן, אָבער ער האָט מורא טאָמער איז ער נאָך נידעריקער פון זיי, די פּאָר שיינע פּערזן וועלן אים ראַטעווען, אָבער אָנשרייבן די פּערזן איז ניט גענוג, די זעלבע מענטשן וואָס ער פאַראַכט דאַרפן לייענען די פּערזן און זאָגן:

גוט! מהאי טעמא האָט דער דיכטער באָדלעיר געחנפעט דעם קריטיקער סט. בעוו.

דער דיכטער — אַ מענטש מיט אַ קאָראָמיסלע אויף דער פּלייצע, פון איין זייט איבערטריבענע אייגנליבע וואָס פירט צו גאוה, פון דער צווייטער זייט שיפלות וואָס פירט צו הכנעה, דערנידערונג.ביידע שווערע עמער, מוז דער מיטן זיין אויסגעבעט מיט אַ קאָמפּלימענטן קישעלע — הערן וואָס מער גוטס וועגן זיך. דאָס פאַרזיכערט זיין גרויסקייט, באַוואָרנט אים קעגן געפאַלנקייט. דאָס קאָמפּלימענטן קישעלע איז קיינמאָל ניט צו גרויס, אַ פּעריגע אַ גאַנצע קען ער פאַרטראָגן, און עס מאַכט ניט אויס צי די פּעריגע איז אָנגעפילט מיט ריינעם פּוך, קלאָרן לויב געזאַנג, אָדער אפילו אָנגעשטאָפּט מיט קלאָטשע, פּשוטער חניפה. דעם דורשט נאָך באַוואונדערונג איז ממש ניט צו שטילן, וואָס מער מ׳טרינקט אַלץ דורשטיקער, גאַנץ אָפט דערגייט עס אַזש ביז פאַרשטעלטן אָדער אפילו אָפענעם עקזיביציאָניזם, ער׳ט זיך אָנטון אַנדערש ווי אַלע אַנדערע, ער׳ט זיך לאָזן וואַקסן לאַנגע האָר און אויף ביינאַכט זיי איינשפּיליען מיט האָרנאָדלען זיי זאָלן זיין געלאָקט (בייראָן), אָדער ער׳ט זיי אָפּפאַרבן אויף גרין (באָדלעיר), אַבי מ׳זאָל אים זען, בדאי אַרויסרופן געלעכטער, אַבי געזען

ווערן, און געזען ווערן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע, ער — אַנטקעגן דער וועלט.

דער דיכטער איז צעקריגט מיט דער וועלט ניט נאָר אין הלכות הליכה, נאָר אויך אין הלכות נשים. זיי, די פּיליסטער, די קליינבירגער, לעבן זיך אויס זייער לעבן מיט איין ווייב, ווייל אַזוי איז דער מנהג, אַזוי פירט זיך די וועלט, ער פייפט אויף דער וועלט, ער איז אַ דיכטער מיט אַ דיכטערישן הכשר — „ליצענציאַ פּאָעטאַ״ — צו זיין אַ דאָן זשואַן, דער גרויסער ליבהאָבער. וועגן יעדער געליבטער שרייבט ער אַן אַנדער ליד און אַ ליד וועגן איין געליבטער ברייבגט נאָך צוויי צו זיין שויס. קינסטלערישער טעמפּעראַמענט!

איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ קינסטלערישן טעמפּעראַמענט עס פאַרמאָגט איבן סאַוד פון סאַודי אַראַביע, איך ווייס יאָ, אַז ער האָט אין זיין לעבן געהאַט מער „געליבטע״ ווי וועלכער עס איז דיכטער, און זיינע ליבעס . . . זיינען אפשר ניט געווען אַזוי פּרוכטבאַר ארויסצוברייגגען אַ סך לידער, זיי האָבן אָבער זיכער געבראַכט מער „ליבלינגע״ — קינדער אויף דער וועלט.

וואָס איך בין אויסן צו זאָגן איז, אַז דיכטער זיינען ניט די איינציקע וואָס זיינען ניט מקפּיד אויף מאָנאָגאַמיע. ניט נאָר אַ ליאַדע הערשערל פון מזרח, נאָר גאַנץ אַנשטענדיקע בירגער פון מערב קענען זיך פאַר־גלייכן אין הלכות נשים מיטן דיכטער, דעם דאָן זשואַן, מער ניט, דער „אַנשטענדיקער קליינבירגער״ זעט מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַרווישן די שפּורן פון זיינע „זינד״, בעת דער דיכטער פּובליקירט זיי, גלאָריפיצירט זיי. וועלכער דיכטער האָט עס ניט באַזונגען זיין ליבע? די איראָניע דערביי איז, וואָס די בעסטע ליבע פאַר אַ דיכטער, קוואַ דיכטער, איז די . . . אומגליקלעכע, ניט געלונגענע ליבע. ווער ווייסט וואָס דאַנטע וואָלט אָנגעשריבן ווען ער זאָל טאַקע געווען חתונה האָבן מיט זיין בעאַטריטשע פּאָרטינאַרי, אָדער קיעטס מיט זיין פעני בראַון. אַ פּראָזאַישע כתובה אין דער האַנט פון אַ דלילה קען ווערן אַ שאַרפע שער פאַר אַ שמשונס פּאָעטישע לאָקן. ליבידאָ, ליבע און לידער זיינען נאָענטע קרובים, סובלימירטע ליבע קען אַרויסברייגגען גוטע לידער, ציי גוטע לידער רופן אַרויס אַ שטאַרקע ליבידאָ צווייפל איך. איך האָב אַ חשד אַז די מעשה וועגן דיכטער דאָן זשואַנען איז אויך ניט מער ווי . . . ליטע־ראַטור. צוקוקנדיק זיך צו עטלעכע יידישע דיכטער (קיין גויישע קען

איך ניט) איז מיר איינגעפאַלן אַז זיי פּ אַ ב ר י צ י ר ן טעמפּעראַמענט, ווייל, ווער ווייסט, אויב זיי וועלן ניט אַרויסווייזן אַט דעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט וועט מען נאָך צווייפלען אין זייער דיכטערישן טאַלאַנט. אונדזערע יידישע דיכטער פון דעם דור זיינען אין תוך געבליבן פּרושים, וואָס ביי די אַמעריקאַנער רופט זיך עס „פּוריטאַנער", די גאַר גרעסטע טייל זיינען באַווייבטע, און זיי וואָלטן געקענט זייער גוט אויסלעבן זייער דיכטעריש לעבן זייענדיק געטרייע מענער, גוטע טאַטעס צו די קינדער, נאָך בעסערע זיידעס צו די אייניקלעך, זיי זיינען דאָך אָבער דיכטער, מוזן זיי אַרויסווייזן קינסטלערישן טעמפּעראַמענט, שאַרט זיך אַ דיכטער אַ זיידע צו אַ יונג מיידל, און אַ דיכטער וואָס איז ניט געווען ביכולת צו ווערן אַ טאַטע רייסט זיך צו אַ בתולה. מיר דוכט דעריבער אַז אין הלכות נשים איז די רעפּוטאַציע פונם קינסטלער אַ היפּש ביסל איבערטריבן. אין תוך איז ער אין דעם ענין אפילו ניט פרייער פונם געוויינלעכן קליינבירגער. אנו, פּרובירט נאָר זיך פּאַרטשעפּען מיט ז י י ן ווייב! מער ניט, בעת דער קליינבירגער רעכנט זיך מיט דער וועלט, ווייל האַלטן שטאַט, האָט דער דיכטער הנאה פון רייצן זיך מיט דער וועלט. דער שפּאַס דערביי איז וואָס „די וועלט" איז שוין אפילו ניט גערייצט, זי קוקט דערויף מיט אַ שמייכל: קיין אַפּיציעלן הכשר קענען מיר דיר ניט געבן, אויב אָבער דו האָסט אים זיך אַליין גענומען זאָל דיר ווויל באַקומען. אפילו די גטן אין האָליווד — יעדן מאַנטיק און דאָנערשטיק — זיינען שוין מער ניט קיין סענסאַציע.

נאָך איין פּונקט איבער וועלכן דער דיכטער איז צעקריגט מיט דער וועלט איז הלכי ממונות — געלט ענינים.

ביז ניט לאַנג צוריק האָבן מיר געהאַט אַ באַגריף וועגן דיכטער ווי פּאַרחלומטע באַשעפענישן, וואָס ווייסן ניט פון קיין צורת מטבע. היינט קען מען שוין אַזאַ בלבול אויף זיי ניט אויסטראַכטן, אָבער זיי זיינען נאָך אַלץ ווייט פון צו זיין געלט מענטשן, פאַר די מערסטע שרייבער איז דאָס וואָרט נאָך אַלץ וויכטיקער ווי כל הון דעלמא, מהאי טעמא ווערט ער פון דער געלט וועלט באַטראַכט ווי אַ בטלן, אַ טויגעניכטס. וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר בעביטן דאָס שרייבערל, אַז ער קען אפילו ניט פאַרקויפן אַ הויז? אמת, ווען עס קומט צום שרייבן אַ „פּייפּער" איז ער, בעביט, נעבעך אויף צרות, ער שוויצט ווי אַ ביבער, אָבער מיט שוויס קען מען קיין „פּייפּער" ניט אָנשרייבן, ער מוז אָנקומען צום שרייבערל, ביי יענעם גייט עס ווי געשמירט, איז מילא, דעם „פּייפּער" וועט שוין אָנשרייבן דאָס

שרייבערל, אָבער האָבן צו טון מיט אַט די שמירער? דאָס ניט! בעביט און שרייבער זיינען קנאַפּע מחותנים. אָבער . . .

אויך דאָ קומט ער אַריין. דער אָבער, קודם זיינען שוין דאָ אַזעלכע „דערפּאָלגרייכע" שרייבער, וואָס געפינען חן אפילו אין די אויגן פון אַ בעביט. אויב פון שרייבעריי קען מען שוין שרייבן אַ טשעק אויף זעקס ציפערן, מיט וואָס איז עס ערגער פון „ריעל עסטייט"? אפשר גאָר אַ פלאַן זיך אַריבערוואַרפן פון ריעל עסטייט צו שרייבעריי? עס זיינען שוין טאַקע דאָ בחורימלעך און מיידלעך, וואָס נעמען זיך צו דער שרייבערישער פּראָפעסיע, לערנען זיך די מלאכה פון שרייבן מעשות און נאָוועלן, ווייל עס באַצאָלט זיך. פשוט. שוין אפילו געווען אַ חכם אַ פילאָזאָף, מר. וואַטסאָן, וואָס האָט אויסגעפונען אַ מאָס פאַר טאַלאַנט און ליטעראַטור — וויפל עקזעמפּליאַרן פון דעם בוך האָבן זיך פאַרקויפט? וויפל געלט האָט דער שרייבער געקראָגן? וואָס מער געלט אַלץ גרעסער דער שרייבער. ישעיהו בן אמוץ וואָלט ביי אים געווען אַ קנאַפּער שרייבער: מ'שטיינס געזאָגט, וויפל האָנאָראַר ער האָט עס אַריינגעקראָגן! דער בעסערער שרייבער, פאַרשטייט זיך, נעמט די מאָס ניט אָן, געלט איז נאָך וויט פון זיין דער עיקר, עס איז אָבער געוואָרן אַ וויכטיקער טפל. אַזאַ שרייבער ווי ג. ב. שאָו האָט זיך פאַרגונען צו דערציילן אַז ער האָט געליען דער קוילן גרעבער יוניאָן אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר (צי פונטן) אויף צו בויען הייזער און „אויב איר'ט מיך פרעגן פאַר וואָס האָב איך עס געטון? איז דער ענטפער — זעקס פראָצענט". איך בין גענויגט צו גלויבן אַז דאָס מאָל האָט דער „רויטער רמאי" עס געזאָגט ניט לשם דעם שיינעם וואָרט, ער האָט עס נעבעך געמיינט גאַנץ ערנסט. איך האָב ניט געהערט אַז אַזעלכע שרייבער־גבירים ווי טאַקע דער זעלבער ג. ב. שאָו, ה. ג. וועלס, סינקלעיר לואיס, אָדער גאָר אונדזער שלום אַש, זאָלן ביים לעבן האָבן געגעבן אַ גרויסע מטבע אויף עולמות, געבן מיט דער ברייטער האַנט. אפילו דער מיליאָנער־קינסטלער טשאַרלס טשאַפּלין צייכנט זיך ניט אויס מיט געבן „צדקה". דאָס פירט מיך אַרויף אויף דער השערה אַז די מערסטע שרייבער, ווי קינסטלער בכלל, זיינען געבוירענע פידל שפּילער, מיט די פינגער אויף אַריין, צו נעמען געלט, און זייער זעלטן פיאַנאָ שפּילער, די פינגער צעשפּרייט, געבן געלט מיט אַן אָפענער האַנט, סיידן דאָס געלט איז יענעמס, דאַן זיינען זיי פזרנים.

די מערסטע שרייבער זיינען אָבער וויט פון צו זיין גבירים, דער

שרייבער בלייבט נאָך אַלץ אַ וואָרט מענטש און איז גאַנץ אָפט צעקריגט מיט דער געלט וועלט, אָבער זיין צעקריגט מיט דער וועלט צוליב געלט; ברוגז זיין אויף דער וועלט צוליב אתה בחרתני, צוליב אַ ליד, אָדער אַ רעצענזיע; זיין אויף שטעך מעסער מיט דער וועלט צוליב אַ מיידל, איז נאָך ווייט פון צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער: דער דיכטער ווערט אין כעס אויף דער וועלט, גיסט אויף איר אויס זיין גאַנצן צאָרן און, ווי ער דיינקט, קעמפט ער קעגן איר. איז עס גוט אַזוי. פון אַ ניט געלונגענער ליבע קען אַרויסקומען אַ זייער געלונגען ליד, אָדער גאָר אַ טיפע טראַגעדיע; פון אַ פערזענלעכער קריוודע קען אַרויסקומען אַ גוטער סאָציאַלער ראָמאַן, מע טאָר אָבער ניט, אויפן סמך פון אָט די געשאַפענע ווערק, אַריינשרייבן דעם קינסט־לער אין דער סקאַזקע פון פרייהייט קעמפער. דערפאַרענע רעוואָלו־ציאָנערן, פאַרהאַרטעוועטע קעמפער האָבן געוווסט דערפון, אויב זיי האָבן געדאַרפט, האָבן זיי אויסגענוצט דעם קינסטלער בכלל, מער ווי אַלעמען דעם שרייבער, ווי אַ שיינדל, זיך פאַרלאָזן אויף אים — דאָס ניט!

זיינען גאָר ניט געווען קיין שרייבער רעוואָלוציאָנערן, קעמפער? און ווערן דען אַנדערע קעמפער, ניט קיין שרייבער, געבוירן רעוואָ־לוציאָנערן? קומט ניט זייער רעוואָלוציאָנערישקייט ווי אַ רעזולטאַט פון געוויסע פערזענלעכע, פסיכאָלאָגישע, צי גאָר פיזיאָלאָגישע סיבות.

וואָס איז די סיבה, בעסער געזאָגט, די סיבות, וואָס מאַכן אַ מענטשן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער, נעם איך זיך ניט אונטער צו דער־קלערן. איך וועל גערן צוגעבן, אַז צוויי מענטשן, איינער אַ שרייבער, דער צווייטער אַ קוימענקערער, ביי וועמען עס זיינען געווען די זעלבע סיבות צו ווערן רעוואָלוציאָנער, וועט דער שרייבער ווערן פונקט אַזאַ גוטער קעמפער פאַר פרייהייט ווי דער קוימענקערער, סוף כל סוף איז דאָך דער שרייבער אַ מענטש, וואָס איך אַקצענטיר איז, אַז דער שרייבער, קוואַ שרייבער, אויסדערוויילט ווי ער מעג זיך זיין אויפן שרייבערישן געביט, איז ניט דער אויסדערוויילטער קעמפער פאַר מענטשלעכע רעכט, זיין קינסטלערישער טעמפעראַמענט, ווי שטורמיש ער זאָל ניט זיין, איז ניט דוקא דער שטורם, וואָס זאָגט אָן: די רעוואָלוציע קומט. דער פרייער קינסטלער איז גאָר ניט אַזוי פריי, ער איז ניט געווען פריי אין דער פעאָדאַליסטישער, מאָנאַרכיסטישער געזעלשאַפט, ער איז ניט פריי אין דער קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, און מ׳קען פון אים

ניט דערוואַרטן ער זאָל זיין דער קעמפער פאַר פרייהייט אין דער פאַשיסטישער אָדער, אַזוי גערופענער, סאָציאַליסטישער טאָטאַליטאַרער געזעלשאַפט.

אין דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט איז דער שרייבער בלומרשט פריי. ניטאָ מער קיין פּאַטראָן וואָס זאָל אים אויסהאַלטן, ער דאַרף שוין מער ניט זינגען קיין אָדעס פּונזיינעטוועגן, ניטאָ אויך דער שטאַט וועמען ער מוז דינען, ער קען שרייבן וואָס ער וויל, ער איז זיין אייגענער באַלעבאָס, אַליין דער ייד, אַליין דער יאַריד.

איז ער?

אָפיציעל איז דער שרייבער טאַקע פריי, ער קען שרייבן וואָס ער וויל, אָבער וואָס וויל ער? איך וועל איבערחזרן: דער שרייבער לעבט ניט אין דרויסן, אין אַ וואַקואום, ער לעבט אין אַ געוויסער סביבה, אין אַ באַשטימטער צייט, און זעלטן ווען גייט דער שרייבער אַרויס פון זיין גדר.

סינקלעיר לואיס האָט אָנגעשריבן „בעביט", ניט ווייל ער האָט געוואָלט נושא חן זיין ביי זיין קאַפּיטאַליסטישן פאַרלעגער, אויך ניט מיט דער אויסרעכענונג אַז אַזאַ בוך וועט געפעלן ווערן הונדערטער טויזנטער, צי גאָר מיליאָנען, לייענער, און זיי וועלן ווערן . . . אויס „בעביטס". ער האָט אָנגעשריבן „בעביט", ווייל די לופט אין אַמעריקע איז אַ בעביט־לופט, ער האָט זי אַריינגעאָטעמט, נאָך בעסער, ער אַליין איז געווען אַ שטיק בעביט. טהעאָדאָר דרייזער מיט זיינע גראָבבייכיקע ביכער איז געוואָרן פּאָפּולער, באַרימט און אויך רייך, ניט צוליב זיין רעוואָלוציאָנערישקייט, אַז אָך און וויי, נאָר ווייל ער האָט געגעבן אויסדרוק דעם אומגעלומפּערטן אַמעריקאַנעם לעבן, דער „אַמעריקאַנער טראַגעדיע", און ער האָט אויסגעדריקט דאָס וואָס אין אים איז געווען איינגעדריקט, ער האָט איבערגעגעבן דעם אַמעריקאַנעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט אין וועלכן ער האָט געלעבט און האָט זיך אין אים געשפּילט גאַנץ נישקשה. בלויז טפּשים האָבן געקענט נעמען ערנסט דרייזערס קאָמוניזם, דער אַנטיסעמיטישער מיטוואָך איז ביי אים געווען לייכטער ווי דער קאָמוניסטישער דאָנערשטיק. איז דזשאָהן סטיינבעק, מ י ט זיינע „ווייַנטרויבן פון צאָרן" אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער פאַר פרייהייט? איז דאָס דזשאָהן דאָס פּאַסאָס מיט זיין „יו. עס. איי."?

דאָ האָב איך אָנגעגעבן די נעמען פון אַ פּאָר שרייבער, וואָס האָבן

קריטיקירט די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, און ווו זיינען די הונדערטער וואָס גלאָריפיצירן זי?

יאָ, די שרייבער אין אַ קאַפּיטאַליסטישער, דעמאָקראַטישער געזעל־שאַפט זיינען פריי, עס איז אָבער דאָ אַן עבדות בחרות, וואָס די שרייבער פילן אפילו ניט. דער שרייבער היינט איז ניט מער פריי ווי ער איז געווען אין דער פּאַטראָנען צייט. צייטן בייטן זיך, אָבער „וואָס מער עס בייט זיך, אַלץ מער בלייבט עס דאָס זעלבע". עס האָבן זיך געביטן די פּאַטראָנען, אַמאָל איז דאָס געווען אַן אינדיווידועלער מענטש מיט אַן אייגענעם נאָמען, וואָס איז אין דער זעלבער צייט געווען אויך דער פאַרשטייער פון זיין צייט און סביבה, איצט איז עס דער אַנאָנימער דעמאָס, אַזוי צו זאָגן, ער איז אָבער ניט ווינציקער באַלעבאָס ווי יענער פּאַטראָן, דער דיכטער דינט אים אויב אפילו בלא יודעים, און גאַנץ אָפט טאַקע ביודעים. אַ „בעסט סעללער" איז אַ צוקער לעקעכל, וואָס אַ סך שרייבער פּרעטענדירן פיינט צו האָבן — זיי עסן ניט קיין זיסע זאַכן — אַזוי לאַנג ווי זיי קענען עס ניט דערלאַנגען, קריגן זיי עס אַריין, צעקייען זיי עס אויף ביידע באַקן, פּאַסמאַקעווען זיך דערמיט, אָבער זיי זעצן זיך ניט אַוועק שרייבן עפּעס וואָס איז זיי נענטער צום האַרצן, נענטער צו קונסט, ווייל דער „בעסטער סעללער" איז אָפט גאַנץ ווייט פון אַ קונסט ווערק. זאָל ער דאָס טון און דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרלעגער זאָל ניט וועלן אָננעמען זיין סחורה, ווייל אַזאַ סחורה גייט ניט צו גוט, וועט ער זיך ווידער נעמען שרייבן אַ „הייסן טשייניק" — עפּעס וואָס זאָל אַ ברי טון די גרויסע מאַסן. אין די צוואַנציקער, נאָך מער אין די דרייסיקער יאָרן, האָט געבלאָזן אַ ראַזעווע ווינטל פון ראַדיקאַליזם, דער שרייבער האָט זיך געטראָגן מיט דעם ווינטל, און דאָס איז געווען גוט פאַר זיינע . . . לונגען, זיינע ביכער האָבן זיך געלייענט. איצט בלאָזט אַ ווייסער קאַלטער ווינט, ראָזעווע געפאַרבטע ליטעראַטור איז ניט קיין גאַנגבאַרע סחורה, וועט דער ראַדיקאַלער שרייבער בלייבן ביי זיין ראַדיקאַליזם? איך האָב אַ שטאַרקן חשד אַז ער וועט זיך צופּאַסן צום נייעם קלימאַט.

פון וואַנען אַזאַ שוואַרצע נבואה? איז דאָס ניט אַ בלבול? זיינען ניט צען שרייבער פון האָליווּד געגאַנגען זיצן אין תפיסה פאַר זייער לינקיזם? האָבן אַנדערע שרייבער, צענדליקער זינגער, שפּילער, און אַקטיאָרן ניט פאַרלאָרן זייערע שטעלעס צוליב דער זעלבער סיבה?

איך בין ניט באַקאַנט מיטן שרייבן פון די צען שרייבער. זייערע „ווערק" זיינען געווען סצענאַריעס פאַר בילדער און איך גיי אין קינאָ

רעגלמעסיק איין מאָל אין דריי יאָר. איך ווייס יאָ, אַז די שרייבער זיינען געמשפּט געוואָרן ניט פאַר זייערע ראַדיקאַלע געדאַנקען וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט אָדער דורכגעפירט אין זייערע סצענאַריעס. דאָס האָט אפילו דער אָנקלאָגער ניט געוואָגט פאַרצובריינגען. אויך ביים פּאַרטיי־דיקן זיך זיינען די צען שרייבער ניט אַרויסגעקומען און געזאָגט: יאָ, מיר האָבן געפּריידיקט קאָמוניזם אין אונדזערע סצענאַריעס ווייל מיר גלויבן אין דעם און מיר האָבן אַ רעכט צו פּריידיקן אונדזער גלויבן. זיי האָבן יאָ געקעמפט פאַר זייער קאָנסטיטוציאָנעלער רעכט ניט צו זאָגן צי זיינען זיי קאָמוניסטן אָדער ניט. אַזוי די צען, אַזוי צענדליקער אַקטיאָרן, זינגער, שפּילער. די צען זיינען אָפּגעזעסן זייערע קורצע תּפיסה טערמינען, די אַנדערע האָבן פאַרלאָרן זייערע שטעלעס.

זיצן אין תּפיסה, פאַרלירן אַ שטעלע, על פּי רוב אַ גאַנץ גוטע, זאָל עס זיין צוליב דער רעכט ניט צו זאָגן אויב מ׳איז געוועזן אַ קאָמוניסט, אָדער גאָר צוליב ניט וועלן מסרן אַנדערע, איז קעמפערישקייט. די פראַגע איז וואָס איז געוואָרן פון אָט דער קעמפערישקייט נאָך דער תּפיסה און נאָכן פאַרלירן די שטעלע און צי איז אָט די קעמפערישקייט דער סימן מובהק פון אַלע קינסטלער?

אין תּפיסה דערפילט מען ערשט דעם טעם פון פרייהייט, ווערט דאָרטן אויך געשטאַרקט דער ווילן צו קעמפן פאַר דער פרייהייט?

מיר ווייסן אַז נאָך דעם ווי פ. מ. דאָסטאָיעווסקי איז באַפרייט געוואָרן פון קאַטאָרגע האָט ער אָנגעשריבן זיינע „שדים״, ווייט ווייט פון אַ פריי־הייטלעך בוך, און ניט ווייל די קאַטאָרגע האָט אים אויסגעהיילט פון קעמפערישקייט פאַר פרייהייט, נאָר ווייל ער איז גאָר קיינמאָל ניט געוועזן קראַנק אויף דער מחלה. ל. נ. טאָלסטאָי, וואָס איז אין טורמע נ י ט געזעסן, איז יאָ געוועזן אַ קעמפער פאַר פרייהייט, דאָסטאָיעווסקי ניט, ע. זאָלאַ איז געוועזן אַ קעמפער פאַר גערעכטיקייט, ג. פלאָבער ניט. ווי עס האַלט איצט מיט דער קעמפערישקייט פון די צען שרייבער ווייס איך ניט. איך ווייס יאָ, אַז די „שרייבער ברודערשאַפט״ האָט ניט צעבראָכן קיין סך פענעס, אָדער שרייב מאַשינען, שרייבנדיק פּראָטעסטן למאי מ׳האָט די צען אַריינגעזעצט אין תּפיסה; אַז אַ היפּש ביסל פון די שרייבער, זינגער, אַקטיאָרן, קינסטלער פון דער בינע־ראַדיאָ־טעלעוויזיע, האָבן זיך עפנט־לעך געקלאַפּט על חטא און אייניקע זיינען געפאַלן כורעים אַזוי נידעריק אַז זיי האָבן אפילו געמסרט זייערע חברים; אַז די אַלע באַשולדיקטע אין ראַדיקאַליזם זיינען געוועזן ניט מער ווי קערנדלעך פאַרטראָגן פון דעם

ראָזעווען ווינטל אין די דרייסיקער, און איצט אין די פופציקער, ווען עס בלאָזט דער ווייסער, קאַלטער ווינט פון רעאַקציע, ציטערן די אַלע קינסטלער פאַר קעלט. די אָרגאַניזאַציע פון די אַלע טעאַטראַלישע קינסט־לער, אַן אָרגאַניזאַציע פון טויזנטער מענטשן, האָט פאַרמאַכט טיר און פענצטער און אויפגעהאַנגען אַ גרויסע שילד: פאַר מענטשן מיט אַ פרייען געדאַנק איז דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן. אַנטקעגן דעם וואָס מ׳זאָגט קינסטלער זיינען די ערשטע צו קעמפן פאַר פרייהייט.

דעם בעסטן ביישפיל האָבן געגעבן דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

אָנגעשריבן דאָס וואָרט „דייטשלאַנד", האָב איך דערזען די אויסגע־שטרעקטע האַנט, וואָס האָט געוואָרנט: רייד ניט וועגן ז י י! אין מביאין ראיה מהדייטשן. ווי אַ ייד, איז אָט די וואָרנונג־האַנט עלול צו ליימען מיין האַנט, ניט שרייבן וועגן זיי מיט זייערע קינסטלער חוץ דאָס איינע וואָרט ימ״ש — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זייער נאָמען. איך ווייס אָבער אַז חוץ דייטש כלפּי ייד, דייטש־מערדער, ייד־קרבן, איז אויך געווען דייטש כלפּי דייטש. אין דאַכאַו אַליין זיינען אין משך פון היטלער רעזשים אומגעקומען צוויי טויזנט קאַטוילישע גלחים. אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן זיינען אויך געווען פּראָטעסטאַנטישע גלחים און אַ היפּש ביסל „ביבל פאָרשער". אויב איך מאַך קיין טעות זיינען זיי פון דער זעלבער סעקטע, וואָס איז באַקאַנט דאָ אין אַמעריקע מיטן נאָמען „יהוהס עדות", זייער רעליגיע פאַרבאָט זיי שווערן טרייהייט צו ווען עס איז חוץ יהוהן און סאַלוטירן וועלכע עס איז פאָן. פאַר אָט דעם „חטא" האָט מען זיי איינגעזעצט און, לויט אַלע באַריכטן, איז זייער אויפפירונג אין תפיסה געווען אַ מוסטער פון מענטשלעכקייט. די גלויביקע האָבן געקעמפט פאַר זייער גלויבן, און וואָס זייער גלויבן זאָל ניט האָבן געווען, איז זייער קאַמף געווען אַ קאַמף פאַר פרייהייט, דער קאַמף פון יחיד קעגן שטאַט. אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן זיינען אויך געווען צענדליקער טויזנטער דייטשישע קאָמוניסטן, ווען מ׳קען צורעכענען צו די גלויביקע, צי די „אמונה" געפעלט וועמען אָדער ניט.

איצט פרעגט זיך: ווי האָבן זיך אויפגעפירט זייערע וויסנשאַפטלער, זייערע קינסטלער?

אַ היפּש ביסל וויסנשאַפטלער האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין נאָך ערגער פונם פּשוטן, דורכשניטלעכן דייטש. ניט נאָר האָבן זיי געדינט דעם נאַציזם מיט זייער וויסן, נאָר אין נאָמען פון דער . . . וויסנשאַפט זיינען זיי באַגאַנגען די שוידערלעכסטע אכזריותן. געגוג צו דערמאָנען

די דייטשישע דאָקטוירים מיט זייערע עקספּערימענטן איבער לעבעדיקע יידישע מענער, פרויען און קינדער.

אָט די וויסנשאַפטלעכע מערדער זיינען אויפגעקומען ניט פּלוצלונג, אין דער צייט פון מלחמה, ווען היטלער האָט זיך אַרויסגעלאָזט להשמיד ולהרוג, זיי האָבן שוין געהאַט אַ גוטע אַנטיסעמיטישע טראַדיציע . . . וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אפילו אין דעם ריין וויסנשאַפטלעכן צירקל פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן. נאָך אין די פריע דרייסיקער האָבן אַנטיסע־מיטישע וויסנשאַפטלער געפּרוווט פאַרשרייען איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע ווי אַ „יידיש דריידל". דער פיזיקער, נאָבעל פּרייז געווינער און אַנטיסעמיט (עס פּאַרט זיך יאַקאָס) פיליפּ לענאַרד האָט געאַרבעט מעשים, געשריען גוואַלד אַז „די רעלאַטיוויטעט טעאָריע איז באַלשעוויזם אין דער פיזיקע, דאָס איז דער אַזיאַטישער גייסט, וואָס קיין אַריער טאָר ניט נאָכפּאָלגן". פאַרשטייט זיך, עס איז אויך געווען אַ מאַקס פּלאַנק און אַנדערע פיזיקער, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרווען אָט די אַנטיסעמיטישע שטיק, און אפילו די אַנטיסעמיטן האָבן פונדעסטוועגן געלערנט די רעלאַטיוויטעט טעאָריע אין די אוניווערזיטעטן. עס זיינען אויך געווען דייטשישע דאָק־טוירים וואָס האָבן זיך ניט באַטייליקט אין די שוידערלעכסטע אכזריותן קעגן יידן, מיר האָבן ניט געהערט אַז זיי זאָלן האָבן אַרויסגעטראָטן קעגן אָט דעם ווילדן נאַציזם און בלויז געציילטע וויסנשאַפטלער (ניט יידן) זיינען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד. ניין, די דייטשישע וויסנשאַפטלער האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, זיי האָבן זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט די גלויביקע.

און די קינסטלער?

אין דייטשלאַנד האָט דער נאַציזם געשטונקען אַן אַויר איבער צוויי צענדליק יאָר. די יונגע שרייבער, די וואָס זיינען אויסגעוואַקסן, דערצויגן געוואָרן אין דער צייט, אין דער לופט, זיי האָבן דעם געשטאַנק ניט געפילט, פאַר זיי איז אָט דער ריח געווען אַ ריח ניחוח, זיי זיינען אויס־געוואַקסן אין אָט דעם פּאָליטישן קלימאַט און פריי געאָטעמט אין אים. ווי געזאָגט, דער קינסטלער לעבט ניט אין דרויסן . . . געווען אָבער אויך שרייבער פונם עלטערן דור, די וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַ ריינערן קלימאַט, וואָס האָבן ז י י געטון?

געווען אַ עריך מיזאַם, אַ קאַרל אָסיעצקי, אפשר נאָך אַ פּאָר, וואָס זיינען אומגעקומען אין אָדער אויסער דער תפיסה; געווען אַ טהעאָדאָר פּליוויער, בערטאָלד ברעכט, אַ טהאָמאַס מאַן, נאָך אייניקע, וואָס זיינען

אַנטלאָפן אין גלות און פון דאָרטן געקעמפט קעגן היטלעריזם; אַ סך זיינען אַנטלאָפן . . . אין געשיכטלעכע ראָמאַנען, רייזע באַשרייבונגען; געשריבן, הייסט עס, פאַרעווע זאַכן, ניט געשמעקט און ניט געשטונקען; די מערסטע האָבן באַשלאָסן: ענדערן דעם קלימאַט קענען זיי ניט, לכן, צי עס געפעלט זיי אָדער ניט, זיי מוזן „מיטמאַכן", און זיי האָבן מיט־געמאַכט . . . זיי זיינען אפשר ניט געווען קיין נאַציס, זיי זיינען אָבער אויך ניט געווען קיין אַנטי נאַציס. די גאָר אַלטע, ווי אַ ג. האַופּטמאַן, זיי האָבן שוין אפילו ניט געהאַט דעם כּוח צו טראַכטן וועגן טון עפּעס. האַופּטמאַן איז ניט געווען קיין פאַררעטער, אין חלום האָט ער נאָך געזען די וועבער . . . אין שפּיגל האָט ער געזען אַ זקן, און דער זקן איז שוין געווען טויב צו הערן „מיר וועבן אַ פלוך" . . . ער האָט שוין ניט געוואָלט שעלטן אָדער בענטשן, אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט איז, זיין אייגן לעבן זאָל צוגיין נאָרמאַל, אין אָרדענונג. אין דעם הינזיכט איז ער געווען אַ יורש פון אַ פריערדיקן זקן, פון . . . געטהען. אויך יענער אַלטער האָט צווישן אָרדענונג און פרייהייט אויסגעקליבן אָרדענונג. דאָס איז דער סך הכל פון די ד י י ט ש י ש ע שרייבער (ניט צו פאַרמישן מיט די יידישע שרייבער ווי אַ ע. טאָלער, פויכטוואַנגער, ווערפל און אַנדערע, וואָס קענען ניט אַריינגערעכנט ווערן אין דער דייטשישער קאָנטע. זיי האָבן קיין ברירה ניט געהאַט.) פון די אַנדערע קינסטלער, מוזיקער, מאָלער, שוישפּילער, איז דאָך אָפּגערעדט, זיי האָבן זיך אַלע אַרויפגע־כאַפּט אויף דעם נאַצישן וואָגן און געזונגען דאָס נאַצישע לידל.

עד כאן דייטשישע קינסטלער. מיר קומען איצט צו רוסלאַנד.

די רוסישע קינסטלער האָט מען אַ נאָמען געגעבן „קינסטלער אין מונדירן". אַ שלעכטע באַצייכענונג. ווען אַ לאַנד ווערט געפירט אויף אַ מיליטערישן שטייגער — און יעדער טאָטאַליטאַר לאַנד איז אַ מיליטעריש לאַנד, יעדער בירגער איז אַ סאָלדאַט, — ווען יעדער איינער טראָגט אַ מונדיר, אַ מיליטערישן אָדער אַ ציווילן, איז דער מונדיר שוין ניט קיין מונדיר, נאָר אַ געוויינלעכער בגד, און אָט דעם בגד, ניט קען ער אים אויסטון ניט ער וויל אים אפילו אויסטון, ווער וויל עס גיין נאַקעט? ער וואָלט אפשר יאָ געוואָלט אים אויסרייניקן אַ ביסל, אים אויספּרעסן, אָבער דאָ קומט שוין אַריין די סכנה וואָס פאַר אַ קנייטש . . . עס וועט אַרויסקומען.

אָן משלים מיינט עס אָט וואָס: אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, מ'האָט אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיע, איינגעפירט אָן . . . אַר־

בעטער רעגירונג; מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם קאַפּיטאַליזם, איינגעפירט דעם . . . סאָציאַליזם; מ׳האָט אויך געדאַרפט איבערגיין פון אַגריקול־טור צו אינדוסטריע, פאַרוואַנדלען דעם פויער אין אַ פאַבריק אַרבעטער און איינקנעלן מיטן אַרבעטער, אַזוי גוט ווי מיטן פויער, אים אויסלערנען אַז אַרבעט איז ניט נאָר אַ מיטל צו קריגן חיונה פאַר זיך, אָדער גאָר זיך באַרייכערן, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכער חוב, וואָס יעדער איינער דאַרף צאָלן, און צאָלן באהבה, לכל הפחות בסבר פנים יפות. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע איז געקומען דער בירגער קריג. יעדער בירגער קריג איז בלוטיק און שאַרף, ד ע ר איז געווען נאָך שאַרפער, געמוזט אַזוי זיין, ווייל עס איז ניט נאָר געווען אַ פאָליטישער, נאָר אויך אַ סאָציאַלער קריג. יעדער בירגער קריג, אין יעדן לאַנד, ביי יעדער פאָלק, רופט אַרויס אַ גאַנצע ליטעראַטור און ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אויך אין רוסלאַנד איז אין די צוואַנציקער געווען אַ שפע פון אָט דער ליטעראַטור. די אַלע שרייבער וואָס האָבן געשריבן וועגן דעם האָבן ניט געוואַרט אויף קיין באַשטעלונג פון אויבן, דער שרייבער האָט זיך באַטייליקט אין דעם קריג, ווער טאַקע מיט דער ביקס אין האַנט, די מערסטע האָבן אים באַשריבן מיט דער פען און אייניקע ביכער פון יענעם פעריאָד זיינען גאַנץ גוט און אפילו ערלעך אָנגעשריבן.

די פאָליטישע מלחמה האָט זיך געענדיקט, די סאָציאַלע גייט נאָך אָן עד היום. יעדער איינער, פונם פויער ביזן פּאָעט, פונם קאָוואַל ביזן קאָמפּאָזיטאָר, איז מאָביליזירט, און אַן אַרמיי מוז האָבן דיסציפּלין. קען דער פרייער קינסטלער, דער שרייבער, פאַרטראָגן דיסציפּלין? איז דיסציפּלין ניט דער היפּוך פון פרייהייט?

לאו דוקא. דיסציפּלין קען זיין דער היפּוך פון הפקרות. די אידייע פון בויען אַ נייע געזעלשאַפט, שאַפן אַ לעבנסשטייגער וואָס איז באַזירט ניט אויף געלט, פּריוואַטן געווינס, נאָר אויף אַרבעט לטובת זיך און דער געזעלשאַפט, קען פאַרכאַפּן יעדן שרייבער, ער זאָל זאָגן זיך אַליין: אָט דער אידייע בין איך גרייט צו דינען בכל לבבי ובכל נפשי. אָן קיינע דירעקטיוון פון אויבן, אָן קיינע באַפעלן פון ליטעראַרישע גענעראַלן וואָלט דער רוסישער שרייבער געשריבן וועגן אָט דער טראַנספאָרמאַציע, געמאָלן אָט דעם איבערגאַנג, ווייל דאָס איז דאָס לעבן אַרום אים. וואָלט מען אָט דעם שרייבער געזאָגט אַז ער איז אַ ליטעראַרישער סאָלדאַט, אַז ער דינט דעם שטאַט, וואָלט ער זיך אויסגעלאַכט: ע ר דינט דעם שטאַט? ער שרייבט וואָס ער ו ו י ל, אָבער טאַקע דאָס וויל ער שרייבן. ער

איז דיסציפּלינירט, פּאָלגט אויס באַפעלן? אודאי האָט ער אַ דיסציפּלין, זעלבסט־דיסציפּלין! ער איז ניט קיין הפקר מענטש, ער׳ט ניט שרייבן עפּעס סתם אין דער וועלט אַריין, ווייל „אַזוי וויל מיין לינקער פוס״, ער שרייבט וואָס זיין געוויסן הייסט אים, ווי זיין קינסטלערישער אמת דיקטירט אים. ער איז ניט פריי? בעסער זיין פאַרשקלאַפט צו איין גרויסער אידייע און זיין פריי זי אויסדריקן אין וועלכער פאָרם עס לאָזט זיך, איידער זיין פריי פון וועלכער עס איז אידייע און זיין פאַרשקלאַפט צו אַ געוויסער פאָרם. דער קינסטלער ווינט ניט אין קיין עלפאַנט־ביין טורעם און לעבט ניט אין דרויסן, ער האָט אַ היים, מיט אַ היימישן קלימאַט.

דער רוסישער שרייבער וואָלט גאַנץ גוט געדייעט אין זיין היימישן קלימאַט . . . ווען אָט דער קלימאַט וואָלט ניט געווען אַזאַ שטיקנדיקער; ער וואָלט גאַנץ גוט אויסגעקומען אפילו מיט דער דיסציפּלין, ווען אָט די דיסציפּלין וואָלט ניט געווען געפּאָרט מיט דעספּאָטיזם פון אַ גענעראַל אָדער גאָר אַ פעלדפעבל, ווען עס גייט ניט אָן אַזוי שטאַרק צו האָבן אַ גוטע אַרמיי פון באַוווסטזיניקע, געטרייע סאָלדאַטן, נאָר דער עיקר וואָס גייט אים אָן איז, צי די קנעפּלעך אויפן סאָלדאַטס מונדיר זיינען גוט אָפּגעפּוצט; צי זיינע שיך האָבן דעם ריכטיקן גלאַנץ און צי ענטפערט ער דעם „ראַד סטאַראַטסיאַ״ (צופרידן צו דינען) אויף דער מינוט, אויטאָמאַטיש.

מיר ווייסן פון שרייבער, וואָס מ׳האָט „שטיל געמאַכט״, זיי זיינען פאַרשוואונדן (איך רייד ניט דוקא פון די יידישע שרייבער), מ׳קען אָבער מיט זיכערקייט זאָגן אַז דאָס איז ניט געקומען אויף זיי ווי אַ שטראָף דערפאַר וואָס זיי זיינען אַרויס לתרבות רעה, זיי האָבן בכיוון געשריבן קעגן דעם רעזשים. די מערסטע שרייבער וואָס זיינען לכתחילה געווען קעגן דער רעוואָלוציע זיינען אַנטלאָפן באַצייטנס קיין אויסלאַנד. אויב דער רוסישער שרייבער פון נאָך דער רעוואָלוציע האָט געזינדיקט מיט עפּעס, איז עס מיט די ניט ריכטיק אויסגעפּוצטע קנעפּלעך אין וועלכע אַ גענעראַל זשדאַנאָוו, אָדער גאָר אַ גענעראַליסימאָ סטאַלין, איז געווען פאַרקאָכט, אָדער, אין ניט אָריענטירן זיך אַזוי גיך ווען עפּעס אַ ליטעראַרישער פעלדפעבל האָט געקאָמאַנדעוועט: רעכטס! לינקס! און ווען אָט דער פעלדפעבל האָט אַ ריטשע געטון: „ביעגאָם״! (געלאָפן!) איז דער שרייבער ניט געלאָפן אַזוי גלייך אויף דער זיגזאַגישער ליניע. די קנעפּלעך, דער שוואַקס, נעכטן האָט עס געהייסן: פּראָלעטאַרישע קולטור, היינט: סטאַכאַנאָוויזם, מאָרגן וועט עס הייסן סאָציאַליסטישער

רעאַליזם, איבערמאָרגן . . . ? עס ווענדט זיך אָן דעם גענעראַל אָדער פעלדפעבל.

קעמפט דער רוסישער שרייבער קעגן אָט דעם ווילקירלעכן דעספּאָ־טיזם, קעגן די אַלע ליטעראַרישע גענעראַלן און פעלדפעבלס?

די גרויסע אידייע איז באַגראָבן. אויף איר קבר איז אָנגעהויפּט אַ באַרג מיט מענטשלעכע קערפּערס, אויפן באַרג שטייט דער טראָן פון מאַכטגיריקייט, אויפן טראָן זיצט דער דיקטאַטאָר. פון דעם קבר גרייכט נאָך דעם שרייבער אַ שוואַכער אָפּקלאַנג: יעדן לויט זיינע באַדערפעניש, פון יעדן לויט זיינע מעגלעכקייטן, און דער שרייבער דערזעט, די באַ־דערפענישן זיינען, קיין עין הרע, נישקשהדיק געוואַקסן: אַ היים אין שטאָט, אַ זומער היים אויפן דאָרף, גוט עסן, פיינע מלבושים, דאָס אַלץ קומט פון דאָרטן, פון טראָן . . . וואָס איז שייך מעגלעכקייטן, אַלץ וואָס ער קען טון איז בוקן זיך צו אים דאָרט אויפן טראָן, יענער זאָל ניט באַמערקן די קנעפּלעך, פאַלן כורעים וועט יענער ניט זען דעם קנייטש, ניט אָפּמעסטן אים צי הארמאָנירט ער מיט דער ליניע. דערפאַר טאַקע האָבן מיר געהערט פון זייער אַ סך שרייבער וואָס האָבן עפנטלעך זיך געשלאָגן על חטא, מיר האָבן ניט געהערט פון קיין איין שרייבער וואָס זאָל האָבן אויף אַ אומלעגאַלן אופן אַרויסגעלאָזט אַ „איך קען ניט שווייגן", אָדער אַ „איך באַשולדיק". מיר ווייסן פון ליטעראַרישע גענעראַלן וואָס זיינען אַוועק אין דימיסיע . . . אָבער ניט דערפאַר ווייל די ליטעראַרישע סאָלדאַטן האָבן רעוואָלטירט קעגן זיי.

פון אייגענע מענטשן, וואָס זיינען נענטער צו אונדז, קען מען דער־מאָנען: גענעראַל משה ליטוואַקאָוו אָדער גאָר דער פעלדפעבל חיים גילדין איז ניט אַוועק אין דימיסיע ווייל דער סאָלדאַט דוד בערגעלסאָן האָט רעוואָלטירט. אדרבה, דער פיינער קינסטלער דוד בערגעלסאָן האָט זיך דערנידעריקט פאַרן גראַפאָמאַן חיים גילדין בעת יענער איז געזעסן אין זאָטל און זיך געשלאָגן על חטא פאַר חטאים וואָס ער איז נ י ט באַגאַנגען. אין זיינע פריערדיקע קינסטלערישע ביכער איז ניט געווען קיין שמץ פון אפיקורסות און אין זיינע שפּעטערדיקע ביכער, אין זיין „פענעק", האָט ער בכיוון געפאַלשעוועט, במזיד געזינדיקט קעגן זיך, קעגן זיין קינסטלערישן אמת, אַבי נושא חן זיין ביי „יוסף הצדיק". אויב מ'האָט אים אומגעבראַכט איז עס זיכער ניט דערפאַר וואָס ער האָט חוטא בעגל געווען, מ'האָט אים ליקווידירט ניט געקוקט דערויף וואָס ער האָט בדאי גע־זינדיקט קעגן זיין קונסט אַבי ניט צו זינדיקן קעגן דעם רעזשים, ער האָט

זיך דערנידעריקט פֿאַר אַ ליאַדע קנעפּל, אַבי מ׳זאָל חלילה ניט בודק זיין זיינע קנעפּלעך צי גלאַנצן זיי מיטן ריכטיקן גלאַנץ.

זאָל עס קלאָר פֿאַרשטאַנען ווערן, איך משפּט ניט בערגעלסאָנען, קיינעם ניט. נאָך מער, איך בין כּלל ניט זיכער צי רב ש. מיללער, ווען ער וואָלט געלעבט און געשריבן אין רוסלאַנד, וואָלט געהאַנדלט „העלדי־שער״, קעמפערישער ווי דוד בערגעלסאָן אָדער אַנדערע יידישע צי ניט יידישע שרייבער. שרייבער זיינען מ ע נ ט ש ן, און ניט א ל ע מענטשן קענען אַלע מאָל קעמפן. עס דאַרף אָבער פֿאַרצייכנט ווערן אַז דער פּויער, ווען ער האָט אויסגעקוילעט זיינע בהמות כּדי זיי זאָלן ניט אַריינפֿאַלן צום שטאַט, וויסנדיק אַז די רעגירונג וועט אים דערפֿאַר ניט אַ גלעט טון איבער דער טשופּרינע, האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד, מער קעמפערישקייט ווי דער פּאָעט, דער שיין־שרייבער. דער לעצטער האָט אפילו ניט געוואַגט אָוועקלייגן די פּען און זאָגן: איך שרייב ניט. ער האָט געשריבן ביז מ׳האָט אַרויסגענומען די פּען פֿון זיין האַנט. דאָס זעלבע מיט אַלע אַנדערע קינסטלער. שאָסטאַקאָוויטש, נאָך אַ פּאָר מוזיקער, האָבן זיך געשלאָגן על חטא, די איבעריקע האָבן אפילו דאָס ניט געדאַרפֿט טון, זיי זינגען דאָס סאָוועטישע לידל און קיין אַנטענע וועט ניט אויפֿכאַפּן ביי זיי קיין טריפֿהנעם הינטערטאָן.

און דער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט?

נו יאָ, שלום אַש האָט געקלאַפּט אין טיש פֿאַרן גענעראַל משה ליטוואַקאָוו און טעמפּעראַמענטפֿול אויסגעשריען: איך פּ אַ ף אויף אייך! האָט ער טאַקע אַרויסגעוויזן זיין קינסטלערישן טעמפּעראַמענט, מער ניט, צו אָט דעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט האָט ער אויך געהאַט אַ געוויינלעכן, בירגערלעכן אַמעריקאַנעם פּאַספּאָרט און אַ שטעלע אין אַמעריקאַנעם „פֿאָרווערטס״. ער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען צו פּייפֿן. דער פּייף איז אָבער ניט געווען קיין רוף פֿון אַ יחיד קעמפער קעגן דיק־טאַטור, נאָר אַן אויפֿברויז פֿון דעם אתה בחרתני א י ד, אַן אויפֿברויז וואָס לייגט זיך באַלד איין. דער זעלבער שלום אַש איז נאָכדעם געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער „פֿרייהייט״, ניט ווייל ער האָט דערזען דאָס „קאָמוניסטישע ליכט״, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין קרעמלין, אַ ליכט האָט ער גאָר דערזען אין נצרת אָדער אין בית לחם . . . אָט דאָס ליכטל האָט ער געוואָלט אַריינשטעלן אין אַ פֿענצטער פֿון „פֿאָרווערטס״. ווען אַב. קאַהאַן האָט אים געזאָגט אַז פֿאַר חנוכּה ליכטלעך וועט מען ניט אויסשלאָגן די פֿענצטער אין „פֿאָרווערטס״, פֿאַר די קריסטמוס ליכטלעך

יאָ, דערפֿאַר וועט ער ניט לאָזן אָנצינדן די ליכטלעך, האָט אַש זיך גענומען די „פֿרייהייט" . . . אַוועקצוגיין פֿון „פֿאָרווערטס". ווען אין אַמעריקע האָט אָנגעהייבן בלאָזן דער קאַלטער ווינט איז אים געוואָרן צו הייס אין דער „פֿרייהייט" און ער האָט מוחל געווען אויף זיין קינסטלערישער פֿרייהייט . . . און שלום אַש איז אַ גרויסער קינסטלער!

האָבן די רוסישע וויסנשאַפֿטלער געקעמפֿט, קעמפֿן זיי פֿאַר זייער פֿרייהייט, פֿאַר זייערע אמתן? שווער צו זאָגן. ווער ווייסט וויפֿל וויסנ־שאַפֿטלער זיינען „ליקווידירט" געוואָרן דערפֿאַר וואָס זיי האָבן זיך איינגעשטעלט און ג ע מ אָ נ ט דעם וויסנשאַפֿטלעכן אמת? מיר ווייסן גראַדע אַז ווען עס איז דאָרטן אָנגעגאַנגען די שקלא וטריא צווישן דער ליסענקאָ־מיטשורין גענעטישער טעאָריע און דער טעאָריע פֿון גרעגאָר מענדעל, האָבן די אָנהייגער פֿון דער מענדעל טעאָריע געבויגן די קעפּ פֿאַר ליסענקאָן ווייל הינטער אים איז געשטאַנען די מאַכט. די ליסענקאָ־מיטשורין טעאָריע איז פֿונדעסטוועגן דורכגעפֿאַלן, ניט דוקא ווייל זשדאַנאָוו אָדער סטאַלין איז געשטאָרבן, נאָר דערפֿאַר וואָס די אַגריקולטורעלע סטאַנציע, די לאַבאָראַטאָריע לעבט, און ז י זאָגט אַז גערעכט איז גרעגאָר מענדעל. איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע האָט אויך ניט געהאַט קיין צו גוטע מערכה אין רוסלאַנד, און טאַקע ווי גראַמט זיך עס רעלאַטיוויטעט מיט טאָטאַליטאַריטעט? אַבסאָליוטע הערשאַפֿט פֿאָדערט אַבסאָליוטן רוים און צייט. האָט טאַקע אין 1928 געשריבן איינער א. מאַקסימאָוו: די באַקאַנטמאַכונג פֿון איינשטיינס אַלגעמיינער רעלאַטיוויטעט טעאָריע איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט גוואַלדיקער צופֿרידנקייט פֿון די בורזשואַזע אינטעלעקטואַלן. דער א. מאַקסימאָוו האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פֿון דעם „מאַטעריאַליסט" (און אַנטיסעמיט) פֿיליפּ לענאַרד און איז געווען קעגן דעם „אידעאַליסט" איינשטיין. דער רוסישער אַסטראָנאָם האָט אָבער געליטן וועגן ליקוי חמה, וואָס האָט באַשטעטיקט איינשטיינס טעאָריע, און די באַווייזן פֿון די „בורזשואַזע אַסטראָנאָמען" זיינען פֿאַר אים געווען וויכטיקער ווי די רייד פֿון די פּאַרטיי גענעראַלן; די פֿיזיקער האָבן אויך געליטן מאַקסימאָוון, אָבער אין דער לאַבאָראַטאָריע האָבן זיי געאַרבעט מיט איינשטיינס פֿאָרמולעס, נישקשה, דער „דיאַלמאַט" וועט שוין געפֿינען אַ וועג. און דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם האָט זיך טאַקע גאַנץ פֿיין ספּראַוועט מיט דעם ענין. אין 1939 האָט שוין דער פֿיזיקער סערגעי וואַווילאָוו געשריבן: „איינשטיינס טעאָריע וועגן רוים־צייט איז אַ קריטיק פֿון דער מעטאַפֿיזישער קאָנצעפּציע וועגן רוים און

צייט. רוים־צייט איז פֿאַרבונדן מיט מאַטעריע גופא, די אידעאַליסטישע קאָנצעפּציע פֿון רוים און צייט ווי אַ קאַטעגאָריע איז אָפּגעווישט״. לעבן זאָל דער דיאַלמאַט! איינשטיינס פֿאָרמולע אי.מ.ס². ($E=mc^2$) די גרונט הנחה לויט וועלכער די אַטאָמישע באַמבע איז געשאַפֿן געוואָרן איז אודאי כשר . . . דער דיקטאַטאָר, ברוינער אָדער רויטער, קען באַפֿעלן און הונדערט טויזנט הענט וועלן זיך אויפֿהייבן און שטימען אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿינף, דער וויסנשאַפֿט מענטש, אַלאַ גאַלילעאָ, וועט עפּנטלעך בייגן דעם קאָפּ, אָבער אין קאַבינעט, אין דער לאַבאָראַטאָריע וועט ער פֿאָרט אַרבעטן אויפֿן סמך פֿון צוויי מאָל צוויי איז פֿיר און פֿאַר זיין אַרבעט, פֿאַר דער ט אַ ט וועט אפֿילו דער אַלמעכטיקער שטאַט זיך מוזן בייגן. כאַראַקטעריסטיש, אפֿילו אין דער טאָטאַליטאַרער רוסלאַנד האָבן די טעכניקער מער פּריווילעגיעס ווי די אַנדערע, זיי מעגן אפֿילו לייענען די טעכנישע ליטעראַטור פֿון די בורזשואַזע לענדער. פֿרויד איז ביז היינט צו טאָג נאָך טריף אין רוסלאַנד, ווייל עס פֿעלט די לאַבאָראַטאָריע, איך וואָלט אָבער ניט איבערראַשט געוואָרן צו הערן אַז אין רוסישע שפּיטאָלן פּרוווט מען היילן ניוראָזיס מיט דער הילף פֿון פּסיכאָאַנאַליז.

די דערגרייכונגען פֿון די וויסנשאַפֿט לייט רופֿן זיך זייער שטאַרק אָפּ אויפֿן געדאַנקען גאַנג פֿון דעם דיינקענדיקן מענטשן און אפֿילו אונטער אַ דיקטאַטור ווערט געשאַפֿן דער גייסטיקער קלימאַט פֿאַר נייע פֿאָר־שונגען, זוכן דעם אמת.

מע וואָלט געקענט דיינקען אַז נאָר פֿאַרן וויסנשאַפֿטלער מוז דער שטאַט זיך בייגן, ווייל ער דאַרף אים נויטיק האָבן, ווייזט זיך אַרויס אַז אויך דעם גלויביקן מוז דער שטאַט נאָכגעבן.

דער רוסישער גלח רעדט נאָך וועגן „יעזוס דעם משיח״ (איסוס כריסטאָס), וועגן דעם „הימלישן צאַר״, (צאַר נעבעסני), און דער „פּראָלע־טאַרישער צאַר״, דער סעקרעטאַר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מוז אַריינלייגן וואָטע אין די אויערן, זיך מאַכן ניט הערנדיק. ניט נאָר דאָס, די רעגירונג מוז נאָך אויסהאַלטן אַ סעמינאַר, וווּ אָט די גלחים זאָלן דערצויגן ווערן. אפֿילו די יידן, וועמעס ליטעראַטור מ׳האָט געקוילעט מיט אַן אַדמיניסטראַטיוון חלף, אפֿילו זיי האָט מען איבערגעלאָזט עטלעכע שולן צום דאַווענען. קענטיק אַז דער אַלטער גאָט יהוה איז נאָך אַלץ שטאַרקער פֿון דעם גאָט אַפּאָלאָ, און די בני ישראל, מיט זייער עצם גיין אין שול אַריין, זאָגן דעם אבינו שבשמים: האָסט אונדז אַמאָל אָנגערופֿן עם קשה עורף, ווייזן מיר דיר אַז מיר זיינען טאַקע עקשנים, נאָר אויף

אַן אַנדער אופן. און ניט נאָר דעם טאַטן אין הימל ווייזן זיי עס, זיי האָבן עס אויך געוויזן דעם „טאַטן פון אַלע פעלקער״ . . . דער שרייבער, אַנדערע קינסטלער פאַרמאָגן ניט אַזאַ כוח, דער שטאַט דאַרף ניט פאַר־מאַכן אַן אויג אָדער אַן אויער, דער קינסטלער דאַרף פאַרמאַכן דאָס מויל אָדער שרייבן וואָס דער שטאַט וויל. און ער שרייבט . . . כאָטש זיין „גרויסע אידייע״ קען ניט געפינען דעם אויסדרוק. ווער קען עס ריידן מיט אַ צונג אין קלעם? עס קען געמאָלט זיין אַז די ליטעראַרישע גענע־ראַלן זאָלן זיך כאַפּן אַז עפּעס איז פויל אין זייער „אַרמיי״, זיי זאָלן אַ טראַכט טון אַז אפשר האָבן זיי געמאַכט אַ טעות (קיין פאַרברעכן באַגייט אַ גענעראַל קיינמאָל) און דעם קינסטלער זאָל געגעבן ווערן מער פרייהייט, אָבער ג ע ג ע ב ן ווערן, פון אויבן, דער קינסטלער וועט זי ניט האָבן אויסגעקעמפט.

דער קינסטלער איז קודם אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, מיט אַ געוויסער מעלה — טאַלאַנט און אַ סך חסרונות, וואָס זיינען גאַנץ אָפט די צווייטע זייט פון דער טאַלאַנט מטבע. ער האָט די מעלה וואָס ער קען זען די וועלט ווי זי איז מיט אַ שאַרפער אויג און ער קען חלומען פון אַ בע־סערער, שענערער וועלט, רעאַליזירן די חלומות קען ער אָבער ניט, ווייל דאָס לעבן ווערט געוועבט פון אַ סך ממשותדיקערע פעדעם ווי חלומות. לאָזט מען אים ניט חלומען אויף דער וואָר, פאַרקערפערן זיינע חלומות אין ביכער, נאָטן, סקולפּטור, מאָלעריי, וועט ער חלומען אין דער שטיל, ער וועט ניט אַרומגיין שרייען „עפּור סי מואווע״, אויך ניט ״אַפּאָלאָ אחד״. אַמאָל קען ער ספּאָנטאַן אויפּבראויזן, אין כעס ווערן, אָבער לא הכעסן המעשׂן, פון דעם קינסטלערישן כעס וועט קיין רעוואָלוציע ניט אויסברעכן, מיט קינסטלערישן טעמפּעראַמענט קען מען ניט קעמפן טאָג איין טאָג אויס דעם האַרטנעקיקן קאַמף פאַר פרייהייט. קאַרל מאַרקס האָט זיך געקענט טרייסטן אַז פון זיינע טשיריקעס, וואָס זיינען אים דערגאַנגען די יאָרן בעתן שרייבן זיין „קאַפּיטאַל״ וועלן די קאַפּיטאַליסטן האָבן צו זינגען און צו זאָגן, און, אין אַ געוויסן זין, איז עס מקוים געוואָרן, פון מאַיאַקאָווסקיס „טשיריקעס״ וועט די קאַפּיטאַליסטן אפילו ניט אָנהייבן בייסן. מיט זיין „וואָלקן אין פּלודערן״ האָט ער זיך אפשר קונה געווען אַ פּאָר „בראָנזענע הויזן״ אין רוסלאַנד; אין וואַשינגטאָן, ווו מ׳ציטערט שטאַרק פאַר „קריכנדיקן סאָציאַליזם״, האָט מען פונדעסטוועגן ניט אַזוי מורא פאַר מאַרקס׳ מערוועריט טעאָריע, וואָס איז דערווייל . . . נאָך ניט באַוויזן געוואָרן אין קיין לאַבאָראַטאָריע, מע קימערט זיך מער

וועגן מאַרקס׳ חסידים, זיין אינטערנאַציאָנאַל, וועגן מאַיאַקאָווסקין אָדער דעמיאַן ביעדני רעדט מען דאָרט זייער ווינציק, ס׳אַ סברא אַז מ׳האָט זיי אפילו ניט געלייענט אין ווייסן הויז.

היוצא לנו מזה — דער קינסטלער קען זיך זיין זייער אַ פיינער זינג־פויגל, ער קען זינגען ניט נאָר זייער זיס, נאָר אפילו גאַנץ ביטער; ער קען אפילו זיין אַ פויגל אַ „שטורם אָנזאָגער״, קיין שטורם ברייִנגער, קיין קעמפער איז ער ניט. און פריי? אַזוי פריי ווי וועלכער עס איז אַנדער מענטש, ניט מער, צווישן די יחידים קעמפער פאַר פרייהייט, רעכט און יושר פאַרנעמט ער ניט דעם ערשטן פלאַץ. ווען עס געפעלט ניט אַזאַ פ ר אָ ז אַ י ש ע ר קינסטלער, ווער עס וויל דוקא אויסחלומען פאַר זיך דעם פ ר י י ע ן קינסטלער, אַ קינסטלער אין דעם אַוואַנגאַרד פון פרייהייט קעמפער, געזונטערהייט, זאָל ער חלומען, נאָר זאָל ער נאָכדעם ניט וויינען: דער קינסטלער האָט אים אָפגענאַרט, האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר אַ שוואַכן בשר ודם. דאָס האָט ער זיך אַליין גענאַרט, און ער האָט עס געטון, ווייל ער האָט ג ע ו ו אָ ל ט זיך נאַרן. קענטיק, אַז ס׳איז שווער צו לעבן אין אַ רעאַלער וועלט . . . אין חלום איז גרינגער.

צו די בעלי חלומות מיין האַרציקע ברכה — זיסע חלומות, נאָר האָט קיין פאַריבל אויף דעם פותר חלום, ער איז אויך אַ מענטש, אַ שטיקל שרייבער דערצו, ער האָט זיך ז י י נ ע חלומות, אפשר טאַקע דערפאַר איז ער אַזוי וואַך צו דעם ענ״ן — פרייע קינסטלער.

בורא פרי העץ

מאַכט אַ שטאָטישער ייִד אַ ברכה אויף אַן עפּל — אַ זויערן, ווייניקן, מעליקן עפּל — ווי איינער האָט ליב, עסט ער דעם עפּל, האָט הנאה, און אים פּאַלט אפילו ניט איין אַ טראַכט צו טון וועגן דעם „עץ", פון וועלכן מ'האָט דעם עפּל אַרונטערגענומען. פרעגט אים בחרם ווי זעט אויס דער עפּל בוים, וואָס פאַר אַ בלעטלעך, בליעכץ ער האָט. דער עיקר איז דאָך דער עפּל!

פאַרזוכט אָבער אַ ייִד אַ ליד, אַ דערציילונג פון אַ שרייבער, וויל ער גלייך וויסן ווער דער שרייבער איז, ווי זעט ער אויס, ווי לעבט ער, ווי פירט ער זיך אויף אין לעבן. ניט נאָר וויל ער וויסן, ער שאַפט זיך אַ באַגריף וועגן זיין אויסזען, זיין לעבן און, אַז גאָט העלפט, ער באַגעגנט אַמאָל דעם שרייבער און יענער שטימט ניט מיט זיין אויסגעטראַכטער געשטאַלט, איז דער ייִד אַנטוישט, דער שרייבער האָט אים אָפּגענאַרט. — ע ר האָט עס אָנגעשריבן . . . ?! — דאָס וואָס ער נאַרט זיך אָפּ איין מאָל און צוויי מאָל שטערט אים ניט פונדעסטוועגן אויספאַנטאַזירן גע־שטאַלטן פון אַנדערע שרייבער, וואָס ער האָט ניט באַגעגנט, און די נייגעריקייט צו וויסן פּרטים וועגן דעם שרייבערס לעבן ווערט ניט געמינערט.

פון וואַנען אָט די נייגעריקייט, אָט די פאַנטאַזיעס, און פאַרוואָס אַזאַ אָפטע אַנטוישונג?

געווען אַ צייט ווען דער ייִד, און ניט נאָר ייִד, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין נייגעריקייט צום שרייבער, צו זיין לעבן. די פּרימיטיווע ליטעראַטור, ווי אַנדערע פּרימיטיווע קונסטן, איז געווען אַנאָנים. ווער ווייסט עס ווער עס האָט געמאָלן די בילדער אין די הייל? ווער ווייסט עס ווער עס האָט געשאַפן די אַלע פאָלקס מעשות, סאַגאַס און לידער? „דאָס פאָלק" האָט געשאַפן. און ניט נאָר די פּרימיטיווע ליטעראַטור איז געווען אַנאָנים. אַזאַ ספר ווי איוב האָט אויך ניט קיין טאַטן . . . איוב איז בלויז אַ משל

— האָבן יידן געפּסקנט, און פּטור. און טאַקע, ווען מען גייט עס אָן צי איז געווען אַ מענטש מיטן נאָמען איוב, אָדער ווער עס האָט אָנגעשריבן אָט דעם וווּנדערבאַרן ספר, דער עיקר איז — דער ספר איוב איז דאָ. מיר'ן ניט גיין זוכן דאָס לאַנד עוץ, נישטערן דאָרט אפשר וועלן מיר געפינען אַ בריוו פון . . . רב איוב, אָדער פונם מחבר פון דעם בוך.

אין די אַלטע צייטן זיינען די גריכן געווען די ערשטע אונטערצו־שרייבן זייערע נעמען אויף זייערע סטאַטועס, געביידעס און שריפטן. אָבער אפילו ביי זיי קען מען וועגן האָמערן זאָגן דאָס זעלבע וואָס וועגן איובן — אינו אלא משל, האָמער איז נאָך אויך געווען אַנאָנימע פאָלקס קונסט. פון מיטלאַלטער זיינען ניט געבליבן צופיל אינדיווידועלע קונסטווערק, באַצייכנט מיטן נאָמען פונם שאַפער, ערשט אין צייט פון רענעסאַנס וואַקסט אויס די אינדיווידועלע קונסט, און עס דערוועקט זיך אויך דער אינטערעס צום קינסטלער. אַזאַ בוך ווי בענווענוטאָ טשעליניס אויטאָ־ביאָגראַפיע ווערט גאַנץ געשמאַק געלייענט.

ביי אונדז יידן איז דער אינטערעס צום מחבר פון אַ בוך געווען אַ גאַנץ קנאַפּער. יאָ, מיר האָבן געוווּסט פון אַ רמב"ם, יהודה הלוי, אבן עזרא, נאָכדעם אָבער האָט מען אין משך פון הונדערטער יאָרן געקענט דעם מחבר לויטן נאָמען פון זיין ספר: דער פני יהושע, דער נחלת צבי. איך געדיינק, אַז ווען איך האָב אָנגעהייבן לערנען חומש מיט רש"י, איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן אַז רש"י איז דער נאָמען פון אַ מענטשן, רש"י איז געווען פּונקט אַזוי ווי חומש, שיר ניט פון באַרג סיני. דעם רבין איז אויך ניט איינגעפאַלן צו דערקלערן זיינע תלמידים אַז רש"י איז געווען אַ מענטש וואָס האָט געשריבן אַ פּירוש אויף חומש. שפּעטער, ווען איך האָב געלערנט גמרא מיט תוספות, זיינען די בעלי התוספות אויך ניט געווען פאַר מיר מענטשן וואָס האָבן געשריבן. תוספות איז תוספות. איך געדיינק יאָ, איך האָב פיינט געהאַט דעם ט"ז און האָב ניט ליב געהאַט דעם ר"ן, אָבער אַז הינטער ט"ז און ר"ן זיינען אַמאָל גע־שטאַנען לעבעדיקע מענטשן, זיך פאָרשטעלן ווי זיי האָבן אויסגעזען, זיך אינטערעסירן מיט זייער לעבן, ווען איז דאָס גאָר איינגעפאַלן?

אַמאָל האָט מען געלערנט, געלייענט און גאָרניט געטראַכט פונם מחבר, היינט קען מען געפינען אַ היפש ביסל יידן, וואָס ל י י ע נ ע ן יידישע ביכער — לאו דוקא, דערפאַר אָבער גייען זיי יאָ ז ע ן דעם שרייבער. אויף דער פּראָווינץ האָט זיך שוין אפילו אויסגעאַרבעט אַ מין שרייבערישער חסיד. קומט צופאָרן זיין רבי — שרייבער, לויפט ער

אים באַגעגענען, איז זיין נושא כלים, גיט אים אפילו אַ פּדיון אויך, קויפט זיינעם אַ ספר און . . . שטעלט אים אַריין אין שאַפע, אָדער לייגט אים אַריין אין . . . גאַראַזש. לייענען? וואָס דאַרף ער לייענען? ער האָט דאָך שוין געזען דעם רבין, גערעדט מיט אים, געהערט זיין תורה שבעל פה, ער מיטן רבין — אַנדערע צוויי. און ער'ט אייך דערציילן מעשות פונם רבין. אַמאָל זיינען די מעשות וואונדיירים, גאַנץ אָפט רכילותלעך, פּי־קאַנטע אַנעקדאָטן, און עס איז שווער צו זאָגן פון וואָס דער חסיד האָט מער הנאה, פון דעם רבינס „גרויסקייט" אָדער פון זיין „קליינקייט", גיכער — פוןביידע.

אָט שטייט מיר פאַר די אויגן דעם שרייבער נ'ס אַ חסיד. עס האָט פּאַסירט אַז אָט דער בחור, דער חסיד, האָט געהאַט אַ חבר, דער חבר האָט געהאַט צוויי שוועסטער, שיינע מיידלעך, די מיידלעך האָבן געקענט דעם שרייבער. וואָס האָט דער בחור שוין ניט געוווסט וועגן דעם שרייבער? ניט נאָר אַז דער שרייבער האָט אַ קוש געטון די אָדער יענע מיידל, נאָר ווי דער שרייבער האָט געשריבן, ווי ער האָט געלעבט, כאָטש ביים שרייבער אין הויז איז ער קיינמאָל ניט געווען, ער און דער שרייבער — קדמא ואזלא, נייך, ער אַליין — אַ „שטיק" שרייבער, כאָטש דער צד השוה צווישן אים און דעם שרייבער איז געווען, וואָס ער האָט אויך געשריבן אַזוי, אַז מ'האָט קוים געקענט איבערלייענען, אַ שוידערלעכע האַנטשריפט. ער איז אפשר נאָך געווען ג ר ע ס ע ר פונם שרייבער: ער האָט געקענט אַנשרייבן דאָס וואָרט נח טאַקע מיט זיבן גרייזן.

אָט דער בחור איז ניט קיין איינצלנער פאַל. יידישע, און ניט יידישע, בחורים און מיידלעך זיינען נייגעריק צו וויסן פּרטים וועגן דעם לעבן פון „זייערע" שרייבער, ווייל דאָס וויזט אַנדערע און גיט זיי גופא די אילוזיע, אַז דערמיט זיינען זיי אויך מיטגלידער פון דער שרייבערישער משפּחה. פרעמדע, די וואָס ווייסן ניט ווי דער און דער שרייבער עסט, טרינקט, מיט וועמען ער שלאָפט, יענע זיינען חוצניים, אויף זיי קוקט מען ווי אויף אַרענדאַרעס וואָס קומען אויף ימים נוראים דאַווענען אין שטאָט, דאָרפס יידן, נעבעך, ז י י זיינען שטאַטישע, באַהבנטע, זיי באַלאַנגען צו דער עליטע, זיי זיינען די סמעטענע פון דער געזעלשאַפט. רעדט אָבער עמיצער מיט יראת הכבוד טאַקע וועגן דעם זעלבן שרייבער, שמייכלט דער „היימישער מענטש": פאַר זיי, די יאַקלס, איז ער אַ גרויסער מענטש, איך, איך האָב דאָך אים געזען נאַקעט . . . און דער חסיד האָט הנאה פונם רבינס „נאַקעטקייט", פרוווט אפילו זיך אויך „אויסטון",

אַז דער רבי מעג, מעג דאָך דער חסיד אודאי׳ און, אויב ער קען זיך ניט אידענטיפיצירן מיטן רבין אין זיינע גרויסקייטן, איז כאָטש אין זיינע קליינקייטן. שיכורן איז אַ מיאוסע מידה, אויב אָבער ווערלעין און פּאָו און נאָך אַנדערע שרייבער האָבן געשיכורט מעג ער אויך שיכורן, ער איז שוין גאָרניט קיין שיכור, ער איז אַ באָהעם! ווייל . . . און דאָ קומט אַ דין „דריידעלע״: אויב עס זיינען טאַקע דאָ גרויסע מענטשן, איז ער נעבעך אַ קליין מענטשעלע, אויב אָבער די גרויסע מענטשן שיכורן, נואפן, טוען נאָך קליינלעכע זאַכן, זיינען זיי דאָך ניט גרעסער פון אים, ער איז ניט קלענער פון זיי, ער איז אַזוי גרויס ווי זיי, ער און ווערלעין — אַנדערע צוויי.

דאָס איז די קליינלעכע זייט פון דער נייגעריקייט. דאָ איז אויך אַ וויכ־טיקערע סיבה. מענטשן חלומען, פאַנטאַזירן אויס אַ שרייבערישע, קינסטלערישע געשטאַלט. דער און דער שרייבער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזאַ און אַזאַ גוט בוך מוז זיין דער שענסטער, בעסטער, פיינסטער מענטש. זען אָט דעם מענטשן איז אפשר אַזאַ הנאה ווי אָנזען די זיו השכינה, נאָר לעבעדיקערהייט. הערן דעם מענטשן ריידן איז ווי פאַרנעמען אַ בת קול, אויב איך קען אים ניט זען, הערן, לאָמיך כאָטש וויסן עפּעס וועגן אים. און דער לייענער זוכט, נישטערט, לייענט ביאָגראַפיעס, אַנעקדאָטן וועגן דעם שרייבער און, ווען ער דערוויסט זיך, חלילה, אַז אָט דער געניאַלער קינסטלער, זיין „גאָט״, וועמען ער האָט אַליין פאַרגעטערט, פירט זיך אויף גאַנץ מענטשלעך, דאָס הייסט, ער טוט אַ היפּש ביסל מיאוסע מעשים, דערפילט ער אַז ער האָט פאַרלוירן זיין גאָט. זיין ראָמאַ־ניסט האָט אַזוי שיין באַשריבן די ליבע, און דאָ דערוויסט ער זיך אַז טאַקע דער זעלבער ראָמאַניסט האָט יעדן טאָג זיך געקריגט מיט דער וויב; דער גרויסער דיכטער וואָס האָט געשריבן אַזעלכע שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע לידער, איז ביים ערשטן שאָס אַנטלאָפן, זיך באַהאַלטן אין אַ לאָך; דער אויפריכטיקער שרייבער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזאַ שטרייגג מאָראַליש בוך, ווייזט זיך אַרויס, איז געווען איינגעטונקען אין זינד. ער דערוויסט זיך אַז די כהנים פון דער קונסט זיינען גאָר געווען, אָדער זיינען, שיכורים, נואפים, גנבים און אפילו גזלנים. שטייט דער מענטש אַ געפּלעפטער: וואָס טוט זיך דאָ? ווי גראַמט זיך עס דיכטער מיט מערדער, שיכרות מיט ליכטיקער וויזיע, אויפריכטיקייט מיט חניפה און שווינדל? איז עס מעגלעך אַז אויף אַ דאָרן־בוים זאָל אויסוואַקסן אַ געשמאַקע פרי?

האָט טאַקע איין ייד, מאַקס נאָרדאַו, געפּסקנט — דער בוים טויג אין ד׳רערד און די פּרי איז ניט געשמאַק. דורכגעשטודירט אַ היפּש ביסל ליטעראַטור פון זיין צייט, באַקענט זיך מיט איינצלהייטן פונם לעבן פון די שרייבער, איז ער געקומען צו דער מסקנא אַז די שרייבער זיינען דעגענערירט און אויך זייערע שריפטן זיינען דעגענערירטע.

בשעתו האָט מאַקס נאָרדאָוס „ענטאַרטונג" געמאַכט אַ רושם, דער עיקר צווישן די שרייבער, פאַרשטייט זיך. געווען אַזינע וואָס האָבן געהאַלטן מיט נאָרדאָון, און די פּ אַ ק ט ן האָבן געקענט איבערצייגן אַז נאָרדאָו איז געווען גערעכט. איצט איז דאָס בוך פאַרגעסן, די „פאַקטן" זיינען געבליבן פאַקטן און די ליטעראַטור איז געבליבן ליטעראַטור, מיט אַ פּאָר גאַנץ פיינע ביכער. ווען עמען וועט עס איצט איינפאַלן אַרויסזאָגן די השערה אַז באשר בכן, ווייל טאָלסטאָי האָט געהאַט אַ שאַרפן חוש הריח, איז ער געווען דעגענערירט און זיין „קריג און פרידן" אָדער „אַננאַ קאַרענינאַ" איז דעגענערירטע ליטעראַטור? און אַז דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַן עפּילעפּטיקער, איז מה בכן? קען דעריבער זיין „ברידער קאַראַמאַזאָוו" ניט זיין קיין געניאַל בוך? אָט איז געווען אַ קראַנקער מענטש, אַ פינצטערלינג, אַ רעאַקציאָנער, אַ שונא ישראל, און אַ גע־ניאַלער קינסטלער. אויף דעם מיאוסן, שטעכיקן קאַקטוס בוים איז אויס־געוואַקסן אַ געשמאַקע קאַקטוס פּרי.

האָבן זיך געפונען אַנדערע חכמים און „באַוויזן" אַז געניאַליטעט גייט גאָר האַנט אין האַנט מיט משוגעת, קראַנקהייט, דאָ אפילו חכמים, וואָס האָבן באַוויזן אַז שווינדזיכט איז אַ שרייבערישע קריינק, והא ראיה, אַזוי פיל שרייבער זיינען געשטאָרבן דערפון. עס האָבן זיך שוין אפילו געפונען שרייבערישע חסידים, וואָס האָבן זיך געקליבן שטאַרבן פון שווינדזיכט, עס איז אַזוי שרייבעריש, אַזוי ראָמאַנטיש . . .

וועגן דער ראָמאַנטישקייט פון אַ שווינדזיכטיקן טויט וואָלטן די חסידים זיך געקענט אַ ביסל דערוויסן אין אַ סאַניטאָריום פאַר שווינד־זיכטיקע, די טעאָרעטיקער אָבער, די וואָס האַלטן אַז דער קינסטלער מוז זיין אַ ביסל „צוגעפוילט", אָט ווי קעז להבדיל, אָן דעם האָט ער ניט דעם ריכטיקן אַראָמאַט . . . זיי וואָלט מען געקענט פרעגן: וואָס טוט מען פאָרט מיט אַזאַ גוי ווי טאָלסטאָי? ער איז דאָך טאַקע געווען געזונט „ווי אַ גוי". פונקט ווי עס איז נאַריש אָנצווענדן דאָס ווערטל „אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן קערפּער", ווייל לויט דער טעאָריע וואָלט דזשאָו לואיס געדאַרפט פאַרמאָגן דעם קרעפטיקסטן גייסט, אַזוי איז אויך פאַלש

צו דיינקען אַז כדי צו זיין אַ שפּינאָזאַ אָדער אַ טשעכאָוו מוז מען פריער זיך באַזארגן מיט אַ ביסל שווינדזיכט.

טאָ וואָס איז דאָס אַזוינס אָט דער טאַלאַנט, שוין אָפּגערעדט פון געניאַליטעט, וואָס הויזט אין דעם שוואַכן אַזוי גוט ווי אין דעם שטאַרקן, אינם מאָראַלישן, אַזוי גוט ווי אין דעם אַ אָדער אוממאָראַלישן? וואָס איז דאָס פאַר אַ פרי, און וואָס איז דאָס פאַר אַ בוים וואָס גיט אַרויס אָט די זעלטענע פרי?

עס פרעגן די דאָקטוירים, פּסיכיאַטאָרן, פּסיכאָלאָגן, און אויך די קונסט דאָקטוירים, די קונסט קריטיקער און היסטאָריקער, און עס פרעגט אויך דער פּשוטער מענטש, דער לייענער, וואָס קען זיך ממש ניט אָריענטירן ווו האַלט ער אין דער וועלט מיט זיין שרייבערישן גאָט אָדער אָפּגאָט.

די גוים זיינען שוין געוווינט צו די צרות: זיי האָבן שוין געהאַט שרייבער שיכורים, נואפים, גנבים און אפילו מערדער, און אויף דער פראַגע: היתכן? האָבן זיי געענטפערט מיט דעם פּראַקטישן, קאָנקרעטן ענטפער — זעט איר דאָך! אפילו אַ גלח, וואָס האָט זיך אויפגעפירט ניט ווי אַ . . . מלאך, האָט די קאַטוילישע קירך ניט געפּסלט, באשר בכן, דער גלח איז ניט מער ווי גאָטס שליח, מוז דער שליח וואָס ברענגט גאָטס ברויט צום מענטשן זיין אַ גוטער בעקער? גענוג אַז ער האָט געזונטע פיס. אויב ער ברענגט גאָטס ווייַן און אויפן וועג פאַרזוכט ער אַ ביסעלע צופיל פון דעם פּשוטן מענטשלעכן וויין, שיכורט אונטער, איז אויך ניט געפערלעך: ניט דער שליח איז וויכטיק, נאָר די שליחות.

יידן קענען זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוווינען צו אַזאַ געדאַנקען גאַנג. וועגן רבנים איז דאָך אָפּגערעדט, האָט דער „פּני יהושע" געקענט זיין אַ צוויי־פּנימדיקער, דער „נחלת צבי" אַ שבתי צביניק (אַ צונאָמען פאַר אַ ליגנער, אַ היפּאָקריט)? און אפילו שרייבער. געוועזן אַ נ. אימבער וואָס האָט ליב געהאַט דאָס פלעשל, אַן אורקע נאַכאַלניק (פאַרבאַראָוויטש), וואָס האָט ניט געהאַלטן פון פּריוואַט אייגנטום? זיינען זיי טאַקע ניט געווען קיין שרייבער. די „התקוה"? יאָ, די „התקוה" זינגט ער, ווייסט ער טאַקע ניט, פאַרשטייט ער ניט ווי אַ . . . אימבער האָט עס געקענט אָנשרייבן די „התקוה". אדרבה, דערקלערט עס מיר.

די פּסיכיאַטאָרן, די ניוראָלאָגן, אָט די דאָקטוירים וואָס גלויבן אין דער „גרויער מאַטעריע" — אין מאַרך, יעדע גייסטיקע טעטיקייט, קונסט אַריינגערעכנט, איז אַ פונקציע פון אָט דעם מאַרך, זוכן, פאַרשטייט זיך, אין דער גרויער מאַטעריע, זיי פאַרלאָזן זיך אויף כלערליי „גראַפן". איך

וועל ניט זיין איבערראַשט אַז עס האָט זיך שוין געפונען אַ שרייבער וואָס האָט מסכים געווען צו זיין אַ ים חזירל פאַר די פּסיכיאַטאָרן־פיזיאָלאָגן. דער שרייבער האָט זיך אַוועקגעזעצט צו זיין שרייב טיש אין אַ עלעקטרישן שטול, צו זיין קאָפּ האָט מען צוגעטשעפּעט אַ סערעבראָ אָדער אַ פּסי־כאָגראַף, וואָס דאַרף רעגיסטרירן די מאַרך כוואַליעס, צו זיין האַרץ האָט מען צוגעשטעלט אַ קאַרדיאָגראַף, אַרום אַרעם אַרומגעבונדן אַ פּנעאומאַ־טיק, און פּרעסטאָ! די וויסנשאַפט לייט האָבן אויסגעפונען אַז בעתן שרייבן זיינען די מאַרך כוואַליעס ניט אַזוי רעגולער ווי ביים ניט שרייבן. אָדער ביי מענטשן וואָס שרייבן ניט, די כוואַליעס לויפן אין אַ שאַרפערן זיג־זאַג, מער שפּיציק, נאָך אַ געניויען אַנאַליז וועט זיך אפשר אַרויסווייזן אַז דער זיג־זאַג פון דעם שרייבער איז ענלעך צום זיג־זאַג פון דעם עפּילעפּטיקער, הגם ניט ג ע נ ו י אַזוי. דער קאַרדיאָגראַף האָט געוויזן אַ שטאַרקערע האַרץ טעטיקייט, דער עיקר ביים באַשרייבן . . . עראָטישע סצענעס. דער פּנעאומאַטיק האָט געוויזן אַ העכערן בלוט דרוק, פאַרקערט ווידער, ביים שרייבן אַ מעלאַנכאָליש ליד איז דער בלוט דרוק געווען נידעריקער, דער פּולס שוואַכער, דער זיג־זאַג ניט אַזוי שאַרף. באַוואָפנט מיט אָט די ידיעות וועלן די וויסנשאַפט לייט גיין ווייטער און זיי׳ן דערגיין ביז די מאַרך צעלן, דאָס הייסט, זיי וועלן אויסגעפינען אַז אָט די און די צעלן זיינען עס די קונסט צעלן. זיי וועלן גיין נאָך ווייטער און אויסגע־פינען וועלכע דריזן שטעלן עס צו נאַרונג צו אָט די צעלן, און די בעמיקער, אַ געזונט אין זייערע פינגער, וועלן באַלד אויסגעפינען ווי אַזוי צו פּראָדוצירן אָט די דריזן פּליסקייט סינטעטיש, אין דער לאַבאָראַטאָריע, און דאַן, קום אַריין, רב גרונם, מיר׳ן דיר געבן דריי אָדער דרייצן קונסט איינשפּריצונגען און דו וועסט אַרויסגיין אַ שעקספּיר. באַהאַנדלונג גאַראַנטירט, אַניט קריגסטו דיין געלט צוריק.

ווי גוט עס איז צו חלומען פון אַ וועלט ווו עס גייען אַרום טויזנטער סינטעטישע שעקספּירן! ביז דאָס וועט פּאַסירן וועט נעמען אַ היפּשע פּאָר יאָר? ווען אַרט עס? מיר האָבן צייט.

נו, איך האָב שטאַרק מורא אַז נאָכדעם ווי עס וועט שוין אויסגעפונען ווערן דער סינטעטישער טאַלאַנטיזם אָדער געניאַליזם וועט עס ניט נעמען לאַנג און די זעלבע וויסנשאַפטלייט וועלן אויסגעפינען אַז זיי האָבן גע־פונען . . . גאָרניט. זיי האָבן טאַקע געפונען די „קונסט צעלן״, מער ניט, אָט די צעלן זיינען דאָ ביי יעדן איינעם מענטשן, ניט נאָר ביים קינסטלער אָדער געני. איינשטיינס מאַרך האָט ניט מער צעלן ווי דער מאַרך פון

דזשאָ לואיס. זיי האָבן אויסגעפונען ווו דער טאַלאַנט „זיצט", אַז מ'קען אויסשניידן אָט דעם „זיץ פּלאַץ" און עס איז אויס טאַלאַנט, מער ניט. אַריינזעצן צעלן, דעם טאַלאַנט אַהין, קענען זיי ניט, און זייער גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג — נאָך אַ וואָרט אין מעדיצינישן ווערטער בוך, סערעבראַמעכאַניקס, אָדער עפּעס ענלעכעס, פּונקט ווי איצט פּלאַפּלען מיר „קאַראָנאַרי טראָמבאָזיס, אַנגינאַ פּעקטאָריס" און . . . מיר פאַלן אַוועק פון דעם אַלטן האַרץ שלאַג, לאַטייניש געשליירט. אַ האַרץ האָט יעדער מענטש, און עס אַרבעט ניט ווינציקער ווונדערלעך ווי דער מאַרך און, אויב מיר'ן אפילו צוגעבן אַז סוף כל סוף וועט מען געפינען אַ מיטל געזונט צו מאַכן אַ שוואַך האַרץ, בין איך אָבער זייער שטאַרק מסופק צי וועט די ווויסנשאַפט אויסגעפינען ווי אַריינצושטעלן אַ האַרץ אין אַ מענטשן וואָס איז האַרצלאָז, אַ מענטשן אַ רשע. איך האָב שטאַרק מורא אַז גוטהאַרציקייט וועט מען דעם מענטשן ניט קענען אַריינשפּריצן אפילו אין פינפטן יאָר־טויזנט לויט דער קריסטלעכער צייט רעכענונג. דאָס זעלבע מכוח טאַלאַנט אָדער געניאַליטעט. „טאַלאַנט איז מער כעמישער קאָמפּאָט ווי מתנה פון גאָט" איז אפשר אַ פיין ווערטל, אָבער ווי אַלע ווערטלעך — אַ שמץ אמת צעפּירט אין אַ קוואָרט אילוזיעס. די סינטעטישע לידער פון דעם סינטעטישן שרייבער לאָקן מיך ניט. הם, הם . . .

ניט פיל בעסער האַלט עס מיט די פּסיכאָלאָגן, די פּסיכאָאַנאַליטיקער. זיי האָבן שוין אויך אויסגעפונען אַז . . . קונסט איז סובלימירטע ליבידאָ. אויך אַ פּאָר פיינע גריכישע ווערטער, וואָס אַז איר האָט דרך ארץ פאַר גריכיש און איר שלינגט זיי אַרונטער בּיט צעקייטערהייט, ווייסט איר שוין אַלץ. האָט איר אָבער געזונטע ציין, איר ווילט זיי דווקא צעקייען און פאַרדייען, דערפילט איר אַ מאָדנע טעמלאָזיקייט אין מויל און, ווען אַרונטערגעשלונגען, בלייבן זיי שטיין אונטערן האַרצן.

סובלימירטע ליבידאָ? אודאי. דאָס איז עס. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, רב פרויד־אַדלער־יונג חסיד, ווי קומט עס, וואָס ביי פיאָדאָר מיכאַילאָוויטש דאָסטאָיעווסקי איז די ליבידאָ סובלימירט געוואָרן אין אַ „ברידער קאַראַמאַזאָוו" און ביי פיאָדאָר איוואַנאָוויטש וואָסטאָטשעווסקי — אויך אַ מענטש מיט ליבידאָ — איז די ליבידאָ סובלימירט געוואָרן אין אַ . . . טרונק בראָנפן? ווי קומט עס וואָס ביי שרה בערנאַרד איז עקזי־ביציאָניזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין . . . שרה בערנאַרד אויף דער בינע און ביי שרה זשיראַרד האָט דער עקזיביציאָניזם געפונען אַן אויסוועג אין אַ רויט קליידל מיט גרינע שפּיצן געטראָגן אינמיטן אַ מיטוואָך?

פון די וויסנשאַפטלעכע און פסעוודאָוויסנשאַפטלעכע אויסגעפינעכצן וועט דער פשוטער לייענער, וואָס וויל זיך דערגרונטעווען צו זיין גאָט־טייוולישן שרייבער זיך ווינציק וואָס דערוויסן. וועט ער עס געפינען ביים קונסט־ליטעראַטור קריטיקער און היסטאָריקער?

זיי, די קונסט טעאָרעטיקער, זוכן אויך דעם בוים אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן די פרי, זיי עקזאַמינירן דעם באָדן אין וועלכן דער בוים איז געוואַקסן, די באַוואַסערונג, באַמיסטיקונג, וויפל זון, ליכט ער האָט געקראָגן, וואַסערע לייז זיינען אים באַפאַלן פון צייט צו צייט און נאָכדעם ווי זיי שטודירן שוין דורך יעדער בריוול וואָס דער און דער שרייבער האָט געשריבן צו זיין ווייב וועגן אַן . . . אייז קאַסטן, זיין יעדער צעטעלע פון דער וועשעריי ווו ער האָט געוואַשן זיין קויטיק גרעט, קומען זיי צום באַשלוס, אַז לויט די אַלע קוואַלן . . . וואָס האָבן געשלאָגן אין אָט דעם ברונעם האָט דאָס וואַסער געמוזט האָבן דעם און דעם טעם, און לויט דעם בוים אויף דעם און דעם באָדן האָט געמוזט אויסוואַקסן די און די פרי.

לייענט דער לייענער, לייענט זיך אַן ווי אַ פויק, ער ווייסט שוין אַלץ, מיט אַמאָל טוט ער זיך אַ כאַפּ: רבונו דעלמא כולא, איך בין דאָך אויך געבוירן געוואָרן, בין אויך געגאַנגען אין חדר, צי אין גימנאַזיע, האָב אויך ליב געהאַט מיידלעך, געשריבן בריוו צו זיי, אפילו „לידער", אין דער וועשעריי האָב איך אויך געגעבן וועש, אָט זיינען אַ פּאָר צעטעלעך און . . . קיין „האַמלעט" קען איך פאָרט ניט אָנשרייבן. היתכן? אַלע „קוואַלן" זיינען דאָ, אָבער זיי קוועלן ניט. זאָל איך אפשר הרגענען אַ מענטשן ווי וויאָן (ווילאָן) און דאַן וועל איך שוין קענען אָנשרייבן „אַ בריוועלע דער מאַמען"? זאָל איך אפשר פאַרגוואַלטיקן אַ מיידעלע און דאָס וועט מיר געבן כוח . . . אָנצושרייבן סטאַווראָגינס טאָג בוך? אַל קאַפּאָנע, אַנדערע בריות האָבן שוין געטון אַזוינע זאַכן, אָבער דאָס זיינען געווען זייערע איינציקע קונסטווערק, קיין אַנדערע איז נאָך זיי ניט געבליבן. זאָל איך אפשר זיין גוט און פרום? אוי, וויפל פרומע יידן איך האָב שוין געזען, אָבער זייערע קונסטווערק זיינען געבליבן פאַרהוילן, ס'אַ סברא זיי האָבן גאָרניט געוווסט אַז ס'איז דאָ אַזאַ וואָרט ווי קונסט. אפנים אַז אָט די אַלע „מעלות" האָבן גאָרניט צו טון מיט טאַלאַנט, געניאַליטעט.

געטראָפן! אָט די אַלע זאַכן האָבן טאַקע גאָרניט צו טון מיט טאַלאַנט אָדער געניאַליטעט. לכן, איז מיין עצה צו דיר, געטרייער לייענער, לייען נ י ט ו ו ע ג ן די טויטע שרייבער, זוך ניט צו באַקענען זיך מיטן

לעבעדיקן שרייבער ווייל דו ווילסט אים בעסער פאַרשטיין, האָב אים ליב פון דערווייטן . . . און וועט דיך דערגרייכן אַ קלאַנג אַז דיין „גאָט״ פירט זיך אויף שוין גאָרניט געטלעך, ווער ניט נתפעל, נאָר זאָג קודם צו זיך אַליין: ווער האָט דיך געבעטן זיך שאַפן אַ גאָט אָדער אַ געטשקע? ניטאָ קיין געטער אויפן הימל, און אויף דער ערד גייען ניט אַרום קיין מלאכים, נאָר מענטשן, און מענטשן זיינען . . . נו, מענטשן . . . מעגן זיי אַפילו זיין שרייבער. אַי, ווי גראַמט זיך עס? קען אַ דאָרן אַרויסגעבן אַ ווײַנשל? איז מיין תירוץ: קוק זיך צו צו די בוימער. שיין און שלאַנק איז דער צעדערבוים, אָבער קיין פרוכט וואַקסט ניט אויף אים. הויך און שטאַרק איז דער דעמב, אָבער אַלץ וואָס וואַקסט אויף אים איז ניסלעך פאַר חזירים. מיאוס און צעדרייט איז דער פייגנבוים, דאָך וואַקסט אויף אים די זיסע פייג. קליין און דין איז דאָס מילגרוים בוימל, מ׳דאַרף עס אַזש אונטערשפּאַרן עס זאָל קענען פאַרטראָגן די פרוכט משא, און ווי פול זיינען די מילגרוימען, ווי זאַפטיק. קנאָכיק, גרויס איז דער פעפער בוים און גיט אַרויס אַזעלכע קליינינקע ביטערע פעפערלעך. פון דער בייכיקער, שטענדיק מעוברתער פּאַלמע קומט אַרויס דער זיסער טייטל און דער ביטערער לולב. זעסטו, דער מאַראַנצן בוים, ער האַרמאָנירט מיט זיין פּרי. דאָס גאָלד, דער אָראַנזש פון דער פּרי בלענדט זיך אַזוי שיין מיטן גרין פון זיין בלעטל, דער מאַראַנץ דאַרף וואַקסן אויף דעם בוימל, דאָס בוימל איז ראוי צו ברענגען דעם מאַראַנץ אויף דער וועלט.

אויך די שרייבערישע בוימער האַרמאָנירן זעלטן מיט זייער פרוכט. אַ זיסע, ליטעראַרישע פייג קען אַמאָל אויסוואַקסן אויף אַ צעדרייטן בוים, אויף אַ ריזיקן, קנאָכיקן בוים קען אַרויסקומען אַ קליין פעפערל, און אַ ביטערס דערצו. דאָס מאַראַנצן בוימל, ווען פרוכט און בוים האַרמאָנירן, שרייבער און זיין ווערק, וואַקסט ניט אין יעדן קלימאַט. איז קוק ניט אויפן בוים. מאַך טאַקע אַ ברכה בורא פּרי העץ: אַז דעם עץ איז ניטאָ קיין פּרי, אָבער שטעל ניט דעם טראָפּ אויפן עץ. עס די פּרי און זאָל דיר ווויל באַקומען.

און דער בוים?

זאָל ער איבערגיין אויף די הענט פון די האַרטיקולטוריסטן, באָטאַניקער, די אַזוי גערופענע וויסנשאַפטלייט, אָדער די ליטעראַטור היסטאָריקער, זיי וועלן אים שוין קאַטאַלאָגירן, דאָס איז זייער אַרבעט. און אַז דו׳סט אַריינקוקן אין אַזאַ קאַטאַלאָג און דו וועסט דערזען דיין „גאָט״

איז אַריינגעשטעלט געוואָרן צווישן די געוויינלעכע מענטשלעכע ברואים, וואַרף ניט אַוועק דעם קאַטאַלאָג מיט כעס, ווייל, ערשטנס, ווער הייסט דיר לייענען קאַטאַלאָגן, און צווייטנס, יאָ, צווייטנס, ווער הייסט דיר זיך מאַכן געטער? דעם מענטשן האָסטו שוין? כאַפּ פריער דעם מענטשן, נאָכדעם, אַז דו וועסט אים שוין האָבן און עס וועט דיר אויספעלן אַ גאָט, טראַכט אים דיר אויס, נאָר איך בעט דיך, ווי גאָט איז דיר ליב, טראַכט אים ניט אויס בצלם האדם, זיי זיינען ניט געראָטן איינער אינם צווייטן, אָבער גאָרניט געראָטן. כאַפּסט וואָס מ׳זאָגט?

קידוש הנפש

(הספד געהאַלטן ביי דער לויה פון לאַמעד שאַפּירא)

כל זמן דער שרייבער לעבט זיינען דאָ לייענער, מעגן זיי זיין געציילטע, וואָס וואַרטן אויף אים: וואָס וועט ער נאָך אָנשרייבן? וועט ער אפשר נאָך אָנשרייבן ד אָ ס בוך? ווייל מעג אַ שרייבער האָבן אָנגעשריבן פופציק־זעכציק ביכער, איז עס, געוויינלעך, איין בוך, וואָס ווערט פאַררעכנט ווי דער עצם פון זיין שרייבן, אפילו דער שרייבער גופא באַטראַכט אָפטמאָל איינס פון זיינע ביכער ווי ד אָ ס בוך.

ל. שאַפּיראָ האָט געשריבן זייער זעלטן, אָבער טאַקע דערפאַר האָבן זיינע געטרייע לייענער געוואַרט: וועט ער נאָך אָנשרייבן, ניט דאָס בוך — דאָס האָט שוין קיינער ניט דערוואַרט, — וועט ער נאָך אָנשרייבן ד י דערציילונג? ער גופא האָט עטלעכע יאָר זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרייבן נאָך אַ דערציילונג, וואָס האָט, לויט זיינע אייגענע רייד, געדאַרפט זיין ד י דערציילונג, זיין מאַגנום אָפּוס. „רחל מבכה על בניה״, דאָס האָט געזאָלט זיין דער נאָמען.

נו, קומט דער טויט, ציט אונטער אַ רויט פּאַסיקל און זאָגט אַזוי אַרום: מער וועט שוין ניט געשריבן ווערן. איר קענט שוין אונטערציען דעם סך הכל.

ציען מיר אונטער דעם סך הכל פון לאַמעד שאַפּיראָס שרייבן זעען מיר אַז פון אַלע זיינע ביכער בלייבט אונדז זיין בוך „די יידישע מלוכה״. מיט אָט דעם בוך איז ער אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ דאַנק דעם בוך איז לוי יהושע שאַפּיראָ (דאָס איז געווען זיין פולער נאָמען) געוואָרן דער באַרימטער שרייבער לאַמעד שאַפּיראָ.

מיט וואָס צייכנט זיך אויס דאָס דאָזיקע בוך?

מיט צוויי זאַכן. קודם די אידייע, דער געדאַנק, וואָס לויפט דורך אין די פּאָגראָם דערציילונגען פון דעם בוך. וואָס איז דער געדאַנק, וואָס שאַפּיראָ האָט אַרויסגעבראַכט? זייער אַן איינפאַכער, אָט ווי אַלע וויכטיקע געדאַנקען, אָבער טאַקע דערפאַר ווערן מיר איבערראַשט: פאַרוואָס האָבן

מיר עס פריער ניט געוווסט? ניין, מיר האָבן עס יאָ געוווסט, נאָר קיינער האָט עס ניט אַרויסגעבראַכט, ערשט ווען שאַפּיראָ איז געקומען האָבן מיר דערהערט, דערזען דעם געדאַנק פון ק י ד ו ש ה נ פ ש.

וואָס קידוש השם איז ווייסן מיר אַלע. מיר יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קידוש השם, שטאַרבן על קידוש השם איז געווען די גרעסטע מדרגה ביי אונדז. מיר האָבן שוין אָבער זיך געלאָזט צופיל הרגענען על קידוש השם, אַזוי פיל, אַז עס האָבן זיך שוין געפונען אייניקע, וואָס האָבן געגומען צווייפלען: איז סתם געהרגעט ווערן טאַקע קידוש השם?

דער ערשטער, וואָס האָט עס געטון איז געווען חיים נחמן ביאַליק. זיין „בעיר ההרגה" (אָדער „משא נמירוב"), גלייך נאָכן קישעניעווער פּאָגראָם, איז געווען אַן אויסגעשריי פון אַ צעווייטיקט האַרץ, און געווייטיקט האָט ער אי דערפאַר וואָס מ'האָט אונדז פּאָגראָמירט און נאָך מער דערפאַר, וואָס מיר האָבן ז י ך ג ע ל אָ ז ט פּאָגראָמירן. ער האָט אונדז געשמיסן מיט פייערדיקע בייטשן און מיר האָבן די שמיץ אָנגענומען מיט געבויגענע קעפּ.

נאָך ביאַליקן איז געקומען לאַמעד שאַפּיראָ. אין זיינע דערציילונגען, וואָס זיינען געקומען נאָך די פּאָגראָמען פון 1905—1907 און שפּעטער אין 1918—1920, אין צייט פון בירגער קריג אין רוסלאַנד, האָט ער אונדז ניט געשטראָפט ווי ביאַליק, בלויז אין איין דערציילונג „די יידישע מלוכה" איז דאָ אַ ביסל „מוסר", וואָס דערמאָנט זייער שטאַרק אין ביאַליקס רייד, אָבער אפילו דאָרט זיינען ניט די רייד דער עיקר, נאָר די בילדער וואָס ער האָט פאַר אונדז געמאָלן, בילדער וואָס ווייזן אונדז וואָס עס מיינט ניט קידוש השם, נאָר קידוש הנפש.

בילדלעך גענומען, וואָס מיינט קידוש השם? לאָמיר זאָגן, גויים צווינגען אַ יידן ער זאָל בפני כל עם ועדה זיך בוקן צום צלם, אים קושן. לויטן יידישן דין דאַרף אַ ייד בדאי זיך לאָזן הרגענען אַבי ניט מחלל שם זיין. הרגעט מען אים דערפאַר, איז דער ייד באַגאַנגען אַן אַקט פון קידוש השם.

איצט לאָמיר נעמען שאַפּיראָס קידוש הנפש. איך קען ניט דורכגיין אָט איצטער אַ זיינע אַלע פּאָגראָם דערציילונגען, איך וועל נעמען בלויז איין קורצע דערציילונג „דער קוש". וואָס פּאַסירט דאָרט? אין שטעטל קומט פאָר אַ פּאָגראָם. רב שכנא ווערט גערעטעוועט פונם פּאָגראָם, קומט אָפּ מיט קלעפּ בלויז, אַ „פריינטלעכער" גוי, וואַסיליענקאָ, דערבאַרעמט זיך אויף אים, לאָזט אים ניט דערהרגענען. פאַר אָט אָ דער

„טובה" ווײל ער אָבער אײן קלײניקײט — רב שכנא זאָל אים אַ קוש טון אין פּוס. רב שכנא, פֿאַרשטײט זיך, ווײל דאָס ניט טון, אָבער וואַסיליעוֹנקאַ, נאָך אַ פּאָר צו אים, האָבן מיטלען . . . ווי צו צווינגען דעם יידן ער זאָל יאָ קושן דעם פּוס. און רב שכנא בוקט זיך צו וואַסיליענקאָן, טוט אַ קוש . . . דעם שווייסיקן, שמוציקן פּוס — ער בײסט זיך אײן מיט די צײן אין דעם גויס פּוס ביז יענער ווערט משוגע פון ווייטיק, ביז „דער לעבע־דיקער גוססט ביים טויטן אין די צײן".

דאָ האָבן מיר אַ קלאָר בילד פון קידוש הנפש. קידוש השם האָט רב שכנא נ י ט מקיים געווען, וואַסיליענקאָ האָט אים געלאָזט לעבן, כאָטש ער איז אַ ייד, ווען דערזעלבער וואַסיליענקאָ רירט אָבער אָן ניט דוקא זײן יידישקײט, נאָר זײן איך, דעם מענטש אין אים, קומט ער אום על קידוש הנפש, וואָס איז אַזוי ענלעך — אין בילד — אויף קידוש השם, און ניט ווינציקער וויכטיק.

די דערציילונגען זײנען געשריבן געוואָרן מיט קנאַפּע פערציק־דרײסיק יאָר צוריק. דאָס וואָרט „פּאָגראָם" האָט שוין פאַרלאָרן דעם גרויל, וואָס עס האָט אַמאָל אַרויסגערופן ביי אונדז. וואָס איז קישעניעוו צי פּראָס־קוראָוו לגבי וואַרשע, טרעבלינקע און מאַידאַנעק? אָבער אפילו איצט, נאָך אונדזער גרויסן חורבן, זײנען מיר מבולבל מכוח דעם באַגריף קידוש השם, מיר דערמאָנען ניט קידוש הנפש. פון אײן זײט שעמען מיר זיך אין דער שטיל, וואָס אַזוי פיל מיליאָנען יידן האָבן זיך געלאָזט פירן צום טויט, דערפאַר דערהייבן מיר די געטאָ אויפשטאַנדלער און זאָגן: ז י י זײנען געווען די קדושים, זיי האָבן געראַטעוועט דעם יידישן כבוד; פון דער צווייטער זײט קענען מיר ניט זײן אַזעלכע „ותרנים", פאַרשווייגן אַזוי פיל מיליאָנען יידן, און מיר זאָגן: יעדער ייד, אפילו ווען ער האָט זיך ניט געשטעלט קעגן שונא, אויב ער איז נאָר געשטאָרבן דערפאַר וואָס ער איז אַ ייד, איז ער אומגעקומען על קידוש השם. די מערסטע יידן זײנען, אַזוי אַרום, קדושים, די וואָס האָבן געקעמפט אַקטיוו זײנען געווען גיבורים, קדושה און גבורה, אַזוי ווערט עס דעפינירט.

אָבער וואָס מיינט גבורה? זיכער ניט פיזישע גבורה. די געטאָ אויפשטאַנדלער זײנען ניט געווען דוקא די גיבורי ישראל, מיינט דאָך עס ג י י ס ט י ק ע גבורה. נו, אויף שטאַרבן ב אַ ו ו ו ס ט ז י נ י ק פּ אַ ס י ו ו דאַרף מען האָבן פונקט אַזוי פיל גבורה, אויב ניט מער, ווי אויף שטאַרבן אַקטיוו, מיט אַ ביקס אין האַנט, ממילא זײנען אלו ואלו געווען גבורים און אויך אלו ואלו קדושים, מער ניט, די וואָס זײנען

אומגעקומען פּאַסיוו זיינען אומגעבראַכט געוואָרן על קידוש השם, די וואָס זיינען געפאַלן אין אַקטיוון ווידערשטאַנד זיינען אומגעקומען על קידוש הנפש.

אָט דעם געדאַנק פון קידוש הנפש האָט ל. שאַפּיראָ אַרויסגעבראַכט פּאַר אונדז אין זיין „יידישע מלוכה". דאָס איז אַ קערנדיקע אידייע.

אידייען האָבן מיר אַלע. מיט גוטע אידייען אַליין קען איינער אפשר ווערן אַ פילאָזאָף, מ'קען אָבער ניט ווערן דערמיט קיין בעלעטריסט, קיין שרייבער פון דערציילונגען. ניט נאָר אַ דאַנק די אידייען איז ל. שאַפּיראָ געוואָרן דער גרויסער שרייבער. זיין „יידישע מלוכה" איז אויך ניט געוואָרן ד אָ ס בוך צוליב דער טעמע — פּאָגראָמען, ווי ער האָט עס שפּעטער גערופן „די טעמע מיט אַ קוויטש". ער האָט שפּעטער כ ל ו מ ר ש ט זיך אָפּגעזאָגט פון דער „קוויטשיקער טעמע", דער פאַקט איז אָבער אַז אויך די לעצטע דערציילונג וואָס ער האָט געזאָלט אָנשרייבן — מיר איז באַקאַנט דער אינהאַלט — האָט אויך געזאָלט זיין אַ פּאָגראָם דערציילונג. ניט די טעמע באַשטימט דעם גורל פון אַ בוך. לאָמיר שאַפּיראָ איז ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט געשריבן אויף דער טעמע, אויב זיינע דערציילונגען זיינען פּאָרט געוואָרן ד י פּאָגראָם דערציילונגען, איז עס דער עיקר צוליב דעם אופן ווי אַזוי ער האָט די אידייע פון קידוש הנפש פאַרקערפּערט, צוליב דער פאָרמע, דעם וועג פון זיין שרייבן.

וואָס איז געווען זיין פאָרמע?

ל. שאַפּיראָ האָט זיך געהאַלטן פאַר, און ער איז געווען, אַ רעאַליס־טישער שרייבער. זיין רעאַליזם איז אָבער ניט געווען דער האַרט־ביי־דער־ערדיקער רעאַליזם. דאָס האָט ער פיינט געהאַט. וועגן זיין רעאַליסטישן שרייבן וואָלט איך געזאָגט: ער האָט זיין ליטעראַרישן לייטער אַוועק־געשטעלט מיט ביידע פיס אויף דער ערד, אפשר נאָך אַ ביסל אַריינגע־גראָבן א י ן דער ערד, די שפּיצן פון לייטער האָבן אָבער געגרייכט אין הימל. זיינע מענטשן האָט ער ניט אויסגעפּוצט אין ראָמאַנטישע קרוי־זשעוועס, זיי ניט איינגעוויקלט אין מיסטישע שלייערן, ער האָט געמאָלן לעבעדיקע, פולבלוטיקע מענטשן, און דווקא אָט די מענטשן מיט זייערע מעשים, ווייט ניט אַזעלכע אויסטערלישע, זיינען דאָך געווען אַן אָנדייטונג אויף עפּעס העכערס, איבערערדישעס. אפילו די נעמען פון זיינע דער־ציילונגען זיינען מייסטנס סימבאָלישע. איך רייד שוין ניט וועגן „צלם", אַ סימבאָל, וואָס יעדער איינער קען, אַזוי צו זאָגן, אָנטאַפּן מיט די

הענט. ער האָט אַ דערציילונג „ווייסע חלה". דוכט זיך וואָס קען שוין זיין איינפאַכער פון אַ שטיקל בולקע? און דאָך, ווען מע לייענט די דער־ציילונג זעט מען אַז די „ווייסע חלה" איז ניט סתם אַ דערציילונג וועגן אַ שטיקל בולקע, אפילו ביים פּאָגראָמשטשיק וואָסיל הייבט זיך אָן מישן אין קאָפּ — ווייסע חלה, דער ווייסער אָרעם פון דער יידישער פרוי, „אָט די זשידעס זיינען אינגאַנצן געמאַכט פון ווייסער חלה . . . וואָס זיינען דאָס פאַר מענטשן, און נאָכוואָס האָבן זיי פאַרקויפט קריסטוסן?"

ניט נאָר אין די פּאָגראָם דערציילונגען. ער האָט אַ קורצע דערציי־לונג „רויך". אַ מייסטערווערק. אויף צען זייטלעך מאָלט ער אויס דאָס לעבן פון אַ מענטשן. דער מענטש האָט נאָך יינגלוויז גענומען רויכערן, געקליבן שטיקלעך און גערויכערט. שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן דער גרויסער סוחר, געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער גענומען רויכערן ציגאַרן. ווען ער ליגט שוין אויפן טויטן בעט, בעט ער מ'זאָל אים געבן אַ ציגאַר טוטין, ניט קיין ציגאַר, און ער פאַרציט זיך מיטן רויך. „דוכט זיך רויך, ביטער און סע פאַרגייט אין די אויגן, אָבער ס'איז גוט". אַזוי זאָגט שאַפּיראָס „העלד", און איך קען הערן ווי שאַפּיראָ, וואָס האָט אַ האַלבע שעה פאַרן טויט אויך געבעטן מ'זאָל אים אָנצינדן אַ ציגאַרעט, זאָגט: וואָס איז אַ מענטשלעך לעבן? אַ ביסל רויך, און ס'איז נאָך ביטער דערצו, ס'איז אָבער גוט, איך וויל ניט שטאַרבן. דאָס איז געווען זיין קוק אויפן לעבן, אָט דער קוק גייט דורך אין כמעט אַלע זיינע דערציילונגען.

מיט וועלכע מיטלען האָט ער עס אַזוי קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט זיינע אַלע געשטאַלטן און געדאַנקען?

מיט זיין זאַץ.

דער מייסטער פון דער רוסישער דערציילונג, וועמען שאַפּיראָ האָט זייער ליב געהאַט, א. פּ. טשעכאָוו, האָט אין אַ בריוו צו מ. גאָרקין געשריבן: שרייב אַזוי, אַז די ווערטער זאָל זיין ענג, דעם געדאַנק זאָל זיין פריי. אָט די ליטעראַרישע מימרא איז ווי אָנגעמאָסטן אויף לאָמעד שאַפּיראָ. פון זיינעם אַ זאַץ קען מען ניט אַרויסוואַרפן קיין וואָרט, ניטאָ דאָרטן קיין איבעריקס, מ'קען אָבער אויך ניט אַריינקוועטשן אַהין נאָך אַ וואָרט, עס איז שוין דאָרטן אַזוי אויך ענג. דער זאַץ איז אַ קאָנדענסיר־טער, אַ געפּאַקטער, שיר ניט לויטער עקסטראַקט, און מיט אָט דער געניטער צאָל ווערטער האָט ער אַרויסגעבראַכט זיין געדאַנק אַזוי קלאָר ווי נאָר מעגלעך.

דער רעזולטאַט — מ'לייענט איבער שאַפּיראָס אַ שורה אָדער צוויי,

און מ׳זעט ממש ווי דער קינסטלער־שניצער — זיין סטיל איז מער סקולפּטאָריש ווי מאָלעריש — האָט מיט איין שאַרפן שניט אַרויסגעבראַכט אַ נייעם שטריך פון אַ מענטשן; מ׳לייענט איבער אַ זאַץ אָדער צוויי און מען דערהערט, דערפילט, אַז דאָס רעדט אַ קלוגער מענטש, אַ שרייבער אַ חכם.

און דאָס איז ניט געווען קיין שרייב־טיש חכמה, דאָס הייסט, די חכמה איז ניט געקומען צו אים ברוח הקודש, בלויז דאַן ווען ער איז געזעסן ביי דער עבודת הקודש, אויפגעשטאַנען פון שרייב טיש, איז אויס חכמה, ניטאָ מיט וועמען צו ריידן, אָט ווי, איך וואָלט געזאָגט, אַ בוים, וואָס אום זומער האָט ער אויף זיך אי גוטע ווייניקע עפּל, געשמאַק צום פאַרזוכן, אי אַ סך בלעטער צו זיצן אין זיין שאָטן, קומט דער האַרבסט שטייט דער זעלבער בוים אַ נאַקעטער, שיר ניט אַ טרוקענע שטיק האָלץ. שאַפּיראָ האָט געקענט ריידן קלוג אפילו ניט ביים שרייב טיש. ער האָט ניט געקענט, ניט געוואָלט ריידן פאַר אַן עולם, אויג אויף אויג האָט ער שוין גאָר ליב געהאַט כאַפּן אַ שמועס און, האָט ער געפונען זיין פּאַסיקן מיטשמועסער, זיינען די צוויי געווען ווי אַ „קרעסילע מיט אַ קרעמען״, אַ שטיקל שטאָל און קיזלשטיין, פונקען זיינען געפלויגן . . . יאָ, שאַפּיראָ איז געווען אַ קלוגער מענטש, זייער אַ קלוגער מענטש און, ווי אַלע חכמים, איז ער אויף זיין לעבן באַגאַנגען אַ סך . . . נאַרישקייטן.

איך ווייס אַז מיט דער באַמערקונג ברעך איך דעם קאָדעקס פון הספּדים. זאָגט מען דאָך: אחרי מות—קדושים. איך בין אָבער ניט געקומען באַקלאָגן שאַפּיראָן, אויך ניט באַזינגען. איך וויל שאַפן אַ בילד פון שאַפּיראָ דעם שרייבער און דעם מענטשן, אַן אמתדיק בילד, און איך טו עס בכיוון. אָט פאַרוואָס.

ביי אונדז יידן, ביי די טראַדיציאָנעלע יידן, אַז דאָ אַ מנהג בעטן מחילה ביים מת פאַר עוולות וואָס מ׳איז אפשר באַגאַנגען קעגן אים ביים לעבן. ניט איינער פון אונדז וואָלט עס אפשר היינט געדאַרפט טון, איך קען אָבער ניט בעטן ביי אים מחילה פאַר אַלעמען. דאָס וועט יעדער איינער דאַרפן טון פאַר זיך, מאַכן אַ חשבון מיט זיין אייגענעם געוויסן. איך קען אָבער יאָ זיין דער שליח ציבור פון אונדז אַלעמען דאָ און זאָגן אַז מיר זיינען אים מוחל במחילה גמורה אַלע זיינע נאַרישקייטן. איך קען דאָס טון שוין דערפאַר אַליין, ווייל ווער פון אונדז קען זיך דאָס באַרימען אַז ער איז זיבעציק יאָר אַרומגעגאַנגען אויף גאָטס וועלט און איז ניט באַגאַנגען קיינע נאַרישקייטן? ניטאָ אַזאַ נאַר אויף דער גאָרער וועלט,

וואָס זאָל וואַגן באַהויפּטן אַזאַ נאַרישקייט. בלויז טויטע באַגייען ניט קיין נאַרישקייטן.

ל. שאַפּיראָ איז טויט. היינט ברענגען מיר אים צו קבורה. יידן היטן זיך אויס פון זאָגן „באַגראָבן", ווען עס רעדט זיך וועגן אַ מענטשן. מיר זאָגן „מקבר זיין", „באַערדיקן" און אויך „באַהאַלטן". „מ'האָט אים באַהאַלטן אויפן אַלטן בית עולם". איך ווייס ניט צי האָבן מיר גענומען דאָס וואָרט ביי די רוסן, ווי עס איז צו זיי געקומען, עס איז אָבער אַ גוט וואָרט, און איך זאָג: היינט באַהאַלטן מיר לאַמעד שאַפּיראָן. טאָ לאָמיר צוזאַמען מיטן אויסגעדאַרטן גוף פון לוי שאַפּיראָ אויך באַהאַלטן אַלע זיינע נאַרישקייטן, זיי זאָלן אונדז ניט שטיין פאַר די אויגן: לאָמיר זיי ניט זען, ניט טראַכטן וועגן זיי; לאָמיר האָבן פאַר די אויגן לאַמעד שאַפּיראָ, דעם שאַפער פון יידישן וואָרט, דעם אָריגינעלן, אייגנאַרטיקן יידישן שרייבער, וואָס איז ממש געווען אַ יחיד במינו: לאָמיר געדיינקען לאַמעד שאַפּיראָן, דעם מייסטער פון דער „יידישער מלוכה", וווּ ער איז ווירקלעך געווען מלך.

אַ שמועס מיט ל. שאַפּיראָ

(צו זיין פינפטן יאָרצייט, געשטאָרבן כ׳ אָב דעם 25טן אויג., 1948)

אין דעם ל. שאַפּיראָ אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין „ייוואָ״ איז דאָ אַן אָנזיכט־קאַרטל: צוויי העגער, אויף די פּיסלעך אָנגעטון שפּאָרן, שטייען איינער קעגן צווייטן, גרייט זיך דורס זיין. אונטער דעם בילד האָט שאַפּיראָ צוגעשריבן — ל. ש. און ש. מ. כאַפּן אַ שמועס.

אין משך פון די פופצן־זעכצן יאָר, וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין איין שטאָט, אין לאָס אַנגעלעס, האָבן מיר געכאַפּט אַ שמועס לכל הפחות איין מאָל אַ וואָך. דער שמועס האָט זיך געצויגן אַ צוויי־דריי שעה, אויב ניט מער. מ׳האָט זיך „געריסן פאַר די נעז״ און מ׳האָט הנאה געהאַט, ווייל געריסן האָט מען זיך מערסטנס איבער ליטעראַטור, אַן ענין וואָס איזביידן געליגן אין די ביינער. די שמועסן האָב איך ניט פאַרצייכנט: ל. שאַפּיראָ איז פאַר מיר ניט געווען קיין זו. געטהע און איך האָב אויף זיך ניט גענומען די ראָלע פון אַ עקערמאַן, מ׳האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור, געשפּרונגען פון איין שרייבער צו אַ צווייטן, ביידן איז ניט געליגן אין זינען צו „שאַפן ליטעראַטור״ פון אָט די געשפּרעכן. מיר איז דעריבער געווען אַ חידוש ווען איך האָב צווישן מיינע פּאַפּירלעך געפונען אַ פאַר־צייכענונג פון אַ שמועס, אפילו דאַטירט — דעם עלפטן סעפּטעמבער 1941. וואָס האָט מיך באַוויגן פאַרצייכענען דוקא אָט דעם שמועס? ניט אַנדערש, ווייל ער האָט מיר דעם טאָג איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון זיין לעצטער דערציילונג, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן געוואָלט אָנשרייבן און סוף כל סוף ניט אָנגעשריבן. דער שמועס, ווי פאַרצייכנט, הייבט זיך טאַקע אָן מיטן אינהאַלט פון דער דערציילונג.

— וועגן „די באַרעצעס״. (שפּעטער האָט ער געביטן דעם נאָמען אויף „רחל מבכה על בניה״) זיי האָב איך געקענט. דער עלטערער אַ מין גלאָמפּ ווי אין שטיינבעקס „אָף מייס ענד מען״, דער הויפּט רוצח — דער יינגערער. זיי געקענט, אפילו געהאַט אַ שטיקל סטיטשקע מיט זיי.

די מאַמע ניט געקענט. זי איז געווען, אָבער געזען האָב איך זי קיינמאָל ניט געזען, זי איז שוין אַ צוגעטראַכטע. דער יינגערער האָט דערהרגעט אַ גוי, אים דערלאַנגט מיט אַ געוויכט אונטערן אויער, נאָכדעם געזאָגט אַז ער האָט אים געוואָרפן אַ בוריקל. דער גוי האָט געפירט בוריקעס אויפן צוקער זאַוואָד. אַ באַלעגאָלע וואָס האָט דאָס צוגעזען, האָט עפּעס אַ מורמל געטון, האָט ער אויך דערהרגעט. מ׳האָט אים געפונען אונטער זיין אייגענעם וואָגן, איבערגעפאָרן כלומרשט, אַלע האָבן אָבער געוווסט אַז די באָרעצעס האָבן אָפּגעטון דאָס שטיקל אַרבעט. נאָך מעשים תעתועים. אין צייט פון בירגער קריג האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן „די ווייסע" און אפילו אָנטייל גענומען אין אַ פּאָגראָם אויף יידן. דאָס איז שוין דערגאַנגען צו מיר דאָ אין אַמעריקע. און זיי דאַרף איך עס נעמען אין האַנט אַריין.

— און דער תיקון?

— פאַר ז י י האָב איך קיין תיקון. ניין, פאַר זיי ניט. צוליב זיי האָב איך עס צוגעטראַכט די מאַמע. זי גיט זיי אַליין איבער צום באַס־ליוועך לעגיאָן. זי זעט צו ווי מ׳וואַרפט זיי אַריין געבונדענע, מ׳באַגראָבט זיי לעבעדיקערהייט און, ווען די ערשטע לאָפּעטעס ערד נעמען פאַלן, כאַפּט זי זיך מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ: ווי דער מאַמע! ווי דער מאַמע! און גייט אַזוי אַוועק פון קבר. טאַקע אַזוי ענדיקט זיך עס — ווי דער מאַמע! עס רעדט זיך אַזוי עס ענדיקט זיך, נאָך אפילו ניט אָנגעהייבן.

— שוין געזען אָנדערהאַלבן בלעטלעך אָנגעשריבן.

— האָט אַן אויג פון אַ גוטן יידן. גערעכט, טאַקע אָנגעשריבן, אָבער דאָס איז אפילו ניט אַריינגעפאָרן. אַז איך דערמאָן זיך אָן דעם ווערט מיר אַזש קאַלט, שאַט, איר דאַרפט דאָך וויסן. ווען איר האָט געשריבן די מעשה פון דייטשלאַנד, ווי האָט עס געהייסן?

— „אונטערן בייטש".

— יאָ, אונטערן בייטש. איצט געדיינק איך. נו, געווען עפּעס גרינג?

— אַ פּאָר נעכט געווען ניט אַזוי גרינג.

— הערסט אַ מעשה, אַ פּאָר נעכט! ביי מיר איז עס אַ געשיכטע פון אַ פּאָר וואָכן. איר פאַרשטייט? איך דאַרף עס אויסכאָווען.

— מיר דוכט איר „שוויינגערט" שוין אַ היפּשע צייט.

— שוויינ־גערן איז נאָך ניט אַלץ. דאָס ה אָ ב ן! איר פאַרשטייט, דאָס אַנידערזעצן זיך, אַרויפברענגען אויפן פּאַפּיר. ס׳אַ גרויזאַמע געשיכטע. איך זאָג גרויזאַם, אָבער איך האָב ניט בדעה באַשרייבן גרויזאַמקייטן. דאָס האָט אָלגין מיר אַמאָל פאָרגעוואָרפן אַז איך באַשרייב גרוי־

זאַמקייט, דער אמת איז דער, אַז איך האָב נ י ט באַשריבן, דאָס האָט ע ר געזען, איך האָב נאָר אָנגעוווּנקען. אָבער דאָס האָט שוין צו טון מיט מלאכה... מיט דעם וועל איך זיך שוין ספּראַווען, איך דאַרף אָבער האָבן כוח פאַר דער זאַך גופא.

— איר׳ט זיך נעמען דערצו, וועט איר עס דורכשלעפּן. זיך פאַר־עקשנען...

— אַז עקשן בין איך, אָבער, כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך זוך כלערליי תירוצים זיך אַרויסדרייען דערפון. דאָס וועט אפשר זיין מיין שוואַנען ליד, טאָ צו וואָס זיך איילן. אין דעם פאַל מיינט עס איילן זיך צום טויט, און נאָכן טויט און נאָך מלמדות איז ניטאָ וואָס צו איילן זיך.

— איר זייט שוין אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן אַז איך גלויב אייך ניט. ס׳אַ חנדל בלויז.

— דאָס איז טאַקע אמת, אָבער אין מיינע יאָרן, ביי מיין געזונט איז דאָס שוין ניט סתם אַ חנדל. איך וויל טאַקע, אַז אויב איך מאַך אַ שטאַרב זאָלט איר איבערנעמען אַלע מיינע כתבים.

— איר׳ט נאָך גיין צו מיין לוויה און אויסשווייגן אַ לאַנגן הספד...

— אויס־שווייגן אַ לאַנגן הספד? ניט שלעכט. דאָס וואָלט איך געקענט טון, אָבער שטאַרבן וועל א י ך פריער. ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער: „אַי פיל איט אין מאַי באָונס״. איז געדיינקט זשע...

— לאָמיר ריידן פון פריילעכערע זאַכן, טאַקע וועגן די באַרעצעס. איר האָט עס אָנגעשריבן, וועט קומען דער לייענער...

— איר הייבט שוין אָן מיט אייער לייענער?

— וואַרט, וואַרט! איר האָט מיר ניט געלאָזט ענדיקן. ניט דער לייענער. אָט זיצן מיר ביידע. איך האָב איבערגעלייענט „די באַרעצעס״. גוט אָנגעשריבן, אַ פיין שטיקל אַרבעט, איר פאַרשטייט דאָך אין וועלכן זין, אָבער וואָס לאָזט ער מיך הערן דער שאַפּיראָ? ער האָט דאָך ניט געוואָלט אָנשרייבן סתם נאָך אַ... פּאַגראָם דערציילונג.

— איך בין שוין אַזוי אויך אַ געניגער פּאָגראָמשטשיק. ניט דאָס וויל איך.

— טאָ וואָס וויל ער נאָך, דער קטיגור שאַפּיראָ?

— קוק עס אָן דעם סניגור! אַליין באַרעדט ער זיך מיט פאַרשווינען, ווי איר אַליין רופט זיי — נבזהקעס, און איך בין דער קטיגור.

— מיינע פאַרשווינען זיינען עפּעלעך פון אַן אַנדער בוימעלע און

מיר'ן זיי דערוויייל לאָזן צורו. איר, מיט אייערע באַרעצעס, אַ ייד אַ פּאַגראַמשטשיק, זייט פּאַרט אַ קטיגור.

— אַז איר ווילט דוקא קטיגור, אייך געפעלן דאָס וואָרט, טאָ זאָל זיין קטיגור. וואָס איך וויל ? איך וויל זאָגן, ניין, אַריינקלאַפּן אין קאָפּ, אַז מיר זיינען ניט בעסער ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אַ האָר ניט בעסער, נאָר אָט ווי שלעכט מיר זיינען בין איך אַלץ אַ ייד. איר פאַרשטייט ? מיט דעם אַלעמען — אַ ייד. דאָס איז אַ מין פאָלק סטאָיציזם. אייגנטלעך בין איך אויסן געווען דאָס צו זאָגן אין אַלע מיינע פּאַגראַם דערציילונגען. מיינע קריטיקער, זאָלן זיי מיר געזונט זיין, האָבן עס אָבער ניט באַגריפן, זיי האָבן ביי מיר געזען סאַדיזם, האָבן זיי געזען.

— און איר זייט זיך שטאַרק מצער וועגן דעם...

— וואָס קלערט איר, איך שלאָף ניט קיין נעכט... אָבער צייטנווייז פאַרדריסט: פאַרוואָס זאָלן מענטשן ניט לייענען וואָס דער שרייבער האָט אָנגעשריבן? איז ד ע ר לייענט וואָס א י ם דרייט זיך אין קאָפּ; דער לייענט אַ ר ו י ס, ווייסט'אַך, דרייט מיטן גראָבן פינגער; דער לייענט אַ ר י י ן, קנעט אַ זאַך ווי אַ דייזשע טייג און קנעט אַריין אַהין וואָס איר ווילט אַליין, אָדער וואָס ער וויל אַליין. וואָס דאַרפסטו דרייען, וואָס דאַרפסטו קנעטן? מיר האָבן שוין, גאָט צו דאַנקען, עטלעכע געשמאַקע קאָרענע ברויטלעך, גוט אויסגעקנאָטן, פיין אויסגעבאַקן, פאַרברוינט, פאַרניטעוועט, טאַקע נאָר צום שפּיגלען זיך אין זיי, טאָ נעם דערלאַנג, ניט דרייען, קנעטן...

— קאָרענע ברויטלעך, ווי איר זאָגט, האָבן מיר שוין טאַקע, ווען עס קומט אָבער צו ווייסער חלה...

— וועגן וועלכער ווייסער חלה רעדט איר ?

— שרעקט זיך ניט, ניט וועגן ל. שאַפּיראָס. וואָס איך מיין איז: מיר האָבן „אַ ראָמאַן פון אַ פערד גנב", „מאָטקע גנב", נאָך גנבים . . . קומט עס אָבער צו איידעלערע מענטשן, זיי זיינען ביי אונדז ניטאָ.

— וואָס מיינט איר ניטאָ? און ווו איז דער בריסקער רב מיטן ביאַלער רבין, און רב שלמה, און...

— נו, נו, דערלאַנגט מיר שוין די גאַנצע פּאַרציע פּרץ.

— אַהאַ, איך האָב גאָר פאַרגעסן אַז איר קענט קיין פעפער (פּרץ) ניט שמעקן...

— און איר זייט עס דער פּרציאַנער ?

— צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, איך האָב קיינמאָל ניט געקענט

פאַרטראָגן זיינע אָפּגעהאַקטע, ניט פאַרענדיקטע זאַצן, אפילו ווערטער ניט פאַרענדיקט, און זיינע באַרימטע פינטעלעך, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, ער איז געווען זייער אַ וויכטיקער מענטש, איר האָט אים ניט געקענט, גאָר אַ וויכטיקער מענטש!

— וועגן דעם איז לית מן דפליג. ניט נאָר אַ וויכטיקער מענטש, נאָר אויך אַ וויכטיקער שרייבער, אויף זיין שטייגער, אָבער, זאָל ער מיר מוחל זיין, ער האָט... איבערגעפּעפּערט. זיינע חסידים...

— דאָ מאַכט איר אַ טעות. ער אַליין האָט גאָר פיינט געהאַט די חסידים. איך געדיינק, ער איז אַמאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ שול, צי אין אַ שטיבל, האָט מען אים שיר ניט אַרויסגעטריבן פון דאָרט, זיי האָבן פאַרשטייט זיך, ניט געוווסט ווער דאָס איז, אַ גלוח און פאַרטיק. ווען ער איז אַרויסגעקומען האָט ער אַ שמייכל געטון: מאַ־נע חסידים!

— אָט דאָס איז טאַקע די צרה, ער האָט זיי פיינט געהאַט און ניט געמאָלן זיי ווי ער האָט זיי געזען, נאָר זיי באַשריבן, אויסגעפּוצט. פריער האָט ער אָנגעשריבן „דאָס שטריימל", נאָכדעם גענומען דאָס זעלבע שטריימל און עס באַשאָטן מיט ראָמאַנטישן נאָפּטאַלין. אָט דעם ראָמאַנ־טישן נאָפּטאַלין־ריח קען איך ניט פאַרטראָגן. חוץ דעם, וויפל איז דער שיעור? געווען חסידים, דער עיקר חסידות, אַ וויכטיק קאַפּיטל, אָבער דאָס איז שוין געשיכטע. פּרצס ווייסע חלה, וואָס איר דערלאַנגט מיר איז געבליאַקעוועטער ווייס און די חלה היפּשלעך אַלט געבאַקן. איר גיט מיר אַ פרישע ווייסע חלה, אַ יידן אָן אַ שטריימל, אָן באָרד און פיאות, אַ היינטיקן יידן, און ער זאָל זיין אַ גוטער ייד. די גוטע יידישקייט ליגט דאָך ניט ביים „גוטן יידן" מיט זיין שטריימל, קאַפּאָטע און פיאות.

— וואָס פעלט בערגעלסאָנס מיכאל לעווין?

— איר מיינט „פּענעק"?

— אָט אָט!

— אַ פאַלש בוך. פאַלש פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה.

— איר זייט שוין אַ ביסעלע צו שאַרף. מיר אַ חידוש אויף אייך. איר זאָלט עס זאָגן. פון אים האַלט איר דאָך יאָ.

— אודאי האַלט איך פון אים. „לייטע" זאָגן אפילו אַז איך בין זיינער אַ תלמיד. איז צי בין איך טאַקע זיינער אַ תלמיד דאַרף מען נאָך מיך פרעגן, אָבער אַז איך בין ניט זיינער אַ חסיד שוטה, דאָס איז זיכער. איך קען זיינע מעלות און ווייס זיינע חסרונות, און ער האָט חסרונות. מיט אויפריכטיקייט האָט ער זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט, ער האָט זיך

אַלע מאָל געחנדלט, און אַ חנדל איז ניט חן, אַ חנדל איז אַ טראָפּן חן צעפּירט אין אַ גלאָז קאָקעטסטווע.

— עס קומט אָבער אַרויס ביי אים גאַנץ חנוודיק.

— ווי אַ מאָל. ער, אַז ער פּאַקט אַ חנדל, דערלאַנגט ער עס איין מאָל און צוויי מאָל און אַ דריטן מאָל, איר האָט עס מסתּם באַמערקט, דער רעזולטאַט — עס ווערט שוין איבערדריסיק. ניט איין מאָל זיך געחידושט: אַ גוטער שרייבער און, קענטיק, ניט קיין נאַר, און באַגייט אַזאַ נאַרישקייט. ניט אַנדערש ער איז שטאַרק פאַרליבט אין זיינע חנדלעך, וואָס מיינט — אין זיך, אָדער ער האַלט מיך, דעם לייענער, פאַר אַ גולם, האָט מורא איכ׳ל פאַרזען זיין חנדל. דאָס איז אָבער אַ טעכנישער ענין, דאָ, אין „פּענעק״, איז שוין דער נאַטירלעכער טראָפּן חן צעפּירט אין אַ גאַנצן טאָפּ ח נ י פ ה, ער האָט פּשוט געחנפעט זיינע באַלעבאַטים... עס איז ידע שור קונהו... ער האָט געפאַלשעוועט בכיוון, במזיד! איר האָט דאָך אים געזען אין ניו יאָרק, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז ער פאַר אַ מ ע נ ט ש?

— שווער צו זאָגן. מיר האָבן זיך געטראָפן אין קאַפע. קיין סך ניט גערעדט, איך מיין תּוכיקס, אַזוי אַז...

— אָבער פאָרט...

— ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער קוקט אויף אַ מענטשן מיט אַן אויג וואָס פרעגט: וואָס קענסטו מיר ג ע ב ן? אָט דעם איינדרוק האָב איך אפשר געקראָגן צוליב דעם, וואָס גייענדיק אין קאַפע האָט איינער, אַ באַגלויבטער מענטש, מיר איבערגעגעבן אַז בעת בערגעלסאָן האָט מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס״, ער איז דאַן געזעסן אין בערלין, איז אַב. קאַהאַן געקומען אַהין. ביידע האָבן געגעסן מיטיק אין אַ קאַפע. ווען מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, קאַהאַן האָט זיך אויפגעהייבן, האָט בערגעלסאָן זיך אַ כאַפּ געטון, אונטערגעטראָגן, גע־האָלפן אים אָנטון דעם מאַנטל... איז אויב דעם ק ל י י נ ע ם באַלע־באָס אַב. קאַהאַן האָט ער געקענט אונטערטראָגן דעם מאַנטל, טאָ וואָס איז שוין מיטן ג ר ו י ס ן באַלעבאָס, אבינו מלכּנו יאָסיף סטאַלין! פאַלט מען כורעים פאַר אים.

— איצט פאַרשטיי איך שוין...

— כ׳האָב אָבער מורא אַז איר פאַרשטייט עס אַ ביסל צו פּשוט. איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין אַז אַ מענטש, אַ קינסטלער דערצו, איז ניט קיין אַרשין, אַ גלייכע ווירע, וואָס דאָס איז ער און אַזוי טוט ער. אַ מענטש

איז אַ פֿאַרפּלאָנטערטע בריאה. צוגעגעבן אַז בערגעלסאָן האָט געפּאַלשע־וועט, ווי איר זאָגט, במזיד, האָט עס אים אָבער ניט געהאָלפֿן, דער קינסטלער אין אים האָט ניט געלאָזט. דאָ דאָרטן סצענעס, וואָס זיינען אַזוי אמתדיק ווי דער אמת אַליין און, צו דער זעלבער צייט, אַזוי שיין אַז ס׳איז אַ מחיה צו קוקן אויף זיי.

— און וואָס איז מיט מיכאלס טויט? איז ער אויך שיין? דער מענטש מאָלט דאָך ניט קיין גוסס, ער איזדיעקעוועט זיך איבער אים! דאָס איז פֿאַלשיווקע! מ׳קען זי אָנטאַפּן מיט די הענט!

— מיכאלס טויט? דאָ זייט איר אפשר גערעכט. אָבער דערמאָנט זיך, איר האָט מיר אַמאָל געבראַכט זיין „מידת הדין" און האָט עס מיר פֿאַרלויבט ביזן הימל. האָב איך עס געלייענט און אָנגעקוואָלן פֿון זיינע פֿאַרשוינען דאָרט, שמואל וואלציס, יוזי און, דער עיקר, דער אהרן לייב, צי ווי ער הייסט דאָרט. לעמבערגער? נו יאָ, אָט דער אהרן לעמבערגער זיצט אָדער ליגט אין חד גדיא, ס׳איז פּריטיק פֿאַרנאַכט, מאָרגן, צי ווען, וועט מען אים שטעלן צום ווענטל, אָבער ס׳איז פּרייטיק צונאַכטס, מ׳דאַרף מאַכן קידוש, קיין ווייַן, פֿאַרשטייט זיך, וועט מען אים ניט געבן, אָבער אַ חלה, אַ ווייסע חלה. אָט די ווייסע חלה ווערט דערהייבן צו אַ סימבאָל, קריגט ער די ווייסע חלה, בלייבט ער לעבן, קריגט ער ניט, איז... איז די ווייסע חלה קריגט ער טאַקע, אויב אפֿילו ערשט צו שלש סעודות אָדער גאָר מלוה מלכה און ער זאָגט אפֿילו תורה איבער איר, אָבער ער דאַרף דאָך אַ ביסל וואַסער צו וואַשן די הענט, איז דאָס ביסל וואַסער וואָס ער קריגט, וואָס בערגעלסאָן טראָגט אים אונטער, וואַסער... אין אַ טשייניק וואָס די צוויי גאַסן מיידלעך האָבן דאָרט באַנוצט... געדיינקט איר די סצענע? איך האָב אייך דעמלט אָנגעוויזן אויף זיין רשעות, ווי ער האָט ממש בידים איבערגעפּירט אַ גוטע סצענע, אָבער איר האָט עס אַוועקגעמאַכט מיטן האַנט, איצט קאָכט איר זיך וועגן מיכאלס טויט, ביי אים איז עס ניט קיין נייס, דאָס האָט א י ר געקראָגן אַ נייעם קוק.

— דאָס קען זיין. פֿאַרגעסט ניט, עס איז שוין אַ שיינע פּאָר יאָר אין דעם. דורך דער צייט האָב איך באַוויזן איבערצולייענען אַ פּאַדיעעווס אַ בוך „ראַזגראָם" און, שטראָף מיך ניט גאָט פֿאַר די רייד, איך האָב אויסגעפֿינען אַז פֿיליפּאָוו, בערגעלסאָנס העלד פֿון „מידת הדין", איז זייער ענלעך צו פּאַדיעעווס הויפּט העלד לעווינסאָן, זיי ליידן אפֿילו כמעט פֿון דער זעלבער האַלדז מחלה, מער ניט, ביי דעם רוס פּאַדיעעוו איז דער הויפּט העלד אַ ייד, ביי רב דודן איז דער הויפּט העלד אַ רוס.

— דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. פּיראַטן, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ שיף, האָבן זיי זי איבערגעפאַרבט, געגעבן אַן אַנדער נאָמען, און זי איז געוואָרן זייערע...

— אַזוי ווייט גיי איך ניט. בערגעלסאָן האָט נ י ט גענומען ביי פּאַדיעעוון, כאָטש פּאַדיעעווס בוך איז דערשינען פריער, אַזוי דוכט מיר, איך וויל בלויז זאָגן אַז ביי פּאַדיעעוון, ביי אַנדערע רוסישע שרייבער האָט ער געכאַפּט דעם שניט ווי צו שרייבן אויף כשר... אין „מידת הדין" איז אָבער נאָך אַלץ ניטאָ אַזאַ פּאַלשיווקע ווי אין „פּענעק". אהרן לעמ־בערגערס וואָסער... קען זיך אפשר זיין מים אחרונים... אָבער די חלה, זאָגט איר דאָך אַליין איז ווייסע חלה, בעת מיכאַלס טויט איז... ווי זאָל איך אייך זאָגן... טאַקע פּשוטע פאַלשיווקע, ניטאָ דאָרטן קיין ברעקל ווייסע חלה...

— אין מיכאַלס אפשר טאַקע ניט, אָבער נעמט ד י סצענע, מיכאַל לעווין זיצט ביי דער גמרא, די גלאָז מילך שטייט אויפן טיש, אָבער ער טרינקט ניט, ער ל ע ר נ ט. דאָ האָט איר אייך אייער ווייסע חלה, לערנען איז בילכער. און שאַ, טאַקע מיין „רויך". ווען מנשה פּטרט אָפּ זיינע געשעפטן, וואָס טוט ער? ער גייט אין קלויז און זעצט זיך לערנען. תלמוד תורה כנגד כולם. און אפילו אַש, ער האָט טאַקע געשריבן „יאַנקל שאַבשעוויטש" און „מאָטקע גנב", געוואָלט אַריינכאַפּן אַ ל ע יידן, איז מיט אַ סך פון זיי האָט ער זיך אָפּגעבריט, פּשוט זיך ניט געקענט ספּראַווען מיט זיי, דערפאַר אָבער האָט ער אָנגעשריבן דעם „תהלים ייד", אַ גוט בוך! אפשר זיין בעסט בוך.

— אַט האָסטו דיר! „פּאָפּ סוואָיאָ, טשאָרט סוואָיאָ". איך רייד וועגן דעם נ י י ע ם, דעם ה י י נ ט י ק ן ייד, און איר — תהלים ייד. גייט שוין ווייטער, דערלאַנגט מיר זיין יעזוס.

— צו יעזוסן זיך נאָך ניט צוגערירט, איך האָב פּשוט מורא. וויפל זאָגט איר? זיבן הונדערט זייטן! ווי איז מיר, ווער האָט עס אַזוי פיל כוח? איר האָט עס געלייענט? נו?

— ס'איז אַש.

— דאָס זאָגט גאָרניט.

— איר קענט ניט אַשן? אויף איין זייט, זעט איר, ווי ער האָט אויסגעלייגט אַ באַרשט פאַרב, עס בלישטשעט, פאַרכאַפּט דאָס אויג, אויף דער צווייטער זייט, גלייך דערביי, אַ פליך אַז ס'ווערט אַזש פינצטער

אין די אויגן. דאָס רייד איך, פאַרשטייט זיך, וועגן זיין שרייבן. וועגן זיין אידעאָלאָגיע איז...

— אַש און אידעאָלאָגיע! ניטאָ וועך ס'זאָל לאַכן.

— מיט אַשן, ווייס איך, זייט איר ניט בשלום... פונדעסטוועגן מאַכט אים ניט אָוועק אונטערן האַנט. ער קען אפשר ניט, ווי זאָגט מען עס ביי אונדז, דרייען מיט די מאַזגעס, אָדער די וויאָזעס, — ער קען ניט טראַכטן טיף און אַרויסברענגען קלאָר, דאָס איז איבער זיינע כוחות, דערפאַר האָט ער אָבער פאַנטאַזיע, שווונג, פאַרנעם. שוין געטראַכט: ווען אַש זאָל האָבן בערגעלסאָנס „פינגער", ווען ער זאָל קענען אַרומשלייפן אַ וואָרט, אָפּטאָקן אַ זאַץ, אָנשרייבן אַ גוט שייטל עברי; אָדער, ווען בערגעלסאָן זאָל האָבן אַשס פאַרנעם, דאַן וואָלטן מיר געהאַט איין גוטן, גרויסן שרייבער.

— וואָס אַ מענטש פאַרגינט זיך! אַש און בערגעלסאָן והיו לבשר אחד. וואָס טוט גאָט, איז איינער מיטן צווייטן אויף מעסער שטעך, דם שונאים זיינען זיי זיך.

— די באַרימטע קנאת סופרים.

— ס'איז שוין אַ ביסעלע מער ווי דאָס, ניט קנאה, נאָר פשוט שנאה, אָבער דאָס איז אַ זייטיקער ענין. דער מייסטער איז בערגעלסאָן.

— דאָס פועלט איר ביי מיר זייער גרינג, אָבער איז מייסטערשאַפט גענוג? מיר דוכט אַז ער צעדריבלט זיך אויף קליינקייטן. איך הייב אָן צו גלויבן אַז אַ שרייבער, כדי ער זאָל אַרויסברענגען עפּעס גרויסעס, דאַרף ער האָבן אַ גרויסע אידייע, זי זאָל אים פאַרכאַפּן, ער זאָל בדאי פּריטשמעליעט ווערן פון איר, זי אויסנאָגן ביזן סוף, ניט אַרומפליען ווי אַ בין, אַ זויג דאָ, אַ זויג דאָרטן. „מידת הדין" איז מיר לכתחילה געפעלן געוואָרן ווייל אין דעם בוך האָב איך דערזען אָן אָנהייב פון אַ אידייע. איך האָב געטראַכט: בערגעלסאָן קען אפשר ניט אויפנעמען די רעוואָ־לוציע מיטן האַרצן, וויל ער אָבער באַנעמען די אידייע פון דער רעוואָלוציע מיטן קאָפּ. נאָכדעם האָב איך איינגעזען אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות. איך גלויב אים ניט. ער איז אַזוי אַ קאָמוניסט ווי איך. איך חידוש זיך נאָר ווי אַזוי אַזאַ „קאָמוניסט" ווי ער און אַזאַ קלוגער ייד זאָל האָבן באַגאַנגען אַזאַ נאַרישקייט, מגולגל ווערן אין רוסלאַנד. פאַרוואָס איז ער ניט געבליבן אין אַמעריקע? מיר וואָלטן דעמלט אפשר געהאַט אַ גוט בוך, אָן אמתדיק בוך פון „יידן ביים דניעפּר".

— פאַרוואָס ער איז ניט געבליבן דאָ ווייס איך ניט. געהערט האָב

איך אַז ער האָט יאָ געוואָלט בלייבן. געהייסן האָט עס, אַז אין „פאָרווערטס" האָט ער ניט געקענט אַריין. נאָך דעם ווי ער איז אַריין „אין שפּאַן", איז ניט ער האָט געקענט זיך אײַנשפּאַנען צוריק אין „פאָרווערטס", ניט אַב. קאַהאַן וואָלט אים געלאָזט זיך אײַנשפּאַנען. אָט ווי איר קוקט אים אָן, דעם „סאַמאָדור", האָט ער זיך זײַנע „פּרינציפּן": וועד עס רירט אָן דעם „פאָרווערטס", ז י י ן „פאָרווערטס", טאָר ער שוין ניט אַריבערטרעטן די שוועל. אין „טאָג" האָט ער שוין יאָ געוואָלט אַריין, האָבן די ח ב ר י ם ש ר י י ב ע ר, זײַנע „גוטע פרײַנט", אים ניט צוגעלאָזט, מורא געהאַט ער'ט קאַליע מאַכן זייער מערכה. אויף וויפל ס'איז אמת ווייס איך ניט. סיי ווי, ער איז אַוועקגעפאָרן. אַז ער איז ניט קיין קאָמוניסט בין איך מסכים מיט אײַך, אויב איר געדיינקט האָב איך נאָך אין דער „וואָך" געשריבן אַז איך צווייפל צי איז בערגעלסאָן פּאַסיק פאַר דעם מלכות טראָן פון דער „פּראָלעטאַרישער" ליטעראַטור. איך צווייפל אויך צי איז די אידייע וועגן וועלכער איר רעדט אַזאַ מעלה. אודאי דאַרף אַ קינסטלער האָבן אידייען, אָבער אַז מ'ווערט פריטשמעליעט, ווי איר זאָגט, פון איין אידייע, ווערט ז י באַלעבאָס, זי נעמט פירן מיט דער פּען, און באַלעבאָס דאַרף זיין דער שרייבער, ניט די טעמע אָדער די אידייע. חוץ דעם, אַ שרייבער וואָס קוקט אין איין ווינקל איז שמאָל, איינזייטיק. אַ שרייבער דאַרף זיין פילזייטיק און, איך וואָלט געזאָגט, פילאידייאיק. אַ שלעכט וואָרט.

— און וואָס וועט איר טון מיטן „תכשיט" דאָסטאָיעווסקי? האָט ער זיין גאַנצן לעבן ניט געצימבלט אויף איין סטרונע?

— פון דעם „גויעץ" קען מען קיין ראיה ניט ברענגען. ער איז געווען אַ יחיד במינו, אַ אוניקום. און אפילו ער, אויב איר דיינקט אַז ער איז געווען דער בעסטער, כ'מיין ווי אַ שרייבער, מאַכט איר אַ טעות. איר האָט פאַרגעסן אינם אַלטן.

— טאָלסטאָי? ווי זאָל איך אײַך זאָגן, מ י ט זיין לייוונטענער העמד, מ י ט זײַנע באָרוועסע פיס, איז ער פאָרט געווען אַ פריץ. אַזוי זיכער ביי זיך, אַזוי רויק. אויפגערודערט האָט דאָסטאָיעווסקי.

— מאַכט איר ווידער אַ טעות. פון זײַנע מוסר ספרים אויף דער עלטער קענט איר זען אַז ער איז שוין גאָרניט געווען אַזוי זיכער און אַזוי רויק. ער האָט אַ ר ו י ס ג ע ב ר אַ כ ט רויק, און דאָס איז קונסט, אַי יענער האָט אויפגערודערט? האָב איך דאָך אײַך געזאָגט, ער איז אַ אוניקום. אַלס שרייבער, כ'מיין מלאכה, איר פאַרשטייט דאָך וואָס איך מיין,

איז טאָלסטאָי געווען אַ סך, אַ סך בעסער, כאָטש אפילו ער, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ניט אַלע מאָל געווען אָפּגעהיט. איר ווייסט, איך האָב ביי אים געפּאַקט אַ זאַץ אויף זעכצן שורות, איין זאַץ אויף זעכצן געדרוקטע שורות! איך בין זיך מודה ומתודה אַז ווען איך האָב דאָס דערזען האָב איך זיך אַליין געוואָלט אַ קניפּ טון אין בעקל. ביי מיר קען אַזאַ „זאַך" ניט פּאַסירן. איך האָב זאַצן וואָס זיינען כמעט ווי אַן איבערזעצונג פון תנ"ך, קורץ, געפּאַקט. איר שרייבט אויך קורצע זאַצן, אָבער אַ סך פון זיי, איינס נאָך ס'אַנדערע, אָט ווי איר וואָלט געגאַנגען מיט דריבנע שנעלע טריט.

— יעדער זייגער גייט אויף זיין שטייגער.

— אויף אַלץ האָט ער דיר אַן ענטפער, נאָך מיט אַ ווערטל דערצו. מיר ריידן דאָך „שאַפּ", מעגט איר זיך צוהערן וואָס מ'זאָגט אייך.

— איך הער.

— מיטן טויבן אויער.

— וואָס איך דאַרף הער איך אפילו מיטן טויבן אויער. איך האָב געהערט וואָס איר האָט געזאָגט וועגן מיינע זאַצן און מיר האָט זיך געוואָלט לאַכן: ווייסט איר אַז טאַקע צוליב אָט די קורצע זאַצן זאָגט מען אַז איך בין, יאַקאָבי, אייערער אַ תלמיד?

— וויפל מלמדים האָט איר עס? פריער בערגעלסאָן, איצטער איך. ווייסט איר וואָס א י ך וועל אייך זאָגן? זינט איך לעב האָב איך נאָך ניט געזען אַזאַ ייד אַן עקשן, וואָס זאָל אַזוי נ י ט ו ו ע ל ן לערנען ווי איר.

— וואָס זשע, איר קוקט גאָר ניט אין שפּיגל?

— אין שפּיגל? אה, איר מיינט מיסטער לאַמעד שאַפּיראָ! יאָ, ער איז אויך אַ נישקשהדיקער עקשן, פונדעסטוועגן...

— פונדעסטוועגן, ווען פּרץ האָט אייך פאַרריכט אייערע אַ דער־ציילונג זייט איר אויף אים געווען אש להבה. איר האָט עס מיר אַליין דערציילט.

— ער האָט מיר פאַרריכט אַ דערציילונג. ער האָט זי צ ע פּ ר צ ט! און מיך האָט פאַרדראָסן ניט אַזוי דאָס פאַרריכטן, ווי איר זאָגט, נאָר וואָס ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו טון דאָס אויף זיין אייגענער אחריות, מיר אפילו ניט געזאָגט. איך האָב אייך אַמאָל יאָ געפּרוווט זאָגן. איר געדיינקט, מיר זיינען אַמאָל געזעסן ביי פּערלס מאַמע אין קיך, געגעסן געפילטע פיש, דער טעם פון אירע פיש ליגט מיר נאָך איצט אין מויל,

כאַטש עס מוז שוין זיין אין דעם אַ יאָר פופצן־זעכצן, אין דעם ערך, איר האָט דאַן געהאַט אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג. דעם נאָמען געדיינק איך ניט. עפּעס אַ מעשה מיט אַ יידן ביי וועמען עס שטאַרבט אַ ווייב און ער וויל אַרויסנעמען, צי ער נעמט טאַקע אַרויס, די גאָלדענע ציין פון איר מויל. איצטער דערמאָן איך זיך — גאָלד! אַזוי האָט עס געהייסן. איך האָב אייך דאַן אָוועקגעגעבן אַ גאָב למאי איר זייט אַזאַ רשע, ניט וואָס איר שרייבט שלעכטע מענטשן — דאָס מעג מען — נאָר וואָס איר שרייבט זיי מיט רשעות, מ׳זעט אַז איר האָט זיי פיינט, און דאָס טויג ניט. האָט איר מיך אויסגעהערט, איר האָט נאָך דאַן ניט געהאַט אייער אויערל... און מיך געהערט ווי דער קאָטער, אין עטלעכע יאָר אַרום האָט איר אַרויסגעגעבן אַ בוך, אַ גאַנצן בוך אָנגעפּיקעוועט מיט אייערע פאַרשוינען, שוין פאַרגעסן ווי דאָס האָט געהייסן.

— איר מיינט „די שמאַלץ גרוב״?

— יאָ נו. דער נאָמען געפעלט מיר ניט און, זאָל עס אייך ניט פאַרדריסן, דאָס בוך אויך ניט. די מלאכה ניט שלעכט, אָבער די פאַר־שוינען! אַ גאַלערייע פון מיאוסע פּנימער. איז דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, די גאַנצע צרה באַשטייט אין אייער שנאה. מיט שנאה וועט איר ווייט ניט פאַרפאָרן. אייך געפעלט ניט ווי בערגעלסאָן הרגעט אַוועק זיין מיכאל לעווין (אגב, איז דאָס זיין אייגענער פאָטער), און איר אַליין האַסט אייערע העלדן. איר הרגעט זיי אפשר ניט אַזוי ווי בערגעלסאָן, אָבער מען פילט אַז איר ווינטשט זיי אַ מיתה משונה. און אין דער תורה שטייט געשריבן: ואהבת לרעך כמוך, זאָגט דערויף די גמרא: ברור לו מיתה יפה. איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?

— איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אָבער ווייסט איר וואָס איכ׳ל אייך זאָגן? אָט די שנאה וועגן וועלכער אַלע גוטע פרומע לייט ריידן מיט אַזאַ האַס, שפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, איז אַ שטאַרקערע טרייב קראַפט אינם מענטשנס לעבן ווי די באַרימטע ליבע בלמד רבתי, מער ניט, די גוטע פרומע לייט וועלן דאָס ניט צוגעבן.

— אַהאַ, אָנגערירט אים דעם ספּאָדעק, האָט זיך שוין אין אים צע־שפּילט דער כהן. טאָ זייט וויסן אַז איך באַלאַנג ניט צו די גוטע פרומע לייט און איך וועל אייך צוגעבן אַז אין ל ע ב ן שפּילט שנאה אַ גרויסע ראָלע, קלענער צי גרעסער, דאָס האָב איך ניט אויסגעמאָסטן און איר אויך ניט, אָבער נאָר אין לעבן, ניט אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט.

— נו יאָ, נו, מיט דער מאַדאַם קונסט איז עס רק „פּאָ ליובווי...״

— אייער „ליובאָוו" טויג אויך אויף כּפּרות. אַ שרייבער וואָס פאַר־כלינעט זיך מיט ליבע, צעגיסט זיך, איז פּונקט אַזוי שלעכט ווי דער וואָס שיפּעט מיט שנאה. אַ שרייבער דאַרף ניט ליב האָבן, דאַרף ניט האַסן, אַ שרייבער דאַרף...

— זיין אַ שרייב מאַשין...

— ס'איז פון אים ניט אויסצוהאַלטן! דו רייד צו אים ווי צו אַ מענטש און ער פאַרט דיר אַריין מיטן דישעל — שרייב מאַשין. שוין גאָרניט קיין שרייב מאַשין. פּונקט דער היפּוך, אין אים קען ברויזן און קאָכן, אָבער אַ מכּה זאָל עס זען דער לייענער, עס דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן רויק. איר קענט ליב האָבן אָדער פיינט האָבן אייער העלד, מאָלן דאַרפט איר אים ערלעך. איך האָב אייך פריער דערמאָנט טאָלסטאָיען, אָבער איך דאַרף אפילו ניט גיין צו יענעם גרויסן „צדיק", מיר'ן נעמען דעם רשע מרושע, טאַקע מיללערן. אַ פּאָר יאָר נאָך יענעם בוך האָט איר אַרויסגעגעבן אַ צווייט בוך, וועגן דער רעוואָלוציע, איר האָט דאָרטן איינעם דוד שאַפּיראָ...

— „אַ בליאַסק אויף טאָג".

— יאָ. זעט איר, ד ע ר נאָמען איז אַ גוטער נאָמען, און דאָס בוך אַ גוט בוך. ניט דערפאַר וואָס די מענטשן זיינען דאָרטן בעסערע, דער עיקר דערפאַר, וואָס אפילו די מענטשן וואָס איר האָט ניט איבעריק ליב באַהאַנדלט איר זיי אויך מיט חסד. אַזוי דאַרף זיין. וועגן דעם בוך געהאַט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל. טאַקע אָנגעוויזן אַז איר האָט זיך פאַר־נומען אויף אַ נייעם דרך, אַז איר פּרוּווט זיך באַפרייען פון אייער שנאה; אויך אָנגעוויזן אויף אייערע קורצע זאַצן, און אפילו באַמערקט וועגן אייער שפּרינגען, אָט רעדט איר בלשון עבר און באַלד בלשון הווה. דאָס טאָר מען ניט טון. דער אַרטיקל האָט געזאָלט אַריין אין פערטן נומער „סטודיאָ". איז קיין פערטער נומער, גאָט צו דאַנקען, ניט אַרויס, דער אַרטיקל מוז נאָך ערגעץ ליגן צווישן די פּאַפּירן. זיך אָננעמען מיט כּוח וועל איך אַלץ איבערלייגן, איבערקוקן, געפינען דעם אַרטיקל וועל איך אים אייך געבן איבערלייענען, כאָטש אויף אייך וועט עס זיין ווי אַרויס־געוואָרפן, אַניט וועט איר דען פאָלגן?

— און איר וואָלט עס טאַקע אַזוי געוואָלט איך זאָל אייך פאָלגן?

— איז דאָס אַ ביטערער יונג! בפירוש ניט! אַ שיינעם פּנים וואָלט עס געהאַט ווען אַלע שרייבער פאָלגן ל. שאַפּיראָן, די יידישע ליטעראַטור

— אַ ל. שאַפּיראָ ליטעראַטור. ניין, פֿאַלגן טויג ניט, אָבער אויסהערן דאַרף מען.

— זעט איר, דאָס טו איך אַלע מאָל, און ניט מיטן טויבן אויער, איך הער זיך צו גאַנץ גוט און זאָג: מכל מלמדי השכלתי, מאַכט רש״י „טשוזשיך ליודעי פּיטאַי, דאַ סוואָי ראַזום מאַי״, און דער תוספות גיט צו: ביי פרעמדע מענטשן פרעג און גיי דיר דיין וועג.

— און וואָס זאָגט דער . . . מהרש״א ?

— דער . . . מהרש״א זאָגט: אַן אַלטן הונט קען מען שוין קיין נייע שפּיצלעך ניט אויסלערנען.

— קוק עס אָן! ווי אַלט איז עס דער ג אַ נ צ ע ר הונט? אויף ווי ווייט איך ווייס האָט איר נאָך אפילו ניט אויסגעביטן דעם ערשטן פּופּציקער.

— היינט צו טאָג בין איך נאָך אַ קליין ביסעלע נענטער צו פערציק ווי צו פּופּציק.

— הערסט אַ מעשה, און דאָס רעדט וועגן אַלט. איר זייט דאָך נאָך אַ צוציק! איר מעגט נאָך גיין אין חדר. איך בין עלטער פון אייך מיט אַ מיטוואָך און גיי נאָך אַלץ אין חדר. איך האָב טאַקע אַן עסיי מיט דעם נאָמען: דער שרייבער גייט אין חדר. עס געלייענט פאַרן פ. ע. ז. קלוב אין ניו יאָרק. שאַ, איר האָט דאָך עס אויך געלייענט. איך האַלט עס איז אַ גוטער עסיי, שרייבער קענען עפּעס לערנען פון דעם.

— איר האָט אַפּנים פאַרגעסן וואָס איר אַליין האָט געשריבן אין דעם עסיי.

— וואָס זשע?

— איר שרייבט: איך האָב געלערנט פון מיינע קאָלעגן ווי נ י ט צו שרייבן, ווייל ווי אַזוי י אָ צו שרייבן קען מען פון יענעם זיך ניט אויסלערנען. איז ווי אַזוי נ י ט צו שרייבן דאַרף איך זיך ניט לערנען ביי ל. שאַפּיראָ, דאָס קען איך בעסער טון ביי... פּרוסטן. איר האָט געפּאַקט ביי טאָלסטאָיען אַ זאַץ אויף זעכצן שורות און ביי פּרוסטן האָב איך געפונען איין זאַץ אויף דריי זייטן. איר הערט, איין זאַץ אויף דריי זייטן!

— פּרוסט איז אַ גרויסער שרייבער.

— איר האָט אים געלייענט?

— דעם אמת געזאָגט, ניין. געפּרוווט איין מאָל, אַ צווייטן, און אַוועקגעוואָרפן, אָבער אַ וועלט זאָגט...

— טשיקאָווע. איר אַליין קענט אים אין מויל ניט נעמען, פֿאַרזוכט און אָװעקגעוואָרפֿן, נאָר גרויס איז ער, ווייל מ ע זאָגט, טאָ לאָמיך אייך זאָגן...

— אַז איר טראָגט אַ האַרץ אויף די פּראָנצויזן, דאָס ווייס איך, איז איידער איר נעמט זיך מיר אַוועקהרגענען נאָך אַ פּראַנצויז גיט מיר דערווייל אייערן אַ ציגאַרעט. איר זייט נאָך אַלץ אַ טערק? (טערקישער טאַבאַק).

— —

קנוילן רויך האָבן זיך געקוילערט אין דער לופט, און די קנוילן רויך האָט פון צייט צו צייט אויפגעפּליקערט אַ פונק. דער שמועס איז נאָך אָנגעגאַנגען, ער האָט זיך געצויגן ביז... די לעצטע טעג פון זיין לעבן. מיר האָבן ניט גערעדט פאַר דער „אייביקייט", דערפאַר טאַקע ניט צירלעך־מאַנירלעך, אָבער אויפריכטיק. אויב אפילו אַ געשפּרעך איז אָפּגעלאָפן גלאַטיק, איז עס געווען די גלאַטקייט פון אַ „קרעסילע מיט אַ קרעמען" — אַ שטיקל שטאָל און קיזלשטיין, וואָס אַז זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט האָט אויפגעבליצט אַ פונק.

איך וויל האָפן אַז אין דעם שמועס איז מיר געלונגען אַרויסצו־ברייינגען עטלעכע פונקען פון ל. שאַפּירא, אַ ביישטראָג צו זיין ליכטיקן אָנדיינק.

אַרום דעם פּינטעלע מענטש

(אַ רעדע צוגעגרייט פאַרן אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פונם בוך „אין די שוואַרצע פּינטעלעך", נאָוו. 1 — 1953).

חשובע פאַרזאַמלטע!

דער חזן איז הייזעריק. זיין פּלאַץ ביים עמוד פאַרנעמט אַ משורר. די שטימע איז זיינע, און זי איז אַ בעסערע פון דעם חזנס, אויך דער ניגון איז זיינער, דער נוסח איז אָבער דעם חזנס, און ער הייבט אָן מיט ברכות:

אַ שיינעם דאַנק אייך, טייערע פריינט, וואָס איר זייט געקומען היינט אויפדערנאַכט מקבל פּנים זיין מיין נייעם ב ו ך. טאַקע מיין ב ו ך, ווייל מיין פּ נ י ם, אסור מיר, אויב ער פאַרדינט אַ קבלה.

אַ האַרציקן דאַנק יעדן איינעם פון קאָמיטעט, וואָס האָט געטון וויפל ער האָט געקענט און געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך. צי איר האָט עס געטון ל ש מ ה, פאַר דער יידישער ליטעראַטור, צי איר האָט עס געטון ל ש מ י, פאַר מיר פּערזענלעך, איר האָט זיכער פאַרדינט מיין דאַנק, און איך גיב אים אייך פון גאַנצן האַרצן.

פאַרטיק מיט די ברכות, גייען מיר איבער צו שחרית, נאָכדעם וועט קומען אויך מוסף.

שחרית — אַ שטיקעלע געשיכטע.

יעדעס מאָל וואָס מ'האָט אַרויסגעגעבן מיינעם אַ בוך בין איך זיך נוהג געווען זאָגן אַ פאָר ווערטער וועגן דעם בוך. ניט ווייל איך בין געווען פאַרליבט אין הערן מיין „זיסע שטימע"; אויך ניט דערפאַר ווייל איך האָב געדיינקט אַז דער שרייבער קען בעסער ווי ווער עס איז אָפּשאַצן זיין בוך. אדרבה, אָפּשאַצן אַ בוך קען אַ זייטיקער מענטש בעסער ווי דער שרייבער גופא. וואָס דער שרייבער קען יאָ טון בעסער ווי עמיצער אַנדערש, איז איבערגעבן דעם לייענער וואָס טרעפט זיך מיטן שרייבער, וואָס ער איז אויסן געווען מיט זיין בוך, וואָס זיינען געווען זיינע כוונות. דער לייענער און צוהערער קען דעמלט באַשטימען, ערשטנס, צי דער

שרייבער האָט טאַקע געהאַט וואָס צו זאָגן, עפּעס וואָס איז וויכטיק פאַרן לייענער, און, צווייטנס, צי זיינען זיינע כוונות דערגרייכט געוואָרן. מיט די בעסטע כוונות קען מען אַמאָל פאַרפאָרן צון אַל די גוטע יאָר. איר ווייסט דאָך וואָס דער אַמעריקאַנער זאָגט: דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גוטע כוונות. האָב איך עס געטון אַלע מאָל, און היינט וויל איך עס א ו ד א י טון.

וואָס איז דער א ו ד א י?

דאָס איז מיין צענטער און אפשר אויך מיין לעצטער בוך, און עס איז אַנדערש פון מיינע פריערדיקע ביכער, אַנדערש אין אינהאַלט און, ממילא, אויך אַ ביסל אַנדערש אין פאָרם.

וועך זיינען געווען די „העלדן" פון מיינע פריערדיקע ביכער? מיינע מערסטע פאַרשוינען זיינען געווען דורכשניטלעכע מענטשן, יידן פון אַ גאַנץ יאָר. יידן אַרבעטער, יידן פעדלער, סוחרים, מעקלער, פאַבריקאַנטן, אַ ר ו י ף געקומענע גבירים און אַ ר אָ פּ געקומענע גיבורים, דאָס הייסט, מענטשן וואָס ריכטן זיך שוין אין וועג אַריין... אָט אַ ד י מענטשן האָב איך געמאָלן, זיי א ו י ס ג ע ש ט ע ל ט, אַזוי צו זאָגן, פאַרן עולם: נאַט, קוקט!

ווי האָט דער עולם אויפגענומען אָט די אויסשטעלונגען?

אויב מ'זאָל אָננעמען אַז די פּראָפעסיאָנעלע לייענער, די קריטיקער, זיינען די שלוחי ציבור, וואָס דריקן אויס די מיינונגען פון די לייענער, זיינען די מסקנות פון די קריטיקער געווען צווייענדיקע. אייניקע קרי־טיקער האָבן מיר דערלאַנגט אַ קניפּ אין בעקל: מאָלאַדיעץ מיללער! דער ייד האָט טאַלאַנט. אפשר אַ ג ר ו י ז אַ מ ע ר טאַלאַנט, ער מאָלט דאָס לעבן אין גאָר ניט קיין אַנגענעמע פאַרבן, ער מאָלט עס אָבער אַזוי אָריגינעל, ער שרייבט אַזוי שאַרף, מיט אַזאַ אייגענער שפּראַך, אַז מיר מוזן דאָס לייענען און, לייענענדיק, האָבן מיר הנאה, אויב ניט פון דעם וו א ס ער ווייזט אונדז, איז וו י אַ ז ו י ער ווייזט עס.

אַ צווייטער טייל קריטיקער האָט געזאָגט: נו יאָ, דער מיללער האָט טאַלאַנט, ניט נאָר קען ער זען זאַכן און זיי אויסמאָלן, ער מאָלט, שרייבט אפילו גוט, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ער שרייבט פאָרט שלעכטס. עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ שלעכטער צדיק, ניט נאָר אינם אלף בית, נאָר אויך אין לעבן און אין דער קונסט. טאַקע אַ צדיק, אָבער פאָרט אַ רשע, ער האָט ניט ליב קיין מענטשן. נייז, פון אים קען מען שוין קיין גוטס ניט דערוואַרטן.

דאָס איז, אין קורצן, — שוין אַ ביסעלע צו קורץ — די מיינונגען פון די קריטיקער וועגן די מערסטע פון מיינע פריערדיקע ביכער.

איצט לאָמיר אַ קוק טון וואָס איז דער טיפּאַזש, ווער זיינען די פּאַרשוינען פון דעם איצטיקן בוך.

פון די איין און צוואַנציק דערציילונגען וואָס גייען אַריין אין דעם בוך זיינען אין פופצן, און אפשר טאַקע אין זעכצן, די „העלדן" יידן שרייבער; אין ד ר י י זיינען די פּאַרשוינען פּראָפעסאָרן; בלויז אין איינער פיגורירט אַ פשוטער ייד אַ... ווײַן טרינקער, און אין איינער, דער לעצטער דערציילונג, פיגורירט איציק וויטענבערג, פון דער ווילנער געטאָ.

וועגן דער דערציילונג אַ ביסל שפּעטער.

איז, ווי איר זעט, אָדער בעסער געזאָגט, ווי איר הערט, זיינען די טיפּן אינגאַנצן אַנדערע ווי די פריערדיקע. די פראַגע איז איצט, וואָס לאָזט ער אונדז הערן מיט די אַנדערע טיפּן? דערציילט ער אונדז עפּעס בעסערס, שענערס, און ווי דערציילט ער עס אונדז?

אויף דעם איז שוין ניט אַזוי גרינג צו ענטפערן. שרייבט איינער אַן אַ גרויסע נאָוועלע, אָדער וואָס מ'רופט אַ ראָמאַן, איז ווי איינער וואָלט געשניטן אַ וועג. ער קען אָנווייזן — אָט דעם און דעם וועג וויל איך דורכפירן. אויפן וועג קענען זיין בערגלעך, טאָלן, מ'קען זיך פּאַרקירעווען, פּאַרדרייען, דער הויפּט וועג איז אָבער קלאָר אָנגעצייכנט, מיטן הויפּט העלד איז ער אויסן צו ווייזן דאָס און דאָס, די אַנדערע מענטשן זיינען, אַזוי צו זאָגן, זייטיקע וועגעלעך און שטעגעלעך, וואָס פירן אָבער אַלע צו דעם איינעם וועג. גיט מען אָבער אַרויס אַ בוך דערציילונגען איז שוין דער וועג ניט אַזאַ קלאָרער. גיי זאָג וואָס דו ביסט אויסן געווען אין איין און צוואַנציק דערציילונגען, ווען איין דערציילונג איז געשריבן געוואָרן מיט אַן ערך דרייסיק יאָר צוריק אַן איינע פּאַראַיאָרן; איינע מיט אַ צען-צוועלף יאָר צוריק, און איינע דאָס יאָר. וואָס קען אַ שרייבער זאָגן אין אַזאַ פאַל?

איין שרייבער קען זאָגן: איך האָב געהאַט איין און צוואַנציק עפּל, האָב איך זיי אַריינגעלייגט אין איין קאָשעק. די עפּל זיינען טאַקע פון איין בוים, אָבער אַרונטערגענומען אין פאַרשיידענע צייטן, ממילא איז איין עפּל ניט גלייך צום צווייטן, ניט אין דער גרויס, ניט אין קאָליר, און אפילו ניט אין טעם. איר קענט זיי עסן ווי איר ווילט: רויערהייט, מיט דער שאָלעכץ, אָן דער שאָלעכץ; איר קענט זיי אָפּבאַקן, אָדער אָפּקאָכן,

מאַכן אַ צימעס; וואָס דאַרפט איר מער? איר קענט זיי אפילו איינמאַ־רינירן, מאַכן קיסלעצעס, אָדער גאָר אַרויפלייגן אויפן בוידעם, זיי זאָלן ווערן „גיליצעס״, אַ ביסעלע צוגעפוילט... יעדער איינער האָט זיך זיין טעם אין עסן עפּל. מ י י ן טעם, פאַרוואָס איך האָב זיי געשריבן, קען איך אייך ניט זאָגן, איך האָב געהאַט איין און צוואַנציק טעמים, און אפשר מער, אָבער וואָס גייט עס אייך אָן? מ׳האָט אייך געגעבן עפּל, עסט געזונטערהייט.

אויב איר דיינקט אַז דער שרייבער איז אינגאַנצן אויסערן וועג מאַכט איר אַ טעות. דאָס קען זיין אַ גוטער און אמתדיקער ענטפער, מער ניט, מ׳קען אים שטעלן אַ פּאָר פראַגן: האָסטו טאַקע אויסגעשקראָבעט די מולטער? האָסטו אַריינגעגעבן די איין און צוואַנציק דערציילונגען ווייל דו האָסט מער ניט געהאַט, אָדער דו האָסט נ אָ ך און האָסט אַריינגעגעבן דוקא ד י? אויב דאָס איז דער פאַל, פאַרוואָס האָסטו געגעבן דוקא ד י און ניט קיין אַנדערע?

אין מיין פאַל מוז איך ענטפערן: יאָ, איך האָב אויסגעקליבן. איך האָב געקליבן ווי איינער קלייבט פּאַטשערקעס. ניט אַלע פּאַטשערקעס זיינען פון איין גרויס, קאָליר, אָדער שניט, איך האָב זיי אָבער אויפגע־ניזעוועט אויף איין שנירל. דאָס שנירל איז אויך ניט פון איין גאָס, עס באַשטייט פון עטלעכע פעדעם, עס איז אָבער אַ ש נ י ר ל, כ מ ע ט דורך אַלע דערציילונגען לויפט דורך איין געדאַנק, און דאָס איז דער... מענטש. וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש? ווי האַלטן מיר מיט אים אין דער וועלט? וואָס טוט ער אויף און וואָס איז ער קאַפּאַבל אויפצוטון? אין כמעט אַלע דערציילונגען, אָפן אָדער פאַרשטעלט, שווימט אַרויף אָט די פראַגע.

אַם שאַרפסטן איז די פראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער ערשטער דערציילונג, וואָס הייסט טאַקע רב אדם. צוויי שרייבער ריידן זיך דורך כלומרשט וועגן ריין שרייבערישע ענינים, זיינען זיי דאָך מענטשן וואָס גריבלען זיך, אָדער סקריבלען זיך, אין די שוואַרצע פינ־טעלעך, זיי גריבלען זיך אָבער ניט נאָר אין די שוואַרצע פינטעלעך פון די ביכער, זיי גריבלען זיך, זוכן דאָס פינטעלע... מענטש.

און וואָס געפינען זיי?

— מיט וואָס פאַר אַ אויגן מ׳קוקט אויפן מענטשן אַזאַ פּנים האָט ער.

— זאָגט איינער פון די שרייבער. און,ביידע ניט באַגייסטערט פאַרן מענטשן פון אונדזער יאָרהונדערט, קוקט אָבער איינער מיט „שוואַרצע״

אויגן און ער זעט אַז דער מענטש איז... אויס מענטש; אַז מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן וועג, פון אדם הראשון" ביז דעם „האָמאָ סאַפּיענס", דעם אדם השכל, מיר האָבן אויפגעטון וואונדער, אָבער, מ י ט די אַלע וואונדערים, זיינען מיר דערגאַנגען ביז צום אדם האחרון, מיר זיינען אַזוי דעגענערירט געוואָרן אַז קיין דאָקטאָר און קיין טאָטער קען אונדז שוין ניט העלפן. דער צווייטער שרייבער קוקט מיט „בלויע" אויגן, און ער זעט און זאָגט: אמת, דער מענטש האָט אָפּגעטון אַ היפּש ביסל מיאוסע מעשים, אָבער זאָגן אַז דאָס איז דער סוף איז ניט ריכטיק, ווייל, מ'שטיינס געזאָגט, ווי אַלט איז עס דער מענטש א י נ ג אַ נ צ ן? אַ הונדערט טויזנט יאָר! ניט מער. איז ער דאָך, לויטן וועלט חשבון, נאָך גאָר אַ צוציק. וואַרט, ער וועט אויסוואַקסן. אַ קינד האָט הנאה פון רייסן פליגעלעך ביי אַ פליג, מיינט עס אַז ער מוז אויסוואַקסן אַ סאַדיסט? אדרבה, ער קען אויסוואַקסן אַ גוטער... כירורג.

אָט די דערציילונג, אויב מ'וויל עס אָנרופן דערציילונג, איז געשריבן אַזוי שאַרף, אַזוי שניידיק, סיי אויפן חשבון פון מענטש אין אַלגעמיין, סיי אויף אונדזער יידישן חשבון, דער עיקר אויף די יידן וואָס ווייקן זיך אין קדושה, האַלטן אין איין שפּרינגען קדוש, אַז ניט איין לייענער וועט אין כעס ווערן ניט נאָר אויפן רשע דעם שרייבער, נאָר אויף דעם אַנטיסעמיט ש. מיללער. געהערט אַ מעשה? דער מענטש רעדט דאָך ניט נאָר על יהוה ועל משיחו, נאָר אפילו אויף... בנתקה. ער פאַרשוועכט דעם יידישן כבוד, ער שפּעט פון אונדזערע גיבורים, ער לעסטערט אונדזערע קדושים.

מהאי טעמא האָב איך אַריינגענומען אין דעם בוך די לעצטע דערציילונג „צו דער עקידה", ווו דער העלד איז ניט קיין שרייבער אָדער אַ פּראָפעסאָר, ער איז אַ פּשוטער ייד, אַ קאַמאַשן שטעפּער, און אָט דער ייד, איציק וויטענבערג, ווייזט אַרויס גבורה, ער גייט, וואָס מ'רופט ביי אונדז, על קידוש השם. ער גייט צו אַ שוידערלעכן טויט אין דער געשטאַפּאָ, וויסנדיק אַז זיין טויט וועט נ י ט ראַטעווען די צוואַנציק טויזנט יידן אין דער ווילנער געטאָ, אָבער שטאַרבן פאַר די צוואַנציק טויזנט יידן, מעג עס זיין אַ שוידערלעכער טויט, איז גרינגער ווי צו לעבן מיט צוואַנציק טויזנט, צי אפילו צוויי טויזנט יידישע הרוגים אויף זיינע פּלייצעס.

אָט די גבורה, אָדער קדושה ווייז איך אויף מ י י ן שטייגער, אָן אויגן גלאָצעניש, און איך האָב געוואָלט זאָגן: איילט זיך ניט צו פאַרשרייען מיללערן ווי אַ שונא ישראל. ער האָט זיך זיין באַגריף פון גבורה און

קדושה, אפילו פון פשוטער מענטשלעכקייט, און ער וויזט עס אין זיין „עקידה", להיפוך צו „רב אדם". און אפילו צו די קאָמוניסטן, ביי וועמען איך בין קיינמאָל ניט געווען „כשר", אפילו ווען איך האָב געשריבן „אַ בליאַסק אויף טאָג", ווער שמועסט איצט, ווען אין דער זעלבער דערציילונג „רב אדם" לאָז איך פאַלן היפּשע עטלעכע שאַרפע ווערטער על חשבון הקאָמוניזם נוסח מאָסקווע, אויך צו זיי זאָג איך: כאַפּט זיך ניט שרייען... מ'קאַרטי! פון אַלע אונדזערע יידישע גיבורים האָב איך אויסגעקליבן צו מאָלן דוקא דעם ווילנער גיבור, דעם ק אָ מ ו נ י ס ט איציק וויטענבערג!

וועט עס מיר העלפן?

איך צווייפל. און, דעם אמת געזאָגט, קימערט עס מיך זייער ווייניק. ניט ווייל איך רעכן זיך ניט מיט דער מיינונג פון דעם לייענער. איך רעכן זיך י אָ, נאָר ס'איז אַזאַ מעשה: עס זיינען דאָ דרייערליי שרייבער. איין שרייבער אידענטיפיצירט זיך מיט זיין העלד. אָט דער שרייבער גלאָריפיצירט זיין העלד, וואָס שענער דער העלד וועט אַרויסקומען אַלץ העכער וועט זיך פילן דער שרייבער גופא. דער זעלבער שרייבער קען אַמאָל אויך אויסטון נאָקעט זיין העלד, אָבער אויך דעמלט האָט ער הנאה פון אים, פון זיך, ווייל צי ער ווייסט ניט, לײדט ער פון דער קראַנק וואָס מ'רופט עקזיביציאָניזם. אָט דעם שרייבער טאָרט איר ניט זאָגן קיין שלעכט וואָרט וועגן זיין העלד און אַ פּשיטא וועגן אים גופא.

אַ צווייטער שרייבער שטעלט זיך העכער, א י ב ע ר זיין העלד. ער מאָלט געוויינלעך שוואַכע מענטשעלעך, אָבער ער, דער שרייבער, איז ניט קיין מענטשעלע, ער? ער איז שוין גאָר אַ מענטש! דערפאַר טאַקע לאַכט ער, שפּעט פון די מענטשעלעך, ער כי־כי־קעט איבער זיי, ניט ווייסנדיק אַז ער טוט עס ווייל ער לייִדט פון אַ שפלות־גאוה קאָמפּלעקס. ד ע ם שרייבער קענט איר זאָגן אַ ניט גינסטיק וואָרט וועגן זיינע העלדן, זאָל איך אָבער גאָט אויסהיטן צו זאָגן אַ קרום וואָרט וועגן אים גופא.

דאָ דער דריטער שרייבער, וואָס איז ניט איינס מ י ט זיין העלד, אויך ניט א י ב ע ר אים, נאָר ה י נ ט ע ר אים. ער איז אַ מין רעזשיסער. ער גייט אָפּ מיט שווייס ביז ער שטודירט איין מיט זיינע אַקטיאָרן־העלדן יעדער וואָרט, יעדן זשעסט. אויף דער בינע זעט מען אים ניט, ער איז הינטער די קוליסן, נאָר ווען ער דערהערט דאָרטן ווי דער אַקטיאָר מיט וועמען ער האָט אַזוי פיל געקנעלט רעדט אַרויס אַ וואָרט פאַלש, מאַכט אַ באַוועגונג ניט ווי עס דאַרף צו זיין, רייסט ער זיך די האָר

פון קאָפּ. איך באַלאַנג צו אַט דעם סאָרט שרייבער. איך קען אַמאָל שינדן די הויט פון מיינעם אַ העלד, מיט דער פּען, פאַרשטייט זיך, אָבער בעת מעשה שנייד איך פון זיך אַליין פּאַסן. אפשר קומט עס פון אַ סאַדיסטיש־מאַזאָכיסטישן קאָמפּלעקס. קען זיין. דער פּועל יוצא דערפון איז אָבער דער, אַז מיר קענט איר זאָגן וואָס איר ווילט נאָר אַליין, ווייל ווען איך זאָג וועגן דעם מענטשן אַז ער איז דעגענערירט און דעגראַדירט מיין איך ניט עפּעס אַן אַבסטראַקטן מענטשן; איך מיין אויך ניט דעם אָדער יענעם מענטשן; איך מיין קודם דעם מענטשן וואָס איך זע אין שפּיגל, טאָ זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קען איך נתפּעל ווערן פון דעם וואָס איינער רופט מיך אָן רשע, ווען איך האָב זיך אַליין שוין אָנגערופן רשע מרושע?

מיין איך עס טאַקע אויף אַן אמתן?

יאָ און ניין.

געווען אַ צייט ווען מיר האָבן געגלויבט אינם מענטשן. מיט הונדערט, צי אפילו מיט פופציק יאָר צוריק האָט מען גערעדט וועגן דעם מענטשן ווי וועגן אַ גייענדיקן רעגנבויגן — די שענסטע, קלוגסטע, בעסטע באַשעפעניש, און מיר האָבן דערוואָרט פון אים... וואָס האָבן מיר ניט דערוואָרט? וווּנדער וועט ער אויפטון! און ער ה אָ ט אויפגעטון וווּנדער אויף אַלע געביטן, מ אָ ר אַ ל י ש האָט ער אָבער באַנקראָטירט.

איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין. איך בין ניט קיין ראָמאַנטיקער, איך אידעאַליזיר ניט דעם עבר, איך זיפץ ניט פאַרבייענקט: ניטאָ די אַמאָליקע גוטע צייטן! קיין צו גרויסע צאַצקע איז רב אדם קיינמאָל ניט געווען, אָבער די געשיכטע מיט דער אַטאָם באָמבע, וואַסער באָמבע, קאָבאַלט באָמבע און, דער עיקר, מעשה היטלער, דאָס האָט חרוב געמאַכט ניט נאָר די וועלט, נאָר אויך דעם מענטשן, און אודאי דעם גלויבן אין אים. און זאָגט ניט: „היטלער? דאָס איז דער ד י י ט ש.״ דאָס איז דער מ ע נ ט ש! ניט־דייטשן זיינען אויך קאַפּאַבל דאָס צו טון. טאָ ווי קען מען גלויבן אינם מענטשן, זאָגן וועגן אים אַ גוט וואָרט?

איז אָבער די צרה וואָס איך בין אויך אַ מענטש, איך מוז לעבן צווישן מענטשן, וואָס זיינען ניט ערגער פון מיר. זאָגט טאַקע ביי מיר איין שרייבער: דעם מאָלער איז גוט. יאָ גאָט, ניט גאָט, ער קען סיי ווי מאָלן דעם הימל; יאָ מענטש, ניט מענטש, ער קען מאָלן אַ בוים, אַן עפּל, אַ באַר, אַבי פאַרב, קאָליר, ליניע. דעם מוזיקער איז אודאי גוט: אַ סקריפּ פון אַ טויער איז שפּייז פאַר זיין אויער. דעם שרייבער איז ביטער און פינצטער. פאַרלירט ער זיין גאָט אין הימל איז נאָך אַ האַלבע צרה —

וועט ער נ י ט פליען אין די הימלען, וועט ער זיך האַלטן האַרט ביי דער ערד, ביים מענטשן, פאַרלירט ער אָבער דעם מענטשן, ליגט דער שרייבער ניין איילן אין ד'רערד, ער קען ניט שרייבן! און ער ווערט ניט נאָר אויס שרייבער, נאָר אויך אויס מענטש.

דער פועל יוצא דערפון איז אַז אין דעם בוך גופא בין איך זיך סותר מער ווי איין מאָל, אָט בין איך דעם מענטשנס קטיגור, זיין אָנקלאָגער, אָט זיין סניגור, זיין פאַרטיידיקער; אין איין דערציילונג קלאָגט זיך אַ שרייבער אַז ער מוז אָנזעצן אַ בוך, ער קען אים ניט אָנשרייבן, ווייל דער מענטש האָט באַנקראָטירט, און אין אַ צווייטער דערציילונג דערפילט דער שרייבער אַ וואַיניקן טעם אין דעם מענטשן, ער איז אי זיס, אי זויער, אָדער גאָר טערפקע. איין שרייבער רעדט וועגן זיך, וועגן דעם שרייבער פונם היינטיקן דור, ווי מיסט פאַרן קומענדיקן דור, און אַ צווייטער שרייבער באַטראַכט זיך פאַר אַ זייער פון קערנדלעך וואָס וועלן אויסוואַקסן גאָט ווייסט ווו אָדער ווען. אין איין דערציילונג איז דאָ אַ שרייבער אַ שוואַך מענטשל, וואָס פאַר אַ גוט וואָרט וועגן זיך וועט ער בדאי באַגיין די גרעסטע מיאוסקייט, און אַ צווייטער שרייבער באַגייט בדאי זעלבסטמאָרד אַבי ניט פאַרלירן זיין איך, זיין מענטשלעכע חשיבות.

און ניט נאָר די שרייבער, אויך די פאַר געלערנטע וואָס פיגורירן ביי מיר, אויך זיי זוכן דעם מענטשן.

דאָ אין דערציילונג „אַ פאַר פאָלק", אַ קנאַפּער חסיד פון י. ל. פּרץ, טאָקע צוליב זיינע „צוגעפּוצטע" חסידים, וואָלט איך פונדעסטוועגן אָנגע־רופן די דערציילונג אַ פּרץ'יאַנער. זי קען דערמאָנען אָן פּרץ'ס „צווישן צוויי בערג", כאָטש אין מיין דערציילונג איז ניטאָ קיין סימן פון אַ רבנישן קאַפּעליוש (דער בריסקער רב) אָדער אַ גוטן יידישן שטריימל (דער ביאַלער רבי). די אָנרעגונג צו שרייבן די דערציילונג איז נ י ט געקומען פון פּרצן, נאָר פון איינעם פון די מענטשן וואָס פיגורירט אין דער דערציילונג, דער פיזיקער, פאַר וועמען איך האָב ניט נאָר אַ גוואַלדיקן דרך ארץ, נאָר איך האָב אים ממש ליב. דער צווייטער איז אַ מוזיקער, ווען דער מוזיקער וואָרפט פאַר דעם פיזיקער אַז די וויסנשאַפט ברענגט דעם מענטשן מער אומגליק ווי גליק; אַז די וויסנשאַפטלייט זיינען טרוקענע, האַרטע ברואים, קאָפּ־מענטשן, אָן אַ ברעקל האַרץ, ווייזט אים דער פיזיקער אַ באַריכט פון דער ווילנער גטאָ, ווי דער שעף פון דער דייטשישער געסטאַפּאָ, צימבלענדיק אויף דער פּיאַנאָ מיט איין האַנט, האָט ער מיט דער צווייטער האַנט דערשאָסן אַ יונגן יידישן בחור, ניט

אויפהערנדיק צו שפּילן. דער אויספּיר איז — ניט די וויסנשאַפט, ניט די קונסט, ניט די פילאָזאָפיע און אפילו ניט די רעליגיע קען עפּעס אויפטון אויסצומענטשלען דעם מענטשן, און דאָך מוזן זיי בײדע שרײבן, דער פיזיקער זײנע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, דער מוזיקער זײנע מוזי־קאַלישע קאָמפּאָזיציעס, ווייל הגם יעדער אײנער גייט זיך מיט זיין עמער, שעפּן זיי אָבער פון איין קוואַל, זיי זוכן די האַרמאָניע פון דער וועלט, און אָן אָט דער זוכעניש איז ג אָ ר ניטאָ, אָבער טאַקע ג אָ ר גאָרניט.

ווי איר הערט, איז עס אַ בוך פון לויטער זוכן. און דאָס זוכן איז פונקט אַזוי וויכטיק, אפשר נאָך וויכטיקער, ווי דאָס געפינען. אַזוי דיינק איך.

און וואָס וועט דיינקען דער לייענער?

מען דערציילט פון פרענקלין ד. רוזוועלט, אַז יעדעס מאָל, אין טאָג פון די וואַלן, האָט ער באַהאַלטן ביי זיך אין שופלאָד זיין השערה ווי אַזוי די שטימען וועלן אויספאַלן. נו, איך „לויף" ניט פאַר פרעזידענט, אָבער מיין השערה האָב איך, אויב ניט באַהאַלטן אין אַ שופלאָד, איז פאַרצייכנט ביי זיך אין געדאַנק און דאָ גיב איך זי אייך איבער:

מע וועט ווידער ק נ י פּ ן.

עס וועט זיך געפינען איינער וואָס וועט אַ קניפּ טון אין באַק: אַי, דער מיללער! געמיינט מיר זיינען שוין פאַרטיק מיט אים. און אַז ער וועט אָנשרייבן נאָך אַ בוך, ווייזן נאָך אַ פּאָר פון ז י י נ ע פאַרשווינען, קיין נייס וועט ער אונדז שוין ניט זאָגן. ערשט ער דערלאַנגט אונדז אַ ניי בוך, מיר קוקן אַריין אין... די שוואַרצע פינטעלעך און, דוכט זיך, דער אַלטער מיללער, אָבער פאָרט ניי, ניי אין אינהאַלט און אויך ניי אין פאָרם. צייטנווייז רעגט ער אונדז א ו י ף, אָבער ער רעגט אונדז אויך אָ ן. מיר זעען אַז ניט נאָר איז ער אַ בקי אין די שוואַרצע פינטעלעך, ער לייענט און טראַכט, נאָר אויך אַ חריף, ער שרייבט שאַרף, שניידיק. דער רעזולטאַט איז — ער פאַרלייענט אונדז ניט צום שלאָף, ניין, אַנטקעגן נאַכט זאָלט איר אים ניט לייענען, אָבער, אויב איר ווילט זיין וואַך, אַ טראַכט טון וועגן וועלט און מענטש, קוקט אַריין אין די שוואַרצע פינ־טעלעך, איר וועט האָבן גענוג וועגן וואָס אַ טראַכט צו טון.

אַזוי איינער, אפשר צוויי.

די אַנדערע וועלן אויך קנייפּן, נאָר ניט אין באַק... דער נוסח וועט גיין אומגעפער אַזוי:

פאַר אַ נאָווינע האָט מיללער אונדז אונטערגעטראָגן אַ נייעם בוך.

האָבן מיר אַריינגעקוקט אין זיינע שוואַרצע פּינטעלעך, דוכט זיך אַ ניי בוך, נייע מענטשן, אפילו דער אופן פון שרייבן אַן אַנדערער, וואָס קומט אָבער אַרויס וואָס עס איז אַ נ ד ע ר ש, אַז עס איז ניט ב ע ס ע ר? ניין, ניט נאָר איז עס ניט בעסער, עס איז דורכאויס ע ר ג ע ר, ווייל אויב אין די פריערדיקע ביכער האָט ער פּאָר אונדז געמאָלן שלעכטע מענטשן, האָט ער זיי כאָטש ג ע מ אָ ל ן; מ י א ו ס ע מענטשן, אָבער מיר האָבן זיי ג ע ז ע ן, אין דעם בוך איז ג אָ ר קיין מענטשן ניטאָ, דאָס גאַנצע בוך — לויטער קאָפּ אַרבעט. אפילו דער אופן פון שרייבן איך אַ שלעכטער. טאַקע שאַרף, שניידיק, אויב איר ווילט, אפילו אָריגינעל, אָבער דאָ דערציילונגען אין בוך וואָס זיינען גאָר קיין דער־ציילונגען ניט, זיכער ניט קיין ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע דערציילונגען. איר קענט עס אָנרופן עסייען, געדאַנקען, מ׳שטיינס געזאָגט, אָבער געדאַנקען קענען מיר קריגן ביי טיפערע דיינקער. פון דעם נאָוועליסט פאָדערן מיר אַ דערציילונג, קונסט, און דאָס איז דוקא ניט בנמצא, אַלץ וואָס מיר געפינען אין דעם בוך איז... שוואַרצע פּינטעלעך, אָן ק י י ן סימן פון אַ קינסטלערישן חן פּינטעלע.

די קריטיקער וועלכע איך האָב דאָ נאָר וואָס ציטירט האָבן נאָך אפילו ניט אַריינגעקוקט אין מיין בוך, אָבער איך האָב זיי שוין אויסגעהערטביידן און איך האָב אַ... שמייכל געטון.

אַז איך האָב געקענט אַ שמייכל טון פונם ערשטן קריטיקער לייגט זיך אייך אויפן שכל: ווער שמייכלט עס ניט ווען ער קריגט אַ קניפּ אין בעקל? אָבער ווי קען מען שמייכלען ווען מ׳קריגט אַ קניפּ ערגעץ אַנדערש...? סיידן געשמייכלט מיט... יאַשטשערקעס. זאָג איך אייך: ניין, דאָס איז אַ שמייכל אָ ן יאַשטשערקעס. אָט דער קניפּ קען מיר ניט ווייטון, שוין דערפאַר אַליין, וואָס נאָך איידער יענער האָט מיר דערלאַנגט דעם קניפּ האָב איך זיך אַליין דערלאַנגט נאָך אַ שאַרפערן. דעם סיניאַק פון אָט דעם קניפּ קען מען זען טאַקע... אין די שוואַרצע פּינטעלעך.

אין דער דערציילונג „בין השמשות”, ווו צוויי שרייבער, ביידע ניט זיכער ווו זיי האַלטן אין דער וועלט ניט נאָר מיטן מענטשן, נאָר אויך מיט דער ליטעראַטור, זאָגט איינער צום צווייטן: דער חסרון פון דיין בוך איז ד ע ר, וואָס דו האָסט אויפגעהערט מאָלן מ ע נ ט ש ן מיט דער פּ ע ן און געּנומען מאָלן ו ו ע ר ט ע ר מיטן מ ו י ל, פון אַ מ אָ ל ע ר ביסטו געוואָרן אַ ז אָ ג ע ר. ווען יענער ענטפערט אים אַז

זאָגן איז אויך אַ פאָרם פון שרייבן, אַז ער וועט אפילו אָט דעם געשפּרעך אָנשרייבן, ענטפערט אים דער ערשטער: דאָס וועט זיין אַ געשפּרעך, אַ שמועס, „קאָוזערי״, ווי דער פראַנצויז רופט עס, אָדער גאָר אויפן היימישן יידיש — פּלוידעריי, אָבער ניט קיין דערציילונג, מאַכט זיך דער צווייטער שרייבער קיין ווערן דערפון און ער זאָגט: דאָס וועלן מיר שוין זען.

איז אָט, ווי איר זעט, האָב איך זיך שוין אַליין גוט אָנגעקנייפּט, קען איך דעריבער זאָגן:

יש אומרים אַז אַ שיינע מיידל מעג אויך האָבן אַ ביסל שכל, ניט נאָר איז שכל גופא אַ מעלה פאַר זיך, די מיידל ווערט נאָך שענער דערפון. אַ בוך וואָס איז געשריבן מיט קאָפּ, אויב עס איז נאָר געשריבן גוט, קען עס זיין אי גוט, אי שיין. אַנדערע, ווידער, זאָגן אַז די מוזע איז צעקריגט מיט די קאָפּ מענטשן. אָט גייען אַרום יידן חכמים, און אַז עס קומט צום אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער, איז כאָטש נעם און שלעפּ אַרויס אַ שרייבער פון משוגעים הויז, ע ר זאָל עס טון פאַרן יידן דעם חכם, אַליין קען ער עס ניט. און וואָס דאַרפט איר מער? אַ פּראָפעסאָר, אַ פילאָזאָף, יענער האָט שוין זיכער אַן „אייזערנעם קאָפּ״, ער שרייבט טאַקע אָן אַ בוך אַ גאַנצן, אָבער ווער קען עס נעמען אין מויל אַריין? פון דער צווייטער זייט זעען מיר: אָט דרייט זיך אַרום אַ דיכטער, דוכט זיך אַ תם, קען קיין צוויי ניט ציילן, מיט אַמאָל טוט אים די מוזע אַ קוש, צי בלויז אַ גלעט, און עס קומט ביי אים אַרויס די שענסטע, טיפסטע פּאָעזיע, אַזוי אַז אַ קאָפּ איז לאו דוקא.

איז אַזוי. צי דאַרף מען אַ קאָפּ צום שרייבן, אָדער מ׳קען שרייבן אָן אַ קאָפּ, נעם איך זיך ניט אונטער צו פּסקענען היינט אויפדערנאַכט, זיכער איז אָבער אַז צום ל י י ע נ ע ן מוז מען האָבן אַ קאָפּ, סיידן איר לייענט די „קאָמיקס״...

איך האָב ניט איבערגעציילט וויפל שרייבער עס געפינען זיך דאָ אין זאַל, אָבער איר אַלע, די שרייבער אַריינגערעכנט, זייט דאָך ל י י ע נ ע ר, זאָג איך צו יעדן איינעם פון אייך: אַ געזונט אין אייער קאָפּ! נוצט אים געזונטערהייט ווען איר וועט אַריינקוקן אין די שוואַרצע פּינטעלעך . . . און אויב איר וועט דאָרט עפּעס געפינען, קאָפּ אָדער האַרץ, גוטס צי שלעכטס, לאָזט מיר וויסן. איך וועל אייך זיכער דאַנקען דערפאַר. ווייסט איר גאָר וואָס? נאַט אים אייך שוין —

אַ ד אַ נ ק!

פאַרן שפּיגל

וועגן זיך איז ניט שיין צו שרייבן: יהללך זר...
נו, איך קלייב זיך ניט זאָגן הלל, איך וויל „אפילו״ ניט דערציילן קיין „פּיקאַנטע״ איינצלהייטן, איך וויל עפּעס זאָגן וועגן ש. מיללערס ש ר י י ב ן. קען אַ שרייבער שרייבן וועגן ז י י ן שרייבן? און אָביעקטיוועטעט!
ניטאָ קיין אָביעקטיווע קריטיק. די מעשה אַז דער קריטיקער דאַרף זיין אַ מין דאָקטאָר, וואָס זאָל ראַטן זיין פּאַציענט ניט צו פאַרזוכן דעם ביטערן טראָפּן, הגם דער דאָקטאָר אַליין האַלט זייער שטאַרק פון מאַכן אַ לחיים, איז ניט מער ווי אַ מעשה. אפילו דער דאָקטאָר איז אויך גאָרניט אַזוי אָביעקטיוו, ווי מ'איז דאָס געניגט צו גלויבן. וואָלטן אונדזערע וויסנשאַפטסלייט אויפגעשטעלט אַזאַ מאַשין, אַ ליטעראַרישע פּאָטאָ צעל, וואָס זאָל דורכלאָזן רק קונסטווערק און פאַרבראַקירן שלעכטע ליטעראַטור, וואָלט אָט די מאַשין אויך געאַרבעט לויטן סוביעקטיוון געשמאַק פון דעם אינזשינער וואָס האָט אַנגעשטעלט די ליטע־פּאָטאָ־צעל. די טענה פון סוביעקטיוויטעט פאַלט, אַזוי אַרום, אַוועק, מער ניט, דאָ איז סוביעקט און אָביעקט איין און דער זעלבער מענטש. דאָס א י ז אַ שטיקל חסרון, דערפאַר איז אָבער אויך דאָ אַ מעלה — איך קען דעם „קעגנשטאַנד״ אפשר בעסער ווי וועלכער עס איז קריטיקער.
באַמערקונגען פון קריטיקער וועגן מיינע דערציילונגען האָבן מיך אָנגערעגט צום שרייבן אָט דעם אַרטיקל, דאָס מיינט אָבער ניט אַז איך וויל דאָ ענטפערן אָדער זיך אויסטענהן מיט זיי. מיט קריטיקער דאַרף מען זיך ניט אויסטענהן. זיי זיינען דאָך אויך ניט מער ווי מענטשן, יעדער איינער האָט זיך זיין געשמאַק, אַמאָל אויך זיין שיטה און, פאַרשטייט זיך, אויך זיין רעכט אַז איין בוך זאָל אים יאָ געפעלן ווערן, אַן אַנדער בוך ניט. וואָלט איך געוואָלט ענטפערן, וואָלט איך פּשוט אָנגעשריבן אַ בריוול. (צו איינעם אָדער צוויי טאַקע געשריבן) די באַמערקונגען פון די קריטיקער האָבן מיך אָנגערעגט צו מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש

וועגן מיין שרייבן, זען ווו האַלט איך אין דער וועלט פון שרייבן. אין דער וועלט פון צייט איז מיר געוואָרן פופציק, גאַנץ שפּעט פאַר אַזאַ פאַרשוין ווי איך... אויב עמיצער פון מיינע קריטיקער זאָל וועלן עס איז לייענען די ווערטער וועט ער אפשר זען אַז איך בין גאָרניט אַזאַ שלעכטער לייענער, הלואי אויף אַנדערע קריטיקער געזאָגט געוואָרן... דאָס געשריבענע קען אויך אינטערעסירן יענעם גוטן לייענער, ביי וועמען ליטעראַטור איז מער ווי אַ פאַרווייילונג.

מכוח ליטעראַרישע איינפלוסן.

ניט איין מאָל האָט מען מיר שוין אָנגעוויזן אַז איך בין „באַאיינפלוסט". איינער וויזט אָן — דוד בערגעלסאָן, אַ צווייטער — ל. שאַפּיראָ.

איך האָב אָן אַנונג פון וואַנען עס נעמט זיך דער איינדרוק. בער־געלסאָנס איינפלוס האָט מען דערטאַפּט אין מיין „בליאַסק אויף טאָג". גאָר פּשוט. בערגעלסאָן איז אַ קיעווער, איך אַ זוויהילער,ביידע וואָלינער, אין דעם זין ווי שלום עליכם איז אַ וואָלינער. מיינע יידן, דוד שאַפּיראָ אַ שטייגער, איז פון איין משפחה מיט בערגעלסאָנס יידן. די ראָם איז, אַזוי צו זאָגן, די זעלבע, און דער אָפּשיין פון ראָם איז שוין געפאַלן אויפן בילד. דער גוטער לייענער קען אָבער גרינג דערזען אַז דאָס בילד איז אַן אַנדערס, די ליניע אַן אַנדערע. בערגעלסאָנס ליניע — אַ דינע, אַ געקרייזלטע, אַ חנודיקע, גאַנץ אָפּט אַ געהנדלטע, מיין ליניע — אַ דינע, אַ גלייכע, אַ שאַרפע. בערגעלסאָן, אין זיינע גוטע מאָמענטן, איז אַ סינטעז פון מענדעלען און שלום עליכמען, אין זיינע שלעכטע מאָמענטן ווערט פון זיידענס פּקחות ביי בערגעלסאָנען אַ חכמהלע, בער־געלסאָן ווערט אַ ק ל ו ג י ט ש ק ע ר, שלום עליכמס געלעכטער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געלעכטערל, שלום עליכם לאַכט, בערגעלסאָן לאַכט אָפּ, כיכיקעט פון זיינע פאַרשוינען. איך קען פיינט האָבן מיינע פאַר־שוינען, שפּעטן פון זיי — ניט. איך קען זיין אין כעס אויף זיי, זיי מבייש זיין, בערגעלסאָן איז זיי מבטל. און וואָס איז נאָך אַזוי וויכטיק פאַר אַ שרייבער ווי זיין צוגאַנג צו מענטשן?

ל. שאַפּיראָס איינפלוס זעט מען דער עיקר אינם צמצום — קאַרג אויפן וואָרט. אַי, אין גאַנצן תנ"ך איז ניטאָ קיין איין לאַנגער זאַץ, און דעם תנ"ך האָב איך „אויך" געלייענט? נו... איניקע ווייסן אויך אַז איך בין נאָענט צו שאַפּיראָן אין לעבן, און ווי קלעפּט זיך עס ניט צו עפּעס? דאָקטאָר א. ראָבאַק, וואָס ווייסט מסתם ניט וועגן מיין נאָענטקייט צו שאַפּיראָן, האָט מיך אפילו באַטיטלט ווי שאַפּיראָס ליטעראַרישער

יורש (אין זיין ענגלישן בוך וועגן דער יידישער ליטעראַטור). געטון האָט ער עס אויפן סמך פון מיין „אונטערן בייטש". איך צווייפל צי האָט ער אין יענער צייט געהאַט געלייענט מער ווי די איינע דערציילונג, און פון איין דערציילונג שאַפן אַ באַגריף וועגן אַ שרייבער איז אַ ביסעלע צו... געוואַגט. דער אמת איז, שאַפּיראָס שטייגער שרייבן איז אַ סקולפּ־טאָרישער, מיינער אַ מאָלערישער. אַ גרויסער חילוק. און די שאַרפע סוזשעטן, לויט שאַפּיראָס אויסדרוק, די טעמעס מיט אַ קוויטש? ניט פון שאַפּיראָס „יידישע מלוכה" זיינען צו מיר געקומען די שאַרפע טעמעס, נאָר פון אונדזער צרהדיקן יידישן לעבן, און ווען איך האָב „געשווענגערט" מיט „אונטערן בייטש" האָב איך זיך ניט פּאַרקוקט אויפן „צלם". דער „צלם" האָט מיר אַ ביסעלע געשטערט. די נאַציס האָבן געזאָלט אויסקריצן אויף לעאָן לעוועטאַלס ברוסט דאָס וואָרט „יודע" אָדער דעם בוכשטאַב „יו" — האָבן זיי דאָך געקריצט... — היות אָבער ל. שאַפּיראָ האָט שוין געהאַט אויסגעקריצט זיין צלם און אים גוט איינגעקריצט אין דער יידישער ליטעראַטור, בין איך זיך באַגאַנגען אָן קריצן...

מיין אייגענע ווערסיע וועגן „באַאיינפלוסט".

איך בין אַ „שטאַרקער" לייענער, איך לייען אַ סך. ניט אַזאַ אָפטע דערשיינונג ביי שרייבער. אייניקע שרייבער דיינקען אפילו אַז פאַר אַ שרייבער איז שעדלעך צו לייענען. ניט ווייסנדיק אפשר פון דעם פילאָזאָף האַבבס, זאָגן זיי וואָס ער האָט געזאָגט: לייענען ביכער? כ'וועל דאָך ווערן אַזאַ אייזל ווי די שרייבער! ער אַליין האָט פונדעסטוועגן געשריבן און האָט געוואָלט אַז עפּעס „אַן אייזל" זאָל אים לייענען, כאָטש, לאָגיש, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ לייענער אַן אייזל? אַנדערע לייענען ניט ווייל זיי זיינען שטאַרק פאַרליבט אין זיך, אני ואפסי עוד... אין דער וועלט ביבליאָטעק דאַרפן שטיין בלויז מיינע ביכער. אַנדערע האָבן אפשר מורא, זיי קענען אויסגעפינען אַז עמיצער האָט שוין געשריבן בעסער פון זיי. דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט געשטערט אַ סך יידישע פּאָעטן, „אויסצו־בעסערן" היינען. ווי ס'ניט איז, איך לייען אַ סך. פון לייענען „קלעפּט" זיך עפּעס צו. אויבריידן פון איינפלוסן, איז ניט שייך צו ריידן וועגן דעם אָדער יענעם איינפלוס, ניט קיין „פלוס", נאָר אַ „רעגן" פון ליטע־ראַטור, און אין מיין פאַל וואָלט אפשר געווען ריכטיקער צו ריידן וועגן „אָנרעגונג" איידער „איינפלוס". איך האָב געלערנט פון אַ סך שרייבער, מכל מלמדי השכלתי, אָבער געלערנט האָב איך, דער עיקר, ווי נ י ט צו שרייבן. היינו?

מיין ערשטע ל י ט ע ר אַ ט ו ר איז געווען די רוסישע. תנ״ך, גמרא האָב איך געלערנט, ניט געלייענט, געלייענט דעם תנ״ך האָב איך ערשט יאָרן שפּעטער און לויט ווי מ׳האָט דאַן געלערנט, איז עס גאָר אַ גרויסער חילוק. די שרייבער: פּושקין, גאָגאָל, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, שפּעטער דאָסטאָיעווסקי.

די רוסישע שרייבער האָבן אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר נאַטור באַ־שרייבונגען. זיי האָבן זיך ממש פאַרכלינעט מיט דער נאַטור. געלייענט האָב איך זיי ווען איך בין געווען אַ יינגל פון אַ יאָר צען־צוועלף און זיי האָבן געמוזט מאַכן אויף מיר אַ גוואַלדיקן רושם. איך געדיינק, למשל, אַז איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד אויף... רוסיש, און דאָס איז געווען מאַלפּיש נאָכגעמאַכט פּושקינען, זיין פערז, זיין ריטם, מער ניט דער געדאַנק... מיינער. פאַרשטייט זיך, עס האָט געטויגט אין דר׳ערד. גאָגאָלן האָב איך פיינט געקראָגן פאַר זיין „זשיד יאַנקעל״, אַנדערע „זשידעס״, אָבער אין קאָפּ האָט געקלונגען: „טשודיען דניעפּר פּרי טיכאָי פּאָגאָדיע, קאָגדאַ וואָלנאַ אי פּלאַוונאָ מטשיט סקוואָז ליעסאַ אי גאָרי פּאָלניע וואָדי סוואָי״. היינט טורגעניעווס „זאַפּיסקי אָכאָטניקאָ״, די פעלדער, זונען אויפגאַנג און אונטערגאַנג, אַ מייסטערווערק, „כאָר און קאַליניטש״ — מלאכים אין פּאָסטעלעס, איין קלייניקייט — דער פּויער! אין יענע יאָרן איז ד אָ ס געווען ביי מיר ליטעראַטור — באַשרייבן. האָט דאָך גאָגאָל „עקזאַמינירט״ אַ יונגן שרייבער מיט אַ באַפעל — באַשרייב מיר דעם טיש!

אין מיינע אייגענע דערציילונגען איז ק י י ן „נ אַ ט ו ר״ כ מ ע ט ו ו י נ י ט אַ. היתכן? ווו איז אַהינגעקומען דער איינפלוס?

ווען איך בין שוין געווען אַ שרייבער, האָב שוין געהאַט אָנגעשריבן עטלעכע שלעכטע דערציילונגען, בין איך ערשט געוואָרן אַ „גוטער״ לייענער, לייענען ניט נאָר לשם פאַרגעניגן, נאָר זען וואָס זאָגט מיר יענער שרייבער, ווי אַזוי זאָגט ער עס מיר, און ווי רעאַגיר איך דערויף. און איך האָב אויסגעפונען אַז איך, דער לייענער, — אָה, הימל, עפּן זיך! — היפּער איבער די נאַטור באַשרייבונגען. איבערהיפּערן אין דאַווענען, נו, פאַרשטענדלעך, גאָט וועט ניט בדלות ווערן, אָבער אין לייענען! עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק. עס א י ז ניט גלאַטיק. איך בין מסתם ניט דער איינציקער גענאַרניק, וואָס אַנדערע דיינקען וועגן דעם ווייס איך ניט, כשאני לעצמי האָב איך אַ טראַכט געטון אַז באַשרייבן די נאַטור, סתם צוליב באַשרייבן, ווי דאָס האָבן געטון די רוסישע שרייבער, איז נאַריש.

ערשטנס, ווי דער שרייבער זאָל ניט באַשרייבן, ווי גוט ער זאָל דאָס מאַכן, וועט דער מאָלער עס נאָך אַלץ מאַכן בעסער. נאַטור איז אַן ענין פאַרן אויג, פאַרן פשוטן, פיזישן אויג, לכן לאָז איבער די נאַטור צו די מאָלער.

נומער צוויי. זיי, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, אַנדערע, האָבן געמאָלן פּריצים, פּויערים, נאַטור מענטשן, ממילא קען און דאַרף אַריינקומען נאַטור שילדערונג, ווייל מענטשן, אפילו אויפן פּאַפּיר, לעבן דאָך ניט „אינדרויסן”, אין אַ וואַקואום. די צרה איז מיט די רוסישע שרייבער, וואָס זיי האָבן איבערטריבן, זיי האָבן איבערגעמאָלט. אַ געמיט צושטאַנד פון אַ מענטשן פאָדערט אַמאָל אַ נאַטור באַשרייבונג, זי דאַרף אָבער זיין קורץ, שאַרף, באַלויכטן אויף אַ מאָמענט. פינף, זעקס געדרוקטע שורות איז איבערגענוג, זיי האָבן אָבער געשריבן גאַנצע זייטן, מייסטנס ביים אָנהייב, אַ מין מוזיקאַלישער פּרעליוד, אָבער גאַנץ אָפט אויך אינמיטן, מיר ניט, דיר ניט, סתם געמאָלן. פונם פאָרשפּיל האַלט איך גאָרניט, אַ שרייבער דאַרף אָנהייבן פון... מיטן, צוגיין דירעקט צו דער טעמע, זי אָננעמען פאַרן טשוב און זי האַלטן, באַהערשן. די באַשרייבונגען אינמיטן מוזן זיין קורץ, בלויז אויף אַזוי פיל ווי זיי זיינען נויטיק פאַרן מ ע נ ט ש ן, וואָס ווערט געמאָלן. זיינען זיי לייגער, ווערן זיי ניט נאָר איבעריק, זיי שטערן ממש, און דערפאַר היפּער איך איבער. אין קורצן, פאַרן שרייבער איז די איינציקע טעמע — דער מענטש. דער מענטש, וואָלט איך געזאָגט, איז די סובסטאַנץ, די „נאַטור” בלויז אַ געהילפס מיטל, און דער שרייבער מוז זיין זייער שפּאָרעוודיק, באַנוצן אים בלויז ווען נויטיק. די רוסישע שרייבער פון נאָך דער גאוגישער, טורגעניעוו־טאָלסטאָי־דאָסטאָיעווסקי, עפּאָכע האָבן עפּעס געלערנט אין דעם היגזיכט, זיי זיינען געוואָרן קאַרגער אויף נאַטור באַשרייבונגען, אָבער אַ ליטעראַרישע טראַדיציע וועפּט זיך ניט אויס אַזוי גיך, און אפילו אַזאַ קרעפּטיקער שרייבער ווי מ. שאָלאָכאָוו, „נאַטורעוועט” נאָך אויך צופיל.

מיינע מענטשן זיינען ש ט אָ ט י ש ע. פּאַר אַ שטאָטישן מענטשן, דאָ אין אַמעריקע, איז רעכט ער זאָל גאָרניט „באַמערקן” אַז די זון שיינט. ווען איך, מאָלנדיק אָט די מענטשן, זאָל זיך אַריינלאָזן אין נאַטור באַשרייבונגען וואָלט עס געווען פאַלש, קינסטלעריש פאַלש, איבעריק, אַ ראָקאָקאָ אָרנאַמענט אויף אַ וואָלקן קראַצער. מייד איך אויס די נאַטור. פון גאָגאָלס, טורגעניעווס נאַטורעווען צו נאַטורלאָזיקייט. איינפלוס, האַ?

גאָגאָלס „טשודיען דניעפּר...״ איז דאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרלוירן געגאַנגען. אָט איז די ערשטע שורה פֿון מיין דערציילונג „אַליין״: טעמפּ די טריט, טעמפּ דאָס טראַכטן אין דער תּפֿיסה צעל. די דאלעדן און די טעסן, די קאַדענץ פֿונם זאַץ דאַרפֿן איבערגעבן דעם טעמפּן קלאַנג פֿון טריט, דעם געמיט צושטאַנד פֿון דעם מענטשן. אָדער, די ערשטע שורה פֿון „רויט און שוואַרץ״: דער מוטערס קאָפּ האָט זיך געקירעוועט איבער דער קישן אין אַ האַלבן קרייז — פֿון אויער צו אויער. דעם זאַץ האָב איך איבערגעשריבן עטלעכע מאָל, אַריינגעפּאַקט אין אים אַזוי פֿיל קופֿן און רישן כּדי איבערצוגעבן דאָס בילד ווי אַ קאָפּ פֿון אַ קראַנקן מענטשן קירעוועט זיך. דער „פֿון אויער צו אויער״ גיט אויך אַן אָנדייטונג אַז דער מענטש ליגט אויפֿן רוקן. שרייבנדיק, האָב איך אַליין געקירעוועט דעם קאָפּ. איך בין ניט זיכער צי דער לייענער וועט אויך דרייען ז י י ן קאָפּ... ער וועט אָבער ניט קענען איבערלייענען דעם זאַץ אויף שנעל, ער׳ט מוזן נאָכגיין לויט מיין ריטם.

ווען איך האָב איבערגעלייענט אָט די צוויי ערשטע זאַצן פֿון צוויי פֿאַרשיידענע דערציילונגען האָב איך אַ טראַכט געטון: אפֿשר איז דאָס אַ ירושה פֿון גאָגאָלן, אַ גלגול פֿון זיין „טשודיען דניעפּר...״

איך זאָג „אפֿשר״, זיכער בין איך ניט. בעתן שרייבן האָב איך זיכער ניט געהאַט אינזינען גאָגאָלן מיט זיין שפּראַך, איך האָב פֿאַר זיך געהאַט מענטשן, בילדער, און אפֿילו ביים איבערשרייבן, ביים פֿאַרריכטן האָט גאָגאָל אפֿשר געווירקט אומבאַוווסטזיניק, באַוווסטזיניק איז מיין ציל געווען אַן אַנדערער. גאָגאָלס שורה איז שיין, אַזוי שיין, אַז מ׳ווערט פֿאַרכאַפּט שוין ניט אַזוי פֿונם דניעפּר, וואָס ער האָט געוואָלט אויסמאָלן, ווי פֿון זיין שפּראַך, מיינע שורות דאַרפֿן ניט זיין שיין, זיי דאַרפֿן אָבער ריכטיק און גענוי איבערגעבן דאָס בילד, אָנווייזן די שטימונג. אויב די זאַצן, אַנדערע, זיינען גאָגאָלס ירושה, זיינען זיי אָבער שוין געוואָרן מיינע בתורת חזקה, איך האָב איינגעזאַפּט זייער שיינקייט כּדי בעסער אַרויסצוברענגען מיין פּינקטלעכקייט, דאָס ר י כ ט י ק ע וואָרט איז וויכטיקער ווי דאָס ש י י נ ע.

און די „נאַטור״ מייד איך נאָר אויס ווען איך דאַרף זי ניט, אין חרם האָב איך זי ניט אַריינגעלייגט, ווען ניט ווען גיב איך אַ קורצע נאַטור באַשרייבונג, לײדער האָב איך ניט אַזאַ גוטן לייענער ווי גאָגאָל האָט געהאַט.

אין „רויט און שוואַרץ״ מאָל איך דעם וואַלד. איך האָב געמוזט געבן

דעם וואַלד: ניסן און סטיאָפּאַ גייען, שלאָפן אין וואַלד, קעמפן דאָרט. דער וואַלד מוז ווירקן אויפן געמיטס צושטאַנד פון די מענטשן, און טאַקע בלויז אויף אַזוי פיל האָב איך עס געוואָלט איבערגעבן. זיך „צעוואַלדע־ווען" ווערט דער לייענער איבערהיפּערן. פאַרוואָס זאָל ער זיין פרומער פון מיר? מאָל איך ד ר י י וועלדער. ווען מענטשן גייען זעען זיי דעם וואַלד אַנדערש ווי ווען זיי ליגן, אָפּגערעדט שוין ווען זיי שלאָגן זיך אויף לעבן און טויט. ווען זיי קענען גאָרניט זען דעם וואַלד, זיי שפּירן אים בלויז, הערן מער ווי זיי זעען. קומט צוגיין אַ קריטיקער, אַליין אַ דער־ציילונג שרייבער, און טוט זיך אַ שרייב כהאי לישנא:

„און דערנאָך ווערט באַשריבן דער קאַמף פון די פּאַרטיזאַנען אין וואַלד. אָט לאָמיר זען ווי ער מאָלט דעם וואַלד: דער וואַלד — אַ סקעלעט פון אַ ריזיקער געביידע..."

דער מענטש איז בלינד אויף ביידע אויגן. די סצענע פון די פּאַרטי־זאַנען ווי זיי שלאָגן זיך אין וואַלד איז באַשריבן אויף זייטן 37—38, און דאָרטן מאָל איך אַן אַ נ ד ע ר וואַלד. דאָס וואַלד בילד וואָס ער ציטירט איז אויף זייט 74, ווען זיי ל י ג ן אין וואַלד מיט די פּנימער אַרויף. בלויז אין אַזאַ פּאָזיציע קען אַ מענטש זען דעם וואַלד ווי אַ סקעלעט פון אַ ריזיקער געביידע, מ'קען באַזין אופן ניט זען דעם וואַלד אַזוי ווען מ'גייט, אָדער, נאָך ערגער, ווען מ'שיסט ביינאַכט, ווען שיין וואַרפער שניידן דעם וואַלד. דעם „קריטיקער" קימערט עס ניט, ער מישט צוזאַמען דריי וועלדער אין איין וואַלד. דאַרף אַ קריטיקער ניט קענען לייענען? דאַרף דער דאָזיקער קריטיקער, אַליין אַ דערציילער, ניט האָבן אַ בעסער אויג, אַ שאַרפערן חוש?

„ש. מיללער איז אין גאַנצן בוך דערציילונגען אַן אָבסערוואַטאָר, אַ פאָטאָגראַפיש קאַמעראַ אויג, וואָס זעט שיר ניט פיר דימענסיעס. זיין פאָטאָגראַפישער לענס איז שאַרף אָנגעשטעלט ניט אַזוי אויף די פּנימער פון זיינע העלדן, אויף זייער אויסזען, ווי אויף אַלץ וואָס טוט זיך אַרום זיי און אַמאָל אויך א י ן זיי", שרייבט י. פּריילי ך.

ש. ניגער שרייבט:

„זעלטן ווען אים געלינגט צו ווייזן אונדז זיינעם אַ העלד אין אַלע זיינע דריי דימענסיעס. זיין מייסטערשאַפט ליגט אין אַרויסברייגען דעם מענטשנס איינציקע געמיטס צושטאַנדן, און אויסמאָלן פאַר אונדז באַזונ־דערע פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס".

ביי איינעם זעט מען שיר ניט פיר דימענסיעס, ביי אַ צווייטן איז

אפילו קיין דריי ניטאָ. און פריילעך האָט דאָס בוך געלייענט אויפמערק־זאַם, און ניגער איז אַ גוטער לייענער. צווישן די צוויי לייענער שטייט דער שרייבער און פרעגט זיך: וואָס טוט זיך דאָ? נו יאָ, יעדער איינער זעט אַנדערש, אָבער איז ניטאָ אַ וועג אויסצומאָלן אַ מענטשן דער לייענער זאָל אים זען ווי א י ך זע אים, פילן וואָס איך האָב געפילט?

(2)

ווי זאָל אַ שרייבער אויסמאָלן אַ מענטשן?

אויף דער פראַגע קען מען ענטפערן: ווי ער קען נאָר, אַבי גוט, און דאָס איז אַ גוטער ענטפער. עס שטעלט זיך אָבער אַ פראַגע: איז ניטאָ קיין מעטאָדע אין אויסמאָלן מענטשן? דער ענטפער איז: יאָ, עס זיינען דאָ מעטאָדן, די מעטאָדן בייטן זיך, און אַ שרייבער, אויב אפילו ער ווייסט ניט, נוצט פונדעסטוועגן אַ מעטאָדע וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעאַרבעט ביודעים צי בלא יודעים.

די רוסישע שרייבער פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, אויך שרייבער אין אַנדערע ליטעראַטורן האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך פלאַץ אויסצומאָלן דעם מענטשן, זיין פּנים, זיין קערפּער, זיינע אַלע פּאָסטעמקעס, און געטון האָבן זיי עס מייסטנס ביים אָנהייב, אַריינגעבראַכט אַ מענטשן, איז געמומען זיך אים אויסמאָלן. אויף דער מעטאָדע האָב איך זיך דערצויגן.

ווען איך בין שוין געווען אַ שרייבער־לייענער האָב איך אויסגעפונען דריי זאַכן. ערשטנס, עס איז כלל ניט זיכער אַז איך, דער לייענער, זע טאַקע דעם זעלבן מענטשן וואָס דער שרייבער האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן ווען ער האָט אים אַזוי פּינקטלעך באַשריבן. גאַנץ אָפט, ביים לייענען אַ דראַמע, האָב איך אין מיין פאָרשטעלונג געזען איין מענטשן, אויף דער בינע האָב איך געזען דעם שוישפּילער אין אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט, און גאַנץ אָפט האָט דער שוישפּילער מיר געשטערט, ניט געהאָלפן, זעלטן ווען זיינען די צוויי מענטשן צוזאַמענגעפאַלן. דער שרייבער פון דער דראַמע האָט זיכער געמוזט פילן אָט דעם חילוק.

צוויי, דעם מענטשן, וואָס דער שרייבער האָט מיר אַזוי דעטאַל אויס־געמאָלן פאַרגעס איך לגמרי אין פאַרלויף פון דער דערציילונג, אויב זי איז לאַנג גענוג.

דריי, די מעטאָדע איז ניט קיין ריכטיקע. ניט ריכטיק דערפאַר, ווייל דער שרייבער פאַרפיקסירט אַ מענטשן גלייך ביים אָנהייב און ער

זוכט נאָכדעם צופאַסן, אָדער צוטראַכטן סיטואַציעס פאַר אָט דעם מענטשן. דאָס איז אַ וועג, אָבער ניט מיין וועג. עס איז אפשר גוט פאַר דער בינע, ווו אַלץ איז, אין אַ געוויסן זין, געקינצלט, עס איז אָבער ניט גוט פאַר דער דערציילונג, ראָמאַן. דאָרטן דאַרף דער מענטש אויסוואַקסן אין פאַרלויף פון דער דערציילונג, עס דאַרפן זיין ניט סיטואַציעס, נאָר פאַסירונגען, און פונקט ווי די דערציילונג דאַרף זיין דינאַמיש, מוז אויך דער מענטש זיין דינאַמיש, ער מוז זיך בייטן. פאַרפיקסירן אַ מענטשן גלייך ביים אָנהייב מיינט אים פאַראורטיילן צו בלייבן סטאַטיש.

איך בין ניט דער איינציקער וואָס האָט איינגעזען די אַלע זאַכן, נאָך שרייבער האָבן עס איינגעזען און זיי האָבן זיך געפּרוווט אַרויסהעלפן, יעדערער אויף זיין שטייגער. בערגעלסאָן, למשל, באַוואָרנט זיך קעגן דעם אַז דער אויסזען פון זיין העלד זאָל ניט פאַרגעסן ווערן מיט געבן אים אַ „ספּעציעלע פּרימעטע", מעג עס זיין אַ בראָדעווקע, גאַנץ אָפט העלפט ער זיך אַרויס מיט אַ „ווערטל", וואָס זיין העלד זאָגט, ווי „טשטאָ ווי, שוטיטע"? אין „מידת הדין". אויב דאָס ווערטל געפעלט אים אַליין, באַגייט ער די ליטעראַרישע עבירה פון איבערחזרן דאָס עטלעכע מאָל. ער האָלט, קענטיק, פונם לייענער זייער ווינציק, באַמיט ער זיך עס אַריינצוקלאַפּן דעם לייענער אין קאָפּ אַריין.

איך האָב דערמאָנט בערגעלסאָנען, וואָלט איך געקענט דערמאָנען ל. שאַפּיראָן. ער באַנוצט זיך אויך אַמאָל מיט דער מעטאָדע. די זוכער פון „איינפלוס" קענען שוין טריאומפירן: קענסט זיך לייקענען וויפל דו ווילסט, ביסט באַאיינפלוסט, ניט וויסנדיק באַאיינפלוסט.

נו, איך מוז אויסזאָגן אַ סוד: בערגעלסאָן האָט די מעטאָדע פון אַ ספּעציעלער פּרימעטע „געכאַפּט" ביי האַמסונען, פון וועלכן מ'זאָגט יאַקאָבי, בערגעלסאָן איז באַאיינפלוסט, און האַמסון האָט מסתמא אויך געלייענט עמיצן, אויב ניט קיין נאָרוועגישן — נאָרוועגישע שרייבער, זאָגט ער — לייענט ער ניט, — איז אַ דייטשישן, אָדער גאָר אַ... רוסישן שרייבער, און גיי ווייז אָן ווער ביי וועמען האָט גענומען, ווער איז באַאיינפלוסט פון וועמען.

עס האַנדלט זיך ניט וועגן השפעה, עס האַנדלט זיך וועגן לערנען. אַ שרייבער מעג, דאַרף לערנען. ער'ט זיך ניט אויסלערנען זיין אַ גוטער שרייבער, ער קען זיך אָבער אויסלערנען שרייבן גוט.

וואָס האָב איך געלערנט?

איך האָב געלערנט ניט צו טון דאָס וואָס די ערשטע שרייבער ווען

איך האָב געלייענט האָבן געטון. זיי האָבן אָפּגעמאָלן אַ מענטשן מיט אַמאָל? דאָס טויג ניט צוליב די אויבנגעבראַכטע אויסזעצונגען. דער פּאָרטעל מיט דער ספּעציעלער פּרימעטע, אַמאָל טויג ער, אַמאָל ניט, און אפילו ווען גוט, איז עס מער אַ טעכנישער „טריק", בעסער איז מאָלן דעם מענטשן צוזאַמען מיטן אַרום, פון איינצלנע פּעדעם אויסוועבן אַ גאַנץ געוועב, אין לויף פון דער דערציילונג געבן דאָ איין שטריך, דאָרט אַ צווייטן, מענטש און פּאַסירונג זאָל האַרמאָנירן, דאָס בילד פונם מענטשן זאָל פאַרענדיקט ווערן צוזאַמען מיט דער דערציילונג. אין פאַרלויף פון דער דערציילונג זאָל דער לייענער ניט זען אַ פּאָרטיקן „העלד", זאָל ער אים פילן. דער שרייבער דאַרף שאַפן די אַטמאָספּערע, די שטימונג אַרום אים, דאַן מאַכט שוין ניט אויס אויב דער לייענער וועט ניט זען דעם שרייבערס מענטש, זאָל ער זיך זען ז י י ן מענטשן, ווי ער האָט אים אויפגענומען, דערפילט און, הלואי, זאָל ער אים איינזאַפּן, אים ניט פאַרגעסן.

קומט טאַקע אויס ביי י. פריילנער אַז איך שאַף די אַטמאָספּערע, די שטימונג, נאָר די מענטשן זיינען ניט פולבלוטיק. ביי ניגערן קומט אויס אַז איך מאַך קינסטלעריש פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן. דער אמת איז — איך מאָל אַ מענטשן, מאָל אים אויף מיין שטייגער. אַ מאָלער וואָלט שוין צוגעטשעפּעט אַן עטיקעט — אימפּרעסיאָניזם, עקספּרעסיאָניזם, צי אַן אַנדער איזם...

איז דאָס די בעסטע מעטאָדע? הייבט זיך ניט אָן. איך ווייס אפילו די חסרונות. דער הויפּט חסרון איז וואָס יעדער איצט האָט אַ פריער און אַ שפּעטער, יעדע פּאַסירונג איז אַ רינגעלע אין אַ קייט, דער היינ־טיקער מענטש איז אויך אַ נעכטיקער און אַ מאָרגנדיקער, און גיי מאָל אים אויס א י נ ג א נ צ ן. מ'קען זיך אַרויסהעלפן מיט „דאָס האָט אים דערמאָנט", אָבער דאָס איז אויך צו קינצלעך, אויך אַ „טריק". דער אַזוי גערופענער „געדאַנקען שטראָם" העלפט אַרויס, מ'דאַרף אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק ניט צו פאַרבלאָנדזען אויף דזשיימס דזשאָיסעס בלינדע וועגן. דזש. דאָס פּאַסאָסעס שטייגער — אַרבעטן אויף דריי פלאַכן — איז אַ אינטערעסאַנטע פאָרזעצונג פון דזשאָיסן, אָבער עס שמעקט צופיל מיט ליטעראַרישער לאַבאָראַטאָריע.

אָט די אַלע טעכנישע זאַכן זיינען ניט סתם פאַך ענינים, ווי למשל די סודות פון דער פאַרב אינדוסטריע. די אַלע מיטלען ווערן באַנוצט

צוליב איין צוועק — אויסמאָלן אַ מענטשן, און דאָס מיינט פאַרשטיין דעם מענטשן. דאָס איז שוין אַן ענין ניט נאָר פאַר פאַכלייט.

איין לייענער אָדער שרייבער זאָגט: ווער דאַרף דיין העלד, זיין פנים, צי זיינע הענט און פיס, דו גיב מיר זיין נשמה, אָט וואָס איך וויל פאַרשטיין! אַ צווייטער זאָגט: נשמה? אויב ס'איז דאָ אַזאַ „באַשעפעניש" האָט זי קיינער ניט געזען אַרומגיין אין גאַס אַ נאַקעטע. נשמה דאָס איז גוט פאַר פילאָזאָפן, דער קינסטלער מוז האָבן עפּעס אויף וואָס זיין אויג זאָל פאַלן, ער זאָל עס קענען אָנטאַפּן, חושים, חושים! מאָל פנימער, הענט, פיס, און אויב זיי זיינען געמאָלן גוט וועט די נשמה זיך שוין אַרויסווייזן.

מאָלן פון אינעווייניק אָדער פון דרויסן?

פון דרויסן אָדער פון אינעווייניק, קען גאָר דער שרייבער דערגרייכן אַזאַ זאַך ווי אויסמאָלן אַ מענטשן? איז די שרייב קונסט גאָר מסוגל דערצו?

דער מאָלער און שרייבער לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט געפּסקנט אַז ניין, דער שרייבער קען ניט. אין זיינע טאָג ביכער האָט ער אָנגערופן די פּאָעזיע — בלינדע מאָלעריי. מאָלעריש גערעדט איז ער געווען גערעכט. ווי גוט דער שרייבער זאָל ניט אויסמאָלן זיין מענטשן, אים אויסמאָלן מיט אַלע פּיטשעווקעס, וועט דער לייענער אים פאָרט ניט דערזען אַזוי דייטלעך ווי ווען ער זאָל אַ קוק טון אויף אַ בילד פון דעם זעלבן מענטשן וואָס אַ מאָלער האָט אויסגעמאָלן. קען ווער פאַרגלייכן אַ ראָמאַן וועגן רעמבראַנדטן מיט זיינעם אַ זעלבסטפּאָרטרעט? שוין דאָס אַליין וואָס דאָס אויג קען אַריינכאַפּן דאָס גאַנצע בילד כהרף עין, בעת לייענען דאַרף ער אַ לייגערע צייט, שטעלט אַוועק דעם שרייבער אין אַ ערגערער לאַגע. דאָ איז דער מאָלער אויפן פערד. דעם מאָלערס בילד איז אפשר דער גרונטשטיין פון דער פּסיכאָלאָגישער שול — געשטאַלט פּסיכאָלאָגיע.

עס איז אָבער דאָ אַ צווייטע זייט. דערזעלבער רעמבראַנדט האָט געמאָלן אַ היפש ביסל אויטאָפּאָרטרעטן. איז ער דאָס געווען אַזוי פאַרליבט אין זיך? איך צווייפל. ער, דער געניאַלער קינסטלער, האָט געוווסט פונם סוד אַז לעבן, דער מענטש, איז ניט סטאַטיש, דאָס איז אַ פּראָצעס פון ווערן, דער מענטש פון היינט איז ניט פון נעכטן און אויך ניט פון מאָרגן. היות אין אַ בילד קען ניט זיין קיין אָנגאַנג (קאָנטינואיטעט) מוז ער שאַפן אַ ניי בילד. דאָ איז שוין דעם שרייבער בעסער: דער מענטש קען וואַקסן מיט דער דערציילונג. אויף דער הנחה האָט עס פּרוסט געבויט זיין „צייט" בוך.

לעאָנאַרדאָ האָט עס אויך איינגעזען. אָנרופנדיק פּאָעזיע בלינדע מאָלעריי, רופט ער אָן די מאָלעריי — שטומע פּאָעזיע. ער האָט אויך איינגעזען די באַגרענעצטקייט פון בילד, מער ניט, פון די צוויי פּאַרמען האָט ער בעסער ליב געהאַט די מאָלעריי.

אויסמאָלן אַ מענטשן, דער עיקר פון אינעווייניק אויף אַרויס, קען טאַקע דער שרייבער בעסער פונם מאָלער, אָבער אויך די פּאָעזיע איז שטום לגבי דער מוזיק. ממעמקים קראתיך ד׳ זיינען ווונדערבאַרע דריי ווערטער. זיי קענען אויפרודערן דעם מענטשנס געמיט. ווען אַ טשעליסט זאָל אָבער אויסשפּילן די דריי ווערטער אויף זיין טשעלאָ וואָלט די אויפרודערונג געווען אָן אַן ערך טיפער. עס וואָלט געווען טיפער ניט נאָר דער „עמק״, נאָר אויך דער „קרא״, און ממילא וואָלט דער ה׳ געווען העכער. ניט נאָר אַזאַ פּוסטע כלי ווי אָסקאַר ווײַלד, נאָר אפילו אַזאַ גאון ווי טאָלסטאָי וואָלט ניט דערגרייכט אַזוי טיף ווי אַ פּאַבלאָ קאַסאַלעס אויף זיין טשעלאָ. און דריי ווערטער זיינען געגנוג פאַרן טשעליסט. איז דאָך דאָ אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע אויף דעם איינעם וואָרט „הללויה״, אפשר איז אויך דאָ אַ קאָמפּאָזיציע אויף ממעמקים קראתיך ה׳. איך בין ניט באַהבנט.

זעען מיר אַז אויך לגבי דער מוזיק איז דער שרייבער הינטערשטעליק. אָבער אויך דאָ האָט דער שרייבער זיין אויבערהאַנט. אין דער ליטעראַטור קען מען ניט וויינען אַזוי טיף ווי אין דער מוזיק, אָבער וואָס קען דער מוזיקער טון מיט שטומען צער? דאָ מוז שוין די מוזיק שטומען, דער שרייבער קען יאָ אים אויסמאָלן.

איך האָב דאָ אָנגערירט די דריי פּאַרמען פון קונסט ניט סתם אין דער וועלט אַריין, אָדער צוליב זען „ווער איז שענער״. שיין זיינען זיי אַלע, אַזוי שיין אַז גאַנץ אָפט ווערט אַ קינסטלער פאַרפירט פון אַ לינקער געליבטער. איך האַלט, למשל, אַז דעביוסי האָט באַדאַרפט זיין אַ מאָלער, ניט קיין מוזיקער. ווען ער מוזיצירט אויס אַ לאַנדשאַפט מוז מען אויף דער קאָמפּאָזיציע פונדעסטוועגן אָנשרייבן „וואָלקנס״ צי „אַ פרימאָרגן״, ווען ער זאָל געווען אויסמאָלן, ניט אויסשפּילן די וואָלקנס, וואָלט מען אַזאַ אויפשריפט ניט געדאַרפט. ער האָט פּשוט פאַרבלאָנזעט, געוואָלט מאָלן מיטן סמיטשיק אויף די סטרונעס אָנשטאָט מיטן פּינזל אויף לייוונט.

דאָ אויך שרייבער וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן. איינער זאָגט: צו וועלכע שוואַרץ יאָר דאַרף איך אינהאַלט? ווער וויל עס עפּעס זאָגן? מיין אַרבעט איז אויסמאָלן אַ בילד. אַ ב י ל ד, ניט מער. אַ צווייטער

האָט געזאָגט: קלאַנג! ניט וויכטיק צי די ווערטער האָבן עפּעס אַ זין, עס קלינגט גוט? מער דאַרף מען ניט. אָט די שרייבער זיינען פאַרפירט געוואָרן פון אַנדערע קונסט פאָרמען. די שרייבערישע קונסט איז כולל אין זיך, דאַרף אַנטהאַלטן אי מאָלערישקייט, אי קלאַנג, און... אויך אינהאַלט.

אויב גוייִשע שרייבער קענען זיך נאָך פאַרגינען דעם לוקסוס „מאַכן צאַצקעס", סתם לנוי, איז אָבער פאַרן יידישן שרייבער דער מאי קא משמע לן פּונקט אַזוי וויכטיק ווי דער איך קא משמע לן. ש. ניגער רופט מיך אָן „מאָראַליסט". מיר דוכט ער האָט עס ניט געמיינט לגנאי. איך שעם זיך ניט דערמיט, יאָ, איך וויל עפּעס זאָגן, און איך באַמי זיך צו זאָגן עס אויף אַ מאָלערישן אופן.

(3)

פּונקט ווי דער מאָלער ווייסט דעם ווערט פון פאַרב, איך וואָלט שיר ניט געזאָגט, ער איז אינטים מיט זיינע פאַרבן, אַזוי מוז אויך דער שרייבער וויסן דעם ווערט פון ווערטער. ער דאַרף זיי ניט נאָר הערן, זיי דאַרפן ניט נאָר זיין קלאַנגפול, ער דאַרף זיי אויך זען, יעדער וואָרט דאַרף הינטער זיך האָבן אַ בילד, ער דאַרף אויך פילן דאָס וואָרט, ממש פילן אויפן צונג, וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט, און אויך פילן אין ד ע ם זין, עס זאָל ווירקן עמאָציאָנעל. אַ וואָרט, און דער עיקר אַ זאַץ, דאַרף אין זיך האָבן שפּאַנונג. דערפאַר בין איך אַזוי מקפיד אויף שפּראַך.

שפּראַך מיינט ניט שאַפן ווערטער. משה נאַדיר האָט געשאַפן אַ סך ווערטער, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען געבליבן אויף זיין שרייב טיש. זייער ווייניק קאָבינעט געשאַפענע ווערטער גייען אַריין אין פאָלק. פון דעם פאָלקס שפּראַך אוצר נעמען ווערטער און מיט ז י י עפּעס אויפטון. און וואָס קען מען ניט אויפטון מיט ווערטער? נעמט צו ביי שלום עליכמען די שפּראַך, וואָס בלייבט? מ י ט דער שפּראַך — וואָס פאַר אַ קינסטלער! און, שטראָף מיך ניט גאָט פאַר דער אפּיקורסות, זעצט איבער שעקספּירן אויף „בעיסיק ענגליש", וואָס פאַר אַ פּנים ער וואָלט געהאַט, דער „אַלטער בילל".

רעדט מען פון שפּראַך, קומט צוערשט דער מעטאַפאָר. מעטאַפאָר איז דער אלף פון קינסטלערישער פּראָזע. מעטאַפאָר איז ניט נאָר אַ פאַרגלייך, ער דריקט אויס דעם אופן פון באַנעמען. באַנעם איך אַ זאַך

אויף אַ נייעם אופן, אויף מיין אייגענעם שטייגער, מוז איך עס איבערגעבן דורך אַ נייעם, מיין אייגענעם מעטאַפאָר. דערביי מוז מען געדיינקען אַז מעטאַפאָר מיינט ניט סתם אַ באַפוצעכץ, און וואָס מער „פּאַטשערקעס״ אַלץ בעסער. דער פאַרגלייך מוז זיין בילדלעך, פינקטלעך, מ׳זאָל דערזען, דערפילן.

בופאָן האָט געזאָגט: דער סטיל — דאָס איז דער מענטש. דאָס „ווערטל״ האָט זיך צוגעקלעפּט, געוואָרן שיר ניט אַ דאַגמע פון ליטעראַרישן שולחן ערוך. צעקייט מען אָבער די ווערטער, זעט מען אַז בופאָן האָט גאָרניט געזאָגט וועגן סטיל. ער האָט אפשר געזאָגט עפּעס וועגן דעם מענטשן, דעם שרייבער, לויטן סטיל קען מען דערקענען דעם מענטשן, און דאָס איז אויך נאָך ניט אַזוי זיכער, אָבער ווי דערקענט מען סטיל? זיך באַקענען מיטן מענטשן? פאָלג מיך אַ גאַנג, גיי באַקען זיך מיט מיין ערשטן „שרייבער״, משה בן עמרם, כדי איך זאָל באַנעמען זיין סטיל.

ווען איך וועל זאָגן: אין זיין מעטאַפאָר וועסטו דערקענען דעם סטיל פון דעם שרייבער וועל איך זיין נענטער צו אַ דעפיניציע פון סטיל ווי בופאָן. לכן — מעטאַפאָר.

יינגלוויז, ווען איך האָב געלייענט מענדעלען, שלום אַשן, ביי ווען די בוימער זיינען געשטאַנען שמונה עשרה, האָב איך אָנגעקוואָלן דערפון. פאַר מיר איז דאָס געווען זייער בילדלעך, אויסגעצייכנט גוט. מיט יאָרן שפּעטער בין איך געשטאַנען אין אַ קלאַס פון אַ יידישער שול און האָב פאַר אַמעריקאַנער יידישע קינדער געלייענט ווי די בוימער שטייען שמונה עשרה. איין יינגל האָט אַ פרעג געטון: שמונה עשרה? „וואַטס דעט״? לכתחילה האָט דער כהן אין מיר זיך אַ רודל געטון — אַמעריקאַנער זשלאָבעס! שמונה עשרה, וואַטס דעט? לא הקפדן מלמד. האָב איך רויק ווי מעגלעך דערקלערט די קינדער וואָס איז שמונה עשרה, אפילו געפּרוווט ווייזן די קינדער ווי די בוימער שטייען דאָס שמונה עשרה, און איך האָב געזען... די קינדער האָבן געדיינקט דאָס איז זייער... „פאַני״...

אויפן סמך פון דעם אינצידענט קען מען ברוגז ווערן אויף די אַמעריקאַנער קינדער, אַמעריקאַנער יידן, מ׳קען אָבער אויך לערנען דערפון אַז אויב מענדעלע, אַש, אַנדערע שרייבער פון יענער צייט האָבן געמעגט זיך באַנוצן מיט אַזעלכע מעטאַפאָרן, טאָר אָבער דער היינטיקער, דער נאָך־בית־מדרשדיקער שרייבער, זיך ניט באַנוצן מיט זיי. אַ שפּראַך וואַקסט, בייט זיך מיט די לעבנס פאָרמען, און דער שרייבער וואָס וואַקסט

ניט מיט, וואָס נוצט נאָך אַלץ אַלטע אַנגענומענע פֿאָרמען, פֿאַרגלייכן, שרייבט „אויף רעלסן", ער פֿאָרט אויף אַ וועג וואָס אַנדערע האָבן פֿאַר אים אויסגעלייגט, כאָטש דער לייענער פֿאָרט ניט מיט.

אַ ביסל קלאָרער מאַכן.

די יידישע ליטעראַטור — איך מיין די נייע יידישע ליטעראַטור — האָט זיך אָנגעהייבן דאַן ווען דער יידישער שאַפֿער איז אַרויס פֿון בית מדרש. שאַפֿונגס גייסט האָט קיינמאָל ניט געפֿעלט ביי אונדז יידן, ער איז אָבער איינגעשטאַנען אין בית מדרש. אַ יידן האָט געטריבן צום שרייבן האָט ער אָנגעשריבן אַ נייעם פּירוש אויף מסכתא סוטה... אַוועק פֿון בית מדרש האָבן מיר געגומען שרייבן ליטעראַטור, אָט טאַקע ווי די „גויים". דער בית מדרש איז אָבער נאָכגעגאַנגען ווייל דאָס יידישע לעבן איז נאָך אַלץ געווען אַ בית מדרש לעבן, דערפֿאַר האָבן די בוימער געקענט שטיין שמונה עשרה. אונדזער לעבן האָט זיך אָבער ראַש געביטן, די בוימער זיינען „אויסגעשטאַנען שמונה עשרה". יעדער פֿאַרגלייך וואָס דערמאָנט אָן בית מדרש, אין ברייטן זין פֿון דעם באַגריף, איז איצט אַן אָפּגעריבענע מטבע. וואָס פֿאַר אַ בילד קען איצט אַרויסרופֿן ביים יידישן לייענער אין רוסלאַנד אָדער אין אַמעריקע (אויב אַזאַ לייענער איז דאָ) אַזעלכע אויס־דרוקן ווי די שוין דערמאָנטע בוימער וואָס שטייען שמונה עשרה, „ער קוקט ווי אַ האָן אין בני אדם", „אַריינגעפֿאַלן ווי אַ יון אין סוכה" און ענלעכע אויסדרוקן? זיי זיינען דאָ אין דער ליטעראַטור, און זיי דאַרפֿן דאָרטן זיין, פֿאַרן בעסערן לייענער, פֿאַרן ליטעראַטור לערנער, פֿאָרשער. דער היינטיקער שרייבער דאַרף אָבער ניט זיך באַנוצן מיט אַזעלכע פֿאַר־גלייכן, ער מעג און דאַרף אַוועקגיין פֿון „ריטואַל", פֿון אַלטע וועגן. אַלטע חכמה קען אַמאָל פּשוט זיין פֿאַרטעמפּטע געוווינהייט. פֿאַראַפֿראַזירנדיק אַן ענגליש ווערטל:

מיר האָבן ליב מטבעות פֿון עבר,
ניט אַזוי צוליבן גאָלד ווי צוליבן זשאַוור.

ש. ניגער און נאָך אים ה. לייוויק האָבן זיך שטאַרק מתרעם געווען אויפֿן יידישן לייענער — ער קען ניט דעם תנ״ך, און יעדער סימילע וואָס איז אויף וועלכן עס איז אופֿן פֿאַרבונדן מיטן תנ״ך איז אים פֿרעמד, דער יידישער עולם ווערט אַן עם הארץ, נאָך אַן ערגערער ווי דער גויישער, יענער „קען יאָ זיין ביבל".

דער „גוי", אפֿילו דער ענגלענדער, קען זיין ביבל ניט מער ווי דער ייד זיין תנ״ך. אַ בלבול אויפֿן ענגלענדער אַז ער קען און אויפֿן יידן

אַז ער קען ניט. דער ענגלענדער רעדט אַ ביסל ביבליש, ווי מר. זשארדין האָט גערעדט פּראָזע, ניט וויסנדיק אַז ער רעדט ביבליש, די ביבל איז אַריין אין דער ענגלישער שפּראַך. אין ד ע ם זין רעדט דער ייד, דער דורכשניטלעכער ייד וואָס רעדט יידיש, מער ביבליש ווי וועלכעס איז אַנדער פֿאָלק אין דער וועלט. אין דער „יידישע שפּראַך" האָב איך פֿאַר־צייכנט הונדערט אויסדרוקן פֿון חומש, וואָס פּשוטע יידן און יידענעס נוצן אין טאָג טעגלעכן געברויך. איך האָב פֿאַרצייכנט נאָר הונדערט, בלויז פֿון חומש, און רק פֿון פּשוטע יידן, דער למדן האָט געהאַט אָן אַן ערך מער. עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם תנ"ך, דער ביבל, עס האַנדלט זיך וועגן לעבן, אַ לעבעדיקער שפּראַך.

ביי די גויים איז אויך דאָ אַ „שמונה עשרה". געווען אַמאָל גריכישע שרייבער וואָס האָבן געשאַפֿן אַ גריכישע מיטאָלאָגיע, פֿאַר יעדער נאַטור דערשיינונג אַ גאָט. דעריבער האָט אַ כינעזישער לייענער פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אָדער איך, אַ ייד אַ כופר בכל הגעטער, געמוזט דווקא לייענען אַז אַפּאָלאָ איז געפֿאָרן אויף זיין רייטוואָגן, דיאַנאַ איז געגאַנגען שפּאַצירן, פּלוטאָ האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, און ניט אַז די זון און די לבנה האָבן געשיינט, אָדער עס האָט געגאָסן אַ רעגן. זיי טשוכען זיך אויס, די גויים, זייערע דיכטער „דיאַנעווען" מער ניט אַזוי פֿיל און די פּראָזאַיקער „פּלוטעווען" שוין מער ניט, און וואָס איז חל אויף יופּיטערן איז חל אויך אויף יעהאָוואַן, צייט אויסצושטיין שמונה עשרה... דער יידישער מאָלער מוז זיך אויסלערנען ווי אויסצומאָלן אַ יידן אָן באָרד און פּיאות, אָן אַ טלית קטן מיט ציצית דריי איילן די לענג, און ער זאָל דאָך זיין אַ ייד, דער יידישער שרייבער דאַרף קענען אויסמאָלן בוימער, סתם בוימער, ניט דווקא ווי זיי שטייען שמונה עשרה.

דער ענגלענדער אָלדוס האָקסלי פֿאַרגינט זיך נאָך היינט אויף פֿאַר־קריכן צו דער גריכישער מיטאָלאָגיע, אָדער סתם נוצן אויסטערלישע, בעסער געזאָגט, עזאָטערישע מעטאַפֿאָרן. אין זיין בוך „צייט מוז זיך אָפּשטעלן" טוט ער אַ שרייב כהאי לישנא: „...מיט אַמאָל — טראַך, ווי אַ נאָטע פֿון סקריאַבינען אינמיטן אַ האַידען קוואַרטעט". דאָס וויל ער איבערגעבן אַז איינס צום אַנדערן האָט זיך געפּאַסט ווי אַ פּאַטש צו אַ גוט שבת. דער חילוק איז, וואָס אַ פּאַטש צו אַ גוט שבת קען יעדער איינער דערזען, סקריאַבין און האַידען קענען זייער ווייניק דערהערן.

האָקסלי טוט עס פּשוט מחמת סנאָביזם. ער איז אַ קולטורעלער סנאָב (און אַ ראַפֿינירטער אַנטיסעמיט דערצו), און וויל ווייזן — כאַמעס! איך,

נאָר איך בין דער אמתער קונסט מבין. ביי אונדז יידן זײַנען אָבער דאָ שרײַבער, ניט קיין סנאָבס, און אויך זיי טוען זיך אַ שרײַב: דער הימל, אַ סעזאָן הימל, איז געהאנגען...

אַ סעזאָן הימל. הייליקער סעזאָן! ניט קיין בלויער, גרויער, רויטער, פערלמוטער הימל, נאָר אַ סעזאָן הימל. האָסט געמעגט שווערן סעזאַנס הימל הײַנגט איבערן קאָפּ פון דער מענטשהייט, יעדער איינער זעט אים טאָג אײַן טאָג אויס. אַזאַ שרײַבער ווילט זיך אַ פרעג טון: וואָס ביסטו אויסן מיט דײַן סעזאָן הימל? ווילסט דאָך דער לייענער זאָל ד ע ר ז ע ן דעם הימל, און ווי אַז ער האָט קיינמאָל ניט געזען סעזאַנס בילד מיט אַ הימל?

אַ פאַרגלײַך דאַרף מאַכן בילדלעכער, דאָס מיינט, באַנוצן אַזאַ וואָרט הינטער וועלכן יעדער איינער זאָל קענען דערזען אַ בילד, מיט ד ע ם בילד מאַכן קלאָרער דאָס ניט אַזוי בולטע. דוכט זיך אלף בית, האַ? און וויפֿל שרײַבער פאַרטונקלען זייערע בילדער מיט זייערע פאַרגלײַכן, אָנשטאָט זיי באַלויכטן.

נאָך וועגן פאַרגלײַכן. דאָס פאַרגליכענע דאַרף זײַן קלענער פונם פאַרגלײַך. די כלה האָט געשײַנט ווי זיבן זונען, אין איר פּנים איז געווען ניט אַרײַנצוקוקן, איז גוט, אָבער אַז די זון שײַנט ווי אַ חתן וואָס גייט צו דער חופה איז פאַרגליכן אַן עלפאַנט צו אַ פליג, זייער אַ שלעכטער פאַר־גלײַך, אויב אפילו דאָס געפינט זיך אין... תנ״ך.

פון תנ״ך קען מען אויך לערנען ווי... ניט צו שרײַבן. אַ שרעקלעכע אפיקורסות? ניט געפּעדלעד. איך האָב פריער געזאָגט אַז אין גאַנצן תנ״ך איז ניטאָ קיין איין לאַנגער זאַץ. דאָס וואָלט יעדער שרײַבער געמעגט וויסן און עפּעס לערנען דערפון, לערנען זיך שרײַבן אַ קורצן, ניט פאַרדרייטן זאַץ. איך האָב געשפּיגן קלעק פון מאַרסעל פּרוסט ניט נאָר פאַר זײַן זנות, זײַן סנאָביזם, נאָר אויך פאַר זײַן בויען אַ זאַץ. אַ מענטש גיט אַוועק אַ צוואַנציק זײַטן אויף אויסמאָלן אַ גראַפיניעס אַ קליידל, צי אַ קימאָנאָ, דערביי פאַרגינט ער זיך צו שרײַבן אַ זאַץ אויף ד ר י י ג ע ד ר ו ק ט ע ז י י ט ן. דאָס איז אַ פלאָנטער, ניט קיין זאַץ. ביי טאָלסטאָיען האָט ל. שאַפּיראָ געפונען אַ זאַץ אויף זעכצן געדרוקטע שורות. נאָך דער רעוואָלוציע איז געקומען באַריס פּילניאַק אין זײַן „גאָלי גאָד" און אָנגעהייבן שרײַבן אַ זאַץ פון דריי פיר ווערטער. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציע אין דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס איז, אין אַלגעמיין, געווען אַ לאַנג אָטעמדיקע. ביי אונדז האָט דעם קורצסטן זאַץ געשריבן

י. ל. פּרץ, ער האָט אָבער צופּיל... געפּינטלט. דאָס טויג אויך ניט. ל. שאַפּיראָס קאָנדענסירטער זאַץ, י. אָפּאַטאָשוס שאַרפער זאַץ איז אַ סך בעסער.

ווען איך זאָג לערנען פון תנ״ך ווי ניט צו שרייבן, מיין איך די אָריענטאַלישע אָרנאַמענטיק. „שני שדייך כשני עפרים״ איז אַ ביסעלע צו היפּש אפילו פאַר אַן אַם, און אויב דאָס מיינט טאַקע משה ואהרן, האָבן זיי געמוזט זיין קאַרליקעס. „צוארך כמגדל דוד״ איז אפשר גוט פאַר אַ פרייהייט סטאַטוע, ניט פאַר קיין לעבעדיקער יידישער טאָכטער. „האזינו השמים ואדברה״ איז רעטאָריק, דער „אַדרעס״ — השמים — איז אַ ביסעלע מטושטש, און ״תזל כטל אמרתי״ איז זיסע מליצה.

נו יאָ, איך ווייס די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר... צוריק. אין אונדז יידן לעבט אָבער נאָך, קענטיק, אָט דער אָריענטאַלישער שטריך. אַן עלטערער ייד פאַרגינט זיך נאָך היינט צו אַדרעסירן אַ בריוו: כבוד ידידי הנגיד, המפורסם, כבוד שמו תפארתו... אויף ספרים געפינט מען נאָך „עוקר הרים״ און ענלעכע טיטולן אָנגע־הויפט איינער אויפן אַנדערן. די העברעאישע ליטעראַטור ליידט נאָך היינט פון מליצה, און אין דער יידישער ליטעראַטור, דער עיקר ביי אונדזערע ראָמאַנטיקער, געפינט אָט דער אָריענטאַלישער שטריך זיין אויסדרוק אין צופיל פאַרגלייכן, צופיל אדיעקטיוון, איינער אויפן, איבערן אַנדערן. דערגרייכט ווערט אָפטמאָל דאָס פאַרקערטע, אַנשטאָט פאַר־שטאַרקערן, שוואַכט עס אָפּ דעם זאַץ. וואָס קען מען זאָגן וועגן אַ זאַץ אין וועלכן איר געפינט: זיינע ווערק זיינען געווען גראַנדיאָז, אַפּאָקאַליפּ־טיש, מאָנומענטאַל? — איבערגעזאַלצן, — איז דאָס איינציקע וואָרט.

רעדט מען פון פאַרגלייכן קומט גלייך אויפן זינען דער „ווי״. איך האָב ניט ליב דאָס וואָרט. שרייב איך אַן אַ זאַץ מיט אַ „ווי״, דערזע איך די דרעטלעך פון אַ פּאַראַסאָל, וואָס לייגן זיך צוזאַמען, גלייכן זיך אויס. דער זאַץ פאַרלירט דעם באַלאַנס, ער ווערט אָפּגעשוואַכט. איך מייד אויס דעם „ווי״. ניט אַלע מאָל געלינגט עס, מ׳דאַרף אָבער פּרווון. דער בעסטער וועג איז טשעכאָוס.

טשעכאָוו שרייבט:

גיב אַ סוגעסטיע. למשל, אַ לבנה נאַכט. באַשרייב ניט די לבנה, נאָר דערצייל אַז אַ שטיקל גלאָז פון אַ צעבראָכן פלעשל האָט געבלישטשעט. אַ שוואַרצער שאָטן פון אַ הונט האָט זיך אַ קוילער געטון. מיט אָט די

ז י י ט י ק ע וועגן קען מען זייער גוט סוגעסטירן אַ בילד, עס מוז אָבער זיין די שטימונג.

שטימונג, סוגעסטיע, ניט באַשרייבן, אפילו ניט מאָלן, נאָר דורך זייטיקע וועגן שאַפן אַ בילד.

ווען י. פריילין שרייבט:

מיללער נוצט זיין גאַנצע קראַפט פון סטיל, פון קורצן זאַץ... כדי צו שאַפן אַטמאָספער... און ער דערגרייכט זיין ציל, ער שאַפט ביי אונדז די שטימונג...

האָט ער אפשר פאַר מיר גופא אַנטפּלעקט אַ טשעכאָווישן שטריך.

נאָך ערגער פון דעם „ווי" האָב איך פיינט דאָס וואָרט „פלעגט".

עס איז אַ גוטע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמע, אָבער איך האָב פיינט דאָס וואָרט. ביי מיר איז פשוט געווען אַן אָפּקומעניש לייענען ברוך גלאַזמאַנס דערציילונגען, ווו אויף איין זייטל האָט מען געקענט געפינען אפשר צען מאָל „פלעגט". אַ מאָדנע אומה די ענגלענדער — שטייפע מענטשן מיט אַ לויזער קאָנסטיטוציע, און נאָך אַ לויזערער גראַמאַטיק. ביי זיי פלעגט מען אויך די שפּראַך, מע „פלעגט" אָבער ניט ווי ברוך גלאַזמאַן... געוואָלט מיט אים אַ רעד טון וועגן דעם, אָבער מורא געהאַט. ערשטנס איז ער געווען קראַנק, צווייטנס, האָב איך געקראָגן דעם איינדרוק אַז ער האָט שוין אַלץ געהאַט אויסגעלערנט... ער האָט אפילו געקענט פראַנצויזיש... פון גראַמאַטיק איז דאָך אָפּגערעדט. און איך בין אַ שוואַכער גראַמאַטיקער. די גראַמאַטיקער קענען זייער גוט פּ אַ ל מ ע ס ן אַ זאַץ, אָבער אָנשרייבן אַ גוטן זאַץ, דאָס איז גאַנץ אָפט איבער זייערע כוחות, אַ גוט בלעטל פּראָזע קען מען געפינען ביי גוטע שרייבער, וואָס זיינען אפשר ניט אַזעלכע מומחים אויף גראַמאַטיק, זיי האָבן אָבער אַ חוש פאַרן וואָרט.

איך האָב זיך „פאַרשריבן" וועגן וואָרט, זאַץ, שפּראַך, ווייל איך האַלט אַז דאָס איז זייער אַ וויכטיקער ענין.

די פילאָלאָגן האַלטן, אַז ווען אונדז זאָל געלינגען אויפשטעלן אַ ווערטער יחוס מראש כל הדורות וואָלט דאָס געווען די בעסטע קולטור געשיכטע, בעסער ווי די אַנטראָפּאָלאָגיע, אַרכעאָלאָגיע, אָדער פּאַלעאָנ־טאָלאָגיע קען עס באַווייזן. נו, די פילאָלאָגן זיינען אפשר אַ ביסל אימ־פעריאַליסטיש, ווילן פאַרכאַפּן צופיל טעריטאָריע, אָבער אַן אמת איז דאָ אין דעם. נאָך דעם נס פון אויפשטעלן זיך אויף צוויי פיס, קריגן צוויי הענט, איז געקומען דער וווּנדער — שפּראַך. די חיה וואָלט זיך אפשר

געמעגט באַליידיקן פון דעם וואָס מיר באַצייכענען דעם מענטשן ווי אַ צוויי־פיסיקע חיה, אָבער כי יתרון האדם מן הבהמה — הלשון, וואָלט אפילו אַ פיש צוגעגעבן.

דער ווונדער שפּראַך איז אַן ענין פאַר יעדן בר דעת, און פאַרן שרייבער איז דאָס שוין גאָר גאָר וויכטיק, עס איז ניט נאָר זיין געצייג, נאָר אויך זיין חומר און אפילו זיין יצירה... אויב דער פילאָלאָג פּאָל־מעסט טויטע ווערטער, ראַנגלט זיך דער שרייבער מיט לעבעדיקע ווערטער, גאַנץ אָפט קומט ער אַרויס מיט אַן אויסגעלינקטער האַנט. דער שרייבער, וואָס ראַנגלט זיך ניט איז אַ שרייבער מיט צוויי לינקע הענט...

עס קען פּאַסירן אַז אַ ליד זאָל זיך אויסגיסן עקספּראָמטאָם, אין איר ענדגילטיקער פאָרם, מייסטנס אָבער מוז מען מעקן און מעקן. פון פּראָזע איז אָפּגערעדט. ל. שאַפּיראָ באַרימט זיך אַז ער מעקט ווינציק אין כתב יד. געזען דעם מאַנוסקריפּט פון דער „יידישער מלוכה״ און דאָרט איז טאַקע ווינציק געמעקט, ער גיט אָבער צו אַז ער מעקט אַ סך אין קאָפּ... ווען אַ רעדאַקטאָר האָט אים געפרעגט למאי ער וויל אַזוי פיל געלט פאַר אַ קורצער דערציילונג, האָט ער אים געענטפערט: דאָס מאָן איך פאַרן אויסגעמעקטן אויך, און איך האָב אויסגעמעקט מער ווי אָנגעשריבן. א. ראַבאָי האָט מיר געזאָגט ער מעקט ניט, שרייבט ניט איבער, שיקט גלייך פון בעט אין רעדאַקציע. אים געוואָלט פרעגן צי האָט ער עס אַלע מאָל אַזוי געטון אָדער בלויז איצט, אָבער ניט געהאַט קיין האַרץ דאָס צו טון, דער „איצט״ איז געווען זייער אַ טרויעריקער, דאָס איז געווען אַ צוויי חדשים פאַר זיין טויט.

יעדער שרייבער ווייסט די וויכטיקייט פון שפּראַך, טראַכט וועגן דעם, קיין ווונדער ניט, וואָס פון צייט צו צייט באַווייזט זיך עמיצער מיט אַ טעאָריע וועגן שפּראַך, איר שייכות צו ליטעראַטור.

אויף איינער אַזאַ טעאָריע וויל איך זיך אָפּשטעלן.

(4)

י. באַשעוויס אין „סביבה״ און אויך אין „פאָרווערטס״ (אונטערן נאָמען וואַרשאַווסקי) איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ טענה למאי די יידישע שרייבער שרייבן ניט פונם לעבן פון אונדזערע אינטעליגענטע שיכטן, זיי שרייבן מערסטן פון נידעריקן גראַד, און ער פאַרענטפערט עס מיט דער טעאָריע אַז מיר קענען ניט שרייבן פון דער אינטעליגענץ ווייל זי

רעדט ניט אויף יידיש, און אפילו פון די נידעריקע שיכטן, דאָ אין אַמעריקע, קענען מיר אויך ניט שרייבן, ווייל אויך זיי ריידן ניט קיין יידיש. לכן, אויב דער שרייבער וויל זיין געטריי דער קונסט מוז ער שרייבן פונם אַמאָל, און רק פון דעם אַמאָל, ווען די יידישע שפּראַך האָט ווירקלעך געלעבט אין מויל פון יידישן פאָלק.

איך האָב ניט די אַרטיקלען, איך גלויב אָבער אַז איך גיב איבער ריכטיק דעם תמצית.

זיין טענה איז טיילווייז אַ גערעכטע. אין אונדזער ליטעראַטור זעט זיך ווינציק אָן די ה י י נ ט י ק ע אינטעליגענץ. עס איז אויך אמת אַז די שפּראַך פון די „העלדן", גאַנץ אָפט ניט יידיש, איז אַ שטער, אָבער זאָגן אַז די שרייבער קענען ניט שרייבן וועגן אָט דער אינטעליגענץ, צי אפילו וועגן פּשוטע יידן בלויז דערפאַר ווייל זיי ריידן ניט קיין יידיש איז ניט ריכטיק.

איך ווייס ניט וועלכע יידישע שרייבער י. באַשעוויס האָט געלייענט, איך בין זיך אָבער משער אַז ער האָט אַריינגעקוקט אין די ביכער פון י. י. זינגער, לאָמיר זאָגן, „די ברידער אשכנזי" אָדער „די משפּחה קאַרנאָווסקי".

די העלדן פון די צוויי ביכער ריידן ניט קיין יידיש. איינער פון די אשכנזי ברידער „רעדט" יידיש נאָר ווען ער מאַכט אַ חיבור פון אַן עמוד ציפערן. (אַ פּסיכאָלאָגישער שטריך, אויפגעכאַפּט זייער פיין) דאָס ניט ריידן יידיש האָט אָבער ניט געשטערט י. י. זינגערן אָנצושרייבן צוויי פיינע ביכער. אגב, ביידע ביכער זיינען ניט פון היינטיקן יידישן לעבן אין אַמעריקע. דאָס מיינט אַז דאָס ניט ריידן יידיש איז ניט דוקא אַן אַמעריקאַנער מכה און ניט נאָר היינט. געווען אין פּוילן אויך.

שלום אַש׳ס העלדן אין זיינע ראָמאַנען „פּעטערבורג, וואַרשע, מאָסקווע, נאָכן מבול" ריידן זיכער ניט קיין יידיש, שלום אַש מאַכט זיך אָבער ניט וויסנדיק וועגן דעם און אונדז גייט עס אויך ניט אָן, עס קלינגט ניט פאַלש. זעט איר, ווען שלום אַש גיט זיך אַ זאָג אין זיין יידישיסטן בוך „דער תהלים ייד": ביי די יידן איז אַ מנהג... גיט עס אַ גרילץ אין אויער, וואָס פאַר אַ „ד י יידן?" ס׳איז אָדער „ביי אונדז יידן", אָדער ביי יידן, זאָגט ער ד י יידן, איז אָדער ער האָט שוין געשריבן מיטן אויג אויפן ענגלישן איבערזעצער, אָדער פּשוט דערפאַר וואָס ער האָט ניט קיין חוש פאַר שפּראַך.

וואָס דאַרף מען מער? אפילו שלום עליכם, דער יידישיסטער שרייבער מיט די יידישיסטע טיפן, אפילו זיינע פּאַרשוינען האָבן ניט אַלע מאָל גערעדט יידיש, און אַמאָל, צוליב „לאָקאַלן קאָליר״, האָט ער טאַקע אַריינגעוואָרפן אַזאַ פראַזע ווי „קאַקאיאַ טאַם סליחה, וועד טיעפער מגילה״ (אַרויסגערעדט סליכאַ און מעגילאַ, מיטן אַקצענט אויפן אַ), און איר זעט אַז זיינע פּאַרשוינען האָבן „געקנאַקט רוסיש״.

דער שפּראַך מייסטער דוד בערגעלסאָן האָט אויך געהאַט פּאַרשוינען וואָס האָבן ניט גערעדט קיין יידיש. זיין הויפּט העלט פיליפּאָוו פון „מידת הדין״ איז אַ גוי מבטן ומלידה און ער רעדט ביי אים אַ גוט געשליפענעם יידיש, בלויז איין ווערטל גיט בערגעלסאָן איבער אין רוסיש: „טשטאָ ווי? שוטיטיע?״ אָדער אין דער דערציילונג „פּריינט־שאַפט״, ווו ער גיט אויך איבער בלויז דריי ווערטער אין רוסיש: „עטאָ אָטשיען וואַזשנאָ״, אָנדייטנדיק דערמיט אַז די העלדן זיינען גאָר רוסן און ריידן רוסיש.

דוד בערגעלסאָן האָט געהאַט אַ גוטן מוסטער פאַר זיך: וו. שעקספּיר. יענער האָט גאָר „פאַרגעסן״ אַז האַמלעט דאַרף ריידן דעניש אָדער יוליוס צעזאַר לאַטיין, ביידע ריידן ביי אים ענגליש, שעקספּירס ענגליש, אין יוליוס צעזאַר ברייננגט ער בלויז דריי ווערטער אין לאַטיין: עט טו ברוטוס. אויך אַ מין דערמאָנונג.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט געשריבן פון „אַמאָל״ — „רב עקיבאַ״. דער „אַמאָל״ טאַקע אַ יידישער, אָבער די איצטיקע יידישע שפּראַך איז דאָך דעמלט אויף דער וועלט ניט געווען, ער האָט פונדעסטוועגן גאַנץ גוט איבערגעגעבן די געשפּרעכן פון זיינע העלדן אין יידיש. דער זעלבער אָפּאַטאָשו האָט אויך געשריבן פונם „היינט״ דאָ אין אַמעריקע, פון די פשוטע, צי אפילו נידעריקע שיכטן און האָט אויך פאַרטשעפּעט די העכערע שיכטן און ער האָט זיך גאַנץ גוט ספּראַוועט מיט דער שפּראַך פון זיינע העלדן.

די „שעקספּיר־מעטאָדע״ — פאַרגעסן וועגן דער אָריגינעלער שפּראַך פון די העלדן איז זייער פאַרשפּרייט צווישן שרייבער, נעמען דאָך אַ סך שרייבער פאַר זייערע העלדן מענטשן ניט פון זייער פאָלק, אָדער זיי שרייבן טאַקע וועגן זייער פאָלק אין אַן אַנדער שפּראַך. דאָס איז אָבער ניט די איינציקע מעטאָדע.

דאָ נאָך אַ מעטאָדע:

אַ שרייבער קען הערן ווי זיין אַמעריקאַנער פאַרשוין, וועמען ער מאָלט, רעדט ענגליש, פונדעסטוועגן זאָל ער געפינען דאָס פּרעציזע וואָרט אין יידיש, דעם יידישן אידיאָם וואָס זאָל איבערגעבן די רייד פונם העלד.

איך גיב צו אַז אין אַזאַ פאַל איז דער שרייבער עלול אַריינצופאַלן אין אַמעריקאַניזמען, ניט מיט אַריינבראַקן אַמעריקאַנער ווערטער, נאָר די פראַזע זאָל קלינגען אַמעריקאַניש. די איינציקע עצה איז — שרייבער! גיב גוט אַכטונג! איך באַשטיי אָבער, אַז אויב דער שרייבער ווייסט וואָס ער טוט און ער קען די מלאכה (שטראָף מיך ניט, גאָט, פאַר דעם וואָרט מלאכה) וועט די שפּראַך אַרויסקומען ניט קיין איבערזעצטע, זיינע מענטשן וועלן אַרויסקומען נאַטירלעך.

יאָ, יידישע שרייבער האָבן כמעט ווי ניט אָנגערירט די אינטעליגענטע שיכטן דאָ אין לאַנד, אָבער ניט איין סיבה — שפּראַך — האָט גורם געווען דערצו. זיכער דאָ מער ווי איין סיבה.

איך גלויב דעריבער אַז די מסקנא צו וועלכער באַשעוויס קומט — שרייבן בלויז וועגן עבר — איז ניט מער ווי ראַציאָנאַליזאַציע פון זיין אייגענעם נוסח אין שרייבן. נעשה ונשמע — מיר פּראַקטיצירן פריער, טעאָרעטיזירן נאָכדעם.

און וואָס מכוח ש. מיללער? ראַציאָנאַליזירט ער ניט ז י י ן אופן שרייבן? גאַנץ מעגלעך.

איך זאָג „איך גלויב" בנוגע באַשעוויסן און „גאַנץ מעגלעך" וועגן זיך, ווייל אויף זיכער ווייס איך טאַקע ניט. ראַציאָנאַליזאַציע איז פּרוידס אַ ירושה. ווער עס האָט איינגעשלונגען פּרוידן, ווער עס האָט בלויז אַ נאַש געטון, ביי אַ סך אָבער איז ער געבליבן שטיין אונטערן האַרצן, זיי האָבן אים ניט פאַרדייעט, און דוקא די וואַרפן זיך מיט זיינע טערמינען, אַ פאַרטיקער פּסוק, אַ מייסטער שליסל צו יעדער טיר. איך ווייס אַז דאָס פּסיכאָ־אַנאַליטיש מעסערל איז מסוכן אפילו ביי'ן חכם, שניידן אויף זיכער טאָר מען ניט, אָבער אַז אַ מענטש מיט שכל קען אויסשכלען (ראַציאָנאַליזירן) לייגט זיך אויפן שכל. י. באַשעוויס וואָלט זיך געמעגט פאַרטראַכטן וועגן דעם.

און ש. מיללער?

איך ווייס אַז אַ מענטש פאַזירט אפילו פאַרן שפּיגל... פונדעסטוועגן וועל איך טאַקע מיטן שכל פּרווון אַנאַליזירן מיינע אייגענע זאַכן.

(5)

אַ שרייבער אַרבעט ניט אויס פאַר זיך קיין לאַנד קאַרטע, צייכנט ניט אָן זיין וועג: אָט פון דאַנען וועל איך אָנהייבן, אַהין וועל איך קומען. גאַנץ אָפט האָט ער אפילו ניט קיין קאָמפּאַס, ער בלאָנזעט אַ היפּש ביסל ביז ער קומט אַרויף אויף אַ וועג, און ווען ער איז שוין דאָרטן איז נאָך אויך ניט זיכער אַז אויף דעם וועג וועט ער זיך האַלטן, אַמאָל קריכט ער אַוועק אויף זייטיקע וועגן. ער באַשטימט אויך ניט צי וועט ער גיין צופוס, רייטן אויף אַ פערד, פאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, אָדער פליען מיט אַן עראָפּלאַן. ערשט ווען ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג קען ער זיך אַרומקוקן, זען ווו איז ער אין דער וועלט, באַטראַכטן דעם וועג וואָס ער איז דורכגעגאַנגען. זאָל ער אָנצייכענען אַ מאַפּע פון דעם וועג, קען זי דינען, אויב ניט ווי אַ וועג ווייזער פאַר אַ צווייטן שרייבער, איז ווי אַ אָנווייזער: זה הדרך, דאָס איז דער וועג וואָס דער און דער שרייבער האָט דורכגעמאַכט, דער גייער קען גאַנץ גוט פסקענען אַז לא זה הדרך, פאַר אים.

אויף מיין וועג זע איך אַ שמאָלע סטעזשקע, גאַנץ אָפט אַ געדרייטע, זי פירט צום יחיד, דעם איינצלנעם מענטשן, צו וועלכער סאָציאַלער שיכט ער זאָל ניט באַלאַנגען. ניט קיין גלאַט מענטשל דער יחיד. טרעפט מען אים אין זיין חדר מיוחד, ליידט ער פון זיין אַליינקייט, ניט נאָר פון דער פיר ווענטיקער תפיסה וואָס אַרום אים, נאָר פון זיין אייגענער אינערלעכער תפיסה, אַ תפיסה וואָס לאָזט ניט צו נאָענט דעם אַנדערן מענטשן, מענטש און מענטש צוויי תפיסות, און קיין „גאָט“ וואָס זאָל אָפּשאַפן די מחיצה, אפילו דער „גאָט פון ליבע“. גאַנץ אָפט איז ער גאָר אין קראַנקן־צימער, אויפן וועג צום קבר, אָן קיינע אויסזיכטן אויף אַ יענער וועלט, און אַ היפּש ביסל פון זיין לעבן מוז ער אַוועקגעבן אויף זיך אויסלערנען... שטאַרבן. שטאַרבן, זאָגט דר. מוקדוני, איז מיין „באַליבטע“ טעמע. „באַליבט“ קען טאַקע זיין אין געגזנפּיסלעך, אָבער דער מלאך המות איז אַ גאַנץ אָפטער גאַסט ביי מיר. לאָזט זיך אַרויס מיין יחיד אויף דער וועלט, גייט ער ניט מיטן דרך המלך, איך מוז אים נאָכגיין אויף געדרייטע וועגן און איך קען ניט זיין אין כעס אויף אים פאַר זיין דרייען זיך — גאַנץ אָפט ווייסט ער טאַקע ניט וווהין ער גייט. (מיין דערציילונג „אַ סטאַנציע“). איז ער טאַקע באַלעבאָס אויף זיך? אים פירן נעם איך זיך ניט אונטער, עס איז גענוג אַז איך פאַרליר אים ניט פון אויג, אויף

אַזוי פיל בין איך באַלעבאָס, ער זאָל פון מיר זיך ניט אַרויסדרייען. אויף דעם גיב איך גוט אַכטונג. והוא ימשול בה, דער שרייבער דאַרף זיין באַלעבאָס איבער דער פען.

אויך דאָ אַ ברייטערער וועג. אויף דעם וועג זעען זיך שוין מערערע מענטשן, על פּי רוב אַרבעטער און קליינבירגער, דער עיקר קליינבירגער. ווען מ'זאָל מיר פאָרוואַרפן אַז איך בין אַ קליינבירגערלעכער שרייבער, וואָלט איך געענטפערט: גערעכט, אָבער ווייסט איר דען ניט אַז איך בין אַ ייד? מיין יחוס — מלמדים און שוחטים, אַליין אַ יגיע כפּים, טאַקע כ פּ י ם, אָבער מ י ט מיין אייגענער פראַלעטאַרישקייט, מ י ט אַלע אונדזערע פראַלעטאַריער זיינען מיר דערווייל אַ פאָלק פון קליינבירגער, און איך בין איינער פון פאָלק, ניט איך שעם זיך דערמיט, ניט איך שטאָלציר מיט דעם. גענוג אַז איך ווייס עס.

מיר וואַרפט מען אָבער פאָר ניט מיין קליינבירגערלעכקייט, נאָר מיין שלעכטקייט, איך מאָל שלעכטע מענטשן, קליינע מענטשן, דריבנינקע מענטשן. זיינען גאָר ניטאָ קיין „גרויסבירגער" ? בעסער געזאָגט, באַשטייט טאַקע די וועלט פון קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות? זיינען גאָר ניטאָ קיין גרויסע מענטשן מיט גרויסע השגות, ביי אונדז יידן אַזוי גוט ווי ביי אַנדערע פעלקער? שרייבן דאָך טאַקע די ניט יידישע שרייבער וועגן גרויסע מענטשן, גוטע מענטשן, און ביי דיר רק דריבנע, שלעכטע מענטשעלעך.

קודם לאָמיך דערקלערן: דאָס לעבן פון אַנדערע פעלקער קען איך זייער ווינציק. „טעאָרעטישע" קענטניש, פון ביכער, האָט אַ קנאַפּע באַדייטונג, קיין דירעקטע באַרירונג מיט מענטשן פון אַנדערע פעלקער האָב איך כמעט ניט, מהאי טעמא האָב איך זיך אויסגעהיט ניט צו מאָלן קיין ניט־יידישע טיפּן. איך האָב געזען גרעסערע שרייבער פון מיר וואָס האָבן פּרובירט מאָלן יידן און עס איז אַרויסגעקומען ניט קיין בילד נאָר אַ פּאַרזעניש. מיר יידן זיינען זייער סענסיטיוו, פּסקענען מיר גלייך: דער שרייבער? אַן אַנטיסעמיט! איך האָב אַ חשד אַז געוויסע שרייבער זיינען געווען ניט דוקא קיין שונאי ישראל, נאָר פּשוט לא ידעו את ישראל; זיי האָבן דעם יידן ניט געקענט; אָדער זייער קענטעניש איז געווען אַ ביכער קענטעניש אָדער, נאָך ערגער, זיי האָבן געהאַט סטעראָ־טיפּישע פאָרשטעלונגען וועגן יידן. אויף וויפל איך בין יאָ געקומען אין באַרירונג מיט ניט־יידן קען איך זאָגן, זיי, די אַנדערע פעלקער, זיינען אַ האָר ניט בעסער פון אונדז, אפשר נאָך אַ האָרעלע... ערגער.

אַזוי אַז פון יידישן אַנטיסעמיטיזם לייד איך ניט, איך בין אָבער אויך ניט פאַרקאָכט אין יידן. פונקט ווי איך לייד ניט פון שנאת ישראל, האַלט איך ניט צו שטאַרק פון, דער אַזוי געררופענער, אהבת ישראל. ווי זינגט איציק מאַנגער:

וואָס הייסט קושן דיין זאַמד? איך בין דיין זאַמד,
און ווער קושט עס, איך בעט אייך, זיך אַליין?

סיי ביי די אומות העולם, סיי ביי אונדז יידן, זיינען דאָ גרויסע מענטשן מיט גרויסע השגות און אויך, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, מיט גרויסע חסרונות. אָט די מענטשן זיינען אַ קליינער מיעוט, דאָס זיינען די באַרג שפּיצן פון דער וועלט, און די וועלט באַשטייט ניט פון דער... שווייץ. ס'אַ סברה אַז אפילו אין דער שווייץ זיינען דאָ טאָלן און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אויך גריבער. אויף די בערג קוק איך אַמאָל: מאין יבוא עזרי? פון אָט דעם קוקן אויף די „בערג" שטאַמט אפשר מיין דערציילונג „אַ פּאָר פּאָלק", נאָך אַ פּאָר דערציילונגען, אַמאָל אַנטלויף איך גאָר אין מיין „אינערלעכער לאַנדשאַפט". קיין אויסטערלישע פּירות וואַקסן דאָרט ניט, פון דאָרטן זיינען אָבער געקומען אַ פּאָר דערציילונגען, דער עיקר, אין מיין בוך „מאָטיוון", דערציילונגען, ווו עס פיגורירן ניט די קליינע מענטשעלעך. וווינען ווויין איך אָבער אין טאָל, אין דעם טאָל זיינען ס'רוב איינוווינער קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגהלעך, און זיי מאָל איך ע ר ל ע ך. זיי זעען אויס העסלעך? נו, צו שיין זיינען זיי טאַקע ניט, אָבער ניט איך האָב זיי פאַרהעסלעכט צוליב האָס, ניט איך וויל זיי פאַרפּוצן צוליב אהבת ישראל אָדער אהבת האדם.

מיינע רייד קלינגען אפשר אַפּאָלאָגעטיש, איך פאַרענטפער זיך אָבער ניט, איך פּרוּוו זיך פאַנאַנדערקלייבן סיי אין מיין אייגענעם שרייבן, סיי אין די טענות צו מיר. איך האָב געהערט פאָרווורפן פון פּשוטע, דורכ־שניטלעכע לייענער און איך האָב אויף זיי ניט געהאַט קיין פאַריבל.

ווען איך בין געווען אַ ייִנגל, געלייענט י. דינעזאָנס „יאָסעלע", האָב איך זיך באַגאָסן מיט טרערן, איך האָב ממש געכליפּעט. וואָס האָט פּאַסירט? איך האָב זיך אידענטיפיצירט מיטן „העלד". דער דורכשניט־לעכער לייענער איז, אין תוך, געבליבן אַ קינדערישער לייענער. ער וויינט ווען ער זעט ווי די אומשולדיקע יתומהלע ווערט נעבעך פאַרפירט (אויף דער בינע) און דעם פאַרפירער איז ער גרייט אויסדראַפּען די אויגן, אים אַרונטערפייפן פון דער בינע, אפילו ווען ער שפילט זיין ראָלע אויסגעצייכנט, ניין, וואָס בעסער ער שפילט אַלץ ערגער זיין מערכה.

לייענט ער אַ בוך מיט אַ גוטן, פיינעם העלד, האָט ער הנאה פונם העלד, פון זיך, אָבער גיי מעסט אָן אויף זיך אַ שלעכטן מענטשן. דער לייענער רעבעלירט קעגן דעם, און דער גרינגסטער וועג איז איבערטראָגן דעם כעס אויפן שרייבער, דער ש ר י י ב ע ר איז אַ רשע מרושע.

אינגאַנצן אומגערעכט איז ער אפשר ניט. ווער ווייסט, אפשר זיינען טאַקע מיינע אויסגעמאָלענע „נבזהקעס", ווי איך רוף זיי, ניט מער ווי אַ מיטל זיך צו באַפרייען פון דעם ביסל פאַסקודסטווע וואָס איז דאָ אין מיר. אין דעם פאַל קען איך בלויז אַ שמייכל טון: נו יאָ, איך בין טאַקע אַ רשע מרושע, שוויץ איך כאָטש אויס אַ ביסל מיין רשעות, דו, ליבער לייענער, האָסט מורא אפילו גיין אין באָד אַריין. מילא, זיץ דיר געזונטערהייט ביי דיינע ראָמאַנטישע העלדן מיט די שיינע קראַוואַטן און קויטיקן אונטער־וועש און זאָל דיר וויל באַקומען. דיך פ י ר ן אין באָד אַריין, ניט איך קען, ניט איך וויל.

גאַנץ אַנדערש קלינגען די טענות פון דעם בעסערן לייענער, דעם קריטיקער.

יואל ענטין האָט מיך באַצייכנט „אַ גרויזאַמער טאַלאַנט". בין איך, הייסט עס, אַן אכזר. דר. מוקדוני האָט קיין מורא ניט פאַר דער „מענטש־לעכער בלאָטקע" וואָס איך מאָל. ער דערזעט אפילו די „מענטשלעכע דימענטלעך, וואָס איך געפין אַזוי זעלטן", אָבער אפילו ביי אים בין איך אַ „טאַלאַנטפולער שעלטער". אַ שאַרף וואָרט „שעלטער". איך האָב מורא פאַר דעם. בלעם! וואָלט ניט בעסער געווען אַ שטראָפער?

שעלטער אָדער שטראָפער, אָבער מוקדוני זעט כאָטש אַ פּאָר דימענט־לעך, ה. ש. קאַזדאַן זעט בלויז די מענטשלעכע בלאָטקע און ער פרעגט: המבלי אין סלת בישראל? ער גייט איבער מיינע אַלע קליינע, מיאוסע מענטשעלעך און פרעגט: זיינען ניטאָ קיין ג ו ט ע מענטשן? פאַרוואָס מאָלט איר דוקא די שלעכטע?

די טענה איז אַ גערעכטע, און זי איז געשטעלט געוואָרן ניט נאָר פון קאַזדאַנען צו מיר. סט. בעוו האָט זי געשטעלט זאָלאַן, גאָרקי צו אַנדערע שרייבער. צום בעסטן האָט זי טאַקע פאָרמולירט גאָרקי. ער שרייבט:

„אַ חוץ די וויכטיקע זינד, אַ טייל פון וועלכע פאַרשענערן אים, איז דער מענטש נאָך אויסגעשמירט, פאַרפאַטשקעט מיט אַ סך קליינינקע, דריבנינקע עבירהלעך. זיך גראָבן אין דעם מיסט פון די דריבנינקע עבירהלעך איז אַ שעדלעכע באַשעפטיקונג. שעדלעך דערפאַר, ווייל דאָס

שאַפט דעם קוק אויפן מענטשן ווי אויף אַ נישט, רוי שטאָף, האַלבן פאַבריקאַט... מיר דוכט עס וואָלט געווען זייער נוצלעך קוקן אויפן לעבן פעסימיסטיש און אויפן מענטשן אָפּטימיסטיש. דאָס לעבן וועט אַלע מאָל זיין שלעכט געגוג, אַז דער מענטש זאָל נאָך אַלץ וועלן דאָס פאַרבעסערן. פאַרשטייט זיך, אויך דער דריבנינקער בעל עבירה איז גוטער מאַטעריאַל פאַרן גרויסן קינסטלער, אויב דער קינסטלער קען פאַרגרעסערן זיין נישטיקייט, ווי דאָס האָט געקענט טון דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט גוט געוווסט אַז אמתע קונסט פאַרגרעסערט מער אָדער ווייניקער די ווירקלעכקייט״.

אַלזוי, רייך פון זינד איז דער מענטש ניט, מער ניט די גרויסע זינד, אַ קאַראַמאַזאָוו, סמערדיאַקאָוו, מעג מען אויסמאָלן, די קליינע זינד, אַ פּערעדאַנאָוו (סאָלאָגובס מעלקי ביעס) טאָר מען ניט, ווייל דאָס שאַפט אַ ביליקן קוק אויפן מענטשן, און דער מענטש איז גוט, בלויז דאָס לעבן איז שלעכט.

אַ פרומער מענטש געווען, און אויך זיין פילאָזאָפיע אַ פרומע — דער מענטש איז גאָט די נשמה שולדיק, טענות דאַרף מען האָבן צום ל ע ב ן. צוליב אָט דער פילאָזאָפיע אפשר האָט גאָרקי זיין גאַנצן לעבן געליגנערט אין דער ליטעראַטור, געליגנערט מחמת ליבע צום מענטשן. פרעגט זיך אָבער וואָס איז וועלט? ער האָט דאָך ניט גערעדט וועגן דער זון, לבנה אָדער שטערן, איז דען ניט די וועלט וועגן וועלכער ער האָט גערעדט אַ וועלט פון מענטשן? ניטאָ קיין גוטע אָדער שלעכטע וועלט, עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס מאַכן די וועלט שלעכט אָדער גוט. און זייערע זינד? ווער קען מעסטן זינד, צעטיילן זיי אויף גרויס און קליין? האָט ווער זיך גענומען די מי אויסצופאָרשן דעם רעזולטאַט וואָס אַ קליין חטאל קען, אָדער וועט ברייגנען?

לאָמיר נעמען איין קליין חטאל — גאָלד.

איין דערציילונג מיינע טראָגט דעם נאָמען. אַ מעשה פון אַ קליין מענטשעלע, אַ ייד אַ קנעפּל פאַרקויפער, וועמעס פילאָזאָפיע איז: פון אַ פּעני און אַ פּעני ווערט אַ פולע זשמעניע, און די זשמעניע איז, פאַרשטייט זיך, זייער וויכטיק, אַזוי וויכטיק, אַז ווען זיין ווייב שטאַרבט זשאַלעוועט ער די גאָלדענע ציין וואָס זי האָט זיך אַריינגעשטעלט פאַרן טויט. פּשוט אַ שאָד.

אַ מיאוס מענטשל, האַ?

דאָס מענטשל האָב איך ניט אויסגעטראַכט. מר. געווירץ איז געשריבן

פון אַ לעבעדיקן מאָדעל. אַ פּאָר שניידער מיידלעך, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט צוזאַמען, וואָס האָבן געקענט דעם קנעפּל פאַרקויפער האָבן מיט אַ שמייכל מיך געפרעגט צי האָב איך דאָס ניט באַשריבן אָט דעם מר . . . אַ לעבעדיקער מאָדעל מיינט ניט אַז איך האָב אים רעאַליסטיש פאָטאָגראַפירט, ווי אייניקע ניט רעאַליסטן ווילן דאָס האָבן. וואָלט איך אים אויסגעמאָלן טאַקע ווי ער א י ז וואָלט דער פּאָרטרעט אַרויסגעקומען אַ סך מיאוסער. מיינע העלדן זיינען מער רעאַליסטיש ווי איך, זיי ל ע ב ן זייער עולם הזה, איך, בטלן, שרייב נאָר וועגן זיי. אַ קנאַפּע עולם הזה זיך פּאַטשקען מיט זיי, און עולם הבא?... בעסער ניט ריידן דערפון.

אויך די מעשה מיט די ציין איז ניט קיין אויסגעטראַכטע, כאָטש דערוווסט זיך פון אַזאַ פאַל האָב איך ערשט אַ פּאָר יאָר נאָכדעם ווי די דערציילונג איז געדרוקט געוואָרן, און פּאַסירט האָט עס מיט אַן אַנדער יידן, ניט דעם קנעפּל פאַרקויפער.

העלפט גאָט, און דאָס פאָלק פון „דיכטער און דיינקער" הייבט זיך אָן ספּעציאַליזירן אין אַרויסרייסן גאָלדענע ציין פון יידישע טויטע מיילער. אברהם סוצקעווער דערציילט ווי אַ מענטש, ניט קיין דייטש, האָט זיך מ ר ח ם געווען אויף אַ יידן, אים אויסגעשלאָגן אַ פּאָר גאָלדענע ציין, דערפאַר אים געלאָזט לעבן.

ד אָ ס איז שוין גאָרניט דריבנע. דאָס איז שוין גאָלד בגימל רבתי, גאָלד וואָס איז ניט נאָר מטהר ממזרים, נאָר מטמא דעם בן אדם. פרעגט זיך, שטאַמען ניט מר. געווירצס גאָלדענע ציין פון דער זעלבער טומאה — גאָלד? זיינען ניט די דייטשע, אוקראַינישע, פּוילישע און אַלע אַנדערע „גאָלדציער" ניט אַ מר. געווירץ אין אַ מונדיר? איז ניט מר. געווירץ אַ ציין רייסער אָנגעטון ציוויל? דאַרף מען פאַרבייגיין אָט די טומאה, זיך מאַכן ניט ווויסנדיק, פאַרשטעקן דעם נאָז און גאָרניט זאָגן, אָדער מ׳דאַרף זיך גוט צוקוקן צו אָט דעם קליינעם חטאל און גיבן אַ גרויסן געשריי: עס שטינקט! ראַמט עס אָפּ!

דאַרף מען אויסמאָלן דוקאַ אַ שיינעם פּנים, פאַרפאַרבן, פאַרגלעטן אַלע פרישטשעקלעך, אָדער מ׳דאַרף זיי ווייזן כדי דער מענטש זאָל זיי זען און, ווער ווייסט, אפשר וועט ער זיי אויסקוועטשן אָדער גאָר נעמען רייניקן די טריפהנע בלוטן?

איך האַלט אַז מ׳מעג און מ׳דאַרף מאָלן אַ פּנים מיט פרישטשעקלעך. גאַנץ אָפט ווערט ניט גוט פון אַזעלכע פּנימער, איך לאָז דאַן אויס דעם כעס צו... משה רבינון: משה, משה! וועמען האָסטו אַרויסגעפירט

פון מצרים? האָסטו זיי געדאַרפט ברייגנען אַהער, זיי זאָלן דאָ עסן געפילטע פיש און געפּרעגלטע פליש, זיי געקענט לאָזן דאָרטן אין מצרים מיט זייערע טעפּ פיש און פליש.

שמייכלט דער אַלטער: איך האָב אויך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון זיי, אָבער קיין לוחות ברעכן דאַרף מען ניט. עד היום קען איך זיך ניט מוחל זיין פאַר צעברעכן די לוחות, גענומען אַן ערשטע אויפלאַגע און זי צעבראָכן, בידים צעבראָכן. ניטאָ! קריץ, קריץ, און זשאַלעווע ניט קיין לאָו׳ן... זיי׳לן ניט פּאָלגן? און מיך האָבן זיי יאָ געפאָלגט? אָבער קריצן דאַרף מען...

נו יאָ, קריצן דאַרף מען, אָבער פאַרוואָס דוקא די „פּרישטשעוואַטע פּנימער"? דאָך דאָ ריינע פּנימער אויך, ווו זיינען ז י י?

אודאי זיינען זיי דאָ. זיינען אויך דאָ אַנדערע שרייבער וואָס מאָלן זיי. אַ ליטעראַטור באַשטייט ניט פון איין שרייבער, און נאָך ניט געווען דער שרייבער, וואָס זאָל אויסמאָלן ד ע ם פּנים פון זיין פאָלק, אָפּגערעדט שוין פון אַלע מענטשן. דאָס בילד פון מ י י ן יידן מיט זיין פּרישטשע־וואַטן פּנים דאַרף ניט היינגען אויף דער מזרח וואַנט פונם יידישן מוזיי מיט אַן אויפשריפט: אלה אלהיך ישראל, די בילדער גאַלעריע פון יידישע פּנימער וואָלט אָבער געווען ניט פולשטענדיק ווען אַט דער פּרישטשע־וואַטער פּנים זאָל פעלן אינגאַנצן.

און איך? מאָל איך פּרישטשעקלעך גאָר אַן אַ פּנים? איך מאָל דאָך קודם אַ פּנים. האָט דאָך דר. מוקדוני יאָ געזען דימענטלעך אפילו אין דער בלאָטקע. זיינען טאַקע אַ ל ע מיינע מענטשעלעך אַזעלכע מיאוסע? נודעלמאַן פון „שטויב" איז אַ קליין מענטשעלע, ער האָט אויך פּריש־טשעקלעך, ער האָט אָבער אויך חן גריבעלעך, און ער איז ניט דער איינציקער.

וואָס איז בעסער, מאָלן באַסיאַקעס וואָס גייען טאַקע באָרוועס, נאָר זיי טראָגן רעטאָרישע, אידעאַליסטישע צילינדערס. אָדער מאָלן מענטשעלעך מיט פּרישטשעקלעך אויף די פּנימער?

דער בעסטער ענטפער איז — אמת, מאָל אַזוי אמתדיק ווי נאָר מעגלעך. וואָס א י ז א מ ת?

פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא. דער פילאָזאָף קען אַוועקפילאָ־זאָפירן אַלע פּנימער, גאָר ניטאָ קיין פּנים, אָדער ער קען אויספילאָזאָפירן דעם אמתן, אַבסאָליוטן פּנים, דער שרייבער קען דאָס ניט, אויב אפילו

ער איז פילאָזאָפיש געניגט. אין אַ געגעבענעם מאָמענט האָט ער פאַר זיך אַ געוויסן פּנים, און דער פּנים איז דאַן דער אמתער. דער רעאַליס־טישסטער רעאַליסט גיט נאָר ז י י ן רעאַליזם, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן. און עס שווימט ווידער אַרויף די פראַגע: פאַרוואָס זע איך אַזאַ אמת, אַזאַ פּנים, און ניט קיין שענערן?

דער פּסיכאָאַנאַליטיש געניגטער קריטיקער וואָלט געזאָגט: זיין מאַמע האָט אים אַנטוויינט צו פרי, דערפאַר איז ביי אים געבליבן דער ברוגזער צואַנג צו מענטשן. דער סאָציאַל געשולטער קריטיקער וואָלט אויסגע־פונען אַז היות די אָרדענונג אונטער וועלכער דעם שרייבער איז אויסגע־קומען צו לעבן האָלט אין צעפאַלן ווערן, ממילא האָט זיין שרייבן געמוזט זיין דעקאַדענטיש, און ער וואָלט עס געקענט באַווייזן ניט נאָר מיט מיין טיפּאַזש, נאָר מיט מיין שטייגער שרייבן. דער רעליגיעז געשטימטער קריטיקער וואָלט אויסגעפונען אַז מיין הויפּט אומגליק איז ניהיליזם, רעלאַטיוויזם, אַז אַ מענטש גלויבט אין ג אָ ר נ י ט, ווי קען ער שאַפן פּאָזיטיווע מענטשן?

יעדער איינער וואָלט געווען גערעכט אויף זיין שטייגער, און קיינער פון זיי וואָלט געווען אינגאַנצן גערעכט, ווייל א י י ן ענטפער איז ק י י ן ענטפער. אַ מענטש איז אַ פאַרפּלאָנטערטער קנויל מיט אַ סך לויזע עקן. אָנכאַפּן איין פאָדעם מיינט נאָך ניט צעפּלאָנטערן, גאַנץ אָפט קען מען, ציענדיק איין פאָדעם, אַזוי פאַרציען די קניפּלעך אַז מ׳זאָל שוין גאָרניט קענען צעפּלאָנטערן, מ׳זאָל מוזן איבערשניידן.

איך גופא וועל אפילו ניט פּרוון אויספּלאָנטערן. איך האָב אַן אַנונג פון אַ זיפּ דורך וועלכער אייניקע מענטשן גליטשן זיך דורך, פאַלן אַרויס, אַנדערע בלייבן, דערגייען די יאָר און זיי ווערן אָנגעשריבן. פאַרוואָס די זיפּ אַרבעט דוקא אַזוי? דערקלערונגען לשם מה?

איינצלהייטן וועגן דעם שרייבערס לעבן, דערקלערונגען קענען אפשר זיין נוצלעך פאַר פּסיכאָאַנאַליטיקער. איין אַבנאָרמאַליטעט — שרייבעריי, וועט ער קענען דערקלערן מיט אַ צווייטער אַבנאָרמאַליטעט. און, איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז יעדער פּסיכאָלאָג האָט זיך ז י י ן נאָרמאַלן אַרשין, דאָס מיינט אַ ר ע ל אַ ט י ו ו ע ר אַרשין.

איינצלהייטן וועגן שרייבערס לעבן קענען אויך זיין נוצלעך פאַרן ליטעראַטור היסטאָריקער, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט קענען זיי האָבן פאַרן ליטעראַטור קריטיקער, פאַרן לייענער? ער, דער געניסער, צי

ער איז אַ פּראָפעסיאָנעלער לייענער — אַ קריטיקער — אָדער סתם אַ לייענער, דאַרף אורטיילן דעם פאַרטיקן פּראָדוקט, דאָס בוך פאַר זיינע אויגן: ו ו אָ ס זאָגט אים דער שרייבער, ו ו י אַ ז ו י זאָגט ער עס? דאָס איז דער אלף און דער תיו. וועגן דעם וואָס דער שרייבער האָט נ י ט געשריבן איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

יעדער שרייבער, און איך בתוכם, האָט אַ רעכט צו זאָגן: משפּט מיך ניט פאַר לא תעשה׳ס, משפּט מיך לויטן שרייבן, און נאָר לויטן שרייבן.

ש. מיללער ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט פון

יעפים ישורין

ש. מיללער׳ס ווערק

דערציילונגען
פאַרלאַג „פריינט״, קליוולאַנד, 1921, 312 זייטן.

בלעטער פאַלן
לאָס אַנגעלעס, 1926, 289 זייטן.

די שמאָלץ־גרוב
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1933, 415 זייטן.

אַ בליאַסק אויף טאָג
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1935, 274 זייטן.

מאָטיוון
לאָס אַנגעלעס. 1940, 284 זייטן.

רויט און שוואַרץ
לאָס אַנגעלעס, 1945, 319 זייטן.

דור הפלגה
לאָס אַנגעלעס, 1946, 335 זייטן.

שטויב
לאָס אַנגעלעס, 1948, 349 זייטן.

דור המדבר
לאָס אַנגעלעס, 1951, 535 זייטן.

אין די שוואַרצע פינטעלעך
לאָס אַנגעלעס, 1953, 383 זייטן.

נעכטן
לאָס אַנגעלעס, 1956, 384 זייטן.

אַרטיקלען וועגן ש. מיללער

י. ב.
מילער, ש. בלעטער פאַלן. נאָוועלן. ליטעראַרישע בלעטער, נומ. 5, וואַר־שע, פעב. 4, 1927, ז׳ 93.

מ. ב.
נייע יידישע ביכער. אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן, פעב. 12, 1954.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
ש. מיללערס „רויט און שוואַרץ״. די פרעסע, בוענאָס איירעס, יוני 19, 1946.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
ש. מיללערס „דור הפלגה״. די פרע־סע, בוענאָס איירעס, פעב. 5, 1947.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
דאָס געדרוקטע וואָרט אין 1947. די פרעסע, בוענאָס איירעס, דעצ. 31, 1947.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
ש. מיללער — דער רעאַליסטישער דערציילער. דווקא, 2, בוענאָס איי־רעס, אָקט.־דעצ. 1949, זז״ 200־212.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

דער פּאַרליבטער, וואָס איז געשטאָרבן צופוסנס פון זיין געליבטער. די פּרע־סע,בועגאָס איירעס, יוני 27, 1950.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

„דור המדבר" פון ש. מיללער — אַ ניי געזאַנג פון אַן אַלט ליד. די פּרע־סע, בוענאָס איירעס, פּעב. 25 און 26טן, 1951.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

לאַמעד שאַפּיראָ. „פּשט". בוענאָס איי־רעס, 1952, זז. 34, 42, 45, 58, 59, 62, 66.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

ש. מיללער — דער רעאַליסטישער דערציילער. „פּשט", בוענאָס איירעס, 1952, זז' 355־399.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

די אידישע ליטעראַטור אין משך פון די לעצטע 40 יאָר. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, דעצ. 31, 1957.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

ש. מילער — אַ זייל פון דער יידי־שער פּראָזע־קונסט. די פּרעסע, בוע־נאָס איירעס, מאַי 13, 1958.

[באַשעוויס, יצחק] יצחק וואַר־שאַווסקי

אַ בוך אין ענגליש וועגן אונזער אידישער שפּראַך. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, מערץ 27, 1955.

ביקל, דר. שלמה

אידישע אַמעריקע. ש. מיללער; נעכטן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, אויג. 4, 1957.

ביקל, דר. שלמה

ש. מילער, ע"ה. טאָג־מאָרגען זשור־נאַל, ניו יאָרק, אויג. 3, 1958.

בייזער, א.

לעבן און טויט מיט אַ שמייכל. (רויט און שוואַרץ פון ש. מיללער). צוקונפט, ניו יאָרק, אויג. 1945, זז" 533־534.

גאָלאָמב, א.

ש. מיללער. דער וועג, מעקסיקע, יולי 20, 1957.

גאָלאָמב, א.

„נעכטען". קענעדער אָדלער, מאָנטרע־אָל, אויג. 12, 1957.

גאָלדבערג, ב. צ.

וועגן ליטעראַרישע ענינים. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, מאַי 20, 1956.

גלאַטשטיין, יעקב

מיין חוב צו 1945. אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, יאַנ. 4, 1946, ז" 13.

גלאַטשטיין, יעקב

ש. מיללער'ס „דור הפלגה". אידי־שער קעמפּער, ניו יאָרק, יאַנ. 23, 1948, זז" 12־13.

גלאַטשטיין, יעקב

יואל ענטין. אין תוך גענומען, ניו יאָרק, 1956, ז' 410.

גלאַטשטיין, יעקב

ש. מיללער. אין תוך גענומען, ניו יאָרק, 1956, זז" 412־418.

גלאַטשטיין, יעקב

ב. דעמבלין: אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, פּעב. 24, 1956, ז' 12.

גלאַטשטיין, יעקב

ש. מיללער. אידישער קעמפּער, ניו יאָרק, יוני 20, 1958, 10־11.

גלאַטשטיין, יעקב

אונזערע „יורשים". אידישער קעמ־פּער, ניו יאָרק, אויג. 1, 1958.

[גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס

וועלט און וואָרט. טאָג, ניו יאָרק, נאָ־וועמבער 15, 1947.

[גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס

וועלט און וואָרט. טאָג, ניו יאָרק, יאַנ. 8, 1949.

[גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס
מחוץ ניו יאָרק. טאָג־מאָרגען זשור־נאַל, ניו יאָרק, יולי 20, 1957.

גלאַנץ, א.
ש. מיללער, ע״ה. טאָג־מאָרגען זשור־נאַל, ניו יאָרק, מאַי 14, 1958.

גליקאָווסקי, משה
אַ בליאַסק אויף טאָג. מעקסיקאַנער שריפטן, מעקסיקע, פעב. 1936, זז״ 21 און 24.

גראַבאַרד, ב.
אַ פּערטליאַרהונדערט, ניו יאָרק, 1935, זז״ 193, 204.

גראַבאַרד, ב.
אַ פאַרלוירענער דור. (וועגן ש. מיללערס „דור הפלגה״). אויפן שוועל, ניו יאָרק, נאָוו.־דעצ. 1947, זז״ 13־14.

גראָסמאַן, מ.
אַ קינסטלערישער טריאומף. קיום פּאַריז, יוני־יולי 1951, זז״ 297־298.

[דאָמאַנקעוויטש, ל.]
געשטאָרבן ש. מילער. אונזער וואָרט, פּאַריז, מאַי 24, 1958.

[דאָמאַנקעוויטש, ל.]
שרייבער נפטרים אין תשי״ח. אונזער וואָרט, פּאַריז, סעפּט. 13־16, 1958.

דייטש, מאָטעס
ש. מיללער׳ס ביאָגראַפיעס . . . [ליד], מאַנדלברויט־יידיש, לאָס אַנדזשעלעס, 1952, ז׳ 50.

דיימאָנדשטיין, ב.
אין גאַנג פון לייענען [ש. מיללער]. ליטעראַרישע העפטן, טוהונגאַ, יולי־דעצ. 1958, ז׳ 27.

דיימאָנדשטיין, ב.
די ווערטפולע, וואָס האָבן פאַרלאָרן די גליקליכע וועלט. ליטעראַרישע העפטן, טוהונגאַ, יולי־דעצ., 1958, ז׳ 30.

האָרן, י.
אַ בליק אין „די צוקונפט״. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 10, 1952.

האָרן, י.
ווי אַזוי אַ ליגן איז זיך נוקם אין אַ קינסטלער. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, סעפּט. 20, 1953.

האָרן, י.
ש. מיללער אין זיין בוך „נעכטן״. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 19, 1957.

זאַראָמבע, ש.
פון די „שריפטן״ ביז די „זאַמל־ביכער״. שריפטן, וואַרשע, יאַנ. 1937, ז׳ 31.

וויינפּער, ז.
אַ בליאַסק אויף טאָג. דער אויפקום, ניו יאָרק, מערץ־אַפּר. 1935, ז׳ 29.

ז[אָקס], א. [ש]
מיניקעס פסח־בלאַט, תר״ע. צוקונפט, ניו יאָרק, מאַי 1911, זז״ 295־296.

זילבערצווייג, זלמן
ש. מיללער (ישעיהו). לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, באַנד 2, וואַרשע, 1934, ז׳ 1319.

זינגער, יעקב
אַ ניי בוך פון ש. מיללער „אין די שוואַרצע פינטעלעך״. פרייע אַרבע־טער שטימע, ניו יאָרק. מערץ 26, 1954, זז״ 4 און 7.

זינגער, ש. ד.
ש. מילער: „די שמאַלץ־גרוב״. צוקונפט, ניו יאָרק, יולי 1934, זז״ 431־433.

טאַבאַטשניק, א.
„זאַמלביכער״. סיגנאַל, ניו יאָרק, יולי 1936, ז׳ 14.

טיליס, י.

ש. מילערס ירושה ווערט געבראַכט צו די יורשים. קאַליפאָרניער יום־טוב בלעטער, לאָס אַנדזשעלעס, דעצ. 7, 1958, ז׳ 9.

טענענבוים, ש.

אַ בליאַסק אויף טאָג. (ש. מיללער׳ס דערציילונגען). אידישער קוריער, שי־קאַגאָ, אַפּר. 16, 1939.

טענענבוים, ש.

אידישע ביכער, מאָטיוון — ש. מיל־לער. אידישער קוריער, שיקאַגאָ, דעצ. 22, 1940.

טשעמני, מלך

ש. מיללערס „שוואַרצע פינטעלעך". נייע יידישע צייטונג, מינכען, פעב. 4, 1955.

יאַנאַסאָוויטש, יצחק

ש. מיללער — דער שרייבער פאַר שרייבער . . . די פּרעסע, בוענאָס איירעס, מאַי 14, 1958.

יורמאַן, ל.

באַ דער זייט . . . „אַ בליאַסק אַף טאָג" פון ש. מיללער, סיגנאַל, ניו יאָרק, יוני־יולי 1935, ז׳ 26.

יפה, מרדכי

דריי דורות אין דער העברעאישער פּאָעזיע. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, נאָוועמבער 28, 1958, ז׳ 11.

ישורין, יעפים

פופציק יאָר „צוקונפט" (1892־1942). צוקונפט, ניו יאָרק, מאַי־יוני 1942, ז׳ 349.

ישורין, יעפים

50 יאָר „צוקונפט" — ביבליאָגראַפיע. צוקונפט, ניו יאָרק, אויג. 1942, ז׳ 506.

ישורין, יעפים

רשימה פון ביבליאָגראַפישע פאַרציי־כענונגען וועגן די יידישע שרייבער וועלכע האָבען 50 אָדער מער פּאָזי־ציעס אין י. ישורינס ביבליאָגראַפישן אַרכיוו. יעפים ישורין יובל בוך, ניו יאָרק, 1955, ז׳ 172.

כאַווער־פּאַוער

ניטאָ שוין שין מילער. מאָרגן־פרייהייט, ניו יאָרק, מאַי 20, 1958.

כהנה, פעסיע

דער מענטש אין „שמאַלץ־גרוב". (וועגן ש. מיללער׳ס דערציילונגען „די שמאַלץ־גרוב". דער אויפקום, ניו יאָרק, מאַי־יוני 1934, זז" 26־34.

כהנה, פעסיע

וועגן ש. מיללער׳ס נייעם בוך „מאָטיוון". קאַנאַדער זשורנאַל, מאָנט־רעאַל, יוני 1940, זז" 29־34.

לייוויק, ה.

וועגן ש. מילער. דער טאָג, ניו יאָרק, אויג. 9, 1941.

לייוויק, ה.

אַ תנ"ך אין אונזער ליטעראַטור. דער טאָג, ניו יאָרק, נאָוו. 18, 1945.

לעבעדיגער

אויפן ליטעראַרישן יאַריד. טאָג־מאָר־גען זשורנאַל, ניו יאָרק, מאַי 2, 1954.

לעבעדיגער

אויפ׳ן ליטעראַרישען יאַריד. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, נאָוו. 21, 1954.

לעבעדיגער

אויפ׳ן ליטעראַרישן יאַריד. טאָג־מאָר־גען זשורנאַל, ניו יאָרק, פעב. 25, 1957.

[לעהרער, ליפּע]

ש. מיללער. [נעקראָלאָג.] קינדער זשורנאַל, ניו יאָרק, אָקט. 1958, ז׳ 14.

לעוו. ש.

אונטער דער לאַסט פון פּסיכאָלאָגיס־טיק. ש. מיללער — „אַ בליאַסק אויף טאָג". ליטעראַרישע בלעטער, וואַר־

שע, נומ. 581, יוני 28, 1935, זז״ 419־418.

לעשצינסקי, ש.

„דור המדבר״ און אברהם עפראָס. צוקונפט, ניו יאָרק, יאַנ. 1952, זז״ 39־36.

לעשצינסקי, שמואל

פרקים בספרות־יידיש באמריקה. מצודה, ספר שביעי, וולתאם, מאַס. 1954, ז׳ 534.

לעשצינסקי, ש.

לאַמעד שאַפּיראָס פאַרבליבענע שריפטן אין בוך פאָרעם. ליטעראַרישע עסייען, ניו יאָרק, 1955, ז״ז 162, 165, 166, 167, 168.

מאַנגער, איציק

משה נאַדיר. דער וועקער, ניו יאָרק, יולי 1, 1958, ז׳ 10.

מוקדוני, דר. א.

ש. מיללער׳ס נייע דערציילונגען „רויט און שוואַרץ״. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, יולי 8, 1945.

מוקדוני, דר. א.

„רויט און שוואַרץ״ פון ש. מילער. דער וועג, מעקסיקע, אויג. 25, 1945.

מוקדוני, דר. א.

לידער און דערציילונגען אין „זאַמל־ביכער״. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, אַפּריל 7, 1946.

מוקדוני, דר. א.

פון כושטשוקע ביז קליוולאַנד. „דור הפלגה״ פון ש. מיללער. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, פעב. 2, 1947.

מוקדוני, דר. א.

ש. מיללער׳ס ניי בוך. „שטויב״. מאָר־גען זשורנאַל, ניו יאָרק, יאַנ. 9, 1949.

מוקדוני, דר. א.

אַ „דור המדבר״. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, מערץ 18, 1951.

מוקדוני, דר. א.

„פּשט״ פון יעקב באַטאַשאַנסקי. מאָר־גען זשורנאַל, ניו יאָרק, אָקט. 19, 1952, די פּרעסע, בוענאָס איירעס, נאָוו. 22, 1952.

מוקדוני, דר. א.

יידישע קולטור אין אַמעריקע. די גאָלדענע קייט, 20, תל־אביב, 1954, ז׳ 252.

מוקדוני, דר. א.

לאַמעד שאַפּיראָ. אין ווארשע און אין לאָדזש. באַנד 1, בוענאָס איירעס, 1955, ז׳ 228.

מוקדוני, דר. א.

פאַרפירערישער רעאַליזם. (ש. מי־לער׳ס „נעכטן״). צוקונפט, ניו יאָרק, פעב. 1957. זז״ 78־79.

[מילך, י.] יאם

מיניקעס יאָרבוך. צוקונפט, ניו יאָרק, נאָוועמבער 1904, זז״ 608־611.

מינקאָוו, נ. ב.

באַטאַשאַנסקיס „פּשט״. צוקונפט, ניו יאָרק, יאַנ. 1953, זז״ 41, 42. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יאַנ. 27, 1953.

מינקאָוו, נ. ב.

טענדענצן און שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. צוקונפט, ניו יאָרק, דעצ. 1954, ז׳ 519.

מינקאָוו, נ. ב.

באַטאַשאַנסקיס „פּשט״. יעקב באַטאַ־שאַנסקי צו זיינע זעכציק יאָר. בוע־נאָס איירעס, 1955, זז״ 65, 66.

מייזיל, נחמן

די זעקס פּרעמירטע קינסטלער. יידי־שע קולטור, ניו יאָרק, יאַנ. 1939, ז׳ 35.

מייזיל, נחמן

זעקס אידישע שרייבער האָבען גע־

וואונען פרייזען. ש. מילער. דער טאָג, ניו יאָרק, מערץ 2, 1939.

מייזיל, נחמן

דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור, ניו יאָרק, 1942, ז׳ 17.

מייזיל, נחמן

וועגן די ליטעראַטור־פּרעמיעס פונעם איקוף און וועגן די דריי פּרעמירטע שרייבער. יידישע קולטור, ניו יאָרק, מאַי 1943, ז׳ 17.

מייזיל, נחמן

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אין דינסט פון פאָלק־אַלמאַנאַך פון יידישן פאָלקס אָרדן, ניו יאָרק 1947, זז״ 303, 309.

[מייזיל, נחמן]

פון חודש צו חודש. יידישע קולטור, ניו יאָרק, יוני־יולי 1958, ז׳ 55.

מייטליס, דר. יעקב י.

ש. מיללער און לייב ראָכמאַן. לשון און לעבן, לאָנדאָן, דעצ. 1951, זז״ 35־41.

מייטליס, דר. יעקב י.

ש. מיללערס בוך „נעכטן״. לשון און לעבן, לאָנדאָן, דעצ. 1957, זז״ 24־27.

מייטליס, דר. יעקב

ש. מיללער — דער נאָוועליסט. אונזער וואָרט, פּאַריז, דעצ. 14, 1957.

מעסטל, יעקב

דער איקוף אויפן טעאַטער־געביט. יידישע קולטור, ניו יאָרק, דעצ. 1957, ז׳ 19.

מראַטשני, מ.

ש. מילער. פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו יאָרק, מאַי 15, 1958, ז׳ 6.

נאַומאָוו, י. ש.

די יידישע פּרעסע אין לאָס אַנגעלעס. חשבון, לאָס אַנגעלעס, נומ. 5, אָקט. 1954, ז״ 35.

ניגער, ש.

ל. שאַפּיראָ׳ס „סטודיאָ״. דער טאָג, ניו יאָרק, סעפּט. 9, 1934.

ניגער, ש.

אַ פּריי פּראָלעטאַריש בוך. ש. מילער. „אַ בליאַסק אויף טאָג״. דער טאָג, ניו יאָרק, אָקט. 20, 1935.

ניגער, ש.

אין דער אַרבייט. דער טאָג, ניו יאָרק, יולי 5, 1936.

ניגער, ש.

נייע דערציילונגען, נייע לידער אין זאַמלביכער 3, 1938. דער טאָג, ניו יאָרק, אויג. 28, 1938.

ניגער, ש.

ש. מיללער׳ס מאָטיוון. דער טאָג, ניו יאָרק, פעב. 4, 1940.

ניגער, ש.

געלייענט און געשריבן. דער טאָג, ניו יאָרק, פעב. 18, 1940.

ניגער, ש.

יידישע ליטעראַטור פון 1900 ביז 1942. אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן־ג. דובנאָוו פאָנד און ציקאָ. ניו יאָרק, 1942, שפּאַלט 170.

ניגער, ש.

עסייען און דערציילונגען. דער טאָג, ניו יאָרק, אויג. 22, 1943.

ניגער, ש.

לעבען און טויט. דער טאָג, ניו יאָרק, דעצ. 23, 1945.

ניגער, ש.

משכיליש־סאָציאַליסטישע און סאָציאַליסטישע דערציילונגען. דערציילערס און ראָמאַניסטן, ניו יאָרק, 1946, ז׳ 133.

ניגער, ש.

„דור הפלגה״. דער טאָג, ניו יאָרק, מאַי 25, 1947.

ניגער, ש.

געל און גרין. דער טאָג, ניו יאָרק, סעפּט. 4, 1949.

ניגער, ש.

פּירושים אויף אידישע שרייבער. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, דעצ. 20, 1953.

ניגער, ש.

וועגן י. באַטאַשאַנסקיס בוך „פּשט". די פּרעסע, בוענאָס איירעס, פעב. 25, 1954.

ניגער, ש.

אַ בריוו פון י. ל. טעלער. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, סעפּט. 5, 1954.

סוסקאָוויטש, ש.

וועגן יעקב באַטאַשאַנסקיס פּירושים אויף יידישע שרייבער. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּט. 14, 1952.

סוסקאָוויטש, ש.

יעקב באַטאַשאַנסקי, פּשט. דווקא, בוענאָס איירעס, מאַי־סעפּט. 1955, ז' 272.

סיימאָן, דר. ש.

„בלעטער פאַלן" פון ש. מילער. אונדזער בוך, ניו יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1927, זז" 179־181.

סלוצקי, שלמה

אברהם רייזען — ביבליאָגראַפיע. ניו יאָרק, 1956, זז" 236, 247, 251.

עמעס

פינף יאָר „די גאָלדענע קייט". לשון און לעבן, לאָנדאָן, יאַנ. 1955, ז' 23.

ענטין, יואל

אַ בוך פון לעבן. ש. מיללער׳ס „רויט און שוואַרץ". אידישער קעמפער, ניו יאָרק, מאַי 31, 1946, זז" 25־28.

ענטין, יואל

פ. בימקאָ דער בעלעטריסט. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, אָקט. 31, 1941, ז' 14.

ענטין, יואל

ש. מילער׳ס נייסטער בוך „שטויב". פאַרבאַנד שטימע, ניו יאָרק, מאַי, 1949, זז" 5 און 7.

ענטין, יואל

ש. מיללערס „דור המדבר". אידישער קעמפער, ניו יאָרק, סעפּט. 14, 1951, זז" 9־11. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, סעפּט. 21, 1951, זז" 11־12.

ענטין, יואל

ש. מיללער׳ס „אין די שוואַרצע פינטעלעך". אידישער קעמפער, ניו יאָרק, אָקט. 8, 1954, זז" 16־17. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, אָקט. 15, 1954, זז" 14־16. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, אָקט. 22, 1954, זז" 12־14.

ענטין, יואל

ש. מיללער׳ס נייסטער בוך „נעכטן". אידישער קעמפער, ניו יאָרק, אַפּר. 26, 1957. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, מאַי 10, 1957, זז" 12־14. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, מאַי 17, 1957.

פּאָמעראַנץ, גרשון

אונטערן בייטש. (וועגן ש. מילערס דערציילונג אין זאַמלביכער 3.) ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אויג. 5, 1938, ז' 536.

פּאָמעראַנץ, גרשון

ש. מיללער׳ס „אונטערן בייטש". פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, אָקט. 13, 1939, ז' 19.

פּאָמעראַנץ, גרשון

ליטעראַרישע שמועסן. מאָרגן־פרייהייט, ניו יאָרק, אַפּר. 22, 1945.

פוקס, חיים לייב

„די שפּעטע יורשים" — נייער ראָמאַן פון שמואל איזבאַן. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, אויג. 20, 1956.

פעלדמאַן, ר.

צוויי זשורנאַלן. די צוקונפט. די גאָלדענע קייט. דרום־אַפריקע, יאָהאַנעסבורג, פעב. 1955, ז׳ 19.

פערשלייסער, ע.

ש. מיללער — אַ שטאַרקער רעאַליסטישער דערציילער. „רויט און שוואַרץ". פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, אויג. 3, 1945, זז" 5־6.

פערשלייסער, ע.

די פּראָזע אין זאַמלביכער 6. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, יולי 12, 1946, ז׳ 5.

פערשלייסער, ע.

לאַמעד שאַפּיראָ — דער שרייבער און מענטש. „זיין", ניו יאָרק, אויג. 1957, ז׳ 21.

פערשלייסער, ע.

לאַמעד שאַפּיראָ, דער שרייבער און מענטש, אויף שרייבערישע שליאַכן, ניו יאָרק, 1958, ז׳ 16.

פּרייליך, י.

שמועסן וועגן ביכער. (וועגן „רויט און שוואַרץ" דערציילונגען פון ש. מיללער.). פּראָלעטאַרישער געדאַנק, ניו יאָרק, אויג. 1945, זז" 16־17.

פּרייליך, י.

ש. מיללערס נייע דערציילונגען. [„שטויב"], צוקונפט, ניו יאָרק, נאָוו. 1949, זז" 540־542.

פּרייליך, י.

„דור המדבר" פון ש. מיללער. אונדזער וועג, ניו יאָרק, מערץ 15, 1951, זז" 12־14.

פּרייליך, י.

שמועסן וועגן ליטעראַטור. אונדזער וועג, ניו יאָרק, יוני 1954, זז" 16־17.

קאַזדאַן, ח. ש.

ש. מיללער — זיין ליטעראַרישער וועג און דערגרייכונג. זאַמלביכער 6, ניו יאָרק, 1945, זז" 398־417.

קאַזדאַן, ח. ש.

זיידענע פּעדעם אין דער יידישער ליטעראַטור. ש. מיללערס לעצטע ביכער. אונזער צייט, ניו יאָרק, פעב. 1957, זז" 37־40.

קאַזדאַן, ח. ש.

ש. מיללער. „פּאַראַויס", מעקסיקע, אויג. 1958, זז" 7־8.

קנאַפּהיים, משה

עפּעס וועגן שרייבער, ביכער און קריטיק. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּט. 18, 1952.

ראַבאַק, א. א.

וואָס פעלט דער יידישער קריטיק? פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, דעצ. 14, 1956, ז׳ 3.

ראַבאַק, א. א.

ש. מיללער. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, יוני 15, 1958.

ראַבאַק, א. א.

ש. מיללער ע"ה. מעקסיקאַנער לעבן, מעקסיקע, אויג. 9, 1958.

ראַוויטש, מלך

ש. מילערס דערציילונגען — אַ סך וועגן טויט און אַ ביסעל וועגן לעבן. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, אויג. 19, 1946.

ראַוויטש, מלך

ש. מיללערס דערציילונגען — וועגן טויט און אַביסל וועגן לעבן. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אָקט. 2, 1946.

ראַוויטש, מלך

ש. מיללערס דערציילונגען. דער וועג, מעקסיקע, מערץ 15, 1947.

ראַוויטש, מלך

„פּשט" אַ בוך פון יעקב באָטאשאַנסקי און דער בעל־פּשט. די גאָלדענע קייט, 18, תל־אביב, 1954, ז׳ 165.

ראַוויטש, מלך
קאָנטראַבאַנדע אין דער „גאָלדענער קייט". לעצטע נייעס, תל־אביב, אָקט. 7, 1955.

ראַוויטש, מלך
קאָנטראַבאַנדע אין דער „גאָלדענער קייט". די פּרעסע, בוענאָס איירעס, מערץ 23, 1956.

ראַוויטש, מלך
ש. מיללער ז"ל. ער אַליין און זיינע געשטאַלטן. צוקונפט, ניו יאָרק, יולי־אויג. 1958, זז" 293־294.

ראַוויטש, מלך
מעשה פון פיר קברים . . . ה. רויזענבלאַט, שין מילער. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, אָקט. 30, 1958.

ראָזשאַנסקי, שמואל
ש. מיללער. „נעכטן". אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 30, 1957. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, סעפּט. 1, 1957.

ראָנטש, יצחק אלחנן
ש. מיללער. אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. ניו יאָרק, 1945. זז" 162־165.

רימון, יצחק
. . . „גאָלדענע קייט" גיט אַרויס 20טן נומער מיט רייכען אינהאַלט. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, יאַנ. 16, 1955.

רימון, יצחק
דער 20טער נומער פון די „גאָלדענע קייט" . . . די פּרעסע, בוענאָס איירעס, פעב. 13, 1955.

רייזען, אברהם
נייע ביכער — ש. מילער „אַ שמאַלץ גרוב". די פעדער, ניו יאָרק, הארבסט 1933, זז" 143־144.

רייזען, אברהם
ש. מילער. „אַ בליאַסק אויף טאָג" די פעדער, ניו יאָרק, ווינטער 1936, זז" 60־61.

רייזען, אברהם
ליטעראַרישע רעוויו. די פעדער, ניו יאָרק, 1942, זז" 88־89.

רייזען, אברהם
נייע ביכער און צייטשריפטן. ש. מילער — רויט און שוואַרץ. די פעדער, ניו יאָרק, 1945, ז' 165.

רייזען, אברהם
זאַמלביכער. די פעדער, ניו יאָרק, 1949, ז' 207.

רייזען, זלמן
ש. (ישעיה) מיללער. לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע. צווייטער באַנד, ווילנע 1930, שפּאַלט 417.

שאַליט, משה
די ווערק פון אַפּאַטאַשוס און לייוויקס „זאַמלביכער". ש. מילער. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומ. 654, נאָוו. 20, 1936, ז' 742.

שולמאַן, א[ברהם]
טויט און לעבן. ש. מילער „רויט און שוואַרץ". אויפבוי, מעלבורן, יוני 1946, זז" 18־19.

שולמאַן, אברהם
ש. מילער — דער „אַוטסיידער" אין דער אידישער ליטעראַטור. דער וועקער, ניו יאָרק, יוני 1, 1957, זז" 12־13.

שולמאַן, אברהם
ש. מילער — דער „אַוטסיידער" אין דער יידישער ליטעראַטור. די שטימע, פּאַריז, יולי 15־16, 1957.

שולמאַן, אליהו
ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט. געצעלטן, ניו יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1946, ז' 91.

שטאַרקמאַן, משה

פיר ברידער זיינען זיי געווען . . . ש. מיללער: „דור הפלגה". צוקונפט, ניו יאָרק, אַפּריל 1948, זז" 262־263.

שטאַרקמאַן, משה

יידישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. (1942־1955). אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן־ה. דובנאָוו פאָנד און ענציקלאָפּעדיע קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1957, ז 134.

שניידער, שלמה

מיטן פּנים צום טאָג. „אַ בליאַסק אויף טאָג" פון ש. מיללער. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, אויג. 30, 1935, ז' 15.

שרייער, אפרים

דור המדבר פון ש. מילער. די גאָלדענע קייט, 15 תל־אביב, 1953, זז" 253־256.

נאָטיצן אין צייטונגען און זשורנאַלן וועגן ש. מיללער

דער אויפקום, ניו יאָרק

נאָוו.־דעצ. 1933, זז" 45־46. ש. מילער אויפגענומען אין ניו יאָרק.

אידישע צייטונג, ריאָ דע־זשאַנעירא

מאַי 16, 1958. ש. מיללער ע"ה.

אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איירעס

יולי־אויג. 1957, ז' 10. ש. מילער און ד"ר ש. סיימאָן פּרעמירט.

ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייוואָ, וואַרשע

1928, זז" 225, 243.

היימיש, תל־אביב

יוני 1, 1958, ז' 2. איז שוין אויך ש. מיללער נישטאָ ? !

דער וועקער, ניו יאָרק

יוני 1, 1958, ז' 4. ש. מילער.

טאָג־מאָרגען זשורנאַל ניו יאָרק

אויג. 2, 1957. דר. ש. סיימאָן און ש. מילער פּרעמירט.

טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק

מאַי 11, 1958. ש. מילער, באַוואוסטער אידישער שרייבער געשטאָרבען צו 62 יאָר.

ידיעות פון ייוואָ — ניו יאָרק

יולי 1958, ז' 8. ש. מילער

ליטעראַרישע העפטן, ניו יאָרק

יאַנ.־פעב. 1946, ז' 34. ש. מילער.

פאָרווערטס, לאָס אַנדזשעלעס

מאַי 18, 1958. אויפן פרישן קבר פון דעם שריפטשטעלער ש. מילער.

פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק

דעצ. 31, 1926, ז' 4. בלעטער פאַלן פון ש. מילער.

BAYON, L.
La Literatura Idish. Vida de Mexico, Dec. 6, 1958.

LIPTZIN, SOL
Yesterday's Jews. Nechtn. In Jewish Bookland, New York, September 1957, P. 6.

MARK, YUDEL
A Study of The Frequency of Hebraism in Yiddish. The Field of Yiddish, New York, 1954, P. 30.

NIGER, SAMUEL
Yiddish Literature in the Past Two Hundred Years. Between the two wars. The United States. The Jewish People, Past and Present. Vol. III. Jewish Encyclopedic Handbooks, New York, 1952, P. 216.

ROBACK, A. A.
The Russian Heirs of Mendele. The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute, New York, 1940, P. 242.

ROBACK, A. A.
Recent Yiddish Literature in America. The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute, New York, 1940, P. 295.

ROBACK, A. A.
Recent Yiddish Prose in America. The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute. New York. 1940. P. 298.

ROBACK, A. A.
Stereotypes About Yiddish Literature. The Jewish Quarterly, London, Spring, 1956. P. 37.

SHATZKY, JACOB
Dor Hamidbor—by Sh. Miller. In Jewish Bookland, New York, March 1951, P. 6.

S [HATZKY], J [ACOB]
Of Yiddish Writers. In Di Shwartze Pintelech by S. Miller. In Jewish Bookland, New York, Feb. 1954, P. 6.

NEWS OF THE YIVO, NEW YORK
July 1958, P.8.

THE UNIVERSAL JEWISH ENCYCLOPEDIA
Vol. 7, New York, 1942, P. 562. Isaiah (Shin) Miller.

ביכער פון ש. מיללער

ערציילונגען	1921
בלעטער פאַלן	1926
די שמאַלץ־גרוב	1933
אַ בליאַסק אויף טאָג	1935
מאָטיוון	1940
רויט און שוואַרץ	1945
דור הפלגה	1946
שטויב	1948
דור המדבר	1951
אין די שוואַרצע פינטעלעך	1953
נעכטן	1956
חי־געלעבט	1959
סקעפטישע מחשבות	1959